STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01153

ARKADI

Permanent preservation of this book was made possible
by Susan, Gordon, Adrian, & Jeremy Bardet
in honor of
Rose & Al Shnidman's 50th wedding anniversary

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרקאַדי

זאַמלבוך צום אָנדענק
פֿון אַרקאַדי קרעמער

"ARCADY"
ESSAYS
Dedicated to the Memory of
ARCADY KREMER



אַרקאַדי אין די לעצטע יאָרן

אַרקאַדי

זאַמלבוך צום אָנדענק פֿון גרינדער פֿון „בונד" אַרקאַדי קרעמער (1865—1935)

ניו־יאָרק, 1942

פֿאַרלאַג „אונזער צייט"
175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק

Published by
"UNSER TSAIT"
175 East Broadway, New York, N.Y.

PRINTED IN U.S.A.

HUDSON OFFSET CO., Inc., N.Y.C.

אינהאַלט

נח: דעם גרינדער פֿון „בונד" . . . XI
ה. ערליך: חבֿר ארקאַדי . . . XV

אָפּשאַצונגען און זכרונות וועגן אַרקאַדין

אַ. מענעס: די גרויסע צײַט . . . 1
פּאַטי: זכרונות וועגן אַרקאַדין . . . 22
פֿ. קורסקי: אַרקאַדי און זײַן תּקופֿה . . . 73
יעקבֿ פּעסקין: די ווילנער גרופּע און אַרקאַדי קרעמער . . . 112
ל. מאַרטאָוו: מיט אַרקאַדי קרעמערן אין ווילנע . . . 123
הלל קאַץ (בלום): דער ערשטער מײַ 1896 אין ווילנע . . . 132
איסר קאַהען: בײַ אַלעקסאַנדערן אין קרײַזל . . . 145
דזשאָן מיל: אַרקאַדי און דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר . . . 147
אַ. מוטניק: דער סודותדיקער לאַמטערן־סלופּ . . . 170
וו. קאָסאָווסקי: זובאַטאָוו „ליקווידירט דעם בונד" . . . 175
י. געזונדהייט: קרעמערס טעלעגראַף . . . 208
לעאָן בערנשטײַן: „אונדזער אַלעקסאַנדער" . . . 214
אב. קאַהאַן: קרעמער אין אַמעריקע . . . 229
וו. מעדעם: די צענטראַלע פֿיגור . . . 232
ר. אַבראַמאָוויטש: קרעמערן האָבן געפֿעלט חסרונות . . . 236
צבֿיון: דער טאַטע פֿון בונד . . . 243
מ. גילינסקי: קרעמער דער לערער . . . 249
י. מילנער: אין ווילנער לערער־סעמינאַר . . . 254

אנע ראָזענטאַל: אַרקאַדיס לעצטע יאָרן 256
ב. שעפֿנער: אַ בירגער פֿון דער נײַער וועלט 259
י. זשעלעזניקאָוו: אַ מענטש אָן פּשרות 261
דער לעצטער וועג 263
ש. מענדעלסאָן: דער אָנהייבער 268
אַ. ליעסין: דער וויכטיקסטער פֿון די ערשטע 270
מ. יעווזעראָוו: ביאָ-ביבליאָגראַפֿישע ידיעות: 277
א. די וויכטיקסטע דאַטעס פֿון אַ. קרעמערס לעבן;
ב. אַ. קרעמערס פּובליקירטע שריפֿטן;
ג. וועגן אַרקאַדיס טעטיקייט און וועגן דער געשיכטע
פֿון דער פּיאָנירן-גרופּע.

פֿון אַרקאַדיס אייגענע שריפֿטן

וועגן אַגיטאַציע 293
דער אַדרעס. די פֿאַבריק-געזעצגעבונג אין דעם צאַרישן רוסלאַנד . . 322
בריוו צו ל. בערנשטיינען 325
די גרינדונג פֿון בונד 356
ל. מאַרטאָוו אין ווילנע 367
אַ בליק אויף דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט 372
דער ערשטער צ"ק פֿון בונד. עפּיזאָד זובאַטאָוו 380
מיט 35 יאָר צוריק 395
די וואַנדערונגען פֿון אָן אומלעגאַלער ביבליאָטעק 402
אַ גרוס פֿון זיידן צו די אייניקלעך (באַגריסונג צום צוזאַמענפֿאָל פֿון
יוגנט-בונד „צוקונפֿט“, 1932) 409
זוכצעטל פֿון נעמען 411

בילדער

ארקאַדי אין די לעצטע יאָרן . . . . פֿאַרן שער
יוסף קרעמער, ארקאַדיס פֿאָטער 32
שיינע קרעמער, ארקאַדיס מוטער 32
חיערא, ארקאַדיס טאָכטער 48
קינסטלער דאָברינסקי, אַרקאַדיס איידעם 48
פּאַטי, 1887 80
ארקאַדי, 1913 96
פּאַטי, 1933 240
ארקאַדי און זײַן אייניקל, 1930 256
פֿראַגמענט פֿון ארקאַדיס לוויה 264
מען טראָגט ארויס דעם אָרון 264
ארקאַדי אויפֿן טויטנבעט 290
די מצבֿה אויף ארקאַדיס קבֿר 290

דאָס אַרקאַדי־בוך איז געווידמעט דעם אָנדענק פון איינעם פון די פּיאָנערן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג — אויפן שטח פון אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד — דעם גרינדער פון "בונד" אַרקאַדי קרעמער.

אומגעהויער גרויס איז געווען די ראָל פון חבר אַרקאַדי אין ערשטן פּעריאָד פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער אויך שפּעטער, אינ׳ם באַפרייטן פּוילן, איז ארקאַדי קרעמער ביז זיין לעצטן אָטעמצוג געשטאַנען אין די אָנפירענדיקע רייען פון "בונד". ווי זעלטן ווער האָט ה׳ אַרקאַדי פאַרשטאַנען צו־נויפצובינדן דעם נעכטן און דעם היינט פון דער באַוועגונג מיט דעם סאָציאַליסטישן מאָרגן. אַלע, וועלכע האָבן אים געקענט, האָבן געזען אין אים איינע פון די שענסטע געשטאַלטן, וואָס די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן.

די ערשטע אויפלאַגע פון אַרקאַדי־בוך איז דערשינען אין ווילנע אין האַרבסט 1939, אַדאַנק די באַמיונגען פון דער חבר׳טע פּאַטי, דער לעבנס־באַגלייטערין און מיטקעמפערין פון אַרקאַדי קרעמער. צוליב דער מלחמה זאָווערוכע איז כמעט די גאַנצע אויפלאַגע געגאַנגען לאיבוד. מיר האָבן געהאַלטן פאַר אונזער חוב צו פאַריכטן דעם דאָזיקן שאָדן. גראָד אין דער היינטיקער צייט פון בילבול המוחות איז פאַראַן פיל צו לערנען פון לעבן און ווירקן פון אַרקאַדי קרעמער.

עס איז אונזער הייסער באַגער, אַז דאָס אַרקאַדי־בוך זאָל דערגרייכן צו אַלע די, וועלכע האָבן אַן ערנסטן און אויפריכטיקן אינטערעס צו דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער פאַרלאַג

דעם גרינדער פֿון „בונד"

ס'זײַנען דאָ מענטשן, וועמענס נעמען עס פֿאַרוואַנדלען זיך אין סימבאָלן, וועמענס לעבנסווערק זײַנען פֿון עפּאָכע־מאַכנדיקער באַדײַטונג. איך פֿאַרשפּאָר דאָ צו ברענגען בײַשפּילן: ווער עס איז אַפֿילו אין אַלגעמיינע שטריכן באַקאַנט מיט דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, יענער האָט ניט ווייניק פֿון זיי אין זכרון. אַרקאַדי קרעמער געהערט צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן. ער איז געווען פֿאַר זײַן לעבן און איז אַוועק פֿון אונדז ווי דער גרינדער פֿון בונד, וואָס האָט מיט זײַן אַנטשטייונג געעפֿנט אַ נײַ בלאַט אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן אַרבעטנדיקן פֿאָלק און וואָס איז אָנערקענט געוואָרן פֿון פֿרײַנד און קעגנערס פֿאַר איינער פֿון די גרעסטע דערשײַנונגען אין ייִדישן לעבן פֿון די לעצטע דורות.

געוויס איז פֿאַר אונדז קלאָר, אַז איין מענטש, ווי גרויס ער זאָל ניט זײַן, איז ניט – און גאַנץ באַזונדער ווען מיר ריידן וועגן סאָציאַלע דערשײַנונגען, איבערקערעניש אד"גל – איינציק און אַליין דער שעפֿער פֿון די דאָזיקע דערשײַנונגען. און דאָך פֿאַלן מיר ניט אַרײַן אין קיין שום סתירה, ווען מיר פֿאַרבינדן אַפֿילו גאַנצע היסטאָרישע עפּאָכעס מיט אַ נאָמען פֿון אַ יחיד. די גרויסקייט פֿון אַזעלכע יחידים באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס זיי פֿילן אויס די „באַדערפֿענישן פֿון זייער צײַט" און געפֿינען די געהעריקע מיטלען די דאָזיקע באַדערפֿענישן צו רעאַליזירן. אַרקאַדי קרעמער האָט איינער אַליין דעם בונד ניט געשאַפֿן. ער איז געווען איינער פֿון דער פֿאַרדינסט־

פֿולער פּיאָנירן=פּלעיאַדע וואָס האָט די ערשטע סאָציאַליסטישע
יִידישע אַרבעטער=אָרגאַניזאַציע, דעם בונד, צום לעבן גערופֿן.
ניט ער און ניט די וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים זיך
געשטעלט אין דינסט פֿון די יִידישע אַרבעטער=מאַסן זײַנען
געווען די ערשטע וואָס זײַנען געקומען מיטן סאָציאַליסטישן
וואָרט צו די דאָזיקע מאַסן. מיר ווייסן, אַז שוין אין די זיבעצי=
קער, אַכציקער יאָרן פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָבן עקסיסטירט
סאָציאַליסטישע קרײַזלעך פֿון יִידישע אַרבעטערס. ווו=ניט=ווו
זײַנען אַפֿילו פֿאָרגעקומען גאַנץ גוט אָרגאַניזירטע אַרבעטער=
שטרײַקן. אונדזערע פּיאָנירן, די פּיאָנירן פֿון בונד, זײַנען אַזוי
אַרום ניט געווען די ערשטע סאָציאַליסטן אויף דער יִידישער
אַרבעטער=גאַס. נאָך מער: די אידעע פֿון בונד, דער מהות פֿון
בונד, די אידעע פֿון אַ זעלבשטענדיקער סאָציאַליסטישער
אָרגאַניזאַציע פֿון יִידישע אַרבעטערס וואָס האָט אַ זעלב=
שטענדיקן ווערט סײַ פֿאַר די אינטערעסן פֿון יִידישן
אַרבעטער=קלאַס אַליין סײַ ווי אַ טייל פֿון דער אינטערנאַציאָ=
נאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, — די דאָזיקע אידעע איז נאָך
מיט יאָרן און יאָרן פֿריִער פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך אַהרן ליבער=
מאַנען. די מסורה איז אָבער איבערגעריסן געוואָרן און מיט
פֿולער רעכט קאָן מען זאָגן, אַז אונדזערע פּיאָנירן זײַנען זעלב=
שטענדיק געקומען צו דער אידעע פֿון בונד. און צווישן זיי
פֿאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט, ווי דער גרינדער פֿון בונד, אַרקאַדי
קרעמער. מאַרטאָוו האָט אין זײַן באַרימטער רעפֿעראַט=
רעדע אין אַ ליטעראַריש גלענצנדיקער פֿאָרם באַגרינדעט די
נייטיקייט פֿון אַ זעלבשטענדיקער יִידישער סאָציאַליסטישער
אָרגאַניזאַציע, אָבער ניט ער איז געווען דער שעפֿער פֿון בונד.
דאָס איז געווען דער היסטאָרישער אויפֿטו פֿון אונדזערע
פּיאָנירן, און אין דער ערשטער ריי, ווי געזאָגט, פֿון אַרקאַדי
קרעמערן. ער אַליין דערציילט, ווי אַזוי דער געדאַנק וועגן
אַ זעלבשטענדיקער יִידישער אָרגאַניזאַציע איז בײַ אים אויפֿ=
געקומען בעת אַ שמועס, אויב איך האָב קיין טעות ניט, מיט
פּלעכאַנאָוון אין אויסלאַנד. ח׳ קורסקי ווײַזט אָן, אַז אַרקאַדי

האָט זיך טועה געווען אין דער דאַטע ווען דער דאָזיקער שמועס איז פֿאָרגעקומען. מסתמא איז ח׳ קורסקי גערעכט. וויכטיק פֿאַר אונדז איז דער פֿאַקט גופֿא וואָס אַרקאַדי גיט איבער.

געוויס האָט זיך די „אידעע בונד" געטראָגן אין דער לופֿטן. עס האָט זיך אָבער באַדאַרפֿט געפֿינען אַ מענטש, וואָס האָט די דאָזיקע אידעע אויפֿגענומען קלאָר אין זײַן באַוווסטזײַן און באַוויזן איר צוצוגעבן „פֿלייש און בלוט". דער מענטש איז געווען אַ ר ק אַ ד י. אַ. ליבערמאַן איז געבליבן מיט זײַן אידעע אומפּרוכפּעדיק. עס זײַנען אין זײַן צײַט ניט געווען די, וואָס האָבן זי געקאָנט אויפֿנעמען. אונדזערע פּיאָנירן זײַנען געווען גליקלעכער. די ייִדישע אַרבעטער־גאַס האָט שוין גאָר אַנדערש אויסגעזען, ווי אין די צײַטן פֿון אַ. ליבערמאַנען. אָבער זיי האָט געדראָט אַן אַנדער געפֿאַר, אַ געפֿאַר ניט צו געפֿינען דעם וועג צו די מאַסן וואָס האָבן שוין עקסיסטירט אין אַ באַדײַטנדיקער צאָל, די געפֿאַר אַוועקצוגיין אין דער זעלביקער ריכטונג, אין וועלכער עס זײַנען געגאַנגען זייערע פֿאָרגייער, בפֿרט אַז זיי האָבן לכתּחילה גענומען אַרבעטן אין דער זעלביקער ריכטונג ווי יענע — אין דער ריכטונג פֿון גרינדן קרײַזלעך, פֿון פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. און דאָ האָבן מיר ווידער דעם גרויסן פֿאַרדינסט פֿון אונדזער אַרקאַדין. אייבס איז געבונדן מיטן צווייטן. דעם בונד איז ניט מיגלעך פֿאָרצושטעלן זיך אָן אַ מאַסן־באַוועגונג; די מאַסן־באַוועגונג פֿון איר זײַט האָט געמוזט פֿירן צום בונד. עס איז אונדז באַקאַנט די ראָלע וואָס אַרקאַדי האָט געשפּילט אין די שטרײַטן מיט דער אַזוי גערופֿענער „אָפּאָזיציע" אין איבערגאַנג־פּעריאָד פֿון פּראָפּאַגאַנדישער קרײַזלעך־אַרבעט צו אַ ברייטער מאַסן־אַרבעט. זײַן בראָשור „וועגן אַגיטאַציע" האָט געהאַט אַן אומגעהײַער גרויסע באַדײַטונג פֿאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פֿון יענער צײַט.

דער גרויסער, דער היסטאָרישער פֿאַרדינסט פֿון אונדזערע פּיאָנירן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופֿן צום לעבן אַ מאָדערנע ייִדישע סאָציאַליסטישע מאַסן־באַוועגונג אונטער

דער פֿאָן פֿון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד". אַרקאַדי קרעמער האָט זיך קיין מאָל ניט געוואָלט אויסטיילן פֿון די „רייען". ער האָט קיין מאָל ניט געוואָלט שפּילן די ראָלע פֿון אַ פֿירער. ער איז אַלע זײַנע יאָרן געווען אַ טויט־פֿײַנט פֿון אויסצייכענונגען, פֿון „אויבנאָנען". עס איז בײַ אים ניט געווען קיין פֿראַזע, ווען ער פֿלעגט זאָגן „איך בין אַן פּשוטער זעלנער פֿון אונדזער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי". מיר וועלן אָבער קיין עוולה ניט באַגיין, ווען מיר וועלן דעם גרויסן עניוו אָנרופֿן מיט דעם נאָמען, וואָס ער האָט מיט זײַן אומפֿאַר־געסלעכן אויפֿטו פֿאַרדינט, מיט דעם נאָמען וואָס איז אונדז אַזוי טײַער און הייליק, – מיטן נאָמען

אַרקאַדי קרעמער – דער גרינדער פֿון בונד.

נח

חבֿר אַרקאַדי

איך האָב זיך באַקענט מיטן ח׳ אַרקאַדי פּערזענלעך ערשט נאָך דער מלחמה – שוין אין די רייען פֿון פּוילישן „בונד". פֿריִער האָב איך ניט געהאַט און ניט געקאָנט האָבן קיין געלעגנהייט זיך מיט אים צו באַגעגענען. איך בין געוואָרן אַ בונדיסט אין 1904 אין אויסלאַנד (בערלין). אַקטיוו צו אַרבעטן אין דער באַוועגונג האָב איך אָנגעהויבן האַרבסט־צײַט 1905 (אין וואַרשע), אָבער דאָס אָרט וואָס איך האָב דעמאָלט פֿאַרנומען אין דער פּאַרטיי איז געווען אַ זייער באַשיידנס. און הגם דאָס איז געווען אַ צײַט ווען די באַוועגונג האָט זיך מיט אַ סטיכישער קראַפֿט אַרויסגעריסן פֿון דער אונטערערד אויף דער אייבערפֿלאַך, זײַנען די שפּיצן פֿון דער פּאַרטיי, געפֿירט פֿון אַ באַרעכטיקטן אומצוטרוי צו דער סאָלידקייט פֿון דער טיילווײַז דעראָבערטער פֿרײַהייט, געבליבן אין שאָטן און האָבן ווײַטער געפֿירט זייער אַרבעט אונטער דעם געדיכטן שלייער פֿון קאָנ־ספּיראַציע. עס האָט דעריבער גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זײַן וועגן דעם, איך זאָל בײַ מײַן באַשיידענער שטעלונג קאָנען האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו קומען אין באַרירונג מיט אַזאַ סודותפֿולער פֿיגור פֿון אונדזער באַוועגונג, ווי דער חבֿר „אַלעק־סאַנדער" (אָדער – „סאָלאָמאָן").

אַ מיטגליד פֿון צ״ק פֿון „בונד" בין איך געוואָרן אין 1912. איך געדענק ניט, צי איז ח׳ אַרקאַדי דעמאָלט נאָך געווען אין רוסלאַנד צי ניט, ווײַל גראַד אין יענעם יאָר איז ער צום צווייטן מאָל-און אויף לאַנג-אַרויסגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד. אָבער פֿון דער פּאַרטיי־אַרבעט איז ער צו יענער צײַט געצוווּנגענערהייט געשטאַ־נען פֿון דער ווײַטנס, און אין צ״ק האָבן מיר דאַן, אויפֿן גרונט פֿון קאָאָפּטאַציע, אַרײַנגעפֿירט די צוויי מענטשן, וואָס

פֿון זיי איז דעמאָלט באַשטאַנען דער צ״ק פֿון „בונד״: ירחמיאל און סלאַוועק.

אַזוי אַרום איז ה׳ אַרקאַדי אַזש ביז די צוואַנציקער יאָרן געבליבן פֿאַר מיר די סודותדיקע, די לעגענדאַרע פֿיגור, וואָס ער איז אין משך פֿון יאָרן און יאָרן געווען פֿאַר דער גאַנצער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפֿט פֿון „בונד״. איך געדענק דעם געוואַלדיקן רעספּעקט, מיט וועלכן עס פֿלעגן דערמאָנען זײַן נאָמען די ערשטע „אָפּיצירן״־ראַנגען פֿון אונדזער באַוועגונג (מיט „גע־נעראַלן״ האָב איך זיך אין די ערשטע יאָרן פֿון מײַן פּאַרטיי־אַרבעט כמעט אָדער אין גאַנצן ניט באַגעגנט); איך געדענק די פֿאַרהערלעכונג, מיט וועלכער עס האָבן זיך באַצויגן צו אים די „אונטער־אָפּיצירן״ און „סאָלדאַטן״ פֿון דער באַוועגונג; אָבער עס וואָלט געווען אַ גוזמא, אויב איך וואָלט געזאָגט, אַז איך האָב שוין דעמאָלט געוווּסט וואָס פֿאַר אַן אומגעהײַער גרויסע ראָלע ה׳ אַרקאַדי האָט געשפּילט אין יענעם לעגענדאַרן פּעריאָד פֿון אונדזער פּאַרטיי.

און איך האָב אַבסאָלוט גאָרניט געוווּסט וועגן זײַן פֿאַר־גאַנגענהייט און וועגן דעם מאָראַלישן מהות פֿון זײַן פּערזענ־לעכקייט. איך בין געווען טיף דערשיטערט, ווען גייענדיק הינטער דעם אָרון פֿון ה׳ אַרקאַדי האָט די ח׳טע פּאַטי מיר דערציילט פֿראַגמענטן פֿון זײַן לעבן, וואָס פֿון זיי זײַנען אויס־געוואַקסן אירע ווונדערלעכע זכרונות וועגן דעם פֿאַרשטאָרבענעם. פֿאַר מײַנע אויגן איז אויפֿגעשטאַנען אַ פֿולשטענדיק נײַ בילד, אַ בילד פֿון אַ ה׳ אַרקאַדי, וועלכן איך האָב קיין מאָל ניט גע־קענט, וועלכן עס האָבן מסתמא ניט געקענט אַפֿילו אַ סך פֿון זײַנע נאָענטע מיטאַרבעטערס; אַן אַנטציקנדיק בילד פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט פֿאַראייניקט אין זיך פּאָליטישע חכמה און אײַזערנעם ווילן מיט אַ גראַד פֿון מאָראַלישער שיינקייט, וואָס עס איז מיגלעך צו געפֿינען נאָר צווישן די פּיאָנירן פֿון אַ גרויסער מענטשלעכער אידעע.

וועגן אָט דעם אַלעמען – וועגן דעם ה׳ אַרקאַדי פֿון אַ מאָל און זײַן ראָלע אינעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד

פֿון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד – וויל איך ניט שרײַבן. וועגן דעם שרײַבט די ח׳טע פּאַטי, וועגן דעם שרײַבן חבֿרים וואָס האָבן צוזאַמען און אין דירעקטער צוזאַמענאַרבעט מיט אים אַדורכגעמאַכט די לעגענדאַרע תּקופֿה פֿון ערבֿ-„בונד" און אָנהייב-„בונד". איך פֿון מײַן זײַט וויל זיך באַנוגענען מיט אַ קורצער שילדערונג פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם, וואָס שטיצט זיך אויף די – לײדער – ווינציקע פּערזענלעכע באַגעגענישן מײַנע מיטן ח׳ אַרקאַדי און אויף זײַנע זעלטענע בריוו צום צ״ק.

*

ח׳ אַרקאַדי איז שוין געווען קרובֿ צו זעכציק, ווען איך האָב אים באַגעגנט צום ערשטן מאָל, און זײַן געזונט-צושטאַנד האָט שוין דעמאָלט אויך געלאָזט צו ווינטשן זייער אַ סך. ער האָט זיך אומגעקערט קיין ווילנע נאָך אַן איבעררײַס פֿון נײַן יאָר, וועלכע ער האָט פֿאַרבראַכט אין אַ זײַט פֿון פּאָליטישן לעבן (שטודיום, אַרבעט ווי אַן אינזשעניער). און דאָס זײַנען דאָך געווען ניט סתּם נײַן יאָר, נאָר יאָרן וואָס האָבן אין בוכ-שטעבלעכן זינען פֿון וואָרט איבערגעקערט די וועלט. פֿולשטענדיק נײַ זײַנען אויך געווען די פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַר-העלטענישן וואָס ח׳ אַרקאַדי האָט געטראָפֿן אין זײַן ווילנע. און עס איז געווען צו באַוווּנדערן, מיט וואָס פֿאַר אַ קלאָרקייט און זיכערקייט ער האָט אָפּגעשאַצט סײַ די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע סײַ די לאַגע אין פּוילן און ווי דײַטלעך ער האָט געזען פֿאַר זיך די אויפֿגאַבע פֿון דער פּאַרטיי.

איך בין געווען אַ זעלטענער גאַסט אין ווילנע, און ווען איך פֿלעג קומען, איז דאָס געווען על-פּי-רובֿ אויף געציילטע שעהען. איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זען, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דעם ח׳ אַרקאַדיס טאָג, דעם ח׳ אַרקאַדיס וואָך. ער האָט אַ סך געאַרבעט אין ווילנער טעכניקום און פֿאַרן טעכניקום, און אין דער דאָזיקער אַרבעט, ווי אין אַלץ וואָס ער האָט געטון, האָט ער אַרײַנגעלייגט אַ סך מוח און האַרץ. אָבער פּונקט ווי אין די צײַטן פֿון דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט איז זײַן אינער-

לעך לעבן געווען אויסגעפילט ביז איבערן ברעג מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, מיטן „בונד".

ער האָט ממש געשלונגען אַלץ וואָס עס האָט געשטאַמט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג אָדער האָט געהאַט אַ שייַכות צו איר. עס איז ניט געווען קיין זאַך וואָס זאָל אים האָבן פאַרשאַפט מער פרייד, ווי אַ ריכטיקע שטעלונג, ווי אַ ריכטיקער שריט פון דעם אָדער יענעם טייל פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, און יעדער פעלער האָט ער איבערגעלעבט ווי אַ פיזישן ווייטאָג. און עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז באַזונדער שטאַרק האָט ער זיך גענומען צום האַרצן אַלץ וואָס עס האָט געהאַט אַ שייַכות צו זייַן פאַרטיי.

ח' אַרקאַדי איז געווען אויסערגעוויינטלעך שטרענג. שטרענגקייט צו זיך אַליין איז אים פון דער פריסטער יוגנט אַזוי אַרייַן אין בלוט, אַז דאָס איז געוואָרן זייַן נאַטור. דערפאַר איז ער געווען שטרענג צו אַנדערע אויך. און צוגעוויינט פון די אַלטע צייַטן אָנצופירן, צו מוסרן און אַפילו צו דיקטירן, פלעגט ער פון זייַן אומצופרידנקייט קיין מאָל ניט מאַכן קיין סוד, נאָר אָן אַ ברעקל דיפּלאָמאַטיע אַרויסזאָגן אַלץ וואָס ער האָט געטראַכט.

ח' אַרקאַדי פלעגט לאַנג און מיט צופרידנקייט און אָנערקענונג דערמאָנען אַן איינגעגעבענע אַרויסטרעטונג אָדער אַ גוטע רעזאָלוציע פון צ"ק, אַ טרעפלעכן אַרטיקל אינעם פאַרטיי־אָרגאַן, אָבער עס איז ניט געווען קיין שטרענגערער ריכטער אין דער פאַרטיי ווי ער, אויב עפעס איז ניט געווען אין אָרדענונג. עס איז ניט געווען מקנא צו זייַן דעם, וואָס האָט זיך לויט דעם ח' אַרקאַדי אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן פאַרזינדיקט פאַר דער פאַרטיי. ווייַל ח' אַרקאַדי האָט בתכלית השׂנאה פייַנט געהאַט צעקראָכנקייט, און ער האָט ניט געהאַט קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר אַ"ג „מענטשלעכע שוואַכקייטן". ווער עס האָט ניט אַרויסגעוויזן גענוג פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן אַחריות־געפיל, ווער עס האָט זיך לייַכטזיניק באַצויגן צו זייַנע פאַרטייִשע פליכטן, דער איז אין די אויגן פון ח' אַרקאַדי געווען אַ פאַרמשפּטער. און פּונקט אַזוי פאַרמשפּט איז פאַר אים געווען

דער, ביי ווען דאָס פּערזענלעכע לעבן האָט זיך געפונען אין אַן אָפענער סתירה צו זיינע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען.

די וואָס האָבן מיט אים נאָענט צוזאַמענגעאַרבעט האָבן געציטערט פאַר זיין משפט. אָבער איך בין זיך ניט אין שטאַנד פאָרצושטעלן ווען ניט איז אין דער פּאַרטיי, וואָס זאָל האָבן געהאַט דעם מינדסטן פּאַראיבל אויפן ח׳ אַרקאַדי אַפילו פאַר דעם שאַרפסטן, אַפילו פאַר אַ צו שאַרפן אויסרייד זיינעם — אַזוי אויסגעטון פון וועלכע ניט איז פּערזענלעכע פּניות איז געווען זיין קריטיק, אַזוי האַרמאָניש האָבן צוזאַמענגעלעבט אין אים הויכע געזעלשאַפטלעכע פאָדערונגען צום מענטשן מיט פּערזענלעכער גוטסקייט.

ח׳ אַרקאַדי איז אין אַ סך אופנים געווען „ניט מאָדערן", „ניט היינטוועלטיש", און איינע פון זיינע „אַלטפּרענקישע זאַבאָבאָנעס" איז באַשטאַנען דערין, אַז אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אַפילו אַן אויסגעוואַקסענע, ברייט פאַרצווייגטע מאַסן־פּאַרטיי, דאַרף זיין אַן אָרדן פון אויסדערוויילטע, פון מענטשן וואָס זיינען מאָראַליש אָן אַ פּגם און שטרעבן אָן אויפהער דערצו, זיך אויפצוהייבן אויף אַ וואָס אַ מאָל העכערער גייסטיקער מדרגה.

דער מחבר פון דער באַרימטער בראָשור „וועגן אַגיטאַציע" איז געווען אַ געוואַלדיקער אָנהענגער פון פּראָפּאַגאַנדע. ח׳ אַרקאַדי איז געווען אַנטציקט פון דער ריזיקער בילדונגס־ און דערציִונגס־אַרבעט פון דער עסטרייכישער ס״ד. און ער איז ניט מיד געוואָרן צו פאָדערן אַזאַ אַרבעט פון אונדזער פּאַרטיי אויך. ער האָט אָן אויפהער געמאָנט ביים צ״ק אַ גרויסן חודש־זשורנאַל, אַ פּאַרטיי־שול און וואָס מער סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור.

טראָגן וויסן אין דער אַרבעטער־מאַסע און דערציִען זי אין סאָציאַליסטישן גייסט — דאָס האָט ח׳ אַרקאַדי באַטראַכט פאַר איינער פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס פון דער פּאַרטיי. אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פאַר סאָציאַליסטישער דערציִונג זיינען אַרטיקלען, פאָרלעזונגען און ביכער צו ווינציק, — אַז דערצו פאָדערט זיך אַ געהעריקער גייסט, און אַז פאַר דער אַנטוויקלונג

פֿון אַזאַ גײַסט זײַנען האַנדלונגען ניט ווייניקער וויכטיק, ווי וויסן.

איך דערמאָן זיך אַ בריוו וואָס ח׳ אַרקאַדי האָט אַן ערך אין מאַרץ 1934 צוגעשיקט צום צ״ק. מיר האָבן זיך דעמאָלט אַלע געפֿונען אונטער דעם אויפֿטרייסלענדיקן אײַנדרוק פֿון די געשעענישן אין עסטרײַך: צו ערשט – פֿרייד און שטאָלץ צוליב דעם העלדישן אויפֿשטאַנד פֿונעם „שוצבונד״ און דערנאָך – די ביטערניש פֿון דער מפּלה. ח׳ אַרקאַדיס בריוו איז אין זײַן ווײַט גרעסטן טייל געווען געווידמעט עסטרײַך. ער האָט אויסגעדריקט זײַן צופֿרידנקייט צוליב דעם דערפֿאָלגרײַכן גאַנג פֿון די זאַמלונגען לטובֿת די קרבנות פֿונעם אויפֿשטאַנד, אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז ווינציק. ער האָט פֿאָרגעלייגט, דער צ״ק זאָל אײַנפֿירן אין דער פּאַרטיי אַ כּסדרדיקע באַשטײַערונג פֿאַר דעם דאָזיקן צוועק, און ער האָט אויפֿגעוויזן, ווי אומגעהײַער וויכטיק דאָס וואָלט געווען ניט בלויז פֿאַר די עסטרײַכער, נאָר נאָך מער — פֿאַר דער סאָציאַליסטישער דערציִונג פֿון אונדזער פּאַרטיי-מיטגלידערשאַפֿט: אַזאַ באַשטײַערונג – האָט ער געשריבן – וואָלט געשטאַרקט דאָס פֿליכט-געפֿיל פֿון אונדזער מיטגלידערשאַפֿט, וואָלט פֿאַרטיפֿט איר אינטערנאַציאָנאַליסטישן באַוווסטזײַן.

און ווײַל ער האָט אַזוי אומגעהײַער געשעצט די באַדײַטונג פֿון בילדונג און דערציִונג, האָט ער אַזוי פֿיל אַכט געלייגט אויף דער אַרבעט צווישן דער יוגנט, האָט ער זיך אַליין אַזוי גערן באַטייליקט אין דער דאָזיקער אַרבעט. און זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט געפֿילט איינער מיט די אַנדערע – ח׳ אַרקאַדי און אונדזער יוגנט. ווײַל ניט געקוקט אויף זײַנע יאָרן און צו להכעיס זײַנע פֿאַרשיידנאַרטיקע חולאתן, איז ח׳ אַרקאַדי געווען אַ געוואַלדיק לעבנסלוסטיקער מענטש און האָט פֿאַרמאָגט פֿעִיקייט צו פֿרייען זיך ווי אַ קינד.

דערפֿאַר האָט ער אַזוי ליב געהאַט אונדזערע יונגע און דערפֿאַר האָבן אים אויך אַזוי ליב געהאַט אונדזערע יונגע, פֿאַר

ווּעמען ער איז געווען די לעבעדיקע פֿאַרקערפּערונג פֿון אַ לעגענדע.

*

ח׳ אַרקאַדי איז געווען אַ פֿאָרשטייער פֿון יענעם אַלטן דור רוסלענדער סאָציאַליסטן, וואָס האָבן בײַ אַ בית־עלמין־שטילקייט און געדיכטער פֿינצטערניש פֿון אַרום אָנגעהויבן ברעכן אַ וועג אינעם אורוואַלד פֿון דער צאַרישער רעאַקציע. ניט איינער פֿון זיי האָט זיך אײַנגעבראָכן אָדער פֿאַרבאַלעבאַטעוועט געוואָרן. אָבער געווען צווישן זיי מענטשן דעמבעס — מיט גלײַענדיקן גלויבן, מיט ריטערלעכער טרײַהייט, מיט אומבייגעוודיקן ווילן און אײַזערנער קראַפֿט. די האָבן אויסגעהאַלטן. די האָט בלויז דער טויט געקאָנט אַרויסרײַסן פֿון די רייען. ווי אייביקע לײַכטטורעמס וועלן זיי באַלײַכטן אונדזער וועג. זייער לעבן און שאַפֿן מוז ווערן אַ וויכטיקער דערציִונגס־עלעמענט פֿאַרן אונטערוואַקסנדיקן דור.

איינער פֿון זיי איז געווען — אַרקאַדי קרעמער.

ה. ערליך

אָפּשאַצונגען און זכרונות
וועגן אַרקאַדין

די גרויסע צײַט

פֿון

א. מענעס

קרײַזלעך און מאַסן

די יאָרן 1893–1895 זײַנען אַ װענדפּונקט אין דעם ערבֿ־בונדישן פּעריאָד פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַװעגונג. אין װילנע, דעם דעמאָלטיקן צענטער פֿון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין ייִדישן תּחום, פֿירט זיך אַ הייסע, צײַטנװײַז שטורמישע דיסקוסיע אַרום דער פֿראַגע װעגן די מעטאָדן פֿון דער װײַטערדיקער אַרבעט. דער קאַמף פֿירט זיך אַרום דער פֿראַגע— פּראָפּאַגאַנדע אָדער אַגיטאַציע, סאָציאַליסטישע בילדונגס־טעטיקייט אין קלײנע קרײַזלעך, אָדער ברייטע מאַסן־אַרבעט. די דאָזיקע פּראָבלעם אינטערעסירט ניט נאָר װילנע און ניט בלויז די ייִדישע סאָציאַליסטישע גרופּעס. װילנע איז אין יענער צײַט געװען דער אַװאַנגאַרד אין פּרט פֿון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע אין אַלגעמײן רוסישן מאַסשטאַב אויך. די נײַע מעטאָדן פֿון פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע, װאָס זײַנען אויסגעפּרוּװט און מיט גרויס הצלחה דורכגעפֿירט געװאָרן אין װילנע, זײַנען אָנגענומען געװאָרן פֿון די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין איבעריקן רוסלאַנד און האָבן אַװעקגעשטעלט די סאָציאַליסטישע אַרבעט אויף גאַנץ נײַע רעלסן. װאָס איז שייך דער ייִדישער אַרבעטער־באַװעגונג גופֿא, האָט דאָ דער איבערגאַנג פֿון פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע געשפּילט גאָר אַ באַזונדערע ראָלע. ס׳װעט ניט זײַן קיין גוזמא, װען מיר װעלן זאָגן, אַז ערשט דערמיט הייבט זיך בעצם אָן די מאָדערנע סאָציאַליסטישע ייִדישע אַרבעטער־באַװעגונג.

דער סימן=מובֿהק פֿון דער הײַנטיקער סאָציאַליסטישער אַרבעטער=באַוועגונג איז די אָרגאַנישע פֿאַרבינדונג פֿון סאָציאַליסטישן אידעאַל מיט דעם פּראַקטישן קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿאַר זײַנע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פֿאָדערונגען. יעדער פּראָפֿעסיאָנעלע אַקציע, יעדער שטרײַק וואָס דער אַרבעטער פֿירט איז ניט בלויז אַ קאַמף פֿאַר מער שׂכירות אָדער בעסערע אַרבעט=באַדינגונגען, נאָר ער איז פֿאַר איינס אַ רינגעלע אין דעם גרויסן היסטאָרישן קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם, פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון דעם אַרבעטמענטש. די דאָזיקע ענגע פֿאַרבונדנקייט, וואָס זעט אונדז הײַנט אויס אַזוי פּשוט און נאַטירלעך, איז אין אמתן ערשט אַ רעזולטאַט פֿון אַ לאַנגן היסטאָרישן פּראָצעס.

נאָך פֿון אָנהייב זיבעציקער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָבן מיר ידיעות וועגן פּרוּוון פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס און אַרבעטער=שטרײַקן אין אַ ריי שטעט פֿון ייִדישן תּחום אין אַמאָליקן רוסלאַנד. אין דער זעלביקער צײַט ווערן געמאַכט די ערשטע פּרוּוון פֿון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע בײַ ייִדן. אָבער די דאָזיקע ערשטע סאָציאַליסטישע קרײַזלעך האָבן ניט קיין שום פֿאַרבינדונג מיט די ייִדישע אַרבעטער. כּמעט ווי אויסשליסלעך צווישן אינטעליגענץ, גימנאַזיסטן, סטודענטן, תּלמידים פֿון ווילנער לערער=אינסטיטוט און ישיבֿה=בחורים ווערט געפֿירט די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ און די אַרבעטערשאַפֿט מאַרשירן באַזונדער, און דערפֿאַר האָבן ביידע ניט קיין הצלחה. די גאַנצע אַרבעט טראָגט אַן ענג באַגרענעצטן און לאָקאַלן כאַראַקטער. דער אַרבעטער פֿירט דעם קאַמף אין איטלעכן פֿאַל באַזונדער, אָן אַ פֿאַרבינדונג מיט זײַנע קלאַסן=חבֿרים פֿון אַנדערע פֿאַכן אָדער אַנדערע פּלעצער און אָן דעם באַוווּסטזײַן, אַז דער דאָזיקער קאַמף איז ניט קיין צופֿעליקער עפּיזאָד, נאָר אַ גליד פֿון אַ גרויסער באַוועגונג. דער אַרבעטער האָט מיט זײַנע אַקציעס אין זינען אויסשליסלעך דעם באַלדיקן קאָנקרעטן רעזולטאַט. דערפֿאַר קען ניט זײַן קיין רייד וועגן אַרבעטער=באַווע-

גונג און נאָך ווייניקער וועגן אַ סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער סימן פֿון אַ באַוועגונג באַשטייט דאָך גראָד דערין, וואָס זי גייט אַריבער די גרענעץ פֿון אַן ענגער לאָקאַלער דער־שײַנונג און איז אויך אין צײַט ניט געבונדן בלויז מיט דער איצטיקייט. באַוועגונג הייסט נאָר דאָס וואָס לעבט און וואַקסט, האָט אַ פֿאַרגאַנגענהייט און אַ צוקונפֿט, טראַדיציעס און פּער־ספּעקטיוון.

פּונקט אַזוי צופֿעליק און עפּיזאָדיש זײַנען געווען די סאָציאַליסטישע קרײַזלעך. אָן וואָרצלען אין דער ייִדישער מאַסע, זײַנען די ערשטע סאָציאַליסטישע שפּראָצונגען באַלד פֿאַרדאַרט געוואָרן. אָן דעם ייִדישן אַרבעטער־קלאַס איז קיין רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונג בײַ ייִדן בכלל ניט געווען מיגלעך. די ייִדישע אינטעליגענץ איז אַליין געווען צו קליין און צו שוואַך פֿאַר אַזאַ אויפֿגאַבע. ווילנדיק ניט ווילנדיק איז די ייִדישע סאָציאַלי־סטישע אינטעליגענץ געגאַנגען אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס.

עס איז ניט אַלע מאָל געווען די שולד פֿון די ייִדישע סאָציאַליסטן, וואָס זיי זײַנען אַוועק פֿון ייִדישן לעבן. פֿאַר סאָציאַליסטישער, רעוואָלוציאָנערער אַרבעט איז אויף דער ייִדי־שער גאַס דעמאָלט נאָך ניט געווען קיין פּלאַץ. דער ייִדישער אַרבעטער איז נאָך אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן געווען אַזוי קליין אין צאָל און נישטיק לויט זײַן וואָג אין עקאָנאָמישן לעבן, אַז ער איז נאָך ניט מסוגל געווען צו ווערן דער טרע־גער פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער באַפֿרײַונגס־באַוועגונג. עס איז אמת דעמאָלט בײַ ייִדן ניט געווען קיין דוחק אין פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, דער גרעסטער טייל ייִדישע בעלי־מלאָכות און קליינ־הענדלערס זײַנען פּאַקטיש געווען אַ פּראָלעטאַרישע מאַסע. אָבער זיי אַלעמען האָט פֿאַראייניקט דער גרויסער דלות – ניט זייער אָרט אין דער פּראָדוקציע, זייער ראָלע איןווירטשאַפֿטלעכן לעבן, וואָס זאָל זיי מאַכן פֿעיִק צו פֿירן דעם קאַמף פֿאַר אַ נײַעם סאָציאַלן סדר.

סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם

דאָס האָט געפירט צו שווערע מאָראַלישע קאָנפליקטן אין פערזענלעכן לעבן פון אַ סך ייִדישע רעוואָלוציאָנערן פון יענער תקופה. זייערע סאָציאַליסטישע איבערצײַגונגען האָבן זיי געפירט צו פאַרבינדן זיך מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זייער סאָציאַליסטישער געוויסן האָט זיי, פון דער אַנדערער זײַט, געשטעלט פאַר דער פראַגע: אויף וועמען האָט איר איבערגעלאָזט דעם ייִדישן האָרעפּאַשניק, דעם ייִדישן אַרבעטסמענטש, וואָס נייטיקט זיך אין הילף ניט ווייניקער ווי דער רוסישער פּויער?

באַזונדער שאַרף איז די דאָזיקע פּראָבלעם אַוועקגעשטעלט געוואָרן אָנהייב אַכציקער יאָרן, ווען אַ כוואַליע פּאָגראָמען האָט פאַרפלייצט די ייִדישע שטעט און שטעטלעך אין דרום־רוסלאַנד. אַ טייל פון דער ייִדישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט איז בכלל אַוועק אַנטוישט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַנדערע זײַנען אַוועק קיין אַמעריקע און האָבן דאָרט געמאַכט פּרוּוון צו גרינדן קאָאָפּעראַטיווע אָדער סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס און דאָ, אין נײַעם לאַנד, מיט נײַע מעטאָדן פאַרענטפערן די ייִדן־פראַגע, וועגן וועלכער מען האָט מער ניט געגלייבט, אַז זי קען נאָך פאַרענטפערט ווערן אין רוסלאַנד. אָבער יענע וואָס זײַנען ווײַטער געבליבן אַרבעטן אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס זײַנען אויך ווײַט ניט גלײַכגילטיק געווען צו די לײדן פון די ייִדישע מאַסן. און איצט, אין דער צײַט ווען אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג האָבן אָנגעהויבן האָגלען אַזוי פיל נײַע אומגליקן און צרות, האָבן דער רוב ייִדישע סאָציאַליסטן נאָך מער געליטן, וואָס זיי שטייען פון דער ווײַטנס און האָבן ניט קיין מיגלעכקייט צו לײַדן און קעמפן צוזאַמען מיט די ייִדישע פאָלקסמאַסן.

וואָס עס האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט פאַרשיידענע ייִדישע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד, גיט אונדז איבער אין אַ קינסטלערי־

שער פֿאָרם דער באַקאַנטער רוסישער רעוואָלוציאָנערער שרײַבער סטעפּניאַק-קראַווטשינסקי[1] אין זײַן באַרימטן ראָמאַן „אַנדריי קאָזשוכאָוו". אין אַן אינטימען שמועס צווישן דעם הויפּטהעלד אַנדריי און דעם ייִדישן רעוואָלוציאָנער דוויד פֿירט אונדז דער דיכטער אַרײַן אין יענער שטימונג וואָס האָט אַרומגענומען אַ סך ייִדישע רעוואָלוציאָנערן נאָך די טרויעריקע געשעענישן פֿון אָנהייב אַכציקער יאָרן. דוויד איז אַ שטאַרקער חסיד פֿון דער אייראָפּעיִשער, ריכטיקער – דײַטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און האָט ניט אַזאַ גרויסע אמונה אין רוסישן פֿויער, ווי די רוסישע נאַראָדניקעס. אין שײַכות דערמיט זאָגט אים דער נאַראָדניק אַנדריי:

— די גאַנצע זאַך איז אין דעם, וואָס מיר האָבן פֿאַרשיידענע ליבעס. מיר זײַנען שטאַרק צוגעבונדן צו אונדזער פֿאָלק, און דו ניט.

— יאָ, איך בין ניט צוגעבונדן צו אײַער פֿאָלק, — האָט ער ענדלעך געזאָגט מיט אַ פֿאַרצלעכער, אומעטיקער שטים,— און ווי אַזוי וואָלט איך זיך געקאָנט צו אים צובינדן? מיר ייִדן האָבן ליב אונדזער פֿאָלק. דאָס איז אַלץ וואָס איז בײַ אונדז געבליבן אויף דער ערד. צום ווייניקסטן איך האָב עס ליב טיף און הייס. פֿאַר וואָס זאָל איך ליב האָבן אײַערע פּויערים, בעת זיי האַסן מײַן פֿאָלק און באַגייען זיך מיט אים באַרבאַריש? מאָרגן וועלן זיי אפֿשר באַראַבעווען דאָס הויז פֿון מײַן פֿאָטער, אַן ערלעכן אַרבעטער, ווי זיי האָבן באַראַבעוועט טויזנטער אַנדערע ייִדן וואָס האָבן געהאָרעוועט אין שווייס פֿון

---

[1] סערגיי קראַווטשינסקי (פּסעוודאָנים סטעפּניאַק) — אַ באַרימטער רעוואָלוציאָנער-נאַראָדנאָוואָליעץ. לויטן פּסק-דין פֿון עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט ער אויף דער גאַס אין פּעטערבורג דערשטאָכן מיט אַ קינזשאַל דעם שעף פֿון זשאַנדאַרן-קאָרפּוס גענעראַל מעזענצעוו. ער איז אַנטלאָפֿן קיין אויסלאַנד, געוווינט אין לאָנדאָן, וווּ ער האָט אָנגעשריבן אַ ריי בעלעטריסטישע ווערק פֿונעם רעוואָלוציאָנערן לעבן אין רוסלאַנד. זײַן באַרימט ווערק „פּאָדפּאָלנאַיאַ ראָסיִאַ" (דאָס אונטערערדישע רוסלאַנד) איז איבערגעזעצט אויף פֿיל שפּראַכן. געשטאָרבן איז ער פֿון אַ טראַגישן צופֿאַל: פֿאַרטיפֿט אין לייענען אַ בוך אויף אַ הינטערשטאָטישן שפּאַציר, איז ער אַרונטערגעפֿאַלן אונטער אַ צוג און געהרגעט געוואָרן.

דער ייִדישער העלד פֿון זײַן ראָמאַן „אַנדריי קאָזשוכאָוו", דוויד, איז דער באַרימטער נאַראָדנאָוואָליעץ אַהרן זונדעלעוויטש (געשטאָרבן אין לאָנדאָן דעם 30סטן אויגוסט 1930).

זייער פנים. איך קאָן רחמנות האָבן אויף אײַערע פויערים פאַר זייערע ליידן, אַלץ איינס ווי איך וואָלט רחמנות געהאַט אויף אַבעסינישע אָדער מאַלײַישע קנעכט, בכלל אויף יעדער אונטערדריקט באַשעפעניש. אָבער זיי זײַנען ניט נאָענט צו מײַן הארץ און איך קאָן ניט טיילן אײַערע טרוימען און דאָס אומזיניקע בוקן זיך פאַרן פאָלק. וואָס איז שייך דער אַזוי גערופענער געזעל־שאַפט, די העכערע קלאַסן, — וואָס, אויסער פאַראַכטונג, קען מען פילן צו אָט די שרעקעדיקע האָזן? ניין, אין אײַער רוסלאַנד איז ניטאָ וואָס טײַער צו האַלטן. אָבער איך קאָן די רעוואָלוציאָנערן און איך האָב זיי ליב אַפילו מער פאַר מײַן אייגענעם פאָלק. איך בין צו זיי צוגעשטאַנען און האָב זיי ליב ווי ברידער, און דאָס איז די איינציקע פאַרבינדונג וואָס פאַראייניקט מיך מיט אײַער לאַנד. ווי נאָר מיר וועלן מאַכן אַ סוף מיטן צאַרישן דעספּאָטיזם, וועל איך אויף שטענדיק אַוועקפאָרן און וועל זיך באַזעצן ווו עס איז אין דײַטשלאַנד.

— און דו רעכנסט, — האָט אַנדריי געזאָגט מיט ניט קיין זיכערן טאָן, — אַז דאָרטן וועט זײַן בעסער? דו פאַרגעסט די גראָבקייט פון דײַטשן המון, און צי נאָר פון המון אַליין...

— יאָ, — האָט געענטפערט דוויד מיט אַן אויסדרוק פון אומעט אין זײַנע גרויסע שיינע אויגן: — מיר ייִדן זײַנען פרעמדע צווישן אַלע נאַציעס. די דײַטשע אַרבעטערס זײַנען פון דעסטוועגן ציוויליזירט און זיי פּראָגרעסירן מאָראַליש אויך. דײַטשלאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד, ווו מיר פילן זיך ניט אין גאַנצן ווי פרעמדע...

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אַנדריי איז געווען טיף גערירט פונעם לייד פון זײַן חבֿר. ער איז צו אים צוגעגאַנגען נעענטער און האָט אים שטיל אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל. אים האָט זיך געוואָלט צוגעבן אים מוט. ער האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז די באַרבאַרײַ פון די רוסישע פויערים קומט אויסשליסלעך פון זייער אומוויסנקייט און ס׳איז בײַ זיי פאַראַן אַ גרעסערער אוצר מענטשלעכקייט און טאָלעראַנץ, ווי בײַ וועלכער ניט איז אַנדערער נאַציע אין דער וועלט. אין ווען זיי וועלן נאָר זײַן אַפילו אויף אַ העלפט אַזוי געבילדעט ווי די דײַטשן, וועלן אַלע מיטל־עלטערישע פאַראורטיילן פאַרשוווּנדן ווערן און קיין סימן ניט איבערלאָזן.

הײַנט, נאָך מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט, קלינגען אונדז די ווערטער פון ייִדישן רעוואָלוציאָנער, זײַן גלויבן אין דײַטש־לאַנד — „דאָס איינציקע לאַנד, ווו מיר פילן זיך ניט אין גאַנצן ווי פרעמדע" — אַ ביסל מאָדנע. ער האָט אָבער געהאַט אין זינען דעם דײַטשן סאָציאַליסטישן אַרבעטער, און אין דעם פּרט האָבן מיר אַ גרונד צו זאָגן, אַז דער דאָזיקער גלויבן איז נאָך הײַנט

אויך באַרעכטיקט, פונקט ווי עס איז דעמאָלט, ניט געקוקט אויף דער פּאָגראָם־כוואַליע, געווען באַרעכטיקט דער גלויבן פון דעם רוסישן רעוואָלוציאָנער אין דעם רוסישן אַרבעט־מענטש.

מיר זענען דאָ איינצײַטיק, אַז די אַלגעמיין אָנגענומענע מיינונג וועגן די ייִדישע סאָציאַליסטן פון די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן, אַז זיי זײַנען פרעמד געוואָרן דעם ייִדישן פאָלק, אַז זיי האָבן אויסשליסלעך געטראַכט וועגן רוסישן פויער, אַז די נויטן פון דעם ייִדישן אַרבעטמענטש האָבן זיי ניט געאַרט, איז ווײַט ניט ריכטיק.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם זייער שטאַרקן נאַציאָנאַלן סענט ימענט, אַפילו אויפן געפיל פון אַחריות און שולד לגבי דעם ייִדישן „ערלעכן אַרבעטער וואָס האָרעוועט אין שווייס פון זײַן פנים“, זײַנען די ייִדישע רעוואָלוציאָנערן פון יענער צײַט פּראַק־טיש געווען אַבסאָלוט הילפלאָז. כּל־זמן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געבליבן באַגרענעצט אויף די קרײַזן פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, איז אין דער ייִדישער סביבֿה ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר סאָציאַליסטישער אַרבעט. דער ייִדישער סאָציאַליסט האָט זיך בכן געמוזט אײַנגלידערן אין די ניט־ייִדישע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס, האָט געמוזט איבעררײַסן זײַן פאַרבינדונג מיט דער ייִדישער וועלט. סאָציאַליזם האָט דערפאַר פאַקטיש באַטײַט — אַסימילאַציע; פאַרקערט, פאַר־בונדנקייט מיט דער ייִדישער סביבֿה, מיטן ייִדישן אַרבעט־מענטש האָט געהייסן נעמען דאָס ייִדישע לעבן אַזוי ווי עס איז, זיך פאַראייניקן מיטן ייִדישן כּלל, צו וועלכן עס האָבן אויך געהערט די ייִדישע אַרבעטנדיקע, ווו ס'האָבן אָבער געבעל־הבתּעוועט גאָר אַנדערע עלעמענטן. פון דעם דאָזיקן פּלאָנטער פון סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם האָט די ייִדישע רעוואָלוציאָ־נערע אינטעליגענץ ניט געקאָנט געפינען קיין אויסוועג.

די פּאָגראָמען און די ייִדישע סאָציאַליסטן

מיר קענען איצט פֿאַרשטיין דעם באַזונדערן רושם וואָס די פּאָגראָמען פֿון די אַכציקער יאָרן האָבן געמאַכט אויף דער סאָציאַליסטישער ייִדישער אינטעליגענץ. אַ גרויסער טייל האָט זיך פֿון דעם עקסטרעם פֿון אַסימילאַציע געוואָרפֿן אין דעם עקסטרעם פֿון נאַציאָנאַליזם. אין אַ בריוו פֿון אַ קיִעווער סטודענט צום באַקאַנטן סאָציאַליסט פּ. אַקסעלראָד ווערט איבערגעגעבן די שטימונג אין די דעמאָלטיקע ייִדישע סטודענטישע קרײַזן: „די ערשטע – לייענען מיר אין דעם דאָזיקן בריוו – האָבן זיך אָפּגערופֿן די פּעטערבורגער סטודענטן. זיי האָבן קודם-כּל אויסגעפֿירט אַ געוויסע אויסווייניקסטע ריטועלע פֿאָרמאַליטעט: אין דעם טאָג, ווען עס איז אויסגערופֿן געוואָרן דער תּענית [אָנהייב 1882 זײַנען אין אַלע ייִדישע שטעט אין רוסלאַנד אין שײַכות מיט די פּאָגראָמען אויסגערופֿן געוואָרן תּעניתים. – אַ. מ.], זײַנען זיי אַלע אַוועק אין שול. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער ערשטער אַרויסגאַנג אין פֿאָלק.“

ווען די ייִדישע סאָציאַליסטישע יוגנט האָט באַשלאָסן „גיין אין פֿאָלק“, איז זי אַוועק אין בית-מדרש אין טאָג פֿון אַלגעמיינעם תּענית. דערמיט האָט זי געבראַכט צום אויסדרוק איר געפֿיל פֿון פֿאַרבונדנקייט און סאָלידאַריטעט מיט דער רעכטלאָזער און גערודפֿטער ייִדישער מאַסע.

נאָך סוף אַכציקער יאָרן האָט זיך דער ייִדישער רעוואָלוציאָנער געפּונען פּונקט אין דער זעלביקער לאַגע. דער ייִדישער נאַראָדאָוואָליעץ ל. זאַלקינד (געשטאָרבן 1929) דערציילט אין זײַנע מעמואַרן וועגן ייִדישן רעוואָלוציאָנער ל. קאָגאַן-בערנשטיין, וואָס איז אין 1889 בעת דער טרויעריק באַרימטער יאַקוטסקער דראַמע פֿאַרמישפּט געוואָרן צום טויט. פֿאַרן אויספֿירן דעם טויטאורטייל האָט קאָגאַן-בערנשטיין געלאָזט קומען צו זיך דעם רבֿ און אים אָפּגעגעבן אַזאַ דערקלערונג:

„איך בין ניט רעליגיעז און ווענד זיך צו אײַך ניט ווי צו אַ רעליגיעזער פּערזענלעכקייט; נאָר איר, ווי אַ רבֿ, זײַט דאָך אײנצײַטיק דער פֿאַרטרעטער פֿון ייִדישן כּלל, און ווי צו אַזעלכן ווענד איך זיך צו אײַך מיט דער בקשה איבערצוגעבן מײַנע פֿאָלקסברידער, זיי זאָלן ניט מיינען, אַז איך, אַרבעטנדיק מײַן גאַנץ לעבן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, האָב אין גאַנצן פֿאַרגעסן מײַן פֿאָלק. איך האָב געאַרבעט פֿאַר דער עלנטער, באַעוולטער ייִדישער מאַסע אין דער פֿולער איבערצײַגונג, אַז איר גורל איז ענג פֿאַרבונדן מיטן גורל פֿון אַלע פֿעלקער וואָס לעבן אויף דער טעריטאָריע פֿון רוסלאַנד און אַז די באַפֿרײַונג פֿון ייִדישן פֿאָלק פֿון דעם פּאָליטישן דרוק איז נאָר מיגלעך צוזאַמען מיט דער באַפֿרײַונג פֿון גאַנץ רוסלאַנד.“

ווי טראַגיש איז געווען די לאַגע פֿון דעם דאָזיקן ייִדישן רעוואָלוציאָנער וועלכער האָט ניט געקאָנט געפֿינען קיין אַנדער פֿאַרמיטלער איבערצוגעבן זײַנע לעצטע ווערטער דער ייִדישער באַעוולטער מאַסע, ווי דעם רבֿ! דער ייִדישער אַרבעטמענטש האָט נאָך ניט געהאַט זײַן אייגענעם אַדרעס. דערין איז באַשטאַנען די טראַגיק פֿון יענע העלדישע קעמפֿערס, וועלכע האָבן זייערע פֿאָלקסברידער ניט פֿאַרגעסן, האָבן אָבער צו זיי דעם וועג ניט געפֿונען.

דאָס איז אין די נײַנציקער יאָרן אַנדערש געוואָרן. און דער דאָזיקער גרויסער אויפֿטו וועלכער עפֿנט גאָר אַ נײַ בלאַט אין דער ייִדישער געשיכטע איז אַזוי גוט ווי אויסשליסלעך דער פֿאַרדינסט פֿון אַ גרופּע ווילנער ייִדישע סאָציאַליסטן מיט אַרקאַדי קרעמערן בראָש.

די ערשטע אַרבעטער-קרײַזלעך

סוף אַכציקער און אָנהייב נײַנציקער יאָרן ווערן געשאַפֿן אין ווילנע אַ ריי סאָציאַליסטישע אַרבעטער-קרײַזלעך און פּראָפֿעסיאָנעלע קאַסעס. אין אָנהייב האָט זיך די אַרבעט געפֿירט לויטן אַלטן נוסח. „קיין מאַסן-אַגיטאַציע און קיין פּראָפּאַגאַנדע

איז דורך אונדז ניט געפֿירט געוואָרן — שרײַבט איינער פֿון די ערשטע פּיאָנירן פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, טימאָפּיי קאָפּעלזאָן: אונדזער הויפּטציל איז דעמאָלט געווען צו דערציִען אין די אַרבעטער־קרײַזן אַזוינע אינטעליגענטן, ווי מיר זײַנען דעמאָלט אַליין געווען. דעריבער האָט אונדזער פּראָפּאַגאַנדע געטראָגן אַ כאַראַקטער פֿון קולטור־אַרבעט, אַ ריין אינטעליגענטישן כאַראַקטער. אונדזערע קרײַזלעך זײַנען געווען קליינע בילדונגס־פֿאַראיינען, ווו מען האָט געלערנט רוסיש, נאַטור־וויסנשאַפֿט, געשיכטע אד״גל.״

ווען מען באַקענט זיך הײַנט מיט דעם מאַטעריאַל וואָס מיר פֿאַרמאָגן פֿון יענער צײַט, מוז מען זאָגן, אַז די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק איז ניט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט ריכטיק. מען האָט זיך ניט אויסשליסלעך פֿאַרנומען מיט בילדונג; מען האָט אָרגאַניזירט אייניקע אַרבעטער־קאַסעס, אַ ריי שטרײַקן, עס זײַנען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון פֿון אַרטעלן. עס איז אָבער ריכטיק, אַז די עיקר־ענערגיע איז פֿאַרנוצט געוואָרן אויף דער בילדונגס־אַרבעט אין די קרײַזן, אַז דאָס איז געווען דער צענטראַלער נערוו פֿון דער סאָציאַליסטישער טעטיקייט אין ווילנע אין יענע יאָרן.

וואָלט ווילנע בײַ דעם געבליבן, וואָלטן די דאָזיקע ערשטע אַרבעטער־קרײַזלעך פּונקט אַזוי פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, ווי עס זײַנען ניט געוואָרן, כמעט ניט איבערלאָזנדיק קיין שפּור, די ערשטע ייִדישע אַרבעטער־קרײַזלעך אין מינסק, וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אין מיטן די אַכציקער יאָרן און האָבן אַ געוויסע צײַט געציילט איבער 200 מיטגלידער. עס וואָלט פֿאַרבליבן, אין בעסטן פֿאַל, אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד. אויב די ווילנער קרײַזלעך איז געווען באַשערט אַן אַנדער מזל, אויב זיי האָבן געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿון אונדזער הײַנטיקער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן מיר עס אין אַ גרויסער מאָס צו פֿאַרדאַנקען דעם פֿאַקט, וואָס די פּירנדיקע גרופּע אין ווילנע האָט זיך בײַ צײַטנס געכאַפּט, אַז די דאָזיקע „קוסטאַרנע״

אַרבעט פֿירט ניט צום ציל און אַז די מאָדערנע סאָציאַליסטישע באַוועגונג פֿאָדערט גאָר אַנדערע מעטאָדן פֿון אַרבעט און פּראָפּאַגאַנדע.

די קרײַזלעך האָבן אין אָנהייב נײַנציקער יאָרן שוין אַרומגענומען אַ היפּשע צאָל אַרבעטערס. אין 1892 איז צום ערשטן מאָל אין ווילנע אָפּגעריכט געוואָרן דער ערשטער מײַ, עס זײַנען געקומען צו דער דאָזיקער אומלעגאַלער פֿאַרזאַמלונג הונדערט חבֿרים. אין 1893 האָט די צאָל באַטייליקטע אין מײַ־יום־טובֿ אויך באַטראָפֿן הונדערט מענטשן. אָרגאַניזירט אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען זײַנען דעמאָלט געווען גאַנצע 300. אַ צאָל פֿון 300 אָרגאַניזירטע אין קאַסעס און הונדערט באַטייליקטע אין אַ פּאָליטישער פֿאַרזאַמלונג איז פֿאַר די באַדינגונגען פֿון יענער צײַט בלי־ספֿק אַ געוואַלדיקע דערגרייכונג.

די ווילנער טוער האָבן אָבער אײַנגעזען, אַז סוף־כּל־סוף ווערט דערמיט אַרומגענומען בלויז אַ קלײנער מיעוט אַרבעטערשאַפֿט און אַז צווישן דעם דאָזיקן אַוואַנגאַרד און דער גרויסער מאַסע וואָס בלײַבט אין אַ זײַט ווערט אַלץ גרעסער דער תּהום. די מיטגלידער פֿון די סאָציאַליסטישע קרײַזלעך האָבן אַפֿילו אָנגעהויבן קוקן פֿון אויבן אַראָפּ אויף דער איבעריקער אַרבעטער־מאַסע וואָס האָט ניט געהאַט דאָס גליק אָדער די מיגלעכקייט צו געניסן פֿון דער בילדונג אין די פּראָפּאַגאַנדע־קרײַזלעך. טייל פֿון די אַרבעטערס וואָס האָבן באַזוכט די קרײַזלעך, זײַנען מיט דער צײַט אויך סאָציאַל פֿרעמד געוואָרן דעם שיכט פֿון וועלכן זיי זײַנען געקומען.

מען דאַרף דערבײַ ניט פֿאַרגעסן, אַז די בילדונגס־אַרבעט איז געפֿירט געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך. דאָס האָט נאָך מער דערווײַטערט די מיטגלידער פֿון די פּראָפּאַגאַנדע־קרײַזלעך פֿון דער אַרבעטער־מאַסע וואָס האָט די רוסישע שפּראַך ניט פֿאַרשטאַנען און די רוסישע ביכער ניט געקאָנט לייענען. דער באַקאַנטער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער ל. מאַרטאָוו וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו דער צענטראַלער גרופּע פֿון די ווילנער טוער שרײַבט אין זײַנע מעמוּאַרן:

„ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט — און מײַנע חבֿרים האָבן זיך דערין איבערגעצײַגט נאָך דער פּראַקטיק פֿון דרײַ יאָר אַרבעט אין די קרײַזלעך, — אַז דערמיט וואָס מיר אַנטוויקלען דעם קלאַסן־באַוווסטזײַן בלויז פֿון אייניצלנע פּראָלעטאַריער, האָבן מיר מיט אונדזער אייגענער אַרבעט מיטגעהאָלפֿן, אַז די דאָזיקע יחידים זאָלן פּאַקטיש אַוועקגיין פֿון יענעם קלאַס, וועמענס קאָלעקטיוון זעלבסטבאַוווסטזײַן זיי האָבן געזאָלט אויס־דריקן.״

בעת די סאָציאַליסטישע טוערס האָבן אָנגעהויבן מיט דער קרײַזל־אַרבעט, האָבן זיי געהאַט די כּוונה דורך דעם וואָס זיי אָרגאַניזירן און דערציִען דעם אַוואַנגאַרד אויפֿצוהייבן איינ־צײַטיק די גאַנצע אַרבעטער־מאַסע. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגע־וויזן, אַז עס איז צום גרעסטן טייל איבערגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט צווישן דער דאָזיקער גרופּע און דעם גאַנצן קלאַס, אַז די מיטגלידער פֿון די קרײַזלעך זײַנען צום טייל אַרויס־געריסן געוואָרן פֿון דעם באָדן פֿון וועלכן זיי זײַנען געוואַקסן.

עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער דאָזיקער וועג פֿירט ניט צום ציל, אַז דער דורכשניטלעכער אַרבעטער קען ניט אַרײַנ־געצויגן ווערן אין דער באַוועגונג דורך בילדונגסקרײַזלעך: וויל מען זיך ווענדן מיטן פּנים צו דער מאַסע, מוז מען אָנהייבן פֿון אירע קאָנקרעטע, פּראַקטישע נויטן און פֿאָדערונגען. מען מוז בכן אַריבערגיין פֿון קרײַזל־פּראָפּאַגאַנדע, פֿון ריינער בילדונגס־אַרבעט, צו מאַסן־אַגיטאַציע אויפֿן יסוד פֿון די טעגלעכע באַדערפֿענישן פֿון די אַרבעטער.

פֿרילינג 1893 הייבט זיך אָן אין ווילנע אַ קאַמפּאַניע פֿאַר דורכפֿירן אַ צוועלף־שעהדיקן אַרבעטסטאָג (אַרײַנגערעכנט די מיטאָגצײַט). צו דעם צוועק ווערט אויסגענוצט אַן אַלט רוסיש געזעץ, וואָס האָט פֿיקסירט די אַרבעטסצײַט אין די וואַרשטאַטן פֿון בעלי־מלאָכות אויף 12 שעה. די ביזאַהעריקע אונטערשטיצונגס־קאַסעס ווערן פֿאַרוואַנדלט אין קאַמף־ אָדער שטרײַק־קאַסעס, עס

יערן געגרינדעט אַ ריי נײַע קאַסעס. אַ צאָל שטרײַקן מיט דער פאָדערונג פון אַ קירצערן אַרבעטסטאָג און העכערע שׂכירות בײַ שנײַדערס, בערשטערס, קאַמאַשן־מאַכערס א״אַנד ענדיקן זיך מיט אַ פולקומען אָדער טיילווײַזן ניצחון.

פון רוסיש צו ייִדיש

די נײַע טאַקטיק האָט אַרויסגערופן שטאַרקע חילוקי־דעות צווישן די מיטגלידער פון די פראָפּאַגאַנדע־קרײַזלעך. דער איבערגאַנג צו אַגיטאַציע האָט געפאָדערט אַ קאַרדינאַלן איבער־בײַט אין דעם אופן פון אַרבעטן, ווי אויך אין אינהאַלט און כאַראַקטער פון דער פּראָפּאַגאַנדע. די ריינע בילדונגס־אַרבעט איז דערמיט אָפּגערוקט געוואָרן אויפן צווייטן פּלאַן, און אויפן ערשטן פּלאַץ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דאָס אָפּגעבן זיך מיט די קאָנקרעטע פּראָבלעמען פון אַרבעטער־לעבן. כּדי צו ווערן מער צוטריטלעך דעם פּשוטן אַרבעטער, איז אַחוץ דעם באַשלאָסן געוואָרן, אַז די הויפּטאַרבעט מוז איצט געפירט ווערן אין ייִדיש. מען האָט דערפאַר אָנגעהויבן זאָרגן וועגן שאַפן די נייטיקע פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור אין ייִדיש. אָבער גראָד דערמיט זײַנען דער רובֿ מיטגלידער פון די פּראָפּאַגאַנדע־קרײַזלעך ניט געווען צופרידן.

די בילדונג איז פאַר די דאָזיקע אַרבעטערס געווען דער עיקר, דאָס לערנען רוסיש איז געווען דער וועג צום סאָציאַלן אויפשטײַג. דער דראַנג צו בילדונג איז אָפט געווען פאַרבונדן מיט דעם ווילן זיך אַרויסצורײַסן פון דער סבֿיבֿה פון וואַנען מען איז געקומען. זיך פאַרוואַנדלען בלויז אין אַגיטאַטאָרן, כּדי אָנצופירן מיט די אַזוי שטאַרק זשפּגעשטאַנענע מאַסן, זיך ווידער אומקערן צו ייִדיש — וואָס האָט דעמאָלט בעצם נאָך כּמעט קיין ליטעראַטור ניט געהאַט — דערמיט האָט מען בשום אופן ניט געוואָלט שלום מאַכן.

די אָפּאָזיציע האָט לפי־ערך שטאַרק אויסגענומען און האָט אין משך פון אַ לאַנגער צײַט שטאַרק געשטערט די אַרבעט. די

באַציִונגען צווישן דער אָפּאָזיציע און דער פֿירנדיקער גרופּע זײַנען געוואָרן אַזוי פֿאַרשאַרפֿט, אַז דער פֿירער פֿון דער אָפּאָזיציע האָט דער אינטעליגענץ אַפֿילו בפֿירוש אויפֿגעוואָרפֿן, אַז די נײַע פּראָגראַם ווערט דורכגעפֿירט מיט דער כּוונה צו פֿאַרשפּאָרן פֿאַרן אַרבעטער דעם וועג צו בילדונג און אַז דערמיט וויל זיך די אינטעליגענץ זיכערן דעם מאָנאָפּאָל פֿון אָנפֿירן די אַרבעטער־מאַסן.

עס איז געוואָרן קלאָר, אַז מען באַדאַרף גרונטיקער מאָטיווירן די סיבות פֿון אַריבערגיין צו דער נײַער טאַקטיק. דעמאָלט האָט עס אַרקאַדי קרעמער אָנגעשריבן זײַן בראָשור „וועגן אַגיטאַציע", וואָס איז אין אַ קורצער צײַט פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין מאַנוסקריפּט איבער די וויכטיקסטע שטעט פֿון רוסלאַנד און האָט געהאַט גאָר אַ גרויסע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער רוסלענדער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער ניצחון פֿון דער נײַער טאַקטיק

דער מחבר פֿון „וועגן אַגיטאַציע" ווײַזט קודם־כּל אָן אויף דער צענטראַלער באַדײַטונג פֿון קאַמף פֿאַר אײַנגעמען די פּאָליטישע מאַכט. כּדי דעם אַרבעטער זאָל קלאָר ווערן די וויכטיקייט פֿון די פּאָליטישע פֿאָדערונגען, מוז מען אין דער פּראַקטיק באַווײַזן, אַז די מלוכה־מאַכט ווערט כּסדר אויסגענוצט קעגן אים אין די אינטערעסן פֿון די בעלי־בתּים, אַז קעמפֿן מיט הצלחה פֿאַר די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פֿאַרבעסערונגען איז נאָר מיגלעך, ווען מען נעמט אײַן איינצײַטיק פֿעסטע פּאָליטישע פּאָזיציעס. מען מוז אָנהייבן פֿון יענע פֿאָדערונגען וואָס אינטערעסירן דעם אַרבעטער צום מערסטן, וואָס זײַנען פּשוטער און קאָנקרעטער. דאָס איז דער בעסטער מיטל פֿון פּאָליטישער דערציִונג. „די דאָזיקע פּראַקטיק איז פֿיל איבער־צײַגעוודיקער, ווי די בראָשורן וואָס ריידן וועגן דעם זעלביקן עינין".

דערפֿון איז ווײַטער געדרונגען, אַז דער אַרבעטער=טוער, דער אַגיטאַטאָר מוז תּמיד שטיין אין דעם ענגסטן קאָנטאַקט מיט דער אַרבעטערשאַפֿט, ער מוז פּרטימדיק קענען דעם צושטאַנד און די פֿאַרהעלטענישן אין פֿאַך, די שטימונג פֿון די אַרבעטערס, די מיגלעכקייטן און פּערספּעקטיוון פֿון קאַמף. „אונדזערע אַרבעטערס, וואָס זײַנען דורכגעגאַנגען די שול פֿון פּראָפּאַגאַנדע זײַנען מער באַקאַנט מיט די תּנאים, בײַ וועלכע עס קומט אויס צו אַרבעטן דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע אין מערבֿ=אייראָפּע, ווי די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי קומט אויס צו פֿירן זייער אייגענע אַרבעט". צוריק צום אַרבעטער=קלאַס, זיך שטעלן אין דער נאָענטסטער פֿאַרבינדונג מיט דער גרויסער פּראָלעטאַרישער מאַסע, לעבן מיט אירע אינטערעסן, ריידן מיט איר אייגענער שפּראַך – דאָס זײַנען די אויפֿגאַבעס וועלכע עס מוז זיך שטעלן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

אין 1894 האָט די נײַע טאַקטיק ענדגילטיק געזיגט. אויך די הייסטע אָנהענגער פֿון דער אָפּאָזיציע האָבן אײַנגעזען, אַז זיי זײַנען געווען אומגערעכט. די קרײַזל=אַרבעט איז ליקווידירט געוואָרן. אין אַ קורצער צײַט האָט זיך שטאַרק פֿאַרגרעסערט די צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטערס, עס ווערן אַרײַנגעצויגן גאַנץ נײַע שיכטן. מיט דעם מאַסן=כאַראַקטער פֿון דער באַוועגונג קומט אויך אַרײַן אַ נײַ לעבן און אַ נײַע נשמה אין דער אַרבעט. עס פֿילט זיך דער אָטעם פֿון פּשוטן פֿאָלקסמענטש. דאָס קומט צום אויסדרוק ניט בלויז אין דעם איבערגאַנג צו ייִדיש, נאָר אויך אין דעם גאַנצן רעוואָלוציאָנערן לעבנס=שטייגער וואָס איז גראָד אין יענער צײַט געשאַפֿן געוואָרן. די ייִדישע אַרבעטער=באַוועגונג איז דערמיט אין בעסטן און העכסטן זינען פֿון וואָרט געוואָרן אַ פֿאָלקס=באַוועגונג, וואָס זי האָט ניט נאָר ניט איגנאָרירט דאָס פֿאָלקסלעבן און די פֿאָלקסקולטור, נאָר פֿאַרקערט ערשט געגעבן דעם סטימול צום אויפֿבלי פֿון אַ נײַער ייִדישער קולטור.

דער ערשטער מײַ 1895 איז נאָך דער דורכפֿירונג פֿון דער נײַער פּראָגראַם שוין אָפּגעריכט געוואָרן בײַ גאָר אַנדערע באַדינגונגען. פֿון 500 אַרבעטערס וואָס זײַנען געווען אָרגאַניזירט

אין די קאַסעס (כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי אין 1893) זײַנען אויף די מײַ־פאַרזאַמלונגען פאַרבעטן געוואָרן 250 חברים. די פײַערונג איז פאָרגעקומען אין צוויי באַזונדערע ערטער. צום ערשטן מאָל האָט מען דאָס מאָל מיטגעבראַכט רויטע פענער, אויף וועלכע עס האָבן געלויכטן די אויפשריפטן אין ייִדיש: „פּראָלעטאַריער אַלער לענדער, פאַראייניקט אײַך", „מיר קעמפן פאַר אַ צוועלף־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, העכערע שׂכירות און בעסערע באַהאַנדלונג".

מאַרטאָווס רעפעראַט וועגן דער נײַער עפּאָכע

אויף מאָרגן נאָכן ערשטן מײַ איז צונויפגערופן געוואָרן אַן ענגערע פאַרזאַמלונג פון די אַקטיוויסטע טוערס, פון די „אַגי־טאַטאָרן", ווו עס איז אונטערגעפירט געוואָרן דער סך־הכל פון די דערגרייכונגען פאַרן לעצטן יאָר. דעם באַריכט „מכּות די טעאָרעטישע און פּראַקטישע אויפטוען פון דער באַוועגונג אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר" האָט געלייענט דער שוין דער־מאָנטער סאָציאַליסטישער פירער און טעאָרעטיקער ל. מאַרטאָוו, וועלכער האָט די דאָזיקע צוויי יאָר געראָד פאַרבראַכט אין ווילנע און געהערט דאָרט צו די וויכטיקסטע טוערס. דער רעפעראַט האָט אויף אַלע צוהערערס געמאַכט דעם שטאַרקסטן אײַנדרוק. ער איז דערנאָך איבערגעשריבן געוואָרן אין אַ גרעסערער צאָל עקזעמ־פּלאַרן און פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין אַלע ערטער פון ייִדישן תּחום, מיט וועלכע ווילנע איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג.

„וועגן דער דאָזיקער קליינער פאַרזאַמלונג — לייענען מיר אין אַ באַריכט פון זומער 1896 — דערמאָנען זיך נאָך עד־היום די אַרבעטער מיט באַגײַסטערונג, אַזוי שטאַרק איז געווען דער רושם, וואָס דער אָוונט האָט אויף זיי געמאַכט". מאַרטאָווס רעדע איז מיט פינף יאָר שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אונטערן טיטל: „אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג" (אין אַ ייִדישער איבערזעצונג האָט זי דערשײַנט 1900 אין „ייִדישן אַרבעטער" נומ' 9 אונטערן טיטל: „די נײַע עפּאָכע אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג").

וואָס איז געווען דער מער מיט דער דאָזיקער רעדע? פֿון וואַנען האָט זיך גענומען דער אויסערגעוויינטלעכער רושם? וואָס באַטײַט די נײַע עפּאָכע אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג?

מאַרטאָוו האָט אין זײַן רעדע אָנגעוויזן אויף דרײַ וויכטיקע רעזולטאַטן וואָס זײַנען דערגרייכט געוואָרן פֿאַרן לעצטן יאָר: 1) די באַוועגונג איז געוואָרן דעמאָקראַטישער, זי האָט אַרײַנגעצויגן גרעסערע מאַסן; 2) זי איז געוואָרן מער פּראַקטיש, פֿאַרנעמט זיך מיט די ממשותדיקע פּראַגעס פֿון אַרבעטער־לעבן; 3) די באַוועגונג האָט געקראָגן אַ מער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווערט דאָ פֿאָרמולירט צום ערשטן מאָל מיט דער פֿולער קלאָרקייט די נייטיקייט פֿון אַ זעלבשטענדיקער ייִדישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע: „אונדזער ציל, דער ציל פֿון די אין דער ייִדישער סבֿיבֿה טעטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, באַשטייט אין דעם, צו שאַפֿן אַ ספּעציעלע ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל זײַן די אָנפֿירערין און דערציִערין פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אין זײַן קאַמף פֿאַר דער עקאָנאָמישער, בירגערלעכער און פּאָליטישער באַפֿרײַונג."

דער מחבר ווײַזט דערבײַ אָן, אַז די דאָזיקע ייִדישיזירונג פֿון דער באַוועגונג האָט צו נאַציאָנאַליזם קיין שום שײַכות ניט. דאָס וואָס מען האָט לכתחילה געפֿירט די אַרבעט אין רוסיש, וואָס מען האָט געלייגט אַלע האָפֿענונגען אויסשליסלעך אויף דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז פֿאַקטיש געווען אַ ירושה פֿון דער ייִדישער בורזשואַזיע, וועלכע האָט ניט דעם גלויבן אין דעם כּוח פֿון דער ייִדישער מאַסע, אין איר פֿעיִקייט צו פֿירן דעם קאַמף פֿאַר אירע רעכט. דערמיט ווערט בלויז קולטיווירט פּאַסיווקייט און גלײַכגילטיקייט. דורך אונדזער אַרבעט, ווערט געזאָגט אין באַריכט, האָבן מיר אויפֿגעהויבן די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג אויף אַזאַ הייך, אַז זי פֿאַרנעמט איצט אַן ערשטראַנגיקן פּלאַץ אין דער אַלגעמיינער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג פֿון רוסלאַנד.

דער מהות פון בונדיזם

דער איבערגאַנג צו מאַסן־אַרבעט האָט געפירט מיט אַ גלײַכן וועג צו דער שאַפונג פון אַ זעלבשטענדיקער ייִדישער אַרבעטער־פּאַרטיי, און דאָס האָט געפונען אַ רעאַליזירונג צוויי יאָר שפּע־טער אין דער גרינדונג פון „בונד". זייער אָפט קומט אויס צו הערן די מיינונג, אַז די ווילנער טוערס גופא האָבן די פראַגע וועגן דער זעלבשטענדיקייט פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג גאָרניט געשטעלט, און אַז עס איז ערשט דער פערזענ־לעכער אויפטו פון מאַרטאָוון, וואָס ער האָט פאָרמולירט די אויפגאַבע. דאָס איז לחלוטין פאַלש. מיר האָבן געזען, אַז די פאָדערונג איז געווען אַ צײַטיקע פרוכט פון דער פאַרגאַנגע־נער אַרבעט. אַזוי האָט עס באַטראַכט מאַרטאָוו גופא אויך. די פאָרמולירונג פון דער נײַער אויפגאַבע איז אַ רעזולטאַט פון די ביזאיצטיקע דערגרייכונגען. דער רעפעראַט, וואָס פריִער איז ער באַהאַנדלט געוואָרן אין דעם ענגערן קרײַז וויכטיקסטע טוער, איז געלייענט געוואָרן פון מאַנוסקריפּט און גלײַך באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אָפיציעלער דאָקומענט וואָס דריקט אויס די מיינונג פון דער גאַנצער ווילנער אָרגאַניזאַציע. דערפאַר איז ער אויך פונאַנדערגעשיקט געוואָרן איבערן גאַנצן ראַיאָן, ווו די ווילנער גרופּע האָט אָנגעפירט די אַרבעט.

די פּיאָנירן פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געהאַט אויסצוהערן די פאַרשיידנסטע טענות. פון איין זײַט האָט מען זיי באַשולדיקט אין נאַציאָנאַליזם, פון דער צווייטער זײַט אין אַסימילאַציע. דאָס ערשטע איז פונקט אַזוי פאַלש ווי דאָס לעצטע. די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז די זעלבשטענ־דיקע ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג, די אָרגאַנישע פאַרבינדונג פון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ מיט דער ייִדישער מאַסע, איז דער בעסטער און זיכערסטער מיטל קעגן נאַציאָנאַליזם אין די קרײַזן פון די ייִדישע סאָציאַליסטן. גראָד יענע סאָציאַ־ליסטן וואָס זײַנען אָפּגעריסן פון דער ייִדישער ווירקלעכקייט, ווען עס איז ניט אויסגעקומען צו שטיין אין אַ נאָענטן

קאָנטאַקט מיטן ייִדישן אַרבעטער, זײַנען אין ייִדישע פּראַגעס די הייסטע נאַציאָנאַליסטן. אָפֿט שטייט די דאָזיקע שטעלונג זייערע אין דעם שאַרפֿסטן קאָנטראַסט מיט זייער האַלטונג אין אַלגעמיינע פּראַגעס. גראָד דער פֿאַקט וואָס זיי זײַנען ווײַט פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־סבֿיבֿה רופֿט אַרויס די באַדערפֿעניש אין אַ שטאַרקערער נאַציאָנאַלער קאָמפּענסאַציע – מען מוז דאָך עפּעס יוצא זײַן לגבי דעם אייגענעם פֿאָלק אויך. נאָר די אָרגאַנישע פֿאַרבונדנקייט מיטן ייִדישן אַרבעטער־קלאַס קען שיצן קעגן יענע אַלע נאַציאָנאַליסטישע בלאָנדזשענישן וועלכע מען באַגעגנט אַזוי אָפֿט אין די קרײַזן פֿון יענע ייִדישע סאָציאַליסטן, וואָס זײַנען ווײַט פֿון ייִדישן אַרבעטער און האָבן ניט קיין השגה וועגן די פּראָבלעמען פֿון ייִדישן לעבן. די ווילנער פּיאָנירן און גרינדערס פֿון „בונד" האָבן ערשט געשאַפֿן יענע האַרמאָנישע און אָרגאַנישע פֿאַרבינדונג פֿון סאָציאַליסטישער און ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט געפֿונען איר איינציקע און אידעאַלסטע רעאַליזירונג אין „בונד".

דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט האָט געקראָגן זײַן אייגענעם אַדרעס, און דער ייִדישער סאָציאַליסט נייטיקט זיך ניט מער אין קיין פֿאַרמיטלונג, ווען ער וויל ריידן צום ייִדישן אַרבעטער.

פּונקט אַזוי אומגערעכט און פֿאַלש איז די באַשולדיקונג אין אַסימילאַציע. עס איז ניט דאָ דער פּלאַץ אָנצוווײַזן אויף די גוואַלדיקע קולטורווערטן וואָס די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַרײַנגעבראַכט אין ייִדישן לעבן. עס איז אָבער גענוג צו זאָגן, אַז מיט דער מאָדערנער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, מיטן „בונד", הייבט זיך אָן אַ נײַע תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע בכלל. ייִדן זײַנען ביז אַהער, וואָס איז נוגע דעם פּאָליטישן לעבן, געווען בלויז אַ פּאַסיווער פֿאַקטאָר. צום ערשטן מאָל האָט זיך ערשט איצט דער ייִדישער אַרבעטער באַוויזן אויף דער אַרענע פֿון דער געשיכטע ווי אַן אַקטיווער קעמפֿער. אין משך פֿון די לעצטע 150 יאָר זײַנען געפּרוּווט געוואָרן פֿאַרשיידענע וועגן צו פֿאַרענטפֿערן די ייִדישע פּראַגע. די אַסימי־

לאַציע האָט עס געפּרווווט דורך פולקומער קאַפּיטולאַציע, דורך פאַרשוווּנדן ווערן ווי אַ זעלבשטענדיקע נאַציאָנאַלע גרופּע. פאַק־טישע קאַפּיטולאַציע איז אויך דער ציוניזם, וואָס ער גלייבט ניט אין די מיגלעכקייטן פון „גלות" און זאָגט, אַז דאָ אויפן אָרט זײַנען קיין שום פּערספּעקטיוון ניטאָ. דער „בונד" איז געווען דער ערשטער וואָס האָט פּראָקלאַמירט, אַז ניט ירושה־פּריווילעגיעס, נאָר אַרבעט שאַפט רעכט – ניט בלויז פאַר יחידים, נאָר אויך פאַר נאַציאָנאַלע גרופּעס; אַז דאָרט ווו ייִדן לעבן, אַרבעטן און שאַפן, קאָנען און מוזן זיי קעמפן פאַר זייערע רעכט, פאַר זייער אויטאָנאָמיע.

וויפל האָבן די קעגנערס פון „בונד", די וואָס רופן זיך „נאַציאָנאַליסטן", זיך געפלײַסט צו באַווײַזן, אַז דער ייִדישער אַרבעטער איז גאָרניט מסוגל צו פירן אַ קאַמף, אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין ייִדישער פּראָלעטאַריאַט. מ'שטיינס געזאָגט — וואָס קענען ייִדישע שנײַדערס און שוסטערס מאַכן פאַר אַ רעוואָלו־ציעס. וואָס פאַר אַ טעאָריעס זײַנען ניט געשאַפן געוואָרן אויף צו באַווײַזן, אַז דאָ איז אַרויסגעוואָרפן די אַרבעט, אַז מען מאַכט זיך מערניט לעכערלעך. די פּיאָנירן פון „בונד" האָבן אַנטקעגן דעם אַוועקגעשטעלט זייער פעסטן גלויבן אין דעם ייִדישן אַרבעטער, אין זײַן פעיִקייט צו אָרגאַניזאַציע און קאַמף.

פון יעדער שורה פון יענע אַלטע דאָקומענטן וואָס זײַנען אונדז פאַרבליבן פון די נײַנציקער יאָרן רעדט דער אומבאַגרע־נעצטער אָפּטימיזם, דער גלויבן אין דעם רעוואָלוציאָנערן כּוח פון ייִדישן אַרבעטער, אין זײַן היסטאָרישער שליחות צו ווערן דער גואל פון אַלע אַרבעטנדיקע שיכטן פון ייִדישן פאָלק. אָפט הערט מען אַפילו טענער פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ: „מיר האָבן באַשאַפן אַ באַוועגונג וועלכע פאַרנעמט אין דער איצטיקער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג פון רוסלאַנד דעם ערשטן אָרט נאָך דער פּוילישער" – לייענען מיר אין דעם שוין דערמאָנטן באַריכט פון 1896.

אין דעם ייִדישן לעבן האָבן די ווילנער פּיאָנירן צום ערשטן מאָל פּראָקלאַמירט דעם געדאַנק, אַז פאַר רעכט און פרײַ־

הייט מוז מען קעמפֿן – און קעמפֿן קען מען נאָר ווען מען האָט דעם גלויבן אין די אייגענע כּוחות. דאָס איז געווען זייער היסטאָרישער אויפֿטו. דערמיט איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פֿאַר דער מאָדערנער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די צענטראַלע פֿיגור אין אָט דער גרופּע פּיאָנירן איז געווען אַרקאַדי קרעמער.

זכרונות וועגן אַרקאַדיִן

פון

פ א ט י

שרײַבן זכרונות וועגן אַרקאַדין איז פאַר מיר אַ טאָפּל שווערע אויפגאַבע:

אַרקאַדי האָט ניט ליב געהאַט קיין זכרונות און האָט זיי קיין מאָל ניט געלייענט. זײַן מיינונג איז געווען, אַז זכרונות קענען קיין מאָל ניט געבן קיין ריכטיק בילד פון לעבן אוןווירקן פון דעם וועלכער שרײַבט זיי ווי וועגן זיך, אָדער פון די וועלכע שרײַבן וועגן אַ צווייטן. ווי אָביעקטיוו די שרײַבערס פון זכרונות זאָלן זיך ניט פּלײַסן צו זײַן, וועלן זיי קיין מאָל ניט אַרויסגעבן אַזאַ בילד, וווּ די שאָטנזײַטן זאָלן זײַן אַזוי בולט ווי די ליכטיקע, און דעריבער באַקומט זיך, אַזוי צו זאָגן, אַן „אויסגעבעסערטע אויפלאַגע". שרײַבן זכרונות, האָבנדיק פאַר זיך שטענדיק די פראַגע, צי וועט דאָס ניט זײַן אַן „אויסגעבעסערטע אויפלאַגע", איז שווער: דאָס שטערט, דאָס האַמעוועט דעם פרײַען גאַנג פון געדאַנק.

די צווייטע שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס שרײַבן מיינט איבערגעבן אין כראָנאָלאָגישן סדר די טעטיקייט אין משך פון יאָרן, און דאָס איז פאַר מיר אויסגעשלאָסן: מײַן זכרון איז אויף אַזוי פיל אָפּגעשוואַכט, אַז איך קען זיך ניט דערמאָנען אַפילו די וויכטיקסטע מאָמענטן פון דער פאַרגאַנ־גענהייט, און אַוודאי קען ניט זײַן קיין רייד וועגן אַ פולקום בילד. מײַן פאַרגאַנגענהייט איז ווי באַדעקט מיט אַ דיקן שלייער,

דורך וועלכן עס רײַסן זיך אַדורך פֿון צײַט צו צײַט אייניקע פֿאַקטן, עפּיזאָדן, מערסטן טייל ווייניק וויכטיקע און דעריבער אויך ווייניק ווערטיקע. צוליב די אויסגערעכנטע סיבות האָב איך בכלל ניט געוואָלט שרײַבן קיין זכרונות, און אויב איך טו עס דאָך, איז עס נאָר דערפֿאַר, ווײַל איך וויל ניט פֿאַרשווײַגן די דיסציפּלין: די פּאַרטיי פֿאָדערט, מוז איך עס אויספֿירן, אַפֿילו ווייסנדיק פֿאָרויס, אַז דאָס וועט האָבן אַ קנאַפּן ווערט.

דער פֿאָטער

אַרקאַדי איז געבאָרן געוואָרן אין סווענציאַן, ווילנער גובערניע, אין אויגוסט 1865. ער איז געווען בײַ זײַנע עלטערן דער ייִנגסטער פֿון די 6 קינדער (3 זין און 3 טעכטער). דער פֿאָטער אַרקאַדיס איז געווען אַ ייִד אַ משׂכּיל, אַ רעליגיעזער, אַ מענטש מיט אַ טיפֿן אינעווייניקסטן גלויבן. אָבער קיין מאָל האָט ער זײַן גלויבן ניט אַפּישירט, קיין מאָל וועגן דעם ניט גערעדט און ניט געפּריידיקט גלויבן ניט נאָר פֿאַר פֿרעמדע, נאָר אַפֿילו פֿאַר זײַנע קינדער. ער האָט געהאַלטן, אַז רעליגיעזער גלויבן, ווי יעדער גלויבן, איז אַ געפֿילזאַך, און ריידן וועגן די אייגענע געפֿילן הייסט אַרויסטראָגן דאָס הייליקסטע אויף דער גאַס; און דאָס איז אים געווען דערווידער. פֿון דעם אופֿן אויפֿנעמען און פֿאַרשטיין די וויכטיקסטע פֿראַגעס פֿון גײַסטיקן לעבן איז אַרויסגעדרונגען זײַן אָריגינעלע באַציִונג סײַ צו פֿרעמדע, סײַ צו זײַנע אייגענע קינדער, און דערמיט דערקלערט זיך זײַן אופֿן פֿון דערציִען זיי.

אָבער ניט נאָר זײַן גײַסטיקער מהות איז געווען אינטערעסאַנט, נאָר אויך זײַן אויסווייניקסטער אויסזען. ער איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער, אַ דאַרלעכער, מיט זייער אַ שיינעם בלאָנדן קאָפּ: אַ הויכער אָפֿענער שטערן, אַ פּאָר בלויע, וואַרעמע טרוימערישע אויגן, פֿון וועלכע עס האָט געשטראַלט אַ גרענעצלאָזע גוטסקייט; אַ ליכטיק פּנים, אַ שיין מויל מיט אַ קינדישן שמייכל וועלכער האָט געוואַרעמט די נשמה.

געריעדט האָט ער זייער ווייניק און שפּאָרעוודיק, נאָר אַלץ וואָס ער פלעגט זאָגן איז געווען טיפזיניק און אין דער זעלבער צייט פשוט, קלאָר און פּינקטלעך. ער איז געווען אַ גרויסער אידעאַליסט אין פּרט פון גלייבן אין אמת און גערעכטיקייט, אָבער לגבי מענטשן איז ער אָפט געווען זייער פעסימיסטיש געשטימט. ער פלעגט זאָגן, אַז אויף צו זיין אַ מענטש דאַרף מען פאַרמאָגן אַזוי פיל, אַז זייער ווייניק און זעלטענע פאַרדינען צו טראָגן דעם נאָמען „מענטש", – דאָס רוב זיינען חיות אויף צווי פיס. ער האָט זיך געחבֿרט נאָר מיט דעם קליינעם מענטשעלע, נאָר מיט די באַעוולטע און פאַרשטויסענע פון לעבן. ער פלעגט שטענדיק ברענגען צו זיך אַהיים עפּעס אַ „שלימזלניק" (זיין פרויס אויסדרוק), פלעגט מיט אים ריידן, לערנען, אים אויפקלערן, צוגעבן מוט און זיך טיילן מיט זיין ביסן ברויט.

זיין הויפּט־באַשעפטיקונג איז געווען זיך צו לערנען, שטודירן; און מיט דער זעלבער ערנצטקייט ווי ער פלעגט לערנען אַ בלאַט גמרא, פלעגט ער שטודירן אַ בוך פון פיזיק, פון געאָמעטריע (זיינע צווי באַליבטע ענינים), ווי אויך אַ בוך פון ליטעראַטור. ער פלעגט זאָגן, אַז דער יונגער דור פאַרשטייט ניט צו לייענען, אַז זיין שטייגער לייענען פאַרשוועכט דעם כבֿוד פון שרייבער: יענער שטודירט זיינע טיפן, גיט אָפּ אַ טייל פון זיין לעבן צו פאָרשן, אַנטוויקלען די געדאַנקען, ער לייגט אַריין זיין נשמה אין שרייבן, – און דאָ קומען די יונגע און בלע־טערן זיין בוך, ניט אַריינדרינגענדיק אין תוך, זיי זוכן מערניט די מעשה. ווען ער פלעגט דורכשטודירן אַ בוך און פלעגט וועגן דעם ווען ריידן, פלעגט מען ערשט פאַרשטיין דעם ריכטיקן אינהאַלט.

קיין מאָל פלעגט ער ניט זיצן אָן אַרבעט: ער איז גלייכצייטיק געווען אַ לערער פון דער „אויעזדנאַיע אוטשילישטשע" אין סווענציאַן און אַ מלמד אין דער היים, און נאָך זיינע לעק־ציעס פלעגט ער זיך ווידער נעמען צום בוך; און ווען ער פלעגט שוין ווערן גוט פאַרמאַטערט, פלעגט ער זיך ערשט נעמען

„מײַסטרעווען". ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו אַלערליי אַלטע מכשירים, צעבראָכענע מאַשינקעס, שטיקלעך אײַזן, טשוועקעס. ער פלעגט גיין אויף די מערק פון אַלטוואַרג דאָס אַלץ אײַנהאַנדלען און שפּעטער „מײַסטרעווען". אַזוי האָט ער צוגעטראַכט אַ מאַשינקע אַרײַנצוציִען פאָדעם אין אַ נאָדל, אַ מאַשינקע צו שניצן בלײַערס און נאָך אַזעלכע זאַכן – אַלץ מיט קונצן. ער פלעגט אַליין שאַפן שפּילכעלעך פאַר זײַנע קינדער, אויסקלערן פאַר זיי אינטערעסאַנטע שפּילן, בײַ וועלכע זיי פלעגן זיך אויסלערנען לייענען און רעכענען.

ספּעציעל זיך אַוועקזעצן לערנען מיט זיי האָט ער ניט געהאַלטן פאַר נייטיק, אַזוי אַז זיי האָבן זיך ביז דער שול אַליין געלערנט. דערמיט דערקלערט זיך, פאַר וואָס אין דער צײַט ווען ער אַליין איז געווען אַ מלמד האָבן זײַנע קינדער קוים געקענט יִדיש לייענען, און שרײַבן – גאָרניט.

זײַן דערציִען די קינדער איז אויך געווען אָריגינעל: די קינדער האָבן געהאַט פולע פרײַהייט צו טאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט. ער האָט קיין זאַך ניט געפאָדערט, קיין מאָל ניט געצוווּנגען צו טאָן אַזוי אָדער אַנדערש, קיין מאָל ניט געזאָגט קיין מוסר: ער האָט געווירקט נאָר מיט זײַן בײַשפּיל, מיט זײַן ליבע און מילדקייט.

ער האָט שטאַרק ליב געהאַט די נאַטור, פלעגט קענען אַוועקגיין קילאָמעטערס ווײַט איבער פעלדער און וועלדער מיט זײַנע קינדער און פירן מיט זיי שמועסן וועגן גרעזעלעך,ביימעלעך און חיהלעך. און ווען אַ קינד פלעגט ווערן מיד, פלעגט ער אים לאָזן זיצן אויפן וועג וואַרטן און אַליין גיין ווײַטער, זאָגנדיק, אַז די שוואַכע זעלנערס לאָזט מען אין וועג. זײַנע קינדער האָבן פון אים קיין מאָל ניט געהערט קיין הויך וואָרט, קיין מאָל קיין באַריידן צו שלעכטס וועמען ניט איז: ער האָט זיך באַצויגן מיט ביטול צו די פאַרמעגלעכע, ער פלעגט פון זיי ווײַכן, אָבער ריידן שלעכטס קיין מאָל ניט. דאָס הויפּטגעפיל וואָס האָט באַהערשט זײַן גאַנצע פערזענלעכקייט איז געווען דאָס געפיל פון גערעכטיקייט. ער האָט פײַנט געהאַט דאָס „מלכות"

און אויסגעדריקט זײַן פֿײַנדשאַפֿט מיט מעשׂים, ניט מיט ווערטער. למשל: ער האָט געררייכערט יאָרן לאַנג, נאָר ווי מען האָט אײַנגעפֿירט אַקציז אויף טאַבאַק, האָט ער אַוועקגעוואָרפֿן דאָס רייכערן: מען טאָר ניט נאָכגעבן „מלכות".

אין פּראַקטישן לעבן איז ער געווען אַ קינד אין פּוילן זינען פֿון וואָרט: האָבנדיק 6 קינדער און פֿאַרדינענדיק גראָשנס, פֿאַר וועלכע מען האָט קוים געהאַט גענוג ברויט צו עסן ווען די קינדער זײַנען געווען אַלע אין דער היים (און שפּעטער, ווען זיי זײַנען אַוועקגעפֿאָרן זיך לערנען, נאָך דאָס אויך ניט), פֿלעגט ער זאָגן, אַז ווען ער וואָלט געהאַט אַ פֿרוי אַ בעל־הביתטע, וואָלט ער געקענט האָבן אַ מויער אין ווילנע! זײַן דעוויז איז געווען: „אַ פֿאַרשפּאָרער איז בעסער ווי אַ פֿאַרדינער". זײַנע באַדערפֿענישן האָט ער באַגרענעצט ביז צום נייטיקסטן: גענוג צו האָבן ברויט און אַ פּאָסטנעם באָרשטש, ווײַל עס זײַנען דאָ מיליאָנען וועלכע האָבן דאָס אויך ניט. און אין זײַנע לעצטע יאָרן, ווען זײַנע קינדער האָבן זיך אײַנגעאָרדנט און אים געשיקט אויף צום לעבן און ניט געוואָלט, ער זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט מלמדות, האָט ער דאָך ניט געוואָרפֿן זײַן אַרבעט און זיך אויך ווײַטער ניט פֿאַרגונען קיין זאַך אַחוץ דאָס נייטיקסטע, — ווײַל אַנדערע האָבן דאָס אויך ניט.

אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך איז געווען זײַן אויסערגעוויינטלעכע ליבע צו קינדער בכלל און צו זײַנע בפֿרט. ווען בײַ אים איז געשטאָרבן צו 11 יאָר אַ זון, האָט ער זײַנע זאַכן געהאַלטן אין אַ באַזונדער קעסטעלע. ביז דעם לעצטן טאָג פֿון זײַן לעבן. יעדן טאָג פֿלעגט ער אַרויסנעמען די זאַכן, זיי אַרומקוקן, אויספּוצן און ווידער באַהאַלטן.

און נאָך איין כאַראַקטעריסטישער שטריך: ער האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט קיינעם באַשווערן מיט זיך. אַ שטייגער ווען זײַן פֿרוי איז געשטאָרבן אין 1898, איז ער געבליבן אין גאַנצן אַליין: די טעכטער און דער עלטערער זון אין דער רוסישער שטאָט בריאַנסק, אַרקאַדי אין תּפֿיסה, איך בין געווען פֿאַרשיקט. ער האָט זיך באַזעצט אין אַ ווינקל בײַ פֿרעמדע

מענטשן און ניט געוואָלט פֿאָרן צו די קינדער. ענדלעך האָבן זיי בײַ אים דאָך געפּועלט. זיי זײַנען געווען גליקלעך, וואָס זייער הייס געליבטער פֿאָטער וועט כאָטש זײַנע לעצטע יאָרן לעבן ווי אַ מענטש, האָבן אַלע באַקוועמלעכקייטן, זײַן אַרומגע־רינגלט מיט ליבשאַפֿט און צערטלעכקייט. זיי האָבן פֿאַרויסגעזען יעטווידער קלייניקייט וואָס האָט געקענט אָנרירן זײַנע רעליגיעזע געפֿילן, ער האָט באַקומען עסן פֿון דעם רבֿס קיך, ניט די קינ־דער און ניט די אייניקלעך האָבן זיך ניט דערוועגט צו שטערן אים אין לערנען און אין „מײַסטרעווען".

אָבער ניט לאַנג איז ער דאָרט פֿאַרבליבן. ער האָט זיך אומגעקערט קיין ווילנע, אין זײַן עלנטן ווינקל. אים האָט געדריקט די זאָרג און מי פֿון זײַנע קינדער פֿאַר אים, און ער האָט זיי געזאָגט, אַז די סיבה פֿון זײַן צוריקפֿאָרן איז די צוגעוווינטקייט צו זײַן בית־מדרש, צו זײַן סבֿיבֿה. דאָס איז אויך געווען איינע פֿון די סיבות, אָבער די הויפּט־סיבה, ווי ער האָט מיר שפּעטער אויסגעזאָגט, איז געווען דאָס געפֿיל, אַז ער באַשווערט זײַנע קינדער. זומער 1900, ווען אַרקאַדי איז אַרויס פֿון מאָסקווער תּפֿיסה, איז ער געפֿאָרן צו מיר אין טשאַוס (מאָהילעווער גובערניע), ווו איך בין געווען פֿאַרשיקט. זײַן פֿאָטער איז צוזאַמען מיט מײַנע עלטערן געקומען אַהין, כּדי צו האָבן דעם נחת אונדז צו פֿאַרבינדן לויטן יידישן דין. איך האָב יעמאָלט געבעטן בײַ אים ווי אַ חתונה־מתּנה אַ צוזאָג, אַז ער וועט נעמען אַ צימער בײַ מײַנע עלטערן אין הויז. דאָרט וועט אים זײַן באַקוועם זיך אײַנצואָרדענען ווי ער וויל, צווישן אייגענע וועט ער אָבער ניט זײַן עלנט, און ער וועט אויך קיינעם ניט באַשווערן; די דינסט וועט אים, פֿאַר אַ געוויסער באַלוינונג, טאָן אַלץ וואָס ער וועט דאַרפֿן. ניט לײַכט איז מיר אָנגעקומען די מתּנה, אָבער דאָך האָב איך זי באַקומען, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין ווילנע, האָט ער געוווינט בײַ מײַנע אייגענע.

אָבער ווי נאָר ער האָט דערפֿילט, אַז ער ווערט שוואַך אין געזונט (ער האָט געליטן פֿון מאָגן), איז ער אין איין שיינעם פֿרימאָרגן, ניט זאָגנדיק קיינעם קיין וואָרט, אַוועק אין מושבֿ־זקנים.

ווען עס איז געקומען דער אָוונט און ער איז ניט געקומען ווי דער שטייגער איז פֿון בית־מדרש, האָבן זיך מײַנע אייגענע זייער דערשראָקן און זײַנען געלאָפֿן אים אומעטום זוכן, אָבער אין ערגעץ האָבן זיי אים ניט געפֿונען. אויף צו מאָרגנס פֿרי איז זיי אײַנגעפֿאַלן צו גיין פֿרעגן אין מושבֿ־זקנים, ווו זיי האָבן אים טאַקע געפֿונען. אויף קיין אופֿן האָט ער זיך ניט געוואָלט אומקערן אַהיים: ער איז ניט בעסער ווי אַנדערע, ער דאַרף זײַן דאָרט, ווו עס געפֿינען זיך אַנדערע אין זײַן לאַגע. מײַנע אייגענע האָבן באַלד טעלעגראַפֿירט צו די קינדער, און ווען זיי האָבן אים געבראַכט די טעלעגראַם, אַז די קינדער זײַנען אַרויסגעפֿאָרן קיין ווילנע, איז ער ערשט מרוצה געוואָרן צוריק־צוקומען אַהיים, כּדי ניט מצער צו זײַן די קינדער. ער איז געלעגן קראַנק אַ קורצע צײַט, אַרומגערינגלט מיט זאָרג און ליבע פֿון זײַנע צוויי טעכטער און פֿון זון. געשטאָרבן איז ער אין 1902.

מען וואָלט געדאַרפֿט האָבן די פֿעדער פֿון אַ טאַלענטירטן דיכטער צו געבן אַ פֿולקום בילד פֿון דעם זעלטענעם מענטשן מיט דער גרויסער איידעלער נשמה, וועמענס ליכטיקע געשטאַלט איז געבליבן און וועט בלײַבן אין זכּרון פֿון יעדערן ווער עס האָט אים געקענט.

די מוטער

די מוטער אַרקאַדיס איז געווען סײַ פֿיזיש סײַ גײַסטיק אַ פֿולער קאָנטראַסט צו זײַן פֿאָטער. זי איז געווען אַ הויכע, אַ דיקע, אַ טונקעלע ברונעטין מיט שוואַרצע אויגן, פֿון וועלכע עס האָט אַרויסגעשפּרודלט גוטמוטיקער הומאָר. זי איז געווען אַ האַרציקע, פֿאָלקסטימלעכע פֿרוי, האָט פֿאַרמאָגט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און אַ גלײַכן שׂכל. נאָר אויף וויפֿל דער פֿאָטער איז געווען מילד און קינדיש, אויף אַזוי פֿיל איז זי געווען בײַסיק, איראָניש און שנײַדיק: זי פֿלעגט ווי אָפּבריִען, געבן אַ שניט ווי מיט אַ מעסער.

זי האָט געשטאַמט פֿון גרעסטן ייִחוס: פֿון אַן אָפּצווײַג פֿון ווילנער גאון. זי האָט זיך געהאָדעוועט אין אַ פֿאַרמעגלעכער

פאַמיליע און האָט איר גאַנץ לעבן ניט געקענט שלום מאַכן מיט דער אביונישקייט, איז געווען ניט צופרידן און אָפט פאַרביטערט. זי האָט זיך באַצויגן סקעפּטיש צו איר מאַנס קוק אויפן לעבן און פלעגט זיך זייער גראָטן וויצלען איבער אים. נאָר וואָס זיי האָבן געהאַט שותּפותדיקס איז געווען די גוטהאַרציקייט, די אויסערגעוויינטלעכע ליבע צו זייערע קינדער און די קלוגשאַפט. זי האָט געהאַט אַ געבאָרענע קלוגשאַפט, און דאָס וואָס איר האָט געפעלט אין אַנטוויקלונג פלעגט זי דערגאַנצן מיט איר געזונטן שׂכל.

דאָס ליבסטע קינד איז געווען בײַ איר דער יינגסטער, דער מוזיניק — „אַרעטשקע", ווי זי פלעגט אים רופן. זי האָט געהאַלטן, אַז ער איז דער בעסטער און דער קליגסטער ניט נאָר צווישן אירע קינדער, נאָר בכלל. אַלץ וואָס ער פלעגט זאָגן איז בײַ איר געווען הייליק. זי האָט ניט פאַרשטאַנען זײַנע אידעען, אָבער איר געזונטער חוש האָט איר דיקטירט מיטגעפיל צו אַלץ וואָס ער האָט געטאָן. ווען אַרקאַדי האָט זיך אָפּגעגעבן אין גאַנצן דער באַוועגונג און פלעגט זײַן פאַרנומען ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָפט ביז איינס, צוויי פאַר טאָג, פלעגט זי ניט גיין שלאָפן ביז ער פלעגט קומען, כּדי אים צו געבן הייסן טיי און וואַרעם עסן. איר ליבע צו אים איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ווען מען איז געקומען אים אַרעסטירן און זי האָט דערזען ווי מען פירט אים אונטער אַ וואַך, איז זי בײַם אַרויסגיין אים באַגלייטן געפאַלן און האָט באַקומען אַן אַטאַק פון טיילווײַזן פאַראַליז, פון וועלכן זי איז שוין ניט אויפגעשטאַנען. זי איז אָפּגעלעגן זעקס יאָר פאַראַליזירט און איז געשטאָרבן גלײַך נאָכן זובאַטאָוו-אַרעסט (יולי 1898).

וועגן אַרקאַדיס שוועסטער איז דאָ צו זאָגן ווייניק כאַראַקטעריסטיש: זיי זײַנען אַלע געווען גוטע, זייער קלוגע, און אויב זיי האָבן אַקטיוו ניט אָנטיילגענומען אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף, זײַנען זיי פאָרט אַלע דרײַ געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט און מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן געזעלשאַפטלעכן חוש. אַ יוצא-מן-הכּלל איז זײַן עלטערער ברודער (איין ברודער איז געשטאָרבן

צו 11 יאָר). ער האָט זיך געלערנט אין ווילנער לערער־אינסטיטוט, געווען אַ צײַט אַ לערער, דערנאָך געוואָרפן לערערײַ און שטודירט פאַרמאַציע, געענדיקט פּראָוויזאָר און געאַרבעט אין דעם פאַך. ער האָט ניט געהאַט קיין געזעלשאַפטלעכן חוש, געווען אַ גרויסער עגאָיסט, ליב געהאַט גוט צו לעבן, אַזוי אַז מען פלעגט אויף אים זאָגן, אַז ער איז „גאָרניט פון קרעמערס פאַמיליע".

אַרקאַדיס יונגע יאָרן

ביז 12 יאָר איז אַרקאַדי געווען בײַ זײַנע עלטערן אין סוועציאַן, געלערנט אין „אויעזדנאָיע אוטשילישטשע" און געענדיקט זי. זײַן קינדהייט האָט ער פאַרבראַכט ניט געהויבן, געלעבט אין דחקות, געגעסן „ברויט מיט לעקעך": דאָס זעלבע שטיקל שוואַרץ ברויט איז אין איין האַנט געווען ברויט און אין דער צווייטער לעקעך. אַזוי ווי ער איז געווען דער יינגסטער, איז ער געקומען אויף דער וועלט, ווען זײַנע צוויי שוועסטער און דער ברודער האָבן שוין געלערנט אין דער פרעמד: די צוויי שוועסטער אין פעטערבורג, דער ברודער אין לערער־אינסטיטוט. די עלטערן האָבן געדאַרפט שטיצן די קינדער אין פעטערבורג, און אַזוי ווי זײַן פאָטער האָט ווי אַ לערער אין „אויעזדנאָיע אוטשילישטשע" פאַרדינט אין גאַנצן 23 רובל אַ חודש און פון זײַן מלמדות אין דער היים נאָך עטלעכע גראָשן, איז זייער בודזשעט געווען זייער אַ באַגרענעצטער: האָט זיך די לעצטע צוויי קינדער—זײַן שוועסטער סאַשען, וואָס זי איז מיט אָנדערט־האַלבן יאָר עלטער פון אַרקאַדין, און אַרקאַדין — געלעבט זייער שלעכט. אַחוץ דעם שטיקל ברויט, און דאָס אויך ניט אַלע מאָל צו דער זאַט, און פאַסטנע זופּ האָבן זיי ווייניק וואָס געהאַט. וועגן אַ קלייד, אַ שוך האָט מען נאָר געקענט טרוימען. אַרקאַדי פלעגט דערציילן, אַז אַ גרויסע געשעעניש אין זײַן קינדערשן לעבן איז געווען די דאַטע פון 11 יאָר: יעמאָלט האָט מען אים געמאַכט די ערשטע פּאָר שיך, – זײַנען זיי אָבער געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי זײַנע פיס, ווײַל מען האָט עס געמאַכט אויף

צו וואַקסן און צו קווען – און אַ נײַ היטל, אין וועלכן זײַן קאָפּ האָט זיך באַהאַלטן. נאָר ער איז געווען גליקלעך און שטאָלץ, ווײַל אין שול פֿלעגט מען אָפּלאַכן פֿון זײַן הילוך, — ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין גאַנצן שוך און מלבוש. צי האָט ער געהאַט חבֿרים אין זײַנע קינדערשע יאָרן, האָט ער קיין מאָל ניט דערציילט, ער האָט גערעדט נאָר. וועגן זײַן שוועסטער סאַשע ווי אַ חבֿרטע פֿון זײַן קינדהייט.

אַז ער האָט געענדיקט די „אויעזדנאָיע אוטשילישטשע", האָט מען אים אַוועקגעשיקט קיין ווילנע עקזאַמענירן זיך אין רעאַלשול. אין ווילנע האָט ער געהאַט אַ פֿעטער, דעם פֿאָטערס אַ ברודער, אַ ייִד אַן אָרעמאַן, אַ בעל־מטופּל מיט טעכטער. ער האָט געהאַט אויפֿן שולהויף אַ קראָם פֿון ספֿרים. ווען אַרקאַדי האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און אָנגעקומען אין רעאַלשול, האָט אים דער פֿעטער באַזאָרגט מיט אַ „קוואַרטיר".

דאָס איז געווען אויף זאַוואַלנע גאַס אין „בלעכעלעס הויף" (איצט נומ׳ 31). דאָרט האָט אין אַן איינצימערדיקער דירה געוווינט אַ קלעזמער מיט זײַן פֿרוי און אַ קינד אין וויג. דאָרט טאַקע אין דעם ווינקל, וווּ עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע, איז אויף אַ סעניק געשלאָפֿן אַרקאַדי. אַלץ וואָס ער האָט געדאַרפֿט צום לערנען, זײַנע ביכלעך און העפֿטן, איז געלעגן אויף דעם פֿענצטער, בײַ וועלכן עס איז געשטאַנען אַ שטול, און דאָרט פֿלעגט דער „קוואַרטיראַנט" פֿאַרברענגען זײַן גאַנצע צײַט נאָך דער שול.

איך געדענק ווי הײַנט מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט אַרקאַדין אין דער דאָזיקער דירה. מײַנע עלטערן האָבן געוווינט פּונקט אַנטקעגן דעם קלעזמער. ער פֿלעגט אָפֿט צו אונדז אַרײַנקומען, און איין מאָל האָט ער אונדז דערציילט וועגן זײַן „מאָדנעם" לאָקאַטאָר: זיצט שטענדיק נאָך דער שול איינער אַליין, מיט אַ בלײַער אין האַנט, פֿאַרטראַכט, רעדט זייער ווייניק, כּמעט גאָרניט; ווי דאָס קינד הייבט אָן צו וויינען, לויפֿט ער אַרויס פֿון שטוב. פֿון צײַט צו צײַט שפּילט ער זיך מיט דעם קעצעלע, און יעמאָלט לאַכט ער אויפֿן קול. קיינער קומט צו אים ניט, ניט קיין חבֿרים, ניט קיין פֿרײַנד. פֿון צײַט צו צײַט באַקומט

ער פֿון דער היים, פֿון סוועניציאַן, אַ קליין „פּעקל״. ווען ער עסט, ווי ער עסט ווייס קיינער ניט.

דערבײַ האָט ער צוגעגעבן: ער איז אַזוי אומעטיק שטענ־דיק, אַז מיר קענען עס פּשוט ניט צוזען; און ווענדנדיק זיך צו מיר, האָט ער געזאָגט: דו ביסט דאָך אַזאַ פֿריילעכע, אַ לאַכערקע, אפֿשר וואָלסטו זיך מיט אים באַקענען – וועט אים אפֿשר פֿריילעכער זײַן.

נאָך דעם שמועס בין איך איין מאָל אַרײַן צו די שכנים און דערזען: אין ווינקל בײַם פֿענצטער זיצט אַ בחור, זייער אָרעם אָנגעטאָן, אַ בלאַסער, מיט אַ שיינעם געקרײַזלטן קאָפּ, טונקל ברוינע פֿאַרחלומטע אויגן, מיט אַ בלײַער אין האַנט און אַ העפֿט אויף די קני. בײַ מײַן אַרײַנגיין האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, מיך באַטראַכט מיט אומצוטרוי און נײַגעריקייט. איך בין צוגעגאַנגען צו אים, געפֿרעגט אים זײַן נאָמען, ווי ער לערנט זיך, און באַלד אַרויסגעשאָסן: איי ווי פֿינצטער דאָ איז, קום צו אונדז, בײַ אונדז איז ליכטיק און שיין. ער האָט אויף מיר שפּאָטיש אַ קוק געטאָן מיט זײַנע דורכדרינגענדיקע אויגן, און טרויעריק אַרויסגערעדט:

— זאָג מיר, דו האָסט ווען געזען, ווי אָרעמע קינדער לעבן?

איך בין געבליבן פֿאַרשעמט, טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן, און איך האָב שוין געוומען גיין. ער האָט מיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט: „וואַרט, גיי ניט אַוועק, איך וויל מיט דיר ריידן, אפֿשר וועסטו פֿאַרשטיין״.

נאָך דער דירה האָט ער געהאַט אַ דירה אויפֿן ראָג רוד־ניצקער און דײַטשע; דאָרטן האָט ער שוין געהאַט אַ טאַפּטשאַן אויף צו שלאָפֿן און אַ טישל ווי צו לערנען. נאָר ברויט צו זאַט האָט ער דאָ אויך ניט געהאַט. דאָך האָט זיך אים געלעבט בעסער: ער האָט שוין געהאַט חברים, פֿלעגט אַרײַנקומען צו זיי אין הויז, און אין אַ פֿרײַנדלעכער סבֿיבֿה פֿלעגט ער זיך דערוואַרעמען נאָך זײַן קאַלטן עלנטן ווינקל.

יוסף קרעמער
ארקאַדיס פאָטער

שיינע קרעמער
ארקאַדיס מוטער

גאָר גוטע פֿרײַנד איז ער געוואָרן מיט דער פֿאַמיליע פֿייגענזאָן. דאָרט זײַנען געווען צוויי זין שילערס — זײַנע חבֿרים און זייערע שוועסטער, פֿריילעכע גוטע מיידלעך, אויך שילערינס פֿון גימנאַזיע. דער פֿאָטער, דער אַלעמען באַקאַנטער משׂכּיל און אײראָפּעיִש געבילדעטער מענטש, איז געווען זייער אַ גוטער, אַ גאַסטפֿרײַנדלעכער. אַרקאַדין האָט ער ליב באַקומען און פֿלעגט אים אָפֿט פֿאַרבעטן צו מיטאָג, אָבער זעלטן ווען אַרקאַדי פֿלעגט דאָס אָננעמען. די פֿרוי פֿייגענזאָן איז געווען אַ שלעכטער און גראָבער מענטש, קבצנים האָט זי האָלט געהאַט פֿון ווײַטן. אַרקאַדי איז געווען זייער אַ שפּירעוודיקער, און כאָטש זי האָט קיין מאָל ניט אַרויסגעוויזן אויס מורא פֿאַר די קינדער איר אומצופֿרידנקייט, האָט ער דאָך דאָס געפֿילט, — פֿלעגט ער זיך דעריבער אָפּזאָגן דאָרט צו עסן. אָבער אין שול פֿלעגן די קינדער שטענדיק זיך טיילן מיט אים מיט זייער פֿרישטיק (ריכטיקער, זיי פֿלעגן אים אָפּגעבן אין גאַנצן), אַזוי אַז איין מאָל אין טאָג האָט ער געוויס געהאַט צו עסן.

אין אַ געוויסער צײַט אַרום, גענוי געדענק איך ניט ווען, איז געקומען פֿון פּעטערבורג זײַן שוועסטער בערטע. זי האָט געענדיקט אַקושעריע און געקומען פּראַקטיקירן אין ווילנע. זיי האָבן געדונגען אַ דירה, אַ צימער מיט אַ קיך, אויף באָווי שוויאַט אַנטקעגן מאַכלעס חתונה־הײַזער. זי האָט אַרויסגעהאַנגען אַ שילד און געוואַרט אויף פּראַקטיק. צום באַדויערן איז די פּראַקטיק ניט געקומען, און זיי האָבן ביידע געהונגערט. אַרקאַדי האָט מיר דערציילט פֿון יענעם פּעריאָד, אַז זייער אָפֿט פֿלעגט ער קומענדיק פֿון שול מאַכן די לעקציעס און באַלד גיין שלאָפֿן, כּדי ניט צו פֿילן דעם הונגער און די קעלט.

ער האָט שוין יעמאָלט געהאַט אַפֿילו אַ לעקציע, אָבער מען האָט געדאַרפֿט צאָלן פֿאַר דער דירה, און פֿון דער היים האָט מען זיי שוין יעמאָלט ניט געקענט שטיצן: דער פֿאָטער האָט פֿאַרלאָרן זײַן שטעלע אין שול, און פֿון מלמדות האָט מען קוים געהאַט ברויט פֿאַר זיך און סאַשען. פֿון צײַט צו צײַט

פלעגט אַרקאַדי גייענדיק פון שול אַרײַנגיין צו זײַן אָרעמען פעטער אויפן שולהויף. יענער פלעגט פון דאָס לעצטע אים קויפן אַ לעבל ברויט און געבן אַ זעקסער (דרײַ קאָפּיקעס). פאַר דעם זעקסער פלעגט מען אײַנקויפן אַל דאָס גוטס: פאַר אַ פירער (צוויי קאָפּיקעס) טיי, צוקער און „קיפּיאַטאָק" (זודיק וואַסער) און פאַר צוויי גראָשן הערינג, — איז די סעודה געווען גרייט. כאַראַקטעריסטיש איז געווען די באַציִונג פון ברודער וואָס האָט זיך געלערנט אין לערער־אינסטיטוט. ער האָט געלעבט אויף אַלעם פאַרטיקן און נאָך געהאַט לעקציעס אויך; דאָך האָט ער ניט געטראַכט וועגן דעם, אַז זײַן שוועסטער און ברודער זיצן אָן ברויט. אַ מאָל אין צוויי אָדער דרײַ וואָכן פלעגט ער קומען זיי זען און ברענגען זיי „פּיראָזשנעס". אַרקאַדי האָט מיר וועגן דעם דערציילט און צוגעגעבן:

— אָט דאָס איז די פּסיכאָלאָגיע פון די זאַטע.

נאָך אָט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע געשעעניש אין אַרקאַדיס לעבן: זײַנע עלטערן זײַנען אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע. געשען איז דאָס אויף אַזאַ אופן: אַ געוויסע פאַמיליע פראַנקפורט (די עלטערן פון דעם שפּעטערדיקן פּראָפעסאָר סאָלאָמאָן פראַנק־פורט פון בערלין) האָבן אַרענדירט אַ גוט און געוווינט אויף אַ ייִשוב. די קינדער האָבן זיך געדאַרפט אָנהייבן לערנען, האָט מען פאָרגעלייגט אַרקאַדיס פאָטער, ער זאָל אַריבערפאָרן קיין ווילנע און נעמען זייערע קינדער צו זיך פאַר פּענסיאָנאַרן, זיי דערציִען, זיי לערנען און צוגרייטן זיי צו גימנאַזיע אָדער רעאַלשול, און אויך לערנען מיט זיי לשון־קודש. מען האָט זיי געדונגען אַ דירה, אײַנגעקויפט דאָס נייטיקע מעבל און אויף אַזאַ אופן אײַנגעאָרדנט. די דירה איז געווען אויף זאַוואַלנע גאַס, אין גאָרדאָנס הויף (איצט נומ׳ 25) אויפן דריטן גאָרן.

איצט האָט זיך פאַר אַרקאַדין אָנגעהויבן אַ נײַ לעבן. ניט נאָר האָט ער געהאַט ברויט צו זאַט, נאָר אַ וואַרעם געקעכטס יעדן טאָג; ער האָט אַפילו געהאַט אַ צימערל פאַר זיך. אמת, אַ קליין בוידעם־צימערל, אַרויפצוגיין אויף טרעפּלעך פון זייער וווינונג; אַ צימערל מיט אַ פענצטערל אויפן דאַך, מיט קנאַפּ

לופט, – אָבער פּאָרט אַ צימערל פֿאַר זיך, מיט אַ טישל, אַ שטול און אַ טאַפּטשאַן. אין דעם צימערל פֿלעג איך אָפֿט געפֿינען אַרקאַדין זיצנדיק ביַי זײַן טישל מיט אַ בליַיער אין האַנט, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. ער פֿלעגט אַזוי זיצן און טראַכטן שעהען לאַנג. און עס קומט מיר אַרויף דער געדאַנק:

צי האָט ער שוין דאַן די פֿעדעם געוועבט
פֿון זײַן קינפֿטיקן הייליקן לעבן;
צי האָט אויך שוין דאַן זײַן נשמה געשטרעבט
גליק פֿאַר די ליַידנדע געבן? — — —

ווער ווייס?

אין דעם פּעריאָד פֿון זײַן יוגנט־לעבן האָט ער שוין געלייענט זייער פֿיל ליטעראַטור, קריטיק, זיך אינטערעסירט מיט געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגעס, דיסקוטירט. נאָך יעמאָלט האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גרויסע קראַפֿט בײַם דיסקוטירן, אַן אײַזערנע לאָגיק, אַ בײַסיקע איראָניע.

די לעצטע יאָרן אין רעאַלשול

זאָט איז ער שוין יעמאָלט געווען, אָבער ער האָט פּאָרט שטאַרק געליטן פֿון דעם וואָס ער איז געווען זייער שלעכט אָנגעטאָן: ער האָט שוין געהאַט לעקציעס, פֿלעגט גיין צווישן מענטשן און האָט קיין מאָל ניט געקענט אויסטאָן זײַן מונדיר־מאַנטל; ער האָט מורא געהאַט, זיך געשעמט פֿאַר די לאַטעס פֿון זײַן קאָסטיום. ווען די חבֿרים פֿלעגן שפּרינגען און טאַנצן, פֿלעגט ער בלײַבן זיצן ווי צוגעשמידט צו זײַן שטול, ניט דערוועגן זיך אַ ריר טאָן. זײַן שוועסטער סאָשע און איך האָבן אים זייער מיטגעפֿילט און געליטן מיט אים צוזאַמען. מיר האָבן געזוכט אַלערליי פּלענער, ווי אַזוי אים צו באַפֿרײַען פֿון אָט די ליידן. קודם־כּל דאַרף מען אַ גאַנצן שוך. ער קען זיך פֿאַרקילן, קראַנק ווערן. אָבער ווי מיר פֿלעגן נאָר פּרוּוון מיט אים ריידן וועגן קויפֿן אַ פּאָר נײַע שיך, פֿלעגט ער ווערן בייז: ווי אַזוי קענען מיר גאָר טראַכטן אויסצוגעבן אַזוי פֿיל געלט פֿאַר אים אַליין.

האָבן מיר אַרײַנגענומען אין אונדזער פֿאַרשווערונג – ניט אַנדערש צו קויפֿן שיך – זײַן מוטער. איך בין געפֿאַלן אויף אַ המצאה. מיר האָבן געהאַט אַ הויזשוסטער, יאָרן לאַנג האָט ער פֿאַר אונדז געאַרבעט, – אַ מענטש זייער אַ ליבער און אַן אויסגעצייכנטער בעל־מלאָכה. אים האָב איך פֿאַרטרויט מײַן זאָרג און געפֿרעגט אַן עצה. ער האָט מיר געהייסן ברענגען אַרקאַדיס אַלטע שיך. צו ערשט וועט ער זיי לײַטיש פֿאַרריכטן און דערנאָך לויט זייער מאָס מאַכן אַ פּאָר שיך, גוטע, שטאַרקע און עלעגאַנטע, „ווי פֿאַר אַ מיליאָנערסקן זון". דאָס וועט הייסן שיך וואָס זײַנען אַראָפּ פֿון מאָס: דער קונה האָט געלאָזן פֿאַלן האַנטגעלט, און דעריבער פֿאַרקויפֿן זיך די שיך שפּאָט ביליק. אַזוי ווי די מוטער איז געווען מיט אונדז, איז די זאַך דורכגעפֿירט געוואָרן זייער גלאַטיק. אַפֿילו דער פֿאָטער איז באַשטאַנען, אַז מען טאָר ניט אַרויסלאָזן אַזאַ מציאה.

איצט איז פֿאַר אונדז געשטאַנען די האַרבע פֿראַגע וועגן אַ קאָסטיום. ווי טוט מען? דאָס איז דאָך ווי אויפֿצוהייבן אַ מויער. און דאָ איז דער בלינדער צופֿאַל געקומען אונדז צו הילף. בײַ די פֿייגענזאָנס האָט מען פֿאַר איינעם פֿון די זין, אַרקאַדיס חבֿר, אויפֿגענייט אַ קאָסטיום און אַזוי אים פֿאַרשמעלט, אַז עס איז אוממיגלעך געווען צו פֿאַרריכטן. האָב איך געבעטן אַרקאַדיס חבֿר (מײַן שוועסטערקינד), ער זאָל אײַנריידן אַרקאַדין, ער זאָל אָנמעסטן דעם קאָסטיום. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף אַרקאַדין איז ער געווען ניט שלעכט, מען האָט נאָר געדאַרפֿט פֿאַרקירצן די אַרבל (אַרקאַדי האָט טאַקע געהאַט קורצע הענט) און נאָך איניקע קלייניקייטן פֿאַרריכטן. דאָ האָב איך זיך גענומען צו דער פֿרוי פֿייגענזאָן, מײַן מומען, זי זאָל פֿאַרקויפֿן דעם קאָסטיום פֿאַר אַרקאַדין. זי האָט פֿון אָנהייב גאָר ניט געוואָלט הערן: „זע נאָר, אַזאַ קבצן, ווי קומט ער צו אַזאַ טײַערן קאָסטיום, ווו וועט ער נעמען צו באַצאָלן". איך האָב איר פֿאַרזיכערט, אַז עס וועט זײַן באַצאָלט ביז אַ גראָשן – ניט מיט אַ מאָל פֿאַרשטייט זיך, נאָר ביסלעכווײַז. ווי איך האָב שוין פֿריִער באַטאָנט, איז זי געווען זייער אַ שלעכטער מענטש, נאָר

צום גליק האָט זי געהאַט צו מיר אַ שוואַכקייט און אַן אומבאַ־גרענעצטן צוטרוי, און אַז איך האָב געזאָגט, אַז איך גאַראַנטיר, אַז עס וועט זײַן אײַנגעצאָלט, האָט זי מיר דעם קאָסטיום אָפּגעגעבן.

דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע מלחמה מיט אַרקאַדין. אין דעם פֿאַל האָבן מיר שוין געזען צו געווינען אויף אונדזער זײַט דעם פֿאָטער אויך (די מוטער איז סײַ ווי געווען מיט אונדז). ווען איך האָב געזען, אַז עס איז שווער צו געווינען די שלאַכט מיטן פֿאָטער, בין איך אַרויס מיט אַן אַרגומענט וואָס האָט גלײַך געהאָלפֿן: איך האָב דערציילט דעם פֿאָטער, אַז ווען מיר קומען זיך צוזאַמען בײַ די פֿייגענזאָנס, זיצט אַרקאַדי שטענדיק אין מאַנטל און רירט זיך ניט פֿון אָרט — ער שעמט זיך פֿאַר די לאַטעס... דאָס האָט באַשלאָסן די פֿראַגע: אַרקאַדי לײַדט פֿון דעם — טאָר מען דאָס מער ניט דערלאָזן.

סײַ די שיך, סײַ דעם קאָסטיום האָט אַרקאַדי געהאַט אויף לאַנגע יאָרן; ווען ער איז אין פּעטערבורג געווען אַ סטודענט, האָבן זיי אים נאָך אויך געדינט.

ביז אַרקאַדי האָט געענדיקט די רעאַלשול, איז זײַן לעבן דורכגעגאַנגען אין אַרבעט פֿאַר דער שול, אין לייענען, אין צונויפֿקומען זיך מיט שול־חבֿרים. חוץ דעם האָט ער געגעבן לעקציעס אי פֿאַר געלט, אי אומזיסטע. די לעצטע זײַנען געווען לעקציעס מיט ישיבֿה־בחורים וואָס פֿלעגן קומען פֿון די קליינע שטעטלעך. מען האָט געמאַכט פֿון זיי קרײַזלעך און געלערנט מיט זיי וועלטלעכע לימודים; אַרקאַדי האָט געלערנט מיט זיי מאַטעמאַטיק, אָבער ווי מיר האָט דערציילט ניט לאַנג די פֿרוי פֿון זײַנעם אַן אַמאָליקן שילער (דענטיסט בלאָך), האָט אַרקאַדי ניט נאָר געלערנט מאַטעמאַטיק, נאָר ער האָט זיי דערצויגן, ער האָט זיי געגעבן אַ נײַעם קוק אויף דער וועלט, ער האָט אין זיי אַנטוויקלט די מאָראַלישע קראַפֿט וואָס האָט זיי געהאָלפֿן אַראָפּוואַרפֿן דעם גאַנצן שימל פֿון חדר און פֿון די פֿאַראורטיילן פֿון זייער קליינשטעטלדיקער סבֿיבֿה, ער האָט זיי אין גאַנצן איבערגעבויט.

דער זעלבער דענטיסט בלאָך, — ער איז געשטאָרבן מיט צען מאָנאַטן פריִער פאַר אַרקאַדין — איז געווען די לעצטע יאָרן, ווי פיל אַנדערע היימיקע סאָציאַליסטן, „רויט״ געשטימט. ער פלעגט קומען צו אַרקאַדין, ווען אַרקאַדי איז שוין געווען זייער קראַנק, און פירן דיסקוסיעס. אַרקאַדי פלעגט לויט זײַן געוויינהייט זייער בײַסיק־איראָניש קריטיקירן די „היימיקע סאָציאַליסטן״ און אָפט מאָל אַזוי באַליידיקנדיק אָנגרײַפן, אַז איך פלעג ניט קענען צוזען, ווי יענער לײַדט דערפון. מיט די אויגן פלעג איך בעטן אַרקאַדין, אים באַרויִקן, און עס איז געננג געווען, אַרקאַדי זאָל אויף אים אַ קוק טאָן מיט זײַן ליב־לעכן בליק, אַז יענער זאָל אויפשײַנען און פאַרגעסן וועגן אַלץ. די פרוי בלאָך האָט מיר דערציילט, אַז איר מאַן פלעגט מיט איר ריידן זייער פיל וועגן אַרקאַדיס אײַנפלוס אויף די אַלע ישיבֿה־בחורים פון זײַן צײַט. אַרקאַדי איז געווען מערניט מיט עטלעכע יאָר עלטער פון זיי, נאָר די ווירקונג פון זײַן פער־זענלעכקייט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן אים אַלע פאַרגעטערט. אַרקאַדי איז נאָך יעמאָלט געווען ווײַט פון סאָציאַ־ליסטישע אידעען, אָבער ניט ווויסנדיק אַליין דערפון, איז ער געווען אַן אמתער סאָציאַליסט, — ניט קיין געוואָרענער לויט דער סאָציאַליסטישער לערע, נאָר אַ געבאָרענער סאָציאַליסט לויט זײַנע אידעאַלן פון אמת און גערעכטיקייט, וועלכע ער האָט אָנגעווענדט אין זײַן פערזענלעכן לעבן. אָנערקענט האָט זיך אַרקאַדי פאַר אַ סאָציאַליסט מיט פיל יאָרן שפּעטער, ווען ער איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

איצט וועל איך איבערגעבן לויט אַרקאַדיס אייגענע נאָטיצן וועגן זײַן לעבן נאָך דער שול, דערגאַנצנדיק זיי מיט עפּיזאָדן וועלכע איך וועל זיך דערמאָנען. (ווען ער האָט געשריבן די נאָטיצן ווייס איך ניט, נאָר זיכער אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן.)

די סטודענטישע יאָרן

„אויף דער שולבאַנק, איידער איך האָב געענדיקט די רעאַלשול, האָב איך קיין שייכות ניט געהאַט צו געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט, סיידן מען זאָל רעכענען די אומזיסטע לעקציעס וועלכע איך האָב געגעבן, דוכט זיך פון מאַטעמאַטיק, אין קרייזלעך פון יונגע ישיבה־בחורים. די קרייזלעך האָט צוזאַמענ־געקליבן מיין שול־חבר נאָטקין.

„נאָכן ענדיקן די רעאַלשול בין איך אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג, ווו איך בין אָנגעקומען אין טעכנאָלאָגישן אינסטי־טוט. דעם ערשטן יאָר האָב איך פאַרבראַכט מיין צייט טיילווייז אין אינסטיטוט, טיילווייז אויף לערנען זיך אין דער היים, און די איבעריקע צייט אין שמועסן מיט אַנדערע סטודענטן וועגן פאַרשיידענע זאַכן. אָפט פלעג איך גאַנצענע נעכט אין די גרעסטע פרעסט אָפּשטיין ביים טעאַטער, כּדי צו באַקומען אַ בילעט פאַר 10 קאָפּיקעס אויף אַ רוסישער אָפּערע: איך פלעג אַוועקגיין אַ זייגער 11–12 ביי נאַכט און אָפּשטיין ביז 8 אין דער פרי, ווען מען פלעגט עפענען די קאַסע. אָרעם בין איך געווען ווי איוב, געלעבט פאַר 10 רובל אַ חודש, מיטאָג עסן פלעגט זיך איינגעבן אין בעסטן פאַל איין מאָל אַ וואָך, און דאָס אויך אין דער סטודענטישער קיך פאַר 10 קאָפּיקעס אַ טע־לער זופּ מיט פלייש.

„דעם צווייטן יאָר האָב איך שוין געוווינט צוזאַמען מיט מיין חבר נאָטקין. אין דער צייט זיינען געקומען קיין פעטערבורג אויך מיין שוועסטער און פאַטי. ביידע האָבן געהאַט אַן ערך די זעלבע רעסורסן ווי איך. מיר האָבן געדונגען אַ דירה פון 4–3 צימערן און האָבן זיך באַזעצט אַלע פיר צוזאַמען. נאָטקין האָט באַקומען פון דער היים אַ סך מער. מיר האָבן געלעבט אַ מחיה: געקאָכט אין דער היים מיטאָג יעדן טאָג, געוואַשן דאָס געפעס יעדערער לויט זיין ריי, געווען זאַט און פריילעך.״

צו דער נאָטיץ אַרקאַדיס מוז איך צוגעבן אַן עפּיזאָד וואָס איז פאַר אים זייער כאַראַקטעריסטיש. דעם זומער נאָך

זײַן ערשטן לערניאָר אין אינסטיטוט איז ער געבליבן אין פּעטערבורג, ניט געפֿאָרן אַהיים אויף וואַקאַציעס: ער האָט באַקומען אַ קאָנדיציע בײַ אַ רײַכן מאַן ווי אַ לערער פֿאַר זײַנע צוויי קינדער. אַז סאַשע און איך זײַנען געקומען צו פֿאָרן, זײַנען מיר גלײַך אַוועק זען אַרקאַדין. ער האָט געהאַט אַ צימער מיט די שילערס זײַנע צוזאַמען. כּדי אַרײַנצוקומען אין זײַן צימער, האָט מען געדאַרפֿט דורכגיין דורכן עסצימער. עס איז געווען אין דער פֿרי, דער בעל־הבית איז געזעסן בײַם סאַמאָוואַר אין „נעגלישע". די דינסט וואָס האָט געעפֿנט די טיר האָט איבערגעגעבן דעם בעל־הבית, אַז צום לערער זײַנען געקומען צוויי פֿרײַלינס. „לאָז זיי אַרײַן", האָט ער באַפֿוילן. מיר זײַנען פֿאַרשעמטע דורכגעגאַנגען דעם עסצימער. אַז אַרקאַדי האָט אונדז געעפֿנט זײַן טיר און דערזען די פּאָזע פֿון זײַן בעל־הבית, איז ער געוואָרן אַן אָנגעצונדענער. ער האָט אויף גיך אונדז אָפּגעפֿאַרטיקט, און ווי נאָר מיר זײַנען אַרויס, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן מיט געבײַלטע פֿויסטן צום בעל־הבית: „צי וואָלט איר זיך דערלויבט אין דער פּאָזע צו באַגעגענען פֿרײַלינס פֿון אײַער פּאַראַפֿיע?" ער האָט אים אויסגעזידלט מיט ווערטער ניט צום דרוקן, באַלד אײַנגעפּאַקט זײַנע זאַכן און פֿאַרלאָזן די קאָנדיציע.

יעמאָלט האָט זיך עס אָנגעהויבן אונדזער לעבן אין קאָמונע, וועגן וועלכן אַרקאַדי רעדט אין זײַנע נאָטיצן. דאָס לעבן אין דער קאָמונע איז געווען זייער אינטערעסאַנט. מען האָט געפּיבערט, ניט געלעבט. דעם גאַנצן טאָג די יונגע־לײַט אין אינסטיטוט, מיר אין דער שול פֿאַר דענטיסטיק. אין אָוונט זייגער 7–8 אַלע אין דער היים בײַם סאַמאָוואַר מיט דעם שוואַרצן ברויט און דעם ציגלטיי וואָס האָט געהאַט דעם ליבן טעם פֿון ליים. מען האָט זיך דערציילט די נײַס פֿון טאָג, געלייענט, אַנאַליזירט, דיסקוטירט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מיר האָבן יעמאָלט געוואָלט פֿאַרענטפֿערן אַלע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, און פֿאַרענטפֿערן זיי אַליין מיט אייגענע כּוחות. קיין ריכטליניע האָבן מיר ניט געהאַט, מיר האָבן ווי בלינדע געטאַפּט אין דער פֿינצטער. אונדזערע פּלענער זײַנען

געווען איינער פֿאַנטאַסטישער פֿון צווייטן. און דאָ דערמאָן איך זיך איין עפּיזאָד וואָס האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ רושם, אַז מײַן גאַנץ לעבן האָב איך אים ניט פֿאַרגעסן. פֿון אַלע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען איז די אָנגעווייטאָגטסטע פֿאַר אונדז געווען די פּראָבלעם פֿון פּראָסטיטוציע. ווי אַזוי פֿאַרענטפֿערט מען די פֿראַגע? ווי אַזוי שאַפֿט מען אָפּ אָט די טרויעריקסטע און שרעקלעכסטע אומגערעכטיקייט?

זייער פֿיל פּלענער האָבן מיר געבויט און אָפּגעשטעלט זיך אויף דעם, אַז מען דאַרף אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט, זען צוציִען די פֿאַרשטויסענע צו זיך, שטיצן זיי מאַטעריעל, לערנען מיט זיי, זען זיי אויסלערנען אַ מלאָכה און אויף דעם אופֿן אַרויסרײַסן זיי פֿון זייער פֿאַרצווייפֿלטער לאַגע. לויט דעם באַשלוס האָבן אַרקאַדי און נאָטקין געדאַרפֿט אַרויס אין די גאַסן, כּדי אויסצופֿירן זייער שליחות — אָנקניפּן באַקאַנטשאַפֿט. ווי הײַנט געדענק איך די פֿראָסטיקע נאַכט, ווען זיי זײַנען ביידע אַוועק. סאַשע און איך זײַנען געבליבן פֿיבערדיק וואַרטן. מיט קלאַפּנדיקע הערצער, צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע, האָבן מיר זיך צוגעהערט צו יעדער שאָרך: אָט גייען זיי... שוין לאַנג האָבן מיר אַזוי געוואַרט, און אָט הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר. מיר לויפֿן עפֿענען, — עס גייט אַרײַן אַרקאַדי, אַ פֿאַרכמורעטער, אַ בלייכער, מיט אַ טיפֿן אומעט אין זײַנע גוטע אויגן. ער האָט אַ ברום געטאָן: „איך האָב מײַן שליחות ניט אויסגעפֿירט, איך האָב ניט געקענט. איך פֿלעג זיך דערנענטערן און באַלד אָפּשפּרינגען צוריק. איך בין אַרומגעגאַנגען, זיך געמוסרט פֿאַר מײַן שוואַכקייט, ווידער זיך דערנענטערט און ווידער אַנטלאָפֿן. איך האָב ניט געקענט: דער געדאַנק, אַז אין דעם מאָמענט, ווען איך וועל צוגיין, וועט „זי" אַ טראַכט טאָן, אַז איך גיי צו איר מיט דער זעלבער כּוונה ווי אַנדערע, דער געדאַנק איז געווען פֿאַר מיר אַזוי פּײַנלעך, אַז איך האָב געמוזט אַנטלויפֿן. און אַזוי בין איך די גאַנצע צײַט אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, געוואָלט זיך גובֿר זײַן און ניט געקענט. ניין!, איך האָב עס ניט געקענט..."

פֿופֿציק יאָר זײַנען פֿאַרבײַ זינט יענעם מאָמענט. פֿאַר די דאָזיקע פֿופֿציק יאָר האָב איך אַדורכגעמאַכט אַ לאַנגן, דערנערפֿולן וועג, געווען אין פֿיל לענדער, באַגעגנט זיך מיט טויזנטער מענטשן, איבערגעלעבט פֿײַנלעכע, שרעקלעכע צײַטן. ווען איך וויל זיך דערמאָנען מײַן פֿאַרגאַנגענהייט, מײַן לעבן, מײַן אַרבעט, קום איך צום ווייטאָגדיקן גוויספֿיר, אַז איך האָב אומזעעוויפֿײַרגעסן אַפֿילו די וויכטיקסטע מאָמענטן. אַזוי ווי אַן דיקע קראַפֿט וואָלט אַלץ באַדעקט מיט אַ דיקן אומדורכדרינגלעכן שלייער. אָבער ד ע ר עפּיזאָד איז אײַנגעהיט געוואָרן אין מײַן זכּרון, און איך זע קלאָר און דײַטלעך, ווי דאָס וואָלט פֿאָרגעקומען ערשט אין דער מינוט: — דאָס בלייכע פּנים מיט דעם אויסדרוק פֿון צער, דעם טיפֿן אומעט אין די אויגן, און עס קלינגען מיר אין די אויערן די ווונדערלעכע ווערטער: „ניין, איך האָב עס ניט געקענט“...

נאָטקין האָט זײַן שליחות דורכגעפֿירט, אָבער די רעזולטאַטן זײַנען צום באַדויערן געווען נישטיקע. עס זײַנען געקומען צו אונדז עטלעכע פּרויען, מיר האָבן מיט זיי געלערנט, געפֿונען פֿאַר זיי די מיגלעכקייט צו לערנען אַ מלאָכה, זיי געשטיצט פֿון אונדזערע לעצטע גראָשנס, אָבער עס האָט זיי גאָר גיך דערעסן, און ניט נאָר זיי האָבן ניט געבראַכט קיין אַנדערע, ווי זיי האָבן צוגעזאָגט, נאָר זיי האָבן אַליין אויך אויפֿגעהערט קומען.

אין דער צײַט פֿון אונדזער צוזאַמענלעבן אין דער קאָמונע זײַנען מיר געגאַנגען אויף זייער פֿיל רעפֿעראַטן אויף געזעלשאַפֿטלעכע טעמעס, געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿט מיט אייניקע חבֿרים וועלכע זײַנען שוין געווען אַרײַנגעצויגן אין דער נאַראָדאָוואָלישער באַוועגונג. בלויז נאָטקין און איך זײַנען נאָענט צו זיי צוגעשטאַנען. סאַשע איז בכלל געווען ניט קיין אַקטיווער מענטש. אַרקאַדי מיט זײַן סקעפּטישן צוגאַנג האָט זיך געהאַלטן אין אַ זײַט. אין זײַנע נאָטיצן דערמאָנט ער וועגן דעם. מיגלעך, אַז ווען ער וואָלט געבליבן לענגער אין אונדזער קאָמונע, וואָלטן מיר אויך אָנגעשטעקט געוואָרן מיט זײַן סקעפּטיציזם צו די נאַראָדאָוואָלישע אידעען, אָבער אַ צופֿאַל האָט געבראַכט דערצו,

אַז ער האָט פֿאַרלאָזן פּעטערבורג נאָך פֿאַרן סוף פֿון זײַן צווייטן יאָר לערנען אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. אויף אַן עקזאַמען, דוכט זיך פֿון מעכאַניק, האָט איינער אַ סטודענט, אַ קריסט, וואָס איז געזעסן לעבן אַרקאַדין אונטערגעזאָגט אַ צווייטן סטודענט וועלכער האָט זיך עקזאַמענירט. דער פּראָפֿעסאָר איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט אונטערגעזאָגט אַרקאַדי, און זיך געווענדט צו אים מיט דער פֿראַגע:

– ווי דערוועגט איר זיך אונטערצוזאָגן?

אַרקאַדי האָט געענטפֿערט:

– איך האָב ניט אונטערגעזאָגט.

דער פּראָפֿעסאָר:

– אָבער דאָס קומט פֿון אײַער באַנק. אויב איר האָט ניט אונטערגעזאָגט, ווייסט איר, ווער ס'האָט דאָס געטאָן.

אַרקאַדי האָט דערויף געענטפֿערט:

– דאָס איז ניט מײַן עסק, דאָס דאַרף אײַך זאָגן דער וואָס האָט עס געטאָן.

דער פּראָפֿעסאָר:

– אויב איר זאָגט ניט ווער, בלײַב איך בײַ מײַן מיינונג, אַז דאָס זײַט איר. איך עקזאַמעניר אײַך ניט, איך שטעל אײַך אַ נול, און איר בלײַבט אויף נאָך אַ יאָר.

אַרקאַדי האָט דערויף געענטפֿערט:

– דאָס איז אײַער זאַך.

בלײַבן אויף נאָך אַ יאָר האָט אַרקאַדי ניט געוואָלט, און ער איז אַריבערגעפֿאָרן קיין ריגע. אַזוי ווי ער האָט געדאַרפֿט גלײַך דינען, האָט ער זיך אָנגעגעבן פֿאַר אַ פֿרײַוויליקן זעלנער („וואָלנאָ־אָפּרעדעליאַיושטשיסיאַ") און צום אָנהייב לערניאָר זיך פֿאַרשריבן אין ריגער פּאָליטעכניקום.

אינטערעסאַנט איז, אַז דער סטודענט וואָס איז געווען דער שולדיקער אין דער געשיכטע איז געקומען צו אַרקאַדין בעטן, ער זאָל אים מוחל זײַן זײַן מיאוסע האַנדלונג. אַרקאַדי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פֿאַראַכטונג און אים געוויזן די טיר.

אין דער באַוועגונג

איך קער זיך אום צו אַרקאַדיס נאָטיצן.

די נאָטיצן נעמען אַרום דעם פּעריאָד פון 1889—1893 אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. מיר געפינען ניט אין די נאָטיצן קיין פולקום בילד פון דער דאָזיקער באַוועגונג, אַרקאַדי צייכנט מערניט אָן די קאָנטורן. אויספילן די קאָנטורן מיט די פאַקטן פון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, אָפּשפּיגלען דעם גאַנג, די בהדרגהדיקע אַנטוויקלונג און דעם וווּקס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און צוזאַמען מיט דעם אָפּשפּיגלען אויך די ראָלע פון אירע שעפערס און בויערס — דאָס ליגט ניט אין מײַנע כּוחות; איך וויל האָפן, אַז עס וועלן זיך געפינען חברים וואָס וועלן די אויפגאַבע אויספירן.

איך וויל אויסניצן די נאָטיצן, כּדי אַרויסצוציִען פון זיי עטלעכע שטריכן צו כאַראַקטעריזירן אַרקאַדין ווי אַ טוער און במילא ווי אַ מענטש, ווײַל די ביידע באַגריפן זײַנען אין אים געווען איינס. אַרקאַדי איז געווען אַ מאָנאָליט, ווי עס האָט אים ריכטיק דעפינירט אַבֿרהם ליעסין אין זײַנעם אַן אַרטיקל אין „צוקונפט".

איך נעם פון די נאָטיצן די שילדערונג פון אַרקאַדיס פּאָרגייער, לעוו (ליאָווע) יאָגיכעס. „ער איז אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן און מיט אַן אײַזערנער האַנט", אָבער אַרקאַדי באַציט זיך נעגאַטיוו צו דער סיסטעם פון זײַן אַרבעט. פאַר וואָס? מיר זעען אַ מענטשן אײַנגעהילט אין אַ נעפּל פון סודותדיקייט. עס פירט זיך אַן אַרבעט, אָבער מיר זעען ניט קיין מיטאַרבעטערס. מיר דערוויסן זיך, אַז עס פירן זיך פּראָ־פּאַגאַנדע־קרײַזן צווישן די אַרבעטערס, אָבער די קרײַזן דאַרפן ניט וויסן איינע פון די אַנדערע און במילא קענען זיי ניט האָבן קיין באַגריף וועגן דאָס גאַנצע וואָס ווערט געטאָן, וועגן וואָס ניט איז פאַר אַ סדר, אַ פּלאַן, אַ פּראָגראַם. זיי ווייסן יעדערער באַזונדער, אַז ער — דער „גענעראַל", ווי זיי פלעגן אים רופן – האָט פאַראָרדנט אויסצופירן דאָס אָדער יענץ, אָבער

קיין קשיות זײַנען ניטאָ: ער איז ניט צוטריטלעך. אמת, די אַרבעט קומט פֿאָר בײַ אַזעלכע פּאָליטישע באַדינגונגען וואָס פֿאָדערן אַ שטרענגע קאָנספּיראַציע. אָבער איינס איז קאָנספּיראַציע צוליב דער אַרבעט, און אַ צווייטע זאַך קאָנספּיראַציע לשם קאָנספּיראַציע. די ערשטע איז נייטיק, די צווייטע איז שעדלעך: זי שליסט אויס די המשכדיקייט פֿון דער אַרבעט, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן. „ער" האָט אַלע פֿעדעם פֿון דער אַרבעט, „ער" ווייס דעם סדר, דעם פּלאַן אאַז"וו. אַז „ער" ווערט פֿאַרשווונדן, מוז די אַרבעט אָנגעהויבן ווערן פֿון דאָס נײַ. חוץ דעם איז דאָס אַלץ ניט־נאַטירלעך, געקינצלט.

ווען אַרקאַדי נעמט איבער די אַרבעט, וואַרפֿט ער גלײַך אָפּ די גאַנצע סיסטעם. עס האָט זיך אַגבֿ אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע קאָנספּיראַציע לשם קאָנספּיראַציע איז צעפֿאַלן געוואָרן ווי אַ קאָרטנשטיבל גלײַך נאָך דעם ווי דער „גענעראַל" איז פֿאַרשווונדן געוואָרן פֿון דער אַרענע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט עקסיסטירט נאָר אין זײַן פֿאַנטאַזיע. די אַרבעטערס פֿלעגן זיך זען צווישן זיך און פֿאַרברענגען צוזאַמען, אָבער זיי האָבן דאָס באַהאַלטן אויס מורא פֿאַר „אים".

אַרקאַדי וואַרפֿט דאָס אָפּ; ער בויט די אַרבעט אויף דעם פּרינציפּ פֿון מיטאַרבעט, מיטקאַמף. ער לייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר חבֿרישקייט, און אויף דעם פֿונדאַמענט צעוואַקסט און צעבליט זיך די משפּחהדיקייט, די הערלעכע משפּחהדיקייט אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז דער קוואַל, פֿון וואַנען זי האָט געשעפּט און שעפּט ביז הײַנטיקן טאָג איר כּוח און איר צוציקראַפֿט. און מיר דוכט, אַז דאָס איז דער גרעסטער פֿאַרדינסט פֿון אַרקאַדין פֿאַר דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַרקאַדין ווי אַ מענטש עקלט פֿון דעם באַגריף „גענעראַל", ווײַל דאָס שאַפֿט אומגערעכטיקייט, ווײַל דאָס שליסט אויס גלײַכקייט, ווײַל דאָס איז אייבערהערשאַפֿט. ס'דאַרפֿן ניט זײַן אין דער באַוועגונג קיין „פֿירערס" און „געפֿירטע", נאָר טוערס, מיטקעמפֿערס. פֿאַרשטייט זיך, אַז צווישן די מיטקעמפֿערס זײַנען דאָ מער

און ווייניקער פּעיִקע, מענטשן שטאַרקערע און שוואַכערע, מענטשן מיט מער אָדער ווייניקער איניציאַטיוו, שאַפונגסקראַפט אאַז"וו, און דעריבער שפּילן איינע אַ מער אָנגעזעענע ראָלע ווי אַנדערע — אָבער זיי זײַנען אַלע גלײַכע מיטגלידער פון איין גרויסער משפּחה.

מאַרטאָוו האָט אין זײַן בוך „פאַרצייכענונגען פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט" געזאָגט, אַז אַרקאַדי איז געווען „דער קאָפּ פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג". איך וויל צוגעבן, אַז אַרקאַדי איז געווען דער שפּירעווודיקסטער באַראָמעטער וואָס האָט אויפגעכאַפּט איטלעכן שאָרך און רעאַגירט אויף איטלעכן שאָרך אין דער אַטמאָספער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די דאָזיקע שפּירעוודיקייט האָט אים פאַרהיט פון פאַלשע שריט, געוועקט אין אים די שעפערישקייט און אויסגעשלאָסן יעטווידער פאַרגליוורטקייט. זײַן אויסערגעוויינטלעכע שפּירעוודיקייט האָט אים געפירט טיף צו פאַרשטיין די נשמה פון אַרבעטער.

איך דערמאָן זיך אַזאַ עפּיזאָד:

דאָס איז געווען אין 1892. די צאָל פּראָפּאַגאַנדע־קרײַזן איז שוין געווען גרויס און איז אַלץ געוואַקסן. מיר זײַנען ניט געווען בכוח מיט אונדזערע אייגענע קרעפטן צו באַפרידיקן די אַלץ וואַקסנדיקע באַדערפעניש אין לערנען לייענען און שרײַבן. האָבן מיר באַשלאָסן צו באַנוצן זיך צו דער אַרבעט מיט דער הילף פון דער בורזשואַזער יוגנט. אין יענע יאָרן איז אַ טייל פון דער דאָזיקער יוגנט געווען באַהערשט פון דעם געפיל פון „שולד" קעגן פאָלק און געזוכט ווי אַזוי צו צאָלן דעם חוב: דאָס האָט זיך יעמאָלט געטראָגן אין דער לופטן.

איך האָב צוגעצויגן צו דער אַרבעט איינע פון מײַנע געוועזענע מיטשילערינס פון גימנאַזיע, אַ טאָכטער פון רײַכע עלטערן. איין מאָל, ווען אַרקאַדי איז געזעסן בײַ מיר, איז אַרײַנגעקומען אַן אַרבעטערין, אַ קאָנווערטן־מאַכערין בריינע. איך האָב איר געהאַט געגעבן דעם אַדרעס צו דער פרײַלין וואָס האָט מיט איר געדאַרפט לערנען „גראַמאַטע". „נו, וואָס הערט זיך?" האָב איך געפרעגט. און בריינע האָט אָנגעהויבן דערציילן: איך האָב אָנגעקלונגען. די טיר האָט געעפנט

אַן אויסגעפּוצטע הויזדינערין און מיך געפרעגט מיט פאַרוווּנדע-רונג, צו וועמען איך דאַרף. איך האָב איר געענטפערט, אַז איך דאַרף האָבן צו דער פרײַלין. זי האָט מיך באַקוקט מיט אומ-צוטרוי. ווען איך האָב איר געזאָגט פאַרשעמט, אַז די פרײַלין ווייס וועגן מײַן קומען און וואַרט אויף מיר, איז זי אַוועק און באַלד געקומען און מיך גערופן גיין. איך בין דורכגעגאַנגען צימערן, אויסגעבעטע מיט טעפּעכער, גרויסע שפּיגלען פון דר׳ערד ביזן באַלטן, בראָנדזענע ליוסטרעס, פּליושענע מעבל, געהאַפּטע פאָרהאַנגען. אַז איך בין אַרײַן אין דער פרײַלינס צימער, בין איך פאַרבלענדט געוואָרן פון דעם ליכט און דער שיינקייט. די פרײַלין האָט מיך זייער פרײַנדלעך באַגעגנט, אָבער איך האָב זיך געפילט אַזוי דערדריקט, אַזוי קליין, נעבעכדיק, שפלדיק, אַז...

דאָ האָט אַרקאַדי אויסגעשריִען: „איר זאָלט אַהין מער ניט גיין", און ווענדנדיק זיך צו מיר, האָט ער געזאָגט: „איך בעט דיך, נעם זי צו זיך". דער בליק וועלכן ברײַנע האָט געשיקט צו אַרקאַדין האָט אויסגעדריקט אַזוי פיל צאַרטקייט און דאַנק, אַז דאָס איז געווען דער בעסטער ענטפער.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אַרקאַדין: טרערן האָבן פאַרוואָלקנט זײַנע אויגן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געזען טרערן בײַ אַרקאַדין. אַז ברײַנע איז אַוועק, האָט ער מיר געזאָגט: „דו זעסט, ווי אָפּגעהיט מען דאַרף זײַן, מען דאַרף זיך רעכענען מיט די מענטשלעכע געפילן".

אָט די שפּירעוודיקייט, איך וואָלט זאָגן, די פײַנפילעווו-דיקייט, געבונדן מיט דעם אײַנגעבאָרענעם געפיל פאַר גערעכ-טיקייט און יושר – דאָס איז געווען דער אמתער קוואַל פון אַרקאַדיס צוציקראַפט און צויבער. אַלץ וואָס איז נאַטירלעך און מענטשלעך האָט געפונען בײַ אים פאַרשטענדעניש.

אָט איז אַן עפּיזאָד מיט אַ פּראָצעס, וווּ אַרקאַדי איז געווען דער ריכטער.

אַן אַרבעטערין און אַן אַרבעטער האָבן זיך ליב באַקומען און זיך פאַרבונדן. אין יענע צײַטן איז דאָס געווען אַ חטא: דאָס פּערזענלעכע לעבן וועט שטערן דער אַרבעט פאַר דער

אידעע. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער שטורעם. דער אַרבעטער איז גרייט געווען זיך אונטערצוואַרפן דעם באַשלוס פון געריכט: ער וועט זיך גטן, אויב דאָס געריכט וועט באַשליסן. דער באַשולדיקונגס־אַקט וואַרפט אויף דער אַרבעטערין, אַז זי האָט גענוצט אַלערליי מיטלען, כדי צוצוציִען דעם אַרבעטער, באַשטימט אים ראַנדעוווען און באַנוצט זיך מיט אַלערליי ווײַבערשע מאַנעוורעס, כדי אַרײַנצוכאַפּן אַ מאַן. די באַשולדיקערס זײַנען זאָקן־מאַכערינס – עלטערע מיידלעך; די באַשולדיקטע אַ יונגע, אַ חנעוודיקע, אַ זשוואַווע. אַרקאַדי, דער ריכטער, געפינט זיך אין אַ שווערער לאַגע: ווי נאָר ער זאָגט אַ וואָרט פון פאַרטיידיקונג, רופט עס אַרויס אַ שטורעם פון צאָרן מצד די באַשולדיקערס קעגן אים. אָבער ער פילט, אַז די באַשולדיקטע האָט געהאַנדלט לויט אירע נאַטירלעכע, מענטשלעכע געפילן, אַז בײַ די באַשולדיקערס ווירקט דער געפיל פון קינאה. און זײַן ווערדיקט, ווי ער האָט מיר דערציילט, איז געווען: „איך האָב זיי [די באַשולדיקטע, הייסט עס] געגעבן מײַן ברכה".

ווי פשוט, ווי מענטשלעך און ווי שיין!

אַסקעטישקייט – אָבער ניט קיין אַסקעט

און פאַר איינס – ווי ווייניק ער קלערט וועגן זיך פּער־זענלעך. ער גיט אָפּ אַלע זײַנע גײַסטיקע און פיזישע כוחות דער אַרבעט פאַר דער אידעע, ער זשאַלעוועט צײַט אויף לעקציעס ווי אַ פאַרדינסט צום לעבן, און ס'איז אים זייער שלעכט. די ערשטע צײַט לעבט ער מיט די עלטערן צוזאַמען און האָט אַ וואַרעם ווינקל און עסן צו זאַט, אָבער דאָס זײַן צוזאַמען מיט די עלטערן שטערט זײַן אַרבעט. קלײַבט ער זיך אַרויס, דינגט זיך אַ „פּאַלאַץ", ווו ווינטער פרירט דאָס וואַסער; און ווען איך פלעג פון צײַט צו צײַט אַראָפּכאַפּן זיך אין זײַן „פּאַלאַץ" מיט אַ ברעמקע האָלץ, וואָס איך פלעג אַרויסשלעפּן פון מײַן היים און אויסהייצן, פלעגט ער האָבן צו מיר טענות: איך פאַרליר צײַט, ער איז ניט בעסער ווי אַנדערע, וואָס זיי קומט אויס

קינסטלער דאָברינסקי

א. קרעמערס איידעם

וויעראַ אַרקאַדיס טאָכטער

צו לעבן נאָך בײַ ערגערע באַדינגונגען," וואָס האָבן ניט אַזאַ וואַרעמע קאָלדרע ווי ער, און דאָך זאָרג איך ניט וועגן זיי.

אין דעם איז אַרקאַדי געווען דער אמתער זון פֿון זײַן הערלעכן פֿאָטער: פֿאָסטנער באָרשטש און שוואַרץ ברויט איז גענוג, ווײַל מיליאָנען האָבן דאָס אויך ניט! מושב־זקנים, – ווײַל פֿאַר וואָס קומט מיר מער ווי אַנדערע...

אָט דער אַסקעטיזם לגבי זיך אַליין פֿליסט אָבער ניט אַרויס פֿון זײַן נאַטור. ניין, אַרקאַדי איז ניט געווען קיין אַסקעט לויט זײַן טבֿע. ער האָט ליב געהאַט אַלץ וואָס קען געבן פֿרייד דעם מענטשן: די נאַטור, די זון, מוזיק, טעאַטער, שיינע זאַכן אאַז"וו. אָבער געניסן פֿון די אַלע פֿריידן אין דעם הײַנטיקן הײַנט, ווען אַלע אַנדערע וועלן קענען פֿון דעם געניסן נאָר אין דעם אויסגעקעמפֿטן מאָרגן – דאָס ניט. ריכטיק האָט זיך אויסגעדריקט וועגן אים אַ. ליעסין: „אַרקאַדי איז געווען אַ פֿעלדזיקע פּערזענלעכקייט, אָבער ער איז געווען טיף אין דער נשמה אַ מענטשלעכער מענטש".

אָט דער אַסקעטיזם לגבי זיך אַליין ציט זיך ווי אַ ריכט־שנור דורך זײַן גאַנצן לעבן, ווי מיר וועלן דאָס אויך ווײַטער זען.

און ווי אַזוי האָט זיך אַרקאַדי באַצויגן צו דער אַרבעט? מאַטעמאַטיש פּינקטלעך און, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, רעליגיעז ערנצט. אַלץ וואָס די אָרגאַניזאַציע באַשטימט איז הייליק; ניטאָ קיין נידעריקערע און קיין העכערע אַרבעט: יעדערער אויף דעם פּאָסטן, וווּ ער קען ברענגען וואָס מער נוצן. זעלדאָוו־ניעמאַנסקי דערציילט אין אַן אַרטיקל וועגן די ערשטע פּיאָנירן: אַלעקסאַנדער [דאָס איז געווען אַרקאַדיס פּסעוודאָנים] איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פּראָפּאַגאַנדיסט, און אין די קרײַזלעך, וווּ ער פֿלעגט לערנען נאַטור־וויסנשאַפֿט אָדער פּאָלי־טישע עקאָנאָמיע, פֿלעגט מען זיך פּשוט מיט אים מחיה זײַן; ער האָט געקענט יעטווידער אַבסטראַקטן געדאַנק, יעדער אַבסטראַקטע אידעע מאַכן אַזוי פּאָפּולער און צוטריטלעך, אַז זיי פֿלעגן ווערן. פֿאַרשטענדלעך אַפֿילו פֿאַר יענע, בײַ וועלכע די

מוחות זײַנען ניט געווען געשפּיצט אין אַבסטראַקציעס. נאָר אים האָט מער געצויגן צו פּראַקטישער אַרבעט, דערין האָט ער זיך אַרײַנגעטאָן מיט זײַן גאַנצער נשמה. קיין פּראַקטישע אונטער-נעמונג, איבער הויפּט אַ קאָנספּיראַטיווע, פּלעגט ניט געטאָן ווערן אָן אַלעקסאַנדערן. אויף אַ געפערלעכן אָרט איז ער געווען דער ערשטער, דורך זײַנע הענט פּלעגן דורכגיין טראַנספּאָרטן אומלע-גאַלע ליטעראַטור, ער פּלעגט זי אַריבערטראָגן פון איין ווינונג אויף דער צווייטער. פּלעגט מען דאַרפן העקטאָגראַפירן אַ בראָ-שור אָדער אַן אויפרוף, פּלעגט זיך אין דעם באַטייליקן אַלעקסאַנדער. איך קען צוגעבן: ווען די נויט אין אַגיטאַציע-ליטעראַטור איז געשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג-אָרדענונג, איז אַרקאַדי געפאָרן קיין אויסלאַנד, זיך אויסגעלערנט אַרבעטן אויף אַ מימעאָגראַף און נאָכן צוריקקומען געאַרבעט די נעכט.

ער איז ניט געווען קיין שרײַבער, אָבער ווי איך ווייס, און ווי זעלדאָוו שטעלט דאָס פעסט, זײַנען צווישן די בראָשורן און אַרטיקלען וואָס זײַנען געשריבענע אָדער העקטאָגראַפירטע אין יענער צײַט געגאַנגען פון האַנט צו האַנט בײַ די אַרבעטערס אין ווילנע און מינסק געווען עטלעכע וואָס האָבן געהערט צו אַרקאַדיס פעדער. די בראָשור „וועגן אַגיטאַציע", וואָס האָט בשעתו געמאַכט אַ רושם, האָט ער אַליין געשריבן, אָבער פיל אַנדערע בראָשורן און אַרטיקלען זײַנען געווען אויב ניט פון זײַן פעדער, איז דאָך אָנגעשריבן דורך אַנדערע לויט די גע-דאַנקען און אידעען וואָס ער האָט געגעבן. דאָס באַשטעטיקט ר. אַבראַמאָוויטש אין זײַן אַרטיקל וועגן אַרקאַדין אין „פאָרווערטס".

דעם פּרינציפּ: יעדערער דאַרף טאָן די אַרבעט, בײַ וועלכער ער קען ברענגען דעם מאַקסימום נוצן, האָט אַרקאַדי דורכגעפירט קאָנסעקווענט בנוגע צו זיך. ווען דער „בונד" איז אַרויס פון די אונטערערדישע טראַנשעעס און אַרויף אויף דעם ברייטן שליאַך פון דער לעגאַלער אַרבעט, האָט אַרקאַדי אויף אַ זיצונג פון צ"ק דערקלערט, אַז ער טרעט אַרויס פון צ"ק. די מאָטיוון: איצט זײַנען נייטיק שרײַבערס, רעדנערס, וויסנשאַפטלערס וכדומה. אַזוי ווי ער איז ניט קיין רעדנער, ניט קיין שרײַבער און ניט

קיין געלערנטער אוודאי, איז ער דאָרט איבעריק, און ער בעט אים געבן די אַרבעט פֿון אַ מעכאַניקער בײַ דער „פֿאָלקסצײַטונג"; אויף דעם אָרט וועט ער קענען ברענגען נוצן...

שלעפּן פעקלעך ליטעראַטור, שריפֿט, אַרבעטן בײַ אַ מימעאָגראַף, העקטאָגראַף, פֿאָרן אויף קאָנפֿערענצן, צוזאַמענפֿאָרן, זײַן אַ פֿאָרשטייער אין צ"ק פֿון דער רוסלענדער ס"ד פּאַרטיי, ווו ער איז געווען איינער פֿון די גרינדערס, און זײַן אַ מאַשיניסט בײַ דער צײַטונג — אַלץ איינס: ער דאַרף זײַן דאָ, ווו ער קען אין דעם מאָמענט ברענגען וואָס מער נוצן.

מען האָט פֿיל גערעדט און געשריבן וועגן אַרקאַדיס אײַזערנער לאָגיק און מאַטעמאַטישן שטייגער טראַכטן. אָבער ער אַליין האָט זיך קיין מאָל ניט פֿאַרלאָזן אין גאַנצן אויף די אויספֿירן פֿון זײַן אייגענעם טראַכטן. ווען אַ נײַער געדאַנק פֿלעגט בײַ אים געבאָרן ווערן, פֿלעגט ער אים דורכטראַכטן, דורכלעבן, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, און יעמאָלט פֿלעגט ער דורך אַרויספֿירנדיקע פֿראַגעס פֿון אַ גוטן פּעדאַגאָג אויספֿאָרשן, ווי אַזוי דער געדאַנק קען פֿאַרשטאַנען און אויפֿגענומען ווערן בײַ זײַנע מיטקעמפֿערס, סײַ אינטעליגענטן, סײַ אַרבעטערס. און ניט איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז אַ באַמערקונג פֿון אַ פּשוטן אַרבעטער האָט קאָריגירט זײַן געדאַנק. און דערמיט קען מען דערקלערן די ווערטער פֿון ח' קאָסאָווסקי אין זײַנעם אַן אַרטיקל וועגן אַרקאַדין: „אַז אַרקאַדי פֿלעגט קומען מיט אַ פֿאָרשלאָג, האָט ער פֿאָרויסגעזען אַלע פּראָ און קאָנטראַ, אַלץ וואָס מען האָט געקענט זאָגן פֿאַר און קעגן". ער האָט ספּעציעל זייער הויך געשאַצט דעם געזונטן חוש פֿון אַרבעטער און פֿלעגט ליב האָבן זיך אַן עצה האַלטן מיט אַרבעטערס.

די אָפּאָזיציע

אין זײַנע נאָטיצן באַרירט אַרקאַדי די אַרבעט ביז דער תּקופֿה פֿון דער אָפּאָזיציע, ד"ה ביז 1893, ווען עס קומט פֿאָר דער איבערבראָך אין דער טאַקטיק. אין לויף פֿון דער אַרבעט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די סיסטעם פֿון פּראָפּאַגאַנדע־קרײַזלעך

פֿירט ניט צום ציל וואָס די גרופּע ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָט זיך געשטעלט: אויסבילדן קלאַסן־באַוווסטזיניקע אַרבעטערס וועלכע זאָלן קענען פֿאַרשפּרייטן דעם קלאַסן־באַוווסטזייַן אין דער מאַסע און זי פֿירן צום קאַמף פֿאַר עקאָנאָמישע, און דורך דעם אויך פֿאַר פּאָליטישע דערגרייכונגען. די צאָל אַרבעטערס וואָס מען האָט געקענט אויסבילדן דורך די פּראָפּאַגאַנדע־קרייַזלעך איז געווען באַגרענעצט. עס זייַנען דאָך ניט געווען קיין שולן, נאָר איינציקע קרייַזלעך. און דערצו פֿלעגן די אויסגעבילדעטע אַרבעטערס זיך דערווייַטערן פֿון זייער סבֿיבֿה. אַ טייל האָט זיך אַרייַנגעטאָן אין פּערזענלעכע אינטערעסן, אַ טייל האָט געקוקט אויף דער אויסבילדונג ווי אויף אַ ציל אין זיך: באַקומען וויסן און דערגרייכן אַ העכערן שטאַפּל אויפֿן לייטער פֿון דער געזעל־שאַפֿט. ס'איז דעריבער געבאָרן געוואָרן דער געדאַנק, אַז מען מוז אַריבערגיין פֿון דער ענגער קרייַזלעך־אַרבעט צו אַ ברייטער אַרבעט אין דער מאַסע, — פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע־סיסטעם צו אַגיטאַ־ציע. אָט דער איבערגאַנג האָט אַרויסגערופֿן, ווי באַוווסט, אַ שטורעם פּראָטעסטן. עס האָט זיך געשאַפֿן די אַזוי גערופֿענע אָפּאָזיציע.

בייַ אונדז אין ווילנע איז דער אָנפֿירער געווען אַבֿרהם גאָרדאָן, אַ גראַווירער, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען אַבראַם רעזשטשיק. דאָס איז געווען אַ מענטש אַ פּעיִקער, אַן אויטאָדידאַקט. ער איז געווען אַ גוטער פּאָלעמיסט, מיט אַ שאַרפֿער צונג, אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר קיין דעמאַגאָגישע מיטלען אין קאַמף קעגן דער אינטעליגענץ וואָס האָט לויט זייַן מיינונג געוואָלט דורך איר וויסן פֿאַרכאַפּן די מאַכט און פֿירן די פֿינצטערע מאַסע אַרבעטערס ווי בלינדע שעפּסן. זיי, די אינטעליגענטן, קינדער פֿון בורזשואַזע עלטערן, האָבן געוואָלט ברענגען צו דער מאַכט די בורזשואַזיע, אויסנוצנ־דיק די פֿינצטערע מאַסן צו אירע צוועקן. ער איז אַרויסגע־גאַנגען פֿון דער הנחה, אַז וויסן איז מאַכט; דעריבער דאַרפֿן זיך די אַרבעטערס פֿריִער פֿאַר אַלץ אייַנשאַפֿן וויסן, דערנאָך וועלן זיי צוטרעטן צום קאַמף פֿאַר בעסערע עקאָנאָמישע באַדינ־

גונגען, און וויסן קענען זיי באַקומען נאָר אין די פּראָפּאַגאַנדע־קרײַזלעך, ווו מען דאַרף זיי לערנען רוסישע גראַמאָטע, ווײַל נאָר אין דער רוסישער שפּראַך וועלן זיי קענען באַקומען וויסן — קיין ייִדישע ליטעראַטור איז ניטאָ. דעריבער טויג ניט אַגיטאַ־ציע אין די מאַסן: די מאַסע קען ניט די רוסישע שפּראַך, מען וועט מוזן פֿירן די אַגיטאַציע אין דער שפּראַך פֿון דער מאַסע — אין „זשאַרגאָן", און אַזוי אַרום וועלן די אַרבעטערס ניט האָבן קיין מיגלעכקייט זיך צו בילדן.

גאָרדאָן האָט פֿאַרשפּרייט צווישן די אַרבעטערס בלעטלעך מיט דעמאַגאָגישע אָנפֿאַלן אויף די פּערזענלעכקייטן פֿון דער אינטעליגענץ, אויף זייערע פֿאַרברעכערישע שטרעבונגען קעגן די אַרבעטערס. זײַנע אַרויסטרעטונגען האָבן אויסגענומען בײַ די אַרבעטערס, און איינעם נאָך דעם אַנדערן האָט ער אָפּגעריסן פֿון דער אָרגאַניזאַציע. נאָר אַ קליין הײַפֿל, נאָר יחידים זײַנען געבליבן געטרײַ דער אָרגאַניזאַציע.

דער קאַמף מיט דער אָפּאָזיציע איז געווען אַ שווערער, אַ פֿאַרביטערטער, און אין דעם קאַמף האָט אַרקאַדי געשפּילט איינע פֿון די וויכטיקסטע ראָלעס. ווי אַ גלענצנדער פּאָלעמיסט, ווי אַ טיפֿער פּסיכאָלאָג און ווי אַ קרישטאָל ריינער מענטש, האָט ער אין די דיסקוסיעס מיט די אָפּאָזיציאָנערן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע קראַפֿט.

דער שעפֿער פֿון דער אָפּאָזיציע אַבראַם רעזטשיק וואָס לעבט נאָך דאָ אין ווילנע און קומט פֿון צײַט צו צײַט אַרײַן צו מיר (און וואָס איז אַגבֿ איצט, נאָך 45 יאָר צײַט, געבליבן בײַ זײַן פֿריִערדיקן שטאַנדפּונקט) האָט מיר געזאָגט, ריידנדיק וועגן די קאַמפֿן פֿון דער אָפּאָזיציע קעגן דער נײַער פּראָגראַם: ווען איך פֿלעג זיך דערוויסן, אַז עס וועט פֿאָרקומען אַ דיסקוסיע אין אַ קרײַז און דאָרט וועט אַרויסטרעטן אַרקאַדי, פֿלעג איך שוין וויסן, אַז די מגפֿה איז פֿאַרטיק, די אָפּאָזיציאָנערן וועלן בלײַבן אַנטוואָפֿנט. און ניט נאָר דערפֿאַר, ווײַל ער באַזיצט אַן אײַזערנע לאָגיק — אין דעם פּרט האָב איך זיך ניט געהאַט פֿאַר אים וואָס צו שרעקן, — נאָר ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן

כּישוף פֿאַר די אַרבעטערס, און דאָס וואָס קיינער האָט ניט געקענט דערגרייכן, האָט ער יאָ דערגרייכט.

דער קאַמף מיט דער אָפּאָזיציע האָט אָנגענומען זייער פֿיל קרעפֿטן, אין דער צייט ווען מען האָט געדאַרפֿט שאַפֿן און שאַפֿן: ס'איז דאָך יעמאָלט ניט געווען קיין אַגיטאַציע־ליטעראַטור אין יידיש. אין אַנדערע שטעט האָט דער קאַמף געדויערט אַ קורצע צייט, אָבער אין ווילנע האָט זיך דאָס געצויגן מער ווי אַ יאָר, און אויך נאָך דעם ווי די אָפּאָזיציע איז באַזיגט געוואָרן און די אַרבעטערס האָבן זיך ביסלעכווײַז אומגעקערט צו דער אָרגאַ־ניזאַציע, האָבן די איבערגעבליבענע רעשטלעך פֿאָרט פֿון צײַט צו צײַט געגעבן צו וויסן וועגן זיך.

ווען די אַרבעט פֿון דער אָרגאַניזאַציע איז צוריק אַרויפֿ־געשטעלט געוואָרן אויף אירע רעלסן און איז אַוועק מיט דעם געוווּנטשענעם טעמפּאָ, האָט אַרקאַדי וועלכער איז געווען אויס־געשעפּט פֿיזיש און גײַסטיק מחמת זײַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג פֿאַר דער צײַט באַשלאָסן צו נעמען אורלויב, כּדי צו קומען צו זיך. ער האָט אָנגענומען אַ קאָנדיציע פֿאַר אַ לערער אין אַ מאַיאָנטעק לעבן פּסקאָוו און דאָרטן פֿאַרבראַכט עטלעכע מאָנאַטן. ער האָט אויסגענוצט די צײַט אויף צו לערנען און לייענען און אויספֿילן די בלייזן אין זײַן בילדונג, וואָס ער האָט געפֿילט און וואָס האָבן אים געמאַטערט. ער האָט זיך אומגעקערט, ווען מאַרטאָוו האָט שוין געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן ווילנע. ער נעמט זיך פֿאַר דער אַרבעט מיט אָפּגעפֿרישטע כּוחות. איך מוז דאָ דערמאָנען, אַז פֿאַרנדיק פֿון זײַן קאָנדיציע איז ער דורכגעפֿאָרן וויטעבסק און דאָרט אַרויסגעטראָטן ווי אַן אָפּאָנענט קעגן דעם ציוניסטישן גדול אַמסטערדאַם. זײַן אַרויסטרעטונג האָט געמאַכט אַ רושם, און לויט איך האָב געהערט, האָט ער דעם גדול געמאַכט צו שפּאָט, פֿון זײַן גאַנצער טעאָריע איז געוואָרן אַש.

אונדזער ערשטע רויטע פֿאָן

אין 1896 האָט אַרקאַדי געוווינט אויף אָשמענער געסל. ראָג יעדעמאַנסקע זאַווולק, אין הויז פֿון דער אַלמנה עליאַש־

בערג. דאָ אין הויף, אויף אַ צווייטן גאָרן, האָט זיך געפֿונען אַרקאַדיס „פּאַלאַץ".

קיין שכנים אויף די טרעפּ זײַנען ניט געווען. איבער דעם „פּאַלאַץ" — דער בוידעם.

מען עפֿנט די טיר — אַ שמאָלער קאָרידאָר, אַ קאַפּ ברייִטער ווי דער אָפּשטאַנד צווישן אַ טאָפּעלער טיר, און באַלד שוין דער אַרײַנגאַנג אין „פּאַלאַץ". אַ צימער מיט צוויי פֿענצטער. רעכטס בײַ דער וואַנט אַן אײַזערן בעטל מיט ברעטער; אויף די ברעטער אַ שטרויזאַק, צו קאָפּנס אַ קישעלע פֿון היי (אַרקאַדי האָט פֿײַנט געהאַט פּעדערן); דאָס בעט באַדעקט מיט אַ קאָלדרע פֿון אַן אומבאַשטימטן קאָליר. אַ פּויעריש טישל אָפּגעפֿאַרבט אויף ברוין. דאָס טישל האָט ניט קיין שטענדיקן אָרט: עס שטייט אַ מאָל בײַם בעטל, אַ מאָל בײַם פֿענצטער, אַ מאָל אין מיטן צימער. צוויי שטולן. אויף די צוויי פֿענצטער פֿאָרהענגלעך וואָס האָבן געזאָלט זײַן ווײַסע. אין ווינקל פֿון איין פֿענצטער הינטערן פֿאָרהענגל — אַ לאָמפּ וואָס דינט פֿאַר אַ סיגנאַל: אויב דער לאָמפּ געפֿינט זיך הינטער דעם פֿאָרהאַנג, איז דאָס אַ סימן, אַז מען מעג אַרויפֿגיין; אויב ער געפֿינט זיך ניט אויף דעם אָרט — טאָר מען ניט.

די הויפּטצירונג פֿון דעם „פּאַלאַץ" איז דער גרויסער אויוון פֿון ציגל באַשמירט מיט קאַלך. דאָס טירל פֿון אויוון געפֿינט זיך אין קאָרידאָר.

אין דעם פֿרימאָרגן וואָס איך באַשרײַב שטייט דאָס טישל אין מיטן צימער, די שטולן בײַם טיש איינער אַנטקעגן אַנדערן, אויפֿן טישל בויגנס ווײַסע טעקטור, פּלעשלעך קליי, שערלעך, פּענדזלעך, בלײַערס. אויפֿן בעט אויסגעצויגן אַ שטיק רויטע קאַרטון (ציץ).

אין צימער זײַנען מיר זאַלבע פֿינפֿט: דער בעל-הבית (אַרקאַדי), דער הובל (גרישע דער סטאָלער, הירש סאָראָקאַ), לאַבענדזיע (ישׂראל-מיכל קאַפּלינסקי), הילל (דוכט זיך אַ דרוקער) און איך.

די שטימונג איז אַן ערנצטע, אַ יום־טובֿדיקע: מען גרייט די ערשטע רויטע פֿאָן צום 1טן מײַ. מען שנײַדט אויס אותיות פֿון טעקטור, מען שטעלט צוזאַמען די אויפֿשריפֿטן „אַרבעטער פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט אײַך!", „מיר פֿאָדערן אַן 8־שעה־דיקן אַרבעטסטאָג!", „זאָל־לעבן דער ערשטער מײַ!" מען אַרבעט פֿיבערדיק.

אין מיטן דערינען – אַ קלאַפּ אין טיר.

דאָס שטיק רויטע קאַרטון ווערט אַ טיכל אונטער מײַן קלייד, דער טיש ווערט פֿאַרדעקט מיט אַ טישטעך. דער בעל־הבית גייט עפֿענען די טיר. עס לאָזן זיך אַרײַן צוויי יידענעס אין שייטלען.

איינע פֿרעגט: דאָ פֿאַרדינגט זיך אַ דירה?

אַרקאַדי: עס קען זײַן.

יידענע: צי קען מען באַקוקן די דירה?

אַרקאַדי: אַדרבא.

די יידענעס גייען אַרײַן. מיר אַלע זיצן ווער אויף די שטולן, ווער אויף די פֿענצטער און שמועסן געשמאַק.

די יידענעס באַקוקן אויפֿמערקזאַם יעדער ווינקל און ווענדן זיך צום בעל־הבית:

– זאָגט אונדז, יונגער־מאַן, און וואָס הערט זיך מיטן אויוון?

אַרקאַדי: אַן אויוון ווי אַן אויוון.

יידענע: וואָס הייסט?

אַרקאַדי: אויב מען הייצט אים, איז ער וואַרעם.

יידענע: ניין, איר פֿאַרשטייט מיך ניט. איך מיין: ווי באַקט ער? ווײַל איר ווייסט, יונגער־מאַן, אַן אויוון אויף צום באַקן איז אַ וואַזשנער פּרעדמעט.

אַרקאַדי: איך האָב נאָך ניט געפּרוווט באַקן.

די יידענעס זײַנען אַרויס אין קאָרידאָר, אויפֿגעעפֿנט דאָס טירל פֿון אויוון, זיך געשושקעט עפּעס און דערנאָך אַוועק.

די טיר פֿאַרמאַכט זיך, די טריט פֿון די יידענעס פֿאַרשווינדן – מיר אַלע קוים דערלעבט אַרויסצושיסן אין אַ הילכיקן

געלעכטער. אַרקאַדי האָט ממש געקײַכט פֿון געלעכטער. זײַנע אויגן האָבן געפֿינקלט מיט הומאָר.

ווידער צו דער אַרבעט. ס'איז געווען גוט אויפֿן האַרצן. און בײַ יעדער אויסגעפּאַרטיקטן אות האָט אַרקאַדי צוגעזונגען:

— אָ, אַן אויוון אויף צום באַקן איז אַ וואָזשנער פּרעדמעט.

און דער אויסדרוק „אַן אויוון אויף צום באַקן" איז נאָך אויף לאַנגע יאָרן פֿאַרבליבן צווישן אונדז, און יעדער מאָל וואָס אַרקאַדי פֿלעגט אים אַרויסזאָגן, פֿלעגן זײַנע אויגן פֿינקלען, און ער פֿלעגט אָנקוועלן פֿון געלעכטער.

פֿאַרשיקונג און טורמע

דעם 27סטן סעפּטעמבער 1897, מיט עטלעכע טעג פֿאַרן גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד", האָט מען מיך אַרעסטירט — די ידיעה וועגן דעם, אַז דער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען און אַדאַפּ בשלום, האָט מיר אַרקאַדי אויף אַ קונציקן אופֿן איבער־געגעבן אין טורמע אַרײַן. דערנאָך האָט מען מיך אַרויסגעשיקט פֿון ווילנע. איך טרעף זיך מיט אַרקאַדין זומער 1900 אין טשאַוס, וווּ איך בין געווען פֿאַרשיקט, און וווהין ער איז געקומען נאָך דעם, ווי זובאַטאָוו האָט אים אויף אַ ווײַלע אַרויסגעלאָזן פֿון זײַנע הענט. ער בלײַבט אין טשאַוס אַ קורצע צײַט און אַנטלויפֿט דערנאָך קיין שווייץ צוזאַמען מיטן ח' קאָסאָווסקי. פֿון דער שווייץ ווערט ער אַרויסגעשיקט איבער אַ פֿײַנדלעכער דעמאָנסטראַציע פֿון סטודענטן קעגן צאַריזם, ווען מען האָט אָפּגעריסן דעם צאַרישן הערב פֿון קאָנסולאַט.

אין לאָנדאָן

אַרקאַדי פֿאָרט אַוועק קיין לאָנדאָן, וווּ ער אָרגאַניזירט דאָס אַריבערפֿירן די דרוק פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון „בונד". אָנהייב זומער 1902 אַנטלויף איך פֿון טשאַוס און קום אויך קיין לאָנדאָן. פֿון 1900 ביז 1902 האָב איך די גאַנצע צײַט געשיקט צו אונדזער קאַסירער ח' דזשאָן מיל יעטווידער מאָנאַט 40 רובל

פֿאַר אַרקאַדין צום לעבן. אַז איך בין געקומען קיין לאָנדאָן און דערזען אַרקאַדין אויפֿן וואָקזאַל, איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן: בלאַס, אויסגעמאַטערט, ווי נאָך אַ קרענק; און דער הילוך זײַנער!... מיר קומען צו פֿאָרן אין דרוק, ווו ח׳ וולאַדימיר קאָסאָווסקי האָט צוגעגרייט די אויפֿנאַמע, און מיט דער זעלבער ערנצטקייט, ווי ער שרײַבט אַן אַרטיקל, איז ער געשטאַנען און געריבן מיט מאַקולאַטור די גלעזער און אַלע ווײַלע געקוקט, צי זיי בלישטשען. נאָך דער פּרעכטיקער רײַכער סעודה האָט אַרקאַדי מיך אַרויפֿגעפֿירט אין זײַן צימער, איך זאָל זיך קענען אָפּרוען נאָך דער שווערער נסיעה וואָס האָט געדויערט מער ווי אַ וואָך צײַט. אַז איך בין אַרײַן אין זײַן צימער, האָט זיך מיר געעפֿנט אַזאַ בילד: שטויסן פּאַפּיר אויף דער ערד, אויפֿן טיש, אויף די פֿענצטער; אומעטום אין די ווינקלען מאַקולאַטור און שטויב. און זײַן בעט... ווידער מאַקולאַטור און פּאַפּיר. איך האָב שוין ניט אויסגעהאַלטן און געפֿרעגט:

– צי דען האָסטו זיך פֿון די 40 רובל אַ חודש וואָס איך האָב דיר געשיקט ניט געקענט פֿאַרגינען כאָטש אַ מענטשלעכן אָפּרו?

ער האָט מיך אָנגעקוקט פֿרעמד:

– וועגן וואָס פֿאַר אַ 40 רובל רעדסטו?

– איך האָב דאָך געשיקט צו דזשאָנען יעדער חודש 40 רובל פֿאַר דיר צום לעבן!

– איך האָב דאָס געלט ניט גענומען. דאָס איז געבליבן אין דער פּאַרטיי־קאַסע. וואָס עפּעס גראָד פֿאַר מיר?

און צוגעגעבן מיט איראָניע:

– אויב דו ווילסט דאָס האָבן צוריק, שרײַב אָן דזשאָנען – ער וועט דיר צושיקן...

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט פֿון אַ באַקאַנטער חבֿרטע, אַ בונדיסטין, מאַרוסיע רײַנוס (זי לעבט איצט דוכט זיך אין קאָוונע), ווי אַזוי אַרקאַדי האָט געלעבט אין לאָנדאָן, ביז וואַנען דער אויסלענדישער קאָמיטעט פֿון „בונד" איז אַריבערגע־פֿאָרן אַהין. אין זײַן צימער איז געשטאַנען איבערן מיטן

אַ באַלעט, ווּהין עס האָט זיך געגאָסן דאָס וואַסער וואָס האָט געררונען פֿון באַלט. דערנערט האָט ער זיך מיט ברויט און הערינג. קיין וואַרעם עסן — אויף דעם האָט ער ניט געהאַט פֿון זײַן לעקציע וואָס איז געווען זײַן איינציקער פֿאַרדינסט, און פֿאַרשטייט זיך, אַז ס'האָט ניט געקענט זײַן קיין רייד וועגן אַ שוך אָדער אַ מלבוש — דערפֿון האָט זיך גענומען זײַן שרעקלעכער הילוך. אָט דאָ זעען מיר ווידער אַרקאַדין דעם אַסקעט, אַרקאַדין דעם זון פֿון זײַן פֿאָטער: „פֿאַר וואָס עפּעס גראָד פֿאַר מיר?"

אין לאָנדאָן פֿירט אַרקאַדי אויס די טעכנישע און אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַרויסגעבן און פֿונאַנדערשיקן די ליטעראַטור. ער טוט די אַרבעט פֿון אַ זעצער אויך, ער איז אין רעדאַקציע, ער האַלט אָן אַלע באַציִונגען מיט דער דרויסנדיקער וועלט, ער אָרגאַניזירט אין לאָנדאָן קרײַזן סימפּאַטיקער פֿאַרן „בונד" און פֿירט זיי אָן. אין דער זעלטענער פֿרײַער צײַט לייענט ער און לערנט. אָפֿט פֿלעג איך אים געפֿינען זיצן בײַ אַ בוך, די אויגן פֿאַרמאַכט, מיט אַ בלײַער אין האַנט — פּונקט אַזוי ווי איך פֿלעג אים זען אין זײַן בוידעמשטיבל אויף זאַוואַלנע גאַס, ווען ער איז נאָך געווען אַ שילער פֿון רעאַלשול.

אונדזער קאָמונע־לעבן אין לאָנדאָן האָט אויך געפֿאָדערט פֿון יעדערן זײַן טייל אַרבעט פֿאַר דער בעל־הבתישקייט, און איך מוז זאָגן, אַז וו. קאָסאָווסקי און אַרקאַדי פֿלעגן זייער פֿליכט אויספֿירן געוויסנדיק. וולאַדימיר פֿלעגט אַזוי לאַנג ווישן די טעלער, ביז וואַנען ער פֿלעגט זיי אָפֿט מאָל צעברעכן, און אַרקאַדי, וועלכער האָט אויף זיך גענומען די אומאָנגענעמסטע אַרבעט — די טעפּ, פֿלעגט זײַן אַרבעט באַשײַנען מיט זײַנע קלוגע וויצן.

אויף זיי ביידן פֿלעג איך אָפֿט רחמנות האָבן און אויספֿירן זייער אַרבעט, אָבער דאָס פֿלעגט אַרויסרופֿן פּראָטעסטן פֿון די איבעריקע וועלכע האָבן לויט זייער ריי געדאַרפֿט אויספֿירן די זעלבע אַרבעט.

אין פרילינג 1903 האָב איך צוליב מײַן געזונט געמוזט פאַרלאָזן לאָנדאָן. איך בין אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, וווּ עס האָבן געלעבט מײַנע צוויי ברידער און אַרקאַדיס שוועסטער.

אַמעריקע. מערב־אייראָפּע

אין האַרבסט 1903 קומט אַרקאַדי צוזאַמען מיטן ח׳ עזרא (מאַקאָווי) אין שליחות פון „בונד" קיין ניו־יאָרק. דאָס זײַנען די ערשטע שלוחים פון „בונד" קיין אַמעריקע. זיי בלײַבן דאָרט אַכט חדשים צײַט. אַרקאַדי איז ניט קיין רעדנער און טרעט ניט אַרויס אויף גרויסע מיטינגען, נאָר ער פירט אַ פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אין די קרײַזן פון די ייִדישע אַרבעטער־עמיגראַנטן, בונדיסטן און ניט־בונדיסטן, ווי אויך אין די קרײַזן פון דער אינטעליגענץ. און זײַן אַרבעט האָט גאָר גרויס הצלחה. מען קען זאָגן אָן גוזמא, אַז ער לייגט דעם גרונטשטיין פאַר די גרויסע סימפּאַטיעס און חבֿרישע באַציִונגען צווישן די ייִדישע אַרבעטערס אין אַמעריקע און אין מיזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן זיך צעוואַקסן און צעבליט שפּעטער אין דעם אומצערײַסלעכן צוזאַמען־בונד וואָס עקסיסטירט ביז הײַנט. זײַנע גלענצנדיקע פּאָלעמישע פעיִקייטן האָבן אים גוט געדינט בײַ די צוזאַמענטרעפן מיט די קעגענערס פון „בונד". אין פאַרלויף פון די אַכט חדשים האָט ער קיין מינוט ניט גערוט; ביז 1–2 בײַ נאַכט פלעגט ער פאַרברענגען אויף פאַרזאַמלונגען און דיסקוסיעס. ער איז אַזוי באַליבט געוואָרן בײַ די אַרבעטערס, אַז ווען אין העכער צוואַנציק יאָר אַרום איז אין ווילנע געווען אַב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָט ער אין אַ שמועס מיט מיר געזאָגט: „עס זײַנען אַריבער העכער צוואַנציק יאָר, אָבער דאָס ייִדישע אַרבעטער־ניו־יאָרק געדענקט אַרקאַדין און רעדט וועגן אים מיט ליבע און באַגײַסטערונג".

ווען אַרקאַדי איז געקומען קיין ניו־יאָרק, איז אונדזער טאַטער ווייערע אַלט געווען 4 מאָנאַט. די ערשטע פראַגע וואָס ער האָט מיר געשטעלט איז געווען: „וואָס וועט איצט זײַן מיט דיר?". איך האָב געענטפערט: „מיר וועלן זיך צעטיילן מיט

אונדזערע פֿליכטן: דו וועסט טאָן פֿאַר אונדז ביידן די פֿליכטן פֿאַר אונדזער פּאַרטיי, איך וועל טאָן פֿאַר אונדז ביידן די פֿליכטן פֿאַר אונדזער קינד". דאָס איז געווען פֿאַר אים אַ טאָפּעלער ווייטאָג: ס'האָט אים ווײ געטאָן, וואָס איך בין באַוווּסט, און עס האָט אים ווײ געטאָן, וואָס ער, וועלכער האָט אַזוי לײַדנשאַפֿטלעך ליב קינדער, דאַרף זיך אָפּזאָגן פֿון זײַנע פֿליכטן לגבי זײַן אייגן קינד. אָבער דער פּרינציפּ: יעדערער אויף דעם פּאָסטן, ווו ער קען ברענגען מער נוצן – דער דאָזיקער פּרינציפּ האָט געזיגט. און פֿאַר די אַכט מאָנאַטן, וואָס מיר זײַנען געווען צוזאַמען אין ניו-יאָרק, ווייס איך ניט, צי האָט ער אָפּגעגעבן זײַן קינד אַרום און אַרום אַכט טעג.

אין יולי 1904 פֿאָרן מיר אָפּ פֿון אַמעריקע. אויפֿן שיף ווערט דאָס קינד קראַנק. איך בלײַב מיט איר אין לאָנדאָן, און אַרקאַדי פֿאָרט גלײַך ווײַטער קיין זשענעוו, וווּ ס'האָט זיך געפֿונען די דרוק און די חבֿרים פֿון צ"ק. איך קום אין אַ מאָנאַט אַרום אין שווייץ — אַרקאַדי איז שוין אין בערלין, אָבער ער קומט צו פֿאָרן אין זשענעוו אויף קאָנפֿערענצן.

פֿון אויסלאַנד אַהיים

פֿאַר דעם יאָר וואָס איך בין געבליבן אין זשענעוו האָב איך אים געזען אַ פּאָר מאָל.

פֿון בערלין פֿאָרט ער אומלעגאַל קיין רוסלאַנד. אין יולי 1905 קער איך זיך אויך אום אומלעגאַל מיטן קינד קיין ווילנע. אַרקאַדי איז אין דווינסק, וווּ ס'האָט זיך יעמאָלט געפֿונען דער צ"ק.

מיר גיט זיך אײַן צו לעגאַליזירן זיך, און איך אָרדן זיך אײַן מיטן קינד. אַרקאַדי וויל זייער זען דאָס קינד, אָבער ער קען קיין ווילנע ניט קומען: עס איז אַ סכּנה, ער זאָל ניט אַרײַנפֿאַלן. איך בין געווען אונטער פּאָליציייִשער השגחה. דאָך גיט זיך מיר אײַן אומבאַמערקט אַוועקצופֿאָרן מיטן קינד אין דווינסק אויף אַ פּאָר טעג. דער באַנשטרײַק צווינגט מיך צו

בלײַבן עטלעכע טעג, און אַרקאַדי האָט דעם פאַרגעניגן צו פאַרברענגען אין די פרײַע מינוטן מיט זײַן קינד.

אין 1906 איז אַרקאַדי אין פעטערבורג, ווו ער נעמט אָנטייל אין צ"ק פון דער רוסלענדער ס"ד אַרבעטער־פאַרטיי ווי אַ פאָרשטייער פון צ"ק פון „בונד". ער פאָרט אַרום, און עס קומט אים אויס אויפן וועג אַרײַנצופאָרן אין ווילנע, ווו ער פאַרברענגט אַ מאָל אַ טאָג, אַ מאָל עטלעכע שָעה. אין 1907 באַזעצט ער זיך אין ווילנע, נעמט אָן לעקציעס פון מאַטעמאַטיק און פיזיק, אָבער סוף 1907 ווערט ער אַרעסטירט. מען באַשולדיקט אים, אַז ער איז אַ מיטגליד פון צ"ק און ווי אַזעלכער איז ער אומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט. אויף זײַן פאַס זײַנען דאָ אײַנמעלדונגען פון פיל שטעט. עס איז געווען דער אַזוי גערופענער פראָצעס פון 14. צוזאַמען מיט אים זײַנען געווען באַשולדיקט אויך גאָזשאַנסקי, ח'טע אַנע ראָזענטאַל, ג. פלודערמאַכער און אַנדערע.

מיר גיט זיך אײַן צו דערווײַזן שוואַרץ אויף ווײַס, אַז אַרקאַדי איז גאָט די נשמה שולדיק, אַז די אײַנמעלדונגען זײַנען טאַקע אײַנמעלדונגען, אָבער ניט קיין שליח פון צ"ק איז ער געווען, נאָר אַ פאָרשטייער פון אַ דענטיסטישער פירמע.[1] עס האָבן עדות געזאָגט סוחרים; אַראָנאָווסקי, דער דירעקטאָר פון רוסיש־אַזיאַטישן באַנק, האָט געחתמעט מיט זײַן אייגענער האַנט, אַז אַרקאַדי איז אומשולדיק, און נאָך און נאָך – קורץ, ער איז באַפרײַט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע. ער האָט באַקומען צוויי יאָר פאָליצייִשע השגחה אין ווילנע גופא.

---

1 ארקאדי האט געהאט א דיפלאם פון א דענטיסט: דער דיפלאם האט געגעבן ווינרעכט אין די רוסישע שטעט, ווו יידן האבן קיין חוינרעכט ניט געהאט. ער איז געווען צוגעשריבן צו מיר ווי א שילער אין פארלויף פון 3 יאר; דערנאך זײַנען מיר ביידע געפארן אין פעטערבורג, און ער האט בײַ דער מעדיצינישער אקאדעמיע אויסגעהאלטן דעם עקזאמען פאר א דענטיסט. ער האט זיך קיין מאל מיט דער ארבעט ניט פארנומען, ווײַל ער האט גאר די ארבעט ניט געקענט, נאר דעם עקזאמען האט ער אויסגעהאלטן, און דעם דיפלאם האט ער באקומען און אויף אזא אופן געהאט חוינרעכט און געקענט ארומפארן איבער די רוסישע שטעט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט מײַן חכמה האָט דאָ געהאָלפֿן, נאָר די רײַסערײַען פֿון דער זשאַנדאַרמעריע מיט דער אָכראַנע: די ערשטע האָט געוואָלט מאַכן צו נישט דעם אויפֿטו פֿון דער צווייטער און האָט דעריבער אָנגענומען אַלע מײַנע עדות־באַווײַזן. דערצו האָבן נאָך צוגעהאָלפֿן די כּאַבאַרניקעס פֿון דער פּאָליציי — הכּלל, אַרקאַדי איז אַרויס גאַנץ פֿון דעם פּראָצעס וואָס האָט געשמעקט מיט לאַנגיאָריקער פֿאַרשיקונג קיין סיביר.

פֿון דער צײַט אָן בײַט זיך אין גאַנצן דער שטייגער פֿון אַרקאַדיס לעבן. ער בלײַבט אין ווילנע, ער אַרבעט פֿאַר דער פּאַרטיי, אָבער ניט ווי אַ פּראָפֿעסיאָנאַל: ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זײַן אין צ"ק, ווי איך האָב פֿריִער אָנגעוויזן. ער האָט געגעבן לעקציעס פֿון מאַטעמאַטיק און פֿיזיק און געלעבט אַזוי צו זאָגן ווי אַ פֿאַמיליע־מענטש, אָבער ניט בײַטנדיק זײַנע פּרינציפּן: אַלץ פֿאַר דער אָרגאַניזאַציע און וואָס ווייניקער פֿאַר זיך פּער־זענלעך. פֿון דעם מאָמענט אָן לעבן מיר צוזאַמען — נאָר דער טויט האָט אונדז צעשיידט...

אין פֿראַנקרײַך

אין 1912 באַשליסט אַרקאַדי צו פֿאָרן זיך לערנען: ער געפֿינט, אַז דער אָרגאַניזאַציע קען ער איצט קיין גרויס נוצן ניט ברענגען. מיר פֿאָרן אַוועק קיין פֿראַנקרײַך.

אים האָט זייער אינטערעסירט עלעקטראָטעכניק, און ער איז אָנגעקומען אין טולוז און געענדיקט אין צוויי יאָר אינזשעניער־עלעקטראָטעכניק.

מיר קלײַבן זיך פֿאָרן צוריק קיין ווילנע, אָבער די מלחמה ברעכט אויס – בלײַבן מיר פֿאַרשפּאַרט אין פֿראַנקרײַך. אונדזער לאַגע איז געווען אַ קריטישע: אָן מיטלען, אָן אַרבעט. ער גייט אַוועק אַרבעטן אין אַ פֿאַבריק ווי אַן עלעקטראָמאָנטער, אַרבעט שווער, אָבער אין גיכן באַקומט ער אַ שטעלע אין אַ געזעלשאַפֿט וואָס באַדינט די עלעקטרישע סיגנאַלן אויף די באַנען, און בײַ דער אַרבעט בלײַבט ער ביז 1920: פֿריִער אין די קליינע שטעט־לעך אויף דרום פֿראַנקרײַך, דערנאָך, אַז אונדזער טאָכטער האָט

געענדיקט ליציי און געדאַרפט אָנקומען אין אוניווערסיטעט, פירט מען אים אַריבער אין פאַריז, ווו ער האָט די זעלביקע אַרבעט ביי די אונטערבאַנען (מעטראָ). דאָס איז אַ שווערע אויסשעפּנדיקע אַרבעט, און אין 1920 מוז ער זיך אָפּזאָגן, וויל זיין געזונט האָט אים מער ניט דערלויבט צו בלייבן דערביי. ער באַקומט אַ לעקציע – צוגרייטן אַ געענדיקטן אינזשעניער צום עקזאַמען ביי אַ העכערער אינזשעניערן־שול: ער גרייט דעם שילער און גרייט זיך אַליין.

פאַר דער צייט וואָס ער איז געווען אויף דער שטעלע אין דער געזעלשאַפט האָט ער געמאַכט צוויי אויסגעפינסן[1] וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער קאָנסטרוקציע פון די עלעקטרישע סיגנאַלן. די אויסגעפינסן האָבן פאַרביליקט די קאָנסטרוקציע פון די סיגנאַלן און פאַרבעסערט זייער פונקציע. ער גיט איבער די אויסגעפינסן דער געזעלשאַפט, ווו ער איז אָנגעשטעלט. די עקספערימענטן פון דער פאָרש־קאָמיסיע ביי דער געזעלשאַפט שטעלן פעסט די ריכטיקייט פון די אויסרעכענונגען, און די אויסגעפינסן ווערן אָנגענומען און איינגעפירט אין לעבן. אַרקאַדי וויל נעמען אַ פאַטענט אויף די אויסגעפינסן, אָבער דער שעף מעלדט אים, אַז אַלץ וואָס די אָנגעשטעלטע ביי דער געזעל־שאַפט געפינען אויס אין דער צייט ווען זיי אַרבעטן – געהער לויטן געזעץ צו דעם אַרבעט־געבער, ד"ה צו דער געזעלשאַפט. און אַזוי איז עס געבליבן. אַז ער האָט פאַרלאָזן די אַרבעט און געבעטן זיינע מאַנוסקריפטן צוריק, וויל ער האָט אָפּגעגעבן די אָריגינאַלן און ניט געהאַט קיין קאָפּיעס, האָט אים דער שעף געענטפערט, אַז ער האָט אויף דעם מער קיין רעכט ניט. האָט אַרקאַדי אים שאַרף אויסגעזידלט, און דער שעף, פאַר וועלכן אַלע האָבן געציטערט, האָט ניט געהאַט וואָס אים צו ענטפערן.

---

1 ווען ארקאדי איז געזעסן אין דער מאסקווער תּפיסה, האט ער אויסגעפונען אן עלעקטרישע מאשין — אן אויטאמאטישן טעלעגראף. דער מאנוסקריפט מיט די שטעמפלען פון דער טורמעמאכט אויף יעדער בויגן האט זיך ביי מיר געהאט אויפגעהיט; מיט א פאר יאר צוריק האב איך אים אפגעשיקט צו ח׳ פ. קורסקין, פארן ארכיוו פון „בונד“.

שפּעטער האָט ער צוגעשיקט אַרקאַדין אַ צײַגעניש וועגן זײַן אויסערגעוויינטלעך געוויסנדיקער און פּרוכפּערדיקער אַרבעט און אַ באַלוינונג אין דער הייך פֿון 2 חדשים שׂכירות.

צוריק אין דער היים

אין 1921 פֿאָרן מיר אַוועק קיין ווילנע. דער ייִדישער טעכניקום וואָס האָט זיך יעמאָלט געעפֿנט האָט פֿאַרבעטן אַרקאַדין, לויט דער רעקאָמענדאַציע פֿון ח' ווירגילי־כהן, פֿאַר אַ לעקטאָר פֿון עלעקטראָטעכניק.

דאָ שטייט פֿאַר אַרקאַדין אַ שווערע אויפֿגאַבע. דער ניוואָ פֿון די תּלמידים איז אַ נידעריקער. דער לימוד עלעקטראָטעכניק פֿאָדערט אַ רײַכע צוגרייטונג אין מאַטעמאַטיק, ווײַל אַלץ איז געבויט אויף העכערער מאַטעמאַטיק. קיין לערנביכער אין ייִדיש זײַנען ניטאָ, קיין טערמינאָלאָגיע אין ייִדיש ניטאָ. און אַרקאַדי וועלכער איז אין ייִדיש ניט קיין גרויסער בקי דאַרף שאַפֿן אַ קורס פֿון עלעקטראָטעכניק אין ייִדיש. דאָס איז געווען אַן אַרבעט וואָס האָט געפֿאָדערט פֿון אים ממש אוממענטשלעכע אָנשטרענגונג.

אין פֿאַרלויף פֿון זעקס יאָר צײַט האָט אַרקאַדי געאַרבעט פֿון פֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביז ער האָט אויסגעאַרבעט דעם קורס פֿון עלעקטראָטעכניק. ער האָט געשאַפֿן די אַזוי גערופֿענע קאָנספּעקטן זײַנע, וואָס האָבן געדינט און דינען נאָך ביז הײַנט ווי לערנביכער פֿאַר די תּלמידים. ער האָט אויסגע־נוצט אַלע מיגלעכע מקורים: פֿראַנצייזישע, דײַטשע, ענגלישע און רוסישע, און אַזוי ווי אויף דעם פֿעלד פֿון עלעקטראָטעכניק קומען אַלץ נײַע און נײַע אויפֿטועכן — קומט אים אויס אַרײַנ־צוטראָגן אויסבעסערונגען, און צו יעדער נײַעם לערניאָר פֿאַר־פֿולקומט ער זײַנע קאָנספּעקטן.

די חבֿרים פֿון דער אָרגאַניזאַציע רופֿן אים אין אָרגאַני־זאַציע, אָבער ער מעלדט דער ח'טע אַנע, אַז ביז וואַנען ער וועט ניט האָבן פֿאַרטיק זײַן גאַנצן קורס קען ער זיך ניט

באַטייליקן אַקטיוו אין דער אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי: ער האָט זיך אָנגענומען צו זײַן אַ לעקטאָר פֿון עלעקטראָטעכניק — מוז ער זײַן גוט צוגעגרייט און זײַנע שילער דאַרפֿן ניט לײַדן פֿון דעם וואָס ער איז נאָך ניט גרייט.

אין דער זעלבער צײַט גיט ער לעקציעס פֿון מאַטעמאַטיק אין יידישן לערער־סעמינאַר.

דעם לימוד קען ער פֿאַרשטייט זיך גוט, אָבער ער באַהערשט ניט גענוג די יידישע שפּראַך און די מאַטעמאַטישע טערמינאָ־לאָגיע אין יידיש.

און דאָ קומט אים אויס אין אָנהייב איבערצולעבן אַ שווערע צײַט. די תּלמידים זײַנען ניט צופֿרידן: זיי פֿאַרשטייען ניט זײַן שפּראַך, די רוסישע טערמינען וואָס ער מישט אַרײַן. ער דער־וויסט זיך אויפֿן פּעדאַגאָגישן ראַט, אַז די תּלמידים פּראָטעסטירן קעגן אים און פֿאָדערן אַן אַנדער לערער. קומט ער אויף מאָרגן נאָך דער זיצונג פֿון ראַט און רעדט מיט די תּלמידים; ער בעט זיי פֿרײַ אַרויסצוזאָגן זיך, מיט וואָס זיי זײַנען ניט צופֿרידן, אָנווײַזן אים זײַנע פֿעלערן, ווײַל, זאָגט ער, פֿאַר אים איז די אַרבעט אין סעמינאַר ניט קיין אַרבעט פֿון פֿאַרדינסט וועגן, נאָר אַ טייל פֿון זײַן געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, מיט וועלכער ער פֿאַרנעמט זיך שוין העכער 25 יאָר.

ער הערט אויס די תּלמידים, גיט זיי גערעכט און לייגט זיי פֿאָר, זיי זאָלן אים לאָזן אויף אַ פּרווו נאָך אַ מאָנאַט צײַט. ער וועט זען די פֿעלערן זײַנע אויסצובעסערן, און אין אַ מאָנאַט אַרום וועלן זיי זיך ווידער צוזאַמענקומען אַלע און יעמאָלט באַשליסן ווי זיי ווילן.

די תּלמידים זײַנען גערירט פֿון זײַן פּשוטקייט און האַרציקייט.

ער נעמט זיך פֿאַר דער אַרבעט, און אַ דאַנק זײַן אײַזערנעם ווילן און זײַן אָנגעשטרענגטער אַרבעט דערגרייכט ער אין צוויי וואָכן צײַט צו באַהערשן פֿולקום די טערמינאָלאָגיע, און אַזוי ווי ער איז אַ זעלטן גוטער פּעדאַגאָג און דעם עניין קען ער אויסגעצייכנט, זײַנען די תּלמידים אַזוי צופֿרידן, אַז עס קען שוין ניט זײַן קיין רייד וועגן אַ צווייטער אַסיפֿה. ווי אַזוי די

תּלמידים האָבן זיך צו אים באַצויגן, האָט באַשריבן ח׳ גילינסקי־באַטקע: זיי האָבן אים ניט נאָר געאַכט, נאָר אמת ליב געהאַט; די טויטע מאַטעמאַטיק האָט ער פֿאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקער קונסט.

גלײַך בײַ זײַן קומען פֿון פֿראַנקרײַך האָט ער אויך געפּרוּווט געבן לעקציעס פֿון מאַטעמאַטיק אין רעאַל־גימנאַזיע. אָבער דער קלאַס וואָס ער האָט באַקומען איז באַשטאַנען פֿון אומדיסציפּלינירטע מיידלעך. ער האָט זיך ניט געקענט צופּאַסן צו זייער ניוואָ, ער האָט ניט געקענט פֿאַרטראָגן זייער חוצפּהדיקייט, און זיך אָפּגעזאָגט דאָרט צו לערנען.

אין סעמינאַר האָט ער געלערנט דוכט זיך ביז 1929 און דערנאָך זיך אָפּגעזאָגט. עס איז אים געווען שווער צו אַרבעטן אי אין טעכניקום, אי דאָרט – זײַן געזונט האָט אים דאָס ניט דערלויבט.

סוף 1927, אַז ער איז שוין פֿאַרטיק געוואָרן מיט זײַנע קאָנספּעקטן פֿאַרן גאַנצן קורס, טרעט ער אַרײַן אין דער אָרגאַניזאַציע. ער קען ניט אַרבעטן אַקטיוו, זײַן געזונט איז שוין ניט צום בעסטן, דאָך קומט ער אויף אַלע פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונגען, נעמט אָנטייל אין קאָמיטעט ווי אַ פֿאָרזיצער (ער האָט אָנטייל־גענומען אין צוויי פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָרן, אין אַ פּאַרטיי־ראַט און אין דעם צווייטן שול־צוזאַמענפֿאָר), ער פֿירט די קאַסע און שטייט בכלל אויף דער וואַך פֿון דער פּאַרטייִשער עטיק אין דער אָרגאַניזאַציע.

די יוגנט בינדט זיך זייער צו צו אים און ער צו דער יוגנט. דער „סקיף" איז זײַן ליבלינגסקינד, און צום פֿינפֿיאָריקן יובילײ פֿון „סקיף" באַשליסט ער זיך צו האַלטן אַ רעדע. די רעדע איז געווען אַזוי וואַרעם און רירנדיק, אַז סײַ די עלטערן, סײַ די קינדער האָבן געהאַט טרערן אין די אויגן. צום באַדויערן האָב איך די רעדע – וואָס איז געווען אָנגעשריבן – ניט געקענט געפֿינען.

אין 1928 ווערט ער אויסגעקליבן אין קהילה. זײַנע אַרויס־טרעטונגען דאָרטן זײַנען זייער שאַרפֿע, ממש אומברחמנותדיקע,

אָבער אַפילו זײַנע קעגנערס און פֿײַנד באַציִען זיך צו אים מיט יִרְאַת־הכָּבוד. זײַן אויפֿריכטיקייט, זײַן פשוטקייט און זײַן ריינע נשמהדיקייט באַצווינגען אַלעמען. צום אומגליק האָט די קהילה־אַרבעט געגעבן דעם שטאַרקסטן שטויס צו זײַן ערנצטער קראַנקייט. אויף אַ זיצונג וואָס האָט זיך פֿאַרצויגן ביז 3 בײַ נאַכט האָט ער זיך שטאַרק פֿאַרטשאַדעט, און ווען ער איז קוים געבראַכט געוואָרן אַהיים, האָט ער באַקומען דעם ערשטן אינסולט — אַ טיילווײַזן פּאַראַליז.

דאָס גייט פֿאַרבײַ אין עטלעכע טעג, און ער אַרבעט ווײַטער, אָבער פֿון דער צײַט אָן גייט שוין די קראַנקייט פֿאָרויס, און כאָטש ער האָט נאָך געלעבט 7 יאָר צײַט נאָך דעם, אָבער דאָס איז שוין ניט געווען קיין לעבן, נאָר אַ כּסדרדיקע פּײַן: דאָק־טוירים, רפֿואות, שטרענגע דיעטע.

ניט געקוקט אויף זײַן שווערער קראַנקייט אַרבעט ער ביז אָקטאָבער 1933 אין טעכניקום. אים איז שווער צו גיין, פֿאָרט ער, אָבער ער וויל ניט וואַרפֿן די אַרבעט, ער פֿירט ווײַטער זײַן אַרבעט פֿאַר די תּלמידים — דאָס אויסבעסערן די קאָנספּעקטן. ער נעמט נאָך אָנטייל אין דער אָרגאַניזאַציע, אין קאָמיטעט, ער איז מיט זײַן גאַנצער נשמה אַרײַנגעטאָן אין אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות צו דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און צו דער יִדישער בפֿרט. ער לייענט זייער פֿיל און פֿאָלגט נאָך אַלע דערשײַנונגען אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן פֿאָרום. מיט אַ באַזונדערער אויפֿמערקזאַמקייט אַנאַליזירט ער יעדער אַרטיקל אין דער „פֿאָלקס־צײַטונג“, און יעטווידער ניט־געלונגענער אויסדרוק, וואָס קען ברענגען צו אַ פֿאַלשער אויסטײַטשונג, צו אַ באַשולדיקונג אין ניט־קאָנסעקווענטקייט פֿון זײַן פּאַרטיי, טוט אים וויי; שרײַבט ער גלײַך און ווײַזט אָן אויף דעם די חבֿרים פֿון צ״ק, און זיי רעכענען זיך מיט זײַנע באַמערקונגען.

ער איז און בלײַבט ביזן לעצטן מאָמענט פֿון זײַן לעבן דאָס געוויסן פֿון זײַן פּאַרטיי — פֿון „בונד“.

אין אָקטאָבער 1933, ווען ער באַקומט דעם צווייטן אָנפֿאַל פֿון טיילווײַזן פּאַראַליז און ליגט שווער קראַנק, קומט מען בעטן

בײַ אים בריוו צו אַ ריי פּערזענלעכקייטן פֿון ניו-יאָרק, זיי זאָלן שטיצן דעם שליח פֿון ווילנע פֿאַר אונדזערע שולן. איך קען צו אים ניט אַרײַנלאָזן; גיב איך אים איבער, און ער דיקטירט מיר די בריוו. פֿון די בריוו צו ליעסינען, וולאַדעקן און באַסקינען זײַנען דאָ קאָפּיעס; פֿון די איבעריקע צוויי — צו אַב. קאַהאַנען און זשיטלאָווסקין — זײַנען קיין קאָפּיעס ניט געבליבן, אָבער בײַ מיר האָט זיך אײַנגעקריצט אין זכרון איין אויסדרוק אין זײַן בריוו צו אַב. קאַהאַנען: *דער בונד געהער מיר, איך געהער דעם בונד.*

דאָס איז דער אינהאַלט פֿון זײַן גאַנצן לעבן.

פֿון אָנהייב אָקטאָבער 1933 אַרבעט ער שוין מער ניט אין טעכניקום, ער פֿאַרענדיקט אָבער דאָך זײַנע קאָנספּעקטן און פֿירט דורך אין פֿאַרלויף פֿון אָקטאָבער 1933 ביז מײַ 1934 די עקזאַמענס פֿאַר זײַנע תּלמידים בײַ זיך אין דער היים. דאָס מאַטערט אים שרעקלעך אויס, אָבער ער וויל גאָרניט הערן וועגן דעם, ער זאָל זיך דערפֿון אָפּזאָגן: ער מוז דערפֿירן זײַן אַרבעט ביזן סוף — די תּלמידים דאַרפֿן ניט לײַדן.

די קראַנקייט גייט פֿאָרויס, ער ווערט אַלץ שוואַכער. אָבער ער האַלט זיך מוטיק, און זײַן אינטערעס צו אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות צו דער אַרבעטער-באַוועגונג ווערט ניט אָפּגעשוואַכט. זײַן קאָפּ אַרבעט אָן אויפֿהער, און אים מאַטערט דער געדאַנק, וואָס ער קען גאָר ניט טאָן. ער מאַכט איבערזעצונגען פֿון אַלערליי אַרטיקלען פֿון דײַטש, פֿון רוסיש, פֿון פֿראַנצייז און גיט דאָס דער יוגנט פֿאַר די וואַנטצײַטונגען. ער פֿירט אויפֿקלער-שמועסן מיט דער יוגנט וועלכע קומט צו אים גערן.

ער ליגט מערסטן טייל מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און טראַכט און קומט אַרויס מיט אַ מאָל מיט אַזעלכע טיפֿע און בליצנדיקע באַמערקונגען, אַז איך בלײַב פֿאַרחידושט.

אין 1935 הייבן זיך שוין אָן בײַ אים די קאָמפּליקאַציעס פֿון זײַן צוקער-קראַנקייט. ער לײַדט שרעקלעכע ווייטאָגן. ער טראָגט איבער אַ שווערע אָפּעראַציע, און מען מיינט, אַז איצט וועט שוין גיין צו בעסער. אָבער עס האָט זיך ניט געענדיקט

דערמיט: ער האָט געמוזט דורכמאַכן נאָך אַ צווייטע אָפּע־ראַציע.

מיט עטלעכע טעג פֿאַר דער צווייטער אָפּעראַציע קומט אים זען ח' וולאַדעק וואָס איז דורכגעפֿאָרן ווילנע. אין זײַנע רײַזע־סקיצעס באַשרײַבט וולאַדעק זײַן באַזוך: „עס זיצט אין בעט אַ מענטש אײַנגעוויקלט אין באַנדאַזשן. דער קערפּער פֿון אַ פֿויער, דער קאָפּ פֿון אַ גאון, צוויי אויגן — מעסערס“; און ווײַטער: „אָט דער מענטש, וואָס איך ווייס, אַז זײַנע טעג זײַנען געציילטע, ווייסט און זעט מער, ווי וועלכער עס איז פֿירער וואָס איך האָב ביז אַהער געטראָפֿן“.

נאָך דער צווייטער אָפּעראַציע האָט ער געלעבט זעקס טעג — זײַן קראַנק האַרץ האָט מער ניט אויסגעהאַלטן. כּמעט ביז דער לעצטער מינוט איז ער געווען בײַם קלאָרן זינען. מיט צוויי טעג פֿריִער האָט ער מיך צוגערופֿן און געפֿרעגט: „דו האָסט שוין אַלץ צוגעגרייט?“ איך האָב געמיינט, אַז ער פֿרעגט אויף דער אײַנשפּריצונג וואָס דאַרף באַלד זײַן און האָב גענומען אים אויסרעכענען, וואָס איך האָב צוגעגרייט. ער האָט אויסגעשריִען: „ניין! צו דער לוויה האָסטו אַלץ צוגעגרייט?“ און אַז איך האָב אָנגעהויבן פּראָטעסטירן, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און מער ניט גערעדט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער מיך געבעטן דערציילן אַלץ וואָס עס איז געווען אין די צײַטונגען פֿאַר די לעצטע טעג, וואָס איך האָב אים ניט פֿאַרגעלייענט.

מיט צען מינוט פֿריִער איידער ער האָט אויף אייביק פֿאַרמאַכט די אויגן, האָט ער אויף ח' ווירגיליס פֿראַגע: „פֿאַר וואָס האַלט איר שטענדיק פֿאַרמאַכט די אויגן?“ זיי אויפֿגעעפֿנט און געזאָגט: „הײַנט איז אַ קאַלטער ווינט“ און צוריק זיי פֿאַר־מאַכט. דאָס איז געווען דעם 20סטן סעפּטעמבער 1935, 10 מינוט צו 8 אין דער פֿרי.

8 אַ זייגער האָט ער אַ רוף געטאָן: „פּאַטי“. איך האָב אָנגענומען זײַן האַנט. זײַנע אויגן האָבן זיך איבערגעדרייט, און דאָס איז געווען דער סוף.

*

איך האָב געענדיקט. צי האָב איך געגעבן אַ גאַנץ בילד פון אַרקאַדי דעם מענטש? – איך צווייפל. דערצו וואָלט מען געדאַרפט האָבן די פעדער פון אַ טאַלענטירטן שרײַבער; דערצו האָט דער געדאַנק געדאַרפט זײַן פרײַ, ניט געצווימט דורך דעם שווערן געפיל, אַז איך זינדיק קעגן זײַן ווילן. ער האָט דאָך ניט ליב געהאַט קיין זכרונות, ער האָט דאָך ניט ליב געהאַט, מען זאָל ריידן וועגן אים. טאָמער האָט ער אויף אַ פאַרזאַמלונג אין ווילנע, צום 25יאָריקן יובל פון בונד, דערהערט זײַן נאָמען פון דער טריבונע, איז ער אַנטלאָפן פון דער פאַרזאַמלונג; און טאָמער האָבן חברים אין דער צײַט פון זײַן קראַנקייט אים אַרויסגעוויזן באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, האָט עס אים געמאַטערט, און ער פלעגט טענהן צו מיר: „וואָס אייגנטלעך ווילן זיי פון מיר; טאָמער האָב איך אַ מאָל עפעס געטאָן, מאַכן זיי פון מיר אַ גאַנצן וועזן".

אמת, אַלץ וואָס איך האָב געשריבן איז נאָר אַ קאָפּיע פון דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען אין זײַן לעבן; קיין זאַך איז ניט פאַרגרעסערט, קיין זאַך ניט פאַרשענערט. אין דעם איז מײַן געוויסן ריין. און דאָך האָב איך געזינדיקט: איך האָב דאָך ניט אויסגעמיטן צו ריידן וועגן זײַנע געפילן, און „ריידן וועגן געפילן הייסט אַרויסטראָגן אויף דער גאַס דאָס היילי׳קסטע" – אַזוי האָט געטראַכט דער פאָטער און אַזוי האָט אויך געטראַכט דער זון, און דעריבער איז מיר אַזוי שווער. אָבער פאַרפאַלן.

די חברים פון אַלטן דור, די וואָס האָבן געלעבט און געקעמפט צוזאַמען מיט אַרקאַדין, וועלן מיך פאַרשטיין און באַשטעטיקן, וואָס איך האָב געשריבן. אָבער דער יונגער דור, די פאַר וועמען דער נאָמען אַרקאַדי איז נאָר אַ לעגענדע, – זיי האָבן רעכט צו פרעגן: און וווּ זײַנען די חסרונות? אויף דעם האָט נאָך פאַר מיר געענטפערט מײַן טײַערער פרײַנד ח׳ אַבראַמאָוויטש. ער זאָגט אין זײַנעם אַן אַרטיקל, אַז אַרקאַדין האָט

אויסגעפּעלט בלויז עטלעכע חסרונות, אַ פּאָר שלעכטע אייגנ־שאַפטן: ער איז געווען צו באַשיידן, ער האָט צו ווייניק געגלייבט אין זיך, אים האָט געפעלט אַמביציע, ער האָט געוויכט פון מאַכט, הערשאַפט און כבוד.

און דעריבער בלייבט ער נאָך אַלעמען דאָס וואָס ער איז געווען:

אין גייסטיקן זין — דער אטלעט,
אין קאמף — דער ליבנדער פירער,
אין זיין לעבן — דער שטרענגער אסקעט,
פאר דער אידעע — דער ריינער מארטירער

אַרקאַדי און זײַן תקופה

פֿון

פֿ. קורסקי

געווען אַ דײַטשער דיכטער יאָהאַנעס טראָיאַן, האָט ער אָנגעשריבן אין זײַן לאַנגן לעבן גאַנצע סעריעס פֿריילעכע טרינקלידער. אויף יעדער סאָרט ווײַן גייען בײַ אים באַזונדערע לידער, אַפֿילו אויף איינציקע יאָרגענג פֿון די ווײַנען. און אָט דער שטענדיק פֿריילעכער טראָיאַן האָט איבערגעלאָזן איינס פֿון די טיפֿסטע און טרויעריקסטע לידער וואָס די דײַטשע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט. דאָס ליד הייסט „דער רינג". דער רינג — דאָס זײַנען די בית=עולמס וואָס רינגלען אַרום פֿון אַלע זײַטן די שטאָט. דער מענטש לעבט אָפּ זײַן צײַט און ווערט אַרויסגעבראַכט הינטער דער שטאָט צו זײַן אייביקער רו. אַזוי אַ דור נאָך אַ דור, אָן אַ סוף. און דורך דורות און דורות וואַקסן אָן אויפֿהער בערגלעך אָן אַ צאָל, ווו עס שלאָפֿן זייער אייביקן שלאָף די וואָס זײַנען אַוועק, און דער רינג ווערט אַלץ ענגער און שליסט זיך צונויף, און עס דוכט זיך: מיר, אַ קליין הײַפֿל, ווערן באַלעגערט פֿון אַ גוואַלדיקער מחנה וואָס שלאָפֿט — נאָר זי לעבט אין אונדזער נשמה...

דאָס ווערטיקסטע אין אונדזער לעבן ליגט אין אונדזער באַציִונג צו מענטשן. פֿאַר אונדזער אַלטן דור איז אַרקאַדי געווען איינער פֿון די טײַערסטע מענטשן אין זייער לעבן; פֿאַר די וואָס זײַנען פֿאַרבונדן געווען מיט אים נאָך אין זייערע יונגע

יאָרן — דער טײַערסטער מענטש אויף דער וועלט. פאַרן ייִנגערן דור איז אַרקאַדי געווען מער לעגענדע ווי לעבן. יעדער יונגער טוער האָט געוווּסט קודם־כּל, אַז אַרקאַדי איז דער עלטסטער אין אונדזערע רייען, און יאָרן האָבן זייער אײַזערנע לאָגיק. מיר פון עלטערן דור האָבן אַרקאַדיס יאָרן ניט געציילט. און אַוועקגייענדיק פון אונדז האָט אַרקאַדי ווי מיטגענומען מיט זיך אַ טייל פון אונדזער יעדערנס לעבן, און יעדערער פון אונדז איז אָרעמער געוואָרן.

אונדזער יונגער דור האָט דאָס רעכט צו פאָדערן פון אונדז אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון אַרקאַדין. דער איינציקער מענטש אויף דער וועלט וואָס קאָן איצט אָנשרײַבן אַזאַ ביאָגראַפיע איז אונדזער חבֿרטע פּאַטי.

איך וויל דאָ קיין שום פּרווו ניט מאַכן אָנצוצייכענען אַרקאַדיס גוואַלדיקן היסטאָרישן באַטײַט אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַלטן רוסלאַנד. קאָמפּעטענטער דערין זײַנען די וואָס האָבן אַליין געהערט צום ווילנער פּיאָנירן־קרײַז. דאָס זײַנען אין אונדזערע רייען די חבֿרים דזשאָן מיל, נח, וולאַדימיר קאָסאָווסקי און קודם־כּל ווידער אַ מאָל די ח׳טע פּאַטי. איך וויל דאָ אַפילו ניט כאַראַקטעריזירן אין דער פולער מאָס די אַרבעט פון אַרקאַדין אין די יאָרן, ווען איך האָב אים שוין געקאָנט פּערזענלעך (נאָך זײַן באַפרײַונג אין 1900). איך וויל נאָר געבן אַ ביסל באַמערקונגען צו דער גרויסער טעמע און דערבײַ אויסבעסערן אייניקע טעותן וואָס איך האָב באַמערקט אַרום דער ביאָגראַפיע פון אַרקאַדין בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן.

אונדזערע ערשטע

פון וואַנען האָט זיך גענומען די „גרופּע ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן״? נאָך איז איר געשיכטע ניט געשריבן. אָבער איינס ווייסן מיר: דאָס זײַנען געווען ייִדישע אינטעליגענטן — מענער און פרויען — וואָס האָבן באַקומען זייער פּאָליטישע דערציִונג און גײַסטיקע אַנטוויקלונג נאָך אונטערן אײַנפלוס פון דער

רוסישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“. פֿון איר, פֿון אָט דער אין איר מין אײנציקער העראָישער פּאַרטיי, האָבן אונדזערע פּיאָנירן אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג דעם ענטוזיאַזם, דעם לײַדנשאַפֿט־לעכן ברען און די אומבאַגרענעצטע קרבנות־גרייטקייט פֿאַר דער באַוועגונג.

די פּאָליטישע שול וואָס אונדזערע פּיאָנירן האָבן דורכ־געמאַכט אין זייערע יונגע יאָרן ווערט גלײַך קלאָר, ווען מען באַקאָנט זיך נאָר מיט דעם ביסל מאַטעריאַל וואָס איז שוין פֿאַרעפֿנטלעכט צו זייערע ביאָגראַפֿיעס. לאָמיר נעמען למשל די ערשטע און עלטסטע פֿרוי וואָס האָט געהערט צו דער פּיאָנירן־גרופּע אין מינסק, זשעניע הורוויטש. געבאָרן אין ווילנע אין 1861, שטודירט אין פּעטערבורג און דאָרט נאָך אין 1879, הייסט עס אין עלטער פֿון 18 יאָר, אַרעסטירט געוואָרן פֿאַר געהערן צו דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“. אין 1880 ווערט זי, ווידער אַ מאָל אין שײַכות מיט דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“, אַרעסטירט צום צווייטן מאָל.

די חבֿרטע פּאַטי סרעדניצקי־קרעמער, אײנע פֿון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין דער ווילנער פּיאָנירן־גרופּע, איז געבאָרן געוואָרן אין 1867, האָט אויך שטודירט אין פּעטערבורג און איז דאָרטן אין 1890 אַרעסטירט געוואָרן אין שײַכות מיט אַ טעראָריסטישער גרופּע פֿון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“. אונטער דער השפּעה פֿון דער זעלביקער אָרגאַניזאַציע איז אין אירע יונגע יאָרן געשטאַנען נאָך אײנע פֿון די גײַסטיק חשובֿסטע פּערזענלעכקייטן פֿון יענער גרופּע: ליובע לעווינסאָן־אײַזנשטאַט, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1903.

די זעלבע פּאָליטישע שול האָבן דורכגעמאַכט כּמעט אַלע וויכטיקע מענער פֿון דער פּיאָנירן־גרופּע. אויך וועגן אַרקאַדי קרעמערן (1865 – 1935) ווייסן מיר, אַז אין 1889 ווערט ער אַרעסטירט פֿאַר געהערן צו דער פּוילישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָ־נערער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט“, אַ פּאַרטיי וואָס איז אידעאָ־לאָגיש געשטאַנען זייער נאָענט צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“.

ס'איז אָבער זייער מיגלעך, אַז אַרקאַדי איז אין 1889 אַרע־סטירט געוואָרן שוין ניט צום ערשטן מאָל. חבר איסײַ אײַזנשטאַט־יודין (1867 – 1937) ווערט צום ערשטן מאָל אַרעסטירט פאַר געהערן צו אַ קרײַז פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אין יאַראָסלאַוול אין 1888. ח' יוסף מיל (דזשאָן) – געבאָרן 1870 – ווערט צום ערשטן מאָל אַרעסטירט אין 1892 אין שײַכות מיט פאַרשפרייטן ליטעראַטור פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אאַז"וו אאַז"וו.

די גרופּע יִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן

ווען די גרופּע איז צוגעטראָטן צו איר אַרבעט ווי אַן אָרגאַניזירטע גרופּע, ווייסן מיר ניט אויף פּעסט. מיר ווייסן נאָר, אַז די אַרבעט וועלכע די גרופּע האָט געפירט לויט אַ באַשטימטן פּלאַן על־כּל־פּנים שוין אין 1892 האָבן איינציקע מיטגלידער אירע געפירט אין ווילנע נאָך אין 1886. די אַרבעט האָט זיך פון יאָר צו יאָר אַלץ מער פאַרטיפט, אויסגעברייטערט און פאַרשטאַרקט, ביז זי האָט אין 11 יאָר אַרום, אין 1897, דערפירט צו דער גרינדונג פון „בונד". מען קען זאָגן, אַז אין אָט די עלף יאָר איז דער „בונד" אָרגאַניש ·אַרויסגעוואַקסן, ווי ·אַ געזונט געוויקס, פון די טיפענישן פון יִדישן אַרבעטער־קלאַס און איז צײַטיק געוואָרן פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל.

גראָד אין יענע עלף צוגרייטיאָרן האָט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון רוסלאַנד ענדגילטיק געזיגט דער מאַרקסיס־טישער געדאַנקען־גאַנג. יעדער איינציקער פון אונדזערע פּיאָנירן אין ווילנע, מינסק און אַנדערע ערטער האָט דורכגעמאַכט דעם אידעיִשן וועג פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" צום מאַרקסיזם. ווען אונדזערע פּיאָנירן האָבן שוין געאַרבעט ווי אַן אַרגאַניזירטע גרופּע (בכל־אופן הייסט עס שוין אין 1892), האָבן זיי שוין דעם וועג צום מאַרקסיזם געהאַט ענדגילטיק געפונען. דער אידעיִשער פּראָצעס וואָס אונדזערע פּיאָנירן האָבן דורכגעמאַכט איז געווען אומגעהײַער וויכטיק פאַר דער ווײַטערדיקער אַרבעט. עס זײַנען אין איר אַריבערגעטראָגן געוואָרן און אין איר

לעבעדיק געבליבן די מאָראַלישע טראַדיציעס פֿון דער „נאַראָד־נאַיאַ וואָליאַ", די אַלע זעלטענע מעלות פֿון יענער גרויסער צײַט, וועגן וועלכער מען קען איצט, איבער הויפּט אין די באַדינגונגען פֿון אַ לעגאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, קיין שום השגה ניט האָבן. אָבער דער געדאַנקען־גאַנג פֿון דער נײַער באַוועגונג אין געווען נײַ און יונג, — דאָס איז געווען די נצחונדיקע מאַרקסיסטישע לערע. דער מאַרקסיסטישער לאַגער אין אַלטן רוסלאַנד האָט זיך מיט שטאָלץ און ליבע אָנערקענט פֿאַר אַ פּאָליטישן יורש פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", ער האָט אָבער געוויזן אַ נײַעם וועג צום ציל און געהאַלטן זיך בײַ אַ נײַער טאַקטיק, בײַ דער טאַקטיק פֿון פּראָלעטאַרישער מאַסן־באַוועגונג.

אַן אָפּקלאַנג פֿון דער פֿאַרהערלעכונג פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אין די ערשטע יאָרן פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג געפֿינען מיר אין דער מערקווערדיקער פּאָעמע „אַ טראָפּן בלוט" פֿון יונגן מינסקער פּיאָניר אַבֿרהם וואַלט — אַ פּאָעמע וואָס איז שפּעטער אין משך פֿון צען יאָר נאָך אַנאַנד אָן אַ שיעור דעקלאַמירט געוואָרן אויף געהיימע אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען, אָן אַ צאָל מאָל איבערגעשריבן געוואָרן און געגאַנגען איבערגעשריבענערהייט פֿון האַנט צו האַנט, פֿון שטאָט צו שטאָט.

עקאָנאָמיזם

אין זײַנע זכרונות רופֿט אַרקאַדי אָן זײַן בראָשור „אַ בריוו וועגן אַגיטאַציע". מיגלעך, אַז זײַן מאַנוסקריפּט איז אַזוי געווען באַטיטלט. אין דרוק איז די בראָשור אַרויס נאָר אויף רוסיש, 1896, אין דער שווייץ, מיטן טיטל „וועגן אַגיטאַציע" („אָב אַגי־טאַציִי").

אָנגעשריבן האָט אַרקאַדי די בראָשור אין 1894, ניט שפּע־טער; אפשר נאָך אין 1893.

אייניקע סאָוועטישע היסטאָריקערס האָבן געשריבן, אַז די בראָשור האָט געהאַט צוויי מחברים: אַרקאַדי און מאַרטאָוו.

דאָס איז פֿאַלש. מאַרטאָוו האָט בלויז אויספֿאַרריכט דעם סטיל פֿון דער בראָשור. אָנגעשריבן האָט זי אַרקאַדי איינער אַליין — ווי אַ קווינטעסענץ פֿון די דעבאַטן וואָס זײַנען געפֿירט געוואָרן אין דער ווילנער גרופּע אַרום דער פֿראַגע: וואָס פֿאַר אַ דירעקטע צילן שטעלט זיך די אַרבעטער־באַוועגונג און אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן זאָל מען זי פֿירן.

די בראָשור גיט אַ באַגרינדונג פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם „עקאָנאָמיזם", וואָס זײַן תּמצית ליגט אין דער איבערצײַגונג, אַז דער רוסלענדער אַרבעטער־קלאַס איז נאָך ניט צײַטיק (ניט פֿאַרגעסן די דאַטע: 1894) צו אַ פּאָליטישן קאַמף און מוז דעריבער צום ערשטן דורכגיין די סטאַדיע פֿון עקאָנאָמישן קאַמף, פֿון אַ קאַמף פֿאַר פּשוטע דירעקטע אינטערעסן וואָס רירן אָן יעדער איינצלנעם אַרבעטער, ווי: העכערן דעם לוין, בעסערן די אַרבעט־באַדינגונגען אד"גל. דורכמאַכנדיק מיט הצלחה די שול פֿון עקאָנאָמישן קאַמף, וועט דער אַרבעטער־קלאַס קאָנען אַריבערגיין צו אַ העכערער סטאַדיע פֿון דער באַוועגונג — צום פּאָליטישן קאַמף קעגן דער צאַרישער דעספּאָטיע. בײַ דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט וועלכע האָט געברענט מיט שׂינאה צום צאַריזם האָט אין דער פּראַקטישער אַרבעט — אין דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע — דער „עקאָנאָמיזם" בכלל ניט עקסיסטירט. שפּורן פֿון עקאָנאָמיזם קאָן מען געפֿינען אין אונדזערע אויסגאַבעס (ביז אַרום 1900) אין באַטראַכטונגען בנוגע דער באַוועגונג אין די גרויסע רוסישע צענטערס.

אָט טאַקע אין די רוסישע צענטערס, ווו עס זײַנען דעמאָלט געמאַכט געוואָרן די ערשטע טריט צו אַ מאַסן־אַרבעט, האָט יענע טעאָריע וועגן אומצײַטיקייט געהאַט אויף אַ ווײַלע געפֿונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. ס'האָט זיך אַפֿילו געהאַט באַשאַפֿן אַ ריכטונג וואָס האָט דעם „עקאָנאָמיזם" גאַנץ פֿאַלש אויסגעטײַטשט און אים געפּרוווט דערהייבן צו אַ פּרינציפּ: אַז דער פּאָליטישער קאַמף איז פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס בײַ דער איצטיקער לאַגע בכלל אַ פֿרעמדער ענין; וויכטיק איז פֿאַר אים מערניט ווי עקאָנאָמיש

אויסצובעסערן זײַן לאַגע – אַ ווילדער אַבסורד וואָס שטייט אין דער שאַרפֿסטער סתּירה צום געדאַנקען־גאַנג פֿון אַרקאַדיס בראָשור.

הײַנט – נאָך פֿופֿציק יאָר אַרבעטער־באַוועגונג – ליגן פֿאַר אונדז אָפֿן אַלע שוואַכע זײַטן פֿון יענער היסטאָרישער בראָשור. אָבער בײַ אַלע אירע חסרונות מאַכט די בראָשור – ווי אַ היסטאָרישער דאָקומענט – אַ שטאַרקן אײַנדרוק דורך איר אָריגינעלן צוגאַנג צו דער זאַך און העלפֿט דעם לייענער זיך צו פֿאַרטיפֿן אין די עיקרדיקע פֿראַגעס פֿון דער באַוועגונג.

אין דער יונגער רוסלענדער אַרבעטער־באַוועגונג איז דאָס געווען דער ערשטער פּרוּוו פֿון אַ פּלאַטפֿאָרם פֿאַר דער פּראַקטישער אַרבעט.

ווען מיר פֿאַרגלײַכן איצט אַרקאַדיס בראָשור מיט ענלעכע פּלאַטפֿאָרמען, וואָס אַרבעטער־פּאַרטייען אין אַנדערע לענדער האָבן אין אָנהייב פֿון זייער עקסיסטענץ פּובליקירט, מוזן מיר זאָגן, אַז אַרקאַדיס בראָשור שטייט בײַ אַלע אירע שוואַכע זײַטן אַ סך העכער ווי פֿאַרשיידענע פֿאַרגעסענע פּלאַטפֿאָרמען, דעקלאַראַציעס און פּראָגראַמען פֿון אַנדערע יונגע פּאַרטייען פֿון יענער צײַט.

דער ערשטער באַריכט צום אינטערנאַציאָנאַל

אין 1896, ווען די פּעטערבורגער אַרבעטער האָבן זיך אין גרויסן טעקסטיל־שטרײַק צום ערשטן מאָל באַוויזן אויף דער פּאָליטישער אַרענע ווי אַ מעכטיקער כּוח, האָט די „גרופּע ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" אין ווילנע, דעמאָלט שוין פּאָליטיש צײַטיק און אָרגאַניזאַטאָריש זייער גוט פֿאַרפֿעסטיקט, ווי ווײַט אונדז איז באַוווּסט צום ערשטן מאָל צונויפֿגעשטעלט אַ באַריכט וועגן איר טעטיקייט און אויף אַזאַ אופֿן אָפּגעגעבן דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפֿט אַ קלאָרן דין־וחשבון פֿון דעם וואָס די גרופּע האָט באַוויזן אויפֿצוטון. דאָס איז געווען דער ווילנער באַריכט פֿאַר די יאָרן 1892–1896 צום לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס פֿון 1896.

אין איר אינעווייניקסטער אַרבעט האָט אונדזער ווילנער גרופּע שטענדיק גאַנץ גוט געוווּסט, ווו זי האַלט, און ס׳איז בײַ איר געווען אַ טראַדיציע צו געבן יעדער יאָר אויף די מײַ־פֿאַרזאַמלונגען אַן איבערבליק פֿון דער באַוועגונג און אַ באַריכט וועגן די דערגרייכונגען און דעם צושטאַנד פֿון דער אָרגאַניזאַציע. אָבער פֿאַר דער דרויסנדיקער וועלט האָט די גרופּע זיך באַוויזן מיט אַזאַ באַריכט צום ערשטן מאָל, דוכט זיך, אין 1896. דעם ווילנער באַריכט[1] צוזאַמען מיט פֿיר מאַנדאַטן צום קאָנגרעס האָט באַקומען די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ“ אין אויסלאַנד. דרײַ מאַנדאַטן זײַנען אויסגעשריבן געוואָרן אויף די נעמען: פּאַוועל אַקסעלראָד, וויערא זאַסוליטש, ראָזאַליע פּלעכאַנאָוו.[2]

דער ווילנער באַריכט האָט אויף דער „גרופּע אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ“ געמאַכט אַן אומגעהײַערן אײַנדרוק, און דעמאָלט, אונטערן פֿרישן אײַנדרוק פֿון אָט דעם באַריכט, האָט דאָס פּלעכאַנאָוו געשריבן דעם שפּעטער אַזוי אָפֿט ציטירטן זאַץ: „די יידישע אַרבעטערס זײַנען דער אַוואַנגאַרד פֿון דער רוסלענדער אַרבעטער־באַוועגונג“. אָט דעם „אַטעסטאַט“ האָט עס פּלעכאַנאָוו געגעבן דער „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן“.

געשריבן דעם באַריכט האָט „גליעב“ — אַבֿרהם מוטניק, געשטאָרבן אין בערלין אין סעפּטעמבער 1930. קורץ פֿאַר זײַן טויט האָט גליעב אָנגעשריבן צום באַריכט אַן אינטערעסאַנטע הקדמה. וועגן וואָס רעדט זיך אין יענעם באַריכט? זאַכלעך און טרוקן ווערט דאָרט דערציילט, וואָס פֿאַר אַן אַרבעט עס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין ווילנע אין דער אָנגעוויזענער צײַט

1 אַ קלײנער טײל זײַנער איז געווען פּובליקירט אין „אונדזער צײַט“, וואַרשע, 1928, נומ׳ 6. דער גאַנצער באַריכט איז אויפֿגעהיט אין בונדישן אַרכיוו.

2 די מאַנדאַטן (פֿון וואַרשע, סמאָרגאָן, מינסק) זײַנען רעפּראָדוצירט אין די היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ III ז׳ 793. אויף וועמענס נאָמען איז געווען דער פֿערטער מאַנדאַט (פֿון ווילנע)? אין בין משער, אַז פּלעכאַנאָוו אַליין האָט קיין מאַנדאַט ניט געדאַרפֿט, וואָרעם אים און לאַווראָוון האָט דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פֿון קאָנגרעס פֿאַרבעטן; דעם מאַנדאַט פֿון ווילנע האָט דעריבער געקאָנט באַקומען גיכער ווי אַלץ ד. קאָלצאָוו (גינזבורג) וואָס איז יעמאָלט געווען זייער נאָענט צו פּלעכאַנאָוון.

פאַטי, 1887

אין יעדער פֿאַך באַזונדער; וויפֿל און וואָס פֿאַר אַ קאָנפֿליקטן עס זײַנען געווען מיט די בעלי־בתּים, וויפֿל און וועלכע שטרײַקן, די צאָל אַרבעטערס וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די שטרײַקן, דער פּראָצענט שטרײַקערס אין פֿאַרגלײַך מיט דער איבעריקער אַרבעטערשאַפֿט, וויפֿל טעג יעדער שטרײַק האָט געדויערט, וויפֿל געלט ער האָט געקאָסט דער אָרגאַניזאַציע, די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטערס, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן און וואָס ניט; וויפֿל פֿאַרזאַמלונגען עס זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן, די צאָל אָנטייל־נעמערס, די אָפּצאָלן אין די קאַסעס אאַז"וו אאַז"וו. פֿאַקטן און ציפֿער. טרוקענע ציפֿער און האַרטע פֿאַקטן. און אַזוי ווי ווילנע איז געווען פֿאַקטיש דער צענטער פֿון דער באַוועגונג אין גאַנצן קאַנט, ווערט געזאָגט נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן אַ ריי אַנדערע שטעט אויך. אָט דאָס איז דער אינהאַלט פֿון באַריכט.

אין פּרט פֿון זאַכלעכקייט איז דער דאָקומענט ממש אימ־פּאָנירנדיק. דאָס איז זיכער איינער פֿון די זאַכלעכסטע, פּרטימ־דיקסטע און קלאָרסטע באַריכטן וואָס זײַנען ווען עס איז פֿון אַ מיטלגרויסער אָרגאַניזאַציע צוגעשטעלט געוואָרן צו אַן אינטער־נאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. ספּעציעל לגבי אַלטע באַריכטן פֿון אַנדערע אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס (רוסישע, פּוילישע, אַרמענישע אאַז"וו) איז דער ווילנער באַריכט, וואָס נוגע פּינקטלעכע ציפֿער און פֿאַקטן, באמת צו באַוווּנדערן.

די דײַטשע פּינקטלעכקייט אין רעגיסטרירן יעדער טריט אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג, אַ פּינקטלעכקייט וואָס איז מיגלעך געווען נאָר אין אַן אַטמאָספֿער פֿון פּאָליטישער פֿרײַהייט, על־כּל־פּנים נאָר בײַ אַ פֿולקומער לעגאַלקייט פֿון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, איז דעמאָלט אין ווילנע גענומען גע־וואָרן פֿאַר אַ מוסטער און איז דורכגעפֿירט געוואָרן — טאַקע מוסטערדיק — באמת אויף אַ קלאַסישן דײַטשן אופֿן בײַ אַ פּאָלי־טישן רעזשים וואָס האָט דעם אַרבעטער ניט געלאָזט אָטעמען און אים געשטיקט און געוואָרגן.

דער היסטאָרישער אויפטו

אָבער ווען מען טראַכט זיך איצט, מיט העכער 40 יאָר שפּע־טער, אַרײַן אין אינהאַלט פון באַריכט, באַקומט מען דעם אײַנדרוק, אַז די טרוקענע ציפער און פאַקטן פון דער טעגלעכער אומפאַר־מאַטערלעכער אַרבעט האָבן אַזוי ווי פאַרשטעלט אין די אייגענע אויגן פון אונדזערע פּיאָנירן די גרויסקייט פון בינין וועלכן זיי האָבן אין 1896 בעצם שוין געהאַט אין גאַנצן פאַרטיק אויס־געבויט. וואָרעם ניט נאָר אין דעם האָט געשטעקט דער גרויסער זינען פון זייער אַרבעט, וואָס זיי האָבן אָרגאַניזירט צום קאַמף אַזוי פיל און אַזוי פיל יידישע אַרבעטערס און זיי געוויזן און באַוויזן, אַז דורך אַ דיסציפּלינירטן און סאָלידאַרישן קאַמף קאָנען זיי שטאַרק אויסבעסערן זייער לאַגע. דאָס אַליין איז געוויס געווען גענוג וויכטיק. אָבער דער העכערער זינען פון דער אַרבעט פון אונדזערע פּיאָנירן האָט געשטעקט אין דעם, וואָס פאַרן סאָציאַליסטישן קאַמפּספּראָגנט פון אַלוועלטלעכן פּראָלע־טאַריאַט האָבן זיי מאָביליזירט דעם אַרבעטער־קלאַס פון נאָך אַ פאָלק; וואָס אין לעבן פון אָט דעם פאָלק האָבן זיי געעפנט אַ נײַ קאַפּיטל געשיכטע און געוויזן די פאָלקסמאַסן אַ נײַעם וועג, וואָס נאָר אויף אים איז מיגלעך צו באַפרײַען זיך פון יעטווידער שקלאַווערײַ.

אַן אַרבעטער־מאַסע וואָס איז געווען אין צווייען און אין דרײַען פאַרשקלאַפט, ניט געוווסט פון קיין קעגנשטעל, ניט אַרויסגעוויזן קיין מוט צום קאַמף קעגן פרעמדע אונטערדריקערס און אייגענע בלוטזויגערס, ניט געהאַט קיין גלויבן אין אירע אייגענע כוחות – אַזאַ מאַסע איז ווי אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ טיפן שלאָף, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פענטעס וועלכע זי האָט דורות־לאַנג געשלעפּט אויף אירע פיס, האָט זיך אויפגע־שטעלט און גענומען מאַרשירן מיט פעסטע און שטאָלצע טריט, ווי אַ נײַע דיסציפּלינירטע אַרמיי אין קאַמף פאַר פרײַהייט און רעכט.

אָט די היסטאָרישע געשעניש איז – דער אויפקום פון „בונד". און די גײַסטיקע אָנפירערין פון אָט דעם ווונדערלעכן

היסטאָרישן איבערבײַט איז געווען אָן ספק — די „גרופּע יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן". זי האָט דאָס גײַסטיק צוגעגרייט, אויסגעשמידט און אָפּגעטאָקט דאָס געזעצגעבערישע וואָרט וואָס די יידישע אַרבעטער-מאַסע האָט אָנגענומען פון „בונד", יענץ נײַ וואָרט פון קלאַסן-קאַמף, וואָס דער יידישער אַרבעטער-קלאַס האָט שוין אונטער דער אָנפירונג פון „בונד" מיט זײַן בלוט פאַר-שריבן אויף ניט אויסצומעקן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

אין דעם נײַעם קאַפּיטל פון דער יידישער געשיכטע זײַנען פאַרשריבן ערשט די ערשטע בלעטלעך. צענדלינגע און פערציק יאָר זײַנען אַ סך אין לעבן פון אַ פּאַרטיי, אָבער אַ רגע אין לעבן פון אַ פאָלק. די היסטאָרישע לאָגיק פון דעם בונדישן קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע איז שוין אָבער הײַנט קלאָר פאַר יעדערן וואָס איז פעיִק צו באַנעמען די צייכנס פון דער צײַט: אויב דעם יידישן פאָלק איז באַשערט אַ קיום, איז עס נאָר אין דער וועלטלעכער קולטור פון סאָציאַליסטיש אָרגאַניזירטן יידישן אַרבעטער-קלאַס.

ווילנע

ס'איז בשום אופן קיין צופאַל ניט, וואָס דאָס וויגעלע פון „בונד" איז געווען ווילנע.

ווען אַ היסטאָריקער, וועמען יענע צײַט און יענע אומ-שטאַנדן זײַנען אין גאַנצן פרעמד, וואָלט הײַנט גענומען דורכקוקן דאָס אָרעמע ביסל מאַטעריאַלן וואָס יענע צײַט האָט אונדז איבערגעלאָזט און דאָס ביסל מעמוּאַרן וואָס האָבן זיך שוין באַוויזן אין שײַכות מיט יענער צײַט, וואָלט ער זיך קודם-כל געמוזט שטעלן די פראַגע: פאַר וואָס ווילנע, פאַר וואָס ניט מינסק? (אַנדערע פונקטן קומען לגמרי ניט אין באַטראַכט). פּראָפּאַגאַנדע-קרײַזן אַן ערך פון זעלבן טיפּ ווי אין אָנהייב פון דער ווילנער באַוועגונג זעען מיר אין מינסק נאָך מיט דרײַ, פיר יאָר פריִער — אין 1883. דער „מענטשן-מאַטעריאַל" איז אַן ערך דער זעלביקער. פאַר וואָס זשע האָט דער מינסקער אָנהייב פון 1883 זיך אין אַ פּאָר יאָר אַרום פאַרענדיקט אָן

אַ המשך, ניט איבערלאָזנדיק קיין שום ערנצטע וואָרצלען ניט אין דער אָרטיקער, ניט אין דער אַרומיקער באַוועגונג? און פאַר וואָס האָט, פאַרקערט, די באַוועגונג אין ווילנע זיך פאַר־טיפט און פאַרפעסטיקט און זיך אַזוי אײַנגעוואָרצלט, אַז די צאַרישע רעגירונג מיט אירע טורמעס און מיט אירע שמיץ, מיט איר זובאַטאָוון און מיט אירע זובאַטאָווצעס, מיט איר גרויסן קאַפּלינסקין און מיט אירע קליינע קאַפּלינסקילעך האָט איר קיין מאָל ניט געקאָנט בײַקומען?

ווײַל ווילנע איז געווען אַ גרויסער גײַסטיקער צענטער, דער גרעסטער ייִדישער גײַסטיקער צענטער אין יענער צײַט. און ניט נאָר אַ ייִדישער צענטער אַליין; ווילנע איז אויך געווען דער צענטער פון דער דעמאָלט נאָך פּאָלאָניזירטער ליט־ווישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ און פון דער אַ ביסל רוסיפיצירטער פּוילישער אינטעליגענץ פון ווילנער קאַנט. ווילנע האָט לויט די אומשטאַנדן פון יענער שווערער צײַט פאַר־מאָגט אַ רײַך גײַסטיק לעבן, וואָס זײַנע פעדעם — בײַ ייִדן און בײַ ניט־ייִדן — האָבן זיך געצויגן פון דורות לאַנג. נאָר דאָ האָט זיך געקאָנט קאָנסאָלידירן אַ באַוועגונג וואָס האָט זיך שפּעטער אויסגעקליבן אַזאַ פּשוטן און קלאָרן און דערבײַ אַזאַ האַרציקן נאָמען — „בונד“.

נאָר אין ווילנע, אין דעם דעמאָלט גרעסטן גײַסטיקן ייִדישן צענטער, האָט געקאָנט אויפקומען און זיך נצחונדיק פאַרשפּרייטן אַ ייִדישע — הגם לויט אירע טענדענצן אינטערנאַציאָנאַליסטישע — באַוועגונג וואָס פאַרמאָגט ניט אין זיך קיין שפּור פון דעם באַקאַנטן ייִדישן אינעווייניקסטן מינערקייט־געפיל. אַ דורכ־שניטלעכן ייִדישן אינטעליגענט פון אַזאַ פונקט למשל ווי וואַרשע האָט זיך אין יענע יאָרן געדוכט, אַז דאָס ייִדישע לעבן איז קולטורלאָז, אַז אין בעסטן פאַל האָט עס אין זיך אַ געוויסע רעליגיעזע קולטור, צו וועלכער ער, דער ניט־גלייביקער, קאָן אָבער קיין שום שײַכות ניט האָבן. דאָס איבעריקע איז דערונ־טערדיק און קולטורלאָז. דער דורכשניטלעכער ייִדישער אינטע־ליגענט און אינטעליגענטער אַרבעטער אין ווילנע האָט אַזאַ

געפֿיל ניט געהאַט. פֿאַרשטייט זיך, אַז ווילנע איז אין דער ייִדישער וועלט ניט געשטאַנען אויף קיין אָפּגעזונדערטן אינדזל און ניט געווען אַרומגערינגלט מיט קיין כינעזישער וואַנט וואָס זאָל זי אָפּשיידן פֿון דער דרויסנדיקער וועלט, און דאָך האָט אין ווילנע געוועלטיקט גאָר אַ באַזונדערער גײַסט.

ווילנע איז שוין דעמאָלט – אין די נײַנציקער יאָרן – אין פּרט פֿון שפּראַך און קולטור קיין ריין פּוילישע שטאָט ניט געווען; ווילנע איז אָבער אויך ניט געווען קיין רוסישע שטאָט. ווילנע איז בעצם קודם־כּל געווען אַ ייִדישע שטאָט. אמת, אונדזער אינטעליגענץ האָט דעמאָלט שוין גערעדט רוסיש, אָבער אַפֿילו דער גראָב בירגערלעכער, איך מיין: דער אומאידעיִשער טייל פֿון דער ווילנער ייִדישער אינטעליגענץ האָט זיך מיט ייִדיש ניט געשעמט און האָט מיטן „פֿאָלק" גערעדט ייִדיש, בעת דער ייִדישער אינטעליגענט אין וואַרשע האָט דעמאָלט – און נאָך פֿריִער — זיך ממש געשעמט מיטן „זשאַרגאָן" און בדרך־כּלל געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער פֿאַרשטייט גאָר ניט דעם „מיאוסן, עקלדיקן אויך־מיר־לשון פֿון די פֿינצטערע, האַלב ווילדע קאַפּאָ־טשאַזשעס". ווילנע איז דעמאָלט אפֿשר געווען דער איינציקער פּונקט, ווו די ייִדישע אינטעליגענץ האָט גײַסטיק ניט געליטן, אָדער לכל־הפּחות זייער ווינציק געליטן פֿון דעם דערמאָנטן ייִדישן מינערקייט־געפֿיל וואָס איז אין לעבן אַ סך מער פֿאַר־שפּרייט — אויך הײַנט — איידער ס'איז ווען פֿאַרשפּרייט געווען די ראָמאַנטיש־רעליגיעזע אַתּה־בחרתּנו־לעגענדע. און דעריבער איז בשום־אופֿן ניט קיין צופֿאַל, וואָס גראָד אין ווילנע איז אויסגעוואַקסן דער „בונד", די פֿײַערלעכסטע פּראָקלאַמירונג פֿון אונדזער פֿולווערטיקייט און גלײַכווערטיקייט — פֿון אונדזער גלײַכווערטיקייט אין אַלע פּרטים מיט אַלע אַנדערע וואָס לעבן מיט אונדז צוזאַמען אויף דער זעלביקער ערד.

דער געדאַנק וועגן ערשטן צוזאַמענפֿאָר

אַרקאַדי שרײַבט אין זײַנע זכרונות, אַז דער געדאַנק וועגן צונויפֿרופֿן דעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר איז בײַ אים אויפֿגעקומען

אין מײַ 1897, אין ציריך, בײַ אַ באַגעגעניש מיט פּלעכאַנאָוון, אַקסעלראָדן און וויעראַ זאַסוליטש. דאָס קאָן ניט שטימען. ערשטנס האָבן די גרופּעס ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פּאַקטיש נאָך אין 1895 געהאַט אין מינסק אַ באַראַטונג מיטן אָנטייל פֿון דעלעגאַטן פֿון פֿאַרשיידענע שטעט — אין מיניאַטור איז דאָס געווען אַ צוזאַמענפֿאָר. צווייטנס האָט די ווילנער גרופּע אין דעם זעלבן יאָר 1895 געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיטן קיִעווער רוסישן ס״ד קאָמיטעט וועגן אַן אַלגעמיינעם צוזאַמענפֿאָר און צוליב דעם זײַנען געמאַכט געוואָרן נסיעות פֿון ווילנע קיין קיִעוו און פֿון קיִעוו קיין ווילנע. אויף באַשטימט ווייס איך, אַז צוליב דעם איז דעמאָלט געפֿאָרן קיין קיִעוו ח׳ יודין; מיר דוכט, אַז חבר אַרקאַדי אויך. ווי דאָס זאָל ניט זײַן, איז אין אָט די אַלע פּלענער און אונטערהאַנדלונגען אַרקאַדי אַלע מאָל געווען די צענטראַלע פֿיגור. אין דער דאַטע 1897 ליגט בײַ אַרקאַדין אַ טעות.

דאָס איז צו זען אויך דערפֿון וואָס אַרקאַדי שרײַבט דאָרט ווײַטער: „איך האָב זיך געדאַרפֿט צונויפֿריידן מיט זיי וועגן אַ ריי ענינים, צווישן אַנדערע, אַז זיי זאָלן זײַן אָפֿיציעל די פֿאָרשטייערס פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פֿאַר אויסלאַנד, אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן אד״גל״.

אַזאַ־שמועס מיט דער גרופּע פּלעכאַנאָוו־אַקסעלראָד־זאַסוליטש האָט אַרקאַדי געמוזט האָבן נאָך אין 1896, וואָרעם פּאַקטיש, האָבן מיר דאָך אָקערשט געזען, האָט די „גרופּע ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד״ נאָך אין 1896, צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטן־קאָנגרעס אין לאָנדאָן, אַרויסגעגעבן דרײַ מאַנדאַטן אויף די דרײַ נעמען. אַרקאַדי איז געווען אין דער שווייץ זיכער אין 1896 אויך, דערויף זײַנען דאָ נאָך באַווײַזן.

די גרינדערס פֿון „בונד״

ווער זײַנען עס געווען יענע סודותדיקע מענטשן וואָס זײַנען זיך מיט העכער 40 יאָר צוריק, דעם 8טן, 9טן און 10טן אָקטאָבער 1897 (לויטן נײַעם סטיל) צונויפֿגעקומען אין ווילנע אויף אַ באַראַטונג און דאָרטן געגרינדעט דעם „בונד״?

אַ סך חבֿרים, איבער הויפּט פֿון יינגערן דור, מישן צונויף די באַגריפֿן „גרינדער", „פּיאָניר" און „וועטעראַן". מוזן מיר זיך דעריבער אויפֿריידן וועגן דעם, וואָס מיר פֿאַרשטייען אונטער די דאָזיקע באַצייכענונגען.

גרינדערס פֿון „בונד" קאָנען מיר אָנרופֿן נאָר די דעלעגאַטן פֿון גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר.

פּיאָנירן פֿון אונדזער באַוועגונג קאָנען מיר אָנרופֿן נאָר די וואָס זײַנען שוין געשטאַנען אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט ביז דער גרינדונג פֿון „בונד". אויף אַזאַ אופֿן איז קלאָר, אַז אַלע גרינדערס פֿון „בונד" (די דעלעגאַטן פֿון גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר) זײַנען געווען פּיאָנירן פֿון אונדזער באַוועגונג אויך. אָבער ניט אַלע פּיאָנירן זײַנען געווען גרינדערס פֿון „בונד": נאָר 13 פֿון זיי זײַנען דעלעגירט געוואָרן אויפֿן ערשטן צוזאַמענפֿאָר. די אַלע אָבער וואָס זײַנען צוגעשטאַנען צו אונדזער באַוועגונג שוין נאָך דער גרינדונג פֿון „בונד" קאָנען מיר ניט אָנרופֿן פּיאָנירן: זיי זײַנען שוין געקומען צום פֿאַרטיקן. דאָס קאָנען זײַן אַלטע טוערס, וועטעראַנען פֿון אונדזער באַוועגונג, אָבער ניט קיין פּיאָנירן.

בשום־אופֿן ווילן מיר דערמיט ניט מינערן דעם באַטײַט און די היסטאָרישע פֿאַרדינסטן פֿון יענע פּיאָנירן וואָס האָבן זיך אין ערשטן צוזאַמענפֿאָר ניט באַטייליקט. נאָר אַ דאַנק אונדזערע פּיאָנירן, דער עיקר פֿון דער ווילנער פּיאָנירן־גרופּע, איז בכלל מיגלעך געווען די גרינדונג פֿון דער פּאַרטיי. דער צוזאַמענפֿאָר האָט אַפֿילו ניט געדאַרפֿט ערשט באַשאַפֿן די פֿאַר־בינדונג פֿון די איינציקע גרופּעס מיטן צענטער: די ווילנער גרופּע איז סײַ ווי געווען דער צענטער פֿון דער באַוועגונג און האָט אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקע פֿאַרבינדונג מיט די אָרגאַניזאַציעס פֿון די פֿאַרשיידענע שטעט, ווּהין זי פֿלעגט רעגולער שיקן ליטעראַטור, מענטשן צו דער אַרבעט אאַז"וו. אויך ווייסן מיר, אַז דער גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר האָט פּאַקטיש אַפֿילו ניט אויסגע־קליבן קיין צענטראַל־קאָמיטעט און אַז דער צענטער פֿון דער ווילנער גרופּע (קרעמער, קאָסאָווסקי, מוטניק) איז, ווי אַ זאַך

וואָס פֿאַרשטייט זיך פֿון זיך אַליין, באַשטעטיקט געוואָרן פֿאַר אַ צ"ק פֿון דער געגרינדעטער פּאַרטיי. אַגבֿ — „פּאַרטיי" האָבן מיר זיך אין אונדזער סבֿיבֿה און אין אונדזער פּרעסע אָנגעהויבן רופֿן ערשט מיט אַ יאָר 3–4 שפּעטער; אין די ערשטע יאָרן האָבן מיר זיך נוהג געווען אָנצורופֿן זיך „אָרגאַניזאַציע"; „פּאַרטיי" האָט באַטײַט אויף אונדזער לשון די לאַנדפּאַרטיי, די רוסלענדער ס"ד אַרבעטער־פּאַרטיי, פֿון וועלכער דער „בונד" איז געווען אַן אויטאָנאָמער טייל.

מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז צווישן אונדזערע פּיאָנירן וואָס זײַנען ניט געווען דירעקט באַטייליקט אין צוזאַמענפֿאָר זײַנען געווען ניט ווייניק אַזעלכע וואָס זײַנען אין אַנדערע זאַכן געשטאַנען העכער ווי עטלעכע פֿון די דרײַצן. גענוג צו דער־מאָנען פֿון דער וואַרשעווער פּיאָנירן־גרופּע צבֿיה הורוויטש און יצחק פּייסאַכזאָנען; פֿון ווילנער ייִנגערן דור פּאַוועל און אַנע ראָזענטאַל, פֿון מינסק באָריס פֿרומקינען, פֿון וויטעבסק אַבראַם „דעם טאַטן", פֿון מאָהילעוו טערמאַנען און נאָך און נאָך. אָבער מיר מוזן געדענקען, אַז יענע דרײַצן — און ניט קיין אַנדערע — האָבן אין פֿאַרלויף פֿון דרײַ טעג, מיט העכער 40 יאָר צוריק, געהאַט צו באַשטימען וועגן דעם גורל פֿון אונדזער באַוועגונג. דאָס וואָס עס איז יענע דרײַצן דעמאָלט אָנגעטרויט געוואָרן האָט זײַן גלײַכן ניט — און קאָן זײַן גלײַכן ניט האָבן — אין דער געשיכטע פֿון אונדזער באַוועגונג, און דאָס וואָס זיי האָבן באַשלאָסן האָט געווירקט אויף הונדערטער טויזנטער ייִדישע — און ניט נאָר ייִדישע — פּראָלעטאַריערס און ווירקט נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג אויף יעדערן פֿון אונדז און וועט ווײַטער ווירקן, ביז דער העכסטער ציל פֿון אַרבעטער־קלאַס — די באַפֿרײַונג פֿון דער מענטשהייט — וועט ווערן פֿאַרווירקלעכט.

איז פֿאַרשטענדלעך, וואָס אונדזער געדאַנק שטעלט זיך אָפּ מיט אַ באַזונדערן אינטערעס אויף יענע דרײַצן אויסדערוויילטע וואָס האָבן מיט העכער 40 יאָר צוריק אין דער באַשיידנסטער פֿאָרם דורכגעפֿירט דעם וויכטיקסטן און פֿײַערלעכסטן אַקט וואָס דאָס

יידישע פֿאָלק האָט צו ווײַזן אין די לעצטע יאָרהונדערטער פֿון זײַן עקסיסטענץ.

אָט זײַנען די נעמען פֿון די גרינדערס פֿון „בונד״:

1) אַבראַמאָוו נח – וויטעבסק; 2) בערמאַן פּאַוועל – מינסק; 3) גאָלדמאַן לייבע („לעאָן״) – וואַרשע; 4) גרינבלאַט ראָזע – ביאַליסטאָק; 5) זשאַלודסקי מערע – וואַרשע; 6) מיל יוסף („דזשאָן״) – וואַרשע; 7) מוטניק אַבֿרהם („גליעבֿ״) – ווילנע; 8) סאָראָקאַ הירש – ווילנע; 9) קאַץ דוד („טאַראַס״) – ווילנע; 10) קאַץ הילל – ביאַליסטאָק; 11) קאַפּלינסקי ישׂראל־מיכל – ווילנע; 12) קאָסאָווסקי וולאַדימיר – ווילנע; 13) קרעמער אַרקאַדי – ווילנע.

פֿון דער צענטראַלער (ווילנער) פּיאָנירן־גרופּע זײַנען ניט געווען אויפֿן גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר:

אײַזנשטאַט ליובע; אײַזנשטאַט איסײַ; גאָזשאַנסקי שמואל; טאָביאַש מאַקס; פּאָרטנאָי יוסף (נח); קאָפּעלזאָן צמח; קרעמער פּאַטי.

די סיבות זײַנען באַקאַנט. די ערשטע דרײַ זײַנען שוין געווען פֿאַרשיקט אין סיביר; ח׳ נח איז שוין געווען אַרעסטירט; קאָפּעלזאָן האָט געלעבט אין דער שווייץ, ווי אַ פֿאָרשטייער פֿון דער ווילנער גרופּע אין „אויסלענדישן פֿאַרבאַנד פֿון די רוסלענ־דער ס״ד״, ח׳טע פּאַטי קרעמער איז אַרעסטירט געוואָרן קורץ פֿאַרן צוזאַמענפֿאָר. די צאָל דעלעגאַטן האָט איבער קאָנספּי־ראַטיווע טעמים געמוזט זײַן שטאַרק באַגרענעצט. צוליב דעם מסתּמא האָט ח׳ טאָביאַש זיך ניט געקאָנט באַטייליקן, דאָס זעלבע אויך עטלעכע אַנדערע פֿון דער צענטראַלער גרופּע.

וואָס איז געוואָרן שפּעטער פֿון די גרינדערס פֿון „בונד״ און וווּ זײַנען זיי אַהינגעקומען?

נח אַבראַמאָוו, אַן אַרבעטער, איז אין אַ געוויסער צײַט נאָכן צוזאַמענפֿאָר אין גאַנצן אַוועק פֿון דער באַוועגונג. ער האָט זיך גענומען לערנען, געענדיקט ווי אַן עקסטערן גימ־נאַזיע און דערנאָך שטודירט מעדיצין. אַ קלאַנג איז אַ מאָל צו אונדז דערגאַנגען, אַז ער פּראַקטיקירט ערגעץ ווי אַ דאָקטאָר. קיין שום פֿאַרבינדונג איז מיט אים ניט פֿאַרבליבן.

פּאַוועל בערמאַן, אַ שלאָסער, איז אין 1898 אַוועק אין אויסלאַנד און האָט זיך דאָרט אויך גענומען שטודירן. אין אויסלאַנד האָט ער זייער פיל געאַרבעט פאַרן „בונד". ער האָט געענדיקט ווי אַן אינזשעניער אַרום 1907 און איז לעגאַל אָפּגע־פאָרן קיין רוסלאַנד. אַרום 1920 איז ער אומגעקומען בעת אַן אויטאָמאָביל־ אָדער טראַמוויי־קאַטאַסטראָפע אין נאַרווע.

לעאָן גאָלדמאַן איז שפּעטער געווען אַ וויכטיקער טוער אין דער רוסישער ס"ד באַוועגונג, אַ מיטגליד פון צ"ק פון דער רוסלענדער פּאַרטיי און אָרגאַניזאַטאָר פון געהיימע דרוקן. איצט איז ער אין ראַטן־פאַרבאַנד.

ראָזע גרינבלאַט איז אַ קורצע צייט נאָכן צוזאַמענפאָר אַוועק קיין אויסלאַנד און געוואָרן אַ ציוניסטין. זי לעבט ביז היינט אין דער שווייץ.

מערע זשאָלודסקי איז געווען איינע פון די אַקטיוווסטע טוערינס אין „בונד". געבאָרן 1875, אין 1900 אַרעסטירט אין וואַרשע, אין 1902 אַנטלאָפן פון סיביר. אין 1908 אַוועק אין פּריוואַטן לעבן.

דזשאָן מיל, געבאָרן 1870 אין קאָוונער קאַנט, אַרע־סטירט 1892, פּיאָניר און פירער פון דער בונדישער באַוועגונג אין פּוילן, גרינדער פון אויסלענדישן קאָמיטעט (דעצעמבער 1898). לעבט זינט 1915 אין אַמעריקע.

אַבֿרהם מוטניק, מיטגליד פון ערשטן צ"ק, פון 1902 ביז 1906 מיטגליד פון אויסלענדישן קאָמיטעט. געבאָרן 1869 אין ווילקאָמיר, געשטאָרבן 1930 אין בערלין.

הירש סאָראָקאַ (גרישע דער סטאָליער), געבאָרן 1873 אין ווילנער קאַנט, אַרעסטירט 1898 אין דער באָברויסקער דרוק. אָנהייב 1901 עמיגרירט קיין אַמעריקע. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 1909.

דוד קאַץ, געבאָרן 1876 אין ווילנער קאַנט, מיטגליד פון צ"ק פון 1898 ביז 1901. איינער פון די וויכטיקסטע טוערס ביז 1908. שפּעטער אַוועק אין פּריוואַטן לעבן.

ישׂראל־מיכל קאַפּלינסקי, אַרעסטירט 1898 אין דער באָברויסקער דרוק, אין 1899 אַרײַן אין דינסט פֿון דער אָכראַנע; דעמאַסקירט אין 1909, אַנטלאָפֿן פֿון ווילנע, זיך באַזעצט אין סאַראַטאָוו, ווו ער האָט ווײַטער געדינט אין דער אָכראַנע. אַרעסטירט אין 1917; אין 1918 דערשאָסן געוואָרן אין מאָסקווע.

הילל קאַץ (בלום), שטאַמט פֿון דער ליטע, לעבט איצט אין קליוולענד. פֿאַרלאָזן רוסלאַנד 1901, געלעבט אין בערלין און אין שווייץ; 1904 עמיגרירט קיין אַמעריקע, באַטייליקט זיך אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פּרעסע. מיטאַר־בעטער פֿון די ערשטע נומערן „אַרבעטער־שטימע" און „יידישער אַרבעטער".

וולאַדימיר קאָסאָווסקי, אַרעסטירט 1898, פֿון 1900 ביז סוף 1905 געלעבט אין אויסלאַנד; 1906–1907 רעדאַקטאָר פֿון דער ווילנער „פֿאָלקסצײַטונג". פֿון 1908 אין אויסלאַנד; פֿון 1930 צוריק אין פּוילן.

אַרקאַדי קרעמער (1865–1935), אַרעסטירט 1889, 1898 און 1907. אין פּוילן זינען פֿון וואָרט – דער פֿאָטער פֿון „בונד".

נסיעות

אין איינעם פֿון די אַרטיקלען וואָס זײַנען געהייליקט דעם אָנדענק פֿון אַרקאַדין דערציילט זיך, אַז ער איז צוריקגע־קומען פֿון אויסלאַנד אין 1904. דאָס איז ניט ריכטיק. איך וויל בײַ דער געלעגנהייט פֿעסטשטעלן אין כראָנאָלאָגישן סדר אַלע גרעסערע נסיעות פֿון אַרקאַדין פֿאַר דעם צווייטן פּעריאָד פֿון זײַן אַקטיווער אַרבעט (1900 ביז סוף 1907), אויף ווי ווײַט די נסיעות זײַנען מיר געבליבן אין זכּרון.

נאָך דעם גרויסן אַרעסט פֿון 26סטן יולי 1898 איז אַרקאַדי (צוזאַמען מיט אים ח׳ וו. קאָסאָווסקי) אין מאַרץ (שפּעטסטנס אַפּריל) 1900 באַפֿרײַט געוואָרן אין מאָסקווע און אָנגעקומען קיין ווילנע. אָנהייב אויגוסט 1900 זײַנען זיי ביידע אַוועק קיין אויסלאַנד, זיך אָפּגעשטעלט אין בערלין, זיך געזען מיט בוכהאָלצן, גענומען בײַ אים דעם אַדרעס פֿון דזשאָגען, געפֿאָרן

צו דזשאָנען און צוזאַמען מיט אים – קיין פּאַריז, ווו עס איז אין אויגוסט 1900 פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס.

ווען אַרקאַדיס קומען קיין פּאַריז האָט באַקומען אַ טעלעגראַם מיטן טעקסט „קרעמער ביעזשאַל" („קרעמער איז אַנטלאָפן") דער – פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אין פּעטערבורג. געשיקט די טעלעגראַם האָט ניט קיין אַנדערער ווי אַזעף. ער איז אויך געקומען צום קאָנגרעס – מיט אָדער אין דער דעלעגאַציע פון די ס״ר. אַרקאַדי איז אין די אויסלענדישע עמיגראַנטישע קרייזן שוין געווען באַקאַנט פון פריער, האָט זיך אַזעף ווען אים גאַנץ גרינג געקאָנט דערוויסן. און ווי נאָר ער איז דערגאַנגען, אַז אַרקאַדי וואָס האָט דעמאָלט געזאָלט פאַרשיקט ווערן קיין סיביר איז גאָר אין אויסלאַנד, האָט ער וועגן דעם תיכף צו וויסן געטאָן אין פּעטערבורג.

פּאָליציי האָט אַרקאַדין גוט געקאָנט

דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט זייער גוט געוווּסט, ווער אַרקאַדי איז אַזוינס. אַרקאַדי האָט גערעכנט, אַז נאָך אַ היפּשע צייט פאַרן גרויסן אַרעסט אין 1898 האָט אים שוין געהאַט אַרויסגעגעבן אַ ווילנער קאָנטראַבאַנדיסט, אַ ייד וואָס האָט טראַנספּאָרטירט פון אויסלאַנד ליטעראַטור פאַר דער ווילנער גרופּע. דעם יידן האָט פּאָליציי געהאַט אַרעסטירט, און נאָכן באַפרייען האָט ער זיך געפירט זייער חשודיק. ווען אַרקאַדי איז נאָכן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד" אַריבערגעפאָרן קיין מינסק, האָט ער זיך מיט אַ מאָל דאָרטן אָנגעשטויסן אויף דעם חשודן נפש און זיך פון אים ניט געקאָנט אַרויסדרייען. דער ייד האָט מיט אַרקאַדין פאַרפירט אַ שמועס וועגן באַנייען „יענע" געשעפטן. אַרקאַדי האָט אים געענטפערט, אַז אין דער סחורה נייטיקט ער זיך ניט מער: פאַרנומען דערמיט האָט ער זיך נאָר צוליב פּרנסה, אָבער די לייט וואָס האָבן געהאַט באַשטעלט ביי אים די סחורה האָבן אים אָפּגענאַרט און ער וויל פון זיי ניט וויסן... דער ייד האָט איראָניש געשמייכלט און איז אים נאָכגעגאַנגען

און אויסגעשפּיאָנירט זײַן קוואַרטיר. אַרקאַדי האָט אַפֿילו גערעכנט, אַז דעם „פֿאָדעם" פֿון ווילנע קיין מינסק צו אים האָבן די שפּיקעס באַקומען פֿון דעם נפֿש.

שפּעטער, ווען קאַפּלינסקי האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן, האָט די פּאָליציי צו ביסלעך אַרויסבאַקומען פֿון אים אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט וויסן.

אָנהייב 1901 איז געווען אַרעסטירט אין מאָסקווע מאָשיצקי, אַן אַלטער רוסישער ס"ד. אין טורמע איז ער שווער קראַנק געוואָרן און האָט זיך גענייטיקט אין אַן ערנצטער קוראַציע (מיר דוכט, אויך אין אַן אָפּעראַציע). זובאַטאָוו האָט באַנוצט די געלעגנהייט אַרויסצווײַזן צו אים דעם גרעסטן „ליבעראַליזם": ער האָט אים געגעבן די מיגלעכקייט זיך צו היילן אַאַז"וו. ווען מאָשיצקין איז בעסער געוואָרן, האָט זובאַטאָוו אים געהאָלפֿן באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצופֿאָרן קיין אויסלאַנד. פֿאַר זײַן אָפּפֿאָרן האָט מאָשיצקי געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט זובאַטאָוון וועלכער האָט אים דערבײַ באַריכות אינפֿאָרמירט וועגן די אויסלענדישע ס"ד־אָרגאַניזאַציעס „איסקראַ" און „סאָיוז" און אַגבֿ־אורחא אים דערציילט וועגן אַרקאַדין און וולאַדי־מירן — ווו זיי האָבן זיך באַזעצט, מיט וואָס זיי פֿאַרנעמען זיך אַאַז"וו. מיט אַכט יאָר שפּעטער, אין 1909, ווען דער אויס־לענדישער קאָמיטעט האָט באַקומען פֿון אַ געוועזענעם באַאַמטן פֿון דער אָכראַנע, מענשטשיקאָוון, פּרטימדיקע ידיעות וועגן קאַפּלינסקיס פֿאַרראַט, איז אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אויך קלאָר געוואָרן, אַז דער דעפּאַרטאַמענט האָט זייער גוט געוווּסט, ווער אַרקאַדי איז, אויך אַז ער איז געווען אויף דער ביאַליסטאָקער קאָנפֿערענץ אין מאַרץ 1902. נאָר יענע אַלע אַלטע חטאים זײַנען שוין געווען אַנולירט דורך דער אַלגעמיינער אַמנעסטיע פֿון אָקטאָבער 1905.

זיכער איז, אַז אין די אַקטן פֿון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און אויך אין די אַלטע ווילנער אַרכיוון געפֿינען זיך אויספֿיר־לעכע באַריכטן וועגן אַרקאַדין. מען מוז זען, ספּעציעל אין ווילנע, צו באַקומען אַ צוטריט צו די מאַטעריאַלן. אין אונדזער

רשות געפינט זיך בלויז אַ קאָפּיע פון אַ צירקולאַר וואָס דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט פונאַנדערגעשיקט וועגן אַרקאַדין אין 1900. אָט איז דער טעקסט:

„קרעמער אַראָן, פאָטער־נאָמען יוסף, פּסעוודאָנימען „אַרקאַדי", „אַלעקסאַנדער" און „סאָלאָמאָן", געבאָרן דעם 25סטן אויגוסט 1865 אין סוועַנציאַן, ווילנער גובערניע. נאָכן ענדיקן אין 1884 די ווילנער רעאַלשול אָנגעקומען אין פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, פון וואַנען אין 2 יאָר אַרום אַריבער אין ריגער פּאָליטעכניקום, וווּ דעם קורס ניט פאַרענדיקט. אין 1897 אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף דענטיסט. אין 1889 אַרעסטירט אין אַן עינין פון דער פּוילישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט", באַשטראָפט געוואָרן מיט 6 חדשים טורמע און אָפּגעגעבן געוואָרן אונטער פּאָליציייִשער השגחה אויף 2 יאָר. אין 1898 אַרעסטירט פאַר געהערן צום „בונד". געוועזן אין ווילנע[1] אונטער באַזונדערער פּאָליציייִשער השגחה. דעם 6טן אויגוסט 1900 אַוועק אין אויסלאַנד." – צירקולאַר נומ' 22671 פון 1900.

אין אַ שפּעטערדיקן צירקולאַר (דאַטע ניט באַוווּסט) איז צו דעם צוגעגעבן:

„אין דעצעמבער 1907 אַרעסטירט אין ווילנע פאַר געהערן צום „בונד". אָפּגעגעבן אויף 2 יאָר אונטער פּאָליציייִשער השגחה. קרעמער איז אין 1898 געוועזן דעלעגאַט פון „בונד" אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון רסדאַ"פּ (מ. 32)."

דער פּסעוודאָנים „סאָלאָמאָן" האָט אין טעקסט פון ערשטן צירקולאַר געקענט אַרייַנגעשטעלט ווערן ערשט אַ סך יאָרן שפּעטער, ווייַל דעם פּסעוודאָנים האָט אַרקאַדי אָנגעהויבן צו באַנוצן ערשט אין 1905.

אין זשענעוו

נאָכן פאַריזער קאָנגרעס האָט זיך אַרקאַדי באַזעצט אין זשענעוו. אַרום אַפּריל 1901 ווערט ער אין זשענעוו אַרעסטירט

---

[1] פון אַפּריל ביז אויגוסט 1900.

און אַרויסגעשיקט פֿון שווייץ. די באַשולדיקונג איז געווען, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ דעמאָנסטראַציע, בעת וועלכער מען האָט אַראָפּגעריסן דעם שילד פֿון רוסישן קאָנסולאַט. דער פֿאַקט גופֿא איז טאַקע דעמאָלט בשעת אַ דעמאָנסטראַציע געשען אין זשענעוו, אָבער אַרקאַדי האָט צו דעם קיין שײַכות ניט געהאַט — ער איז אַפֿילו אויף דער דעמאָנסטראַציע ניט געווען — און די גאַנצע געשיכטע איז, ווי עס ווײַזט אויס, אָרגאַניזירט געווען פֿון רוסישע שפּיאָנען. אַרויסגעשיקט איז ער געוואָרן לויט אַ פֿאָדערונג פֿון דער פּעטערבורגער רעגירונג. צוזאַמען מיט אַרקאַדין איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דרוקערײַ לעאָן בערנשטיין.

ווו אַרקאַדי האָט זיך באַזעצט נאָך זשענעוו, געדענק איך ניט. איך רעכן, אַז אין פּאַריז.

באַציִונג צו צוזאַמענפֿאָרן

פּונקט אין יענער צײַט האָט זיך צום ערשטן מאָל געשטעלט די פֿראַגע וועגן אַרקאַדיס אַ נסיעה קיין רוסלאַנד. דער צ״ק האָט יעמאָלט צוגעגרייט אין ביאַליסטאָק דעם פֿערטן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד". אויף דער טאָג־אָרדענונג זײַנען געשטאַנען אומגעהײַער וויכטיקע פֿראַגעס, צווישן זיי די קאַרדינאַלע פֿראַגע וועגן דער לאַגע פֿון „בונד" אין דער רסדאַ״פּ — אַ פֿראַגע, אין וועלכער אַרקאַדי איז לויט אַלעמענס איבערצײַגונג געווען קאָמפּעטענט אין העכסטן גראַד. דער צ״ק האָט פֿאַרבעטן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט צו שיקן צום צוזאַמענפֿאָר אַ דעלעגאַט.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז יעמאָלט באַשטאַנען פֿון פֿיר מיטגלידער: אַרקאַדי, דזשאָן, וולאַדימיר און טימאָפֿיי; אַ ביסל שפּעטער איז קאָאָפּטירט געוואָרן גליעב.

צום דריטן צוזאַמענפֿאָר (סוף דעצעמבער 1899 אין קאָוונע) איז געקומען דזשאָן. אַז דער אויסלענדישער קאָמיטעט זאָל ווידער ריזיקירן מיט דזשאָנען, האָט איצט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן (אַ מענטש וואָס קומט פֿון אויסלאַנד האָט אַלע מאָל געהאַט מער שאַנסן אַרײַנצופֿאַלן, ווי איינער וואָס האָט געלעבט שטענדיק

אין רוסלאַנד; אין דעם זינען ניץ איך דעם אויסדרוק „ריזיקירן״). אַלע פּעדעם פון דער אויסלענדישער אַרבעט זײַנען געלעגן אין זײַנע הענט, און אָן אים איז גאָר ניט מיגלעך געווען זיך פאָרצושטעלן די ווײַטערדיקע עקסיסטענץ פון אויסלענדישן קאָמיטעט. זײַן קאַנדידאַטור איז ניט געקומען אין באַטראַכט. דאָס זעלבע איז געווען מיט טימאָפייען. מיט אַ יאָר פריער איז ער געווען אין רוסלאַנד, פאַרשטייט זיך אומלעגאַל, מיטן פּלאַן צונויפצורופן דאָרטן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַ״פּ. ווען ער איז צוריקגעקומען מיט גאַנצע ביינער, איז עס געווען ניט מער ווי אַ גליקלעכער צופאַל. ער האָט זיך געזען אין פּעטערבורג מיט גוראָוויטשן (ערשט אין אָנדערטהאַלבן יאָר אַרום איז קלאָר געוואָרן, אַז גוראָוויטש איז אַ פּראָוואָקאַ־טאָר), און שפּיאָנען זײַנען אים נאָכגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און אים נאָכגעגאַנגען טריט בײַ טריט. אַ צווייטער שליח פון אויסלאַנד, טעפּלאָוו, וואָס איז אויך צוליב דעם געקומען קיין רוסלאַנד, איז יעמאָלט טאַקע אַרעסטירט געוואָרן; וויניקער געניט, האָט ער זיך ניט געקאָנט אַרויסדרייען פון דער שפּיאָ־נישער נעץ. די קאַנדידאַטור פון ח׳ קאָסאָווסקי איז אויך ניט געקומען אין באַטראַכט. ער איז געווען אין יענער צײַט אין אויסלאַנד דער איינציקער אמתער ליטעראַט, עס זײַנען געווען גאַנץ ברייטע פּלענער (זיי זײַנען צו ביסלעך שפּעטער טאַקע פאַרווירקלעכט געוואָרן), און קיין זאַך — אַ סעריע בראָשורן, דער זשורנאַל „יידישער אַרבעטער״ אאַז״וו אאַז״וו — האָט זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט אָן אים.

אויף אַזאַ אופן איז ניט נאָר דער פּאַסיקסטער, נאָר פאַקטיש דער איינציקער קאַנדידאַט געבליבן אַרקאַדי. דערצו נאָך האָט ער זיך געפילט אין אויסלאַנד זייער שלעכט. ניט געקוקט דערויף, וואָס לויט אַלעמענס איבערצײַגונג איז ער געווען דער ווערטיקסטער מענטש אין דער קאָלאָניע, האָט ער גופא זיך געפילט כמעט ווי אַן איבעריקער. פאַר וואָס זשע איז ער ניט געפאָרן? איך גלייב, אַז איך וועל זײַן נאָענט צום אמת, ווען איך וועל עס דערקלערן מיט אַ געוויסן סקעפּטיציזם צו צוזאַ־

אַרקאַדי, 1913

פֿאָטאָגראַפֿירט אין סולוז, פֿראַנקרײַך

מענפֿאָרן בכלל, וואָס האָט זיך אין יענער צײַט געלאָזט בײַ אים שפּירן.

אַרקאַדי איז געווען די צענטראַלע פֿיגור אויפֿן ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד", ווו עס זײַנען געווען 13 דעלעגאַטן וואָס האָבן זיך טרוקן און זאַכלעך דורכגעשמועסט, ווי אַן ערך אויף אַ רעגולערער זיצונג פֿון אַ גרעסערן קאָמיטעט. מיט 5 חדשים שפּעטער איז אַרקאַדי ווידער געווען די וויכטיקסטע פֿיגור אויפֿן גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רסדאַ"פּ אין מינסק (1טער מאַרץ 1898), ווו די צאָל דעלעגאַטן איז געווען נאָך אַ קלענערע און די דעבאַטן אויך גאַנץ טרוקענע און כּמעט וואָכעדיקע.ביידע צוזאַמענפֿאָרן האָבן אַליין גאָרניט באַשאַפֿן, זיי האָבן בלויז קאָנסטאַטירט און עפֿנטלעך געמאָלדן דאָס וואָס די אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט באַשאַפֿן דורך זייער אַרבעט. אָט אַזוי אַן ערך האָט זיך אַרקאַדי געמוזט פֿאָרשטעלן דעם פֿאַרלויף פֿון פֿערטן צוזאַמענפֿאָר: עס וועלן זיך צונויפֿקומען אַ צענדלינג דעלעגאַטן (אויב מער, זײַנען זיי דאָך משוגעים: מען וועט זיי דאָך אַלעמען נעמען ווי די פֿליגן, מיט איין קלאַפּ), מען וועט זיך דורכשמועסן וועגן דער אַרבעט וואָס איז שוין דורכגעפֿירט דורכן צ"ק און די אָרטיקע קאָמיטעטן, מען וועט אָננעמען עטלעכע באַשלוסן און — פֿאַרטיק. ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז פּונקט איך, אַרקאַדי, מוז זײַן דערבײַ? אַז זיי נייטיקן זיך דאָרטן דווקא אין מײַן „חכמה"? דאָס זײַנען אַן ערך זײַנע ווערטער וואָס איך האָב געהערט פֿון אים צען חדשים נאָכן פֿערטן צוזאַמענפֿאָר.[1] אָבער היפּש פֿריִער האָט אַרקאַדי זיך דערוווּסט,

---

[1] דערצו מוז נאָך באַמערקט ווערן, אַז אַרקאַדי האָט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן קיין רעדנערס וועלכע עס איז אַזוי ניט געגאַנגען אין אַנטוויקלען אַ געדאַנק, ווי אין האַלטן אַ „שיינע" דרשה. ער האָט ניט געקאָנט רויִק אײַנזיצן אין זייערע ד' אַמות. זײַנע גײַסטיקע כּוחות זײַנען אויסגעוואַקסן אין אַ שטרענג דיסציפּלינירטן געשלאָסענעם קרײַז, ווו עס זײַנען יאָרן לאַנג געפֿירט געוואָרן ערנצטע באַראַטונגען און ווו מען האָט זיך פֿאַרשטאַנען אָן אַן איבעריקן וואָרט. צו „שיינע" ווערטער האָט ער געהאַט אַן אָרגאַנישן ווידערווילן. אויף גרעסערע צוזאַמענפֿאָרן האָט ער אַלע מאָל געשוויגן און זיך געפֿילט אויף זיי ניט גוט.

אַז אַ סך דעלעגאַטן האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, פאַר וואָס ער איז ניט געקומען און אַז אויך דער צ"ק איז זייער אומצופרידן געווען פון דעם, וואָס דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט קיין דעלעגאַט ניט געשיקט. אויף אַרקאַדין האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

סוף זומער 1901 איז אַרקאַדי אַריבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן און איינגעאָרדנט דאָרט די דרוקעריי פון אויסלענדישן קאָמיטעט. לאָנדאָן איז שוין איצט ביז סוף 1903 געווען דער אָפיציעלער זיצאָרט פון אויסלענדישן קאָמיטעט.

דער ביאַליסטאָקער דורכפאַל

מאַרץ 1902 איז אַרקאַדי געפאָרן אומלעגאַל קיין רוסלאַנד צו דער קאָנפערענץ פון דער רסדא"פ, וואָס דער צ"ק פון „בונד" האָט אין הסכם מיט אַ ריי רוסישע ס"ד קאָמיטעטן אָרגאַניזירט אין ביאַליסטאָק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין בערלין אויף עטלעכע טעג, און די גאַנצע צייט האָבן מיר זאַלבעדריט (ער, טימאָפיי און איך) פאַרבראַכט צוזאַמען. איך האָב אים געדאַרפט איבערגעבן די ביאַליסטאָקער „יאַווקעס", און שפּאַצירנדיק איבער מיין צימער האָט ער זיי „געזוברעוועט" אויף אויסנווייניק. איך האָב זיך – אין זיין איראָנישן נוסח – אַ ביסל געווערטלט מיט אים:

– ווען איר וואָלט געפאָרן צום 4טן צוזאַמענפאָר, וואָלט איר אַלע ביאַליסטאָקער „יאַווקעס" געקאָנט אויף אויסווייניק און וואָלט ניט געדאַרפט איצט „זוברעווען" „ציליאַ בעלאָך, ציליאַ בעלאָך", ווי אַ גימנאַזיסט לאַטיינישע גראַמאַטיק...

אָט וואָס אָן ערך ער האָט דערויף געענטפערט: „אין ביאַליסטאָק זיינען געווען צוויי טוץ מחותנים – אַ נגידיש־חסידישע חתונה! ניט איך האָב דאָרטן געפעלט, נאָר אליקום בדחן מיט זיינע משוררים אָדער צום ווייניקסטן טימאָפיי – ער וואָלט כאָטש פריילעך געמאַכט דעם עולם מיט זיינע באַרימטע אַנעקדאָטן". און אַזוי ווייטער אויף זיין שטייגער. דעם ערנצטן קערן פון זיינע הומאָריסטישע ווערטער איז זייער לייכט געווען

צו פֿאַרשטיין: ער האָט געהאַלטן, אַז אין רוסלאַנד גופֿא טאָר מען ניט מאַכן קיין צוזאַמענפֿאָרן מיט אַ גרויסער צאָל דעלע־גאַטן, ווײַל מען שטעלט דערבײַ אין סכּנה די גאַנצע פּאַרטיי — דעם צ״ק און אַ היפּשן טייל פֿון די בעסטע מענטשן פֿון די ערטער.

איך וויל דאָ לאָזן אין אַ זײַט די פֿראַגע גופֿא. אַזוי גראָדליניק האָט מען זי ניט געקאָנט שטעלן. אין דעם קאָנקרעטן פֿאַל איז אַרקאַדי צום באַדויערן געווען גערעכט. אויף דער קאָנפֿערענץ, צו וועלכער ער איז געפֿאָרן, איז געווען אַ קליינע צאָל דעלעגאַטן, און פֿון דעסט וועגן זײַנען אַלע אַרעסטירט געוואָרן — אַחוץ אַרקאַדין און חבֿר נחן וואָס האָבן זיך געראַ־טעוועט אפֿשר דורך זייער גרעסערער געניטקייט און אפֿשר צופֿעליק. צווישן די אַרעסטירטע זײַנען געווען דרײַ פֿון אונדזערע בעסטע מענטשן: זעלדאָוו און פּאַוועל און אַנע ראָזענטאַל.

מיר אַלע זײַנען לכתּחילה געווען זייער אומרויִק וועגן דער ביאַליסטאָקער קאָנפֿערענץ. ס׳איז נאָך גאַנץ פֿריש געווען אין זכּרון דער חורבן וואָס ס׳האָט אָנגעמאַכט דער ערשטער צוזאַ־מענפֿאָר פֿון דער רוסלענדער ס״ד אַרבעטער־פּאַרטיי. דעמאָלט האָט אונדזער צ״ק אויך געפֿונען פֿאַר מיגלעך אָוועקצושטעלן אין סכּנה זײַן גאַנצע עקסיסטענץ, כּדי צו העלפֿן גרינדן די פּאַרטיי.[1] דער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען אין מינסק, ווו אונדזער צ״ק

---

[1] אין דער ביאָגראַפֿיע פֿון ארקאַדין אין ז. רייזענס לעקסיקאָן שטייט, אַז דער גרינדונגס־צוזאמענפֿאַר פֿון דער רסדא״פּ האָט אויסגעקליבן אין צ״ק פֿון דער רסדא״פּ ארקאַדין „צוזאמען מיט א. מוטניק״. דאָס איז ניט ריכטיק. אין צ״ק פֿון דער נײַ געגרינדעטער פּארטיי זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן ארקאַדי, איידלמאַן (קיִעוו) און ראַדטשענקאָ (פּעטערבורג). אָט די דרײַ זײַנען שוין פֿון פֿריִער געווען גוט באַקאַנט איינער מיטן אַנדערן און גיטע פֿרײַנד צווישן זיך. מוטניק (גליעב), מיטגליד פֿון ערשטן בונדישן צ״ק, איז אויפֿן צוזאמענ־פֿאַר געווען בעצם צופֿעליק. דער צ״ק האָט געהאַט באַשטימט א בונדישע דעלעגאַציע פֿון ארקאַדין, וולאַדימיר קאָסאָווסקין און „שמואל דעם שוואַרצן״ (קאַץ). צוליב א ריי דרינגלעכע עיניִנים האָט וולאַדימיר אָבער געמוזט בלײַבן אין ווילנע און ניט געקאָנט קומען צום צוזאמענפֿאָר. אויף זײַן אָרט איז עס געגאַנגען גליעב.

האָט געהאַט זײַן זיצאָרט, און דער סוף איז געווען, אַז די פּאַרטיי איז באַשאַפֿן געוואָרן נאָר אויפֿן פּאַפּיר און אין 4 חדשים אַרום איז אַרעסטירט געוואָרן כמעט דער גאַנצער „בונד": דער צ"ק, די דרוקערײַען, די בעסטע מענטשן אויף די ערטער.

איינער פֿון די מיטגלידער פֿון אונדזער ערשטן צ"ק, אַרקאַדי, איינער פֿון די וויכטיקסטע איניציאַטאָרן פֿון דעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רסדאַ"פּ, איז דאָס איצט געפֿאָרן קיין ביאַליסטאָק צו אונדזער נײַעם צ"ק וואָס האָט שוין געהאַט אויף אַן אויסגעצייכנטן אופֿן פֿאַרפֿעסטיקט דעם „בונד", אײַנגעאָרדנט נײַע דרוקערײַען און פֿון דאָס נײַ אַוועקגעשטעלט אויף סאָלידע יסודות אונדזער גרויסע בונדישע רעפּובליק. צי וועט זיך ניט אין ביאַליסטאָק אין מאַרץ 1902 איבערחזרן פּונקט דאָס וואָס ס'האָט פּאַסירט נאָך דעם מינסקער צוזאַמענפֿאָר אין 1898 ? אין ביאַליסטאָק האָבן געזאָלט קומען דעלעגאַטן פֿון אַלערליי רוסישע קאָמיטעטן. צי איז מיגלעך, אַז זיי וועלן ניט פֿאַרפֿירן אַהין קיין שפּיקעס? קיין ניסים זײַנען ניטאָ אויף דער וועלט.

אָבער, האָט אונדז געענטפֿערט אַן אָפּטימיסטישער געדאַנק, צען חדשים פֿריִער איז דאָך פּרעכטיק דורכגעגאַנגען אין ביאַליסטאָק גופֿא דער פֿערטער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד", אויף וועלכן עס זײַנען געווען גאַנצע 24 דעלעגאַטן, דערפֿון 21 מענטשן פֿון די ערטער. פֿאַר וואָס האָבן זיי קיין שפּיקעס ניט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך ? אַוודאי איז אַ גרויסער אונטערשייד, צי עס פֿאָרט למשל אונדזערער אַ ייִדישער בחור פֿון ווילנע קיין ביאַליסטאָק אָדער אַ רוסישער מענטש פֿאָרט אַהין פֿון ניזשניִ-נאָווגאָראָד. דער לעצטער מוז זיך וואַרפֿן אין די אויגן שוין אויפֿן וואָקזאַל. אָבער וואָס איז דאָ צו טראַכטן ? ס'איז שוין אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך. ס'קאָן שוין אַנדערש ניט זײַן.

ווען איך האָב באַגלייט אַרקאַדין אויפֿן וואָקזאַל בײַ זײַן אָפּפֿאָרן קיין ביאַליסטאָק, האָב איך זיך שטאַרק אַרײַנגעקוקט אין זײַן פּנים. כ'בין ניט זיכער געווען, אַז איך וועל אים אַזוי גיך זען איבער אַ נײַס. אויף זײַן קאָנטאָ בײַם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט איז געשטאַנען אויף דער דעבעט-זײַט אַ פּסק-דין פֿון

אַכט יאָר מיזרח־סיביר... אין אַ צוויי־דרײַ וואָכן אַרום איז אַרקאַדי צוריק געווען אין בערלין – קוים אַ לעבעדיקער, מיט עמיגראַנטן אַריבערגעשוואַרצט די גרענעץ. ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט דורכגעמאַכט אַ לאַנגע און שווערע טיפוסקרענק.

1907 – 1902

די גאַנצע צײַט פון אַפּריל 1902 ביז יוני 1903 האָט אַרקאַדי, ווי ווײַט איך געדענק, פאַרבראַכט אין לאָנדאָן. אין יוני 1903 איז ער געקומען קיין ציריך צום 5טן צוזאַמענפאָר פון „בונד".

דער צ"ק האָט געהאַט באַשלאָסן דורכצופירן דעם צוזאַמענפאָר אין רוסלאַנד גופא, און עס זײַנען שוין געווען אָנגעמערקט ווינונגען אין וויטעבסק, דווינסק און באַרדיטשעוו. איך בין שוין דעמאָלט געווען אין רוסלאַנד, און יונה (יאָנאָוו, פישל קאָיגען) האָט מיר געוויזן אין באַרדיטשעוו אין אַ שטיל געסל דאָס הויז, וווּ ער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ דירה פאַרן צוזאַמענפאָר. אָבער דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט ניט אויפגעהערט צו פאָדערן, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל פאָרקומען אין אויסלאַנד, און דער צ"ק האָט נאָכגעגעבן.

גלײַך נאָך אונדזער ציריכער צוזאַמענפאָר איז אַרקאַדי געפאָרן צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַ"פּ (בריסל־לאָנדאָן), וווּהין ער איז פאַרבעטן געוואָרן פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דער רסדאַ"פּ ווי אַ מיטגליד פון ערשטן צ"ק פון דער פאַרטיי. עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט וואָלט אים ניט פאַרבעטן, וואָלט אים אַהין דעלעגירט אונדזער צ"ק. דורך דעם וואָס אַרקאַדי איז געווען דירעקט פאַרבעטן, האָט די בונדישע דעלעגאַציע וואָס איז באַשטאַנען פון פינף (יודין, ליבער, מעדעם, נח, קאָסאָווסקי) צובאַקומען אַ זעקסטן.

אין נאָוועמבער 1903 איז אַרקאַדי געפאָרן (צוזאַמען מיטן ח' עזרא) אויף אייניקע מאָנאַטן קיין צפון־אַמעריקע, ווי דער ערשטער דעלעגאַט פון „בונד" צו די אַמעריקאַנער חבֿרים.[1]

[1] אין ז. רייזענס לעקסיקאָן דערציילט זיך, אַז אַרקאַדי איז געפאָרן קיין אַמעריקע „צוזאַמען מיט מכבין", און דערבײַ ווערט דערמאָנט אַן איבער־

ווו אַרקאַדי האָט זיך באַזעצט נאָך זײַן צוריקקומען פֿון אַמעריקע, ווייס איך ניט. אין אויגוסט 1904 איז ער געקומען אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם. פֿון דאָרטן איז ער געפֿאָרן קיין בערלין. מיגלעך, אַז ער האָט זיך געהאַט באַזעצט אין בערלין באַלד נאָך זײַן צוריקקומען פֿון אַמעריקע.

אין פֿעברואַר 1905 האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע געשיכטע ווי מיטן 4טן צוזאַמענפֿאָר אין 1901. דער צ"ק האָט נאָך די שטורעמדיקע יאַנואַר־טעג צונויפֿגערופֿן אין דווינסק די 6טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד" מיט אַ גוואַלדיק וויכטיקער טאָג־אָרדענונג און האָט צו דער קאָנפֿערענץ פֿאַרבעטן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט; און ווידער איז קיינער ניט געקומען. פֿאַר וואָס דער אויסלענדישער קאָמיטעט (אין יענער צײַט האָבן געהערט צו אים – חוץ די וואָס איך האָב שוין אָנגעוויזן – מעדעם און משה ווינאָקור) האָט דאָס מאָל קיינעם ניט געשיקט, ווייס איך ניט. איך בין יענע צײַט געווען שוין אַ יאָר אין טורמע.

אָנגעקומען קיין רוסלאַנד איז אַרקאַדי עטלעכע וואָכן נאָך דער קאָנפֿערענץ, און גראָד אין דער ריכטיקער צײַט: אין יוני 1905 איז אַרעסטירט געוואָרן אין ווילנע חבֿר נח (צוזאַמען מיט וולאַדעקן א"אַנד) און עס איז געווען אַ גליק פֿאַר אונדזער פּאַרטיי, וואָס אַרקאַדי האָט אים געקאָנט פֿאַרבײַטן.

ווי ווײַט איך געדענק, איז אַרקאַדי צום 6טן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד" (אָקטאָבער 1905 אין ציריך) ניט געפֿאָרן.

אין נאָוועמבער 1905 איז אַרקאַדי געפֿאָרן צוזאַמען מיט ליבערן ווי אַ דעלעגאַט פֿון אונדזער צ"ק צום פּעטערבורגער סאָוועט פֿון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן. גלײַך ווי זיי זײַנען אַרײַן אויף דער זיצונג, איז דאָס הויז אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון פּאָליציי, און דער סאָוועט איז אַרעסטירט געוואָרן. זיי ביידע איז געראָטן זיך אַרויסצוראַטעווען פֿון אַרעסט.

זעצערין „ראָזע לעווין". מכבי (מאַקאַבי, מאַקאַווי) איז טאַקע עזרא; ווער איז ראָזע לעווין? — בײַ אונדז ווייס דאָס קיינער ניט. אפֿשר ראָזע לעווינ? איז זי אָבער שוין מיט 2 יאָר פֿריִער געווען אָפּגעפֿאָרן קיין רוסלאַנד.

מאַרץ 1906 איז אַרקאַדי געפֿאָרן קיין בערן צו דער 7טער קאָנפֿערענץ פֿון „בונד".

אין יוני 1906 איז ער פֿון ווילנע געקומען קיין בערלין, ווו ער האָט געקויפֿט די גרויסע ראָטאַציע־מאַשין פֿאַר דער ווילנער „פֿאָלקסצײַטונג". איך האָב אים דערבײַ צוגעהאָלפֿן.

אין אויגוסט 1906 פֿאָרט אַרקאַדי צום 7טן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד" אין לעמבערג.

נאָך דעם ווי דער „בונד" איז צוריק אַרײַן אין דער רסדאַ"פּ, איז אַרקאַדי געפֿאָרן, סוף 1906 און אָנהייב 1907, קיין פּעטערבורג און פֿינלאַנד אויף זיצונגען פֿון דער רסדאַ"פּ, אויב איך האָב קיין טעות ניט, צוזאַמען מיטן ח' אַבראַמאָוויטש.

אין מײַ 1907 פֿאָרט ער קיין לאָנדאָן צום צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רסדאַ"פּ. דאָס איז געווען, ווי ווײַט איך געדענק, די לעצטע אויסלענדישע נסיעה פֿון אַרקאַדין אין שליחות פֿון אונדזער פּאַרטיי. סוף 1907 ווערט ער אין ווילנע אַרעסטירט.

די פּערזענלעכקייט און די אידעע

איך האָב אין אָנהייב געזאָגט, אַז איך וויל זיך דאָ ניט פֿאַרנעמען מיט דעם היסטאָרישן באַטײַט פֿון אַרקאַדין. אָבער אַ פּאָר באַמערקונגען צו דער טעמע וויל איך מאַכן.

עס וואָלט ניט גרינג געווען צו דערקלערן, מיט וואָס קאָנקרעט אַרקאַדי האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכנט; פֿאַר וואָס ער האָט אין דער צענטראַלער גרופּע, אין וועלכער עס זײַנען געווען ניט ווייניק גוטע גײַסטיקע כּוחות, בלי־ספֿק געהאַט דעם גרעסטן אויטאָריטעט.

דערויף ענטפֿערט מען ס'רובֿ, אַז ער איז געווען דער קליגסטער. געוויס איז אַרקאַדי געווען זייער קלוג. אָבער איך גלייב, אַז פֿאַר ניט־קלוגע איז אין צ"ק פֿון „בונד" פֿון אָנהייב אָן געווען אײַנגעפֿירט אַ „נומערוס קלויזוס"...

אָדער דאָס איז געווען זײַן רעוואָלוציאָנערע ענערגיע? אָבער דאָס האָט אין „בונד" קיין מאָל ניט געפֿעלט.

ניט אין דעם אַליין איז באַשטאַנען זײַן צוציִונגס־קראַפט. ס'איז געווען אין אים עפּעס אַזוינס וואָס לאָזט זיך שווער דעפינירן: אַ באַזונדערער צויבער וואָס האָט געהאַט אויף מענטשן אַ גוואַלדיקע ווירקונג.

אַרום אַרקאַדיס נאָמען האָבן זיך אין די אַלטע יאָרן געוועבט פאַרשיידענע לעגענדעס. איינע פון זיי וויל איך דאָ איבערגעבן.

מיר האָט אַ מאָל דערציילט מיעטשיסלאַוו קאָזלאָווסקי, אַ פּוילישער סאָציאַליסט, אַז „דער באַרימטער בונדיסט אַלעקסאַנדער" האָט זיצנדיק אין זײַן איינצל־קאַמער אין מאָסקווער טורמע אויסגעאַרבעט אַ געניאַלן פּלאַן פון אַן עלעקטרישער מאַשין וואָס וועט אָנמאַכן אַן איבערקערעניש אין דער גאַנצער וועלט. אויף מײַן באַמערקונג, אַז אַ פּלאַן אַליין איז נאָך ניט גענוג, מען מוז דאָך אויפבויען פריִער די מאַשין און מאַכן מיט איר עקספּערימענטן, האָט מיר קאָזלאָווסקי געענטפערט: „איר ווייסט ניט, ווער אַלעקסאַנדער איז, דאָס איז אַ געניאַלער מענטש". אינטערעסאַנט איז, אַז געגלייבט אין דער מאַשין האָבן דעמאָלט אַ סך מענטשן, און גראָד אַזעלכע וואָס האָבן געקענט אַרקאַדין פּערזענלעך. אויך טישקאָ־יאָגיכעס האָט זיך שפּעטער בײַ מיר אַ מאָל נאָכגעפרעגט: „און וואָס איז דאָס אַזוינס מיט אַלעקסאַנדערס מאַשין?". אפשר איז געווען דערין אַ קערנדל אמת? [1]

אין אַרקאַדיס אופן ריידן האָט זיך געפילט דער געבאָרענער מאַטעמאַטיקער: אַ קלאָרקייט, אַ באַצווינגנדיקע דערווײַזקראַפט און דערבײַ די גרעסטע עקאָנאָמיע אין ווערטער.

נאָר דאָס זײַנען אַלץ געווען ריין פּערזענלעכע אייגנשאַפטן. מיר דוכט אָבער, אַז אין דער פּאָליטישער פיזיאָנאָמיע פון אַרקאַדין איז געווען עפּעס אַזוינס וואָס האָט אים גאַנץ באַזונדער אויסגעצייכנט. דערויף מוז איך זיך אָפּשטעלן אַ ביסל לענגער.

די ווילנער פּיאָנירן־גרופּע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע: העלפן באַשאַפן אין רוסלאַנד די געאייניקטע פּאַרטיי פון אַרבעטער־

---

[1] זע דעם אַרטיקל פון ח'טע פּאַטי און דעם קיצור פון א. קרעמערס אַרבעט וועגן טעלעגראַף אין אונדזער זאַמלבוך. — רעד'.

קלאַס — פֿון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס — אויפֿן שטח פֿון דער גאַנצער מלוכה. איין אַרבעטער־קלאַס — איין פּאַרטיי; נאָר אַזאַ פּאַרטיי וועט קאָנען אַראָפּוואַרפֿן דעם צאַריזם. אין דעם צוגרייט־פּעריאָד קומען אין באַטראַכט אַחוץ ווילנע נאָך צוויי ערנצטע פּונקטן: פּעטערבורג און קיִעוו. מיט די צוויי פּונקטן און מיט די אויס־לענדישע טעאָרעטיקערס שטייט ווילנע אין ענגסטן קאָנטאַקט (די באַציִונג צו דער פּפּ״ס וואָס האָט פֿון אָנהייב אָן אַרויסגעש־רוקט אויפֿן ערשטן פּלאַן איר אייגענע נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבע מוז איך דאָ לאָזן אין אַ זײַט). די צוגרייט־אַרבעט גייט מיט הצלחה. אין פּראָצעס פֿון דער אַרבעט קומט אויף דער „בונד״ — אַ גאַנצע „מלוכה״ מיט אַ גענעראַל־שטאַב, מיט פֿעסטונגען, מיט גרענעצפּונקטן, מיט אַמבאַסאַדאָרן אין אויסלאַנד בײַ אַלייִרטע און פֿרעמדע „מלוכות״.

צי האָט אונדזער פּיאָנירן־גרופּע אויפֿגעבויט דעם „בונד״ לויט אַ באַשטימטן פֿריִער אויסגעאַרבעטן פּלאַן? — ניין.

מען זאָגט: רעוואָלוציעס „מאַכט״ מען ניט. איך זאָג: רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען „מאַכט״ מען אויך ניט. אין פּראָצעס פֿון דער אַרבעט אַנטפּלעקן זיך באַהאַלטענע כּוחות, באַווײַזן זיך פֿאַרבאָרגענע ענערגיעס וואָס זײַנען אָפֿט מאָל אַ סורפּריז פֿאַר אונדז גופֿא. די אויפֿגאַבע פֿון דער פּאָליטישער אָנפֿירונג באַשטייט טאַקע אין געפֿינען דעם ריכטיקן צוגאַנג צו די פֿאַרבאָרגענע כּוחות, אין אַרויסרופֿן זיי צום לעבן און זיך שאַרף צוקוקן צו דער אינעווייניקסטער לאָגיק פֿון די אַלע נײַע כּוחות וואָס באַווײַזן זיך.

קאָן זײַן, אַז די לאַגע פֿון די ייִדישע מאַסן האָט שטאַרק פֿאַרלײַכטערט די אַרבעט פֿון אונדזער איניציאַטיוו־גרופּע; קאָן זײַן, אַז אונדזערע פּיאָנירן האָבן אין דער פּראַקטישער אַרבעט פֿריִער פֿאַר אַנדערע געפֿונען דעם ריכטיקן וועג צום אַרבעטער־קלאַס. דאָס לייגט זיך זייער אויפֿן שכל. אָבער קיין נביאים זײַנען זיי ניט געווען, און דאָס וואָס איז אויסגעוואַקסן פֿאַר זייערע אויגן איז פֿאַר זיי גופֿא געווען אַ גרויסער סורפּריז. פּאָזיטיוו ווייסן מיר, אַז עס איז ניט געווען קיין פּלאַן צו באַשאַפֿן

אויף די ערטער ריין יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. צום מערסטן האָט זיך דאָס אַזוי געשאַפן אומאָפּהענגיק פון דעם ווילן פון דער אָנפירונג, אין אַנדערע ערטער בפירוש קעגן זייער ווילן. אין דעם פּרט זײַנען אומגעהײַער אינטערעסאַנט די מעמואַרן פון פּיאָניר פון דער וויטעבסקער באַוועגונג אַ. מ. גינזבורג.[1] גינזבורג איז קיין מאָל קיין בונדיסט ניט געווען. ער האָט זיך באַמיט צו באַשאַפן אַן אייגהייטלעכע אָרגאַניזאַציע פון אַלע וויטעבסקער אַרבעטערס (יידישע און רוסישע צוזאַמען). קעגן זײַן ווילן האָט זיך באַשאַפן אַ ריין יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, און סוף־כּל־סוף האָט ער זי געמוזט פאַרבינדן מיטן צ״ק פון „בונד".

ציוניסטן און אַנדערע האָבן אונדז שטענדיק אויפגעוואָרפן, אַז די ווילנער גרופּע האָט בעצם געוואָלט נאָר צוגרייטן אַגיטאַ־טאָרן פאַר רוסלאַנד און גאָר ניט געוואָלט באַשאַפן דעם „בונד". געווען בונדיסטן וואָס האָבן געפּרוּווט פאַרטיידיקן אונדזערע פּיאָנירן. איך מיין, אַז עס הייסט פאַרקלענערן דעם היסטאָרישן ווערט, די גרויסקייט און דעם סטיכישן כּוח פון „בונד", ווען מען מאַכט פון אים ניט מער ווי אַ פאַרווירקלעכונג פון אַ קלוגן פּלאַן וואָס אַ גרופּע קלוגע ווילנער ליטוואַקעס האָבן אויסגעטראַכט. קאָן זײַן, אַז די ווילנער ליטוואַקעס זײַנען געווען אַזוי קורצזיכ־טיק, אַז זיי האָבן געשטרעבט ניט מער ווי צוצוגרייטן אַגיטאַטאָרן פאַר רוסלאַנד. ניט דאָס איז דאָך וויכטיק. וויכטיק איז, וואָסערע כּוחות ס'זײַנען אויפגעוועקט געוואָרן צום לעבן דורך אָט דער „קורצזיכטיקער" צוגרייט־אַרבעט. מיר וועלן מסכּים זײַן מיט אונדזערע קריטיקער, ווען זיי וועלן אונדז ווײַזן זייער אייגענע ווײַטזיכטיקייט. דערווײַל האָבן זיי עס אונדז נאָך ניט געוויזן.

דער בונד און די רסדא״פּ

ווילנע איז פאַקטיש ניט נאָר געווען דאָס וויגעלע פון „בונד". ווילנע איז אויך געווען די גײַסטיקע לאַבאָראַטאָריע פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. און אויך

[1] אין רוסישן זאמלבוך ,Революционное движение среди евреев מאָסקווע 1930, זז׳ 100—130.

דאָס איז קיין צופֿאַל ניט. אונדזערע פּיאָנירן האָבן די ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע ניט געקאָנט פֿאַרשטיין אַנדערש ווי אין די ראַמען פֿון אַן אַלגעמיינער פּאַרטיי וואָס נעמט אַרום די גאַנצע מלוכה, דעם אַרבעטער־קלאַס פֿון אַלע פֿעלקער אין דער מלוכה.

אַזאַ פּאַרטיי איז נאָך אָבער ניט געווען. אַזאַ פּאַרטיי האָט ערשט געמוזט באַשאַפֿן ווערן. אין דער גײַסטיקער לאַבאָראַטאָריע פֿון דער „גרופּע ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" איז דער געדאַנק וועגן דער אַלגעמיינער פּאַרטיי צײַטיק געוואָרן אין אַלע איינצלהייטן, און די גרינדערס פֿון „בונד" זײַנען אויך געווען — צוזאַמען מיט די וויכטיקסטע טוערס פֿון דער רוסישער ס״ד באַוועגונג אין פּעטערבורג, קיִעוו און עטלעכע אַנדערע ערטער — די גרינדערס פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. און דעריבער איז ווידער אַ מאָל געוויס קיין צופֿאַל ניט, וואָס דער גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רוסלענדער ס״ד אַרבעטער־פּאַרטיי איז פֿאָרגעקומען אין מינסק, אין דער שטאָט, ווּ דער צ״ק פֿון „בונד" (אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי און גליעב) האָט זיך דעמאָלט געהאַט באַזעצט נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿילן אומזיכער אין ווילנע.

אין דעם מאָמענט, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די פּאַרטיי אין גאַנצן לאַנד, איז דער „בונד" שוין געשטאַנען אויף אַ פֿעסטן פֿונדאַמענט; די פּאַרטיי — כּמעט נאָר אויפֿן פּאַפּיר. אירע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס זײַנען געווען פֿול מיט לעבן, זי איז גוואַלדיק רײַך געווען אין יונגע שעפֿערישע כּוחות, אָבער צונויפֿבינדן די כּוחות, באַשאַפֿן אַן אויטאָריטעטן צענטער אויף אָנצופֿירן מיט דער באַוועגונג — דאָס איז ניט געראָטן. ווען מען נעמט אין אַכט דעם ריזיקן שטח לאַנד, די פּאָליציייִשע באַדינגונגען פֿון יענער צײַט, מוז מען זאָגן, אַז די באַמיִונגען צו שאַפֿן אַ צענטער זײַנען אפֿשר באמת געווען אַן אוטאָפּיע. אַגבֿ איז דאָס אין גרונט שפּעטער אויך ניט געראָטן, קיין מאָל ניט.

פאַר אַ הויפּטשטער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן די פּראָקציאָ־נעלע שפּאַלטונג.

ווען די פּאַרטיי האָט זיך געגרינדעט, האָט דער „בונד" איר אָפּגעגעבן זײַן טײַערסטע אַמוניציע – רוסישן שריפט פאַר דער קיִעווער דרוקערײַ, ווו עס האָט זיך געזאָלט דרוקן דער צענטראַל־אָרגאַן, די „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ". דעם גאַנצן מאָנאַט אַפּריל האָט די באָברויסקער בונדישע דרוק געאַרבעט פאַר דער פּאַרטיי (אָפּגעדרוקט דעם מאַניפעסט און פאַרשיידענע אָרטיקע מײַ־פּראָקלאַמאַציעס פאַר די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן). דער פאַקטישער פירער פון צ"ק פון דער פּאַרטיי איז אין יענע פּאָר חדשים געווען אַרקאַדי. אין שײַכות מיט דער פיבערדיקער אַרבעט פון ערשטן מײַ, באַזונדער מיט דעם טראַנספּאָרט פון די אומלעגאַלע אויסגאַבעס אין רוסישע שטעט, איז דעם 26סטן יולי כמעט דער גאַנצער „בונד" חרוב געוואָרן. דער מינסקער פּרווו פון מאַרץ 1898 האָט זייער טײַער געקאָסט און האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. דאָס זעלבע איז געווען, ווי מיר האָבן געזען, מיטן צווייטן פּרווו – אין מאַרץ 1902 אין ביאַלי־סטאָק.

דאָס לעבן איז אָבער ניט געשטאַנען אויף אַן אָרט. דער „בונד" איז געוואַקסן, האָט זיך פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט. דאָס זעלבע די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּאַרטיי. אין דער פּאַרטיי גייט אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן ריכטונגען, צווישן גרופּירונ־גען וואָס פּרעטענדירן אויף אָנפירערשאַפט. אָט אין דער אַטמאָ־ספער באַשאַפט זיך די אָפּגעזונדערטקייט פון „בונד". געוויס זײַנען מיר אַלע מאָל געווען אין דער פולסטער מאָס סאָלידאַריש מיטן אַרבעטער־קלאַס פון גאַנצן לאַנד, אָבער מיר זײַנען פאַקטיש געוואָרן אַ באַזונדערע פּאַרטיי. מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו דעם, און עס האָט זיך באַשאַפן אַ פּסיכאָלאָגישער צושטאַנד פון „מיר" און „זיי".

דאָס האָט אונדזער קלאַסן־באַוווּסטזײַן ניט פאַרטונקלט, אָבער ווי אַ היסטאָרישער פּרעצעדענט קאָן דאָס ווערן פאַר אונדז אַ שלעכטע ירושה. בײַ מײַן אויפריכטיקסטער באַמיִונג ניט

צו פֿאַרדעקן אונדזערע אייגענע פֿעלערן, בלײַבט איך בײַ דער אַבסאָלוטער איבערצײַגונג, אַז אין אונדזער „סעפּאַראַטיזם" זײַנען שולדיק געווען ניט מיר.

אָט יעמאָלט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן סטאַביליזירן די באַגריפֿן „מיר" און „זיי", איז אַרקאַדי געווען איינער פֿון די וואָס האָבן אויף אַ מינוט ניט פֿאַרגעסן די סכּנות וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט אַזאַ צושטאַנד.

איין אַרבעטער־קלאַס — איין פּאַרטיי

פֿאַרשיידן איז געווען אין אונדזערע רייען די באַציִונג צו דער אָפּגעזונדערטקייט, צום „מיר" און „זיי". מעדעם למשל איז בײַ דער גאַנצער קלאָרקייט פֿון זײַן געדאַנק און געפֿיל אַזוי שטאַרק אַדורכגעדרונגען געווען מיט דעם „מיר", אַז ער האָט זיך אויך אָן „זיי" געפֿילט גאָר ניט שלעכט. געוויס, ער איז אין יאָר 1906 געווען פֿאַר פֿאַראייניקונג, אָבער גאַנץ קאַלטלעך. סלאַוועק האָט אויך קיין שום טראַגעדיע ניט געזען אין דעם פֿאַקט פֿון „מיר" און „זיי". אמת, עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז אַזוי איז נאָר געווען זײַן שטימונג בנוגע רוסלאַנד. ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן אין פּוילן אַזאַ פּאַרטיי וואָס האָט זיך אָריענטירט, ווי מיר, אויסשליסלעך אויפֿן אַרבעטער־קלאַס און איז אין איר באַציִונג צו אונדז געווען קאָרעקט, איז בנוגע פּוילן גלײַך פֿאַרשוווּנדן געוואָרן בײַ אים די מחיצה צווישן „אונדז" און „זיי", און „זיי" זײַנען אים געוואָרן כּמעט אַזוי נאָענט ווי די אייגענע פּאַרטיי.

עס וועט פֿאַר אונדזערע ייִנגערע לייענערס אפֿשר זײַן נײַ, ווען איך וועל פֿעסטשטעלן, אַז אַ. ליטוואַק, דער קלאַסישער טיפּ פֿון אַ ניט־אַסימילירטן אינטעליגענט, ליטוואַק מיט זײַן פֿאָלקסטימלעכקייט, מיט זײַן הייסן נאַציאָנאַלן געפֿיל, איז געווען זייער באַאומרויִקט פֿון דער עקסיסטענץ פֿון אַ „מיר" און אַ „זיי". נאָך 1906, ווען ער איז געווען קעגן פֿאַראייניקונג, האָט ער אַ סך געלערנט און איבערגעטראַכט און אין גאַנצן געביטן זײַן שטעלונג.

פאַר די וואָס פאַרנעמען זיך מיט פסיכאָלאָגישע פאָרשונגען וועט אפשר זײַן אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז צווייַ וואָס זײַנען געקומען פון אַ דורך און דורך אַסימילירטער סביבה האָבן זיך פאַרהאַרטעוועט אין זייער נאַציאָנאַלער שטימונג, און אַזאַ איינער ווי ליטוואַק, הונדערטפּראָצענטיק נאַציאָנאַל אין יעדער אָדער, האָט גובר געווען אַן ענלעכע שטימונג. אָבער מיר קענען זיך דאָ דערמיט ניט פאַרנעמען.

דער צ"ק פון „בונד" האָט אין זײַן ביאַליסטאָקער פּעריאָד (1900 ביז 1902) און אויך שפּעטער שאַרף געקעמפט קעגן די שטימונגען וואָס האָבן געהאָלפן סטאַביליזירן אַ צושטאַנד פון „מיר" און „זיי". „זיי" זײַנען אָבער טייל מאָל געווען אַזוי באַ־ליידיקנדיק אָפּאָרטוניסטיש, אַזוי קליינלעך פּראַקטיש, אַזוי עגאָיִסטיש, אַז עס איז קיין שום מיגלעכקייט ניט געווען זיך צונויפצורײדן.

אָט אין דעם עינין קאַמף קעגן איזאָלאַציע – בײַ דער גרעסטער עקשנות אין פאַרטיידיקן אונדזער ווערדע און אונדזערע פּרינציפּיעלע פּאָזיציעס – איז אַרקאַדי געווען פון די, בײַ וועלכע קיין שום בייזוויליקע אָנפאַלן, קיין שום געוויסנלאָזע פּאָלעמיק[1] האָבן ניט געקענט בײַטן זײַן באַציִונג צו דער עצם אויפגאַבע פון אונדזער באַוועגונג: איין אַרבעטער־קלאַס – איין פּאַרטיי; איין פּאַרטיי אין דער גאַנצער מלוכה.

אַרקאַדי האָט אונדז, זײַנע צוויי אָדער דרײַ דורות תּלמידים, קיין געשריבענע פּאָליטישע צוואה ניט איבערגעלאָזט. אָבער איך בין זיכער, אַז ווען ער וואָלט עס געטאָן, וואָלט ער אַרויפ־געלייגט אויף אונדז דעם חוב אַ סוף צו מאַכן צו דער איזאָ־לירטקייט, צו דער צעברעקלונג פון די כּוחות. לאָמיר דאָס באַטראַכטן פאַר אַרקאַדיס פּאָליטישער צוואה און לאָמיר אונדזערע אָנשטרענגונגען פאַרבינדן מיט זײַן ליכטיקן אָנדענק.

---

1 מיר מוזן צוגעבן, אַז די דעמאָלטיקע פּאָלעמיק איז געווען אַ קינדער־שפּיל אין פאַרגלײַך מיט דעם וואָס ס'איז שפּעטער אויסגעקומען צו לייענען וועגן „בונד".

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אין הײַנטיקן פּוילן איז אין געוויסע פּרטים נאָך קאָמפּליצירטער און שווערער צו פֿאַרענטפֿערן אַזאַ אויפֿגאַבע ווי אין אַמאָליקן רוסלאַנד. ס׳איז אָבער געווען איינער וואָס האָט אונדז געלערנט זיך ניט אָפּצושטעלן פֿאַר שווערע אויפֿגאַבעס. זײַן הערלעכער נאָמען איז געווען: אַרקאַדי קרעמער.

די ווילנער גרופּע און אַרקאַדי קרעמער

פון

יעקבֿ פּעסקין

איך האָב ניט בדעה צו שרייַבן דאָ די געשיכטע פון דער „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד". געוואָלט האָב איך נאָר געבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון מייַן לערער און פרייַנד אַרקאַדי קרעמער. אָבער שרייַבן וועגן קרעמערן הייסט שרייַבן אויך וועגן דער גרופּע, אויף וועלכער ער האָט געהאַט אַזאַ גרויסע השפּעה.

ווען איז אויפגעקומען די גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן? קיין באַשטימטע דאַטע לאָזט זיך ניט פעסטשטעלן. אין יענע צייַטן האָט מען ווייניק געזאָרגט וועגן פאָרמאַליטעטן, און וואָס ווייניקער פאַרשרייַבן איז געווען אַ הויפּט־כּלל פון קאָנספּיראַציע. קאָפּעלזאָן דערציילט אין זייַנע זכרונות,[1] אַז סוף זומער 1887, בעת אייניקע חבֿרים האָבן זיך געקליבן פאָרן אין די אוניווערסיטעטן אָדער אָפּטראָגן זיך קיין אויסלאַנד, האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אין איינעם מיט די איבערגעבליבענע און אויסגעאַרבעט אַ „פּראָגראַם מיט סטאַטוטן"; דעם אינהאַלט פון דער פּראָגראַם האָט ער אָבער אין גאַנצן פאַרגעסן, און אויך אין די זכרונות פון די אַנדערע טוערס ווערט זי ניט אָנגעוויזן. צי דאַרף מען אָננעמען, אַז דאָס איז געווען די גרינדונגס־דאַטע פון דער גרופּע? אויב יאָ, האָט די פּראָגראַם בכל־אופן ניט געקענט זייַן קיין ריין מאַרקסיסטישע, ווייַל אין אויסאַרבעטן זי

[1] „אַרבעטער־לוח", וואַרשע 1922, ז' 58.

האָבן אָנטייל גענומען סײַ ליובע אַקסעלראָד וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ מאַרקסיסטין און סײַ חנן (שאַרל) ראַפּאָפּאָרט, בייסהילעל און איסײַ אײַזנשטאַט, וואָס האָבן געהערט צו די נאַראָדניקעס.[1]

די מיטגלידער פֿון דער ווילנער גרופּע האָבן משמעות קיין שום השגה ניט געהאַט וועגן דער עקסיסטענץ פֿון די פריִערדיקע סאָציאַליסטישע פּרוּוון צווישן ייִדן, ווי למשל ליבערמאַנס און זונדעלעוויטשעס; זיי איז מסתמא אויך געבליבן אומבאַקאַנט ליבערמאַנס „סטאַטוט פֿאַר דער אָרגאַניזאַציע פֿון אַ סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערן פֿאַרבאַנד צווישן ייִדן אין רוסלאַנד". אויך קען מען ניט זאָגן, אַז די מינסקער טוערס האָבן געהאַט אַ השפּעה אויף די ווילנער, הגם אין מינסק האָט אַ גרופּע טוערס — עמיל אַבראַמאָוויטש, איסאַק הורוויטש און זײַן שוועסטער זשעניע — שוין געהאַט אַנטוויקלט אַ גאַנץ לעבעדיקע טעטיקייט; עמיל אַבראַמאָוויטש האָט אַפֿילו עטלעכע חדשים פֿאַרבראַכט אין ווילנע.

ריידנדיק וועגן דער ווילנער ייִדישער אינטעליגענץ דאַרף מען ספּעציעל אָנווײַזן אויף דער גרופּע שילערס פֿון לערער-אינסטיטוט, וואָס האָבן אין דער באַוועגונג געשפּילט אַ גאַנץ גרויסע ראָלע. די „אינסטיטוטשיקעס" זײַנען געווען אַרײַנגעצויגן אין דער רוסישער קולטור, און פֿון דער צווייטער זײַט זײַנען זיי לויט זייער אָפּשטאַם און ווי קומעדיקע פֿאָלקסלערערס געשטאַנען נעענטער צו דער ייִדישער מאַסע ווי די אַנדערע. אַזעלכע ווי גאָזשאַנסקי (לנו), פּאָרטנעי (נח), פֿין, רעזניק וכדומה קענען באַטראַכט ווערן ווי ייִדישע קולטור-טוערס לויט זייער פּראָפֿעסיע.

די צענטראַלע פֿיגור אין דער ווילנער גרופּע איז לויט אַלעמענס אָנערקענונג געווען אַ ר ק אַ ד י ק ר ע מ ע ר (אַלעקסאַנדער).

---

[1] וועגן די אידעיִשע ריכטונגען אין דער ייִדישער און ניט-ייִדישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ האָב איך געשריבן אַ ביסל מער באַריכות אין מײַן אַרטיקל אין די היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ III, זז' 544—556.

איך געדענק אים פֿון מײַנע קינדעריאָרן, פֿון אָנהייב 90ער יאָרן. ווי באַוווּסט, האָט קרעמער שטודירט אין פּעטערבורג צוויי יאָר צײַט און איז איבער אַ סיכסוך מיט אַ פּראָפֿעסאָר אַריבער אין ריגער פּאָליטעכניקום. אין דער צײַט צווישן פּעטערבורג און ריגע האָט ער געדינט אַ יאָר אין מיליטער (ווי אַ „פֿרײַוויליקער"). אין ריגע איז ער פֿאַרבליבן ניט לאַנג. ער האָט זיך דאָרט דערנעענטערט צו די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע קרײַזן און איז אַרעסטירט געוואָרן פֿאַר זײַנע באַציִונגען מיט די מיטגלידער פֿון „פּראָלעטאַריאַט", אָפּגעזעסן אין וואַרשע אין תּפֿיסה אַן 8 – 9 חדשים און געקומען צוריק קיין ווילנע (אָנהייב 1890). אין ווילנע האָט ער שוין געפֿונען אַ התחלה פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג וואָס האָט אָנגעהויבן באַקומען איר אייגענעם פּנים. ער פֿלעגט זײַן אָן אָפּטער אײַנגייער בײַ אונדז אין הויז. מײַנע צוויי ברידער, ישׂראל און שמואל, זײַנען געוועזן אַקטיוו אין דער באַוועגונג, און דאָס הויז פֿון מײַנע עלטערן איז געוואָרן אַ צענטער, ווו די רעוואָלוציאָנערע יוגנט פֿלעגט זיך צונויפֿקומען. אַרקאַדי איז אַרײַן אין דעם קרײַז און האָט זיך ניט נאָר אײַנגעלעבט אין אים, נאָר איז באַלד געוואָרן די צענטראַלע פֿיגור און האָט אַרויפֿגעלייגט אויף אים דעם שטעמפּל פֿון זײַן שטאַרקער פּערזענלעכקייט.

די מיטגלידער פֿון דעם קרײַז האָבן תּחילת באַטראַכט זייער אַרבעט אין ווילנע נאָר ווי אַ דערוויײַליקע, ווי אַ מין צוגרייטונג צו דער קומעדיקער „אמתער" רעוואָלוציאָנערער אַרבעט צווישן די רוסישע מאַסן, ווען זיי וועלן זיך אַרויסרײַסן פֿון „תּחום" אין דער ברייטער ניט־ייִדישער וועלט אַרײַן. די דאָזיקע צוקונפֿט־רעוואָלוציאָנערישקייט האָט אָבער באַקומען אַ קלאַפּ פֿון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט – פֿון די ייִדישע אַ ר ב ע ט ע ר ס וואָס האָבן שוין זינט דער צווייטער העלפֿט 80ער יאָרן באַוויזן, אַז זיי זײַנען ניט קיין פּאַסיווע מאַסע. קיין קלאַסן־קאַמף אין ברייטן זינען פֿון וואָרט האָבן זיי נאָך דעמאָלט ניט געפֿירט, אָבער זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע שטרעבונג אַרויסצורײַסן זיך פֿון דער שטיקנדיקער אַטמאָספֿער פֿון זייער

טאָג=טעגלעכן טרויעריקן מצבֿ. איבער הויפּט האָבן זיך געריסן צו אַ נײַער וועלט די ייִדישע פֿרויען — די אַרבעטערינס. בעת מאַרטאָוו איז געקומען קיין ווילנע זומער 1893 און האָט זיך צוגעקוקט צו דער באַוועגונג, אין אָנהייב פֿון דער צײַט, האָט ער שוין דאָ געפֿונען עטלעכע אַרטעלן פֿון ייִדישע אַרבעטערס. די דאָזיקע אַרטעלן האָבן עקסיסטירט נאָך פֿון סוף 80ער יאָרן און זײַנען געווען פֿאַרבונדן מיט די נעמען פֿון נאָוואָפּליאַנסקי, יודעלעווסקי און נאָך אַ פּאָר געציילטע אינטעליגענטן, און אויך פֿון זייער אַ קלוגער און אינטעליגענטער פֿרוי, מיט אַ זעלטן גוט האַרץ. געהייסן האָט זי שיינע וואַלק. צו דער צײַט שוין אַן עלטערע פֿרוי, האָט זי געהאָלפֿן גרינדן דעם אַרטעל פֿון זאָקן=מאַכערינס; געטאָן האָט זי דאָס אָן שום רעוואָלוציאָנערע כּוונות, נאָר פֿון גוטסקייט וועגן. קיין גענויערע ידיעות וועגן דעם דערמאָנטן אַרטעל האָב איך ניט געפֿונען, און איך ווייס ניט, צי זײַנען נאָך פֿאַרבליבן בײַם לעבן אָנטיילנעמערס און טוערס.

ווי פּרימיטיוו די דאָזיקע באַוועגונג איז ניט געווען, האָט זי געמוזט ווענדן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער רעוואָלוציאָנערער און איבער הויפּט — פֿון דער מאַרקסיסטישער אינטעליגענץ און צוציִען זי מער צו דער ערד, צום רעאַלן לעבן פֿון די ייִדישע אַרבעטערס, מיט וועלכע זי האָט שוין פֿריִער געהאַט פֿאַרבינדונגען. נאָטקין, יאָגיכעס, ליובע אַקסעלראָד און עטלעכע אַנדערע האָבן שוין פֿריִער געפֿירט פּראָפּאַגאַנדע אין די ווילנער ייִדישע אַרבעטער=קרײַזלעך; אין 1888 עקסיסטירן שוין אַרבעטער=קאַסעס בײַ די דרוקער=אַרבעטערס, זאָקן=מאַכערינס, שנײַדערס, שלאָסערס און אַנדערע, וואָס זײַנען דירעקט אָדער אומדירעקט אָנגעפֿירט געווען דורך אינטעליגענטן. בעת מײַן עלטערער ברודער ישׂראל פּעסקין איז ווי אַ סטודענט געקומען קיין ווילנע אויף די ווינטער=וואַקאַציעס 1890 — 1891, האָט ער שוין דאָ געפֿונען אַן אָרגאַניזירטע סאָציאַל=דעמאָקראַטישע גרופּע מיט אַרקאַדי קרעמערן ווי אַ צענטראַלע פֿיגור.

מיט וואָס דערקלערט זיך, וואָס קרעמער האָט פֿון אָנהייב אָן פֿאַרנומען אַזאַ וויכטיקן אָרט אין דער גרופּע? פֿאַר וואָס

האָט יאָגיכעס אַוועקפֿאָרנדיק קיין אויסלאַנד דווקא אים אויסגעקליבן צו געבן סמיכה, הגם יאָגיכעס איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ גרויסער איבערקלײַבער אין מענטשן און ניט אַזאַ, מיט וועמען ס'איז לײַכט געווען זיך אײַנצולעבן? אַ קלאָרן און אויטאָריטעטן ענטפֿער דערויף קען געבן נאָר איין מענטש — פֿאַטי, קרעמערס פֿרוי. פֿאַטי אַליין געהער אויך צו די לעגענדאַרע פֿיגורן פֿון יענער צײַט. איר פֿאָטער איז געווען דער מעלהענדלער סרעדניצקי; אין איר פֿאַמיליע, ווו איך בין געווען אַן אָפֿטער אײַנגייער (איר יינגסטער ברודער איז געווען מײַן חבר אין חדר), האָבן אַלע, פֿון די עלטערע ביז די יינגערע, געקוקט אויף איר פֿון אונטן אַרויף און גערעדט וועגן איר מיט גרויס רעספּעקט. זי האָט געהאַט אין זיך — און האָט עס איצט אויך — אַ זעלטענעם געפֿיל פֿון מענטשלעכקייט, און דאָס דערקלערט זיך אפֿשר דערמיט, ווי זי פֿלעגט מיר שפּעטער דערציילן, וואָס זי האָט געהאַט גוטע קינדעריאָרן. געוויס האָט פֿאַטי ניט ווייניק געהאָלפֿן גלאַטער צו מאַכן די שאַרפֿע ווינקלען פֿון אַרקאַדיס נאַטור, און דאָס איז איר מסתמא אָנגעקומען ניט לײַכט. איך ווייס ניט, צי איז אַרקאַדי נאָך זײַן כאַראַקטער נאָך געווען באַשיידן; איך מיין גיכער, אַז ניט. אָבער ער איז געווען, ווי מען רופֿט עס אין פֿראַנצייזיש, timide — אַן אײַנגעהאַלטענער, אין זיך אײַנגעשלאָסענער, און ווי שטענדיק בײַ אַזעלכע מענטשן פֿלעגן די ווערטער בײַ אים אָפֿט אויסקומען האַרטער ווי די כוונה, און מען האָט געקענט זען בייזקייט דאָרט, ווו ס'איז אין תוך געווען האַרציקע גוטמוטיקייט. בכדי צו קענען צונויפֿשמעלצן די פֿאַרשיידענע עלעמענטן פֿון די רעוואָלוציאָנערע קרײַזלעך האָט מען באַדאַרפֿט זײַן אַ זעלטן קלוגער, האַרציקער און בלב־ונפֿש איבערגעגעבענער טוער. און אַזאַ איז געווען אַרקאַדי קרעמער. אָבער ניט נאָר מיט זײַנע פּערזענלעכע מעלות אַליין קען מען דערקלערן זײַן ווירקונג.

הגם ווילנע איז געווען אַ קולטור־צענטער, איז זי דאָך געווען אַ פּראָווינץ־שטאָט, בעת דער האָריזאָנט פֿון דער טרוימענדיקער ווילנער יוגנט איז געווען די גאַנצע וועלט. צווישן

אָט דער ברייטער וועלט און צווישן ווילנע איז געווען אַ היפּשער מהלך, וועלכער איז פֿאַר די ווילנער טוערס געווען גאַנץ נעפּלדיק. נעפּלדיק איז אויך געווען דער באַגריף וועגן דעם קאָנקרעטן אינהאַלט פֿון דער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער אַרבעט. ווי אַזוי דאַרף מען אָנווענדן די מאַרקסיסטישע טעאָריע אין פּראַקטישן לעבן און בפֿרט אין דער אַרבעטער=באַוועגונג? וועגן דעם האָבן די ווילנער מאַרקסיסטן אין יענער צײַט געהאַט אַ קנאַפּע השגה. מען האָט גאַנצענע נעכט פֿאַרבראַכט אין באַקעמפֿן דעם נאַראָדנישן „סוביעקטיוון מעטאָד אין דער געשיכטע", אָבער ס'איז שווער געווען צו באַנעמען, ווי אַזוי מען דאַרף פֿירן אַ מאַסן=באַוועגונג דאָרט, וווּ קיין אַרבעטער=קאָנצענטראַציע און קיין גרויסע פֿאַבריקן זײַנען ניט געווען בנימצא.

קרעמער איז געקומען קיין ווילנע מיט אַ גאַנץ גרויסן טעאָרעטישן און אויך פּראַקטישן באַגאַזש; ער האָט ניט בלויז דורכגעמאַכט, ווי אַלע, דעם איבערגאַנג פֿון דער נאַראָדנישער טעאָריע צום מאַרקסיזם, נאָר ער האָט דירעקט אָדער אומדירעקט געהאַט די מיגלעכקייט צו באַקענען זיך מיטן גרויסשטאָטישן אַרבעטער: ער האָט געוווינט אין פּעטערבורג און האָט זיך דורך זײַן חבֿר נאָטקין געטראָפֿן מיט רוסישע פֿאַבריק=אַרבעטערס, שפּעטער האָט ער אויך געלעבט אין אַזאַ אינדוסטריע=צענטער ווי ריגע. אמת, ווי קרעמער דערציילט, איז ער ניט אין אַלץ געווען מסכּים מיט נאָטקינען, אָבער די איבערלעבונגען אין די גרויסע שטעט האָבן באַשטימט ברייטער געמאַכט זײַן האָריזאָנט, און אין ווילנע האָט מען אויף אים געקוקט ווי אויף אַ געניטן רעוואָלוציאָנער און אַ פּראַקטישן טוער וואָס האָט געקענט אָנווײַזן, ווי אַזוי דורכצופֿירן אין לעבן די מאַרקסיסטישע פֿאָרמלען. ווי ישׂראל פּעסקין גיט איבער, האָבן די ווילנער קרײַזלעך פֿון קרעמערן באַקומען דעם באַגריף, וואָס איז אַזוינס אַ מאַסנדיקע אַרבעטער=באַוועגונג. עס איז אויך מיגלעך, אַז אַ געוויסע ווירקונג האָט געהאַט קרעמערס טעאָרעטישער באַגאַזש, און דווקא ניט אין סאָציאַלע פֿראַגעס, נאָר גראָד אין מאַטעמאַטיק און פֿיזיק, וואָס האָבן אים אויסגעלערנט צו טראַכטן קרי=

טיש און קאָנקרעט. איין מאָל האָט ער פֿאַר מײַן ברודער אַרויס־געזאָגט די מיינונג, אַז פֿאַר דער ווילנער אינטעליגענץ (וועלכע האָט דאָך דורכגעמאַכט אַ מיטלשול) וואָלט מען פֿריִער פֿאַר אַלץ באַדאַרפֿט האַלטן לעקציעס וועגן פֿיזיק, — און אַזוי האָט ער, דוכט מיר, טאַקע געטאָן.

מיט קרעמערס באַזעצן זיך אין ווילנע (1890) הייבט זיך אָן אַ נײַע תּקופֿה אין דער באַוועגונג. אַוודאי האָט זי געהאַט וואָרצלען פֿון פֿריִער. אָבער אַ דאַנק אים האָט זי איצט באַקו־מען מער דעם כאַראַקטער פֿון אַן אַרבעטער־באַוועגונג און האָט זיך מיט ביידע פֿיס געשטעלט אויפֿן סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישן באָדן. זי האָט דערזען אין דעם ייִדישן אַרבעטער ניט נאָר אַן אינסטרומענט צו רעוואָלוציאָניזירן די רוסישע אַרבעטערס, נאָר אַ ציל פֿאַר זיך, אַ דירעקטן טרעגער פֿונעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, גלײַך מיט די אַרבעטערס פֿון דער גאַנ־צער וועלט. עס קאָן שטאַרק געמאָלט זײַן, אַז דער דאָזיקער געדאַנק האָט זיך נאָך דעמאָלט ניט אויסקריסטאַליזירט, נאָר ערשט שפּעטער, אין 1892, ווען ס'איז אַרויס פּלעכאַנאָווס באַקאַנטע בראָשור „וועגן די אויפֿגאַבעס פֿון די סאָציאַליסטן אין קאַמף קעגן הונגער אין רוסלאַנד", ווו ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן די נייטיקייט פֿון אַ פּאָליטישער מאַסן־אַגיטאַציע צווישן אַרבעטערס און פּויערים; פּלעכאַנאָווס בראָשור האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה ניט נאָר אויף די רוסישע, נאָר אויך אויף די ייִדישע סאָציאַליסטן.

פֿאַר דער גרופּע ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן זיך געשטעלט נײַע אויפֿגאַבעס, ענלעך צו די אויפֿגאַבעס פֿון די רוסישע חבֿרים, אָבער אין אַן אַנדער, מער קאָמפּליצירטער פֿאָרם מחמת דער פֿראַגע פֿון שפּראַך, ייִדישער רעכטלאָזיקייט און דער אייגנאַרטיקייט פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט וועלכער האָט געאַרבעט אין קליינע וואַרשטאַטן.

דער צוזאַמענשטעל פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע אין ווילנע האָט זיך אין אָנהייב די 90ער יאָרן געביטן און איז שטאַרק אויסגעברייטערט געוואָרן. צווישן די פּירערס

איז חוץ אַרקאַדי קרעמערן – וואָס איז געשטאַנען בראָש פֿון דער גאַנצער אַרבעט – געווען אויך גאָזשאַנסקי וואָס איז געקומען צו דער באַוועגונג אַ ביסל שפּעטער (1891). געענדיקט דעם ווילנער לערער־אינסטיטוט, האָט ער תּחילת געוואָלט זיך אָפּגעבן מיט זײַן פּעדאַגאָגישער פּראָפֿעסיע, אָבער ער איז אַרײַן אין דער באַוועגונג און האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן פֿאַר זייער אַ טיכטיקן טוער, אַן אַרבעט־פֿעיִקן, מיט גאַנץ גרויסע קענטעניש. און נאָך אַ מעלה האָט ער געהאַט, וואָס איז געווען זייער וויכ־טיק – ער האָט געקענט ייִדיש אַ סך בעסער פֿון די אַנדערע. דערצו האָט ער געהאַט אַ געוויסע וואָג אין דער ווילנער געזעל־שאַפֿט, ווײַל ער איז געווען אַ לערער אין אַ שול. גאָזשאַנסקי איז געווען אַ מענטש פֿון אַן אייגנאַרטיקן און עקשנותדיקן מין דענקען, אָפֿט אַ פּאַראַדאָקסאַלן; ער איז געווען דאָס וואָס די ענגלענדער רופֿן „אַ מענטש פֿון איין אידעע", וואָס איר גיט ער זיך אָפּ מיטן גאַנצן ברען, אַפֿילו ווען דאָס איז פּונקט דער היפּוך פֿון דעם, אין וואָס ער האָט געגלייבט נעכטן. אַ גלענצנ־דער פּעדאַגאָג (ער איז אַגבֿ געווען מײַן לערער), האָט ער געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף זײַנע תּלמידים און צוהערערס. איצט איז גאָזשאַנסקי, ווי באַקאַנט, אַ קאָמוניסט, און אין זײַנע זכרונות וועגן דעם אָנהייב פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג באַ־קלאָגט ער זיך, אַז דער הויפּטאומגליק פֿון דעם „פּאַלשן וועג" – דאָס מיינט דעם בונדישן – איז באַשטאַנען אין דעם וואָס די באַוועגונג האָט פֿון אָנהייב אָן ניט געהאַט קיין גוטע פֿירערס, אַ שטייגער – ווי לעניִן...[1]

עס איז אוממיגלעך זיך אָפּצושטעלן דאָ אויף אַ גאַנצער ריי אַנדערע טוערס וואָס האָבן דעמאָלט אָנגעפֿירט די באַוועגונג. איך וויל נאָר דערמאָנען: איסײַ אײַזנשטאַט, מאַטילדע (פּאַטי) קרעמער, ליובע אײַזנשטאַט, דזשאָן מיל, טימאָפֿיי קאָפּעלזאָן, נח פּאָרטנױ, שמואל פּעסקין, ציליע קאַרטשמער, יעקבֿ לאַכאָווסקי, רעוועקע לאַס, פּאָליע גאָרדאָן, וועלכע האָבן אין דער ערשטער

---

[1] אינעם זאמלבוך Рев. движение среди евреев, מאָסקווע 1930, ז' 92.

העלפט פון די 90ער יאָרן געאַרבעט אין ווילנע. שפּעטער, אין 1894, איז צוגעקומען וולאַדימיר קאָסאָווסקי און אַ ביסל פּריִער — אַ. מוטניק (גליעב). אינעם איבערגאַנג פון פּראָפּאַגאַנדע צו אַגי־טאַציע האָבן די וויכטיקסטע ראָלע געשפּילט קרעמער און גאָזשאַנסקי, און מיטגעהאָלפן האָט מאַרטאָוו וועלכער האָט איבער צוויי יאָר — פון זומער 1893 ביז האַרבסט 1895 — פאַרבראַכט אין ווילנע, וווהין ער איז פאַרשיקט געוואָרן פון פּעטערבורג און ווו ער האָט באַלד פאַרנומען אין דער אָנפיר־גרופּע אַן אָנגעזעענעם אָרט.

די באַוועגונג האָט אויך אויסגעאַרבעט אַ טיפּ טוער וואָס איז געקומען פון די אַרבעטער־רייען גופא, וואָס האָט גוט געקענט דאָס אַרבעטער־לעבן און איז געוואָרן אַן אַנטוויקלטער אַגיטאַטאָר. צו דעם טיפּ האָבן געהערט למשל אַזעלכע ווי שלמה מענאַקער, צביה הורוויטש, ציליע וואַלק, הירשע סאָראָקאַ („דער הובל״), דער טרויעריק באַרימטער ישראל־מיכל קאַפּלינסקי א״אַ. דורך אָט דעם אַרבעטער־קאַדער האָט די אינטעליגענטן־גרופּע געווירקט אויף דער ברייטער מאַסע. אין דער באַוועגונג זײַנען אויך אַרײַן (אין דער צווייטער העלפט 90ער יאָרן) אַ ריי געוועזענע שילערס פון די ווילנער האַנטווערקער־שולן, ווי ליפשיץ, פראַנקפורט, לעאָן גאָלדמאַן, וואָס פון זיי זײַנען די לעצטע צוויי שפּעטער פון דער יידישער באַוועגונג אַוועק.

עס זײַנען אויך אויסגעוואַקסן אַ ריי טוערס וואָס האָבן געהערט צו די אַזוי גערופענע „האַלבע אינטעליגענטן״ און וואָס זייער גאַנצע אויסבילדונג איז געווען גאָר אַן אַנדערע ווי בײַ די אינטעליגענטן אָדער די אַרבעטערס. דאָס זײַנען געווען אָדער קלויזניקעס, אָדער בחורים און מיידלעך וואָס זײַנען געקומען קיין ווילנע זוכן בילדונג און צושלאָגן זיך צו אַ שטיקל תכלית; זיי זײַנען אָבער אַרײַן מיט לײַב און לעבן אין דער באַוועגונג, און דאָ האָבן זיי געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע. קודם־כל איז יידיש געווען זייער אומגאַנגשפּראַך, און אויך לויט זייער שטייגער לעבן זײַנען זיי געשטאַנען נעענטער צו דער יידישער מאַסע און האָבן געהאַט אַ בעסערן צוטריט צו די אַרבעטער־

קרײַזן. אין יענער צײַט האָבן זיי ניט געהערט צו דער אָנפֿיר-גרופּע, אָבער שפּעטער האָבן אַ סך פֿון זיי געשפּילט אַן אָנגעזעצנע ראָלע אין „בונד" און אין דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג בכלל. אַהער דאַרף מען צורעכענען מאַקס טאָביאַש, ראָזענבערג, באַסקין, צעמאַכאָוויטש, שוועץ, לעאָן בערנשטיין; צו דער גרופּע געהערן בעצם אויך אַזעלכע טוערס ווי אַ. ליטוואַק און אַ. זעלדאָוו-ניעמאַנסקי. אין די זומער-חדשים פֿלעגן קיין ווילנע אַראָפּקומען אייניקע סטודענטן (י. לעווין, יעקבֿ לאַכאָווסקי, איליאַ ראָם, סעליבער, לוריע, שטעסעל), וועלכע פֿלעגן דאָס רובֿ אַרבעטן ווי אָנפֿירערס פֿון פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרײַזלעך. בעת עס האָבן זיך געגרינדעט די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן", ווו עס האָבן געאַרבעט פּאַוועל ראָזענטאַל, אַנע העלער (ראָזענטאַלס פֿרוי), ציליע קליס, שאַטנשטיין, צוואַ וויטקינד, האָבן די מיטגלידער פֿון דער דערמאָנטער סטודענטישער גרופּע זיי געהאָלפֿן אין דער אַרבעט.

דאָס לעבן האָט פֿון די אַגיטאַטאָרן געפֿאָדערט קאָנקרעטע אַרבעט צווישן דער מאַסע. צו העלפֿן זיי אָריענטירן זיך אין דער נײַער טאַקטיק איז געווען דער צוועק פֿון די צוויי דעמאָלט אַרויסגעלאָזטע שריפֿטן: גאָזשאַנסקיס „בריוו צו די אַגיטאַטאָרן" און קרעמערס „וועגן אַגיטאַציע". וועגן די ביידע שריפֿטן איז שוין גענוג געשריבן געוואָרן. גאָזשאַנסקיס בריוו איז געווען מער אַ פּראַקטישער, קרעמער האָט די פֿראַגע באַהאַנדלט אין אַ מער אַלגעמיינער פֿאָרם. גאָזשאַנסקיס בריוו איז אָנגענומען געוואָרן אין דער אָנפֿיר-גרופּע; וואָס איז נוגע קרעמערס בראָשור, זײַנען אירע גרונטגעדאַנקען אָנגענומען געוואָרן ווי אַ באַזע, און מאַרטאָוו האָט אַרײַנגעטראָגן אין איר ריין סטיליסטישע אויסבעסערונגען. די ווירקונג פֿון דער דאָזיקער בראָשור האָט אַריבערגעשטײַגט די צילן פֿון איר מחבר. ווי קרעמער האָט מיר שפּעטער דערציילט (אין בערלין – אין 1905 און אין פּאַריז – 1920), האָט ער געוואָלט נאָר אָנמערקן אַ פּלאַן פֿון דער אָרטיקער אַרבעט, אַרויסגייענדיק פֿון די קאָנקרעטע תּנאים, אין וועלכע עס איז אויסגעקומען צו פֿירן די ייִדישע אַרבעט.

די בראָשור איז אין מאַנוסקריפּט פונאַנדערגעשיקט געוואָרן (מיר דוכט, אַפילו אָן דעם וויסן פון מחבר) אין אייניקע רוסישע שטעט, און אַ ביסל שפּעטער איז זי אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אויסלאַנד, וווּ מען האָט זי באַטראַכט ווי די פּראָגראַם פון דעם אַזוי גערופענעם „עקאָנאָמיזם".

מיט דער ליקווידאַציע פון דער „אָפּאָזיציע"[1] האָט זיך די ווילנער גרופּע ענדגילטיק געשטעלט מיט ביידע פיס אויפן גרונט פון מאַסן־באַוועגונג. דערמיט איז אויך בולטער געוואָרן איר יִדישער כאַראַקטער וואָס האָט שפּעטער באַקומען די פאָרם פון „בונדיזם". די דאָזיקע טענדענץ האָט געפונען איר אויסדרוק אין מאַרטאָווס באַקאַנטער רעדע דעם 1טן מײַ 1895, וואָס איז שפּעטער אַרויס ווי אַ בראָשור אונטערן נאָמען „דער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון דער יִדישער אַרבעטער־באַוועגונג". דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט בעצם, אי אידעיִש אי אָרגאַניזאַציאָנעל, נאָר ראַטיפיצירט דאָס וואָס דאָס לעבן אַליין האָט שוין געשאַפן. דער געדאַנק וועגן אַן אַלגעמיין רוסישן צוזאַמענפאָר און וועגן אַ ספּעציעל יִדישן איז מסתמא אויפגעקומען אין איין און דער זעלביקער צײַט. ער איז גיכער דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן בײַ די יִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. קודם־כל איז פיל לײַכטער געווען צו אָרגאַניזירן אַ צוזאַמענפאָר פון אָרגאַניזאַציעס וואָס זײַנען שוין צווישן זיך געווען פאַרבונדן. אָבער ניט נאָר דאָס אַליין: אין דער זאָרג אײַנצוהאַלטן די איינהייט פון דער געשאַפענער יִדישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן אירע פירערס, און קרעמער אין דער ערשטער ריי, געשטרעבט דערצו, אַז די יִדישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן אַרײַנטרעטן אין דער רוסלענדישער פּאַרטיי ווי איין גאַנצקייט.

און אַזוי איז טאַקע די פראַגע פאַרענטפערט געוואָרן אין פּרינציפּ; איבער דעם אָנגעוויזענעם טעם האָט זיך געמוזט גרינדן אַ יִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט נאָכן ערשטן צוזאַמענפאָר, אין סעפּטעמבער 1897, אָנגענומען דעם נאָמען „בונד".

---

1 זע וועגן דעם אויך מײַן אַרטיקל אין די היסטאָרישע שריפטן פון ייִוואָ III.

מיט אַרקאַדי קרעמערן אין ווילנע

פון

ל. מאַרטאָוו

אין 1893 איז ל. מאַרטאָוו (יולי צעדערבוים), נאָך פינף חדשים זיצן אין דער פעטערבורגער טורמע „קרעסטי", אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריַי מיטן פאַרווער צו ווינען אין משך פון צוויי יאָר אין די קרוינשטעט און און די אוניווערסיטעטישע שטעט. מען האָט אים געהייסן אָנרופן דעם אָרט, ווו ער וויל זיך באַזעצן. גוטע פריַינד האָבן אים געעצהט אויסצוקלייַבן ווילנע, ווו עס געפינען זיך אַ סך אַרבעטער-קריַיזלעך. אין דער צווייטער העלפט יוני 1893 איז ער אַרויסגעפאָרן פון פעטערבורג קיין ווילנע.

קיין ווילנע בין איך געקומען ניט האָבנדיק קיין איין איינציקן באַקאַנטן. מען האָט מיר נאָר געהאַט צוגעזאָגט, אַז עס וועלן מיך אָפזוכן די מיטגלידער פונעם אָרטיקן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן קריַיזל. די אָכראַנקע האָט מיר מיטגעגעבן אַ „דורכגאַנג-צייַגעניש", אין וועלכן ס'איז געשטאַנען, אַז איך דאַרף תיכף נאָכן קומען קיין ווילנע זיך מעלדן אין דעם פאָליצ-מייַסטערס פאַרוואַלטונג.

איך האָב זיך שוין אָנגעהויבן מיאש זייַן אין מייַן פאַרבענקטן אויסקוקן, אַז די אָרטיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטן זאָלן מיך ווען עס איז אויסגעפינען, ווען ס'האָבן אין מייַן צימער אין אַ פרימאָרגן אָנגעקלאַפט צוויי מענטשן. איינער פון זיי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער איז דער אויסגעשלאָסענער

סטודענט־טעכנאָלאָג קאַץ, אַ באַקאַנטער פֿון ל. נ. באַראַנסקאַיאַ, וואָס פֿון איר האָט ער באַקומען די שליחות צו באַקענען מיך מיט די אָרטיקע חבֿרים. קאַץ האָט זיך געקליבן קיין אַמעריקע, און אין ווילנע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פֿאַרבײַפֿאָרנדיק. דער וואָס איז געקומען מיט אים האָט געהייסן „אַלעקסאַנדער" – אַ מיטלוווקסיקער, מיט אַ טונקל בלאָנדער באָרד און לעבעדיקע ברוינע אויגן וואָס האָבן ניט געשטימט מיט זײַנע פֿלעגמאַטישע מאַנירן. געשמועסט האָט מען וועגן עניינים וואָס האָבן אונדז אינטערעסירט בשותּפֿות, מער טעאָרעטישע, וואָס האָבן דעמאָלט פֿאַרנומען די מוחות פֿון די מאַרקסיסטן. געזעסן אַ ביסל, איז אַלעקסאַנדער אַוועק, צוזאָגנדיק, אַז ער וועט צו מיר ווידער אַרײַנקומען.

דעם צווייטן מאָל איז ער געקומען מיט אַ חבֿר וואָס האָט אויסגעזען ייִנגער פֿון אים. ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, איז עס געווען ש. גאָזשאַנסקי. זײַן ברייט פּנים מיט די שוואַרצע וואָנצעס פֿלעגט אָפּט נערוועז אַ צוק טאָן. דער נײַער באַקאַנטער האָט מיך תּיכּף גענומען פֿונאַנדערפֿרעגן וועגן דעם גײַסטיקן און פּאָליטישן לעבן פֿון יענע פּעטערבורגער קרײַזן, וווּ איך האָב געלעבט. איך האָב מיט חשק געענטפֿערט אויף פֿראַגעס, – כ'האָב פּאַראַקטעריזירט באַזונדערע קרײַזלעך און באַוועגונגען, דערציילנדיק פֿאַר איינס וועגן דער שטעלונג פֿון אונדזער קרײַזל צו אַקטועלע רעוואָלוציאָנערע פּראָבלעמען. אונדזער שמועס איז געוואָרן זייער לעבעדיק. אַגבֿ האָב איך דערמאָנט, אַז פֿון די נאַראָדאָוואָלישע קרײַזלעך אין אוניווערסי־טעט האָבן מיר זיך געהאַלטן אין אַ זײַט צוליב דעם וואָס זיי זײַנען ניט געווען געהעריק קאָנספּיראַטיוו.

מײַנע מיטשמועסערס האָבן זיך איבערגעוווּנקען און אַ שמייכל געטאָן. אויף מײַן שטומער פֿראַגע האָט מיר מײַן נײַער באַקאַנטער אָן איבעריקע צערעמאָניעס געגעבן צו פֿאַר־שטיין, אַז זיי חידושט אַזאַ כאַראַקטעריסטיק מײַנע, מחמת איך האָב מיט זיי, מיט מענטשן אין גאַנצן אומבאַקאַנטע, גערעדט ניט אָפּהיטנדיק די עלעמענטאַרע כּללים פֿון קאָנספּיראַציע.

איך האָב זיך פֿאַררייטלט און גענומען טײַטשן מיט ברען, אַז פֿון שפּילן זיך סתּם אַזוי אין קאָנספּיראַציע האַלטן מיר ניט, נאָר אַז אין דעם וואָס איך האָב זיי דערציילט האָב איך ניט דערמאָנט קיין איין נאָמען. אָבער מײַנע מיטשמועסערס איז ניט שווער געווען צו דערווײַזן, אַז שטרענגע קאָנספּיראַציע פֿאָדערט ניט נאָר פֿאַרבאַהאַלטן נעמען, און אַז דאָס וואָס איך דערצייל אַזוי באַריכותדיק וועגן פֿאַרשיידענע קרײַזלעך און איך כאַראַקטעריזיר זייער „געאָגראַפֿישע לאַגע" („טעכנאָלאָגן", „מעדי־קערס", „סיבירער", „שטייען נאָענט צו די ליטעראַרישע קרײַזן"— פֿון דעם האָט געשוויבלט אין מײַנע דערציילונגען) מאַכט אין גאַנצן איבעריק אויפֿצודעקן די נעמען פֿאַר די וואָס וואָלטן וועלן אויפֿן סמך פֿון מײַנע ידיעות באַשטימען, ווער ס׳זײַנען די טוערס.

בקיצור, איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז אויפֿן עקזאַמען פֿון קאָנספּיראַציע בין איך דורכגעפֿאַלן, און הגם כ׳האָב געגעבן צו פֿאַרשטיין מײַנע געסט, אַז אויף זיי האָב איך געקוקט ווי אויף עלטערע חבֿרים, וואָס כ׳בין צו זיי געקומען זיך לערנען, און פֿאַר זיי האָב איך בכן ניט געהאַט קיין טעם צו פֿאַרבאַהאַלטן דאָס וואָס איך וואָלט ניט דערציילט אין אַ שמועס מיט אַנדערע, איז אָבער דעם פֿריקרען געפֿיל קעגן זיך אַליין האָב איך ניט געקענט דערשטיקן.

קאָנספּיראַציע איז געווען די ספּעציאַליטעט פֿונעם ווילנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קרײַזל, ווי אויך פֿון עטלעכע אַנדערע וואָס זײַנען אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿון רוסלאַנד צוגעטראָטן אויפֿצולעבן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אויף די חורבֿות פֿון דער אַלטער באַוועגונג און אין דער אַטמאָספֿער וואָס איז געווען אויף לאַנגע יאָרן פֿאַרסמט מיט דער תּקופֿה פֿון צעפֿאַלונג אין דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", מיט דער מעשׂה דעגאַיעוו און אירע נאָכווייענישן. פֿאַר די נײַ אויפֿקומענדיקע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס איז געווען אַ פֿראַגע פֿון לעבן און טויט צו פֿאַרבאַהאַלטן ווי ווײַט מיגלעך טיפֿער די עקסיסטענץ גופֿא פֿון אַ נעסט פֿון „קראַמאָלע" אין דעם אָדער יענעם פּונקט, און צוליב דעם האָט

מען זיך געדאַרפֿט גוט פֿאַרמאַסקירן ניט נאָר פֿון בעל־הבתּישע מענטשן בכלל, נאָר אויך פֿון דער ברייטער „ראַדיקאַלער" סבֿיבֿה בפֿרט. און הגם נאָך אַ געװיסער פּעולה פֿון דער ס"ד פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך ניט געלאָזט באַהאַלטן קיין אָל אין זאַק, אָבער ס'איז װײַטער פֿאַרבליבן דער כּלל זיך צו פֿירן אַזױ, װי קיינער אין שטאָט װאָלט ניט װיסן, אַז ס'עקסיסטירט אַן אונטערערדישע ס"ד אָרגאַניזאַציע. אַ לאַנגע אַרבעט־געניטשאַפֿט אין איין פּונקט האָט אַנטװיקלט די עלעמענטאַרע קאָנספּיראַטיװע גענג ביז מײַסטערשאַפֿט, און איך האָב אויף זיך אַליין אויסגעפּרוּװט שפּעטער, װי אַזױ אָט די גענג עסן זיך אײַן אין פֿלייש און בלוט. קיין מאָל ניט אָנרופֿן ניט איינער דעם אַנדערן, ניט די אָרגאַניזאַציע־מיטגלידער װאָס זײַנען ניטאָ דערבײַ (אַפֿילו אין אַ שמועס אויג אויף אויג) מיט זייערע אמתע נעמען; אין ערגעץ ניט שרײַבן אַפֿילו קיין „אומשולדיקע" בריװ און אין די שיפֿרירטע ניט דערמאָנען קיין נעמען; ניט באַװײַזן זיך אויף דער גאַס מיט קיין פּעקל, מעג זײַן קאָנטיק, אַז דאָרט זײַנען פֿאַראַן נאָר שטוביקע זאַכן; ניט באַגריסן זיך, װען מען טרעפֿט זיך אין גאַס, און אַפֿילו ניט װאַרפֿן קיין פֿרײַנדלעכע בליקן; קיין מאָל, אַפֿילו בעת דו ביסט זיכער, אַז ס'זײַנען ניטאָ קיין שפּיאָנען, ניט גיין גלײַך צום אָרט, װוּ דו דאַרפֿסט זײַן; ריידן אין צימער מיט אַ שטיל קול – אָט די אַלע דינים, און דערצו נאָך אַ חוק ניט צו שטעלן חבֿרים קיין „איבעריקע פֿראַגעס", האָבן גוט אײַנגעחזרט די טוערס פֿון דער װילנער אָרגאַניזאַציע.

מען קען זײַן זיכער, אַז אָט די קאָנספּיראַציע־סיסטעם װאָס איז אויסגעאַרבעט געװאָרן דורך דער ערשטער, דער קרײַזלדיקער תּקופֿה פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעט, האָט בײַ איר גאַנצער עלעמענטאַרקייט דערגרייכט פֿון דעסט װעגן געװיסע פּאָזיטיװע רעזולטאַטן. ריכטיקער געזאָגט: אַ געװיסער רעזולטאַט פֿלעגט דערגרייכט װערן פֿאַרן פּרײַז פֿון פּטרן אַ היפּשן סכום פּסיכישע ענערגיע.[1]

1 און ניט נאָר פּסיכישע. בײַ אונדז למשל אין װילנע, בעת מען פֿלעגט דאַרפֿן האָבן אײגענע ליטעראַטור — אָריגינעלע צי איבערגעזעצטע —

אפשר נײַן צענטל פאַרהיט-מיטלען פלעגט מען אין איט-לעכן באַזונדערן פאַל ניצן בעת דאָס איז בעצם ניט געווען אַזוי נייטיק, אָבער דערפאַר פלעגט זיך איין צענטל אַרויסווײַזן פאַר באַרעכטיקט: מען האָט דערמיט דערגרייכט, אַז סײַ נאַטשאַל-סטווע סײַ דער אָרטיקער עולם פלעגן זיך דערוויסן וועגן דעם, אַז ס'איז פאַראַן אַן אונטערערדישע אַרבעט און וועגן איר פאַר-נעם אַ ביסל שפּעטער, איידער דאָס וואָלט געשען, ווען מען האַלט זיך ניט אין דער סיסטעם [1] — — — — — — — — — — — —

... אַוועקפאָרנדיק פון ווילנע מער ווי אין צוויי יאָר אַרום נאָך דעם ווי איך בין געקומען אַהין, האָב איך געקענט קאָנסטאַ-טירן, אַז ניט נאָר איך ווייס ניט די פאַמיליע-נעמען פון דעם ווײַט גרעסטן טייל אַרבעטערס, מיט וועלכע איך פלעג זיך צוזאַ-מענטרעפן אין משך פון אַט דער לאַנגער צײַט, נאָר אַז אַפילו אין דער צענטראַלער גרופּע גופא, וואָס זי האָט אָנגעפירט די גאַנצע אַרבעט און וואָס איך בין געווען אירער אַ מיטגליד צוויי יאָר צײַט, איז געווען אַ מענטש, מיט וועלכן איך פלעג זיך טרעפן שיִער ניט טאָג אײַן טאָג אויס, געווען מיט אים גענוג נאָענט, אָבער ניט געקענט ביזן סוף ניט זײַן אמתע פאַמיליע, ניט זײַן אמתן נאָמען, ניט אַפילו בערך זײַן סאָציאַלן מצב.

פלעגט שטרענג אָפּגעהיט ווערן דער כּלל: ניט באַנוצן זיך מיט קיין העקטאָ-גראַף, נאָר איבערשרײַבן איטלעכע קאָפּיע, בכדי אויפן פאַל טאָמער ווערט זי ערגעץ אַרעסטירט, זאָלן די זשאַנדאַרן ניט האָבן אין האַנט אַפילו אַזאַ אומדירעקטן סימן, אַז ס'עקסיסטירט עפּעס אַ מין אָרגאַניזאַציע.

[1] ערשט איצט [מאַרטאָווס זכרונות זײַנען אַרויס 1922, שוין נאָך דעם ווי די רעוואָלוציע האָט געעפנט די צאַרישע אַרכיוון] האָב איך זיך געקענט, אויפן סמך פון אַ דאָקומענט פון אַרכיוו פונעם פּאָליצײַ-דעפּאַרטאַמענט, באַשײַמפּערלעך איבערצײַגן, וואָס פאַר אַ פּראַקטישע רעזולטאַטן ס'פלעגט דערגרייכן אָט די קאָנ-ספּיראַציע. אין אַ מעלדונג פון ווילנער פּאָליצײַ וועגן מיר שטייט, אַז פאַר די $2\frac{1}{2}$ יאָר פון מײַן זײַן אין ווילנע אונטער פּאָליצײַישער השגחה האָט די דאָזיקע השגחה ניט אײַנגעפונען פון מײַן זײַט „קיין שום זאַך וואָס זאָל קאָמפּראָמיטירן", בשעת ווען איך האָב די גאַנצע צײַט זיך געפונען אין אַ כּסדרדיקן קאָנטאַקט מיט אַ סך מענטשן וואָס זײַנען געווען פאַרנומען אין איינעם מיט מיר מיט אומלעגאַלער אַרבעט.

פֿאַרבליבן איז ער פֿאַר מיר נאָך צוויי יאָר אַרבעט אַ סודותדיקער אומבאַקאַנטער ניט איבער עפּעס אַ ספּעציעלער קאָנספּיראַטיווקייט זײַנער, נאָר פּשוט דערפֿאַר, וואָס צופֿעליק האָט זיך צווישן מיר און אים אין משך פֿון צוויי יאָר ניט געשאַפֿן יענע „שטייגער״-פֿאַרבינדונג וואָס פֿלעגט, אמת גאַנץ אָנגעצויגן, אָבער דאָך זיך שאַפֿן מיט אַנדערע מיטגלידער פֿון דער קאָנספּיראַ-טיווער גרופּע און פֿלעגט זיך אויסדריקן אין גיין איינער צום אַנדערן נאָך אַ בוך אָדער אַפֿילו אין אַ שמועס בײַ אַ גלעזל טיי. וועגן אַזאַ „צעלאָזנקייט״ ווי גיין צוזאַמען אין טעאַטער אָדער אויף אַ קאָנצערט האָט אַפֿילו קיין רייד ניט געקענט זײַן.

מײַנע נײַע באַקאַנטע האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו מיר פֿון צײַט צו צײַט און פֿלעגן אין די שמועסן מיר דערציילן עפּעס וועגן דער אָרטיקער באַוועגונג און די עיניניִם, מיט וועלכע זי פֿאַרנעמט זיך, אָבער די שמועסן פֿלעגן ניט דערגיין ביז דער טעמע פֿון מײַן פּראַקטישן אָנטייל אין זייער אַרבעט. איך האָב געדולדיק געוואַרט, ביז זיי וועלן האַלטן פֿאַר מיגלעך מיר צו געבן עפּעס צו טאָן, און פֿון מײַן זײַט האָב איך זיי בלויז פֿאָרגעלייגט די פּרײַע שרײַבמאַשין וואָס איז געווען, ווי איך האָב געוווסט, אין קאָוונע. דער פֿאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן, איך בין אַראָפּגעפֿאָרן קיין קאָוונע, געגומען דאָרט מיט מאַקסי-מאַלער אָפּגעהיטקייט די מאַשין און זי איבערגעגעבן אין ווילנע „אַלעקסאַנדערן״.

— —

גראָד אין דער צײַט איז מיר צופֿעליק אויסגעקומען זיך אַרײַנצולאָזן אין דער ליטעראַטור אַרײַן. עפּעס איין מאָל האָט מיר אַלעקסאַנדער געבראַכט אַ פּעקל בלעטלעך אָנגעפּיקעוועט מיט ציפֿער און געפֿרעגט, אפֿשר וואָלט איך אויסגענוצט, ווי באַלד איך האָב מער צײַט איידער ער און זײַנע חבֿרים, דעם מאַטעריאַל וואָס איינער אַ חבֿר האָט אויפֿגעקליבן אין שטעטל סמאַרגאָן וועגן דער דאָרטיקער לעדער-פּראָדוקציע. דער מאַטע-ריאַל איז געווען שייך סײַ צום מצבֿ פֿון די אַרבעטערס אין דעם וויכטיקן אינדוסטריע-צענטער, סײַ צום מצבֿ און צו דער אַנט-

ווירקלונג פון אָט דער פּראָדוקציע גופא, ווו ס'האָבן עקסיסטירט פּאַראַלעל און ס'האָבן געקעמפּט די הויזאַרבעט, דער וואַרשטאַט און די פאַבריק. דער מאַטעריאַל האָט מיך פאַראינטערעסירט, און איך האָב אָנגעשריבן אַן אַרטיקעלע וועגן דער לעדער־פּראָדוקציע אין סמאַרגאָן און אים אַוועקגעשיקט ווי אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דעם איינציקן אָרגאַן פון דער ראַדיקאַלער ריכטונג, וואָס איז דעמאָלט אַרויס אין פּעטערבורג, „רוסקאַיאַ זשיזן" פון אַ. פּאָראָכאָווּשטשיקאָוו. די צײַטונג האָט אָפּגעדרוקט מײַן קאָרעספּאָנדענץ און מיט דעם באַפעסטיקט מײַן זיכערקייט, אַז שרײַבן איז מײַן באַרוף.

— —

ס'איז שוין צײַט צו באַרירן דעם פּערזענלעכן צוזאַמענשטעל פון דער ווילנער אָנפירנדיקער אָרגאַניזאַציע.

בעת איך בין נאָך יוסף מילס אָפּפאָר אין איר אַרײַן, איז דער אָנערקענטער לידער געווען מײַן באַקאַנטער אַ. קרעמער („אַלעקסאַנדער"). דער געזעצטער, אַ ביסל פלעגמאַטישער כאַראַקטער און דער קלאָרער שׂכל, די קאָנספּיראַטיווע אויסהאַלטעווידיקייט און אַנדערע מעלות פון אַ פעיִקן אָרגאַניזאַטאָר פון אונטערערדישער אַרבעט האָבן אים געגעבן דעם אויטאָריטעט וואָס איז נייטיק פאַר דער ראָלע פון אַן אָנפירער. ריידן פלעגט ער אויף פאַרזאַמלונגען ניט קיין סך, אָבער וואָגיק. קיין טאַלענט פון קיין אַגיטאַטאָר האָט ער ניט געהאַט, און אַגבֿ מיין איך, אַז ער גופא האָט ניט געהאַט קיין נטיה צו דער ראָלע פון אַן אַגיטאַטאָר. איין צײַט איז ער געווען אַ סטודענט אַ פּאָליטעכניקער. אין די 80ער יאָרן איז ער געמישפּט געוואָרן אין ריגע אין עפּעס אַ פּאָליטישן פּראָצעס, אָפּגעזעסן אין תּפיסה „קרעסטי" און איז פון דעמאָלט אָן געווען אונטער פּאָליצייִשער השגחה אין ווילנע.

אין דער זעלבער לאַגע האָט זיך געפונען י. ל. אײַזנשטאַט (יודין) וואָס איז געווען דער צום מערסטן געבילדעטער טעאָרעטיקער־מאַרקסיסט אין אונדזער קרײַזל. אַ געוועזענער

סטודענט פון יאראסלאווער ליציי, איז ער נאך אין 1887 אריינ־געפאלן אין תפיסה, און נאכן אפזיצן די שטראף האט ער זיך אריבערגעקליבן קיין ווילנע. אפגעוועזן שפעטער ניט ווייניק מאל אין תפיסה, געווען פארשיקט, און נאך עד־היום [1] איז ער איינער פון די בונדישע פירערס. זיין פרוי ליובע לעווינסאן וואס איז סוף 90ער יארן געשטארבן אין אמעריקע איז געווען זייער א פעיקע פראפאגאנדיסטין. זי איז געווען שטארק פאפולער צווישן די ארבעטערס, און זי פלעגט אריינטראגן ברוויזנדיקע ענערגיע אין איר ארבעט וואס זי פלעגט טאן אן אן אויפהער. זי האט געהאט דעם לענגסטן און שווערסטן תפיסה־סטאזש. א געוועזענע סטודענטין אין איינעם פון די שווייצער אוניווער־סיטעטן, איז זי פארהאלטן געווארן אויף דער גרענעץ ביים אריבערפארן קיין רוסלאנד, און היות מע האט ביי איר געפונען קאנספיראטיווע בריוו פון וויערא זאסוליטש, האט מען זי איינ־געזעצט אין תפיסה אין א פארווארפענער געגנט, ווו מ'האט זיך מיט איר אין משך פון 1½ יאר באגאנגען אויפן אכזריותדיקסטן אופן. דאס האט איינגעבראכן איר געזונט און צעטרייסלט אירע נערוון. נאך דעם האט זי נאך באקומען בתורת שטראף נייע 1½ יאר תפיסה.

ניט ווייניקער אקטיוו, אבער ווייניקער נערוועז און מער לעבנסלוסטיק, איז געווען מ. ד. סרעדניצקי, מיטן צונאמען „פאטי". זי איז געווען געקנאטן פון יענעם טייג, פון וועלכן ס'האבן זיך אויף אלע שטאפלען פון אונדזער רעוואלוציאנערער באוועגונג געפורעמט די ארגאניזאטארינס פון רויטע קרייזן און די קאמיטעט־סעקרעטארינס, ד"ה יחידים וואס האבן באדארפט האבן עסקים מיט צענדליגער מענטשן, געדארפט קענען זיך באגיין מיט זיי, האבן אייביק אויפן קאפ הונדערטער קאנספירא־טיווע פרטים און „זיך צערייסן אויף שטיקער". א צארטע, אייביק עפעס ניט געזונט, אבער שטענדיק רירעוודיק און לרוב

[1] די זכרונות זיינען, ווי געזאגט, אפגעדרוקט געווארן אין 1922.
* אייזנשטאט איז אין 1937 געשטארבן אין פאריז. — רעד'.

פֿרייליך, פֿלעגט מ. ד. סרעדניצקי בעת די טאָג־טעגלעכע אויפֿ־
נעם־שָׁעהן אין איר דענטיסטישן קאַבינעט אָפּטאָן אַ שלל קאָנ־
ספּיראַטיווע אַרבעט בײַם איבערגעבן, צונעמען און באַהאַלטן
ניט־לעגאַלע ליטעראַטור, בײַם אָרגאַניזירן נײַע קרײַזלעך און
געפֿינען פֿאַר זיי אָנפֿירערס. אין די אָוונטן ווידער פֿלעגט זי
לויפֿן אויף זיצונגען פֿון די קרײַזלעך אָדער פֿון פֿאָרשטייערס
פֿון די קאַסעס. אויב קרעמער איז געווען דער קאָפּ פֿון דער
אָרגאַניזאַציע, איז פּאַטי געווען איר נשמה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער ערשטער מײַ 1896 אין ווילנע

פון

הלל קאַץ (בלום)

צום בונדישן גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר בין איך געווען געשיקט פֿון די אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטערס פֿון ביאַליסטאָקער ראַיאָן. אַליין קיין ביאַליסטאָקער בין איך ניט. איך אַליין קום פֿון ליטע, אין דער באַוועגונג בין איך אַרײַן אין ווילנע; מײַן לעבנס־געשיכטע, וואָס זי איז געגליכן צו דער געשיכטע פֿון אַ סך יונגע־לײַט פֿון יענעם דור, האָב איך איבערגעגעבן אין די היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ באַנד III. מיט עטלעכע יאָר איידער דער „בונד" איז געגרינדעט געוואָרן האָב איך געהאַט דעם כּבֿוד אויסגעקליבן צו ווערן פֿון די ווילנער אָרגאַניזירטע אַרבעטערס אין דעם געהיימען קאָמיטעט פֿון ווילנע, אין דעם „קדשי־קדשים", ווי מיר פֿלעגן דאָס רופֿן.

איך האָב דעמאָלט געהאַט די מיגלעכקייט צוצוקוקן זיך און צו זען, ווער עס זײַנען געווען די ה...טטוערס, אָדער, אַזוי צו זאָגן, ווער עס איז געווען די נשמה פֿון דעם קומעדיקן „בונד".

אַ דרײַלינג איז דאָס געווען. דרײַ חבֿרים ייִדישע סאָציאַליסטן וועלכע האָבן זייער גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן אין אָנהייב צו דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אָן אַ נאָמען און דערנאָך צום „בונד".

דער ערשטער פֿון דרײַלינג איז געווען אַלעקסאַנדער, שפּעטער סאָלאָמאָן, אָדער ווי זײַן אמתער נאָמען איז געווען —

אַרקאַדי קרעמער. דער צווייטער איז געווען גליעב מוטניק און דער דריטער – וולאַדימיר קאָסאָווסקי.

אויב אַלעקסאַנדער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר, דער „באַוועגער פֿון אַלע באַוועגונגען”, ווי מיר פֿלעגן אים אַ מאָל כאַראַקטעריזירן, און אויב גליעב איז געווען דער פּראַקטישער דורכפֿירער פֿון דער אַרבעט, איז וולאַדימיר קאָסאָווסקי געווען די אינטעליגענטסטע קראַפֿט וועלכע האָט דורכגעפֿירט די אַלע אויפֿגאַבעס.

יאָרן און יאָרן האָט זיך מיר געוואָלט אָנשרײַבן מײַנע זכרונות וועגן אַלעקסאַנדערן. איך האָב געפֿילט צו אים אַ ליבשאַפֿט ווי נאָר אַ תּלמיד קען פֿילן צו זײַן ערשטן רבין.

אַלעקסאַנדער איז באמת געווען מײַן ערשטער לערער אין סאָציאַליזם, און ער איז געווען דער וועלכער האָט מיך אַרײַנגענומען אין „געהיימען קאָמיטעט” אין ווילנע.

איך האָב מיט אים געאַרבעט צוזאַמען ביז דער גרינדונג פֿון „בונד” און אויך נאָך דעם. מיר זײַנען צוזאַמען געווען אין די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס פֿון „בונד” און האָבן זיך אויך באַגעגנט אין אַמעריקע, וווהין איך בין אַריבערגעפֿאָרן אין יאָר 1904 און ווו איך האָב אָנגענומען דעם נאָמען בלום.

*

מײַן ערשטע ערשטער מײַ־פֿײַערונג איז געווען אין 1895. דאָס איז געווען אַ מײַ־פֿײַערונג בלויז פֿאַר יחידי־סגולה, פֿאַר די אויסדערוויילטע פֿון די אויסדערוויילטע, פֿאַר די אַגיטאַטאָרן. וויכטיק איז די דאָזיקע ערשטער מײַ־פֿײַערונג אין ווילנע נאָך מיט דעם, וואָס דער פֿאַרשטאָרבענער מאַרטאָוו, דער טעאָרעטיקער און באַגרינדער פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט דאָרטן געלייענט זײַן באַוווסטן רעפֿעראַט, אין וועלכן עס זײַנען פֿאַרצייכנט געוואָרן די יסודות פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אָבער די גרויסע און וויכטיקע ערשטער מײַ־פֿײַערונג וועלכע האָט זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון און וועלכע איך וועל

שטענדיק זען פֿאַר זיך איז געווען די פֿירונג פֿון יאָר 1896.

די דאָזיקע פֿירונג איז שוין געווען באַשטימט פֿאַר דעם ברייטן אַרבעטער־עולם. פֿון אָט דעם ערשטן מיי האָט זיך אָנגעהויבן, פֿריִער אין ווילנע און דערנאָך אין ליטע און פּוילן, אַ ברייטע פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע מאַסן.

די ווילנער אָרגאַניזאַציע אין יענער צײַט איז באַשטאַנען פֿון דרײַ דיסקוסיע־קרײַזן. אין יעדערן פֿון די דאָזיקע קרײַזן זײַנען געווען פֿון צען ביז צוועלף מענטשן. מיר פֿלעגן זיך צונויפֿקומען אַלע שבת בײַ טאָג אין דרײַ פֿאַרשיידענע טיילן שטאָט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע קרײַזן זײַנען געווען שטרענג געהיים אַפֿילו פֿאַר די חבֿרים פֿון דער באַוועגונג, אויף וועלכע יעדערער פֿון אונדז האָט געהאַט זײַן אײַנפֿלוס, אַפֿילו פֿאַר די חבֿרים פֿון די פֿאַכן און פֿון די „קרוזשקי" (קרײַזלעך) זײַנען די דרײַ דיסקוסיע־קרײַזן געווען שטרענג געהיים. מען האָט ניט געטאָרט וויסן וועגן זיי.

די דרײַ דיסקוסיע־קרײַזן פֿלעגן פֿון צײַט צו צײַט צונויפֿגערופֿן ווערן צוזאַמען אין איין אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג.

אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן בלויז אין אויסנאַמפֿאַלן, דער עיקר ווען מען האָט געדאַרפֿט אויסקלייבן דעם „געהיימען קאָמיטעט" דורך אַ געהיימער אָפּשטימונג.

איבער קאָנספּיראַטיווע טעמים פֿלעגן מיר דעם געהיימען קאָמיטעט רופֿן: „דער קדשי־קדשים", און קיינער האָט ניט געטאָרט וויסן, ווער עס באַלאַנגט צו דעם קאָמיטעט. מען האָט זיך משער געווען, ווער עס איז אַרײַן אין דעם „געהיימען קאָמיטעט", נאָר אויף זיכער האָט מען ניט געקענט וויסן. און לויט די כּללים פֿון קאָנספּיראַציע האָט מען זיך ניט געטאָרט אינטערעסירן און זיך נאָכפֿרעגן אויף דעם.

די אויפֿגאַבע פֿון געהיימען קאָמיטעט איז געווען צו שאַפֿן געלט אויף צו קריגן ליטעראַטור, צו געפֿינען לערערס פֿאַר

די „קרוזשקי" (די קרײַזלעך פֿון אַליין־בילדונג) און אָנהאַלטן פֿאַר־בינדונגען מיט אַנדערע שטעט, ווי אויך מיט אויסלאַנד, פֿון וואַנען מען פֿלעגט באַקומען די ליטעראַטור.

דער איינציקער פֿאַרמיטלער צווישן געהיימען קאָמיטעט און די דיסקוסיע־קרײַזן איז געווען אַלעקסאַנדער — אַרקאַדי קרעמער. אים האָבן שוין אַלע געקענט און אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער באַלאַנגט צום געהײמען קאָמיטעט.

*

איך געדענק, אַז יענעם יאָר האָבן מיר נאָך פּורים־צײַט גענומען דיסקוטירן די פֿראַגע, ווי אַזוי אָפּצוריכטן דעם ערשטן מײַ. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פּראַוועון דעם פּראָלעטאַרישן יום־טובֿ אין דרײַ ערטער מחוץ דער שטאָט, און ניט, ווי אַנדערע ענטוזיאַסטן האָבן געוואָלט, אויף איין אָרט. מען האָט מורא געהאַט, אויב ס'זאָל זײַן אַ דורכפֿאַל, צו ריזי־קירן מיט דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע איז אויסגעקליבן געוואָרן, כּדי גוט אַרומצוקוקן די וועלדער אַרום דער שטאָט און אויסצוזוכן מער זיכערע ערטער פֿאַר דער פֿײַערונג. ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גענויער פּלאַן. דעם לעצטן שבת פֿאַר דער פֿײַערונג האָט דער קאָמיטעט אַרויסגעגעבן די לעצטע אינסטרוקציעס:

1) יעדער אַגיטאַטאָר זאָל גיין מיט זײַנע מענטשן דורך באַזונדערע וועגן.

2) עס זאָלן ניט גיין אַלע אין איין צײַט.

3) אין פֿאַל פֿון אַ חשד אָדער פֿון עפּעס אַ פֿאַרדרייעניש זאָל מען זען צו פֿאַרהיטן די מאַסן. מען זאָל געבן דער מאַסע אַ מיגלעכקייט זיך פֿונאַנדערצוגיין די ערשטע.

4) די אַגיטאַטאָרן און די טוערס מוזן בלײַבן די לעצטע אויף די ערטער.

5) בעת די פֿײַערונג וועט זיך אָנהייבן זאָלן אַרויסגעשיקט ווערן שומרים צום אַרײַנגאַנג אין וואַלד. זיי זאָלן בלײַבן שטיין

אין אַלע פֿיר זײַטן און זאָלן די גאַנצע צײַט זײַן אויף דער וואַך.

הירשע דעם סטאָליער, נאָך אַ חבֿר, וועמענס נאָמען איך געדענק ניט, און מיך האָט דער געהיימער קאָמיטעט באַשטימט פֿאַר די פֿאָנען־טרעגערס. פֿאַרשטייט זיך, ניט צו מאַרשירן מיט די פֿאָנען פֿאָרויס די מאַסען. אַזוינס האָט דאָך נאָך דעמאָלט ניט געקאָנט פּאַסירן. מיר האָבן פּשוט געדאַרפֿט נעמען די פֿאָנען מיט די געשריבענע רעדעס, דורכלייענען די רעדעס אַ פּאָר מאָל איידער מיר קומען אין וואַלד; אין וואַלד האָבן מיר געמוזט זײַן די ערשטע און וואַרטן אויפֿן עולם און אָנווײַזן די ערטער, ווהין צו גיין און ווי אַזוי זיך דאָרטן צו האַלטן.

אין דעם באַשטימטן טאָג בין איך געקומען צו פּאַטין. פּאַטי האָט מיר דערלאַנגט אַן אָנגעשריבענע רעדע מיט דער פֿאָן — אַ שטיקל רויטע לײַוונט די גרייס פֿון אַ קאָפּטיכל, מיט אויפֿשריפֿטן: „אַרבעטער פֿון אַלע לענדער פֿאַראייניקט אײַך!" „מיר פֿאָדערן אַן אַכטשטונדיקן אַרבעטסטאָג!" און „עס לעבע דער ערשטער מײַ!"

איך האָב דאָס אַלץ אַרײַנגענומען אין מײַן בוזעם־קעשענע און אַוועק אויפֿן באַשטימטן אָרט אין רוזעלער וואַלד. דאָ איז נאָך פֿון פֿרײַטאָג פֿאַר נאַכט געווען אָנגעגרייט די „סעודה" – ברויט, ווורשט, ביר, שנאַפּס און פֿאַרבײַסנס. אַלץ איז געלעגן באַגראָבן אונטער שטיינער, צווישן קוסטעס, פֿאַרדעקט פֿון אויבן מיט צווײַגן און בלעטער.

איך בין געקומען פֿריִער פֿאַר אַלעמען, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין אונטער אַ בוים און גענומען איין מאָל און נאָך אַ מאָל לייענען די רעדע, כּדי איך זאָל שפּעטער חלילה ניט געשטרויכלט ווערן בײַם לייענען זי פֿאַר דער מאַסע. די זון אין דער הייך האָט אַרײַנגעלויכטן דורך די ביימערשפּיצן. ס'איז געווען ליכטיק און וואַרעם אויפֿן האַרצן אויך. די פֿייגעלעך האָבן פֿריילעך געטשוויטשערט, אַרומגעפֿלויגן פֿון איין בוים־צווייג צום צווייטן. ערגעץ אין די טיפֿענישן פֿון וואַלד האָט

זיך געהערט דער מאָנאָטאָנער „קוקו" פֿון אַ קוקאַווקע. די ערד איז נאָך געווען פֿײַכט. אין עטלעכע ערטער האָט מען געקענט זען שוואַרצע שטיקער שמוציקע שניי וואָס איז נאָך ניט געווען צעגאַנגען.

איך בין געזעסן אויפֿן שטיין, געחזרט די רעדע און געקלערט: ווער ווייס, ווי איך וועל זײַן קומעדיקן שבת? אויב מען וועט מיך אַרעסטירן, וועט זײַן אַ ביטערער רחמנות אויף דער מאַמען. דער טאַטע איז נאָר וואָס געשטאָרבן, די עלטערע ברידער זײַנען אָרעמע שנײַדערס. אויף מיר האָט זי, די מאַמע, געלייגט אירע האָפֿענונגען און זיך גערעכנט, אַז איך, איר מוזיניקל וועלכן די מלמדים האַלטן פֿאַר אַ וווּנדערקינד, וועל פֿאַרזיסן אירע עלטערע יאָרן.

און מיט אַ מאָל בין איך, איר הלקע, גאָר געוואָרן אַ בונטאָווטשיק, אַ סטאַטשקעניק, און וועל נאָך אפֿשר אין גיכן זײַן אַרעסטירט דערצו, און מיט דער צײַט — אַ סיבירניק. ווי אַזוי וועט זי, די מאַמע, דאָס אַריבערטראָגן?

אַזוי בין איך געזעסן פֿאַרזונקען אין מײַנע געדאַנקען און האָב געוואַרט אויף די חבֿרים. מאָמענטנווײַז איז אַ פֿריי־לעכער ציטער אַריבער איבער מײַן קערפּער. איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם גרויסן צוטרוי וואָס דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעוויזן צו מיר, געטרויענדיק מיר אַזאַ וויכטיקע אַחריות־דיקע אַרבעט ווי צו זײַן דער פֿאָנען־טרעגער און דער ערשטער רעדנער אויף אַזאַ ווונדערלעכער פֿאַרזאַמלונג — אויף דער ערשטער גרויסער פֿײַערונג פֿון ערשטן מײַ!

אַזוי זיצנדיק פֿאַרטיפֿט אין מײַנע געדאַנקען האָב איך ניט באַמערקט, ווי די חבֿרים האָבן אָנגעהויבן קומען. צווישן צוועלף און איינס אַ זייגער זײַנען זיך שוין געווען צוזאַמענ־געקומען 185 אַרבעטערס און אַרבעטערינס. דער אָרט איז געווען טיף אין וואַלד, און מען איז געזעסן אויסגעזעצט אויף אָפּ־געזעגטע ביימער, אויף וואָרצלען, צי גאָר אויף דער ערד אונטער־געבעט מיט אַלטע צײַטונגען, מאַנטלען און אַנדערע זאַכן — וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט.

מערע זשאָלודסקי, אין אַ רויטער בלוזקע, איז אַרויפֿגע־קראָכן אויף אַן אָפּגעזעגטן בוים און געעפֿנט די פֿאַרזאַמלונג.

„שוועסטער און ברידער!" — האָט זי אויסגערופֿן מיט איר הויכער, שטאַרקער און ענערגישער שטים. „אַרבעטער און אַרבעטערינס"! — האָט זי ווײַטער געזאָגט און האָט אין קורצן געגעבן צו פֿאַרשטיין די ווערדע פֿון ערשטן מײַ.

דער עולם האָט זיך צונויפֿגערוקט נעענטער אַרום אונדז, און ווען מערע זשאָלודסקי האָט געענדיקט, האָט דער גאַנצער עולם אָנגעהויבן צו זינגען די „שבֿועה" (די „אַלטע שבֿועה" וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ווי הייליק איז די נאַטור", ניט ש. אַנ־סקיס), דערנאָך האָט מערע מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דעם ערשטן רעדנער.

איך בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים. דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט, און איך האָב זיך געמוזט אָנטאָן אַ כּוח אויף אָנצוהייבן לייענען די רעדע.

עס האָט גענומען אַרום פֿערציק מינוט ביז איך בין פֿאַר־טיק געוואָרן. איך האָב אַליין ניט געפֿילט, נאָר מען האָט מיר דערנאָך איבערגעגעבן, אַז איך בין געווען צעטראָגן און האָב געלייענט מיט עטלעכע טענער העכער ווי איך פֿלעג אַלע מאָל ריידן; און דאָס איז גראָד געווען אַ מעלה, ווײַל מײַן שטים האָט דעריבער דערגרייכט צו דעם ווײַטסטן ברעג פֿון דער פֿאַרזאַמ־לונג.

ווען איך האָב אין מיטן לייענען אויפֿגעהויבן די אויגן פֿון פּאַפּיר און דערזען מײַנע צוהערערס אַלע אויסגעזעצט אויפֿן בערגל אַרום מיר: די בחורים אין רויטע און ראָזע העמדלעך און די מיידלעך אין קאָלירטע בלוזקעס און רויטע שלייפֿלעך אין די האָר — ווען איך האָב דאָס דערזען, האָט זיך מיר אויס־געדוכט, אַז ניט מענטשן זיצן אַרום מיר, נאָר אַז דאָס בערגל איז פּלוצעם באַוואַקסן געוואָרן מיט בלומען און צענדליגער און הונדערטער פּאָר אויגן קוקן אַרויס אויף מיר פֿון אונטער די בלומען!

צום ערשטן מאָל האָב איך יעמאָלט גערעדט אויף אַזאַ גרויסער פֿאַרזאַמלונג אונטערן פֿרײַען הימל. איך האָב דערפֿילט, ווי דער קאָפּ שווינדלט מיר און די פֿיס בייגן זיך און ווילן מיר מער ניט דינען.

אין דעם מאָמענט זײַנען מיר דורכגעפֿלויגן דורכן קאָפּ אַלעקסאַנדערס ווערטער:

— זעט, איר זאָלט ניט פּאַדגאַדיען. דער מאָמענט איז צו אַ וויכטיקער!"

איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און האָב די רעדע געענדיקט.

פֿאַר דער צײַט וואָס איך האָב גערעדט האָבן די פֿאַר־זאַמלטע שטילערהייט געקײַט ברויט מיט ווורשט און פֿאַרטרונקען מיט אַ ביסל ביר אָדער וואַסער, און דאָ און דאָרטן האָט עמע־צער באַהאַלטענערהייט אַרײַנגעכאַפּט אַ ביסל בראָנפֿן.

די צווייטע רעדע פֿון טאָג האָט פֿאָרגעלייענט ישׂראל־מיכל (דער שפּעטערדיקער פּראָוואָקאַטאָר ישׂראל־מיכל קאַפּלינסקי, וועמען די באָלשעוויקעס האָבן דערשאָסן). און דאָ מוז איך זאָגן, אַז ער האָט דווקא שטאַרק „פּאַדגאַדיעט". ער איז, ווי באַוווּסט, געווען זייער אַ פּאָפּולער מענטש. ער האָט די רעדע פֿריִער ניט דורכגעלייענט. און אַזוי ווי די האַנטשריפֿט איז געווען אַ שווערע, האָט ער קוים געקענט דורכקריכן דעם מאַנוסקריפּט און די רעדע האָט פֿאַרלאָרן דעם גאַנצן עפֿעקט.

נאָך דעם ווי די רעדעס האָבן זיך געענדיקט, האָבן אַ פּאָר טוערס אויסגערופֿן: „און איצט פֿאַרברענען אַלץ וואָס קען אונדז קאָמפּראָמיטירן!" און דער עולם האָט זיך טאַקע גלײַך גענומען צו דער אַרבעט. פֿריִער האָט מען פֿאַרברענט די רויטע פֿאָן, דערנאָך האָט יעדערער געזוכט אויסצוראַמען די קעשענעס און אַרײַנצוואַרפֿן אין פֿײַער יעדער שטיקל פּאַפּיר, יעדער צעטעלע וואָס וואָלט נאָר געקאָנט אויסקוקן חשודיק.

ווען דאָס איז געווען אָפּגעטאָן, האָט זיך דער עולם געפֿילט באַרויִקט, מען האָט אָנגעהויבן זינגען און טאַנצן און חוזק מאַכן איינער פֿון אַנדערן.

אָבער דער עיקר האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן צו דעם איבער־געבליבענעם פלייש און וורשט און ביר און צום ביסל שנאַפּס.

ווען עס איז געקומען די צײַט פון פונאַנדערגיין זיך, זײַנען מיר, די אַגיטאַטאָרן, געבליבן שטיין אויף אונדזערע ערטער און געהיט, אַז פריִער זאָלן זיך אַלע פונאַנדערגיין אין אָרדענונג. און ערשט דעמאָלט זײַנען מיר גליקלעכע און צו־פרידענע אַרויס פון וואַלד און אַוועק אַהיים.

איך בין פון דער פאַרזאַמלונג אַוועק צו אַלעקסאַנדערן אין שטוב. איך בין אים אַוועק אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז אַלץ איז אַראָפּ כּשורה. ווי איך האָב נאָר געעפנט די טיר פון זײַן הויז, איז אַלעקסאַנדער גלײַך צוגעלאָפן צו מיר און נײַגעריק אַ פרעג געטאָן:

— נו, וואָס הערט זיך?

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז אַלץ איז געווען בעסער ווי מען האָט זיך געריכט, איז ער מיר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און מיר האָבן זיך האַרציק צעקושט.

איך בין יעמאָלט געווען יונג און אַ ביסל שיכּור פון נצחון וואָס איך האָב געהאַט מיט מײַן רעדע, האָב איך זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן און האָב גלײַך אַרויסגעפּלאַצט, אַז ישׂראל־מיכל האָט זײַן רעדע „פּאַדגאַדיעט". אַלעקסאַנדער איז געוואָרן אַן אָנגע־צונדענער און האָט אין כּעס אויסגערופן: „אַזאַ פוילער לודער! און ער האָט זיך נאָך געריסן צו גיין אַהין! נו, נו, איך וועל אים שוין געבן!" און אַלעקסאַנדער האָט מיך גענומען פונאַנדער־פרעגן, און איך האָב אים געמוזט אָפּגעבן אַ באַריכט פון דער פאַרזאַמלונג מיט אַלע פּרטים.

עס איז שוין געווען פינצטערלעך, ווען צו אַלעקסאַנדערן אין צימער איז אַרײַנגעקומען הירשע דער סטאָליער. ער האָט געהאַט גערעדט אויף אַ צווייטער פאַרזאַמלונג – אין זווערינעצער וואַלד.

הירשע דער סטאָליער איז געווען אַ ביסל בגילופינדיק. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער מיט זײַן ברייטער רובאַשקע

איבער די הויזן, פֿאַרבונדן מיט אַ קוטאַס, און האָט זיך געשפּילט מיט די פֿרענדזלעך.

אין ערשטן מאָמענט האָט זיך אַלעקסאַנדער דערשראָקן פֿאַר אים. ער האָט געציטערט, טאָמער איז די זוועריניצער פֿאַרזאַמלונג דורכגעפֿאַלן. אָבער פֿון הירשע דעם סטאָליערס אַרומגיין האָט אַלעקסאַנדער באַלד באַמערקט, אַז קיין שלעכטס איז ניט געשען, האָט ער אויסגערופֿן:

— נו, גיכער, הובל, רייד שוין אַ מאָל!

עס האָט געדויערט אַ רעכטע ווײַלע, ביז אַלעקסאַנדער האָט אַרויסגעקראָגן פֿון הירשע דעם סטאָליער (אָדער הובל, ווי ער האָט אים גערופֿן) די עטלעכע ווערטער: „אַלץ איז אין זוועריניצער וואַלד אַריבער בשלום!"

אויף מאָרגן נאָך דער פֿײַערונג פֿון ערשטן מײַ-יום-טובֿ בין איך אַרײַן אין אַ הויז אויף שניפּישאָק, ווו עס האָבן געוווינט צוויי חבֿרטעס, צוויי שוועסטער, שיפֿרה און ליובע קראַקוזין. זיי זײַנען געווען אין דער היים, אָבער באַגעגנט האָט מיך זייער מוטער, אַן עלטערע ייִדענע, און זי האָט מיך געפֿרעגט:

„איר ווייסט אפֿשר, הלל, וווּ מײַנע צוויי מוידן זײַנען עס נעכטן אַ גאַנצן טאָג געווען? ס'איז דאָך גוואַלד צו שרײַען! אַוועקצוגיין אויף אַ גאַנצן טאָג! איר בעסער רעדט זיי אויס! פֿאַר אײַך האָבן זיי דאָך אַ ביסל דרך-ארץ. זאָגט זיי, אַז עס איז ניט שיין פֿאַר לײַטישע מיידלעך אַוועקצוגיין אויף אַ גאַנצן טאָג! וואָס רייד איך אויף אַ גאַנצן טאָג! — ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן."

איך האָב דער פֿרוי צוגעזאָגט צו ריידן מיט די מיידלעך, און דערבײַ האָב איך זיך קוים אײַנגעהאַלטן פֿון ניט אַרויסשיסן מיט אַ געלעכטער, ווײַל איך האָב גוט געוווּסט, אַז שיפֿרה איז געווען אויף דער פֿאַרזאַמלונג אין זוועריניצער וואַלד און ליובע איז געווען מיט אונדז.

פֿון די באַריכטן צו די קרײַזלעך האָבן מיר זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז אין די פֿאַרזאַמלונגען צו פֿראַוועט דעם ערשטן מײַ אין די וועלדער אַרום ווילנע האָבן זיך באַטייליקט אַריבער

פֿינף הונדערט מענטשן און אַז עס איז טאַקע געווען איינער פֿון די גרעסטע נסים, וואָס אַלץ איז אַריבער רויִק און קיינער איז ניט אַרעסטירט געוואָרן.

צוריקגייענדיק האָט זיך שוין דער עולם ניט געהאַלטן אַזוי קאָנספּיראַטיוו, מ'איז געגאַנגען אַ סך מענטשן אין איינעם. אַ באַנוועכטער האָט געפֿרעגט: פֿון וואַנען גייען דאָס אַזוי פֿיל מענטשן? האָט אים אַ בריסקער מיידל מיט אַ שאַרפֿן צינגל געענטפֿערט: אין ווילייקע (אַ סטאַנציע הינטער ווילנע) איז היינטיקן שבת דאָ אַ גרויסער „ראַבין", זיינען מיר אים געווען הערן, איצט גייען מיר צוריק. ער האָט דאָס אָנגענומען פֿאַר אַן אמת.

שפּעטער האָט מען דערציילט נאָך פֿאַרשיידענע טשיקאַווע מעשׂיות וועגן די דאָזיקע פֿאַרזאַמלונגען. אַ ברודער האָט געטראָפֿן אַ שוועסטער, פֿון וועלכער ער האָט ניט געוווּסט צוליב קאָנספּיראַציע, אַז זי איז אויך אַ חבֿרטע. אָדער צוויי נאָענטע פֿריינד האָבן דאָרטן זיך ערשט דערוווּסט, אַז זיי באַלאַנגען ביידע צו דער „אָרגאַניזאַציע".

*

דער זומער איז אַריבערגעגאַנגען, און אויף יום־כּיפּור ביי טאָג איז גערופֿן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע דריי דיסקוסיע־קרייזן. די פֿאַרזאַמלונג איז געווען אין מיטן שטאָט, אין הויז פֿון אַ באַקאַנטן גבֿיר. דער מאַן האָט געהאַט איינעם פֿון די גרעסטע אַפּטייקסקלאַדן אין ווילנע. דאָרטן האָבן מיר זיך אַלע געפֿילט אַ סך זיכערער ווי אין די קליינע קאָנספּיראַטיווע צימערלעך ביי די ברעגן שטאָט.

אַלעקסאַנדער האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז עס וועלן ביי דער פֿאַרזאַמלונג פֿאָרקומען נייע וואַלן אין געהיימען קאָמיטעט, אין „קדשי־קדשים". אין אַ סודותדיקן טאָן האָט ער דערביי צו מיר געזאָגט:

— מען דאַרף זען, אַז אין קאָמיטעט זאָלן אַריינפֿאַלן וואָס מער אַרבעטערס. נאָך אַלעמען זיינען מיר דאָך אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. אמת, מיר שטעלן צו די מיטגלידער פֿון קאָמיטעט שטרענגע פֿאָדערונגען. איך האַלט אָבער, אַז עס איז בעסער

צו האָבן אין קאָמיטעט אַרבעטערס מיט ווייניקער בילדונג, ווי אינטעליגענטן וועלכע זײַנען אפשר געבילדעט, נאָר זיי פֿאַרשטייען ניט די נויטן און באַדערפֿענישן פֿון די אַרבעטערס. בעט איך אײַך, הלל, איר זאָלט זען, אַז עס זאָלן אַרײַנפֿאַלן וואָס מער אַרבעטערס אין קאָמיטעט.

עטלעכע פֿון אונדז האָבן געוווסט, אַז די איצטיקע וואַלן קומען פֿאָר מחמת דעם אַרעסט פֿון מאָיסיי דעם אײַנבינדער וועלכער איז, ווי אַלץ האָט אויסגעוויזן, געווען אַ מיטגליד פֿון געהיימען קאָמיטעט.

נאָך דעם ווי די וואַלן זײַנען אַריבער, האָט אַלעקסאַנדער אונדז איבערגעגעבן, אַז אויפֿן בית־עולם „פּיער לאַשעז" אין פּאַריז איז געלייגט געוואָרן אַ בלומענקראַנץ אין נאָמען פֿון דער ווילנער יידישער אָרגאַניזאַציע אויף די קבֿרים פֿון די געפֿאַלענע קאָמונאַרן. דעמאָלט איז נאָר וואָס געוואָרן פֿינף און צוואַנציק יאָר זינט דער פּאַריזער אַרבעטער־בלוטבאָד.

אויך האָט אונדז אַלעקסאַנדער דערציילט, אַז אין אויסלאַנד האָט מען אויפֿגענומען מיט גרויס באַגײַסטערונג די נײַס וועגן די מײַ־פֿײַערונגען אין ווילנע און אַז פּלעכאַנאָוו – דער „רוסישער קאַרל מאַרקס", ווי מען האָט אים דעמאָלט גערופֿן – האָט זיך אויסגעדריקט: ער פֿאַרהאָפֿט, אַז די יידישע אַרבעטערס וועלן זײַן דער אַוואַנגאַרד פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע.

נאָך אַזוינע קאָמפּלימענטן זײַנען מיר אַרויס פֿון דער פֿאַרזאַמלונג גליקלעכע, ממש אויסגעלײַטערטע. מיר זײַנען געווען גליקלעך, וואָס די שטימען פֿון די יידישע אַרבעטערס אין רוסלאַנד און זוואַרעניצער וואַלד האָבן אָפּגעקלונגען אַזש אין די ווײַטע, אויסלענדישע פֿרײַע לענדער.

בײַם אַרויסגיין פֿון דער פֿאַרזאַמלונג האָט מיר אַלעקסאַנדער איבערגעגעבן שטילערהייט, אַז איך און הירשע דער סטאָליער און ישׂראל־מיכל זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן אין „קדשי־קדשים" און אַז מאָרגן אָוונט וועלן מיר זיך אַלע צונויפֿקומען צו דער ערשטער זיצונג בײַ רעוועקע לאַס אין שטוב.

עס איז אוממיגלעך איבערצוגעבן די געפילן וועלכע האָבן מיך אין יענעם מאָמענט באַהערשט. מיר האָט זיך ניט געקענט פּאָטופּען אין מוח, אַז איך, הללקע, בין עס געוואָרן אַזאַ גרויסער פירער; אַז איך בין געוואָרן אַ הויפּטטוער אין אַזאַ גרויסער, הייליקער באַוועגונג. איך האָב דעריבער בײַ זיך באַשלאָסן זיך אין גאַנצן אָפּצוגעבן צו דער טעטיקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג מיט דעם זעלבן יִרְאַת־הַכָּבוֹד, מיט דער זעלבער הייליקער באַגײַסטערונג און איבערגעגעבנקייט, מיט וועלכער אונדזערע עלטערן און אורעלטערן פלעגן זיך אַמאָליקע יאָרן מקריב זײַן פאַר דעם כּלל־ישׂראל.

אַריבער פערציק יאָר זײַנען שוין אַוועק פון יעמאָלט. איך בין יעמאָלט געווען אַ יונגער מאַן. איצט בין איך שוין אַ זקן. אָבער ווען איך טראַכט זיך אַרײַן אין דער אַמאָליקער אַרבעט, אין דער אַמאָליקער מסירת־נפש אונדזערער, פיל איך זיך צוריק יונג, און ווען איך וואָלט געקענט מײַן לעבן נאָך אַ מאָל איבער־לעבן, וואָלט איך עס איבערגעלעבט אויפן זעלביקן שטייגער.

בײַ אַלעקסאַנדערן אין קרײַזל

פֿון

איסר קאָהען

דער שרײַבער פֿון די שורות איז אין 1892 געווען אַ בחור פֿון 17 יאָר און איז שוין יעמאָלט געווען אַ „געכאַפּטער".

מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט אַרקאַדי קרעמערן איז געווען אין אַ געוויסן ווינטערדיקן שבת בײַ טאָג.

אַ קליינע גרופּע יונגוואַרג, אין גאַנצן פֿינף „נאָוואָבראַנצעס" — אָקערשט אַרײַנגעצויגענע אין דער באַוועגונג — זײַנען זיך איינציקווײַז אין געהיים צוזאַמענגעקומען אין אַ בוידעמשטיבל אין קאָזלס הויף אויף זאַוואַלנע גאַס, ניט ווײַט פֿון וואָקזאַל, אין דער וווינונג פֿון „הירשע דעם פּינסקער", אַ קאַמאַשן־שטעפּער פֿון פֿאַך און אַ וויכטיקער טוער אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. דאָרט האָבן מיר דאָס געדאַרפֿט קריגן אונדזער ערשטע לעקציע אין דעם אלף־בית פֿון סאָציאַליזם.

איך געדענק ווי הײַנט, מיט וואָס פֿאַר אַ מערקווערדיקן געפֿיל פֿון שרעק צוזאַמען מיט יִראת־הכּבֿוד איך בין געזעסן מיט די איבעריקע תּלמידים אויף אַ הילצערנעם בענקל לעבן אַ גרויסן ציגלנעם אויוון וועלכער איז געווען ניט איבעריקס וואַרעם. אַנטקעגן אונדז, לעבן אַ טישל, איז געזעסן אַ יונגער מאַן אין די יאָרן 28–27, אַ ביסל העכער פֿון מיטעלן וווּקס, מיט אַ קורץ געשוירן בערדל (לויט דער דעמאָלטיקער מאָדע בײַ די סטודענטן וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער

טעטיקייט). ער האָט מיט אַ ווייכער לאַשטשענדיקער שטים געהאַלטן פֿאַר אונדז אַ לעקציע (אַ „טשטעניע" האָט מען דאָס יעמאָלט גערופֿן מיט אַ רוסישן נאָמען) וועגן דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג וועלכע האָט זיך אין יענע יאָרן אַזוי שטאַרק און ברייט צעוואַקסן אין בעלגיע.

אמת, איך מוז מודה זײַן, אַז דאָס איז געווען צו אַ שווערע טעמע פֿאַר מיר. אָבער דער לעקטאָר האָט דאָס אונדז אַזוי פּשוט און קלאָר אין מויל אַרײַנגעלייגט, אַז גייענדיק צוריק אַהיים האָב איך געפֿילט פּונקט ווי אַ נײַע נשמה וואָלט אין מיר אַרײַן. איך האָב געהערט אַ נײַ וואָרט וועגן אַ נײַעם גלויבן און האָב אָנגעהויבן פֿילן, אַז איך בין אַרײַן אין אַ נײַער וועלט.

ווער דער לעקטאָר איז געווען האָבן מיר ניט געוווּסט. דאָס איז געווען אַ טייל פֿון די פּאַרהיט־מיטלען. מיר האָבן זיך ניט נאָכגעפֿרעגט אויך, וואָרעם אין דער סודותדיקייט אַליין איז שוין געווען אַ הייליקער צויבער, אַ זיסער געפֿיל, אַז מיר טראָגן אויף זיך אַ גרויסע מאָס פֿליכטן און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייטן פֿאַר דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

איך האָב זיך אָבער אין אַ קורצער צײַט אַרום דערוווּסט דורך אַ צופֿאַל, אַז דער ערשטער רבי מײַנער אין סאָציאַליזם איז אַלעקסאַנדער — אַרקאַדי קרעמער.

אַרקאַדי און דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר

פֿון

דזשאָן מיל

ווילנע און מינסק

וועלכע שטאָט איז געווען דאָס וויגעלע פֿון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמאָליקן רוסלאַנד? ווו האָט די באַוועגונג טיפֿער אַרײַנגעלאָזט אירע וואָרצלען? וועמען געהער דער פֿאַרדינסט אָדער דער כּבֿוד פֿון פּריאָריטעט?

די מינסקער האָבן פּרעטענזיעס, פֿאַר וואָס זייער שטאָט ווערט ניט דערמאָנט אָדער ווערט דערמאָנט זייער ווייניק, ווען מען רעדט וועגן דער פּיאָנירן־צײַט פֿון סאָציאַליזם צווישן ייִדן. זיי טענהן, אַז בײַ זיי האָבן עקסיסטירט רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן אפֿשר נאָך אַ ביסל פֿריִער ווי אין ווילנע. אין אַ געוויסן גראַד זײַנען זיי גערעכט. נאָך אין די 70ער און 80ער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט זײַנען געווען אין מינסק, ניט ווייניקער ווי אין ווילנע, קליינע גרופּעס און איינציקע פּערזאָנען וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. עס איז גענוג צו דערמאָנען די נעמען ראָגאַלער, איסאַק הורוויטש, זײַן שוועסטער — די שפּעטערדיקע בונדיסטקע — זשעניע הורוויטש, עמיל אַבראַמאָוויטש און נאָך. אָבער די אַלע טוערס זײַנען ניט נאָר געווען אונטער דער השפּעה פֿון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן (דאָס זעלביקע איז אויך געווען אין ווילנע), נאָר זייערע אַלע פּרווון האָבן געהאַט אַ קורץ לעבן אויך: זיי זײַנען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן צוזאַמען מיטן דורכפֿאַל פֿון יענע רוסישע פּאַרטייען און גרופּעס.

ווען מען רעדט וועגן דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, וועגן מאַסן-באַוועגונג, דעמאָלט קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין: איר געבורין-אָרט איז געווען ווילנע, און צו ווילנע געהער אָן שום ספק די בכורה. נאָך צום סוף פון די 80ער יאָרן האָבן זיך באַוויזן אין ווילנע ניט בלויז עלעמענטן פון דער מאָדערנער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, נאָר אַפילו גאַנץ פעסטע אָרגאַניזאַציעס. מען טאָר געוויינטלעך ניט מעסטן די דאָזיקע ערשטע שפּראָצונגען צווישן דער יידישער אַרבעטער-מאַסע מיט די קאָלאָסאַלע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס און גראַנדיעזע מאַסן-אַרויסטרעטונגען פון היינט. מען דאַרף ניט פאַרגעסן די אומשטאַנדן פון יענער צייט, ווען די יידישע מאַסן זיינען נאָך געווען אומוויסנדיק, רעליגיעז-פאַנאַטיש, אָן אַ מאָדערנער קולטורעלער סביבה. פּאָליטיש און נאַציאָנאַל זיינען זיי געווען אונטערגעדריקט פון צאַרישן רעזשים, עקאָנאָמיש זיינען זיי אויסגעשטעלט געוואָרן דורך די יידישע עקספּלואַטאַטאָרס אין דער לאַגע פון כינעזישע „קוליס". זעלטן-זעלטן פלעגט אַ יידישער אַרבעטער אין ווילנע פאַרדינען 25 רובל אַ חודש, דאָס רוב — 14 ביז 20, און אָפט אַ סך ווייניקער, און דאָס ביי 14–16 שעה אַרבעט!

די נייע טוערס. — אַרקאַדי

סוף 1890 און אָנהייב 1891 איז די ווילנער אָרגאַניזאַציע באַרייכערט געוואָרן מיט נייע קרעפטן, און נאָך וואָס פאַר אַ קרעפטן! עס זיינען אָנגעקומען אַרקאַדי קרעמער און זיין שפּעטערדיקע פרוי פּאַטי סרעדניצקי, איסיי אייזנשטאַט און ליובע לעווינסאָן — אַלע אָקערשט אַרויסגעלאָזענע פון פאַרשיידענע תּפיסות. אויך דער לערער גאָזשאַנסקי (לנו) איז צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט. אַ ניי לעבן איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דער אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. דער צענטער וואָס האָט זיך געשאַפן איז באַשטאַנען פון אַרקאַדי קרעמער, אייזנשטאַט, ליובע לעווינסאָן, פּאַטי סרעדניצקי, קאָפּעלזאָן, גאָזשאַנסקי, פּאָליע גאָרדאָן און מיר.

ער האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן רעגולער, געהאַט וואָכנדיקע זיצונגען, אויף וועלכע מען פלעגט אויסאַרבעטן פּלענער פון דער אַרבעט, פּראָגראַמען פון פּראָפּאַגאַנדע, פאַרטיילן אין קרייזן די ניי צוגעצויגענע אַרבעטערס, גרינדן נייע גרופּעס, באַזאָרגן די אָרגאַניזאַציע מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור. שפּעטער, ווען די באַוועגונג האָט זיך פאַרברייטערט און די נויט אין ליטעראַטור האָט זיך געלאָזט פילן אויף יעדער טריט, האָט דער צענטער גענומען אַרויסגעבן ליטעראַטור: געשריבענע, העקטאָגראַפירטע, געדרוקטע.

פּאַראַלעל מיט דעם דאָזיקן צענטער איז נאָך געווען אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון אַרבעטערס, אָפּגעטיילט פון אים איבער קאָנספּיראַטיווע מאָטיוון. אַהער זיינען אַריין: גוסטע וואָלפּסאָן, בערטע וואָלפּסאָן, העלענע העלפּאַנד, סאָלאָמאָן מענאַקער, פאַניע רעזניק, מאָטל מייזעל, יאַקאָוו דער קאַמאַשן-מאַכער, אַלטער און שפּעטער מערע זשאַלודסקי, צביה און נאָך אַנדערע. אָפט, מחמת וויכטיקע פּראַגעס אָדער שטרייטפּראַגעס, פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן אינאיינעמדיקע זיצונגען. [1] מער פאַר אַלעמען האָט אַריינגעבראַכט אַ ניי לעבן אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע אַלעקסאַנדער (אַרקאַדי קרעמער). ער האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין דער פּראַקטישער אַרבעט. [2] אָבער אַרקאַדי איז געווען גאָר עפּעס

[1] אַ ביסל פּרטים וועגן דער טעטיקייט פון די ביידע קערפּערשאַפטן האָב איך געגעבן אין מיין אַרטיקל: „די פּיאָנירן-עפּאָכע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג (ווילנע—וואַרשע)“ אין: היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ III, די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון בונד, ווילנע 1939 ז"ז 393—369.

[2] אין מיינע אָקערשט דערמאָנטע זכרונות איז מיר אויסגעקומען צו ברענגען צוויי עפּיזאָדן פון אַרקאַדיס פּראַקטיק: א) וועגן זיין ראָלע ביים באַשטאַטן אונדזער יעמאָלטיקע אומלעגאַלע ביבליאָטעק און ביים אַרויסראַטעווען זי אויף אַ קונציקן אופן, בשעת מען האָט מיך אַרעסטירט. ב) וועגן זיין אָנטייל אין פּאָסטס אַרבעט ביים אָפּדרוקן אונדזער ערשטע געדרוקטע מיי-פּראָקלאַמאַציע (1897).

אַנדערש ווי נאָר אַן אַקטיווער און פֿעיִקער פּראַקטישער טוער עס וועט ניט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן, אַז ער איז געוואָרן די נשמה פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג ניט נאָר אין ווילנע, נאָר אויך אין די אַנדערע שטעט, וווּהין זי האָט זיך אַריבערגעוואָרפֿן. אַ פּשוטער, אַ דעמאָקראַט דורך זײַן לעבנס־שטייגער און דורך זײַנע באַציִונגען צו חבֿרים און צו מענטשן בכלל, אָן ספּעציפֿיש אינטעליגענטישע גענג, איז ער גלײַך געוואָרן באַליבט בײַ אַלעמען. צו אַלץ פֿלעגט ער זיך באַציִען ערנצט און צוגיין רויִק, אַנאַליטיש. זײַן באַשיידנקייט האָט ניט געהאַט קיין גרענעצן. נײַע פּראָגעס, נײַע פּראָבלעמען פֿלעגן אָפֿט אַרויפֿשווימען און פֿאָדערן אַ תּשובֿה, נײַע פּראַקטישע אויפֿגאַבעס — די דורכפֿירונג אין לעבן; אַלעקסאַנדער פֿלעגט זיך דערבײַ קיין מאָל ניט פֿאַרלאָזן אויף זיך אַליין און אַלע מאָל זוכן צו דערגיין די מיינונג אַפֿילו פֿון די ייִנגסטע חבֿרים אין דער באַוועגונג.

דער פּישוף פֿון דער פּערזענלעכקייט

אַ מאָדנע, אומגלייבלעכע צוציקראַפֿט האָט ער געהאַט ניט נאָר ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער, נאָר אויך פּערזענלעך. אַזוי פֿיל יאָרן זײַנען פֿאַרבײַ — כּמעט אַ מענטשנס לעבן — און אַפֿילו איצט, ווען איך דערמאָן זיך אָדער איך הער דעם נאָמען „אַרקאַדי“, נעמט מיך דורך אַ געפֿיל פֿון וואַרעמקייט און סימפּאַטיע.

שרײַבן וועגן אַרקאַדי קרעמערן מיינט בעצם שרײַבן די געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד פֿון איר אָנהייב ביז נאָך דער גרינדונג פֿון „בונד“. אַזוי דאָמי־נירנדיק איז געווען זײַן ראָלע, אַזוי שטאַרק זײַן השפּעה אויף אַלע געביטן פֿון דער באַוועגונג, אַזוי גרויס זײַן אויטאָריטעט.

און קרעמער איז דאָך ניט געווען קיין שרײַבער און ניט קיין רעדנער. אין משך פֿון זײַן לאַנגיאָריקער פּאַרטיי־פּאָליטישער טעטיקייט האָט ער מער ניט אָנגעשריבן ווי די בראָשור „וועגן אַגיטאַציע“, אַ פּאָר קליינע אַרטיקלען און, אין איינעם מיט פּאַטין, דאָס קאָמפּילאַטיווע ביכל „דער אַרבעטסטאָג“.

די פּיאָנירן־צײַט פֿון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט פֿאַרמאָגט אַ היפּש ביסל בעסערע שרײַבערס, ניט ווייניק גוטע רעדנערס, מענטשן מיט גרעסערע און גרונטיקערע קענטע־נישן אין סאָציאַל־פּאָליטישע פֿראַגעס, ווי אַרקאַדי. און פֿון דעסט וועגן: דער טאָנגעבער איז געווען ער, און נאָר ער. אויף יעדער טריט, אין אַלע ספֿערעס פֿון דער באַוועגונג, אין אַלע פֿאַזעס פֿון איר אַנטוויקלונג האָט מען געקענט באַמערקן זײַן גײַסט. אָפֿט לייענט מען וועגן דעם אָדער יענעם „לעגענדאַרן" טוער אין דער באַוועגונג, אָבער אין, דער פּיאָנירן־צײַט איז געווען נאָר איין פּערזאָן וואָס האָט געהערט צו אָט דער קאַטעגאָריע — און דאָס איז געווען אַרקאַדי.

ער איז געווען זייער באַוווסט און באַליבט ניט בלויז אין די ייִדישע סאָציאַליסטישע קרײַזן, נאָר אויך אין די רוסישע. זײַן בראָשור „וועגן אַגיטאַציע" האָט געמאַכט זייער אַ גרויסן רושם, און כּמעט אין אַלע רוסישע שטעט, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַרבעטער־באַוועגונג, האָט מען אָנגעווענדט די פּרינציפּן און מעטאָדן וואָס זײַנען אָנגעצייכנט אין יענער בראָ־שור. אמת, אייניקע רוסישע סאָציאַליסטישע גרופּעס, אַ שטייגער די „ראַבאָטשאַיאַ מיסל"", האָבן אַריבערגעכאַפּט די מאָס און אַ טעכ־ניש־פּראַקטישן מעטאָד פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּרינציפּ, אָבער דאָס איז שוין געווען ניט אַרקאַדיס שולד...

עס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן, וואָס פֿאַר אַן אויטאָריטעט ער האָט געהאַט און מיט וואָס פֿאַר אַ ליבע מען האָט זיך באַצויגן צו אים. זײַן אויטאָריטעט איז קיין מאָל ניט געווען קיין אַרויפֿ־געצוווּנגענער, נאָר תּמיד אַ נאַטירלעכער. אין פֿאָרם פֿון פֿראַגעס, אַרום און אַרום, כּמעט אומבאַמערקלעך פֿאַר זײַנע חבֿרים אָדער אָפּאָנענטן פֿלעגט ער ווירקן אויף זיי אַזוי, אַז זיי פֿלעגן סוף־כּל־סוף אָננעמען זײַן שטאַנדפּונקט אָדער זײַנע פּראַקטישע פֿאָרשלאָגן. דער סוד פֿון זײַן פּועלן איז געלעגן, ווי מיר דוכט, אין זײַן פֿעיִקייט צו פֿאַרבלײַבן שטענדיק אויף אַ רעאַלן באָדן און אויך אין די אייגנשאַפֿטן פֿון זײַן פּערזאָן: אין זײַן וואַרע־מער באַציִונג צו מענטשן, אין זײַן באַשיידנקייט, אין זײַן פֿאָלקס־

טימלעכקייט, אין זײַן איבערגעגעבנקייט אָן אַ גרענעץ צו דער אַרבעטער־זאַך.

אין דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער באַוועגונג געדויערט אָפּט לאַנגע יאָרן, ביז עמעצער ווערט אַן אַלגעמיין אָנערקענטער פירער. מיט אַרקאַדין איז אָבער געשען אַ נס: ער איז דאָס געוואָרן, קאָן מען זאָגן, אויף מאָרגן נאָך זײַן קומען פון פעטערבורג (1890), ווו ער איז אָפּגעזעסן אין טורמע „קרעסטי" זײַן צווייטן טערמין. אמת, נאָך אין צווישנצײַט, פון דער וואַרשעווער טורמע ביז דער פעטערבורגער, האָט ער געלעבט אין ווילנע און איז געווען אין ענגן קאָנטאַקט מיט יאָגיכעסן און קאָפּעלזאָנען, אָבער דעמאָלט האָט ער נאָך ניט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע אַקטיווקייט און איז נאָך ניט געווען אַזוי ברייט באַקאַנט. ווען ער האָט געענדיקט די ווילנער רעאַל־שול, איז ער נאָך קיין סאָציאַליסט ניט געווען, כאָטש שוין געזעלשאַפטלעך און אָפּאָזיציאָנעל געשטימט. זײַן סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישער וועלטבאַנעם האָט זיך בײַ אים אויסגעאַרבעט פריִער אין פעטערבורג און שפּעטער אין ריגע. אָבער זײַן גאַנצע אָריענטאַציע איז נאָך ניט געווען אויף דער באַוועגונג צווישן ייִדן, נאָר אויף רוסלאַנד בכלל; אַרבעטן פאַר דער ר ו ס י ש ע ר סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז געווען זײַן ציל. בעת ער האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט אין ווילנע, האָט ער אַפילו ניט געחלומט וועגן דעם, אַז דער אומפאַרמײַדלעכער, לאָגישער רעזולטאַט וועט זײַן — אַ י ִד י ש ע סאָציאַליסטישע מאַסן־באַוועגונג.

די כּוונות פון די פּיאָנירן

אין „אונדזער צײַט" (וואַרשע, נומער 2, פון פעברואַר 1928) האָט קרעמער מיט יאָרן שפּעטער געשריבן: „די ערשטע גרינ־דער פון די אַרבעטער־קרײַזלעך אין ווילנע האָבן ניט אין זינען געהאַט קיין ברייטע אַרבעט צווישן דער ייִדישער אַרבעטער־מאַסע גופא; זיי האָבן בלויז געוואָלט אויסבילדן אייניצלנע מער אַנטוויקלטע אַרבעטער, זיי דערפירן צום סאָציאַליסטישן באַוווסט־

זײַן, זיי צוגרייטן פאַר אַגיטאַטאָרן פאַר רוסלאַנד, פאַר די אינ־דוסטריעלע צענטערס, פאַר דער רוסישן אַרבעטער־קלאַס. דער סאָציאַליסטישער געדאַנק פון יענער צײַט האָט נישט געזען נאָך די מעגלעכקייטן פון אַ באַוווסטזיניקער קלאַסן־באַוועגונג צווישן אַרבעטער פון קליינע װאַרשטאַטן, און נאָך מער צווישן די ייִדישע צעזייטע און צעשפּרייטע איינצלנע אַרבעטער אין די האַנטווערקער־װאַרשטאַטן. אַקעגן האָט זיך געלייגט אויפן שׂכל, אַז צווישן אָט די עלעמענטן וועלכע זײַנען גײַסטיק מער אַנט־וויקלט און מאָראַליש ריינער זאָלן זיך לײַכט געפינען יחידים וואָס וועלן זיך קענען דערהייבן און גוט פאַרשטיין דעם סאָציאַ־ליסטישן אידעאַל..."

אַרקאַדי האָט דאָ אַ טעות. ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ווילנע, איז שוין די שטימונג דאָ געווען אין אַ גרויסער מאָס אַן אַנדערע; אַ סך פון די דעמאָלטיקע טוערס האָבן ניט געקוקט מיט אַרקאַדיס אויגן אויף די ייִדישע אַרבעטערס וואָס זײַנען דורכגעגאַנגען די פּראָפּאַגאַנדע־קרײַזלעך ווי נאָר אויף אַ רעזער־וואַר פון אַגיטאַטאָרן פאַר די רוסישע אינדוסטריעלע צענ־טערס. מיטן אויסנאַם פון אַ פּאָר אַסימילאַטאָריש געשטימטע אינטעליגענטן און אַ האַלבן טוץ אַרבעטערס פלעגן זיי פאַרקערט מיט אַ ווייטאָג אין האַרצן אָננעמען די ידיעה ווען יעדער מאָל, ווען דער אָדער יענער טוער פלעגט באַשליסן צו פאַרלאָזן די ייִדישע אַרבעטער־סבֿיבֿה און זיך באַזעצן אַרבעטן צווישן רוסן. עס מאַכט ניט אויס, צי אַזאַ סענטימענט איז געקומען פון דער איבערצײַגונג, אַז די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַ זעלב־שטענדיקן באַטײַט און אַז זי פאַרמאָגט אַ פּאָטענציעלן רעוואָלו־ציאָנערן כּוח — אָדער ניט. אין דעם פאַל איז דאָס ניט געווען אַזוי וויכטיק. פאַר אייניקע זײַנען מאָסגיביק געווען אויך אַנדערע טעמים. אָבער דער אויבן דערמאָנטער סענטימענט האָט עקסיסטירט, און זיי, די דאָזיקע טוערס, האָבן ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק וועגן פאַרלירן סיסטעמאַטיש איינציקע, מער אַקטיווע און מער גײַסטיק אַנטוויקלטע פון צווישן די אַרבעטערס און שיקן זיי אין די רוסישע שטעט און אויף אַזאַ

אופן שטענדיק באַרויבן די ייִדישע מאַסע פון אירע נאַטירלעכע פירערס. זיי האָבן געהאַלטן, אַז זייער חוב איז צו בלייַבן צווישן די ייִדישע מאַסן: אין ווילנע ווי אין מינסק, אין ביאַ־ליסטאָק ווי אין גראָדנע און אין וואַרשע.

די גרויסע פעולה פון דער אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטערס האָט באַלד אַרייַנגעבלאָזן אַ נייַע נשמה אַפילו אין די, פאַר וועמען די דאָזיקע טעטיקייט האָט געזאָלט זייַן מער ניט ווי אַ דערווייַליקע, ווי אַ איבערגאַנגס־אַרבעט. די ערשטע פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך טיף אייַנגעוואָרצלט אין לעבן. די גרויסע צאָל אַרבעטער־קרייַזלעך האָבן שוין ניט געטראָגן קיין דערווייַליקן כאַראַקטער. אַ שטרייַקכוואַליע האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבער ווילנע און אַנדערע שטעט, און די טענדענץ זיך אַרויסצורייַסן פון דער אייגענער סבֿיבֿה און זיך לאָזן אויף אַ ווייַטן וועג צו די ברייטע רוסישע אַרבעטער־מאַסן איז געוואָרן אַלץ שוואַכער און איז אין גיכן כמעט אין גאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן. די אָריענטאַציע איז געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, אַ „ייִדישע": גייִן מיט אַ גרעסערן אימפעט אין די ייִדישע מאַסן, זען זיי אויפהייבן קולטורעל, גייַסטיק, מאָראַליש, פּאָליטיש, אָרגאַניזירן זיי און פירן אין קאַמף.

מיט אַרקאַדין איז אָט די דאָזיקע טראַנספאָרמאַציע פאָר־געקומען אפשר גיכער ווי מיט אַנדערע. אָבער פאָרט איז די שטרעבונג צו העלפן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויף אַלע מיגלעכע אַנדערע אופנים קיין מאָל ניט פאַרשוווּנדן געוואָרן — ניט בייַ אַרקאַדין און ניט בייַ אַלע זייַנע חבֿרים. דאָס איז געווען מער ווי אַ ווונטש אָדער שטרעבונג — דאָס איז געווען אַ לעבנס־פראַגע, אַ פרינציפּ. דער צוזאַמענבונד מיט די רוסישע אַרבעטערס, דער געפיל פון סאָלידאַרישקייט מיט זיי איז געשטאַנען אויפן ערשטן אָרט. אַפילו דעמאָלט, ווען די ייִדישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז שוין געווען שטאַרק און די רוסישע באַוועגונג נאָך צעשטויבט, צעריסן, שוואַך און אָנמעכטיק, — אַפילו דעמאָלט איז קיינער פון אונדז ניט געווען מסופּק אויף אַ מינוט אין איר אומפאַרמייַדלעכן וווּקס, אין אירע אימאַנענטע כּוחות,

אין איר פעיִקייט ענדלעך צו געפינען דעם ריכטיקן וועג און אַרויסגיין אויף דער אַרענע פון רוסישן פּאָליטישן לעבן; און אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער גורל פון די ייִדישע מאַסן איז ענג פאַרבונדן מיטן גורל פון די רוסישע אַרבעטערס.

פאַר אַרקאַדין איז דאָס געווען אַן „אידיי פיקס". זײַן פאַרדינסט איז עס געווען, בכל־אופן אין אָנהייב, די פילזײַטיקע און סיסטעמאַטישע הילף וואָס די גרופּע אין ווילנע האָט געגעבן די רוסישע אָרגאַניזאַציעס: אַ ביסל אומלעגאַלע ליטעראַטור דאָ, אַ ביסל דאָרטן; אַ העקטאָגראַף פאַר פּעטערבורג, פּאַפּיר פאַר קיִעוו; די קאָנטרעבאַנדע פון רוסישער ליטעראַטור פון אויס־לאַנד, דער „טראַנספּאָרט" אַוועקגעשטעלט אויף אַ סאָלידן יסוד. שפּעטער אַ ביסל איז דאָס געוואָרן אַ קאָמפּליצירטע און פאַר־צווײַגטע אַרבעט, אין וועלכער עס האָבן שוין אָנטייל גענומען אַ סך מענטשן, אָבער אין אַרקאַדיס הענט איז פאַרבליבן איר גאַנצער מעכאַניזם. די איניציאַטיוו פון ערשטן צוזאַמענפאָר פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס (1898), אויף וועלכן עס איז געגרינדעט געוואָרן „די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי", האָט, ווי באַוווסט, געהערט צו אים, און אַרקאַדין האָט מען אויסגעקליבן פאַר אַ מיטגליד אין ערשטן צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. דער מאַני־פעסט פון דער פּאַרטיי, הגם אָנגעשריבן פון סטרוווע, איז צוויי מאָל געוואָרן קאָרעגירט פון אַרקאַדין און וו. קאָסאָווסקין און אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער דרוקערײַ פון „בונד" אין באָברויסק.

עס איז ווייניק באַקאַנט דער פאַקט, אַז אַפילו אויפן פעלד פון אַרויסגעבן פּאָפּולערע רוסישע בראָשורן פאַר מאַסן־אַגיטאַציע צווישן אַרבעטערס האָט אַרקאַדי געמאַכט דעם ערשטן פּרווו. אין יענער צײַט האָט דער יונגער דור רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, זוכנדיק אַ מאַסן־באַזע פאַר זײַן טעטיקייט, אָנגעהויבן נאָכצומאַכן דעם ווילנער בײַשפּיל: דורך שמאָלע עקאָנאָ־מישע פאָדערונגען און אַ קאַמף פאַר זייער פאַרווירקלעכונג צוציִען ברייטע אַרבעטער־שיכטן און ביסלעכווײַז דערהייבן זיי צו פאַרשטיין פּאָליטישע פאָדערונגען און די נייטיקייט צו

פירן אַ פּאָליטישן קאַמף. אַרקאַדיס בראָשור „וועגן אַגיטאַציע" האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אָנצונעמען אָט די טאַקטיק. די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ליטעראַטור איז דעמאָלט באַשטאַנען נאָר פון די אויסגאַבעס פון דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדיעניע טרודאַ" („באַפרײַונג פון אַרבעט"). זיי זײַנען אָבער געווען מער צוגעפּאַסט צו די גײַסטיקע באַדערפענישן פון דער אינטעליגענץ און פון אַ קלײנעם שיכט אַרבעטערס־אַגיטאַטאָרן און זײַנען געווען אומפאַרשטענדלעך פאַר ברייטע אַרבעטער־שיכטן. איז די נויט אין פּאָפּולערער מאַסן־ליטעראַטור געווען דעריבער אומגעהײַער גרויס און אַקטועל. און אַרקאַדי איז געווען איינער פון די ערשטע צו העלפן שאַפן אַזאַ ליטעראַטור. דרײַ קליינע בראָשורן: „דער אַרבעטסטאָג", „די אַרבעטער־רעוואָלוציע" און „וואָס יעדער אַרבעטער דאַרף וויסן און געדענקען" זײַנען צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק. אָבער ניט אַזוי גיך האָבן זיי דערזען די ליכטיקע שײַן... זיי זײַנען אַוועקגעשיקט געוואָרן צו פּלעכאַנאָוון, און ער האָט ניט געוואָלט הערן אַפילו וועגן געבן זײַן הסכּמה זיי אָפּצודרוקן: ווי ער האָט דערקלערט, איז ניט די אויפגאַבע פון זײַן „גרופּע" אַרויסצוגעבן אַזאַ מין ליטעראַטור, און חוץ דעם האָט ער געפונען אין די בראָשורן באַצילן פון „עקאָנאָמיזם" – פון דער טעאָריע וואָס ער האָט אַזוי באַקעמפט – וועגן אַנטוויקלען דעם קלאַסן־באַוווסטזײַן בהדרגה, אין דאָזעס, תּחילת גאַנץ קליינע און שפּעטער אַלץ גרעסערע און גרעסערע...

דאָס, און אויך די פאַרשלעפעניש מיטן אָפּדרוקן די בראָשור „וועגן אַגיטאַציע", האָט באַוויגן אַרקאַדין צו פאָרן קיין אויסלאַנד זיך זען מיט פּלעכאַנאָוון. אַזוי ווי איך האָב אויך געהאַט געוויסע פּרעטענזיעס צו פּלעכאַנאָוון (ער האָט אָפּגעדרוקט אין אַ רוסישער אָדער פּוילישער צײַטונג אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט – ניט אין גאַנץ קלאָרע ווערטער – פאַר דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון די פּפּ"ס, און די פּפּ"ס האָט דאָס אויסגענוצט אין קאַמף קעגן אונדז אין וואַרשע), האָבן מיר ביידע צוזאַמען אים באַזוכט זומער 1896 אינעם שווייצער קוראָרט בעאַטענבערג, ווו ער האָט זיך געהיילט פון אַ לונגענקרענק.

אין דעם שמועס מיט פלעכאנאָוון האָט אויך אָנטייל גענומען דער דעמאָלטיקער מאַרקסיסט און שפּעטערדיקער מיניסטער אין קערענסקיס רעגירונג פּראָקאָפּאָוויטש. קיין רייד, קיין טענות האָבן ניט געהאָלפן. פלעכאַנאָוו איז געבליבן שטייף ביי דעם באַשלוס, אַז זיין „גרופּע" קען אַזעלכע בראָשורן ניט אַרויסגעבן. די בראָשור „וועגן אַגיטאַציע" האָט די גרופּע יאָ אין גיכן אַרויסגעגעבן, מיט אַקסעלראָדס אַ קריטישער הקדמה (1896). די דריי בראָשורלעך אָבער האָט אַרקאַדי געמוזט אָפּדרוקן אונטער אַן אויסגעטראַכטער פירמע. זיי זיינען אַרויס אין אויסלאַנד אין 1896. איך האָב פאַר דעם ציל געקראָגן 100 רובל פון מיינע פערזענלעכע פריינד, דאָס איבעריקע נייטיקע געלט האָט געקראָגן אַרקאַדי.

דער בונד איז ניט געווען קיין סורפּריז

דער צוזאַמענפאָר פון די ייִדישע סאָציאַליסטן אין ווילנע, דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד", איז ניט געווען קיין סורפּריז. די באַדינגונגען פאַר אַזאַ פּאַרטיי האָבן שוין עקסיס־טירט, און אַלץ וואָס מען האָט באַדאַרפט איז געווען איר צו געבן אַ פאָרם און אַריינבלאָזן אין איר אַ נשמה.

ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס און זייערע טוערס האָבן שוין געהאַט הינטער זיך צען יאָר טעטיקייט. זיי האָבן שוין געהאַט אין זיך פאַרקערפּערט די בעסטע טראַדיציעס פון סאָציאַליזם.

זיי זיינען ניט געווען פון די פאַנטאַזיאָרן וועלכע האָבן געבויט לופטשלעסער, נאָר איבערגעגעבענע טוערס דורכגעדרונגען מיט אמתן רעאַליזם, מיט פּראַקטישן פאַרשטאַנד און מיט אַ פעסטן ווילן דורכצופירן די אַחריותדיקע אַרבעט וועלכע זיי האָבן אויף זיך גענומען.

די דעמאָלטיקע באַוועגונג איז שוין געווען אַ מאַסן־באַווע־גונג, אַן אמתע פאָלקס־באַוועגונג.

נאָך אין דער ערשטער העלפט נײַנציקער יאָרן פון פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט האָבן אין אַלע ייִדישע שטעט און שטעט־

לעך פון ליטע און פון פוילן עקסיסטירט אַרבעטער־קרייזלעך, אַרבעטער־גרופּעס און אַרבעטערישע פאַך־אָרגאַניזאַציעס.

דריי יאָר ביז דער גרינדונג פון „בונד", אין 1894, האָט ווילנע שוין געהאַט 23 אָרגאַניזירטע פאַכן. עס זיינען געווען אָרגאַניזירט די שניידערס און די שניידערינס; די שוסטערס און די קאַמאַשן־שטעפּערס; די זאָקן־אַרבעטערינס און די זעמ־שערקעס (הענטשקע־מאַכערקעס); די גאָלדשמידן און די יוּווע־לירערס; די פּריקאַזטשיקעס און די פּריקאַזטשיצעס; די גאַרבערס און די בערשטערס; די שלאָסערס און די טאָקערס; די איינ־בינדערס און די דרוקערס; די בעקערס און די פאָרמאַנעס; די קצבים און די אַרבעטערס אויף דער קאָנווערטן־פאַבריק און אין ביידע פּאַפּיראָסן־ און טאַבאַק־פאַבריקן.

דאָס זעלבע איז געווען אומעטום, אין אַלע אַנדערע יידישע שטעט. אַן אונטערשייד איז בלויז געווען, וואָס אין יעדער שטאָט זיינען צוגעקומען ספּעציעלע לאָקאַלע פאַכן.

אַזוי למשל זיינען אין וואַרשע צוגעקומען די פאַכן פון קינסטלעכע בלומען־אַרבעטערס, פון פודל־מאַכערס (אַרבעטערס פון פּאַפּירענע קעסטלעך), ביטל־מאַכערס און די אַרבעטערס אויף די פאַבריקן פון אַראָנאָוויטש, פון פיינשטיין, פון פּאָליאַקעוויטש און אַזוי ווייטער.

די בערשטערס, די קעמפערישע און גוט דיסציפּלינירטע בערשטער־אַרבעטערס וועלכע זיינען געווען פונאַנדערגעוואָרפן איבער גאַנץ ליטע און טיילווייז אויך איבער פוילן, זיינען געווען אָרגאַניזירט אַרום זיבעציק פּראָצענט.

אויך די גאַרבערס זיינען געווען גרויס אין צאָל און גוט אָרגאַניזירט אין די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, ווו עס האָבן זיך געפונען גאַרבערייען.

אין אויגוסט 1895, ווען פרידריך ענגעלס איז געשטאָרבן, האָבן טויזנט יידישע אַרבעטערס פון ווילנע אַוועקגעשיקט אַ טרויערבריוו צו דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַר־טיי. די יידישע אַרבעטערס האָבן אויסגעדריקט זייער צער איבער ענגעלסעס טויט, זייער סאָלידאַריטעט מיט דער דעמאָל־

טיקער דײַטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און צוגעזאָגט צו קעמפן זײַט בײַ זײַט מיט די דײַטשע פּראָגרעסיווע אַרבעטערס.

אין אָנהייב 1897, ערב דער גרינדונג פון „בונד", האָט ווילנע שוין געציילט אַרום פופצן הונדערט מיטגלידער אין איר אָרגאַניזאַציע. מינסק האָט געציילט אַרום טויזנט, ביאַליסטאָק אַריבער טויזנט.

אין יאָר 1896 האָט די דעלעגאַציע צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן רעפּרעזענטירט דרײַ טויזנט ייִדישע אַרבעטערס פון ווילנע, וואַרשע, מינסק און סמאַרגאָן.

די אַלע אויסגערעכנטע אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט געפירט קיין אָפּגעזונדערט לעבן. זיי זײַנען צווישן זיך געווען ענג פאַרבונדן.

און ווילנע האָט געשפּילט די ראָלע פון אַן אמתן צענטער. ווילנע האָט ניט נאָר טעכניש צוזאַמענגעהאַלטן אַלע אָרגאַניזאַציעס, נאָר זי האָט זיי אויך געגעבן דעם גײַסטיקן און פּאָליטישן טאָן.

אַ גרויסע צאָל פירערס פון די אָרגאַניזאַציעס אין די אַנדערע שטעט זײַנען דורכגעגאַנגען די „ווילנער שול" פון פּראַקטישער אַרבעטער־פּאָליטיק און פון סאָציאַליזם.

אַ סך לערערס וואָס האָבן געענדיקט דעם ווילנער ייִדישן לערער־אינסטיטוט און געקראָגן אין ווילנע זייער סאָציאַליסטישע דערציִונג פלעגן ניט איבעררײַסן זייערע פאַרבינדונגען נאָך דעם ווי זיי פלעגן אַוועקגעשיקט ווערן אויף זייערע לערערשע שטעלעס.

זיי פלעגן אָנגיין מיט זייער סאָציאַליסטישער טעטיקייט אין די ערטער, וווהין זיי זײַנען געשיקט געוואָרן, און האָבן, לויט אינסטרוקציעס פון ווילנע, אָנגעפירט אויף די ערטער זייער סאָציאַליסטישע אַרבעט.

ווילנע האָט אין אַלגעמיין זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו גרינדן אירע אייגענע „קאָלאָניעס" פון קלאַסן־באַוווסטזיניקע ייִדישע אַרבעטערס אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך

און אַפּילו גאָר אין די ווײַטע געגנטן. ווען אין ווילנע איז געוואָרן אַן עודף סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ און קלאַסן־באַוווסטזיניקע אַרבעטער־פּירערס און טוערס, האָט זי דעם עודף אָנגעהויבן פונאַנדערצושיקן אין אַנדערע שטעט, ווו מען האָט זיך גענייטיקט אין אַזעלכע טוערס און ווו מען פלעגט דאַרפן אָנהייבן אַ סאָציאַליסטישע פּיאָנירן־אַרבעט.

אַזוי למשל האָט ווילנע אין די יאָרן 1894 – 1896 געשיקט קיין ביאַליסטאָק פריִער באַנעוורן, זאַלקינדן און אַבֿרהם באַסקינען, און שפּעטער דעם לערער גאָזשאַנסקי („לנו"), ליובע לעווינסאָן, נ. ליפשיץ און די נייטאָרין שיינע־רייזל סעגאַל.

קיין מינסק איז געשיקט געוואָרן דער „וואָלנאָאָפּרעדע־ליאַיושטשיסיאַ" (פריַוויליקער סאָלדאַט וועלכער האָט געהאַט געענדיקט צום ווייניקסטן 4 קלאַסן גימנאַזיע) פּאַוועל בערמאַן. אין אָדעס איז צו ערשט געשיקט געוואָרן צמח קאָפּעלזאָן און שפּעטער איַינשטאַט.

קיַין וואַרשע איז געשיקט געוואָרן די זעמשערקע צבֿיה גורוויטש, דזשאָן מיל (דער שרײַבער פון אָט די זכרונות), ל. גאָלדמאַן (אַ ברודער פון דעם שפּעטער זייער אָנגעזעענעם בונדיסטישן פּירער מאַרק ליבער), און אויך די נייטאָרינס מ. זאַלוצקי און מערעלע גינזבורג.

ווילנע האָט אויך געהאָלפן די אָרגאַניזאַציעס אין אַלע אַנדערע פּרטים: זי האָט זיי צוגעשטעלט אומלעגאַלע ליטעראַ־טור, זי האָט געדרוקט און העקטאָגראַפירט פאַר זיי אויפרופן און פראָקלאַמאַציעס און האָט זיי אָפט אויך געהאָלפן פינאַנציעל.

נו, איז דען אַ וווּנדער, וואָס די פעדעם פון אַלע אָרגאַ־ניזאַציעס האָבן זיך געצויגן צו ווילנע?

ווי מיר זעען הייסט עס, זײַנען אַלע נייטיקע הכנות צו בויען אַן אמתע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי – אַ פּאַרטיי ניט אויף זאַמד און ניט צונויפגעשטעלט ווי אַ לופטשלאָס – שוין געווען געמאַכט פון לאַנג.

דער באָדן איז געווען גוט באַאַרבעט, די פאָרם פון דער פּאַרטיי איז געווען קלאָר אָנגעצייכנט. מען האָט בלויז געדאַרפט

אין גאַנצן זײַנען געווען 4–3 זיצונגען. געווען באַריכטן פֿון די ערטער, אַ רעפֿעראַט וועגן דער נייטיקייט פֿון בונד. קיין פֿראַגן פֿון פּראָגראַם און טאַקטיק זײַנען ניט באַהאַנדלט געוואָרן. אַ דיסקוסיע איז אַרויסגעקומען צוליב דעם נאָמען. דזשאָן האָט פֿאָרגעלייגט אָנרופֿן די נײַ געגרינדעטע אָרגאַניזאַציע: „ייִדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע". דאָס איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן. מען האָט געפֿונען, אַז אַזאַ נאָמען וואָלט ניט אָפּשפּיגלען די אָרגאַניזאַציעס וואָס זײַנען באַשטאַנען פֿון נאָך האַלב רויע אַרבעטער וואָס האָבן אָפּט קיין באַגריף ניט געהאַט, וואָס איז אַזוינס סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. די גרעסטע ראָלע אין דער באַוועגונג האָבן דאָך דעמאָלט געשפּילט די עקאָנאָמישע קאַסעס. האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן נאָמען „אַלגעמיינער ייִדישער אַרבעטער-בונד".

גערעדט האָט מען רוסיש. ייִדיש האָבן גערעדט, דוכט זיך, נאָר ליזע פֿון קאָוונע און אַבֿרהם דער בערשטער. קיינע פֿאָרמולירטע רעזאָלוציעס זײַנען ניט אָנגענומען געוואָרן. מען האָט באַשלאָסן, די „אַרבעטער-שטימע" זאָל ווערן דער אָפֿיציעלער אָרגאַן פֿון בונד. מען האָט אויסגעוויילט אַ צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דרײַ: וול. קאָסאָווסקי, גליעב (מוטניק) און איך. אין יענעם מאָמענט האָבן מיר ניט פֿאָרויסגעזען, וואָס פֿאַר אַ גרויסע ראָלע ס'וועט שפּילן די אָרגאַניזאַציע וועלכע מיר האָבן געגרינדעט. די צוזאַמענטרעף איז געווען פֿאַרהילט אין נעפּל.

גלײַך נאָכן צוזאַמענפֿאָר בין איך געפֿאָרן קיין מינסק, בריסק און האָמלע. אין די לעצטע צוויי שטעט האָב איך אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן צוזאַמענפֿאָר. די בריסקער אָרגאַניזאַציע איז גלײַך צוגעשטאַנען צום בונד. אין האָמלע איז די זאַך צוגעגאַנגען שווערער. דאָרט האָט מען געטענהט, אַז מע דאַרף בכלל ניט קיין באַזונדערע אָרגאַניזאַציע. דער שאַרפֿסטער קעגנער פֿון אַ ייִדישן אַרבעטער-בונד איז געווען נתן געזענצוויי (שפּעטער אַן ס"ר). דאָך איז האָמלע אויך צוגעשטאַנען צום בונד. איך האָב דאָרטן געטראָפֿן אַ פּאָר האַלבע אינטעליגענטן פֿון קאַטערינאָסלאַוו און ניקאָלאַיעוו. האָבן זיי צוגעזאָגט

רין), אַבראַמאָוו (אַ שלאָסער), ישראל-מיכל קאַפּלינסקי (אַ שלאָ-סער).[1]

אַ בוידעמשטיבעלע פֿון אַ קליין הײַזקעלע אין ווילנע, אויף דער טורמעגאַס. די הײַזקע געפֿינט זיך ווײַט פֿון צענטער שטאָט, נאָענט לעבן טײַך, אויף דער פֿאָרשטאָט לוקישקעס.

דער צימער איז דווקא נישקשהדיק גרויס, אָבער כמעט פּוסט, כמעט אין גאַנצן אָן מעבל.

בלויז אַ בעט אין איין ווינקל פֿון צימער; אַ קאַסטן אין אַ צווייטן; אַ גרויסער טיש אין מיטן, און אַ פּאָר שטולן אַרום טיש. אויף דער פֿאָדערשטער וואַנט אַן אַלט, אָפּגעריבן בילד פֿון קאַרל מאַרקסן.

ניטאָ קיין אָרט פֿאַר אַלעמען זיך געראַם אַוועקצוזעצן. מען זיצט אויפֿן קאַסטן, אויף דער בעט; מען טוליעט זיך צו, ווו מען קען נאָר און ווי מען קען נאָר.

דאָס צימערל באַלאַנגט צו יעקבֿ ראָזענטאַל, אַן אָנגעשטעל-טער אין סעגאַלס גרויסן אַפּטייק-געשעפֿט. יעקבֿ ראָזענטאַל איז אָבער אין צימער ניטאָ. דרײַ טעג ווי ער פֿאַרברענגט ערגעץ און קומט אין זײַן צימערל בלויז שפּעט בײַ נאַכט איבערצושלאָפֿן.

אין אָט דעם צימער, אין דעם בוידעמשטיבעלע, איז עס געבוירן געוואָרן דער „בונד". אָט דאָ איז עס געשאַפֿן געוואָרן די פּאָליטישע פּאַרטיי פֿון די ייִדישע אַרבעטערס פֿון רוסלאַנד און פֿון פּוילן, וועלכע האָט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פֿון די ייִדישע אַרבעטערס איבער דער גאַנצער וועלט.

דרײַ טעג האָט אָנגעהאַלטן דער גרינדונגס-צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד". ער האָט זיך אָנגעהויבן דעם 8ן אָקטאָבער אין דער פֿרי און זיך געענדיקט דעם 10טן אָקטאָבער שפּעט בײַ נאַכט.

---

[1] ארקאַדי קרעמער האָט אין זײַנע זכרונות אויך דערמאָנט די אַרבעטערקע ליזע (פֿון קאָוונע) און דעם בערשטער אַבֿרהם אַלעקסאַנדריסקי ווי דעלעגאַטן צום גרינדונגס-צוזאַמענפֿאָר. איך געדענק עס אָבער ניט. איך בין זיכער בײַ זיך, אַז איך האָב זיי בײַ דעם צוזאַמענפֿאָר ניט געזען. אַרקאַדי האָט דאָ געהאַט אַ טעות.

דעם 8ן אָקטאָבער, ווי ס'איז נאָר טאָג געוואָרן, האָבן די פאָרשטייערס פון די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון 6 שטעט זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקומען אין דעם בוידעם־שטיבעלע אויף לוקישקעס.

די שטעט וועלכע האָבן געשיקט פאָרשטייערס צום גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען: ווילנע, וואַרשע, ביאַליסטאָק, מינסק, וויטעבסק און קאָוונע.

נאָך עטלעכע שטעט האָבן געוואָלט זיין פאַרטראָטן און האָבן געהאַט אַ רעכט צו זיין פאַרטראָטן ביי דעם צוזאַמענפאָר. דאָס זיינען געווען: בריסק, גראָדנע, דענעבאָרג, סמאַרגאָן און נאָך עטלעכע שטעט אין וויטערע געגנטן. שווערע פאָליציייִשע באַדינגונגען האָבן אָבער געבראַכט דערצו, אַז די דאָזיקע שטעט זאָלן ניט קענען האָבן קיין פאָרשטייערס אויף דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד".

אין ווילנע גופא איז אויך ניט אַלץ געווען רויק און צופרידן־שטעלנדיק פאַר אַ געהיימען צוזאַמענפאָר: נאָר וואָס זיינען פאָרגעקומען מאַסן־אַרעסטן. אָבער עס איז געווען נאָך אַ גרע־סערע סכנה אָפּצולייגן דעם צוזאַמענפאָר.

האָט מען אים געמוזט אָפּהאַלטן אין דער באַשטימטער צייט. האָבן דעריבער אַלע אָנטייל־נעמערס געמוזט זיין אויסער־געוויינטלעך אָפּגעהיט, און זיי זיינען עס טאַקע געווען.

אַרקאַדיס פּראָגראַם־רעדע

די פאַרהאַנדלונגען פון צוזאַמענפאָר האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אַרקאַדי קרעמערס אַ פּראָגראַם־רעדע.

אַרקאַדי איז ניט געווען קיין רעדנער, אָבער דאָס וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן האָט ער געזאָגט קלאָר, אין קורצע ווערטער, זאַכלעך, פּינקטלעך: אָן שיינע פראַזעס און אָן פלי־טערלעך.

ער האָט באַלד ביים עפענען געגעבן צו פאַרשטיין די אומשטאַנדן וואָס האָבן געצוווּנגען צונויפצורופן דעם צוזאַמענפאָר,

ניט אָפּוואַרטנדיק ביז די צײַט וועט ווערן רײַקער און די צאָל פּאַרשטייערס פון שטעט וועט קענען פאַרגרעסערט ווערן. עס איז אַ פּראַקטיש אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּאָליטישע נויטווענדי־קייט, האָט אַרקאַדי צוו"אַנד געזאָגט: עס איז אַ מוז, דיקטירט דורך דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג צווישן די ייִדישע מאַסן, תּיכּף צו באַשאַפן אונדזער אָרגאַניזאַציע.

וועגן די צילן פון דער אָרגאַניזאַציע האָט ער געזאָגט:

אַ פּאַראייניקטער בונד פון אַלע ייִדישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס וועט האָבן פאַר זײַן ציל ניט נאָר דעם קאַמף פאַר אַלגעמיין רוסלענדער פּאָליטישע פאָדערונגען, נאָר ער וועט אויך האָבן אַ ספּעציעלע אויפגאַבע, און דאָס וועט זײַן: צו פאַרטיידיקן די ספּעציעלע אינטערעסן פון די ייִדישע אַרבעטערס און אָנפירן די קאַמפן פאַר דעם ייִדישן אַרבעטערס בירגערלעכע רעכט און דער עיקר אָנצופירן דעם קאַמף קעגן די אַנטי־ייִדישע אויסנאַם־געזעצן. און דאָס איז דערפאַר, ווײַל די ייִדישע אַר־בעטערס לײַדן ניט נאָר ווי אַרבעטערס, נאָר אויך ווי ייִדן. מען טאָר ניט און מען קען ניט בלײַבן גלײַכגילטיק אין אַזאַ צײַט, בפרט נאָך, אַז די גרינדונג פון אַן אַלגעמיין רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז אַ זאַך פון דעם נאָענטן עתיד.

אַרקאַדי קרעמער האָט זיך טאַקע אויף דעם אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

עס איז אין די אינטערעסן פון די ייִדישע אַרבעטערס צו העלפן בויען אַזאַ פּאַרטיי וואָס גיכער און אַרײַנצוגיין אין איר ווי אַ גאַנצהייט, ווי אַ סאָלידע, אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע וועלכע זאָל האָבן דאָס רעכט אָנצונעמען אירע אייגענע באַשלוסן אין ספּעציפישע ייִדישע פראַגעס און אַרויסגעבן איר אייגענע ליטע־ראַטור פאַר די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן.

אין עטלעכע ווערטער האָט אַרקאַדי אויך באַרירט די באַציִונגען פון דער ייִדישער אָרגאַניזאַציע צו אַנדערע סאָציאַ־ליסטישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס סײַ אין רוסלאַנד סײַ אין אויסלאַנד.

מער באַריכות האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פֿאַר־ביטערטן קאַמף וואָס די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּפּ"ס) האָט אָנגעפֿירט קעגן די ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און ספּעציעל קעגן דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פֿון דעם קומע־דיקן „בונד", באַשולדיקנדיק זי און די גאַנצע ייִדישע באַוועגונג אין „רוסיפֿיקאַציע" און אין פֿאַרשפּרייטן שׂינאה צו די פּוילישע סאָציאַליסטן און זייערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

אויך די פּרעסע און ליטעראַטור, ווי אויך די טעטיקייט פֿון די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַלגעמיין, זײַנען אין אַרקאַ־דיס קורצער פּראָגראַם־רעדע ניט פֿאַרגעסן געוואָרן.

וויכּוחים און באַשלוסן

די דעבאַטעס וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין שײַכות מיט אַרקאַדיס רעדע האָבן קיין חילוקי־דעות כּמעט ניט אַרויסגעוויזן. אײַנשטימיק איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפֿן אַ פֿאַראייניקטן בונד פֿון אַלע עקסיסטירנדיקע ייִדישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע.

אויך איז אײַנשטימיק באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער נײַ געגרינדעטער בונד זאָל אַרײַנטרעטן אין דער קומעדיקער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי ווי אַן אויטאָנאָמער טייל, מיטן רעכט אַליין אָנצונעמען באַשלוסן אין אַלע ייִדישע פֿראַגעס.

דער קומעדיקער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד", וועלכער איז באַשטאַנען פֿון אַרקאַדין, גליעבן און וולאַדימירן, איז אײַנ־סטרויִרט געוואָרן איבערצונעמען די געהיימע דרוק וואָס אַ גרופּע אַרבעטערס האָט אַוועקגעשטעלט אין ווילנע און ווו ס'האָט זיך געדרוקט די „אַרבעטער־שטימע" פֿון זינט פֿיר מאָנאַטן צײַט.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט אויך באַשלאָסן צו מאַכן די „אַרבעטער־שטימע" פֿאַר דעם צענטראַלן אָרגאַן פֿון דער נײַ געגרינדעטער פּאַרטיי. אויך איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער זשורנאַל „דער ייִדישער אַרבעטער" וואָס פֿלעגט אַרויסגעגעבן

ווערן אין ווילנע זאָל אויך פּראָקלאַמירט ווערן פֿאַר אַ צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן.

דער נאָמען

איין פֿראַגע אָבער האָט בײַם צוזאַמענפֿאָר פֿאָרט אַרויס־גערופֿן אַ היציקע דעבאַטע. דאָס איז געווען די פֿראַגע וועגן דעם נאָמען פֿון דער נײַער פּאַרטיי. די דיסקוסיע האָט זיך געדרייט אַרום צוויי פֿאָרשלאָגן: אַרום דעם פֿאָרשלאָג פֿון אַרקאַדי קרעמער און פֿון מיר (דזשאָן מיל).

אַרקאַדיס פֿאָרשלאָג איז געווען, אַז דער נאָמען פֿון דער נײַער פּאַרטיי זאָל זײַן „דער אַלגעמײנער ייִדישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד". מײַן פֿאָרשלאָג איז געווען, אַז דער נאָמען זאָל זײַן „די ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד און פּוילן". מײַן פֿאָרשלאָג איז אונטערגעשטיצט געוואָרן פֿון די איבעריקע צוויי דעלעגאַטן פֿון וואַרשע, גאָלדמאַן און זשאָלודסקי.

די קעגנערס פֿון מײַן פֿאָרשלאָג האָבן געטענהט (אויף אַן עכט אָפּאָרטוניסטישן אופֿן, ווי מען וואָלט עס הײַנט אָנגערופֿן), אַז נאָר די אייבערשטע שיכטן פֿון דער באַוועגונג, און ניט די מאַסן־מענטשן, קענען זיך פֿילן ווי אַ טייל פֿון דער ס אָ צ י אַ ל־ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע; און מיר ווילן דאָך, אַז יעדער ייִדישער אַרבעטער זאָל זיך פֿילן ווי בײַ זיך אין דער היים אין דער נײַער פֿאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע. דער נאָמען „אַרבעטער־בונד" וועט זײַן פֿאַרשטענדלעך פֿאַר אַלעמען. דער נאָמען „אַרבעטער־בונד" וועט אַפּעלירן צו די אַרבעטערס, ער וועט האָבן אַן אומגעהײַער גרויסע צוציקראַפֿט.

אונדזער צד האָט מודה געווען, אַז די אַרגומענטן זײַנען אפֿשר וויכטיק פֿאַר די אָפּגעשטאַנענע קליינע שטעטלעך, אָבער ניט פֿאַר אַזעלכע שטעט ווי וואַרשע, ביאַליסטאָק און ווילנע, ווו דער פּאָליטישער מאַסנקאַמף ווערט אַלץ שטאַרקער און ווערט אַלץ מער און מער אַ טאָג־טעגלעכע דערשײַנונג.

אַרקאַדיס פֿאָרשלאָג איז פֿון דעסט וועגן אָנגענומען געוואָרן מיט אַלע שטימען קעגן די דרײַ שטימען פֿון דער

וואַרשעווער דעלעגאַציע. מען האָט אָבער אָנגענומען איין אויסבעסערונג מײַנע, און דאָס איז געווען, אַז נאָך דעם וואָרט „רוסלאַנד" זאָל מען צוגעבן אויך די ווערטער „און פּוילן". אויף אַזאַ אופֿן איז דער נאָמען פֿון דער נײַער פּאַרטיי געוואָרן: „דער אַלגעמיינער ייִדישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן".[1]

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז ניט געקוקט אויף דער גאַנצער אַרגומענטאַציע פֿון אַרקאַדין און זײַנע אָנהענגערס, ניט געקוקט אויף דעם באַשלוס וואָס איז אָנגענומען געוואָרן, ווי אַזוי אָפֿיציעל אָנצורופֿן דעם „בונד", האָט דער צוזאַמענפֿאָר פֿאָרט געפֿונען פֿאַר נייטיק צוצוגעבן, אַז אויף אַלע לאָקאַלע אויפֿרופֿן זאָל, אַחוץ דעם קעפּל „אַלגעמיינער ייִדישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן", זיך אויך געפֿינען דער נאָמען פֿון אָרטיקן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאָמיטעט. די אויפֿרופֿן זאָלן זיך לייענען אַן ערך אַזוי: „אַלגעמיינער ייִדישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן", און אין דער צווייטער שורה: „מינסקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָמיטעט", אָדער „ווילנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָמיטעט", און אַזוי ווײַטער.

דאָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ קאָנצעסיע פֿון צוזאַמענפֿאָר צו מיר און צו די איבעריקע צוויי פֿאָרשטייערס פֿון דער מינאָריטעט, און מיר זײַנען אַלע געווען צופֿרידן.

דער אָפּקלאַנג

צופֿרידן און גליקלעך האָט זיך יעדער איינציקער געפֿילט מיט דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט. מיגלעך, אַז ניט אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט די היסטאָרישע וויכטיקייט פֿון דעם טריט וואָס איז געמאַכט געוואָרן. אפֿשר האָבן ניט אַלע פֿאָרויס־

[1] עס האָט גענומען עטלעכע יאָר, ביז דער „בונד" האָט — אויפֿן פֿערטן צוזאַמענפֿאָר, אַפּריל 1901 — באַשלאָסן צו פֿאַרגרעסערן דעם נאָמען און צוגעבן דאָס וואָרט „ליטע", און אַזוי אַרום איז געוואָרן דער אָפֿיציעלער נאָמען: „דער אַלגעמיינער ייִדישער אַרבעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד".

געזען די טיף גייענדיקע רעזולטאַטן פון די אָנגענומענע באַשלוסן. אָבער יעדערער האָט געפילט, אַז עפּעס גרויס איז אויפגעטאָן געוואָרן און יעדערער איז געגאַנגען צו דער ווײַטער־דיקער שווערער אַרבעט מיט אַ שטאָלצן, זיכערן טראָט, מיט אַ פעסטן באַוווסטזײַן.

אַלע זײַנען געווען איבערגעצײַגט, אַז זיי וועלן איצט זײַן בכוח אָפּצושלאָגן אַלע פֿײַנדלעכע אַטאַקן. אַלע זײַנען געווען זיכער, אַז די אייגהייטלעכקייט און געשלאָסנקייט פון דער באַוועגונג וועט האָבן אַ גוואַלדיקע ווירקונג אויף די פרײַנד פון דער אָרגאַניזאַציע און נאָך מער אויף די שונאים פון די ייִדישע אַרבעטערס.

דאָס נײַס וועגן דער גרינדונג פון „בונד" האָט אומעטום אַרויסגערופן אַן אויסערגעוויינטלעכע באַגײַסטערונג. מאָנאַטן און מאָנאַטן נאָך דעם האָט מען אין די ייִדישע אַרבעטער־קרײַזן ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דעם נײַ געגרינדעטן „בונד" און מען האָט ניט אויפגעהערט צו דיסקוטירן די פראַגעס וועלכע זײַנען פאַרהאַנדלט געוואָרן בײַם ערשטן צוזאַמענפאָר.

אַ ר ק אַ ד י

יענע דרײַ היסטאָרישע טעג וועלן אויף אייביק בלײַבן אײַנגעקריצט אין זכרון פון די ייִדישע אַרבעטערס, פון דער גאַנצער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט. אַפילו מענטשן וועלכע באַציִען זיך און האָבן זיך באַצויגן ביז אַ געוויסן גראַד קריטיש צו אַנדערע זײַטן פון דעם בונדס טעטיקייט מוזן קוקן מיט אַ הויכן רעספּעקט און מיט וואַרעמע געפילן אויף יענע אומפאַרגעסלעכע טעג, ווען דער „בונד" איז געגרינדעט געוואָרן אין דעם בוידעמשטיבל אויף לוקישקעס אין ווילנע, דעם 8טן, 9טן און 10טן אָקטאָבער 1897. און ווען מען טראַכט וועגן די סיבות וואָס האָבן געבראַכט צום לעבן די אָרגאַניזאַציע פון די ייִדישע פראָלעטאַריעס, פון די אונטערגעדריקטסטע צווישן די אונטערגעדריקטע, וועט מען אויך אָפּגעבן דעם פאַרדינטן כבוד די וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט.

אַרקאַדי קרעמער איז איינע פון די שענסטע פיגורן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אַמאָליקן רוסלאַנד, פוילן און ליטע. אַ דאַנק זײַן באַשיידנקייט, זײַן אָרגאַנישער שינאה ניט נאָר צו שרײַענדיקער רעקלאַמע, נאָר צו „פובליסיטי" בכלל, און טיילווײַז אפשר אַ דאַנק דער שטרענגער קאָנספּיראַציע וואָס האָט געהערשט אין דער פּיאָנירן־צײַט אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז אַרקאַדיס נאָמען דעמאָלט ניט געווען אַזוי ברייט באַוווּסט ווי ער האָט דאָס פאַרדינט. אָבער מיר אַלטע טוערס ווייסן זייער גוט, אַז עס איז געווען בײַ אונדז נאָר איין אַרקאַדי קרעמער.

דער סודותדיקער לאַמטערן-סלופּ

פֿון

אַ. מוטניק

דער „נאָענטער באַקאַנטער", וואָס ווענן אים האָט אַ. מוטניק (אונטערן פּסעוודאָנים ג—ב=גליעב) דערציילט 1907 אין יובל-נומער (נומ' 14) פֿון דער ווילנער „האָפֿנונג", איז געווען אַ. קרעמער.

א מעשה פֿון אַלטע צײַטן...

אין ווילנע אויף די באַסאַקעס, עטלעכע טריט פֿונעם געסל וואָס גייט אויף רודניצקער גאַס, שטייט אַ פּאָליציי-בײַדל. מיט אַ יאָר עלף צוריק איז אויף דעם זעלביקן אָרט געשטאַנען אַ לאַמ-טערן.

אין די ערשטע טעג כמעט פֿון יעדער חודש, איבער הויפּט ווינטערצײַט, אַרום האַלבן טאָג, פֿלעגט אַלע טאָג מיט גרויס אָפּגעהיטקייט פֿאַרבײַגיין פֿאַרבײַ דעם דאָזיקן לאַמטערן מײַנער אַ נאָענטער באַקאַנטער.

בדרך-כּלל האָט דער דאָזיקער לאַמטערן-סלופּ אים גאָר-ניט אינטערעסירט, אָבער אין די טעג פֿלעגט ער זײַן דער אָביעקט פֿון זײַן געשפּאַנטער, אויפֿגערעגטער און פֿאַרבאָרגענער אויפֿמערקזאַמקייט. גאָט זאָל אויסהיטן, אויב ווער פֿון די פֿיל פֿאַרבײַגייערס און הענדלערס אויף די באַסאַקעס וואָלט דאָס באַמערקט.

וויפֿל מאָל פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַז פֿאַרבײַגייענדיק פֿאַרבײַ דעם סודותדיקן לאַמטערן פֿלעגט מײַן באַקאַנטער אומקערן זיך

אַנטוישט, מיט פאַרדראָס און אַפילו מיט כעס. און וויפל סבֿרות פלעגט ער אויסקלערן וועגן זיינע אומזיסטע האָפענונגען: וויפל אומרויִקע שעהען האָט ער פאַרבראַכט מחמת דעם, וואָס דער לאַמטערן־סלופּ האָט אים ניט געגעבן דאָס, אויף וואָס ער האָט זיך אַזוי אומגעדולדיק געריכט.

ציטנוויַיז – און דאָס פלעגט זיַין עפטער – פלעגט ער קומען אַהיים מיט אַ רויִקן אויסזען. דאָס איז אָבער געווען נאָר פון אויבן אויף, אין דער אמתן האָט ער זיך מיט דער גרעסטער אויפרעגונג געריכט אויף מאָרגן, ווען ער פלעגט האַלבן טאָג וויַיטער גיין צום סודותדיקן סלופּ.

וואָס זשע האָט מיַין באַקאַנטער אין דער באַשטימטער ציַיט אַזוי געזוכט אויפן סלופּ? ער האָט געדאַרפט געפינען אויף אים – שטעלט זיך נאָר פאָר – אַ ש אָנגעשריבן מיט קריַיד...

פלעגט ער דעם ש ניט געפינען, פלעגט ער אָנווערן זיַין גאַנצע רויִקייט און פלעגט פון טאָג צו טאָג וואַנדערן 12 אַ זייגער צום לאַמטערן־סלופּ, ביז וואַנען אַ געהיימע האַנט פלעגט ניט אויסמאָלן אויפן סלופּ דעם דאָזיקן כּישוף־אות.

און ווען דער שין פלעגט זיך צום סוף באַוויַיזן, פלעגט ער ביַי נאַכט דעם זעלביקן טאָג מיט גרויס אָפּגעהיטקייט, אויס־קלײַבנדיק אַ מינוט, ווען אויף די באַסאַקעס איז קיינער ניט געווען, צוגיין צום סלופּ און גוט אָפּריַיבן דעם אות.

אויף מאָרגן, פּונקט האַלבן טאָג, פלעגט ער ווידער גיין צום סלופּ. און איך פלעג שטענדיק אומרויִק וואַרטן, ביז וואַנען ער וועט קומען.

כ'געדענק, איין מאָל האָב איך געוואַרט אויף אים אַ גאַנצע שעה. ענדלעך איז ער געקומען אַן אומעטיקער.

– וואָס? האָב איך געפרעגט כמעט מיט שרעק.

– פאַרפאַלן! אַלע 5 פּוד פאַרפאַלן! ער האָט געראַטעוועט נאָר אַ פינפפונטיק פּעקל!..

ס'איז ביַי מיר איַינגעפאַלן דאָס האַרץ... אַזוי פיל געוואַרט, אַזוי פיל געפלאָגט זיך – און אַזאַ קלאַפּ! וואָס וועלן מיר זאָגן יענע וואָס האָבן אונדז געריסן אויף שטיקער: „גיט אונדז כאָטש

אַ פּאָר פונט! גיט!" מע לאָזט דאָך אונדז ניט לעבן... מיר קענען דאָך די אויגן ניט ווײַזן... מענטשן וואַרטן מיט אַזאַ אומגעדולד אויף די עטלעכע פונט און פלוצלינג – נאָט אײַך – גאָרנישט! ווײַטער וועט מען דאַרפן וואַרטן וואָכן לאַנג און ווײַטער שטילן מיט הוילע צוזאָגן דעם פײַערדיקן דאָרשט פון מענטשן נאָך אַ נײַס! ווײַטער וועלן זיך אומעטיק ציִען די טעג...

אָבער ס'פלעגן זײַן גליקלעכע טעג אויך. עס פלעגט זײַן, אַז דער גורל פלעגט אונדז שענקען הצלחה און די „שטעט" פלעגן באַקומען כאָטש וועלכע ניט איז באַפרידיקונג. די ידיעה וועגן דעם אָנקומען פון „נײַס" פלעגט זיך געשווינד פונאַנדער־טראָגן אין די פאַראינטערעסירטע קרײַזן, און דאָס פלעגט זײַן פאַר זיי אַ גאַנצער יום־טוב. די „נײַס" פלעגט מען באַלד צעכאַפּן, מענטשן פלעגן עפּעס ווי אויפלעבן, און פיל וואָכן פלעגן זיי לעבן מיט יענעם פרישן לעבנסשטראָם וועלכן ס'פלעגן אַרײַנטראָגן צו זיי די טײַערע „נײַס".

אַ מאָל זאָגט מיר מײַן באַקאַנטער: „איך דאַרף אַוועקפאָרן, איר וועט דאַרפן נעמען עפּעס אויף זיך." דאָס האָט ער מיר איבערגעגעבן די עסקים לעבן דעם סודותדיקן לאָמטערן.

אויף מאָרגן האָב איך געדאַרפט גיין אַהין.

איידער איך בין צוגעגאַנגען צום סלופּ, האָב איך זיך גוט אײַנגעקוקט אַרום און אַרום, צי לאָקערט מען ניט ערגעץ אויף מיר. ווען איך האָב זיך איבערגעצײַגט, אַז אַלץ איז גוט, בין איך צוגעגאַנגען צום סלופּ און האָב דאָרט באַגעגנט דעם מענטשן וועלכער האָט אויף מיר געוואַרט. אָט דער מענטש פלעגט דאָס פאַרשאַפן אַזוי פיל פרייד און לייד מײַן באַקאַנטן, און פון הײַנט אָן האָב איך עס געדאַרפט אָנהייבן צו פירן מיט אים געשעפטן.

דאָס איז געווען אַ באַיאָרנטער מענטש אין אַ שמוציקער קאַפּאָטע און אין אַ פאַרשמאָלצענעם היטל, אַן אײַנגעהויקערטער, מיט שאַרפע שטריכן, מיט קליינע אויגן וועלכע האָבן שאַרף געקוקט פון אונטערן שטערן און מיט אַ לאַנגער שפּיציקער באָרד. אויסגעזען האָט ער ווי אַ פשוטער ייִדישער אָרעמער הענדלער.

ער האָט גערעדט ווייניק, קורץ, אָפּגעהאַקט. די שטים און דער שטייגער ריידן האָבן געוויזן, אַז דאָס איז אַ באַשלאָסענער, באַהאַרצטער און שטאַרקער מענטש וועלכער האָט אַרויסגערופֿן צוטרוי צו זיך. אין קורצע ווערטער האָט ער מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער קומט אין שטאָט אָנהייב יעדער חודש, און ווען ער קומט צו פֿאָרן גיט ער צו וויסן וועגן דעם, אָנשרײַבנ־דיק מיט קרײַד אויפֿן סלופּ אַ ש (ער האָט געהייסן שלום).

אין אָוונט פֿון דעם זעלביקן טאָג דאַרף מען דעם ש אָפּ־רײַבן. דאָס וועט זײַן אַ סימן, אַז מען האָט די ידיעה וועגן זײַן אָנקומען אָפּגענומען. דערנאָך דאַרף מען אויף מאָרגן 12 אַ זייגער קומען צום סלופּ נאָך דער „באַשטעלונג", אויב זי איז בשלום דורכגעגאַנגען.

— אָט איר, פֿלעגט ער מיר זאָגן, ריזיקירט ווייניקער, אויב איר וועט אַרײַנפֿאַלן, איידער איך. די געלט־היזקות מוזן מן־הסתם אַלע מיטגלידער פֿון אײַער קאָמפּאַניע לײַדן גלײַך אויף גלײַך, און יעדערער פֿאַרלירט ווייניק. און אויב מיט מיר וועט זיך טרעפֿן אַן אומגליק, לײַד איך איינער אַליין. איך פֿאַרליר דאָס וואָס איך האָב געצאָלט פֿאַר אַריבערפֿירן. און דאָס איז נאָך גאָרנישט! אויב מע כאַפּט, איז דאָך אַ שרעק, וואָס מע טוט דערפֿאַר! מע זיצט דאָך גאַנצע יאָרן (ניט ווייניקער פֿאַר דרײַ יאָר), און דערנאָך איז נאָך סיביר! דעריבער נעמען מיר טאַקע צוויי־דרײַ רובל פֿאַרן פֿונט, און אַרבעטן אַרבעט איך בסוד אַפֿילו פֿון מײַנע שותּפֿים. זאָלן זיי זיך דערוויסן, אַז איך פֿאַרנעם זיך מיט אַזאַ טרייפֿענער און געפֿערלעכער זאַך, וואָלטן זיי מיך געוויס אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זייער עסק (מיר פֿירן דאָך נאָר זײַד), און אפֿשר וואָלטן זיי מיך טאַקע פֿאַרמסרט אויך. דאָס לעצטע מאָל האָט מיך געטראָפֿן אַן אומגליק. איך האָב באַגראָבן אײַערע פּעקלעך אינעם טיפֿן שניי ווי געווייַנטלעך, כּדי אויף מאָרגן אַרײַנצולייגן זיי מיט דער הילף פֿונעם פּײַערל אין וועגל און אָפּפֿירן אויף דער באַן. דאָרט איז שוין אַ זשאַנדאַר אונטערגעקויפֿט און אַלץ גייט ווי אויף פּוטער (דער „גוי" ווייס ניט פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָרט איז אַזאַ טרייפֿענע סחורה, ער מיינט,

אַז דאָרט איז זײַד אָדער דאָס גלײַכן). אָבער אויף מאָרגן זײַנען שוין די פּעקלעך אינעם שניי ניט געווען, און דאָס פּײַערל האָט מען אַרעסטירט. ער וועט מן־הסתם אויסזאָגן וועגן מיר. ווו איך ווין, ווייס ער ניט, אָבער פֿון דעסט וועגן, ווער ווייס זיי — אפשר וועלן זיי געפֿינען. איך ווייס פֿאַרשטייט זיך, אַז מען וועט דאַרפֿן שווײַגן און לייקענען. דעמאָלט וועט מען האַלטן, נו, וויפֿל — אַ יאָר, און מען וועט אַרויסלאָזן. אָבער אויב זאָגן, וועט ערגער זײַן.

אַזוי האָבן מיר זיך געזעגנט און האָבן זיך מער ניט באַגעגנט. דעם ייִדן האָט מען טאַקע אַרעסטירט. דער פּויער האָט אים אַרויסגעגעבן. אַ מאָל אין אַ גרויסן ווינטערדיקן טאָג דערוויסן מיר זיך פֿון אַ חבֿר וואָס איז געזעסן אין טורמע, אַז צו זיי האָט מען געבראַכט אַ קאָנטראַבאַנדיסט מיטן נאָמען שלום, וואָס מע באַשולדיקט אים, אַז ער טראַנספּאָרטירט רעוואָ־לוציאָנערע ליטעראַטור.

דורך דעם זעלביקן חבֿר האָט ער איבערגעשיקט פֿאַר זײַן ווײַב אַ בריוו, אין וועלכן ער באַרויִקט זי און גיט איר דרינגלעך אַן עצה, זי זאָל „ניט פֿאַרלאָזן דעם גאָלדענעם געשעפֿט". דער ייִד האָט געווייִנטלעך ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ גרויסע ראָלע ער האָט געשפּילט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ניט נאָר פֿון אונדזער געגנט, וויפֿל צענדליגער פּוד ליטעראַטור מיר האָבן דורך זײַן הילף צוגעשטעלט קיין פּעטערבורג און אין אַנדערע רוסישע שטעט, ניט רעכענענדיק אונדזער ראַיאָן.

דעם לאַמטערן־סלופּ האָט מען אין עטלעכע יאָר אַרום אַראָפּגענומען, און אויף דעם אָרט האָט מען אַוועקגעשטעלט... אַ פּאָליציי־בײַדל! און אַז איך האָב דאָ ניט לאַנג דערזען דאָרט יענץ בײַדל, איז מיר אומעטיק געוואָרן אויפֿן האַרצן, איך האָב אַזוי ווי פֿאַרלאָרן עפּעס.

דער דאָזיקער לאַמטערן־סלופּ איז געווען אַ שטומער עדות און אַנטייל־נעמער פֿון אַזוי פֿיל האַרצקלאַפּעניש און קאָכעניש וועלכע מיר האָבן איבערגעלעבט. וויפֿל פֿריידיקע און טרויעריקע זכרונות זײַנען מיט אים געווען פֿאַרבונדן!

זובאַטאָוו „ליקווידירט דעם בונד״

פֿון

וו. קאָסאָווסקי

דער סימבאָל פֿון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט

פֿאַרן דור וואָס איז אויסגעוואַקסן נאָך דער וועלט־מלחמה איז אַרקאַדי קרעמער געווען אין גרונט גענומען אַ פּרעכטיקע געדעכעניש פֿון דער אַזוי גערופֿענער לעגענדאַרער עפּאָכע אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. דעם דאָזיקן יונגן דור איז דעריבער שווער זיך אויסצומאָלן, ווי שטאַרק מען האָט פֿון אַרקאַדין געהאַלטן.

ווער האָט ניט געקענט „אַלעקסאַנדערן״? ניט נאָר פֿאַר די באַוווסטזיניקע ייִדישע אַרבעטערס, נאָר אויך פֿאַר דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פֿאַר דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אַ געוויסע צײַט אַפֿילו פֿאַר די אָנפֿירנדיקע קרײַזן פֿון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּפּ״ס) איז „אַלעקסאַנדער״ געווען ווי אַ לעבעדיקער סימבאָל פֿון דער אויפֿגעשטאַנענער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט.

דאָס איז געווען ניט צופֿעליק. דאָס האָט זיך גענומען פֿון דער באמת גוואַלדיקער ראָלע וואָס אַרקאַדי קרעמער האָט געשפּילט בײַם פֿונאַנדערטרייסלען די פֿריִער דערשלאָגענע ייִדישע מאַסע. אויב די דאָזיקע ראָלע זײַנע האָט זיך ניט געוואָרפֿן ווי געהעריק אין די אויגן, איז דאָס געווען אין אַ היפּשער מאָס מחמת דער באַשיידנקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין זײַן רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

ווען עס גייט וועגן פּיאָנירן־אַרבעט, ווען אַוועקשטעלן די אַרבעטער־באַוועגונג אויף די ערשטע רעלסן, מוז מען האָבן אַ ספּעציעל שאַרפן חוש פאַר דער ווירקלעכקייט, אַ באַזונדערע פעיִקייט צו פאַרבינדן די ערשטע טריט פון דער באַוועגונג מיט די טאָג־טעגלעכע נויטן און באַדערפעניש פון דער מאַסע. איצט זעט דאָס אויס ביי אונדז ווי אַ גאַנץ עלעמענטאַרע און לייכטע זאַך. אָבער אין דער צייט פון באַגינען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען עס פעלט נאָך אַ ממשותדיקע געניטשאַפט, איז דאָס איינע פון די שווערסטע אויפגאַבעס, מען קאָן זאָגן – די שווערסטע. און פון דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג ביי פאַרשיידענע פעלקער ווייסן מיר, אַז ניט איין גרופּע סאָציאַ־ליסטישע טוערס איז צעבראָכן געוואָרן, ווייל זי איז ניט געווען בכוח צו פאַרענטפערן די דאָזיקע אויפגאַבע.

אונדזער באַוועגונג האָט נאָך דערצו אָנגעטראָפן אויף ספּעציעלע שוועריקייטן וואָס זיינען געלעגן אינעם כאַראַקטער פון דער יידישער סביבה.

ביים וויגעלע פון דער באַוועגונג

דאָס וויגעלע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען יענער טייל פון צאַרישן רוסלאַנד, וואָס האָט געהייסן אויף דער אָפיציעלער שפּראַך „צפון־מערבֿדיקער קאַנט" (ליטע און ווייסרוסלאַנד). די דאָזיקע געגנט האָט געהערט צום יידישן תּחום – צו יענע גובערניעס, ווו יידן איז לויט די צאַרישע געזעצן דערלויבט געווען צו וווינען.

דער צפון־מערבֿדיקער קאַנט האָט זיך געגרענעצט מיט מערבֿ־איירפּע, געפירט אַ לעבעדיקן האַנדל מיט די מערבֿ־אייראָפּעיִשע לענדער. ער איז געווען פון די קולטורעלסטע קאַנטן אין צאַרישן רוסלאַנד. אין צפון־מערבֿדיקן קאַנט איז געווען קאָנצענטרירט דער אויפגעקלערטסטער טייל פון דער יידישער מאַסע.

אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז די קלאַסן־דיפערענציאַציע שוין געווען אַזוי וויים אַוועק צווישן

ייִדן, אַז עס האָט זיך געהאַט אויסגעטיילט אַ לפּי־ערך היפּשער שיכט לוינמענטשן וואָס זײַנען געווען באַשעפֿטיקט אין האַנטווערקערײַ־וואַרשטאַטן, אין קליינע, טיילווײַז אויך אין מיטעלע פֿאַבריקן און אין האַנדלס־געשעפֿטן. דער לעבעדיקסטער און אַנטוויקלטסטער טייל ייִדישע לוין־אַרבעטערשאַפֿט איז באַשטאַנען פֿון ייִנגערע מענטשן וואָס זײַנען געווען באַשעפֿטיקט בײַ בעל־הבתים פֿון קליינע און מיטעלע האַנטווערקערײַען.

אין קאָנגרעס־פּוילן איז די ייִדישע אַרבעטער־מאַסע געווען גרעסער אין צאָל, און די אונטערנעמונגען, אין וועלכע זי איז געווען פֿאַרנומען, זײַנען אינדוסטריעל געווען מער אַנטוויקלט. פֿון דעסט וועגן איז די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג דאָרטן אויפֿגעקומען שפּעטער ווי אין צפֿון־מערבֿדיקן קאַנט, און אַ שטיק צײַט איז זי געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון אָנגעפֿאָרענע „ליטוואַקעס", ד"ה פֿון דער קלאַסן־באַוווסטזיניקער ייִדישער אַרבעטער־אינטעליגענץ וואָס איז געקומען פֿון ליטע און ווײַסרוסלאַנד.

עס האָט זיך באַשטעטיקט דער גוט באַקאַנטער פֿאַקט, אַז אינדוסטריע. אַליין מיט אַ גרעסערער אַרבעטער־מאַסע איז נאָך ניט גענוג, עס זאָל אויפֿקומען אַן אַרבעטער־באַוועגונג מיט אַ קלאַסן־כאַראַקטער. עס פֿאָדערן זיך נאָך אַנדערע פֿאַקטאָרן וואָס זײַנען, אויף וויפֿל עס גייט וועגן ייִדן, אין „צפֿון־מערבֿדיקן קאַנט" שוין געווען אין אַ געוויסן פּעריאָד פֿון דער געשיכטע, בעת ווען אין מער אינדוסטריאַליזירטן קאָנגרעס־פּוילן האָבן זיי נאָך געפֿעלט.

איבער היסטאָרישע סיבות, אויף וועלכע מיר קאָנען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן, איז דער דורכשניטלעכער ייִד פֿון „צפֿון־מערבֿדיקן קאַנט" תּמיד געשטאַנען אויף אַ העכערן קולטורעלן ניוואָ, געווען ווייניקער פֿאַרזונקען אין פֿאַרשיידענע זאַבאָבאָנעס און ווייניקער דערשלאָגן איידער ייִדן אין קאָנגרעס־פּוילן. אויך איז דער ייִד פֿון ליטע און ווײַסרוסלאַנד געווען גײַסטיק רירעוודיקער, — אַ פֿאַקט וואָס האָט זיך אַגבֿ אָפּגעשפּיגלט אין

באַקאַנטן בײַסיקן און בייזן שפּראַך: דער ליטוואַק איז אַ „צלם־קאָפּ“ אָדער „האָט אַ צלם אין קאָפּ“.

גראָד דאָס וואָס אין ליטע־ווײַסרוסלאַנד איז דער ייִדישער אַרבעטער געווען פֿאַרנומען דער עיקר אין האַנטווערקערײַ איז געווען אַ גרויסע מעלה, ווי אומעטום אין דער אָנפֿאַנג־תּקופֿה פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. פּונקט ווי למשל אין דײַטשלאַנד אין די פֿערציקער יאָרן פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט איז דער דײַטשער געזעלן געווען די „הייוון“ פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַזוי איז אויך דער ייִדישער האַנטווערקער־פּועל פֿון אַ ווילנע, פֿון אַ מינסק מיט זײַן אָפּגעגעסן מוח, מיט זײַן דאָרשט נאָך וויסן, מיט זײַן גרייטקייט צו נעמען אין האַנט, ווען נייטיק, דעם וואַנדער־שטעקן, און נעמען אים אַפֿילו מיט ליבשאַפֿט, געוואָרן אין די נײַנציקער יאָרן דער פּיאָניר פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ניט נאָר אין ליטע און ווײַסרוסלאַנד גופֿא, נאָר אויך אין פּוילן און אוקראַיִנע.

די גרופּע פּיאָנירן

אין ליטע־ווײַסרוסלאַנד זײַנען אַראָפּגעקומען ייִדישע סטודענטן, אויסגעשלאָסענע פֿאַר „פּאָליטישער ניט־כשרקייט“ פֿון די הויכשולן מחוץ דעם תּחום; עטלעכע פֿון זיי זײַנען געווען אַרויסגעשיקט קיין ווילנע, קאָוונע און אַנדערע שטעט „אונטער דער השגחה פֿון פּאָליציי“. אַ טייל פֿון די דאָזיקע סאָציאַליסטן־אַקאַדעמיקערס האָט זיך פֿאַרבונדן מיט די אָרטיקע אינטעליגענטן — לערערס און לערערקעס, געוועזענע גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס אד"גל — און „האַלב־אינטעליגענטן“; אַזוי האָט מען געפֿונען יענע יונגעלײַט וואָס האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון אונטן און זיך דערשלאָגן צו אַ ביסל וויסן אָן דער הילף פֿון אַ מיטלשול. אויף דעם אופֿן האָט זיך געשאַפֿן דער נייטיקער קרײַז טוערס אויף צוצוגרייטן די קאַדערס אַרבעטער־אינטעליגענץ פֿאַר דער אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן וואָס האָבן זיך שוין גענומען רירן און זיך סטיכיש געבונטעוועט קעגן די בעלי־הבתּים.

א טעות פון פערספעקטיוו

ס׳איז כמעט איבעריק צו באמערקן, אז אויף א דיסטאנץ פון עטלעכע צענדליגג יאר זעען די פיאנירן אויס גרעסער ווי זיי זיינען געווען אין דער אמתן. דאס איז אן אומאויסמיידלעכער טעות פון גייסטיקן אויג, ווען מען באטראכט די מענטשן פון א היסטארישער פערספעקטיוו. פון וואנען עס נעמט זיך דער טעות איז ניט שווער צו פארשטיין.

דאס קליינלעכע וואס זיצט אין א סך מענטשן ווערט פארשווונדן אלץ מער פון אונדזער אויג, וואס גרעסער עס איז דער מהלך וועלכער טיילט אונדז אפ פון דער פארזונקענער היסטארישער תקופה; דערפאר גלאנצט מער פון וויטן עבר דאס מענטשלעכע אין מענטשן: דאס וואס מענטשן האבן זיך געשטעלט אין דינסט פון א גרויסער אידעע.

אויך איז מען נוטה צו אידעאליזירן די פארגאנגענהייט, די זאכן און מענטשן, און וואס פינצטערער עס איז דער היינט, אלץ מער איז מען נוטה צו פארשענערן דעם אמאל מיט זיינע שמידן. חוץ דעם דארף מען ניט פארגעסן, אז אין שיין פון דער הערא[י]שער תקופה באקומען די פיגורן אויף דער היסטארישער סצענע בכלל א גרעסערן פארנעם ווי זיי האבן געהאט אויף אן אמת.

נעמענדיק אין באטראכט די אלע אנגעוויזענע פארפירערישע שטריכן פון היסטארישע בילדער, מוז מען פון דעסט וועגן פארט מודה זיין, אז דער באגינען פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג האט אנגעטראפן אויף א דור טוערס, אין וועלכע דאס קליינלעכע איז געווען א סך שוואכער ווי בדרך־כלל. די אטמאספער פון אומלעגאלער ארבעט, און בפרט די שבתדיקייט פון דער ארבעט אין פארבארגענע קעלערן אין אנהייב פון דער באוועגונג, איז א סך ווינציקער גינציק אויסצוהאדעווען אין מענטשן דאס קליינלעכע, איידער די וואכעדיקייט פון דער ארבעט אויף אן אפענער לעגאלער סצענע פנים אל פנים מיט מחנות וואס ווען דעם באגער צו געפעלן. די מאכט פון דעם דאזיקן נסיון האבן

די פּיאָנירן פֿון אונדזער באַוועגונג כּמעט ניט געפֿילט, בפֿרט אַז דער ערשטער יוגנטלעכער ברען, דער הייסער גלויבן אין זייער שליחות און די ברייטע באַגײַסטערנדיקע פּערספּעקטיוון האָבן אויסגעלײַטערט מענטשן און געשטערט, אַז דאָס קליינלעכע אין זייער פּסיכיק זאָל זיך פֿונאַנדערוואַקסן.

שלעכטע און גוטע זײַטן פֿון קרײַזלערײַ

אין די קרײַזלעך האָט די אינטעליגענץ אײַנגעקנעלט „ראַזוויטיע" (אַנטוויקלונג) מיט איינציקע אַרבעטערס, מער פֿעיִקע און גײַסטיק מער רירעוודיקע. די „ראַזוויטיע" איז געגעבן געוואָרן אויף דער רוסישער שפּראַך און אויף דער רוסישער ליטעראַטור. דאָס האָט געהאַט אי אַ גוטע אי אַ שלעכטע זײַט. גוט איז געווען, וואָס עס פֿלעגט מער אָדער ווייניקער באַפֿרידיקט ווערן דער גרויסער דאָרשט נאָך וויסן בײַ אַ טייל אַרבעטערס. שלעכט איז אָבער געווען דאָס, וואָס די דאָזיקע אויפֿגעקלערטע אַרבעטערס פֿלעגן זיך אין פֿיל פֿאַלן אָפּרײַסן פֿון זייער אַרבעטער־סבֿיבֿה, און די צווישן זיי וואָס האָבן געהאַט אַ מיגלעכקייט פֿלעגן אַוועקפֿאָרן פֿון תּחום, כּדי צו אַרבעטן צווישן די רוסישע אַרבעטערס.

די קרײַזלעך האָבן זיך אַלץ מער דיסקרעדיטירט, וואָס מער עס איז געוואַקסן צווישן דער ייִדישער מאַסע די סטיכישע באַוועגונג, און מיט איר די באַדערפֿעניש אין אָנפֿירנדיקע עלעמענטן. דער איבערגאַנג צו דער מאַסן־אַגיטאַציע איז געוואָרן אַ געבאָט פֿון דער שעה. די סיסטעם פֿון קרײַזלעך וואָס האָט אַרויסגעריסן די בעסטע עלעמענטן פֿון דער מאַסע און אויפֿגעשטעלט אַ מחיצה צווישן דער אַרבעטער־אינטעליגענץ און דער מאַסע האָט געמוזט ליקווידירט ווערן. דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע אָפּאָזיציע אין די קרײַזלעך. און דאָ האָט זיך אַרויס־געוויזן דאָס, אויף וואָס מען האָט זיך געדאַרפֿט ריכטן: אַז לכל־הפּחות אַ טייל תּלמידים פֿון די קרײַזלעך, פֿרעמד געוואָרענע צו דער מאַסע, האָבן מער סימפּאַטיזירט מיט די אידעען וואָס האָבן צוגעשריבן אַ גרעסערע ראָלע די יחידים־„העלדן" איידער

דער ברייטער מאַסע, דעם „המון". דאָס זײַנען געװען די אידעען פֿון דער רעװאָלוציאָנערער „נאַראָדניטשעסטװאָ", װעלכע עס האָט יעמאָלט אין דער רוסישער לעגאַלער ליטעראַטור געפּריידיקט מיטן גרעסטן טאַלענט און מיטן גרעסטן גלאַנץ ניקאָלײַ מיכײַלאָװסקי. דער קאַמף מיט דער „אָפּאָזיציע", ד"ה מיט די שטיין האַרטע חסידים פֿון קרײַזלערײַ, איז אין דער זעלביקער צײַט געװען אַ קאַמף פֿון מאַרקסיזם קעגן די אידעען פֿון די נאַראָדניקעס.

אַלעקסאַנדער – דער אױפֿטוער און דער מענטש

אַלעקסאַנדער האָט זיך אַרױסגעװיזן אױף דער הייך פֿון דער גװאַלדיק שװערער פּיאָנירישער אױפֿגאַבע בנוגע די פֿאַרחושכטע ייִדישע אַרבעטער־מאַסן. דאָס איז קלאָר צו זען פֿון זײַן בראָשור „װעגן אַגיטאַציע" (מאַרטאָװ האָט זי נאָר אַרומגעשליפֿן פֿון דער ליטעראַרישער זײַט). אין דער דאָזיקער בראָשור װערט געװיזן, װי אַזױ עס דאַרף געפֿירט װערן די מאַסן־אַרבעט צװישן די אַרבעטערס. פֿאַר יענער צײַט, װען די פּיאָנירישע אַרבעט האָט זיך באַװעגט אין די ד' אמות פֿון „קרײַזלערײַ" און דער מאָמענט האָט געפֿאָדערט דורכצוברעכן דעם דאָזיקן שמאָלן רינג, זײַנען די געדאַנקען פֿון דער בראָשור „װעגן אַגיטאַציע" געװאָרן אַן אמתע אַנטפּלעקונג. זײ האָבן געװיזן אַ נײַעם װעג פֿאַר דער אַרבעטער־באַװעגונג.

די בראָשור האָט געהאַט חסרונות אױך, װי דאָס קאָן אַנדערש ניט זײַן, װען עס װערט פֿאַרװאָרפֿן דאָס אַלטע און פֿאָרמולירט דאָס נײַע װאָס בלאָנקעט זיך צעשװומענערהייט אין די מוחות. אָבער בײַ אַלע אירע חסרונות האָט די בראָשור ניט נאָר דורכגעלייגט אַ נײַעם װעג פֿאַר דער ייִדישער אַרבעטער־באַװעגונג, נאָר זי האָט אױך שטאַרק משפּיע געװען אױף דער פּיאָנירן־אַרבעט פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צװישן דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט.

ניט נאָר די אידעיִשע פּיזיאָנאָמיע פֿון אַלעקסאַנדערן, נאָר אױך טייל שטריכן פֿון זײַן כאַראַקטער זײַנען געװען װי אָנ־

געמאָסטן פֿאַר יענעם פּעריאָד. לויט זײַן נאַטור איז ער געווען אַ ביסל דעספּאָטיש און האָט ניט פֿאַרטראָגן אָדער ווייניק פֿאַרטראָגן, ווען מען האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן. פֿאַר דער אַרבעט אין אַ מאַסן־פּאַרטיי, ווו די פֿרײַהייט פֿון מיינונגען איז איינע פֿון די יסודות פֿון דער אינעווייניקסטער דעמאָקראַטיע, איז אַזאַ שטריך ניט קיין גאַנץ פּאַסיקער. ער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פֿאַר נוציק אין אַ צײַט, ווען מען האָט געדאַרפֿט וואָס גיכער דורכפֿירן דעם פּרינציפּ פֿון מאַסן־אַרבעט קעגן דעם אומענדלעכן פּילפּולן זיך פֿון דער „אָפּאָזיציע".

אַרקאַדי איז ניט געווען קיין אַנטשלאָסענער מענטש. ער פֿלעגט באַטראַכטן יעדער פֿראַגע פֿון די פֿאַרשיידנסטע זײַטן, און וואָס מער ער פֿלעגט זי דרייען, אַלץ מער נײַע זײַטן פֿלעגן זיך באַווײַזן, אַזוי אַז עס איז אים שווער געווען אָנצונעמען אַ באַשלוס. בײַ טעאָרעטישע ענינים איז דאָס אַ מעלה, אָבער אין דער פּראַקטיק, ווען מען דאַרף גיך טון אָפּוואַרפֿנדיק פֿאַרשיידענע ספֿקות, איז דאָס אַ חסרון. נאָר אין דער צײַט פֿון אַריבערגיין צו דער מאַסן־אַרבעט, ווען עס איז קודם־כּל נייטיק געווען פּרינציפּיעלע קלאָרקייט, האָט אַרקאַדיס ניט־אַנטשלאָסנקייט געצווונגען אַלזײַטיק אויסצופֿאָרשן די פֿאַרוויקלטע פֿראַגעס און געהאָלפֿן אויסאַרבעטן אַ קלאָרע אידעאָלאָגיע פֿאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג.

לויט זײַן כאַראַקטער איז אַרקאַדי געווען אַ ווייכער, זייער אַ מיטפֿילנדיקער מענטש. דאָס איז אויך געווען אַ גרויסע מעלה אין אַ צײַט, ווען די פּאַרטיי איז געווען ניט אַן ערך מער ענלעך צו אַ געשלאָסענער פֿאַמיליע ווי איצט. אַרקאַדיס האַרציקייט האָט געפּאַסט פֿאַר די פֿאַמיליע־באַציִונגען צווישן די פּאַרטיי־חבֿרים.

איך האָב דאָ אָנגעוויזן אויף אייניקע חסרונות פֿון אַרקאַדי קרעמער. איך מיין, אַז די חבֿרים וועלן מיר דאָס מוחל זיין. איך האַלט, אַז וועגן טויטע דאַרף מען זאָגן דעם אמת פּונקט ווי וועגן לעבעדיקע, און ניט מאַלן זיי ווי מלאָכים.

אַרקאַדי איז געווען אינעווייניק אויפֿריכטיק ביז גאָר. ער האָט פֿײַנט געהאַט דיפּלאָמאַטיע און דאָס וואָס ער פֿלעגט רופֿן „צוזעקנעפּלטקייט“ — אַ געמיש פֿון אײַנגעהאַלטנקייט מיט דרויסנדיקער ליבלעכקייט און אינעווייניקסטער פֿאַלשקייט.

עס איז אָגבֿ גרינג צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס ער האָט למשל ניט ליב געהאַט קיין נעקראָלאָגן: ס'איז איבער די געקינצלטע, אויפֿגעבלאָזענע פֿראַזעס וואָס טרעפֿן זיך אין זיי, ווי אויך איבער דעם, וואָס אין דעם דאָזיקן מין ליטעראַטור קומט, ווי אַ כּלל, בולט צום אויסדרוק דער באַקאַנטער שפּראָך פֿון די אַלטע רוימערס: וועגן טויטע דאַרף מען דערציילן אָדער גוטע זאַכן, אָדער גאָרניט. נאָר גוטע זאַכן — איז אַ האַלבער אמת, און אַ האַלבער אמת איז גאָר קיין אמת ניט. די פֿאַרשווערכונג פֿון אמת אין נעקראָלאָגן איז אַרקאַדין געווען דערווידער.

עס וואָלט דעריבער געווען אַ באַליידיקונג פֿאַר זײַן אָנדענק, אויב איך וואָלט פֿאַרשוויגן יענע שטריכן פֿון זײַן כאַראַקטער, וועלכע איך האָב תּמיד געהאַלטן פֿאַר חסרונות. אַ דאַנק דער ספּעציפֿישער לאָגיק פֿון לעבן האָבן אָבער די דאָזיקע חסרונות אין אַ געוויסן מאָמענט גראָד געבראַכט נוצן אונדזער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס ער איז געשטאַנען בײַ איר וויגעלע און געווען איר פֿירער און וועגווײַזער.

פֿאַר וואָס האָט דער „בונד“ באַאומרויִקט די צאַרישע סאַטראַפּן?

אַ שטיק צײַט איז דער „בונד“ געווען, קען מען זאָגן, דער מאָנאָפּאָליסטישער טרעגער פֿון דער רעוואָלוציע אין ליטע און ווײַסרוסלאַנד. ער האָט ניט נאָר רעוואָלוציאָניזירט די ייִדישע סבֿיבֿה, נאָר מיט זײַן רירעוודיקייט, מיט זײַנע אַקציעס, מיט זײַן אָנצינדנדיקן בײַשפּיל האָט ער משפּיע געווען אויף די ניט־ייִדישע אַרבעטערס, די פּוילישע און די רוסישע, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין יענער געגנט, און האָט אויך דירעקט געהאָלפֿן צו אָרגאַניזירן זיי.

די רעװאָלוציאָניזירנדיקע װירקונג פֿון „בונד“ אויפֿן גאַנצן ראַיאָן, װוּ ער האָט געאַרבעט, און איבער די גרענעצן פֿון דעם דאָזיקן ראַיאָן אויף דער באַװעגונג צװישן די רוסישע אַרבעטערס אין „היילקן רוסלאַנד“ ממש, דערצו נאָך די דירעקטע הילף דער דאָזיקער באַװעגונג — דאָס איז עס, װאָס ס'האָט ספּעציעל געהייצט און באַאומרויִקט די צאַרישע מאַכטהאָבערס.

די צאַריסטישע רעאַקציע האָט, װי יעדער רעאַקציע, געהאַט אַ גוטן שמעקער: זי האָט באַלד דערשמעקט, אַז די אַרבעט פֿון „בונד“ טראָגט מיט זיך גרויסע סכּנות פֿאַרן רעזשים. ניט נאָר װײַל זי שמידט אויס פֿון די ייִדישע אַרבעטערס אַ געאייניקטע קראַפֿט מיט אַ קלאָרן באַװוּסטזײַן און מיט אַ גרויסער ענערגיע, נאָר נאָך מער דערפֿאַר, װײַל די דאָזיקע אַרבעט פֿון „בונד“ שטײַגט אַריבער די שמאָלע נאַציאָנאַלע ראָמען און דריקט זיך אויס אין דער פּראַקטיק אין אַן אַקטיװער סאָלידאַריטעט מיט די רוסישע, פּוילישע און אַנדערע אַרבעטערס אויפֿן שטח פֿון דער צאַרישער מדינה. דעם אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט פֿון „בונד“ און דעם אינטערנאַציאָנאַליזם אין דער לעבעדיקער בונדישער פּראַקטיק – דאָס האָבן די צאַרישע סאַטראַפּן געהאַלטן פֿאַר ספּעציעל שעדלעך.

זיי זײַנען דעריבער געװען מלא שׂימחה, װען דער שעף פֿון דער מאָסקװער אָכראַנע זובאַטאָװ האָט זיי געבראַכט די בשׂורה־טובֿה, אַז נאָך צען חדשים פֿון זײַן אומגעװײנטלעך ריר־עוו־דיקער טעטיקייט (לויט דער אַטעסטאַציע פֿון די מאָסקװער זשאַנדאַרן) איז ענדלעך „ליקװידירט“ געװאָרן דער „בונד“, די סודותפֿולע, כּמעט לעגענדאַרע אָרגאַניזאַציע.

דער צ״ק גייט אַריבער קיין מינסק

בעת און נאָכן גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר איז אין װילנע געװען אומרויִק: עס זײַנען פֿאָרגעקומען רעװיזיעס און אַרעסטן װאָס האָבן אָנגערירט אויך קרײַזן זייער נאָענטע צום צענטער. דער צ״ק האָט דעריבער באַשלאָסן אַריבערצופֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, װוּ דער טומל פֿון דער באַװעגונג זאָל זײַן קלענער װי

אין ווילנע און די פּאָליציייִשע באַדינגונגען בכן אַ ביסל בעסערע. פּאַר אַזאַ שטאָט איז אויסגעקליבן געוואָרן מינסק. דער צ"ק האָט אויך אַריבערגעפירט פון ווילנע די דרוק פון „אַרבעטער־שטימע". אין מינסק איז די דאָזיקע דרוק געווען נאָר אַ קורצע צײַט, און פון דאָרטן האָט זי אַריבערגעוואַנדערט קיין באָברויסק.

פון די מיטגלידער פון צ"ק האָבן צוויי, אַרקאַדי און גליעב, זיך באַזעצט אין מינסק נאָך אין 1897. דער שרײַבער פון די שורות איז פאַרבליבן אין ווילנע נאָך אויף עטלעכע חדשים: ערשטנס האָט מען געדאַרפט דאָרטן ליקווידירן די ענינים פונעם צענטער און צווייטנס צוליב די אינטערעסן פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע.

קיין מינסק בין איך געקומען אין דער ערשטער העלפט מאַרץ 1898. גלײַך נאָך מײַן קומען איז גליעב אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש, און די צענטראַלע ענינים זײַנען געבליבן אין די הענט פון צוויי חברים: אַלעקסאַנדער (קרעמער) און וולאַדימיר (קאָסאָווסקי).

די אַרבעט אין מינסק

איבער קאָנספּיראַטיווע טעמים האָט זיך דער צ"ק אין מינסק אַזוי אײַנגעאָרדנט, אַז ער זאָל מיט דער אָרטיקער באַוועגונג קיין שום מגע־ומשא נישט האָבן. נאָר געציילטע מענטשן האָבן געוווּסט אָדער געדאַרפט וויסן, אַז דער צ"ק געפינט זיך אין מינסק. דאָס זײַנען געווען יענע מינסקער חברים, אין וועלכע דער צ"ק האָט זיך געניייטיקט אויף דורכצופירן זײַנע געשעפטן: זשעניע הורוויטש, פּין, באַטוויניק, סלוצקי (ברודער און שוועסטער), טיומין און עטלעכע אַנדערע.

קיין באָברויסק פלעגט פאָרן נאָר אַלעקסאַנדער (ברענגען אַהין מאַטעריאַלן צום דרוקן וכדומה), קיין אַנדערער פלעגט זיך דאָרטן ניט באַווײַזן. אין באָברויסק האָט זיך געדרוקט די „אַרבעטער־שטימע", בראַשורן אד"גל; קליינע זאַכן, ווי פּראָקלאַמאַציעס פאַר די אָרטיקע קאָמיטעטן, האָט מען געדרוקט אין מינסק אין אַ קליינער, גאַנץ פּרימיטיווער דרוק וועלכע האָט זיך געפונען בײַם זעצער שערמאַן.

מיר האָבן געאַרבעט אַזוי: איך פֿלעג אַלע טאָג קומען צו אַלעקסאַנדערן, ס'רובֿ אין אָוונט, מיר פֿלעגן אַרומריידן און באַשליסן אַלע פֿראַגעס און צעטיילן צווישן זיך די אַרבעט. צו אַרבעטן מיט אַלעקסאַנדערן איז געווען אי לײַכט אי שווער. לײַכט — ווײַל ער איז געווען שטאַרק אין אַנאַליזירן און האָט געזען יעדער פֿראַגע פֿון אַ סך זײַטן. די שוועריקייטן פֿלעגן זיך אָנהייבן, ווען מען האָט נאָך אַ מער אָדער ווייניקער לאַנגן יִשובֿ־הדעת סוף־כּל־סוף געדאַרפֿט זיך באַשליסן. יעדערער ווייס פֿון פּראַקטיק, אַז קומען צו אַ באַשלוס אין אַ וויפֿל ניט איז קאָמפּליצירטער פֿראַגע קען מען נאָר בײַ איין תּנאַי: ווען מען וואַרפֿט צום סוף אָפּ אַלע ספֿקות, ווען מען שנײַדט, אַזוי צו זאָגן, אַרום נאָך אַן אַלזײַטיקן באַטראַכטן און מען פֿאַראייפֿאַכט די פֿראַגע, קאָנצענטרירנדיק זיך נאָר אויף עטלעכע הויפּט־מאָמענטן. טעאָרעטיש איז די דאָזיקע פּראָצעדור פֿאַרשטייט זיך אַ פֿאַלשע, אָבער אין דער פּראַקטיק איז זי דער איינציקער מיטל אַריבערצוגיין פֿון קלערן צום טון. מיט אַלעקסאַנדערן פֿלעגט זיך אָבער ניט זעלטן טרעפֿן, אַז ווען מען האָט שוין געהאַלטן בײַם באַשליסן די פֿראַגע, פֿלעגט זי זיך פֿאַר אים מיט אַ מאָל ווײַטער אַ דריי טאָן מיט אַ נײַער זײַט און גורם זײַן בײַ אים נײַע ספֿקות און אַ נײַעם אָפּהאַלט.

אַ מיטגליד פֿון צ"ק איז בײַ די באַדינגונגען פֿון יענער צײַט געווען דאָס וואָס די פּראַנצויזן און דײַטשן רופֿן „אַ דינסט־מיידל פֿאַר אַלץ". מען האָט געשריבן אַרטיקלען, בראָשורן, פּראָקלאַמאַציעס, געפֿינטלט אין צײַטונגען און ביכער (אַזוי האָט מען בדרך־כּלל געפֿירט די שיפֿרירטע קאָרעספּאָנדענץ), געהאַט עסקים מיט קאָנטראַבאַנדיסטן, צוגעשטעלט ליטעראַטור „אייגענע" און „פֿרעמדע" אָרגאַניזאַציעס, געטראָגן און געפֿירט אויף זיך אומלעגאַלע געדרוקטע זאַכן און שריפֿט, געהאַט די פֿאַרשיידנסטע זעונגען אאַז"וו.

צו אַלע צרות האָט מען נאָך געמוזט פּטרן זעקס און מער שעה אַ טאָג אויף צו פֿאַרדינען דאָס שטיקל ברויט, וואָרעם דער מין „פֿונקציאָנאַרן" וואָס באַקומען געהאַלט פֿון דער פּאַרטיי־

קאַסע איז נאָך יעמאָלט ניט געווען. יעדערער, פון „גרויס" ביז „קליין", פון גענעראַל ביזן קלענסטן אָפיציר און אַגיטאַטאָר, האָט זיך געמוזט אַליין אויסהאַלטן. עס איז ניט שווער זיך אויס־צומאָלן, אַז מען איז געווען באַלאָדן מיט אַרבעט ביז איבערן קאָפּ, און וואָס ווײַטער איז די משׂא געוואָרן אַלץ שווערער צו טראָגן. מען האָט זיך געפילט אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז נישט איין מאָל פלעגט זיך אַרויסרײַסן דער אַפּיקורסישער פאַרלאַנג אַרעסטירט צו ווערן, כּדי צו קענען אַ ביסל אויסגלײַכן די ביינער.

אַ חוץ דעם איז די פּערזענלעכע שטימונג נאָך געווען אַ שלעכטע. דער צענטער האָט געהאַט אויף זיך געוואַלדיקע פּרינציפּיעלע און טאַקטישע אויפגאַבעס: מען האָט געמוזט אויפ־קלערן די ספּעציעלע פאָדערונגען פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, דורכפירנדיק אַ שאַרפן פּרינציפּיעלן גרענעץ צווישן בונד און דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם אויף דער ייִדישער גאַס, און אײַנשטעלן אַ קלאָרע באַציִונג צו דער האַרבער פראַגע וועגן „בירגערלעכער" און „נאַציאָנאַלער" גלײַך־באַרעכטיקונג. מען האָט געמוזט פאַרפירן אַ קאַמפּאַניע קעגן פּפּ"ס און אַרויסרײַסן פון אונטער איר השפּעה די ייִדישע אַרבעטערס וועלכע זי האָט געפירט אין אירע „ייִדישע סעקציעס". דער קאַמף איז געווען נישט קיין לײַכטער שוין דערפאַר אַליין, וואָס די פּפּ"ס איז געפאַלן אויף אַ טײַוולאָנישער המצאה צו באַשולדיקן דעם בונד אין פירן אַ רוסיפיקאַטאָרישע פּאָליטיק צו גלײַך מיט די צאַרישע סאַטראַפּן און די פּעדאַגאָגן אין די רוסישע שולן. ווײַטער האָט מען געמוזט מער אַרויסרוקן דעם פּאָליטישן מאָמענט פון קאַמף, נישט אַרויסלאָזנדיק אין דער זעלבער צײַט פון אויג די ריכטיקע שײַכות צווישן פּאָליטיק און עקאָנאָמיק אין דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג און אויסמײַדנדיק יעדער באַרירונג מיטן פּאָליטישן אַוואַנטוריזם.

איך נעם דאָ נאָר די קאַרדינאַלע פראַגעס און לאָז אין אַ זײַט די קלענערע און ווייניקער וויכטיקע פראַגעס, מיט וועלכע מען האָט זיך אויך געדאַרפט פאַרנעמען. הײַנט זײַנען דאָס

שוין בעצם קיין פראַגעס ניט, זיי געהערן צום גײַסטיקן באַגאַזש פון אַ דורכשניטלעכן „פּאַרטיי־פונקציאָנאַר", ווי די באַגריפן: געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, קלאַסנקאַמף וכדומה. אָבער דעמאָלט זײַנען דאָס געווען נײַע און שווערע פּראָבלעמען.

דער צ"ק האָט געטאָן וואָס ס'איז מיגלעך געווען, כּדי אויפצוקלערן די דאָזיקע פראַגעס. אָבער אויף די ערטער איז מען פון זײַן אַרבעט ניט געווען צופרידן. פון אַלע זײַטן פלעגט מען קומען מיט טענות. איבער הויפּט איז געווען אומצופרידן ביאַליסטאָק, ווו מען האָט אַגבֿ געפאָדערט פונעם צ"ק מער „וויסנשאַפטלעכע" אויפקלערונג. איך זע נאָך איצט גאַנץ קלאָר, ווי איך און אַלעקסאַנדער שטייען עפּעס אויף אַ הויף,[1] און בייניש מיכאַלעוויטש וואָס איז געקומען צו אונדז ווי אַ שליח פון דער ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע רעכנט אונדז אויס אונדזערע חטאים. פאַרשטייט זיך, אַז זיצן אין צ"ק, בעת מען באַקלאָגט זיך אויף זײַן אַרבעט, איז געווען אַ קנאַפּער נחת, און מיר האָבן נאָר געוואַרט אויף אַ צוזאַמענפאָר וואָס זאָל אונדז באַפרײַען פון דעם דאָזיקן כּבֿוד.

פּוריטאַנישקייט

דאָ פּאַסט צו דערציילן אַ גאַנץ קליינינטשקן, אויב מען וויל נישטיקן פאַקט וועלכער איז אָבער געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גײַסט וואָס האָט דעמאָלט געוועלטיקט אין דער באַוועגונג. ווען עס איז אַרויס זומער 1898 די בראָשור קעגן פּפּ"ס („די מלחמה פון פּפּ"ס קעגן דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד"), האָט צבֿיה, אַן אָנגעזעענע און קלוגע טוערין, און אַגבֿ אַ יונגע און חנעוודיקע, מיט רוגזא באַמערקט, אַז די בראָשור האַלט אין זיך ניט־אָנשטענדיקע אויסדרוקן, ניבול־פּה; והאָ ראַיה, דאָרטן שטייט: „אַפילו דאָס שענסטע מיידל אויף דער וועלט קען ניט געבן מער ווי זי פאַרמאָגט". צבֿיה האָט

---

[1] מיט די חבֿרים פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פלעגן קומען קיין מינסק צו זען זיך און דורכשמועסן מיטן צ"ק, פלעגן מיר אויסמײַדן זיך צו באַגעגענען אויף דירות.

שלעכט אויסגעטײַטשט דאָס באַוווּסטע פראַנצויזישע שפּריכוואָרט, אָבער דאָס איז דאָ ניט וויכטיק. כּדאַי איז צו באַמערקן, אַז אין דער דאָזיקער קליינינקייט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ גאַנצע גײַסטיקע שטימונג, די גאַנצע דערהויבענע ראָמאַנטיק פון יענער צײַט. אויף דער אַרבעט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט מען געקוקט ווי אויף עבֿודת־הקודש, די פּאַרטיי איז געווען אַ בית־המיקדש און די וואָס האָבן געדינט דעם סאָציאַליזם האָבן געדאַרפט האָבן ריינע הענט, ריינע געדאַנקען, ריינע מידות און זײַן ריין אין זייערע באַציִונגען צו אַנדערע. דאָס איז געווען ניט קיין צבֿיעות, ווי עס קען זיך אויסדוכטן אין פּלוג, נאָר אַן אויסדרוק פון הויכן, כּמעט רעליגיעזן אידעאַליזם, מיט וועלכן עס זײַנען געווען דורכגעדרונגען געוויס ניט אַלע, נאָר פאָרט אַ שיין ביסל סאָציאַליסטן אין דער ערשטער תּקופֿה פון דער באַוועגונג.

דער פּוריטאַניזם פון יענער צײַט האָט געפאָדערט ריינ־קייט אין פּריוואַטן לעבן און באַשיידנקייט אין פּאַרטיי־לעבן. ער האָט ניט פאַרטראָגן קיין שום טעאַטראַלישקייט און קיין שום אַרויסווײַזונגען פון יחידים־קולט. אַז די באַוועגונג האָט פאַרכאַפּט גרויסע מאַסן און אין דער פּאַרטיי זײַנען אַרײַן גאַנץ פאַרשיידן־מיניקע עלעמענטן, איז די ראָמאַנטיק פאַרשוווּנדן געוואָרן. דאָס איז געווען ניט אויסצומײַדן, אַ שטיק שיינקייט האָט געמוזט אונטערגיין און איז אונטערגעגאַנגען.

זובאַטאָװס אַגענטן זײַנען דאָ

אַז איך האָב זיך באַזעצט אין מינסק, האָבן זובאַטאָוס אַגענטן זיך שוין אַרומגעדרייט איבער דער שטאָט.

די ערשטע צוויי וואָכן האָבן זיי נישט באַמערקט, אַז איך געפין זיך אין מינסק. מײַן דירה האָבן זיי אויסגעשפּירט אויף אַזאַ אופן. איין מאָל אַרום צוועלף בײַ נאַכט בין איך אַרויס פון אַלעקסאַנדערס וווינונג. גלײַך האָב איך דערזען, אַז נאָך מיר פאָרט אַן איזוואָשטשיק (אַ דראָשקער) מיט אַ קאַצאַפּ וואָס שאָקלט זיך אַהין און אַהער ווי אַ שיכּורער און זינגט אַ רוסיש

לידל; דער דראָשקער האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך מיר ביז אַ געוויסער גאַס און זיך פֿאַרקערעוועט אין אַן אַנדער זײַט. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע נעכט נאָך אַנאַנד, אָבער יעדער מאָל פֿון אַ פּונקט וואָס איז געווען אַלץ נעענטער צו מײַן וווינונג, ביז דער דראָשקער איז אין איין שיינער נאַכט פֿאָרט דערפֿאָרן ביזן געסל, ווו איך האָב געוווינט. דערצו איז קיין עצה ניט געווען, ווײַל בײַ אַלעקסאַנדערן האָב איך געמוזט זײַן און גיין אַהיים האָב איך אויך געמוזט.

ווי באַוווּסט, איז די זובאַטאָווושע פּעסט פֿאַרשלעפּט געוואָרן קיין מינסק דורכן גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רוסלענדער ס״ד אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכער איז פֿאָרגעקומען אין מינסק אין די טעג פֿון 28טן פֿעברואַר און 1טן מאַרץ 1898. ביז יענעם מאָמענט איז פֿאַר זובאַטאָוון דער בונד געווען אַ מין סמבטיון, צו וועלכן קיין אויסגעטראָטענער וועג האָט נישט געפֿירט. דעם וועג האָט ער געפֿונען אַ דאַנק די רוסישע דעלעגאַטן: מיט זיי זײַנען געקומען פֿון קיִעוו, קאַטערינאָסלאַוו, מאָסקווע זובאַטאָווס משרתים. די דאָזיקע שפּיקעס האָבן אַ דאַנק דעם צוזאַמענפֿאָר פֿעסטגעשטעלט די מיטגלידער פֿון בונדישן צ״ק און זײַנען נאָכגעפֿאָרן די חבֿרים אומעטום, למשל גליעבן וואָס איז געפֿאָרן פֿון מינסק אין אַנדערע שטעט, אָדער אַזוינע ווי דזשאָנען, וואָס ער פֿלעגט קומען פֿון וואַרשע קיין מינסק צום צ״ק. אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך די מגפֿה אין אַ קורצער צײַט פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן בונדישן ראַיאָן און האָט ספּעציעל שטאַרק פֿאַרכאַפּט, חוץ מינסק, די שטעט לאָדזש, וואַרשע און ביאַליסטאָק. איך האָב געזאָגט, אַז נאָך די רוסישע דעלעגאַטן זײַנען נאָכגעפֿאָרן קיין מינסק זובאַטאָווס אַגענטן, אָבער, ווי עס ווײַזט אויס, מיט איין אויסנאַם: דער פּעטערבורגער דעלעגאַט סטעפּאַן ראַדטשענקאָ האָט, לויט אַלע סימנים, קיין „עק" מיט זיך ניט געבראַכט און זיך אומגעקערט קיין פּעטערבורג אויך אָן אַ באַגלייטונג. ווען באַלד נאָך דעם מינסקער צוזאַמענפֿאָר זײַנען דורך זובאַטאָוון „ליקווידירט" געוואָרן די רוסישע ס״ד אָרגאַניזאַציעס און עס זײַנען מיט איין קלאַפּ אַרעסטירט געוואָרן אַרום 500 אָנפֿירנ־

דיקע רוסישע חבֿרים, איז ראַדטשענקאָ געוועז דער איינציקער צווישן די רוסישע דעלעגאַטן פֿון מינסקער צוזאַמענפֿאָר, וואָס איז ניצול געוואָרן.

אָדער אַזאַ פֿאַקט: נאָך דער דערמאָנטער „ליקווידאַציע" האָבן מיר באַקומען פֿון פּעטערבורג דעם פּראָיעקט פֿון מאַניפֿעסט וועלכן דער מינסקער צוזאַמענפֿאָר האָט איבערגעגעבן אַרויס־צולאָזן דעם אויסגעקליבענעם אַלגעמיין רוסישן צ"ק (נאָכן דורכפֿאַל זײַנען פֿאַרבליבן צוויי מיטגלידער: ראַדטשענקאָ און — פֿון בונד — אַלעקסאַנדער). דער פּראָיעקט איז אונדז שטאַרק נישט געפֿעלן געוואָרן, און עס איז בײַ אונדז געבליבן, אַז אַלעקסאַנדער זאָל פֿאָרן קיין פּעטערבורג, כּדי זיך צו דער־שלאָגן, אַז דער טעקסט זאָל ראַדיקאַל איבערגעמאַכט ווערן. אַלעקסאַנדער איז געווען אין פּעטערבורג און האָט זיך געזען מיט די אָנפֿירנדיקע חבֿרים פֿון פּעטערבורגער קאָמיטעט. אײַנ־געגעבן האָט זיך אים אַגבֿ אַרויסצורײַסן נאָר נישטיקע פֿאָרמעלע שינויים, און דער מאַניפֿעסט האָט געמוזט אָפּגעדרוקט ווערן (אין אונדזער באָברויסקער דרוקערײַ) כּמעט אַזוי ווי פּיאָטר סטרוווע האָט אים פֿון אָנהייב אָן אָנגעשריבן (און נישט געראָטן אָנגעשריבן). פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַלעקסאַנדערן האָבן זובאַ־טאָווס אַגענטן וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מינסק זייער שטאַרק נאָכגעשפּירט, און פֿון דעסט וועגן האָט זיך זײַן נסיעה ניט אָפּגערופֿן אויף די פּעטערבורגער חבֿרים.

דאָס אַלץ קען מען אויסטײַטשן נאָר דערמיט, וואָס די פּעטער־בורגער אָכראַניקעס האָבן דעמאָלט, מחמת קאָנקורענץ־טעמים, ניט געלאָזן זובאַטאָוון שטעקן די נאָז אין פּעטערבורג און זײַנע אַגענטן האָבן דאָרטן קיין שליטה ניט געהאַט. אין דער פּראָווינץ האָט זובאַטאָוו געקענט שפּײַען אויף דער אָרטיקער נאַטשאַלסטווע און זיך אַזוי אײַנאָרדענען, זי זאָל קיין שום ידיעה נישט האָבן, אַז אונטער איר נאָז אַרבעט אַ גאַנצע אָרגאַניזאַציע וואָס איז דירעקט פֿאַרבונדן מיט מאָסקווער אָכראַנע און רעכנט זיך אַ האָר ניט מיטן אמתן בעל־הבית פֿון שטאָט. אָבער אין פּעטער־בורג, ווו עס זײַנען געזעסן די גרויסע שׂררות וואָס האָבן פֿײַנט

געהאַט דעם „פּאַרוועניר״ און געקענט אים צעקוועטשן ווי אַ וואָרעם, האָט ער פּשוט מורא געהאַט זיך צו רוקן און צו מאַכן זײַנע שטיק.

אַז פּעטערבורג איז געווען מחוץ זובאַטאָווס „השפּעה־ספעראַ״, זע איך אַגבֿ דערפֿון, אַז ווען ער האָט מיר דערציילט (וועגן דעם ווײַטער), ווי אַזוי ער האָט אויסגעשפּירט דעם מינסקער צוזאַמענפֿאָר און ווי ער האָט „ליקווידירט״ די רוסישע אָרגאַ־ניזאַציעס, האָט ער מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן פּעטער־בורג, אַקוראַט ווי די שטאָט וואָלט צו דער מעשׂה קיין שום שײַכות נישט געהאַט.

זובאַטאָוו יאָגט זיך נאָך דער בונדישער דרוק

פֿאַר זובאַטאָוון איז וויכטיק געווען ניט נאָר פֿעסטצושטעלן די מיטגלידער פֿון בונדישן צ״ק און די חבֿרים אויף די ערטער, מיט וועלכע ער איז געווען פֿאַרבונדן, נאָך אויך אויסצוגעפֿינען די בונדישע דרוק. דאָס איז אָבער געווען ניט פֿון די לײַכטע זאַכן, וואָרעם פֿון באָברויסקער דרוק פֿלעגט בדרך־כּלל קיינער קיין מינסק ניט קומען און אַלעקסאַנדער – דער איינציקער צווישן אונדז – פֿלעגט זייער זעלטן אַהין פֿאָרן.

אָבער אין חודש מײַ האָט זובאַטאָוון מיט אַ מאָל אָפּגעגליקט. עס איז אָנגעקומען נײַער שריפֿט פֿאַר דער „אַרבעטער־שטימע״, וואָס איז באַשטעלט געוואָרן אין דײַטש־לאַנד. דער שריפֿט איז אַריבערגעשוואַרצט געוואָרן קיין סמאָרגאָן, און פֿון דאָרט האָבן אים עטלעכע חבֿרים (בתוכם אַבֿרהם דער בערשטער) געבראַכט אויף זיך קיין מינסק מיט גרויס מאַטערניש אין אָפּקלערעניש און מיט נאָך גרעסערער פֿרייד. מיר האָבן זיך געזען מיט די סמאָרגאָנער מיט דער גרעסטער געוואָרנטקייט, ערגעץ ווו הינטער דער שטאָט, דוכט זיך עפּעס אין אַ וועלדל אָדער אין אַן ענלעכן אָרט. אָבער ווײַטער האָבן געמוזט געמאַכט ווערן טריט וועלכע זײַנען בעצם געווען אַ פּאַטש אין פּנים די עלעמענטאַרסטע כּללים פֿון קאָנספּיראַציע. דעם שריפֿט האָט מען דערווײַלע באַהאַלטן. אָבער נאָך אים האָט מען געמוזט

קומען פון באָברויסק גופא. קיין אַנדער מיטל אים אַהין צו־צושטעלן איז ניט געווען. פון באָברויסקער דרוק זײַנען געקומען קיין מינסק עטלעכע חברים (צווישן זיי ישׂראל־מיכל קאַפּלינסקי) און פאַרפאָרן אין אַן אכסניא. אַלעקסאַנדער און איך (קען זײַן נאָך עמעצער — דאָס געדענק איך ניט) האָבן געבראַכט אַהין די פּליטקעס שריפט. זובאַטאָווס אַגענטן וואָלטן געווען די גרעסטע טיפּשים, אויב זיי וואָלטן דאָס ניט באַמערקט. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך די באָברויסקער זײַנען נאָכגעפאָרן שפּיקעס און אַזוי אַרום געפאַלן אויף דער שפּור פון דרוק.

דער רינג פאַרציט זיך

וואָס ווײַטער איז די לאַגע אין מינסק געוואָרן פאַר אונדז אַלץ ערגער. די שטאָט איז אַזוי געבויט, אַז זי האָט, להיפּך אַ שטייגער צו ווילנע, אין אַ געוואַלדיקער מאָס פאַרגרינגערט דאָס שפּיאָנירן. דער צענטער פון שטאָט איז געווען אַ נײַער און באַשטאַנען פון גאַסן וואָס ציִען זיך ווי סטרונעס און זײַנען דורכגעשניטן אונטער אַ גראַדן ווינקל דורך גאַסן וואָס גייען קווער ווי סטרונעס. אַז מען פלעגט גיין איבער אַ גאַס, פלעגן די שפּיקעס נאָכגיין פון ביידע זײַטן מיט די פּאַראַלעלע גאַסן און פלעגן אויף יעדער ראָג אַרויסקוקן, אַזוי אַז עס איז אוממיגלעך געווען צו באַהאַלטן זיך פון זיי.

מחוץ דעם צענטער איז געווען בעסער, אָבער ניט קיין סך: אַרום צענטער האָבן זיך געצויגן אָפענע גאַסן און געסלעך און גרויסע ניט־באַבויטע פלעצער מיט הילצערנע בריקן; עס איז געגנוג געווען זיך אָוועקצושטעלן אויף איינעם פון די דאָזיקע בריקן, האָט מען געהאַט אַ פרײַען בליק אַרום און אַרום. דאָ איז אויך ניט לײַכט געווען זיך צו באַהאַלטן. זייער וויכטיק זײַנען אַלע מאָל געווען אין פּרט פון קאָנספּיראַציע די דורכגאַנג־הויפן, אָבער גראָד דער מין האָט אין גאַנצן געפעלט אין מינסק; אַלעקסאַנדער און איך האָבן דורכגעזוכט די גאַנצע שטאָט און

געפֿונען נאָר איין איינציקן דורכהויף, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אויף זאַכאַריעווער גאַס.

די חוצפּה פֿון זובאַטאָװוס אַגענטן איז געװאָרן אַלץ גרע־סער. עס פֿלעגט שוין טרעפֿן, אַז זיי פֿלעגן פּשוט נאָכגיין פּוס טריט אָדער זיך אַװעקזעצן אין רעסטאָראַן צו מיטאָג בײַ דעם זעלביקן טישל. פֿון לאָדזש, װאַרשע און אַנדערע שטעט האָבן געגומען קומען ידיעות, אַז דאָרטן קריכן זובאַטאָװוס ברואים אויך אַלץ מער אין די אויגן. דער רינג אַרום אונדז האָט זיך אַלץ מער פֿאַרצויגן. פֿון די שפּיאָנען האָט מען שוין ניט געקאָנט אַװעקגיין.

עס איז אויסגעקומען, אַז מען אַרבעט פּשוט אונטער אַ שטענדיקער שפּיאָנישער השגחה, און אַלץ װאָס מען טוט װערט פֿאַרצייכנט.

מיר האָבן באַשלאָסן צו ליקווידירן באָברויסק, פֿאַרלאָזן מינסק און אַלץ אַריבערפֿירן קיין גראָדנע; דאָס איז געװען אַ שטילע שטאָט מיט אַ לפּי־ערך שװאַכער באַװעגונג. דאָס האָט געזאָלט דורכגעפֿירט װערן סוף יולי.

אַ פּאָר װאָכן פֿאַר דעם באַשטימטן טערמין איז אַלעק־סאַנדער אַװעקגעפֿאָרן קיין בריאַנסק, אָריאָלער גובערניע, צו זײַנע קרובים. מיר האָבן געהאָפֿט, אַז ער װעט אויף אַזאַ אופֿן פּטור װערן פֿון די שפּיקעס און װעט פֿון בריאַנסק שוין אַ „ריינער" אַריבערקלײַבן זיך קיין גראָדנע נאָך דעם װי די באָברויסקער דרוקערײַ װעט דאָרטן אײַנגעשטעלט װערן. איך בין פֿאַרבליבן אין מינסק צו פֿירן װײַטער די געשעפֿטן פֿון צ"ק.

עטלעכע טעג פֿאַרן אַרעסט האָט פּאַסירט אַ פֿאַקט װאָס האָט באַװיזן, אַז די קאַטאַסטראָפֿע האָט זיך שוין אָנגערוקט, אַט־אָט קען זי אויסברעכן. טיומין האָט זיך אַריבערגעקליבן אויף אַ נײַער דירה, און די שפּיקעס האָבן דאָס פֿאַרשלאָפֿן. אָבער אויפֿן אַנדערן טאָג איז געקומען צו פֿאָרן אויפֿן הויף פֿונעם הויז, װוּ טיומין האָט פֿריִער געװוינט, אַ פּאַרשוין מיט אַ גוטער קאַרעטע און אָנגעטאָן װי אַ פּריצישער קוטשער. ער האָט געפֿרעגט, װוּ טיומין װוינט, און דערציילט, אַז זײַן בעל־הבית,

אַ דאָקטאָר, זוכט אַ לערער פֿאַר זײַנע קינדער און וויל דערצו זען טיומינען. דער אײַנפֿאַל איז געווען נישט קיין ספּעציעל איבערגעשפּיצטער, „פֿון אַ גוייִשן קאָפּ“; נאָר אַ מיידל, צו וועלכער ער האָט זיך געווענדט, האָט אים געוויזן טיומינס נײַע דירה. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער איז בײַ טיומינען ניט געווען און איז גלײַך נעלם געוואָרן.

דערפֿון איז געווען קלאָר, אַז די טעג דאַרף פֿאָרקומען די „ליקווידאַציע“, וואָרעם ווען נישט, וואָלטן די שפּיקעס נישט אַזוי געאײַלט און וואָלטן אויסגעפֿונען טיומינס דירה מיט זייערע געווײנטלעכע מיטלען. אַ דאַנק דעם צופֿאַל האָט זיך באַקומען אַ דײַטלעכע אַזהרה. אָבער די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז מען האָט געמוזט פֿאַטאַליסטיש וואַרטן אויפֿן בייזן סוף.

ערבֿ דער ליקווידאַציע

דעם 25טן יולי, ערבֿ דעם זובאַטאָווישן אָנפֿאַל, בין איך געווען ספּעציעל שטאַרק פֿאַרנומען, אַזוי אַז איך האָב אַפֿילו קיין צײַט ניט געהאַט צו עפֿענען די צוויי ביכער און דעם גרויסן ביוואַר,[1] וואָס האָבן זיך גראָד דעם טאָג באַקומען פֿון אויסלאַנד. אין די טאָוולען האָבן געדאַרפֿט זײַן עטלעכע שטעמפּלען פֿאַר די אָרטיקע קאָמיטעטן, מאַטעריאַלן וועגן דעם סיכסוך וואָס איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אין דער רוסישער עמיגראַציע אין דער שווייץ צווישן די „אַלטע“ און „יונגע“ סאָציאַל-דעמאָקראַטן און, דוכט זיך, נאָך עפּעס. וועגן דעם אָנגעוויזענעם סיכסוך האָט אונדז געדאַרפֿט אינפֿאָרמירן אונדזער חבֿר טימאָפֿיי וועלכער איז דעמאָלט געווען אין שווייץ און איז געווען איינער פֿון די פֿירערס פֿון די „יונגע“ קעגן די „אַלטע“ — פּלעכאַנאָוו און חבֿרים. איך האָב דאָס עפֿענען די מאַטעריאַלן אָפּגעלייגט אויף מאָרגן.

דעם זעלביקן טאָג איז געקומען צו פֿאָרן פֿון ווילנע די גוט באַוווסטע טײַבעטשקע [2] אָפּצונעמען בײַ מיר אַ פּראָקלאַמאַציע

1 אַ טישטעקע מיט קלעקפּאַפּיר.

2 שפּעטער ניעמאַנסקיס (זעלדאָוויטש) פֿרוי.

פֿאַר דער ווילנער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אונדזער מינסקער דרוקערײַ. אין אָוונט האָט מען צו מיר געבראַכט דעם פּאַק פּראָקלאַמאַציעס, טײַבעטשקע האָט זיך מיט זיי באַלאָדן און איז אַוועק אויפֿן וואָקזאַל. ס'האָט געקענט זײַן אַרום עלף. איך בין אַרויס נאָך טײַבעטשקען, כּדי צו זען, צי מען קוקט איר ניט נאָך, ווען זי זעצט זיך אַרײַן אין „קאָנקע". אַרום און אַרום איז געווען פּוסט, קיין שפּור פֿון אַ חשודן נפֿש. איך בין אַוועק אויפֿן ווילנער וואָקזאַל: איך האָב געזען, ווי טײַבעטשקע האָט גענומען אַ בילעט און קיינער הינטער איר האָט ניט געקוקט איבער איר פּלייצע; זי איז אַרײַן אין וואַגאָן, און קיינער האָט אויף איר קיין אויג ניט געוואָרפֿן. איך בין געווען זיכער, אַז זי פֿאָרט אָפּ ריין ווי אַ טײַבעלע, און זי איז טאַקע בשלום אָנגעקומען קיין ווילנע.

אויפֿן וואָקזאַל איז געווען עפּעס מאָדנע, ווי נאָך קיין מאָל ניט פֿאַר דעם: ער איז געווען ממש באַלעגערט פֿון זובאַטאָווס אַגענטן. בײַ יעדער אַרײַנגאַנג און אַרויסגאַנג זײַנען געשטאַנען זײַנע שפּיקעס, וואָס זייערע פּנימער זײַנען מיר געווען גאַנץ גוט באַקאַנט, און עטלעכע פֿון זיי האָבן אַרומגעשפּאַצירט אויפֿן פּעראָן. פֿון מיר האָט מען אַן אויג ניט אַראָפּגעלאָזן. אויפֿן פּעראָן איז לעבן מיר פּשוט געגאַנגען אַ שפּיק און איז פֿון מיר קיין טריט ניט אָפּגעטראָטן. איך בין אַרײַן אין ווילנער צוג, דער שפּיק נאָך מיר. איך בין אַריבער אין בריסקער צוג וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם ווילנער, — דער שפּיק איז מיר נאָכגעגאַנגען. איך בין אַוועק צום לאָקאָמאָטיוו אויפֿן סאַמע עק פּעראָן, דער שפּיק מיט מיר. עס איז געווען נאָך צוועלף, ווען איך בין אַרויס פֿון וואָקזאַל. קיינער איז מיר ניט נאָכגעגאַנגען. איך בין אַרײַן אויף אַ ווײַלע אין אַ „טשײַנע" (טיישטיבל) אויסטרינקען אַ גלעזל טיי און בין אַוועק אַהיים. עס איז געווען אַרום איינס אַ זייגער בײַ נאַכט.

כּדי דער לייענער זאָל בעסער פֿאַרשטיין, וואָס עס איז ווײַטער פֿאָרגעקומען, מוז איך מאַכן אַ באַמערקונג: מײַן צימער איז געווען אין אַ הילצערנעם הײַזל, אין סאַמע סוף פֿון אַ לאַנגן

קאָרידאָר וואָס האָט זיך געצויגן דירעקט פֿון הויז־אַרײַנגאַנג. דער סופֿיט פֿון צימער איז געווען פֿון ברעטער און איז געלעגן אויף גראָבע באַלקנס וואָס זײַנען געגאַנגען האָריזאָנטאַל פֿון איין וואַנט צו דער אַנדערער. דאָס הײַזל האָט געהאַט אַ גרויסן הויף מיט עטלעכע גרויסע שפּײַכלערן און אַ גרויסן סאָד.

פֿאַרן לייגן זיך שלאָפֿן פֿלעג איך פֿאַרשטייט זיך צושליסן די טיר פֿון מײַן צימער און אַוועקלייגן לעבן זיך אויפֿן טיש אַ קעסטל שוועבעלעך מיט צוויי פּאַפּירלעך אויף דעם. אויף איין פּאַפּירל זײַנען געווען פֿאַרשריבן דוכט זיך אַרום דרײַסיק פֿאַרשיפֿרירטע אַדרעסן, אויף וועלכע מיר פֿלעגן זיך דורכשרײַבן מיט אונדזערע און מיט רוסישע אָרגאַניזאַציעס; אויפֿן צווייטן פּאַפּירל איז געווען פֿאַרצייכנט די קאַסע פֿון צ"ק (הכנסה און הוצאה). ווײַטער איז אין מײַן צימער געווען ריין. דאָקומענטן, מאַטעריאַלן פֿאַרן צענטראַלן אָרגאַן, אַרטיקלען אָדער אַנדערע מינים כּתבֿים, וואָס איך האָב זיי אָנגעשריבן אָדער געהאַלטן אין שרײַבן, אד"גל פֿלעג איך אויף בײַ נאַכט באַהאַלטן אויפֿן הויף אין מיסטקאַסטן אין אַ לאָך וואָס ס'איז געווען שווער צו באַמערקן (בײַ טאָג פֿלעגט די זובאַטאָווושע חבֿרה ניט קומען).

דאָס קעסטל שוועבעלעך מיט די צוויי פּאַפּירלעך האָב איך לעבן זיך אַוועקגעשטעלט ווי תּמיד, אָבער די טיר פֿון מײַן צימער האָב איך פֿון גרויס מידקייט פֿאַרגעסן צו פֿאַרשליסן. איך בין אַנטשלאָפֿן געוואָרן ווי אַ טויטער.

מען קומט מיך נעמען

עס האָט געקאָנט זײַן אַרום צוויי אַ זייגער, ווען די מלאכי־חבֿלה זײַנען צוגעקומען צו מײַן הײַזל. כּדי איך זאָל זיך ניט אויפֿכאַפּן און עפּעס פֿאַרברענען, האָבן זיי ניט געקלונגען, נאָר פּשוט אויפֿגעבראָכן די טיר פֿון דרויסן. איך בין אַזוי טיף געשלאָפֿן, אַז איך האָב דאָס ניט דערהערט. אָבער עס טרעפֿן אַ מאָל מאָדנע זאַכן: ווען דער אָפֿיציר איז מיט זײַן כאַ־ליאַסטרע אַרײַנגעפֿאַלן אין טונקעלן קאָרידאָר, האָט ער זיך צעמישט און ניט ווילנדיק אַ געשריי געטאָן „אָגניאַ"! (פֿײַער!), און גראָד

דאָס האָב איך דערהערט. ווי אַ בליץ איז מיר דורכגעפלויגן אין מוח: „די מיליטערישע עסקאַדרע איז דאָ!" איך האָב אַראָפּ-געכאַפּט די צוויי פּאַפּירלעך פונעם קעסטל שוועבעלעך און אַרײַנ-געוואָרפן זיי אין מויל. איך האָב דאָס קוים באַוויזן צו טון, איז אין מײַן צימער שוין אַרײַנגעפלויגן מיט אַ ליכט אַ זשאַנ-דאַרישער אָפיציר, צוגעשפּרונגען צו מײַן בעט און שאַרף אַרײַנגעקוקט מיר אין פּנים.

דעמאָלט איז בײַ די זשאַנדאַרן געווען אַ מינהג: בײַ דעם קלענסטן חשד, אַז מען האָט אַראָפּגעשלונגען אַ פּאַפּירל, פלעגט מען תּיכּף צודריקן דעם גאָרגל, אַזוי אַז דאָס אַראָפּגעשלונגענע האָט געמוזט צוריק אַרויס מיט אַ שטראָם בלוט. דער אָפיציר האָט דערזען, אַז איך קוק אים אין די אויגן און לאַך. דאָס האָט אים תּיכּף באַרויִקט, און ער האָט זיך אַ דריי געטאָן מיטן רוקן צו מיר, כּדי אַוועקצושטעלן די ליכט אויפן טיש. דערמיט האָב איך זיך באַנוצט, כּדי אַראָפּצושלינגען די פּאַפּירלעך. קיין שום אַנדערע טרייפע זאַכן זײַנען בײַ מיר אין צימער, ווי געזאָגט, נישט געווען.

איך האָב אַ פרעג געטאָן בײַם אָפיציר, צי ער האָט אַ שריפטלעכע פאַראָרדענונג צי זוכן בײַ מיר. „געוויס, געוויס, האָט ער געענטפערט: זײַט מוחל און קוקט דורך דעם פּאַפּיר". אין דעם אָפיציעלן פּאַפּיר וואָס ער האָט מיר דערלאַנגט איז געשטאַנען: רעווידירן און, ווי די רעזולטאַטן זאָלן ניט זײַן, אַרעסטירן און אָפּשיקן אין רשות פון מאָסקווער אייבערפּאָליצ-מײַסטער. ווײַטער איז געשטאַנען די דאַטע און דער שטעמפּל פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט.

„איר האָט געוויס בריוו, האָט דער אָפיציר צו מיר געזאָגט: ווײַזט זיי מיר בעסער אַליין, מיר וועלן זיי דאָך סײַ ווי געפינען. דאָס זוכן וועט נאָר אָפּנעמען אומזיסט צייט."

— זוכט, האָב איך אים געענטפערט.

עס האָט זיך מיט אַ מאָל אַרײַנגערוקט אין צימער אַ זובאַ-טאָוושער שפּיק וועלכן איך האָב גאַנץ גוט געקענט. דער אָפיציר האָט בײַ אים אַ פרעג געטאָן, אָנווײַזנדיק אויף מיר:

„דאָס איז ער?"

— יאָ, האָט געענטפערט דער שפּיק און איז גלײַך אַוועק.

די דאָזיקע סצענע דערקלערט זיך אָט מיט וואָס. זובאַ־טאָווס אַגענטן האָבן געאַרבעט אין מינסק, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט, בשתיקה פון פאָליצײַ און האָבן דעריבער ניט געוווּסט די פאַמיליע־נעמען פון די, נאָך וועלכע זיי האָבן נאָכגעשפּיאָנירט; די דאָזיקע נעמען האָבן זיי געקאָנט דערגיין נאָר אין „אוטשאַ־סטאָק".[1] די, נאָך וועלכע זיי האָבן זיך נאָכגעיאָגט, האָבן געטראָגן בײַ זיי געוויסע צונעמענישן, און אין די רעלאַציעס צו זובאַטאָוון האָבן פיגורירט אויף אַזאַ אופן ניט די אמתע נעמען, נאָר סתם צוגעטראַכטע לויט אַ געוויסן אויסווייניקסטן סימן. בײַ אַזאַ סיסטעם האָט אַ מאָל געקאָנט פאָרקומען אַ טעות. דעריבער האָבן די אַגענטן געמוזט בשעת רעוויזיעס פּערזענלעך באַשטעטיקן, אַז דאָס איז טאַקע דער, וועגן וועלכן זיי האָבן ראַפּאָרטירט קיין מאָסקווע.

די רעוויזיע

די רעוויזיע בײַ מיר איז געווען אַן אומגעווייִנטלעך שטרענגע: מען האָט דורכגעטאַפּט יעדער שטיקל מלבוש און דורכגעקוקט יעדער ברעקל וועש אַנטקעגן שײַן; דערבײַ האָט דער אָפיציר געמאַכט עטלעכע מאָל טיפזיניקע באַמערקונגען. למשל ווען ער האָט געפונען אַ העמד מיטן צייכן פון אַ וואַר־שעווער וועשפאַבריק, האָט ער אויסגעשריִען: „אַהאַ! איר זײַט געווען אין וואַרשע".

מען האָט געזוכט צווישן די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע און אין סופיט צווישן די ברעטער און די באַלקנס. מען האָט דורכגעקלאַפּט די ווענט, דורכגעזוכט אַלע צימערן פון מײַן בעל־הביתטע, אַלע ביידעמער, אַלע שײַערן, געגראָבן דעם סאָד, געקראָכן אויף די ביימער און געשטורכעט מיט די שווערדן אין די לעכער.

---

[1] פּאָליצייִשער צירקל, קאָמיסאַריאַט.

די צוויי ביכער וואָס זײַנען אָנגעקומען פֿון אויסלאַנד האָט דער אָפֿיציר צוגענומען, ווײַל אין איין בוך (מאַסאָנס פֿראַנצייזישע גראַמאַטיק) זײַנען געווען אונטערגעשטראָכן אייניציקע זאַצן (פֿון אַ תּלמיד וואָס האָט זיך באַנוצט מיטן בוך), האָט דער אָפֿיציר געמיינט, אַז דאָ איז עפּעס פֿאַרשיפֿרירט. דאָס צווייטע בוך איז געווען אַ לערנבוך פֿון כעמיע, און דאָס האָט דעם אָפֿיציר אויסגעוויזן צו זײַן זייער חשוד: „וואָס, איר שטודירט כעמיע?" האָט ער אַ פֿרעג געטאָן, און אויף זײַן טיפּשותדיקן פּנים איז געווען אָנגעשריבן: ווער ווייס, אפֿשר האָט ער זיך אויך פֿאַרנומען מיט צוגרייטן רעצעפּטן, ווי אַזוי צו מאַכן באָמבעס? דעם ביוואַר האָט ער איבערגעלאָזן. אַגבֿ אורחא: אין מאָסקווע האָבן זיי זיך ניט געכאַפּט, אַז אין די טאָוולען פֿון די ביכער זאָל זיך וואָס עס איז געפֿינען.

דער אָפֿיציר האָט געטאָן זײַן אַרבעט מיט גרויס ברען, ניט געטרויט זײַנע משרתים און געזען אַליין דורכצוזוכן לכּל=הפּחות אין מײַן צימער. איין מאָל האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט געפּאַקט עפּעס וויכטיקס. דאָס איז געווען, ווען ער איז געשטאַנען אויף אַ שטול, באַוואָפֿנט מיט אַ לאַנגן דינעם שפּאָן וואָס ער האָט אויסגעזוכט בײַ דער בעל=הביתטע אין קיך, און געשטורכעט מיט אים צווישן די ברעטער און באַלקנס פֿון סופֿיט. מיט אַ מאָל איז אַרויסגעפֿאַלן אַ שטיקל פּאַפּיר אין דער פֿאָרם פֿון אַ קוואַדראַט. „אַהאַ!" האָט ער אַ געשריי געטאָן („אַהאַ!" איז בײַ אים תּמיד געווען אַן אויסדרוק פֿון טיפֿער אויפֿרעגונג). איך האָב זיך געחידושט: וואָס קאָן דאָס זײַן? שוין זשע האָט דער פֿריִערדיקער שכן דאָ באַהאַלטן אַן אומלעגאַל פּאַפּירל? דער אָפֿיציר האָט פֿונאַנדערגעוויקלט דאָס פּאַפּירל און געפֿונען נאָך אַ פּאַפּירל, אין צווייטן — אַ דריטן פּאַפּיר, און אין דריטן — אַ לאָקנדל האָר. דער אָפֿיציר האָט אין דעם מאָמענט געהאַט אַזאַ נעבעכדיקן אויסזען, אַקוראַט ווי פֿון לאָקנדל וואָלט מיט אַ מאָל אַרויסגעשפּרונגען אַ שיין מיידל און אים אָנגעשפּיגן אין פּנים.

אַרום 5 אַ זייגער פֿאַר טאָג איז געקומען איינער פֿון די פֿירערס פֿון דער עקספּעדיציע, דער ראָטמיסטער ראַטקאָ, אַ יונגער אָפֿיציר מיט בייזע אויסגעלאָסענע אויגן, אַ קוק טון, ווי מען האַלט. אַז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מען האָט גאָרנישט געפֿונען, האָט ער מיר מיט פֿאַרדראָס צוגעוואָרפֿן: „טשיסטאָ וויעדיאָטיע דיעלאָ״ („איר פֿירט ריין דעם עסק״) און אָנגעהויבן קריכן אויף אַלע פֿיר איבערן גרויסן הויף און אויפֿגעהויבן יעטווידער פּיצעלע פּאַפּיר.

ווי גוט די אָכראַניקעס האָבן ניט געזוכט, האָבן זיי זיך פֿאָרט ניט געכאַפּט, אַז אינעם מיסטקאַסטן וואָס איז פֿאַררוקט געווען אין אַ ווינטן ווינקל הינטער אַ גרויסן שײַער זאָל זײַן וואָס עס איז באַהאַלטן. און דאָרטן האָט זיך גראָד געפֿונען אַ גאַנץ טרייפֿע זאַך: דער מאַטעריאַל פֿאַרן 11טן נומער „אַרבעטער־שטימע״, וועלכן איך האָב שוין געהאַט צו יענעם טאָג, אויף וויפֿל איך געדענק, אין גאַנצן פֿאַרטיק געמאַכט און צוגעגרייט צום דרוק.

מען האָט געפֿונען בײַ מיר 25 רובל. אַ טייל פֿון דער סומע האָט געהערט דעם צ״ק (איך בין געווען דער קאַסירער אויך). דער אָפֿיציר האָט זיך געפֿילט ווי אָפּגענאַרט, ער האָט געהאָפֿט צו געפֿינען בײַ מיר אַ רײַכע צענטראַלע קאַסע.

נאָך דער רעוויזיע איז דער אָפֿיציר אַוועק מיט אַ טייל פֿון זײַן חיל און האָט בײַ מיר איבערגעלאָזט זײַן אָקאָלאָדאָטשני [1] פֿון מאָסקווער אָכראַנע און איין זשאַנדאַר.

דער זשאַנדאַר איז געזעסן מיט אַ פֿינצטערן פּנים און האָט געוויס געטראַכט וועגן זײַן ווייכער בעט דאָרטן אין דער ווײַטער רוסישער שטאָט. דער אָקאָלאָדאָטשני איז געווען אַ גוטמוטיק מענטשל; זובאַטאָווס שטיק זײַנען אים ניט געלעגן אין דער לינקער פּאה. דעם אָפֿיציר האָט ער קענטיק פֿײַנט געהאַט ווי אַ שפּין. האָט ער אים אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל: בעתן זוכן אויף אַ גרויסן בוידעם, ווו עס זײַנען געווען אָנגעוואָרפֿן די

---

[1] אַ העכערער פּאָליציאַנט.

פֿאַרשיידנסטע שמאַטעס, דערין אויך צעפֿוילטע ליטווישע און פּוילישע ביכער, האָט ער מיט אַ מאָל פֿון אַ טונקעלןווינקל אַ געשריי געטאָן: „וואַשע בלאַגאָראָדיע! איך האָב געפֿונען עפּעס אַ טאָפּ".

— שלעפּט, פּעטערל, ברענגט אַהער, האָט זיך דער אָפֿיציר אָפּגערופֿן.

דאָס „פּעטערל" האָט אים צוגעטראָגן צום סאַמע נאָז אַ פֿולן נאַכטטאָפּ. דער אָפֿיציר האָט ווי אַ פֿאַרסמטער אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ אויף צוריק און נאָר געקאָנט תּמעוואַטע אויס־שרײַען: „צו אַל די רוחות! מען האָט דאָ פּשוט..."

איך האָב זיך פֿונאַנדערגערעדט מיטן אָקאָלאָדאָטשני און אַגב געפֿרעגט, פֿון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען, וואָרעם נעכטן (דעם 25טן) האָט מען אויף דער גאַס קיינעם פֿון זיי ניט געזען. ער האָט מיר דערציילט, אַז זיי זײַנען אַלע — די אָפֿי־צירן און ניט־אָפֿיצירן — געקומען קיין מינסק אָנגעטאָנענע אין ציוויל, אין אַ גרויסער צאָל. זיי זײַנען אַלע געקומען פֿון מאָסקווע, אַחוץ די וואַכמיסטערס וועלכע מען האָט גענומען פֿון סמאָלענסק. אין דער נאַכט אַנטקעגן דעם 26טן האָבן זיי זיך אָנגעטאָן אין זייערע אוניפֿאָרמען און זיך גרופּעסווײַז אַ לאָז געטאָן איבער די מינסקער גאַסן אויף רעוויזיעס. דעם ווע האָבן געוויזן זובאַטאָווס אַגענטן וואָס האָבן זיך געפֿונען אין מינסק. די אַרטיקע נאַטשאַלסטווע האָט וועגן דער גאַנצער מעשׂה ניט געוווּסט.

איך בין אַרעסטירט

אַרום זיבן אַ זייגער האָט מען מיך געבראַכט אויף אַ דראָשקע אויפֿן בריסקער וואָקזאַל און איבערגעלאָזן ביזן צוג אין אַלגע־מיינעם זאַל פֿאַר די פּאַסאַזשירן.

עס איז געקומען דער צוג פֿון בריסק, און איך האָב דער־זען, אַז אין וואָקזאַל לויפֿט אַרײַן מאַרק ווילטער. איך בין גיך פֿאַרבײַגעגאַנגען פֿאַרבײַ אים און געזאָגט: „גייט ניט צו, מען האָט אַלעמען אַרעסטירט, טראָגט זיך אָפּ!" ער איז אַרויס ווי

אַ קויל און זיך גלייך אַריינגעכאַפּט אין צוג. אַזוי איז ער ניצול געוואָרן. פֿון באָברויסק איז ער אָפּגעפֿאָרן דוכט זיך מיט אַ שעה אָדער צוויי פֿריִער איידער די זשאַנדאַרן זײַנען געקומען אין דרוקערײַ, און די שפּיקעס האָבן דאָס ניט באַמערקט. ווען די זשאַנדאַרן זײַנען געקומען, איז שוין אַלץ געווען פֿאַרפּאַקט צום אַוועקפֿאָרן: דער שריפֿט, די אָפּגעדרוקטע „אַרבעטער-שטימע" נומ' 9-10. מיט די הילצערנע טיילן פֿון דער דרוקערײַ איז שוין געווען פֿריִער אַוועקגעפֿאָרן שׂרה ווילטער, זי איז פֿאַרהאַלטן געוואָרן אין גראָדנע. מאַרק האָט געהאַט בײַ זיך אַן עקזעמפּלאַר פֿון נומ' 9-10 „אַרבעטער-שטימע", אָבער נאָך דעם ווי ער האָט זיך פֿון מיר דערוווּסט וועגן די אַרעסטן, האָט ער אים אין וועג אַרויסגעוואָרפֿן.

אַרום אַ וואָך זײַנען מיר געזעסן אין די „אַרעסטהײַזער" בײַ די מאָסקווער פּאָליציי-צירקלען („אין רשות פֿון מאָסקווער אייבערפּאָליצמײַסטער"), און דערנאָך האָט מען אונדז אַריבער-געפֿירט אין תּפֿיסה („אין רשות פֿון מאָסקווער זשאַנדאַרמעריע").

אויפֿן פֿאַרהער בײַ זובאַטאָוון

זובאַטאָוו האָט טייל פֿון די אַרעסטירטע (וועמען-ווייס איך ניט אויף זיכער) איינציקווײַז פֿאַררופֿן צו זיך אויף אַ שמועס. בתוכם בין איך אויך געווען. אין אַ שיינעם טאָג בין איך גע-בראַכט געוואָרן אין דער מאָסקווער אָכראַנע. צו מיר איז אַרויס אַ מאַן כּמעט פֿון הויכן וווּקס, מיטן קערפּער אַ ביסל פֿאָרויס, אויף פֿאָרנט, אַזוי אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז ער גייט אויף די שפּיץ פֿינגער ווי אַ וואָלף. די אויגן זײַנען געווען באַהאַלטן הינטער טונקעלע ברילן. אין זײַן באַנעמען זיך איז ער געווען זייער איידל. דאָס איז געווען זובאַטאָוו.

ער האָט מיר געזאָגט:

„איך האָב נאָר דורכגעפֿירט די אַרעסטן אין „בונד". צו דער אויספֿאָרשונג אָבער האָב איך קיין שײַכות ניט, דערמיט פֿאַרנעמט זיך די מאָסקווער זשאַנדאַרמעריע. איך וויל זיך נאָר אַ ביסל דורכשמועסן מיט אײַך."

ער האָט מיר געשטעלט איין פראַגע:

„זײַט מוחל, צי קענט איר מיר ניט זאָגן, ווי לאַנג איר פאַרנעמט זיך מיט רעוואָלוציע?"

אַז איך האָב אים געענטפערט: „איך פאַרשטיי ניט, פון וואַנען איר דרינגט, אַז איך פאַרנעם זיך מיט רעוואָלוציע", האָט ער געזאָגט: „מיר ווייסן וועגן אײַך אַלץ. מיר ווייסן, אַז איר זײַט אַ מיטגליד פון צענטראַלן קאָמיטעט, אַז איר זײַט געשטאַנען אין אַ שטענדיקער פאַרבינדונג מיט דער דרוק אין באָברויסק, אַז אין די עטלעכע חדשים וואָס איר האָט פאַרבראַכט אין מינסק האָט איר אָפּגעטאָן דער טײַוול ווייסט וואָס. איך וועל אײַך גלײַך באַווײַזן, אַז מיר ווייסן יעדער טריט אײַערן."

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ שאַפע אַ גרויסן גראָבן מעמאָריאַל, וואָס מען וואָלט אים געקענט צורעכענען צו דער משפחה פון יענע לעגענדאַרע ביכער אין די קאָלאָסאַלע לאָנדאָ-נער האַנדלסהײַזער, וועגן וועלכע טימאָפּיי האָט זיך אַ מאָל געוויצלט, אַז פון „דעבעט" ביז „קרעדיט" גייט אַן עלעקטרישע באַן.

זובאַטאָוו האָט זיך גענומען לייענען פונעם בוך טאָג פאַר טאָג, וואָס איך האָב געטאָן. עס איז געווען פאַרשריבן אַלץ מיט אַלע פּיצלעך, און טאַקע ריכטיק. למשל: אין אַזאַ און אַזאַ טאָג, אין אַזאַ און אַזאַ שעה, אין אַזאַ און אַזאַ גאָרטן האָב איך זיך געזען מיטן זעצער שערמאַן; איך האָב אים איבערגעגעבן אַ פּעקל וואָס איז געווען אײַנגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר פון אַזאַ און אַזאַ קאָליר און האָט אויפן קוק געהאַט אַזוי פיל אין דער לענג און אַזוי פיל אין דער ברייט; לויט דעם ווי איך האָב דאָס פּעקל געהאַלטן, האָט דאָס געמוזט זײַן שריפט. דאָס פּעקל האָט מען אַוועקגעטראָגן צו סלוצקין אויף קוואַרטיר. פון דאָרטן איז עס, שוין אין אַן אַנדער פּאַפּיר, אַוועקגעטראָגן געוואָרן פון אַן אַנדער פּערזאָן אויף אַזאַ און אַזאַ קוואַרטיר א ז"וו. עס איז אַפילו יעדער טאָג געווען פאַרצייכנט, ווו און ווען איך האָב געגעסן מיטאָג.

פֿון דעם וואָס זובאַטאָוו האָט מיר איבערגעלייענט האָב איך געקענט דרינגען, אַז די שפּיקעס האָבן אייניקע וויכטיקע זאַכן ניט באַמערקט אָדער פֿאַרשוויגן, ווײַל זיי האָבן אין אַ געוויסן מאָמענט פֿאַרלוירן די שפּור. אַזוי האָבן זיי, לויט אַלע סימנים, ניט באַמערקט, ווי אַלעקסאַנדער און איך האָבן אין מיטן העלן טאָג גאַנץ אָפֿן אַריבערגעפֿירט אויף אַ דראָשקע אַ גרויסן טראַנספּאָרט רוסישע ליטעראַטור צו באַנצווורס (דעם „קופּעצס") כלה אויף דער דירה. זיי האָבן קאָנטיק ניט ראַפּאָר־טירט צו זובאַטאָוון וועגן מײַן נסיעה קיין ווילנע, וווּ איך האָב געהאַט אַ באַראַטונג מיטן ווילנער קאָמיטעט, אַ וואָכן צוויי פֿאַר מײַן אַרעסט, — מסתמא ווײַל זיי האָבן מיך דעמאָלט פֿאַר־לוירן פֿון אויג, הגם צוויי פֿון זיי זײַנען פֿון מינסק, ווי איך האָב געזען, מיר נאָכגעפֿאָרן (פֿון וואָקזאַל אין ווילנע בין איך גלײַך אַוועק אין דעם באַרימטן לאַבירינט פֿון די קרומע־לאָמע געסלעך מיט די פֿיל דורכגאַנגהויפֿן אינעם ראַיאָן פֿון דײַטשער גאַס און האָב זיך דאָרטן אַזוי לאַנג געדרייט, ביז איך בין פֿון די שפּיקעס, וואָס זיי האָבן ווילנע ווייניק געקענט, נעלם געוואָרן).

נאָך דעם ווי זובאַטאָוו האָט אויפֿגעהערט לייענען און פֿאַרמאַכט דעם ספֿר־הזכרונות, האָב איך בײַ אים געפֿרעגט, מיט וואָס ער איז זיכער, אַז די ידיעות פֿון זײַנע אַגענטן זײַנען ריכטיקע.

„מײַן סיסטעם איז אַזאַ, האָט ער געענטפֿערט, אַז זיי קענען מיר קיין ליגן ניט זאָגן".

— אין וואָס באַשטייט אײַער סיסטעם?

— אָט אין וואָס. לאָמיר נעמען מינסק. דאָרטן האָב איך געהאַט עטלעכע אינפֿאָרמאַטאָרן. זיי האָבן געמוזט יעדער טאָג מיר טעלעגראַפֿירן וועגן אַלץ וואָס זיי האָבן פֿאַר דעם טאָג באַמערקט, און יעדערער פֿון זיי האָט דאָס געטאָן פֿאַר זיך אַליין, ניט ווויסנדיק, וואָס די אַנדערע זײַנען מודיע. סוף וואָך פֿלעג איך צוזאַמענקלײַבן אַלע ידיעות און פֿאַרגלײַכן זיי איינע מיט די אַנדערע. דער קלענסטער ליגן וואָלט אַרײַנגעטראָגן אַ סתירה

אינעם בילד, קיין סתירות האָב איך אָבער קיין מאָל ניט באַמערקט. אויך דאַרפֿט איר נעמען אין אַכט, אַז מײַנע אַגענטן האָבן אַפֿילו ניט געוווּסט די נעמען פֿון די, נאָך וועלכע זיי האָבן געקוקט, און האָבן זיי באַצייכנט אין די ראַפּאָרטן מיט צונעמעניש. איר למשל האָט געהייסן „בלויער".

– פֿאַר וואָס עפּעס בלויער?

– ווײַל מײַנע אַגענטן האָבן באַמערקט, אַז נאָכן גאָלן ווערן בײַ אײַך די באַקן אַ ביסל בלוילעך.

ווײַטער האָט מיר זובאַטאָוו דערציילט בפּרטיות, ווי ער האָט געפֿונען דעם וועג צום בונד, און וועגן דער „ליקווידאַציע" פֿון די רוסישע אָרגאַניזאַציעס – אַלץ זאַכן וואָס זײַנען שוין איצט גוט באַוווּסט.

אויף איינעם פֿון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז ער עפּעס געווען ספּעציעל אין כּעס און האָט זיך באַמיט צו מאַכן אים צו שפּאָט פֿאַר מיר. דאָס איז געווען איידלמאַן, דער קיִעווער דעלעגאַט אויפֿן גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רוסלענ־דער ס"ד אַרבעטער־פּאַרטיי. דאָס איז אַ קאָנספּיראַטאָר! האָט זיך זובאַטאָוו געקרימט: אַז מען האָט אים אַרעסטירט, האָט מען בײַ אים געפֿונען אַ טשעמאָדאַן מיט אַ טאָפּעלן דעק. דער גרויִ־סער קאָנספּיראַטאָר האָט געמיינט, אַז מיר וועלן דאָס ניט באַמערקן. אין דעם פֿאַרבאָרגענעם אָפּטייל פֿונעם טשעמאָדאַן האָבן מיר, צווישן אַנדערע זאַכן, אַ שטייגער שריפֿט, געפֿונען – איר ווייסט וואָס? אַ מאַנוסקריפּט מיטן קעפּל: „כּללים פֿון קאָנספּיראַציע". כאַ־כאַ־כאַ...

מען קען פֿרעגן, צו וואָס זובאַטאָוו האָט דאָס מיר אַלץ דערציילט. ער האָט דאָך געוויס פֿאַרשטאַנען, אַז קיין שום פּראַקטישן ווערט האָט דאָס ניט. איז די מעשׂה, וואָס ער איז געווען זייער פֿאַרליבט אין זיך און אַ גרויסער באַרימער. עס האָט אים תּמיד געטריבן צו פּויקן „אויף אַלע איירָאָפּעס" וועגן זיך, וועגן זײַן „טאַלענט" אין ליקווידירן רעוואָלוציאָנערע אָרגאַ־ניזאַציעס.

אומזיסט געװען זייער פרייד

די שׂימחה בײַ די צאַרישע אָכראַניקעס איז געװען גרויס. דעם צאַר ניקאָלײַ איז תּיכּף צוגעשטעלט געװאָרן אַ גענויער ראַפּאָרט װעגן דער „ליקװידאַציע" פון בונד. צװישן די הויכע שׂררות װאָס זײַנען אין מאָסקװע געקומען אויפן װאָקזאַל צום צוג װאָס האָט געבראַכט די פירערס פון בונד איז געװען אויך דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון מאָסקװע. די לײַט האָבן געװאָלט אַ קוק טון, װי אַזוי עס זעען אויס די „רעדל־פירערס" פון דעם סודותדיקן בונד װאָס עקסיסטירט נאָך אַפילו נישט קיין יאָר און ס'גייען שוין װעגן אים אַרום לעגענדעס. אין דער מאָסקװער מיטישטשענסקער („גובערניאַלער") טורמע איז אַראָפּגעקומען דער יוסטיץ־מיניסטער מוראַװיאָװ זען מיט די אייגענע אויגן די אַרעסטירטע „פּאָ דיעלו בונדאַ". זיי האָבן זיך אָבער אומזיסט געפרייט. עס האָט ניט לאַנג געדויערט, האָט זיך אַרויסגעװיזן, װי פעסט דער „בונד" איז שוין געװען צונויפגעבונדן מיט די אַרבעטער־מאַסן, ניט געקוקט אויף זײַן נאָך גאַנץ קורצער עקסיסטענץ. דעם אָרט פון דער אַראָפּגענומענער פירערשאַפט האָבן פאַרנומען פרישע עלעמענטן װאָס האָבן זיך אויפגעהויבן פון אונטן, און — „דאָס רעדל האָט זיך געדרייט װײַטער". עס האָט זיך גלענצנדיק באַשטעטיקט דער אמת, אַז דער בונד איז אויסגעװאַקסן פון אונטן, אַז ער איז „אַן אָרגאַנישער פּראָדוקט" פון דער מאַסן־באַװעגונג, װי מען פלעגט זיך אויסדריקן יענע צײַטן. דער בונד האָט ניט געקאָנט פאַרטיליקט װערן, װי עס קאָנען ניט פאַרטיליקט װערן די מאַסן און זייערע באַװעגונגען פאַר אַ בעסער לעבן.

קרעמערס טעלעגראַף

פֿון

י. גערזונדהייט

אין יאָר 1899, זיצנדיק אין דער מאָסקווער תּפֿיסה, האָט אַרקאַדי קרעמער צונויפֿגעשטעלט אַ פּראָיעקט פֿון אַ דרוקנדיקן טעלעגראַפֿישן אַפּאַראַט.[1] דאָס איז ניט עפּעס אַן אויבנאויפֿיק אָנגעוואָרפֿענער פּלאַן, נאָר אַ גוט דורכגעטראַכטע און פּרעציזירטע אַרבעט. דער מחבר פֿאַרגעסט ניט אין קיין שום שפּרינגפֿעדערל און שרײַפֿעלע, יעטווידער הייבערל און יעדער קאָנוס האָט זײַן פֿעסטן אָרט און פֿירט אויס אַ באַשטימטע טוונג. דער פּראָיעקט האָט בפֿירוש אין זינען פּראַקטישע באַדערפֿענישן: ער דערמאָנט אַ שטייגער עטלעכע מאָל וועגן דער מיגלעכקייט אויף אַ האַנטיקן אופֿן צו דרוקן אין אַ סך עקזעמפּלאַרן די טעלעגראַמען פֿאַר די רעדאַקציעס פֿון צײַטונגען. אָבער דער מחבר פֿאַרגעסט אויך ניט אין דעם גרויסן מהלך וואָס טיילט אָפּ טעאָריע פֿון פּראַקטיק, אין די טעכנישע שוועריקייטן וואָס קענען זיך אַרויסרוקן בײַם רעאַליזירן זײַן פּראָיעקט; הייבט ער אָן מיט די ווערטער: „איך וועל באַמערקן בײַם סאַמע אָנהייב, אַז איך ווייס ניט, צי לאָזט זיך דער אַפּאַראַט אַדורכפֿירן אין טעכנישן זינען; כ'וועל דעריבער ניט געבן קיין שום מאָסן, נאָר מערניט אַ באַשרײַבונג פֿון די טיילן, זייער פֿונקציע און טיילווײַז זייער פֿונאַנדערשטעל".

---

[1] זע אויבן זז׳ 64 און 104. אין רוסיש רופֿט זיך די אַרבעט: Печатающій телеграфный аппаратъ. דער אָריגינאַל געפֿינט זיך אין אַרכיוו פֿון בונד אין פּאַריז, אַ קאָפּיע איז פֿאַראַן אין אַרכיוו פֿון ייִוואָ.

אַזעלכע באַוואָרעניש מתּוך ענוות באַגעגענען זיך אין מאַנו־סקריפּט נאָך צענדליקער מאָל.

בײַם סאַמע אָנהייב פּראָיעקט שטייט אַ דאַטע: 25טער נאָוועמבער 1899. אויף ז׳ 67 (אין דער ייִוואָ־קאָפּיע) לייענען מיר: „ס׳איז אַרויסגעקומען אומגעריכט פֿאַר מיר אַליין שרעקלעך לאַנג, און איך בעט דאָס מיר מוחל זײַן. 27טער נאָוועמבער 1899. אַהרון קרעמער.“ מיט דער דאַטע פֿון 16טן דעצעמבער 1899 קומט נאָך דערנאָך אַ צוגאָב אויף 6 זײַטלעך.

מיר וועלן מאַכן אַ פּרוּוו צו כאַראַקטעריזירן די גרונט־אידעע פֿון קרעמערס אויסגעפֿינס. מען דאַרף אָבער האָבן אין זינען, אַז מיר גיבן דאָס גאָר שטאַרק געקירצט און אָן די צענדליגע צענדליגע צייכענונגען, מיט וועלכע קרעמער האָט אילו־סטרירט זײַן טעקסט.

ווי אַזוי אַרבעט אַ טעלעגראַף בכלל? צוויי ערטער ווערן פֿאַראייניקט מיט אַ דראָט. אין ביידע ערטער זײַנען אויפֿ־געשטעלט אַפּאַראַטן, איין אַפּאַראַט שיקט אַרויס עלעקטרישע שטראָמען, דאָס איז דער געבער; דער צווייטער כאַפּט זיי אויף, ער איז דער אָפּנעמער. פֿון געבער צום אָפּנעמער פֿליִען עלעק־טרישע שטראָמען וואָס טראָגן אין זיך ידיעות פֿון איין סטאַציע צו דער צווייטער, צוריק גייען זיי דורך דער ערד. די גאַנצע קונץ באַשטייט אין פֿאַרשטיין די שפּראַך פֿון די עלעקטרישע אימפּולסן, אין איבערטראָגן דעם סודותדיקן שיפֿער אין פֿאַר־שטענדלעכע מענטשלעכע ווערטער. נאָך גרעסער איז די קונץ, ווען די עלעקטרישע שטראָמען דעשיפֿרירן זיך אַליין און גיבן איבער זייער סוד אין פֿאָרם פֿון געדרוקטע אותיות.

קרעמער לייגט פֿאָר אַזאַ סיסטעם טעלעגראַף: דורך אַ האָרי־זאָנטאַלער ראָד גייט אַדורך אַ מעטאַלענע ווערטיקאַלע אַקס וואָס איז מיט דער ראָד שטענדיק פֿאַרבונדן. דער ראַנד פֿון ראָד איז באַדעקט מיט עפּעס אַן איזאָלירנדיקן מאַטעריאַל, למשל מיט העלפֿאַנטביין. אין איין אָרט פֿון ראַנד איז דער העלפֿאַנטביין אַראָפּגענומען, און אין ראָד איז דאָרט פֿאַראַן אַן אויסשניט אין

געשטאַלט פֿון אַ פֿלאַכער פֿאַרקלענערטער פֿאַרטיפֿונג, וואָס פֿון איר פֿירט אַ מעטאַלענער צאַפּן צו דער אַקס. לעבן דער אַקס געפֿינט זיך אַ קלאַוויאַטור פֿון אַ צוויי־דריי שורות קלאַווישן מיט אָנגעצייכנטע אותיות, אַן ערך ווי בײַ אַ שרײַבמאַשין. יעדער קלאַוויש איז צוגעפּעסטיקט צום עק פֿון אַ צוויי־אַקסלדיקן הייבער. בעת מע גיט אַ קלאַפּ אין אַ קלאַוויש, גיט זיך אַ הייב דער צווייטער עק, אויף וועלכן ס'איז אָנגעשטעלט אַ שטעקעלע וואָס איז פֿאַרענדיקט מיט אַ קליינעם מעטאַלענעם וואַלץ. אויפֿ־הייבנדיק זיך דערגייט דער וואַלץ צום ראַנד פֿון ראָד און ווערט דאָרט צו אים צוגעקוועטשט דורך אַ זײַטיקער דריקונג.

די ראָד דרייט זיך צוזאַמען מיט איר אַקס. דער מעטאַ־לענער וואַלץ קען זיך אויפֿהייבן און אַראָפּלאָזן, אויך קען ער זיך דרייען אַרום זיך. אין אַ וועלכער עס איז אַנדער ריכטונג האָט ער ניט קיין שום מיגלעכקייט זיך צו באַוועגן מחמת זײַן צוגעבונדנקייט צום קלאַוויש. דאָס איז נוגע אַלע וואַלצן; און פֿאַראַן זײַנען וואַלצן אַזוי פֿיל, וויפֿל ס'איז דאָ קלאַווישן.

בעת דער וואַלץ הייבט זיך אויף און ווערט צוגעקוועטשט צום ראַנד פֿון דער באַוועגלעכער ראָד, נעמט ער, אַ דאַנק דער רײַבונג צווישן אים און דער ראָד, זיך דרייען אַרום זײַן אייגע־נער אַקס און קײַקלען זיך איבערן ראַנד פֿון ראָד, ניט בײַטנדיק זײַן פּאָזיציע אין רוים. דערווײַל רוקט זיך אונטער דער אויס־שניט אין ראָד, דער וואַלץ קײַקלט זיך דאָרט אַרײַן, אויף איין מאָמענט פֿאַרהאַלט ער די ראָד אין איר באַוועגונג (ווײַל דער וואַלץ אַליין קען זיך ניט רירן פֿון אָרט), אָבער אייננצײַטיק ווערט ער באַפֿרײַט פֿון דער דרויסנדיקער דריקונג און ער לאָזט זיך אַראָפּ, דערלויבנדיק דער ראָד זיך ווידער פֿרײַ צו דרייען. ווי מיר זעען, איז דער רעזולטאַט פֿון אַ קלאַפּ אין וועלכן עס איז קלאַוויש דאָס פֿאַרהאַלטן זיך פֿון ראָד.

אַחוץ דער אַרומגערעדטער ראָד איז – נידעריקער פֿון דער ערשטער – אָנגעטאָן אויף דער אַקס אַ צווייטע ראָד. ביידע דרייען זיך און פֿאַרהאַלטן זיך אייננצײַטיק, ווײַל זיי זײַנען שטײַף געבונדן מיט דער אַקס. די אונטערשטע ראָד האָט

בישט קיין שום אויסשניט, אָבער דערפֿאַר זײַנען אייך איר מעטאַלענעם ראַנד אויסגעגאָסן אַלע נייטיקע אותיות, די צען ציפֿער, אַ פֿרעגצייכן, אַ פּונקט אאַז"וו אין גלײַכע אָפּשטאַנדן איינער פֿון צווייטן.

לאָמיר זיך איצט פֿאָרשטעלן, אַז לעבן דער אונטערשטער ראָד האָט מען אַוועקגעשטעלט עפּעס אַ סימן, זאָל עס זײַן אַ פּענדל, צי אַ װײַזער. פֿאַרשטייט זיך, אַז בעת די רעדער דרייען זיך, װעלן פֿאַרבײַ דעם פּענדל דורכדעפֿילירן אַלע אותיות וואָס זײַנען אויסגעגאָסן אויף דער אונטערשטער ראָד. יעדער מאָל, ווען די רעדער פֿאַרהאַלטן זיך, פֿאַרהאַלט זיך אַנטקעגן פּענדל איינער פֿון די אותיות.

מיר גיבן אַ קלאַפּ אין אַ קלאַוויש, לאָמיר זאָגן מיטן אות A. אַ דאַנק אונדזער קלאַפּ הייבט זיך אויף אַ קליינער וואַלץ (מיר וועלן אים אָנרופֿן וואַלץ A), וואָס ער איז שטײַף פֿאַרבונדן מיט אָט דעם קלאַוויש. ער קוועטשט זיך צו צום ראַנד פֿון דער אייבערשטער ראָד, דערווײַל קײַקלט זיך אונטער דער אויסשניט, עס שטעלט זיך אויף איין מאָמענט די אייבערשטע ראָד, צוזאַמען מיט איר די אונטערשטע, און אַנטקעגן אונדזער פּענדל פֿאַרהאַלט זיך איינער פֿון די אותיות. דער וואַלץ וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן קלאַוויש A האָט אַ באַשטימטע פּאָזיציע אין רוים, אַלע מאָל געפֿינט ער זיך אין זעלבן אָרט, די אייבערשטע ראָד פֿאַרהאַלט זיך ערשט דעמאָלט, ווען דער אויסשניט אירער דער־גייט צום אויפֿגעהויבענעם וואַלץ – בכן: וויפֿל מאָל די ראָד ווערט פֿאַרהאַלטן דורכן וואַלץ A, געפֿינט זיך איר אויסשניט אין זעלבן אָרט וואָס דער וואַלץ A, ד"ה אין אַ באַשטימטער פּאָזיציע, אַלע מאָל אין דער זעלבער. וויפֿל מאָל אָבער מיר וועלן אַזוי אַ דריי געבן די אייבערשטע ראָד, אַז איר אויסשניט זאָל זיך געפֿינען אין דעם זעלבן אָרט, וועט זיך לעבן אונדזער פּענדל פֿאַרהאַלטן דער זעלבער אות פֿון דער אונטערשטער ראָד. פֿון דעם ווערט קלאָר, אַז יעדער מאָל, ווען מיר גיבן אַ קלאַפּ אין קלאַוויש A, שטעלט זיך אָפּ בײַם פּענדל דער זעלבער אות פֿון דער אונטערשטער ראָד. געוויינטלעך ווערן די אותיות אויף

דער אונטערשטער ראָד אויסגעגאָסן אין אַזאַ סדר, אַז ווען מען גיט אַ קלאַפּ אויפֿן קלאַוויש A, זאָל זיך בײַם פֿענדל פֿאַרהאַלטן טאַקע אַן A, בײַ אַ קלאַפּ אין קלאַוויש B זאָל זיך בײַם פֿענדל פֿאַרהאַלטן אַ B אַאַז״וו.

אויב מיר וועלן איצט אַוועקזעצן לעבן אונדזער קלאַוויאַטור אַ טעלעגראַפֿיסט וואָס וועט פֿון אייניציקע אותיות אויסקלאַפּן ווערטער, און אַ צווייטער טעלעגראַפֿיסט וועט שטיין בײַם פֿענדל און פֿאַרשרײַבן די אותיות וואָס פֿאַרהאַלטן זיך לעבן אים — וועלן זיי זיך קענען גוט פֿאַרשטענדיקן.

דערווײַל זעט אָבער דער גאַנצער עינין אויס ווי אַ שפּילעכל, ווײַל ביידע טעלעגראַפֿיסטן שטייען נאָענט איינער לעבן אַנדערן און זיי וואָלטן זיך זייער לײַכט געקאָנט דורכריידן.

אָבער פֿון אויבן סקיצירטן אַפּאַראַט איז איין טריט צו אַ טעלעגראַף ממש. עס קלעקט אַוועקצושטעלן אַזעלכע אַפּאַראַטן אויף צוויי סטאַציעס, זאָל זײַן ווי ווײַט איינע פֿון דער אַנדערער, און פֿאַרבינדן זיי מיט אַן עלעקטרישער נעץ.

מיר נעמען איצט אָן, אַז מיר האָבן שוין אויפֿגעמאָנטירט צוויי אַזעלכע פֿולקום אידענטישע אַפּאַראַטן, איינעם אויף דער אַרויסשיק־, דעם צווייטן אויף דער אָפּנעם־סטאַציע (פֿאַרשטייט זיך, אַז מחמת דער אידענטישקייט פֿון די אַפּאַראַטן קענען זיך די ראָלעס פֿון די סטאַציעס צו יעדער צײַט בײַטן). אויף ביידע סטאַציעס ווערן די רעדער אַזוי אָריענטירט, אַז אין רוצושטאַנד זאָל אַנטקעגן די פֿענדלעך דאָ און דאָרטן שטיין אַלע מאָל דער זעלבער פֿון פֿאָרויס אָפּגערעדטער אות. ביידע אַפּאַראַטן קענען געדרייט ווערן דורך זייגער־מעכאַניזמען מיט דער זעלבער גיכקייט. פֿאַרן טעלעגראַפֿירן גיט דער אַרויסשיקער אַ סיגנאַל, דער אָפּנעמער קאָנטראָלירט, צי אַנטקעגן פֿענדל שטייט דער אָפּגערעדטער אות. באַלד נאָך דעם ווערן ביידע אַפּאַראַטן פֿון דער ארויסשיק־סטאַציע עלעקטראָמעכאַניש פֿאַראייניקט מיט זייערע זייגער־מעכאַניזמען און ביידע הייבן זיך אָן דרייען סינכראָניש, אין זעלבן מאָמענט און מיט דער זעלבער גלײַכמעסיקער גיכקייט. אַלץ איז גרייט צום טעלעגראַפֿירן. דער טעלעגראַפֿיסט

אויף דער אַרויסשיק־סטאַציע גיט אַ קלאַפּ אין איינעם פֿון די קלאַווישן, זאָל זײַן אין A. עס הייבט זיך אויף דער וואַלץ A, ער פֿאַרהאַלט דעם אַפּאַראַט, און אַנטקעגן פֿענדל שטעלט זיך אַוועק אויף אָט דער סטאַציע דער אות A. אויב אײנצײַטיק וועט זיך פֿאַרהאַלטן דער אַפּאַראַט אויך אויף דער אָפּנעם־סטאַציע, וועט אויך דאָרט אַנטקעגן פֿענדל זיך אָפּשטעלן דער A, און דער אָפּנעמער באַקומט דעם ריכטיקן אות.

ווי אַזוי פֿאַרהאַלט זיך אײנצײַטיק דער אַפּאַראַט אויף דער אָפּנעם־סטאַציע?

ווי מיר ווייסן שוין, פֿירט פֿון אויסשניט אין ראָד ביז דער אַקס אַ מעטאַלענער צאַפּן. דאָס האָט זייער אַ וויכטיקן באַטײַט. די אַקס פֿון אַפּאַראַט איז פֿאַרבונדן מיט דער עלעקטרישער נעץ, פֿון דער צווייטער זײַט איז מיט דער עלעקטרישער נעץ פֿאַרבונדן יעדערער פֿון די וואַלצן וואָס הייבן זיך אויף בעת אַ קלאַפּ אין אַ קלאַוויש. אין מאָמענט, ווען וועלכער ס׳איז וואַלץ קײַקלט זיך אַרײַן אין אויסשניט פֿון ראָד, ווערט ניט נאָר פֿאַרהאַלטן דער אַפּאַראַט אויף דער סטאַציע גופֿא, נאָר בשעת־מעשׂה קומט פֿאָר דורכן מעטאַלענעם צאַפּן אַ קאָנטאַקט־פֿאַרבינדונג פֿון דער ליניע. דורכן וואַלץ, דורכן צאַפּן און דורך דער אַקס לויפֿט דורך אַן עלעקטרישער שטראָם וועלכער שפּרײַזט גיך אַוועק איבער די דראָטן צו דער צווייטער סטאַציע און פֿאַרהאַלט דאָרט אויך דעם אַפּאַראַט.

„אונדזער אַלעקסאַנדער“

פון

לעאָן בערנשטיין

אינעם קרײַז יונגע אין ווילנע, וווּ איך בין געווען איינער פון די ייִנגסטע, האָט מען פאַר אַלעקסאַנדערן געהאַט גאָר אַ ספּעציעלן אָפּשײַ. איך מיין, ס'וועט ניט זײַן קיין גוזמא, אויב איך וועל זאָגן, אַז מיר האָבן צו אים געפילט דעם אמתן יִראת־הכּבֿוד. ווען עמעצער פלעגט בעת אונדזערע וויכּוחים אַ זאָג טאָן: „אַזוי האַלט אַלעקסאַנדער“, איז שוין דאָס געווען גענוג, אַז איטלעכער פון אונדז זאָל האַלטן פאַר ריכטיק און פאַר נייטיק איבערצוטראַכטן און קאָנטראָלירן זײַן אייגענע מיינונג.

מיט אַנדערע „עלטערע“ – אָדער, ווי מיר פלעגן זיי רופן, אָנפירערס – איז מיגלעך געווען באַקאָנט צו ווערן, קענען זיי. אָבער באַקאָנט ווערן מיט אַלעקסאַנדערן – דאָס איז שוין געווען דאָס העכסטע וואָס מען האָט געקענט דערגרייכן, דערצו האָט מען געדאַרפט זוכה זײַן! דאָס ווערט פאַרשטענדלעך, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז אַלעקסאַנדערן האָט מען געהאַלטן פאַרן ראָש פון אונדזער יונגער באַוועגונג ניט נאָר צווישן אונדז, נאָר אויך צווישן די עלטערע, צווישן די וואָס זײַנען שוין אַליין געווען אָנפירערס און וואָס זײַנען געווען כּמעט אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט אים. ווי דעם „ראָש“ האָט מען אים פאַרשטייט זיך, איבער קאָנספּיראַציע־טעמים, געהיט פאַר איבעריקע און נאָך מער פאַר ניט גענוג „זיכערע“ קאַנטשאַפטן.

ווי אַזוי איך אַליין האָב זיך מיט אים באַקענט, געדענק איך שוין ניט. מיגלעך, אַז אויף איינעם פון די קאָנספּיראַטיווע

יום־טובֿים... אָבער איך דערמאָן זיך קלאָר, ווי איינער פֿון מײַנע חבֿרים, אַ מער באַהאַוונטער פֿון מיר, וואָס ער איז געווען נעענטער צו די „העכערע“, האָט מיר אַ מאָל אויף דער גאַס אָנגעוויזן אויף „אונדזער אַלעקסאַנדערן“ און גראָד אין אַ מאָמענט, בשעת יענער איז גיך אַרײַן אין עפּעס אַ טויער. איך האָב דערזען צום ערשטן מאָל זײַן נידעריקלעכע, פֿעסט געבויטע, אָבער מיט עפּעס וואָס אַ ביסל אומגעלומפּערטע פֿיגור... עס איז פֿאַרבליבן אַ רושם פֿון אַ שטרענגן און אפֿשר אויך אַ שלעכטן מענטשן.

ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז בעת איך האָב זיך באַקענט מיט אים, פֿלעג איך אים ניט נאָר זען אָפֿט, נאָר כ'פֿלעג אויך פּשוט אַרײַנקומען צו אים. דאָס האָט זיך גענומען פֿון דעם, וואָס איך האָב געוווינט נאָענט לעבן אים, ערגעץ אויף זאַרעטשע. אָבער קודם־כּל איז עס געווען אַן אויסדרוק פֿון זײַן ספּעציעלער סימפּאַטיע צו מיר, וואָס צוליב דעם האָט ער אויך געהאַט צו מיר צוטרוי. ס'איז איבעריק צו דערציילן, ווי דאָס איז געווען בײַ מיר אָנגעלייגט און ווי דאָס האָט געחנפֿעט מײַן יוגנטלעכער אַמביציע.

ער פֿלעגט מיך אַרײַנלאָזן צו זיך אָדער ער פֿלעגט מיך לאָזן בלײַבן אַפֿילו דעמאָלט, בעת ס'פֿלעגן בײַ אים זײַן די „עלטערע“, יענע וואָס האָבן געהערט צו די העכערע, ווי טימאָפֿיי קאָפּעלזאָן, רבֿקה לאַס, גליעב מוטניק און פּאַטי סרעדניצקי, גאָר אַ נאָענטער מענטש זײַנער.

אין משך פֿון איין זומער פֿלעג איך כּמעט אַלע טאָג קומען צו אים אין דער פֿרי פֿאַרן אָנבײַסן. אַ מאָל פֿלעג איך שוין געפֿינען די טיי „פֿאַרטיק“, ד"ה אַלעקסאַנדער האָט זיך שוין אַליין עוסק געווען אַרום דעם. אָבער ס'רובֿ פֿלעג איך זען צו קומען בײַ צײַטנס, כּדי צו באַפֿרײַען אַלעקסאַנדערן פֿון דער טירחה צוצוגרייטן טיי, וואָס דער עיקר אַרבעט איז דאָ געווען צו גיין פֿינף מינוט וועגס נאָך הייס וואַסער. איך פֿלעג נעמען דעם טשײַניק און אַוועקגיין נאָך „קיפּיאַטאָק“ [1] וואָס איך פֿלעג קויפֿן

[1] זודיק וואַסער.

פֿאַר אַ קאָפּיקע אָדער פֿאַר אָנדערטהאַלבן צי אַפֿילו פֿאַר צוויי, אויב אַלעקסאַנדער האָט זיך אויף עמעצן געריכט. אויפֿן וועג פֿלעג איך קויפֿן ברויט און אַ מאָל אויך בייגל. אָפּגעטרונקען און עפּעס אַ קײַ געטאָן, פֿלעגן מיר אָפּט גיין זיך באָדן — כ׳געדענק אויסגעצייכנט: אין יאָגיכעס׳ באָד, בײַ דער ווילענקע.

זײַן מיט אַלעקסאַנדערן אַזוי נאָענט אויפֿגעטראָגן, ביז באָדן זיך מיט אים צוזאַמען — קיינער וועט איצטער ניט פֿאַרשטיין, וואָס דאָס איז געווען פֿאַר מיר, וואָס אי וועדליג מײַנע יאָרן בין איך געווען אַ סך ייִנגער פֿון אים אי אין אונדזער קרײַזלעך־היעראַרכיע בין איך געשטאַנען אויף אַזוי פֿיל נידעריקער!

איך פֿלעג זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז טייל פֿון די וואָס איך פֿלעג אַ מאָל טרעפֿן בײַ אים אָדער די וואָס פֿלעגן קומען צו אים, בעת איך בין דאָרטן געווען, זײַנען ניט שטאַרק צופֿרידן פֿון מײַן בײַזײַן — זיי פֿלעגן מיך אָנקוקן פֿרעגעוודיק, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „וואָס איז ער דאָ עפּעס? ניט וועדליג זײַן עלטער, ניט וועדליג די אויפֿטוען זײַנע דאַרף ער דאָ זײַן...״ אָבער אַלעקסאַנדער פֿלעגט קיין שום אַכט ניט לייגן אויף זייערע פֿאַרחידושטע בליקן. אָן שום הקדמות פֿלעגט ער נעמען מיט זיי ריידן וועגן די ענינים, צוליב וועלכע זיי זײַנען געקומען. ס׳פֿלעגט אַגבֿ טרעפֿן, אַז ער פֿלעגט מיר הייסן אַוועקגיין, קומען שפּעטער — ס׳פֿלעגט זײַן קלאָר, אַז דאָס האָט ער געהאַלטן פֿאַר נייטיק מחמת קאָנספּיראַציע, און איך פֿלעג זיך פֿון דעם לחלוטין ניט שפּירן געטראָפֿן. אויף דעם איז עס דאָך קאָנספּיראַציע...

אָפּט מאָל פֿלעג איך בײַזײַן בײַ די דיסקוסיעס, דער עיקר וועגן ענינים פֿון דער באַוועגונג; אַ מאָל וועגן געשעענישן פֿון פּאָליטישן לעבן און אויך וועגן ליטעראַרישע ענינים.[1] פֿאַר מיר האָבן די דאָזיקע שמועסן און וויכוחים געהאַט אַ געוואַלדיקן

[1] מען פֿלעגט דעמאָלט זייער אַ סך און הייס דיסקוטירן וועגן דער „נײַער טאַקטיק״, וואָס דער גײַסטיקער פֿאָטער איז געווען אַלעקסאַנדער.

דערציִערישן באַטײַט, און דאָס איז אַלעקסאַנדער אויסן געווען. איך פּלעג זיך צוהערן זייער אָנגעשטרענגט, כ׳פּלעג זען ניט צו פאַרהערן קיין איין וואָרט — דער עיקר פון דעם וואָס אַלעקסאַנ־דער פּלעגט זאָגן; אין זײַנע ראַיות פּלעגט מיך שטענדיק פאַר־חידושן די לאָגישע געסדרטקייט, די קלאָרע פשטות. אַלץ וואָס ס׳פּלעגט לכתחילה אויסוויַיזן פאַרפּלאָנטערט איז ער מסוגל געווען אַרויפצובריינגען אויף אַ דרך. די באַדערפעניש אין קלאָרקייט האָט אויסגעוויזן צו זײַן בײַ אים עפּעס ווי אָרגאַניש, עפּעס ווי זי וואָלט אַרויסדרינגען פון זײַן גאַנצער פּערזענלעכקייט. קיינער איז ניט געווען בכוח אויפצוּוויַיזן אַזוי פשוט און אומברחמנות־דיק קלאָר דעם קעגנערס טעות.

*

ס׳איז איבעריק צו דערציילן, אַז דער ערשטער רושם פון שטרענגקייט, ווער רעדט נאָר פון בייזקייט, איז צערונען געוואָרן. יאָ, אַלעקסאַנדער איז געווען שטרענג, אָבער קודם־כל צו זיך אַליין. ער פּלעגט זיך ביז גאָר באַגרענעצן אין דעם אַלעם וואָס מען רופט אָן „באַקוועמקייטן", ער האָט געלעבט באמת שטרענג, אויב מען קען אַזוי זאָגן, — ד"ה אָן דעם אַלעם וואָס האָט געקענט זײַן אָדער אויסוויַיזן צו זײַן איבעריק, דעקאָראַטיוו און ניט דורכויס נייטיק. צו אַנדערע איז ער געווען ניט שטרענג, נאָר ער פּלעגט פאָדערן; פון אים האָט מען זיך געקענט אַראָפּ־נעמען אַ מוסר, און ער האָט פון אַנדערע אויך געפאָדערט פולע איבערגעגעבנקייט פאַר דער זאַך און מאַקסימאַלע געוויסנדיקייט.

כ׳געדענק, ס׳איז געווען אַזאַ פאַל. איך האָב אויף אים געוואַרט אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה וואָס איז אַגב באַשטאַנען פון איין האַלב פינצטערן צימער. די דאָזיקע דירה איז געווען באַשטימט אויסשליסלעך אויף צו האַלטן ניט־לעגאַלע ליטע־ראַטור, און בכדי אָפּצוּווענדן חשדים האָט דאָרט געוווינט מײַנע אַ באַקאַנטע.

ס׳איז געווען אָפּגערעדט, אַז אַלעקסאַנדער וועט קומען אַהין אַרום פיר אַ זייגער מיט דער „לאָדונג". ניט פיר, ניט פינף

אַ זייגער איז ער ניט געקומען. איך האָב מיט מײַן באַקאַנטער גענוואָרט נאָך ביז זיבן אַ זייגער, און דערנאָך האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אַלעקסאַנדער וועט שוין געוויס ניט קומען, און מיר זײַנען אַוועק. אויף מאָרגן אין דער פרי בין איך געקומען צו אַלעקסאַנדערן; כ׳האָב זיך לחלוטין ניט געשפּירט שולדיק און כ׳האָב זיך געקליבן אים צו זאָגן, אַז מיר האָבן אויף אים גענוואָרט און גענוואָרט, אָבער אומזיסט... ער האָט מיך באַגעגנט טאַקע מיט אַן אמת שטרענגן פּנים, און איידער כ׳האָב נאָך באַוויזן צו זאָגן אַ וואָרט, האָט ער אויף אַ גאַנץ קאַטעגאָרישן אופן מיר געמאָלדן, אַז כ׳האָב געהאַנדלט ניט ווי אַ קאָנספּי־ראַטאָר, נאָר ווי אַ ייִנגל. ער האָט דערנאָך צוגעגעבן, אַז אַ קאָנספּיראַטאָר דאַרף קענען אויסרעכענען אַלע מיגלעכע צופאַלן און מניעות. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ היפּש „אָנגעשטאָפּטער" מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור איז ער געקומען אין דער דירה צען אַ זייגער אין אָוונט און ניט געפונען ניט מיך, ניט מײַן באַקאַנטע, האָט ער געמוזט גיין צו זיך אַהיים מיט דער גאַנצער טרייפער ליטעראַטור וואָס ער האָט געבראַכט. אים ווידער און זײַן דירה האָט פּאָליצײַ געהאַט אויפן אויג... די טרייפע ליטעראַטור האָט מען בשלום אַריבערגעפּעקלט אין אונדזער קאָנספּיראַטיווער דירה אויף מאָרגן, אָבער איך האָב פון אַלעקסאַנדערן געהאַט מײַן ערלעך אויסקומעניש. ער האָט געפאָדערט, איך זאָל פּרינציפּיעל מודה זײַן אין מײַן טעות, אין מײַן לײַכטזין, וואָרעם איך האָב ניט געטאָרט אַוועקגיין פון דער קאָנספּיראַטיווער דירה, כל־זמן מען האָט מיר אַזוי צי־אַנדערש ניט אָנגעזאָגט, אַז איך מעג אַוועקגיין. — און אויב, האָט ער מיר אויפגעוויזן אָדער ריכטיקער „געשטאָכן": אויב מע דאַרף זיך אויסבאַהאַלטן און ס׳קומט אויס צו פאַרלירן אויף דעם אַ גאַנצן טאָג, וועט אײַך בינו־לבינו מיאוס ווערן צו וואַרטן, ניט אמת? גענומען דאָס מיידל אונטערן אָרעם, דאָס היטל אויפן קאָפּ און אַוועק שפּאַצירן? נישקשה פון אַ רעוואָלוציאָנער?!

אין משך פון עטלעכע טעג פלעגט ער מיר נאָך אַלץ געבן די רעכטע גאָב און דערנאָך האָט ער מיר שוין גאַנץ רויק

געגעבן צו פאַרשטיין, הלמאַי ער האָט פאַרשפּעטיקט: ניט ווײַט פון דער דירה, ווו מען האָט איבערגעגעבן דעם טראַנספּאָרט ליטעראַטור וואָס איז אָנגעקומען פון אויסלאַנד, האָט מען באַמערקט אַ שפּיאָן. מען האָט געמוזט איבערוואַרטן, נאָכשפּירן, און אויף דעם איז אַוועק איבעריקע זעקס שעה.

*

אַלעקסאַנדער האָט ליב געהאַט צו איראָניזירן און אַפילו אָפּצולאַכן. אָבער לגבי אונדז יונגע האָט אין דעם ניט געשטעקט קיין שום בייזער מיין, קיין שום גאווה. אפשר איז עס גאָר געווען אַ גאַנג פון אַ לערער, אַ מין פּאַרמעסטן זיך מיט אונדז. ער פלעגט אָנפאַלן, בכדי אויסצולערנען אונדז זיך צו שטעלן אַנטקעגן. די אויגן זײַנע וואָס פלעגן בעת־מעשה צושמייכלען האָבן דוכט זיך ווי גערעדט: „נו־נו, ווײַז, וואָס דו קענסט! לאָז זיך ניט, שיס אויף צוריק!" און ער פלעגט אָן אַ ספק שפּירן אַ סאַטיספאַקציע, אַפילו הנאה האָבן ווי בײַם דערגרייכן אַ ציל, ווען מען פלעגט אויף אים ניט האָבן קיין פאַראיבל, נאָר מען פלעגט אים געהעריק און מיט ווערדע אָפּענטפערן.

דערפאַר איז הגם מען פלעגט זיך דאַרפן פאַר אים „היטן", האָט מען זיך מיט אים געשפּירט לײַכט און היימיש. דעם מהלך צווישן אים און די יונגע האָט אויסגעפילט תמיד נאָר דער דרך־ארץ פאַר אים. מען האָט פאַר אים אַ ביסל מורא געהאַט, אָבער נאָך מערער האָט מען אים ליב געהאַט. דאָס האָט מען געשפּירט דער עיקר אין דער באַציִונג צו אים מצד די אַרבעטערס, די תלמידים אין זײַנע קרײַזלעך. אַזוי היימיש פלעגט דוכט מיר מיט זיי ניט זײַן קיין איינער פון די אינטעליגענטן־אָנפירערס אין יענער „קרײַזלעך־תקופה" פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט אַזוי ווונדערלעך געקענט געבן צו פאַרשטיין, ער האָט געקענט מיט די פשוטסטע ווערטער ריידן וועגן די קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען. ער האָט געוווּסט דעם סוד פון אַרויספירנדיקע פּראָגעס און ער פלעגט תמיד אויפזוכן טרעפיקע בײַשפּילן. און נאָך דער סאַמע ערנצטער לעקציע, נאָך דעם

ווי ער האָט אויפֿגעקלערט און געטייַטשט, צווינגענדיק איטלעכן „אַ טרייסל צ׳ טאָן מיטן מאַרך", פֿלעגט ער, ווי קיין מאָל גאָרניט, אַריבערגיין צו אַ גלייַכוואָרט, אַרויסרופֿנדיק בייַ אַלעמען אַ געלעכטער. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ער קען זיך ניט באַגיין לאַנג אָן אַ גלייַכווערטל, אָן דעם, אַז ער זאָל געפֿינען אָדער געבן פֿון וואָס צו לאַכן.

דערפֿאַר פֿלעגט אַרום אים קיין מאָל ניט זייַן קיין אָנגעשטרענגטע ערנצטקייט וואָס איז אַזוי ניט אָנגענעם אין די באַציִונגען צווישן עלטערע און ייִנגערע און צווישן העכערע מיט נידעריקערע. דער לערער איז אַלע מאָל געווען ביכולת צו בלייַבן דעם תּלמידס אַ חבֿר, זייַנס גלייַכן. הגם מען פֿלעגט פֿון אים בייַ אַ געלעגנהייט „כאַפּן אַ פּסק" מער ווי פֿון אַנדערע אָנפֿירערס, פֿלעגן זיך מיט אים לייַכטער ווי מיט אַלע אַנדערע אייַנשטעלן פּשוטע חבֿרישע באַציִונגען.

אַלעקסאַנדער פֿלעגט מיט אַ ברייטער האַנט פֿאַרטיילן זייַן וויסן, ער פֿלעגט זיך טיילן מיט זייַן געניטשאַפֿט און ער פֿלעגט מנצח זייַן מיט זייַן העכערקייט. מערניט ווען ער פֿלעגט אָנטרעפֿן אויף אויפֿגעבלאָזענער אַמביציע, אויף גאווה וואָס האָט קיין יסוד ניט, אויף פּוסטער אייַנגעגלייבטקייט, פֿלעגט ער קענען זייַן אומברחמנותדיק. ער פֿלעגט וואַרפֿן אויפֿן קעגנער איינע נאָך דער אַנדערער שאַרפֿע פֿייַלן, וואָס איטלעכע פֿון זיי פֿלעגט טרעפֿן אין פּינטל. אָבער מיט פֿרייד פֿלעגט ער נאָכקוקן, ווי מיר יונגע האָבן זיך געמענטשלט, זייַנען געוואָרן אַפֿילו לגבי אים דרייסטער און זיכערער, ווי מיר האָבן גענומען ניצן אונדזערע אייגענע פֿליגלען. ער פֿלעגט צוגעבן מוט מיט זייַן צוטרוי.

ער איז געווען פֿאַרשטייט זיך זייער אַ שטרענגער קאָנספּיראַטאָר. ער פֿלעגט זיך אָבער קיין מאָל ניט אַרומרינגלען מיט קיין קאָנספּיראַציע-נעפּל, ער פֿלעגט זיך קיין מאָל ניט אָנבלאָזן. פֿאַרקערט, ער האָט ניט שטאַרק ליב געהאַט יענע וואָס פֿלעגן זיך „פֿאַרנעמען מיט קאָנספּיראַציע", וואָס פֿלעגן מאַכן דערפֿון צו אַ גרויסן צימעס, האָבנדיק דערפֿון אַליין הנאה. ער פֿלעגט אַ מאָל בפֿרהסיא זיך ווענדן צו אַזאַ כמו-קאָנספּיראַ-

טאָר מיט אַ פֿראַגע וואָס פֿלעגט יענעם פּלעפֿן מיט איר ניט-דיסקרעטקייט און וואָס פֿלעגט אין דער זעלבער צײַט אַנטפּלעקן, אַז יענעמס מכלומרשטע קאָנספּיראַציע איז אַרויסגעוואָרפֿן.

*

צי פֿלעגט אַלעקסאַנדער אונדז לערנען צו אַטאַקירן, געבן צו פֿאַרשטיין עפּעס אָדער זיך וויצלען, צי איז ער געווען מיט זײַנע תּלמידים אָדער מיט די „קאָמיטעטשיקעס" — שטענדיק איז ער געווען ביז גאָר נאַטירלעך. מיט דער דאָזיקער נאַטירלעכקייט זײַנער איז פֿאַרבונדן אויך זײַן אויסערגעוויינטלעכע עניוות. יאָ, אָט דער אַלעקסאַנדער וואָס פֿלעגט זיך רײַסן און „דערגייען אין דער זיבעטער ריפּ" איז געווען ביז גאָר ענוותדיק און ער פֿלעגט זיך זייער לײַכט פֿאַרשעמען. ער פֿלעגט ניט קענען לײַדן און ער פֿלעגט ווערן אין כּעס, בעת מען פֿלעגט אים וועלן אָפּגעבן כּבֿוד. ווו ס'פֿלעגט נאָר זײַן אַ ביסל אַ גרע-סערער עולם, פֿלעגט ער שטענדיק זען צו בלײַבן ניט-באַמערקט און אַפֿילו אַ מאָל זיך באַהאַלטן הינטער אַנדערע. בעת עס פֿלעגט אים אויסקומען אַרויסצוטרעטן אויף פֿאַרזאַמלונגען, האָט מען געזען, אַז ער איז דענערווירט. ס'האָט זיך געשפּירט, אַז ער מוז גובֿר זײַן די שעמעוודיקייט זײַנע.

איך האָב אין מײַן לעבן געטראָפֿן ניט ווייניק „פּירערס" פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען, נאַציאָנאַליטעטן, פֿון אַ פֿאַרשיידענער וואָג. אַזאַ עניוות ווי בײַ אַלעקסאַנדערן האָב איך ניט באַמערקט מער בײַ קיינעם. איך ווייס, אַז די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן איז ער געווען אַ לערער. אָבער כ'בין מודה — ס'איז מיר שווער זיך פֿאָרצושטעלן אַלעקסאַנדערן וואָס האַלט זיך מ ע שׂ ה-ל ע ר ע ר אין קלאַס, באַזונדער פֿון די תּלמידים, אויבן אָן בײַ אַ באַזונדערן טישל פֿאַרן לערער... אויף אַזוי פֿיל האָט ער נאָך אין די ווײַטע יאָרן, בעת די ייִדישע אַרבעטער-באַוועגונג האָט גענומען וואַקסן און זיך שטאַרקן אונטער זײַן באַהאַוונטער און קלוגער אָנפֿירונג, אויף אַזוי פֿיל האָט ער דעמאָלט (ווי אַגבֿ אויך שפּעטער אין

אויסלאַנד) תּמיד מער ליב געהאַט צו פֿאַרבלײַבן ניט באַמערקט צווישן אַנדערע, ניט אַרויסצוזען זיך.

ס'האָט זיך געקענט דוכטן, אַז צאַרטקייט פּאַסט זיך צו אים גאָרניט. ניט צאַרטקייט, ניט ליריק. ער פֿלעגט דאָך תּמיד אָפּלאַכן פֿון שפּירעוודיקייט; ער פֿלעגט זיך פֿלײַסן צו געבן אַ בײַשפּיל פֿון אַ ביסל אַ ניהיליסטישער פֿאַרהאַרטעוועטקייט; ער פֿלעגט מאַכן אַ געלעכטער פֿון „קעלבערנער אײַנגעליבטקייט"; ער פֿלעגט אָפּהאַקן איטלעכע איבעריקע התפּעלות, ער האָט געוואָלט אַליין זײַן און געלערנט יענעם זײַן אין אַלץ אַ „רעאַליסט". און פֿון דעסט וועגן איז ער געווען אַ מענטש מיט אַ צאַרטער נשמה... דאָס האָט געלעבט אין אים ערגעץ דאָרט גאָר טיף, אין גאַנצן ניט באַמערקלעך פֿאַר זײַטיקע און אַפֿילו פֿאַר זײַנע נאָענטע חברים, אויף וויפֿל זיי זײַנען אים געווען נאָענט נאָר אין שײַכות „מיט דער זאַך". כ'געדענק, אַז דאָס ערשטע מאָל האָט איך „אויפֿגעדעקט" אָט די צאַרטקייט זײַנע, בעת ס'איז פֿאַר מיר קלאָר געוואָרן זײַן באַציִונג צו די עלטערן. זיי זײַנען געווען זייער פֿרום, און אַלעקסאַנדער איז אינטעלעקטועל און פּאָליטיש געווען פֿאַרשטייט זיך גאָר ווײַט פֿון זיי. אָבער להיפּוך צו דעם ווי ס'האָבן זיך געהאַלטן לגבי זייערע עלטערן אַ סך אַנדערע, האָט ער זײַנע עלטערן געשאַנעוועט ביז גאָר, ער פֿלעגט זען צו פֿאַרקלענערן די פֿאַרביטערטקייט וואָס זיי האָבן געמוזט שפּירן, ווייסנדיק וואָס פֿאַר אַן אַרבעט ער טוט און וואָס עס וואַרט אויף אים כּמעט ניט אויסצומײַדן.

איין מאָל האָט ער מיך געבעטן, כ'זאָל אַרײַנגיין צו זײַנע עלטערן, זיי עפּעס אָנזאָגן, זיי וועגן עפּעס באַרויִקן. ער האָט מיר דערבײַ אָנגעזאָגט אַ ריי זאַכן, אַפֿילו ווי אַזוי איך זאָל זיך באַגריסן מיט זײַן פֿאָטער, ווי אַזוי כ'זאָל מיט אים ריידן, כּדי כ'זאָל אים חס־וחלילה מיט קיין זאַך ניט אָנרירן.

שפּעטער, בעת כ'פֿלעג זיך מיט אים אָפֿט טרעפֿן אין אויסלאַנד, האָב איך געהאַט ניט איין געלעגנהייט זיך איבערצוצײַגן, וואָס פֿאַר אַ צאַרטע נשמה ער האָט פֿאַרמאָגט און אויף וויפֿל ער האָט זיך אין דעם פּרט געהאַלטן אין די הענט.

*

אין אונדזער היימשטאָט ווילנע האָב איך אים דאָס לעצטע מאָל געזען דורכן תּפֿיסה־פֿענצטערל. איך בין געזעסן אין דער מיליטערישער תּפֿיסה וואָס איז געווען באַקאַנט א"נ „דער 14טער נומער". די פֿענצטער פֿון די תּפֿיסה־קאַמערן זײַנען געווען אַנטקעגן אַ באַרג, וואָס זײַן נאָמען געדענק איך ניט צום באַדויערן. אָבער אין מײַן קאַמער איז ניט געווען קיין פֿענצטער ווי אינעם רובֿ אַנדערע – נאָר אַ קליין פֿענצטערל אונטערן סאַמע באַלקן. די קאַמער איז דערפֿאַר געווען האַלב טונקל, זי האָט אויסגעוויזן ווי אַ קעלערשטוב, הגם זי איז געווען אויפֿן צווייטן גאָרן. בעת דער שומר אין קאָרידאָר איז געווען אַ מענטש, ד"ה אויף אַזוי פֿיל אַ קלוגער זעלנער, אַז ער פֿלעגט ניט דערעסן אונדז, די „פּאָליטישע", מיט כּלערליי באַמערקונגען אין הסכּם מיט די באַקומענע אינסטרוקציעס, פֿלעג איך צושטעלן צו דער וואַנט דעם טיש, אויפֿן טיש פֿלעג איך אַוועקשטעלן די „פּאַראַשע" און אויף דער „פּאַראַשע" דאָס בענקל, כ'פֿלעג אַרויפֿקריכן אויף דער אָ פּיראַמידע, און ערשט דעמאָלט האָב איך געקענט דערגרייכן מיטן קאָפּ ביזן פֿענצטערל און כ'פֿלעג מיט הנאה אַרויסקוקן אויף גאָטס וועלט; דעם הימל אַגבֿ איז מיר ניט געראָטן צו זען. צי פֿלעגט די תּפֿיסה אָנוואַרפֿן אַן אימה אָדער צום באַרג גופֿא איז געווען שווער צוצוקומען, אָבער אויך זומער פֿלעגן זיך זעלטן אויף אים באַווײַזן מענטשן, דער עיקר אין מײַן זעפֿעלד. ווינטער ווידער פֿלעגן דאָ אַרומפֿליִען מער ניט ווי קראָען — גאַנצע מחנות קראָען פֿלעגן מיט אַ קראַקערײַ זיך טראָגן איבער די נאַקעטע ביימער: אָדער זיי פֿלעגן ווי שוואַרצע פֿיגורן זיך אָנזעצן אויפֿן שניי, אָדער זיי פֿלעגן קייטנווײַז פֿליִען ערגעץ ווײַט אויף אַ „חתונה", ווי איך האָב געמיינט קינדווײַז, — און זיי פֿלעגן דערנאָך צוריקקומען מיט דער זעלבער בייזער קראַקערײַ.

איז אויסגעפֿאַלן גראָד אַזאַ טײַערער טאָג, בעת די שמירה האָבן געהאַט סאַפּערן וואָס האָבן קיין מאָל און מיט קיין זאַך

ניט דערקוטשעט און וואָס פּלעגן נאָך אַ מאָל טאָן אַ טובֿה... איך האָב לאַנג געקענט אין גאַנצן רויִק קוקן דורכן פֿענצטערל, אָנקוקן דעם שניי, אָבסערווירן די קראָען. עס האָט שוין געהאַלטן בײַ בין־השמשות, כשעת די קראָקערײַ פֿון די קראָען נעמט עפּעס ספּעציעל דערעסן ווערן. די שאָטנס זײַנען געוואָרן געדיכ־טער. אויפֿן באַרג האָט זיך באַוויזן אַ מענטש. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, ער פֿלעגט זיך אָפּשטעלן, אַרויסלאָזנדיק מיט אימפּעט דעם רויך פֿון פּאַפּיראָס. וואָס פֿאַר אַ באַקאַנטער אויפֿן רייכערן! צי איז דאָס ניט אַ מאָל אַלעקסאַנדער?.. נו, פֿאַרשטייט זיך ער! זײַן ברייטע פּלייצע, זײַן גאַנצע אַ ביסל פּירקאַנטיקע פֿיגור. איך האָב געעפֿנט ס׳פֿענצטערל, זיך אָנגעכאַפּט אין דער גראַטע, געפּרוווט — אומזיסט, ווי תּמיד — אַדורכרוקן דעם קאָפּ צווישן די אײַזנס. אַלעקסאַנדער איז געשטאַנען, כּסדר געשטופּט דעם רויך פֿון פּאַפּיראָס, דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען דעם קאַפּע־לוש, זיך באַגריסט... און איז אויף גיך אַוועק. איך בין געווען אַ ביסל צערודערט... אַראָפּגייענדיק פֿון מײַן פּיראַמידע — דאָס האָט מען תּמיד באַדאַרפֿט טאָן זייער אָפּגעהיט, בכדי ניט אויסצוקערן די „פּאַראַשע״ — האָב איך זיך געזאָגט: „צי האָט ער מיך געזען? דערקענט?״

בײַ נאַכט, ווען די סכּנה פֿון קלאַפּן אין וואַנט איז געווען צום קלענסטן, האָב איך „אויסגעקלאַפּט״ צו מײַן תּפֿיסה־שכן אַמסטערדאַמען (ער איז שוין לאַנג ניטאָ צווישן די לעבעדיקע), אַז ס׳איז אונדז געקומען געוואָר ווערן אַלעקסאַנדער. ניט אַמ־סטערדאַם, ניט אַנדערע אַרעסטירטע (טרוסעוויטש, פּײַקעס, קליס א״אַנד) האָבן אים, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, ניט געזען, און דאָס האָט זיי פֿאַרשטייט זיך פֿאַרדראָסן. שפּעטער אויף דער פֿרײַ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַלעקסאַנדער האָט דעמאָלט געהאַלטן אין פֿאַרלאָזן ווילנע, האָט ער געפֿונען פֿאַר נייטיק צו קומען זיך זעגענען מיט אונדז, די אַרעסטירטע. אַנדערע פֿירערס אונדזערע האָבן אויך יענע צײַט פֿאַרלאָזן אונדזער שטאָט, אָבער זיי זײַנען ניט געקומען מיט קיין גערוס צו אונדז אויפֿן באַרג...

דאָס איז געווען אין 1897, נאָכן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד", פאַר אַלעקסאַנדערס אָפּפאָרן קיין מינסק.

*

איבער אַ נייַס האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַלעקסאַנדערן ערשט אין אויגוסט 1900, אָבער שוין אין אויסלאַנד, אין פּאַריז. מיר האָבן געהאַט הינטער זיך ביטערע „זובאַטאָוו־אַרעסטן" וואָס האָבן בייַם „בונד" אַראָפּגענומען דעם קאָפּ; מען ווייס דאָך, אַז האַלטנדיק אין זייַנע תּפיסות אַלעקסאַנדערן, וולאַדימירן, גליעבן, אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט און אַ סך ייִדישע אַרבעטערס, דער עיקר יענע וואָס האָבן צוזאַמען מיט די אינטעליגענטן אָנגעפירט די באַוועגונג, האָט זובאַטאָוו גערעכנט, אַז ער האָט געמאַכט אַ תּל פון אָט דער באַוועגונג און זי וועט זיך בשום־אופן ניט קענען שטעלן צוריק אויף די פיס.

אַלעקסאַנדער האָט מיר באַלד בייַ דער ערשטער באַגעגעניש דערציילט, ווי אַזוי ער און אַנדערע אַרעסטירטע האָבן זיך געפרייט און געקליבן נחת פון אונדז, יונגע, בעת זיי זייַנען געווען געוואָרן, אַז זובאַטאָווס שרעקלעכער, צענישטנדיקער קלאַפּ האָט אונדז לחלוטין ניט איבערגעשראָקן. ווערדליג די ידיעות וואָס פלעגן דערגיין צו זיי האָבן זיי געקענט זייַן זיכער, אַז די באַוועגונג וואַקסט ווייַטער סייַ אין דער ברייט, סייַ אין דער טיף און אַז אַלץ וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן טוען מיר ווייַטער מיט אַ פאַרטאָפּלטער ענערגיע. אינטערעסאַנט איז, אַז זובאַטאָוו גופא האָט ניט פאַרבאַהאַלטן זייַן חידוש. ער האָט זיי דערציילט, אַז ס'איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ נייַער – צווייטער – צוזאַמענפאָר פון „בונד" און אַז ס'האָט ווידער גענומען אַרויסגיין די „אַרבעטער־שטימע". אָט דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן בייַ מיר אין שטוב (אין סעפּטעמבער 1898) אין קאָוונע, וווהין מען האָט מיך געהאַט פאַרשיקט אונטער פּאָליצייִשער השגחה. איך האָב דערפאַר געקענט איבערגעבן אַלעקסאַנדערן אַלע פּרטים וועגן דעם צוזאַמענ-

פֿאַר און וועגן דעם, ווי אַזוי מיר האָבן אים צוזאַמענגערופֿן.

אַלעקסאַנדער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין זשענעוו, און איך בין געבליבן אין פּאַריז.

ער איז געווען אין זשענעוו פֿאַרוואַלטער אין דער דרוק פֿון „פֿאַראיין פֿון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן‟, אָבער חוץ דעם האָט ער אויך געאַרבעט אין דער זשענעווער דרוק פֿון „בונד‟. אין דער בונדישער דרוק זײַנען ניט געווען קיין געניטע זעצערס, אַרבעט האָט זיך אָנגעקליבן אַ סך. אַלעקסאַנדער ווידער האָט געוואָלט — ניט נאָר פֿון נוץ וועגן, נאָר אויך איבער פּרינציפּיעלע טעמים — אַריבערגיין אין גאַנצן צו בונדישער טעטיקייט. און היות איך בין אין פּאַריז געווען כמעט אָן אַרבעט, האָט ער אַרויסגעשטעלט מײַן קאַנדידאַטור אויף זײַן אָרט אין דער רוסישער דרוק. אַזוי אַרום בין איך געקומען קיין זשענעוו אין דער דרוק אַרײַן, ווו איך האָב אויך באַקומען דעם צימער, ווו ס׳האָט פֿריִער געוווינט אַלעקסאַנדער, און ער האָט זיך אַריבער־געקליבן אויף יענער זײַט אַרווע, אויף „קאַראָלינקע‟, ווו ס׳האָט זיך געפֿונען אין אַן אומבאַקוועמער און צו קליינער דירה די בונדישע דרוק.

מיר פֿלעגן זיך טרעפֿן אַלע טאָג און ס׳רובֿ צוזאַמען פֿאַרברענגען די אָוונטן. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע תקופֿה אין אַלעקסאַנדערס לעבן. ער פֿלעגט זיך אָפֿט באַקלאָגן, אַז עס ווערט פֿון אים גאָרניט, ער איז געווען דערשלאָגן, וואָס ער דאַרף טאָן קליינע אַרבעט, וואָס עס וואָלט זי געקענט טאָן אַ מענטש אָן שום צוגרייטונג, הגם ער פֿלעגט זאָגן, אַז אַ רעוואָלוציאָנער דאַרף ניט זײַן אין דעם פּרט איבערקלײַבעריש, אַז ער איז מחויבֿ תּמיד צו טאָן דאָס וואָס מען דאַרף טאָן, ווי ווייניק אינטערעסאַנט אָדער קליין דאָס זאָל ניט זײַן. ער האָט זיך אויסגעלערנט זעצן, געווען אַ קאָרעקטאָר, געשריבן אַדרעסן אויף די קאָנווערטן... אויך האָט אים געמאַטערט דאָס וואָס ער האָט ניט געפֿונען דעם נייטיקן אָנהאַלט בײַ דער אָרטיקער סטודענטישער יוגנט, וואָס אַלע עיניינים פֿון „בונד‟ זײַנען געווען אויך בײַ די עמיגראַנטן אויפֿן צווייטן און אַפֿילו

אויפֿן לעצטן פּלאַן, וואָס געלטמיטלען פֿאַר דער דרוק זײַנען אַרײַנגעקומען שווערלעך, וואָס ליטעראַרישע כּוחות זײַנען געווען ביז גאָר ווייניק. פֿון דעם איז ער געווען צעטראָגן, ווײַל דעם פּלעגט ער ליידן אַ פֿאַרביטערטער... זייער געדריקט האָט אים אויך דאָס וואָס ער האָט געמוזט נעמען פֿאַר זיך צום לעבן פֿון בונדישע געלטער, הגם ער האָט זיך געקליגקט צו פֿאַרלעבן ניט מער ווי 40—50 פֿראַנק אַ חודש.

בערך אין אַ פֿיר חדשים אַרום נאָך מײַן קומען קיין זשענעוו האָבן מיר ביידע אין גאַנצן אומגעריכט געמוזט פֿאַרלאָזן די דאָזיקע שטאָט. מען האָט אונדז ביידן אַרעסטירט נאָך דער מאַניפֿעסטאַציע אין אַפּריל 1901, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ טומל און וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, אַז מען האָט אַראָפּגעריסן דעם הערב פֿונעם רוסישן קאָנסולאַט און מען האָט אים דערטרונקען אין זשענעווער אָזערע. מיר האָבן ניט געהערט צו די איניציאַטאָרן, מיר זײַנען מערניט מיטגעגאַנגען אין דער מאַניפֿעסטאַציע. פֿון דעסט וועגן האָט די שווייצער רעגירונג באַשלאָסן אַרויסצושיקן אונדז און נאָך צוויי עמיגראַנטן מחוץ די גרענעצן פֿון שווייץ. מען האָט אונדז אַוועקגעפֿירט צום גרענעץ, מיר האָבן איבערגענעכטיקט אינעם ערשטן־בעסטן פֿראַנצייזישן דאָרף וואָס מיר האָבן געפֿונען — און דאָרטן האָט זיך אויף מאָרגן אויפֿגעקליבן שיִער ניט די גאַנצע זשענעווער רוסישע קאָלאָניע, כּדי אונדז אויסצודריקן איר מיטגעפֿיל און זיך מיט אונדז צו געזעגענען.

מיר זײַנען אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז. נאָך פֿאַר דעם איז געווען אַ רייד וועגן אַריבערפֿירן די בונדישע דרוק קיין לאָנדאָן, מחמת דאָרטן זײַנען געווען אַ סך ייִדישע אַרבעטער, עמיגראַנטן פֿון פּוילן און ליטע. מען האָט גערעכנט פֿאַרשטייט זיך אויף זייער מאַטעריעלער און מאָראַלישער הילף. ווי באַלד אַלעקסאַנדער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון שווייץ, האָט שוין די פֿראַגע ממילא געמוזט פֿאַרענטפֿערט ווערן. די דרוק איז אַריבערגעפֿירט געוואָרן קיין לאָנדאָן, און אַלעקסאַנדער איז אַוועק אַהין.

אין פּאַריז אויפן צפון־וואָקזאַל האָבן עטלעכע פריַינד, מיט מיר בתוכם, אים באַגלייט. מיר האָבן זיך צעקושט, שטאַרק זיך געדריקט די הענט...

איך האָב געהאַט אין יענע יאָרן פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען. מערניט איין אַלעקסאַנדער פלעגט מיך רופן, כ'ווייס ניט פאַר וואָס, לעאָנקאַ. דעם דאָזיקן נאָמען, וואָס ער איז מיר געווען ספּעציעל טיַיער מחמת דער פריַינדשאַפט, וואָס אַלעקסאַנדער האָט מיט איר באמת פאַרשענערט מיַין יוגנט, ריכטיקער מיַין פריִיקע יוגנט — דעם דאָזיקן נאָמען האָב איך אויסגעקליבן פאַר אַ פּסעוודאָנים, און כ'האָב מיט אים אונטערגעשריבן די ערשטע אַרטיקלען וואָס האָבן זיך באַוויזן אין פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבעס, בתוכם אין די בונדישע: „דער יידישער אַרבעטער" און „אַרבעטער־שטימע"...[1]

שנ"פ. אַלעקסאַנדערס בריוו צו מיר, וואָס ווערן געדרוקט אין דעם בוך, זיַינען שייך צו די יאָרן 1900–1903. טייל פון זיי זיַינען געשריבן פון זשענעווו איידער איך בין אַהין געקומען, אין 1900 און 1901, אַנדערע — פון לאָנדאָן. אָנוויַיזן פינקטלעך די דאַטעס פון אַלע בריוו איז מיר ניט געראָטן. — די דאָזיקע בריוו ריידן גענוג בולט וועגן דעם, אויף וויפל אַלעקסאַנדער איז בלב־ונפש געווען איַינגעטאָן אין דער בונדישער באַוועגונג. די באַמערקונגען וואָס איך האָב צוגעגעבן האָבן אַ ריין פאַקטנדיקן כאַראַקטער.

---

1 חתמענען זיך פלעג איך ניט מיטן פולן נאָמען, נאָר Л—ка, נאָך אין „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" און אין אויסלענדישן „זשיזן". מיר דוכט, אַז מערניט ווי אַלעקסאַנדער האָט געוווסט, פאַר וואָס איך האָב אויסגעקליבן די דאָזיקע חתימה.

קרעמער אין אַמעריקע

פון

אַב. קאַהאַן

די בונד־גרופּעס זײַנען געוואַקסן, און די געלטזאַמלונגען פֿאַרן בונד מיט דער הילף פֿון „פֿאָרווערטס" האָבן געבראַכט אַלץ גרעסערע רעזולטאַטן. ענדלעך האָט דער „בונד" אָנגעהויבן צו אונדז צו שיקן ספּעציעלע שלוחים צו דעם זעלבן צוועק: אַגיטירן אין אַמעריקע פֿאַרן בונד און זאַמלען פֿינאַנציעלע שטיצע פֿאַר אים. איינער נאָך דעם אַנדערן זײַנען זיי געקומען, אַלע זײַנע וויכטיקסטע פֿירער.

דעם אָנהייב האָט געמאַכט דער גרינדער און הויפּטפֿירער פֿון בונד אַרקאַדי קרעמער.

ווען מען האָט אָנגעזאָגט (אין אינטימע קרײַזן), אַז ער וועט אונדז באַזוכן, האָב איך זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט. בונדיסטן האָבן צו אים געפֿילט יִראת־הכּבֿוד, און צווישן זיי האָבן צירקולירט מעשׂהלעך וועגן זײַן שטאַרקן כאַראַקטער און פּראַקטישן שׂכל. דאָס אַלץ האָט גערייצט מײַן נײַגעריקייט. אָבער די הויפּט־סיבה, פֿאַר וואָס מיר איז געווען אינטערעסאַנט מיט אים זיך צו באַגעגענען, איז געווען אַן אַנדערע. איך בין געווען אונטער דעם אײַנדרוק, אַז איך קען אים פֿון ווילנע.

דעם ערשטן מאָל האָב איך וועגן קרעמערן ווי אַ סאָציאַליס־טישן פֿירער געהערט אין 1894 אָדער 1895. לויט אַ באַשרײַ־בונג פֿון זײַן אויסזען און כאַראַקטער און אַ פּאָר אַנדערע איינצלהייטן איז מיר אַרויפֿגעקומען אויפֿן זינען, אַז דאָס מוז

זײַן אַ ייִנגערער ברודער פֿון אַ געװיסן קרעמער, מיט װעלכן איך בין געװען צוזאַמען אין דעם װילנער לערער־אינסטיטוט (ער איז געװען מיט צװײ קלאַסן העכער פֿאַר מיר). דער ייִנגערער ברודער איז נאָך יעמאָלט געװען כּמעט אַ ייִנגל. ער איז געװען אַ שילער אין דעם דריטן קלאַס פֿון דער װילנער רעאַלשול װעלכע האָט זיך געפֿונען אין דער נאָענטסטער געבײַדע צו דעם אינסטיטוט. בײַ מיר אין זכּרון האָט זיך אָפּגעדרוקט אַ בילד, װי דער יונגינקער קרעמער שטייט אויפֿן סקװער אַנטקעגן דער רעאַלשול, און איך מיט נאָך אַ פּאָר אינסטיטוטשיקעס קוקן אויף אים דורך אַ פֿענצטער. ער שטייט מיט זײַן מאַנטעלע „װו נאַקידקו“ (אָנגעטאָן ניט אויף די אַרבל) און רעדט צו עטלעכע פֿון זײַנע חבֿרים. זײַן קול קענען מיר ניט הערן. דער אויסדרוק אָבער פֿון זײַן שװאַרץ־חנװודיקן פּנים און זײַנע העװיות מאַכן אויף מיר אַן אײַנדרוק, און איך באַמערק:

— פּ אַ ר נ י ש ק אַ ס כ אַ ר אַ ק ט י ע ר אָ ם, װ י ד נ אָ.[1]

אַז ער איז אונדזער קרעמערס אַ ברודער, האָבן מיר געװוּסט. אַגבֿ איז ער געװען אַ ביסל ענלעך צו אים.

עטלעכע מאָנאַט אײדער דער גרינדער פֿון „בונד“ איז געקומען קיין ניו־יאָרק, איז געקומען זײַן פֿרוי, פּאַטי. זי פֿלעגט באַזוכן אונדזער רעדאַקציע, און איך פֿלעג מיט איר שמועסן. זי האָט געזאָגט, אַז אַלץ װאָס איך געדענק װעגן יענעם „רעאַליסטל“ און זײַן ברודער פּאַסט זיך צו איר מאַן; אַז ס'איז דער זעלבער. אָבער אַבסאָלוט זיכער איז זי ניט געװען.

ענדלעך איז ער געקומען. דאָס איז געװען אין דעצעמבער 1903. עס איז געװען דער זעלבער קרעמער. ער איז איצט געװען מיט זעקס און צװאַנציק יאָר עלטער. דער אָנבליק האָט זיך אָבער ניט געביטן אויף אַ האָר.

ער איז געקומען צוזאַמען מיט אַ צװײטן בונדיסט װעלכער איז אין דער געהײמער באַװעגונג געװען באַקאַנט אונטערן נאָמען „עזראַ“ (בערג) — אַ בלאָנדלעכער, אַ הױכער. קרעמער איז

---

[1] אַ בחור׳ל מיט כאַראַקטער, זעט זיך אָן.

געוועזן טונקעלער, אַ ביסל נידעריקער געוואַקסן, פעסטער געבויט און מיט אַן אָפּשפּיגלונג פון מער כאַראַקטער אין פּנים.

בערג איז געווען אַ רעדנער, און צו דעם צוועק האָט קרעמער אים מיטגענומען. קרעמער אַליין האָט קיין רעדעס ניט געהאַלטן; ער האָט איבער הויפּט ווייניק גערעדט, און ווען ער האָט עפּעס געהאַט צו זאָגן, האָט ער דאָס אַרויסגערעדט מיט קורצע זאַצן, צום פּונקט.

איך האָב זיך באַלד איבערצייגט, אַז אַזעלכע זאַכן ווי עפנטלעכע אויפמערקזאַמקייט, כבוד, אַפּלאָדיסמענטן אינטערעסירן אים אַבסאָלוט ניט. ער איז אין גאַנצן געווען פאַרנומען מיט דעם צוועק פון זיין באַזוך.

זיין נאָמען ווי אַ מענטש מיט כאַראַקטער און מיט פּראַק־טישן שכל איז באַשטעטיקט געוואָרן. בונדיסטן האָבן ביי מיר געפרעגט:

„נו, ווי געפעלט אייך עפּעס אונדזער אַלעקסאַנדער?"

— אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט, פלעג איך ענטפערן, און זיי פלעגן אַוועקגיין מיט שיינענדיקע פּנימער, אַזוי ווי עס וואָלט זיך האַנדלען וועגן זייער פאָטער.

די צענטראַלע פֿיגור

פֿון

וו. מעדעם

איך האָב באַקומען אַ בריוו פֿון צענטראַל־ביוראָ פֿון די בונדישע גרופּעס מיט אַן אויפֿפֿאָדערונג, איך זאָל קומען צו פֿאָרן קיין זשענעוו. אין אַ קורצער צײַט אַרום [יוני 1903] האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען דער פֿינפֿטער צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד, און דער אויסלענדישער קאָמיטעט רופֿט צונויף אַ באַראַטונג פֿון די מער אָנגעזעענע חברים וואָס געפֿינען זיך אין אויסלאַנד, אַרומצורײדן געוויסע פֿראַגעס און צוצוגרייטן מאַטעריאַל פֿאַרן צוזאַמענפֿאָר.

אויף דער זשענעווער באַראַטונג זײַנען זיך צונויפֿגעקומען אַ צענדליגג חברים. פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט זײַנען געקומען דרײַ מיטגלידער – דזשאָן מיל, טימאָפֿיי (ד"ר קאָפּעלזאָן), איינער פֿון אונדזערע עלטסטע טוערס, און אַלעקסאַנדער.

אַלעקסאַנדערן האָב איך דעמאָלט געטראָפֿן צום ערשטן מאָל, אָבער געהערט וועגן אים האָב איך שוין לאַנג. ביזן גרויסן בונדישן אַרעסט פֿון 1898 איז ער געווען די צענטראַלע פֿיגור פֿון אונדזער באַוועגונג: אַ פּיאָניר, אַן אָנפֿירער און אַ טאָנגעבער. פּערזענלעך איז עס געווען אַן אייגנאַרטיקער און אינטערעסאַנטער מענטש. זײַן נאָמען איז שוין געווען אַרומגעוועבט מיט אַ מאַסע לעגענדעס און אַנעקדאָטן. אַ מענטש פֿון קליינעם וווּקס, אַ קײַלעכדיקער, מיט גרויסע וואָנצעס און אַ קורץ געשוירן בערדל, מיט קליינע קלוגע אויגן, שטענדיק מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, איז ער אויסווייניק געווען גאָרנישט אָנזעעוודיק. אונטער דעם

דאָזיקן געוויינטלעכן אויסזען האָט זיך אָבער באַהאַלטן אַן אויסער־געוויינטלעך שאַרפער מוח. די הויפּט־אייגנשאַפט פון דעם דאָזיקן מוח איז געווען זײַן קריטישער, איראָנישער שניט. אויס־געפינען אַ חסרון אין אַ זאַך, אַ שוואַכן באַווײַז, אַ פאַלשע ראַיה און אַוועקמאַכן דאָס מיט אַ פּאָר שטעכעדיקע ווערטער – אָדער גלאַט מיט אַ קורצן „עט" און אַ מאַך מיט דער האַנט – דאָס איז געווען פאַר אים פון די ליבסטע זאַכן. און אַ צינגל האָט ער געהאַט ווי אַ נאָדל. און אַ גראָבע שפּראַך האָט ער אויך געהאַט און פלעגט נישט מורא האָבן פאַר אַ געדיכטן „רוסישן וואָרט". קען מען נאָך מיינען, אַז ער איז געווען אַ שלעכטער און בייזער? איז פונקט פאַרקערט. אַ גאָלדענע נשמה! אַ ווייכהאַרציקער, גוטמוטיקער מענטש. נאָר וואָס דען? די שאָלעכץ איז געווען אַ האַרטע, און אַ מאָל קומט אַ גרויסע האַרטקייט און גראָבקייט דווקא פון ווייכהאַרציקייט און שעמעוודיקייט. און דער דאָזיקער עלטערער גראָבער ייִד האָט טאַקע געהאַט אין זיך אַ היפּש ביסל שעמעוודיקייט. ער האָט למשל מורא געהאַט אַרויסצוטרעטן עפנטלעך, זיך אַרײַנגעשלאָגן אין קאָפּ, אַז ער קען ניט ריידן, און מען האָט אים מיט צוואַנג ניט געקענט אַרויפשלעפּן אויף דער טריבונע.

איך געדענק אַזאַ מין עפּיזאָד:

דאָס איז שוין געווען שפּעטער, אין 1906, אין ווילנע. כ'בין בײַגעווען אויף אַ זיצונג פון צ"ק, און מען האָט צווישן אַנדערע זאַכן באַשלאָסן צו שיקן אימעצן אויף אַ צוזאַמענפאָר פון די אײַזנבאַן־אָנגעשטעלטע (אין יענער צײַט איינע פון די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד) צו באַגריסן אים אין נאָמען פון בונד. מען לייגט פאָר אַלעקסאַנדערן. יענער ווערט גוואַלדיק צעקאָכט: „משוגע זײַט איר? איך זאָל פאָרן? איך זאָל ריידן? עס הייבט זיך ניט אָן!" ס'איז אָבער אויסגעקומען, אַז קיין צווייטער קען ניט פאָרן, און דער צ"ק באַשליסט: אַלעקסאַנדער (דעמאָלט האָט ער שוין געהייסן סאָלאָמאָן) ווערט געשיקט. שפּרינגט ער אויף אין אַ גוואַלדיקן כעס, לויפט אַרויס פון צימער, דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ מיט דער טיר, אַז דאָס

הויז טרייסלט זיך און... פֿאָרט פֿון דעסט וועגן: אַז דער צ"ק הייסט, איז ניטאָ קיין ברירה...

איז עטלעכע טעג אַרום קומט ער צוריק. „נו?", פֿרעגן מיר אים. „פֿאַרברענט זאָלט איר ווערן, ענטפֿערט ער אויף זײַן שטייגער: ווי נאָר איך בין אַרײַנגעקומען אין זאַל, שלעפּט מען מיך אַרויף אויף דער טריבונע און מען הייסט מיך ריידן. וועגן וואָס? וואָס דו ווילסט, אָבער רייד! און וואָס מיינט איר? – גיט ער צו מיט אַ פֿאַרשעמטן און פֿאַרוווּנדערטן שמייכל – איך האָב גערעדט, און ס'איז געווען גאָרניט שלעכט".

דער ייִד איז דעמאָלט געווען אַ יאָר פֿערציק.

מען האָט מיר אַ מאָל דערציילט, ווי אַזוי אַלעקסאַנדער האָט זיך צעקריגט מיט פּלעכאַנאָוו. דאָס איז געווען נאָך אין די נײַנציקער יאָרן. פּלעכאַנאָוו איז געווען אין ציריך, און אַלעקסאַנדער איז געקומען פֿון רוסלאַנד צו פֿירן מיט אים אונטער־האַנדלונגען וועגן עפּעס אַ פּאַרטיי־ענינים. זיי האָבן זיך געטראָפֿן ערגעץ הינטער דער שטאָט אין אַ וועלדל. צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָוו זײַנען געקומען אַקסעלראָד און וויעראַ זאַסוליטש. מען דאַרף וויסן, אַז פּלעכאַנאָוו האָט ליב געהאַט דרך־ארץ און איז געווען צוגעוווינט, אַז מען זאָל מיט אים ריידן מיט גרויס אַכטונג. אָבער אַלעקסאַנדער און דרך־ארץ – דאָס זײַנען צוויי גאָר ווײַטע זאַכן. האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח. ווערט פּלעכאַנאָוו צעהיצט, און ריידנדיק וועגן עפּעס אַ זאַך מאַכט ער: „איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז עס מוז זײַן אַזוי". מאַכט אַלעקסאַנדער איינעם פֿון זײַנע איראָנישע זשעסטן און לאָזט אויס מיט אַ שטעכעדיקן שמייכל: „הערסט! ער האָט געזאָגט". דערלאַנגט זיך פּלעכאַנאָוו אַ קער, און ניט זאָגנדיק קיין איין וואָרט גייט ער אַוועק צוזאַמען מיט זײַנע חבֿרים, און אַלעקסאַנדער בלײַבט אַליין אין וואַלד. פֿון יענער צײַט אָן פֿלעגן זיי ניט ריידן.

דער דאָזיקער מענטש פֿלעגט האָבן אויסערגעוויינטלעך וויציקע אײַנפֿאַלן. אין 1902, ווען ער האָט שוין געלעבט אין אויסלאַנד, האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט אומלעגאַל קיין רוסלאַנד, קיין ביאַליסטאָק, ווו ס'איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אַ קליינע

קאָנפערענץ מיט עטלעכע רוסישע חברים. באַלד נאָך דער קאָנפערענץ זײַנען אַלע אַרעסטירט געוואָרן, נאָר אַלעקסאַנדער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט. ער איז שוין געווען אויפן וואָקזאַל און געקליבן זיך אַוועקצופאָרן. פּלוצלינג זעט ער, אַז עס גייען נאָך אים שפּיאָנען, און אָט־אָט וועלן זיי אים אַרעסטירן. זיי וואַקלען זיך אָבער נאָך. קענטיק, אַז זיי זײַנען נישט אין גאַנצן זיכער, צי דאָס איז טאַקע דער „נפש". טוט זיך אַלעקסאַנדער אַ כאַפּ, גייט צו צום זשאַנדאַר וואָס גייט אַרום אויף דער פּלאַט־פאָרם, מאַכט אַ מינע פון אַ פּראָסטן ייִדן און הייבט אָן טענהן, אַז ער האָט פאַרלוירן זײַן בילעט און אַז ער האָט נישט קיין געלט צו פאָרן ווײַטער און דער זשאַנדאַר זאָל אים לאָזן פאָרן אומזיסט. זעענדיק, אַז דער מענטש שמועסט מיט אַ זשאַנדאַר, האָבן די שפּיאָנען געמיינט, אַז ס'איז געוויס ניט דער, וועמען זיי זוכן, און האָבן אים געלאָזן צו רו. אַלעקסאַנדער איז בשלום אַוועקגעפאָרן.

קרעמערן האָבן געפּעלט חסרונות

פון

ר. אבראַמאָוויטש

אין 1898, באַלד נאָכן ערשטן צוזאַמענפאָר, זײַנען פאָרגעקומען גרויסע אַרעסטן. זובאַטאָװס גאַנג איז געװען אַן אַנדערער װי פון די געװײנטלעכע זשאַנדאַרן: ער האָט געפּרוּװט ניט נאָר אײַנשרעקן די רעװאָלוציאָנערן, נאָר אויך זיי איבעררײדן, איבערצײַגן זיי אין לאַנגע טעאָרעטישע דיסקוסיעס. ניט איין מאָל האָט זובאַטאָװ אין מאָסקװע געלאָזט ברענגען צו זיך די פירערס פון „בונד" און האָט דיסקוטירט מיט זיי. זובאַטאָװ, אַליין אַ געװעזענער רעװאָלוציאָנער, איז געװען אַ קלוגער און אַ געשיקטער מאַן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, און מען קען זיך פאָרשטעלן, װאָס פאַר אַן אינטערעסאַנט בילד עס איז געװען אַ דיסקוסיע צװישן זובאַטאָװן און אַלעקסאַנדערן, דעם חכם מיט דעם שאַרפן קאָפּ און דעם שאַרפן כאַראַקטער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פון די „דיסקוסיעס" האָט זיך קיין זאַך ניט אויסגעלאָזן. די בונדיסטישע פירערס זײַנען אָפּגעזעסן אַ צװיי יאָר צײַט אין דער טורמע און זײַנען דערנאָך פאַרשיקט געװאָרן אין פאַרשיידענע ערטער. אַלעקסאַנדער האָט זיך תיכף אומגעקערט צו דער אַרבעט. יעמאָלט האָט געהאַלטן אין געבאָרן װערן די „איסקראַ". אין דעם בונד איז געגאַנגען אַ שטאַרקע אידעישע אַרבעט אויף אויסצואַרבעטן אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם און אַ קוק אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. די באַציִונגען צװישן בונד און איסקראַ האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשאַרפן.

די גאַנצע טעאָרעטישע אַרבעט איז אָבער אָנגעגאַנגען אין אויסלאַנד. אַלעקסאַנדער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין בערלין, פֿון בערלין קיין זשענעוו, פֿון זשענעוו קיין לאָנדאָן. פֿון לאָנדאָן קומט ער צוריק אומלעגאַל קיין זשענעוו, ווו עס ווערן אָפּגע-האַלטן פֿאַרשיידענע קאָנפֿערענצן פֿון בונד. ער באַטייליקט זיך אין דעם 5טן צוזאַמענפֿאָר און פֿאָרט אַוועק מיט דער בונדישער דעלעגאַציע אויף דעם צווייטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רוסלענדער פּאַרטיי אין לאָנדאָן, ווו עס קומט פֿאָר די באַרימטע שפּאַלטונג צווישן בונד און דער פּאַרטיי. פֿון דאָרטן קערט ער זיך אום צוריק קיין רוסלאַנד, צו דער אומלעגאַלער אַרבעט. און אַזוי גייט עס ביז דער רעוואָלוציע פֿון 1905–1906.

*

נײַע צײַטן זײַנען אָנגעקומען אין רוסלאַנד. עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין לעגאַלע צײַטונגען, עס זײַנען געגרינדעט געוואָרן לעגאַלע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניגן, עס איז אויפֿגעקומען אַ מין פּאַרלאַמענט (די „מלוכה-דומע"), מען האָט אָנגעהויבן פֿירן פּאַרלאַמענטאַרישע וואַלן.

דווקא אין דעם מאָמענט פֿון העכסטע פּאָליטישע דערגריי-כונגען, דווקא אין דעם מאָמענט, ווען די רעוואָלוציע האָט באַלד-באַלד געזיגט און דער „בונד" האָט געהאַלטן בײַם ווערן אַן אָפֿענע מאַסן-פּאַרטיי אין אַ פּאַרלאַמענטאַרישער מלוכה, – גראָד אין יענעם מאָמענט איז אַלעקסאַנדער אויפֿגעשטאַנען אויף אַ זיצונג פֿונעם צענטראַל-קאָמיטעט און האָט דערקלערט, אַז ער טרעט אַרויס פֿון צענטראַל-קאָמיטעט.

פֿאַר וואָס? – גאָר פּשוט: ביז איצט האָט זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג געפֿאָדערט אַזאַ סאָרט מענטשן, ווי ער, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט טעכנישער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. דערויף האָט ער, אַלעקסאַנדער, געטויגט. איצטער קומט אויף אַ נײַע עפּאָכע, מען דאַרף שוין ניט מאַכן קיין געהיימע קרײַזלעך, שמוגלען ליטעראַטור איבערן גרענעץ אָדער אײַנאָרדענען געהיימע דרוקערײַען. איצט פֿאָדערן זיך פּאָליטיקערס,

רעדנערס, שרײַבערס, דעפּוטאַטן, רעדאַקטאָרן. ער איז אָבער ניט קײן שרײַבער, ניט קײן רעדנער און געוויס ניט קײן געלערנטער. ער קען ניט זײַן קײן דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט און קײן רעדאַקטאָר פון אַ צײַטונג, און קײן טעאָרעטיקער איז ער דאָך געוויס ניט — הײַנט אויף וואָס דאַרף מען אים האָבן אין צענטראַל־קאָמיטעט?

טרעט ער אַרויס און בעט נאָר אײן חסד: מען זאָל אים דערלויבן צו ווערן אַ מאַשיניסט אַ מעכאַניקער בײַ דער נײַער דרוקמאַשין וואָס מיר האָבן אײַנגעשטעלט אין ווילנע אין דער דרוקערײַ פון „פאָלקסצײַטונג". אָט די מלאָכה קען ער יאָ, און אָט דאָ קען ער זײַן דעם בונד נוציק.

מען קען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ געשריי עס האָט זיך אויפגעהויבן אין צענטראַל־קאָמיטעט. מען האָט קרעמערס דעמיסיע „אָפּגעשריִען", אָבער ווער עס האָט געקענט קרעמערן און זײַן אײַזערנעם כאַראַקטער, יענער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז ניט אויף לאַנג. און טאַקע אין אַ צײַט אַרום איז ער אַוועק און האָט עס געמאַכט אויף זײַן שטייגער, גאַנץ ראַדיקאַל און שאַרף: אין גאַנצן אַוועק! אַוועקגעפאָרן קײן פראַנקרײַך און האָט דאָרט אין עלטער פון 45 יאָר, מיט אַ פרוי און אַ קינד אויף די פּלייצעס, אַוועקגעזעצט זיך לערנען טעכניק אין אַ טעכנישער שול.

*

אַרקאַדי קרעמערס פּאָליטישע ביאָגראַפיע איז ניט זייער סענסאַציאָנעל, הגם זי איז ניט גאַנץ געוויינטלעך. און פון איר אַליין קען מען בשום־אופן ניט באַקומען קײן פאָרשטעלונג וועגן זײַן מערקווערדיקער פערזענלעכקייט. עס זײַנען געווען אין אים פעיִקייטן און שטריכן וואָס האָבן ניט געפונען קײן פולן אויסדרוק אין זײַן פּאָליטישער טעטיקייט. איך פערזענלעך, וואָס איך האָב זיך באַקענט מיט אַלעקסאַנדערן אין 1903, אָט טאַקע אין זשענעוו אויף אַן אויסלענדישער קאָנפערענץ, האָב זיך ניט איין מאָל געשטעלט די פראַגע: אין וואָס באַשטייט

זײַן כּוח און זײַן שוואַכקייט? פאַר וואָס איז ער אַוועק פון פּאָליטישן לעבן? אין וואָס איז באַשטאַנען זײַן מאַגנעטישע צוציקראַפט און פאַר וואָס האָבן אים אַלע אַזוי האָלט געהאַט?

אייניקע פון זײַנע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן: דאָס איז געווען, פריִער פאַר אַלץ, זײַן קלוגשאַפט. ער איז געווען אַן אמתער חכם, אַ מענטש מיט אַ שאַרפן פעיִקן קאָפּ וואָס האָט תּיכּף באַנומען אַ געדאַנק און האָט אים פאַרשטאַנען טיף, — און וואָס איז געווען אַ גרויסער מבֿין אויף מענטשן. ער האָט תּיכּף באַמערקט אַ ניט־לאָגישקייט, אַ סתּירה. זײַן באַליבטער מעטאָד איז געווען אויסצוהערן אַ מיינונג און דערנאָך דורך אַ ריי שאַרף אויסגעצ־רעכנטע פראַגעס דערפירן זײַן קעגנער צו אַזאַ פּונקט, אַז פאַר אַלע צוהערערס פלעגט גלײַך ווערן קלאָר, אַז דער געדאַנק איז ניט קיין לאָגישער; ער פלעגט עס שטענדיק טאָן מיט אַ קלוגן שמייכעלע, מיט אַ וויץ, אַ מאָל אַ גאַנץ שאַרפן, אָבער שטענדיק אַ גוטמוטיקן.

און דאָס איז בײַ אַלעקסאַנדערן געווען צוזאַמענגעבונדן מיט אַ צווייטן שטריך וואָס אַלע פלעגן גלײַך זען: מיט זײַן אומגעוויינטלעכער גוטסקייט און חבֿרשער פרײַנדלעכקייט. איך האָב זעלטן געזען אַ מענטשן מיט אַזאַ גוט האַרץ און אַזאַ חבֿרשער באַציִונג צו מענטשן. אָט, דוכט זיך, מאַכט ער חוזק פון עמעצן און באַוויַזט, אַז ער פאַרשטייט קיין זאַך ניט — און אין אַ מינוט אַרום וועט ער פאַר אים טאָן אַלץ וואָס מען דאַרף, כּדי אים צו העלפן און אים עפּעס צו פאַרלײַכטערן. אין דעם פּרט פלעגט ער דערגיין ממש ביז סענטימענטאַלקייט.

אַלעקסאַנדער איז געוויס געווען אין גאַנצן גערעכט, ווען ער האָט געטענהט, אַז ער איז ניט קיין רעדנער און ניט קיין שרײַבער. פאַר די 30 יאָר וואָס איך האָב אים געקענט האָב איך אים נאָר איין מאָל געהערט ריידנדיק עפנטלעך אין אַ גרוי־סער פאַרזאַמלונג. דאָס איז געווען אויף דעם 7טן צוזאַמענפאָר פון בונד, וואָס אַלעקסאַנדער האָט געעפנט מיט אַ רעדע. דער עולם האָט ניט געוווסט, וויפל „בלוט און טרערן" עס האָט

אונדז אָפּגעקאָסט אין צענטראַל־קאָמיטעט, ביז מיר האָבן בײַ אים געפּועלט, ער זאָל נעמען אַ וואָרט. און די „רעדע" איז באַשטאַנען פֿון אַזוינע ווערטער: „חבֿרים, איך מוז עפֿענען דעם צוזאַמענפֿאָר. צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן עפֿן איך דעם 7טן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד. איך לייג פֿאָר אויסצוקלײַבן חבֿר מעדעמען פֿאַר אַ פֿאָרזיצער."

חדשים לאַנג האָבן מיר אים „געקיבעצט" פֿרעגנדיק: וויפֿל מאָל אין לעבן דאַרף אַ מענטש עפֿענען דעם 7טן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד?

אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ניט־עפֿנטלעכע רעדעס אין אינטימע זיצונגען און קליינע צוזאַמענקומען, האָט אַלעקסאַנדער יאָ גערעדט, און טאַקע גאַנץ אָפֿט און זייער גוט. אמת, אָפֿט מאָל זײַנען זײַנע רעדעס באַשטאַנען פֿון עטלעכע טוץ פֿראַגעס, איינע נאָך דער אַנדערער. אָבער דאָס איז שוין געווען זײַן מעטאָד פֿון טראַכטן און פֿון ריידן; דורך די פֿראַגעס פֿלעגט ער אָפֿט קלאָרער מאַכן דעם קערן פֿון אַן ענין איידער אַנדערע דורך אַ גלענצנדן רעפֿעראַט.

אַלעקסאַנדער האָט אויך ניט געקאָנט שרײַבן. ווייניקסטנס האָט ער קיין מאָל ניט איבערגענומען צו שרײַבן אַן אַרטיקל פֿאַר דער „אַרבעטער־שטימע" אָדער פֿאַר אַן אַנדער בונדישער צײַטונג. אָבער יעדערער פֿון אונדז קען אָנווײַזן גענוג אַרטיקלען וואָס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן פֿון אַנדערע לויט די געדאַנקען און אידעען וואָס עס האָט זיי געגעבן אַלעקסאַנדער: ער האָט געשריבן מיט פֿרעמדע הענט (בײַ אונדז זײַנען געווען אַ פּאָר זייער פֿעיִקע שרײַבערס וואָס האָבן שטענדיק געשריבן פֿרעמדע געדאַנקען. דער פֿאַרשטאָרבענער ליטוואַק פֿלעגט זיי רופֿן: „טינטערס").

*

ווען איך וואָלט געדאַרפֿט פֿאַרגלײַכן אַלעקסאַנדערן ווי אַ טיפּ מיט עמעצן אין די קרײַזן פֿון אונדזערע רעוואָלוציאָנערן, וואָלט איך אים געקאָנט פֿאַרגלײַכן נאָר מיט לענינען. עס איז

פּאַטי, 1933

עפּעס געווען אַן ענלעכקייט צווישן אָט דיביידע פּערזענלעכ־קייטן: די זעלביקע איינגעשפּאַרטקייט און אייזערנער ווילן; די זעלביקע קלוגשאַפט; דער זעלביקער סקעפּטיציזם בנוגע פּראַזעס; די זעלביקע פעיִקייט אויסצוגעפינען דעם תּוך פון אַ מענטשן אָדער אַ זאַך. און פונקט אַזוי ווי לענין איז אויך אַלעקסאַנדער געווען אַ גרויסער פּאָליטישער ר ע אַ ל י ס ט וואָס האָט שטענדיק קלאָר געזען די רעאַלע פאַקטן פון לעבן, ניט פאַרדעקט מיט ווערטער.

(דאָס האָט פאַרשטייט זיך ניט געשטערט ניט אַלעקסאַנדערן און ניט לענינען אָפּצונאַרן זיך אין געוויסע מאָמענטן!)

אָבער לענין איז געווען אַ בייזער, אַ ביטערער, אַ דיק־טאַטאָרישער, אַ ליבהאָבער פון מאַכט, אַן אומברחמנותדיקער, אָן אַ פונק פון דעם וואָס מיר רופן אָן „מאָראַל", האַרציקייט, ווייכקייט.

לענין איז געווען טיף איבערצייגט, אַז נאָר ע ר איז דער באַרופענער פירער און דיקטאַטאָר אין דער רוסישער רעוואָלוציע און קיין שום אַנדער מענטש וועט עס נישט מאַכן אַזוי גוט ווי ער.

אַלעקסאַנדער איז פאַרקערט געווען איבערצייגט, אַז ער קען און ווייס ווייניקער פאַר אַלעמען, הגם אין תּוך פון זיין נאַטור איז ער געווען דווקא אַ מענטש מיט אַן אייזערנעם ווילן און די פעיִקייטן פון אַ דיקטאַטאָר. אָבער ער האָט ניט געגלייבט אין זיך, ער איז געווען סקעפּטיש בנוגע צו זיך ווי צו אַלעמען.

איך געדענק ניט, וועלכער באַרימטער פראַנצייזישער שרייבער האָט געזאָגט וועגן איינעם אַ פּאָליטיקער, אַז יענעם האָבן אויסגעפעלט בלויז עטלעכע חסרונות, כּדי צו ווערן גאָר אַ גרויסער מענטש.

אָט אַזוי איז געווען אַרקאַדי קרעמער. ער האָט געהאַט דעם פולן מאַטעריאַל פון ג ו ט ע מעלות און אייגנשאַפטן צו ווערן אַ פּאָליטישער טוער פון גאָר אַ הויכער מדרגה, פון גאָר אַ גרויסן פאַרנעם. ער איז דאָס ניט געוואָרן איבער דעם וואָס

אים האָבן אויסגעפּעלט נאָר אַ פּאָר חסרונות, אַ פּאָר שלעכטע איינגנשאַפטן. ווען ער יאָגט זיך מער נאָך כּבֿוד, ווען ער איז מער פֿאַרליבט אין זיך אַליין, מער איבערצייַגט אין זיינע גרויסע טאַלענטן, וואָלט ער זיכער געקענט ווערן דאָס וואָס ס׳איז געווען אַבסאָלוט מיגלעך פֿאַר זיינע גרויסע פֿעיִקייטן, פֿעיִקייטן פֿון קאָפּ און כאַראַקטער.

ער איז ניט געוואָרן קיין רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטאָר, קיין באַרימטער מאַן, קיין סענסאַציאָנעלער טוער, אָבער ער איז פּאָרט געווען אַ „גרויסער מענטש", – ווי אַ מענטש, ווי אַ חבֿר מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַ גרויס האַרץ פֿאַר די אַלע וואָס האָבן אים געקענט, וואָס האָבן אים ליב געהאַט, וואָס וועלן אים קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן.

דער טאַטע פֿון בונד

פֿון

צביון

אַרקאַדי איז געווען איינער פֿון די ערשטע סודותדיקע נעמען וועלכע איך האָב געהערט אין מײַנע יונגע בונדיסטישע יאָרן. עס איז געווען אַ נאָמען וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט פֿאַרשיידענע לעגענדעס פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

איך ווייס ניט, צי אַרקאַדי איז געווען דער עלטסטער. עס קען זײַן, אַז אין דער קליינער גרופּע ייִדישע רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן געגרינדעט דעם בונד זײַנען געווען עלטערע פֿון אַרקאַדין, אָבער פֿאַר אונדז ייִנגערע בונדיסטן פֿון צווייטן דור איז אַרקאַדי געווען פֿאַררעכנט פֿאַר דעם טאַטן פֿון בונד. ווייניקסטנס קען איך זיך ניט דערמאָנען, אַז עס איז געווען אַ צווייטער וואָס זאָל האָבן געהאַט אַ גרעסערן אויטאָריטעט אין בונד ווי אַרקאַדי. דער בונד האָט געהאַט אין זײַנע רייען הויך אינטעליגענטע מענטשן, טעאָרעטיקערס, גלענצנדע רעדנערס, אָבער דער אויטאָריטעט איז געווען אַרקאַדי. צו אים האָט מען זיך צוגעהערט מער ווי צו עמעצן אַנדערש. זײַן וואָרט האָט געהאַט אַ באַזונדער וואָג.

אַרקאַדי איז ניט געווען קיין שרײַבער און אויך ניט קיין רעדנער. איך האָב קיין מאָל ניט געהערט פֿון אים קיין רעדע און איך גלייב, אַז אויך קיין אַנדערער האָט עס פֿון אים ניט געהערט. איך האָב פֿון אים אַפֿילו קיין מאָל ניט געהערט קיין לאַנגן אַרגומענט וואָס זאָל זײַן ענלעך כאָטש צו אַ שטיקל

רעדע. זײַנע אַרגומענטן זײַנען געװען קורצע, קלאָרע און װאָגיקע. ער האָט אין אַלגעמײן גערעדט קורץ, אַפֿילו װען ער איז געקומען מיט אײנעם זיך דורכרײדן און באַאײַנפֿלוסן, אַז ער זאָל עפּעס טאָן, װאָס ער פֿאַרלאַנגט פֿון אים. איך געדענק, װי ער איז געקומען אין 1905 קײן ריגע זיך דורכרײדן מיט מיר, אַז איך זאָל קומען קײן װילנע און װערן אַ מיטגליד פֿון דער רעדאַקציע פֿון דער טעגלעכער יידישער צײַטונג „דער װעקער", װאָס דער בונד האָט זיך דעמאָלט געגרײט אַרויסצוגעבן. עס איז געװען בײַ מיר זײער שטאַרק אָנגעלײגט, װאָס אַרקאַדי אַלײן איז געקומען מיט מיר זיך װעגן דעם דורכרײדן. אָבער איך בין אין ספֿק, צי אין דעם גאַנצן דורכרײדן זיך האָט אַרקאַדי פֿאַרניצט מער װי עטלעכע צענדליק װערטער. מיר האָבן דוכט זיך גערעדט אַ לענגערע צײַט, און ער האָט געזאָגט אַלץ װאָס איז אים געװען נײטיק, נאָר די װערטער זײַנען געװען בײַ אים זײער שפּאָרעװודיקע.

ער האָט זיך מיט דער זעלביקער שפּאָרעװודיקײט פֿון װערטער אויסגעצײכנט, װען איך בין געװען בײַ אים 1921 אין פּאַריז, נאָך דער גרויסער װעלט־איבערקערעניש. ער האָט מיך באַזונדער װאַרעם אויפֿגענומען אין זײַן קלײנער אָרעמער װױנונג ערגעץ אין אַ זײַטיקן געסל, װאָס האָט מיר אויסגעקוקט אָפּ־געזונדערט פֿון דער גאַנצער װעלט. אפֿשר איז בײַ מיר דער אײַנדרוק געקומען דערפֿון, װאָס אַרקאַדי אַלײן האָט דעמאָלט געלעבט אַזוי גוט װי אָפּגעזונדערט פֿון דער װעלט. דער איבער־בראָך װאָס איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אין דער סאָציאַליסטישער באַװעגונג אין דער גאַנצער װעלט האָט אַרקאַדין אַװעקגעשטעלט אין גאַנצן אין אַ זײַט פֿון דער באַװעגונג. ער איז ניט געװען אײַנשטימיק מיט קײנעם פֿון די צדדים. ער האָט זיך אַלײן געדאַרפֿט איבערברעכן, און דאָס איז פֿאַר אים געװען ניט לײַכט, בפֿרט לעבנדיק אין אַ פֿרעמד לאַנד, װוּ ער האָט אָרגאַניש ניט געקענט זײַן פֿאַרבונדן מיט דער באַװעגונג װי אַ פּראַקטישער אָנפֿירער, צו װאָס ער איז געװען געבאָרן.

איך האָב פֿאַרבראַכט בײַ אים אַ גאַנצן אָוונט, און ס׳איז דוכט זיך געווען זייער פֿיל וועגן וואָס צו ריידן. מיר האָבן זיך ניט געזען נאָענט צו פֿופֿצן יאָר, און דער מהלך וואָס אַרקאַדי איז אין דער צײַט אַדורכגעגאַנגען, פֿון ווילנע ביז פּאַריז, איז געווען זייער אַ גרויסער. עס איז אויך אין זײַן פּערזענלעכן לעבן פֿאָרגעקומען אַ היפּשער איבערבײַט. ער האָט זיך צו פֿופֿציק יאָר גענומען שטודירן אין פֿראַנקרײַך עלעקטראָאינזשעניער און האָט אויך אויסגעשטודירט. אָבער ווען איך פּרוּוו זיך איצט דערמאָנען, וויפֿל אַרקאַדי האָט אין יענעם אָוונט גערעדט, דוכט זיך מיר, אַז איך וואָלט די ווערטער געקענט אויסציילן. ער האָט מיר דוכט זיך דערציילט אַלץ. ער האָט מיט מיר גערעדט וועגן דער צעטרייסלונג פֿון דער סאָציאַליסטישער באַ- וועגונג און אויך וועגן זײַנע פּערזענלעכע עניינים. מיר האָבן גערעדט וועגן דעם, אַז ער זאָל זיך באַזעצן אין ווילנע. אָבער ער האָט עס אַלץ געטאָן אין שפּאָרעוודיקע ווערטער. און עס איז דוכט זיך מער ניט געווען נייטיק. עס האָט זיך ניט געפֿילט, אַז ער האָט עפּעס אויסגעלאָזן אָדער עפּעס ניט דערזאָגט.

איך ווייס ניט, צי אָט די שפּאָרעוודיקייט (דער „צימצום", ווי די העברעער וואָלטן עס געזאָגט) איז געווען אין זײַן נאַטור אָדער דאָס האָט זיך בײַ אים אויסגעפֿורעמט דורך זײַן קאָנספּי- ראַטיווער טעטיקייט און דורך דער פּאָזיציע וואָס ער האָט פֿאַרנומען אין דער באַוועגונג.

אין אַ געהיימער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג דאַרף מען ריידן וואָס ווייניקער. מען דאַרף דיסציפּלינירן די צונג, אַז זי זאָל ציילן די ווערטער וואָס קײַקלען זיך פֿון איר אַראָפּ און אַז יעדער וואָרט זאָל האָבן אַ וואָג.

אַרקאַדי איז באַטראַכט געוואָרן פֿאַר איינעם פֿון די קליגסטע מענטשן וואָס דער בונד האָט פֿאַרמאָגט. אמת, ניט אַלע וואָס קריגן די אָנערקענונג פֿאַר קלוגע זײַנען עס אין דער ווירקלעכקייט. עס איז פֿאַראַן בײַ ייִדן אַ ווערטל וואָס זאָגט, אַז ווען איינער האָט נאָר מזל, איז ער קלוג אויך. אַרקאַדי

איז אָבער געווען איינער פֿון די ווייניקע וואָס איז געווען באמת קלוג, און דער בונד האָט דערפֿון זייער פֿיל פּראָפּיטירט.

*

איך האָב זיך מיט אַרקאַדין געטראָפֿן דאָס לעצטע מאָל 1931 אין ווילנע, ווו איך בין געווען זײַן גאַסט. אין די צען יאָר וואָס זײַנען געלעגן צווישן פּאַריז און ווילנע איז אין אַרקאַדין פֿאָרגעקומען אַ גרויסער פֿיזישער איבערבײַט צום ערגערן. ווען איך האָב אים געזען אין פּאַריז, האָט ער אויסגעזען יונג און קרעפֿטיק, שוין צו יונג פֿאַר זײַן עלטער. ער איז דעמאָלט געווען אין זײַן זעקס און פֿופֿציקסטן יאָר, אָבער ער האָט אויס־געזען ניט מער ווי פֿערציק. עס האָט מיר אויסגעזען, ווי ער וואָלט ייִנגער געוואָרן פֿאַר דעם רעכט ביסל יאָרן וואָס איך האָב אים ניט געזען. ווען איך האָב זיך אָבער מיט אים גע־טראָפֿן אין ווילנע, האָב איך דערזען פֿאַר זיך אַ צעבראָכענעם מענטשן. ער האָט ניט אויסגעזען אַלט אויפֿן פּנים, אָבער עס האָט זיך געזען אַלטקייט אין זײַן קערפּער, ריכטיקער — צע־בראָכנקייט און שוואַכקייט.

איך האָב זיך טאַקע באַלד דערוווּסט, אַז ער איז אַ קראַנ־קער מענטש און דאַרף זיך זייער אָפּהיטן. נאָר מען דאַרף האָבן מיט וואָס זיך אָפּצוהיטן, און מײַנע אויגן האָבן מיר געזאָגט, אַז פֿון פּאַריז ביז ווילנע איז אַרקאַדי ניט רײַכער געוואָרן. אין גרונט האָב איך עס ניט געדאַרפֿט פּרוּוון טרעפֿן; איך האָב געוווּסט, ווי גרויס עס זײַנען זײַנע פֿאַרדינסטן. ער האָט דעמאָלט געאַרבעט אין ייִדישן טעכניקום, און עס פֿלעגן אַוועקגיין אָפּט חדשים, ווען די לערער פֿלעגן ניט זען אַ גראָשן אין די אויגן.

אין דעם ייִדישן טעכניקום פֿון ווילנע האָב איך געהאַט אַ באַזונדערן אינטערעס. איך האָב געהאַלטן, אַז איך האָב אַ ביסל מיטגעהאָלפֿן אין זײַן גרינדונג. איך בין אַ מאָל געווען איינער פֿון דרײַ שלוחים, דורך וועלכע די ווילנער לאַנדסלײַט אין אַמעריקע האָבן געשיקט הילף קיין ווילנע. עס איז געשיקט

געוואָרן אַ גאַנץ היפּשע סומע פֿונאַנדערצוטיילן צווישן די פֿאַרשיידענע ייִדישע אַנשטאַלטן, און עס איז איבערגעלאָזט געוואָרן צו די שלוחים, אַז זיי זאָלן איינטיילן דאָס געלט לויט זייער איינזעעניש. און גראָד דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן ריידן אין ווילנע וועגן דער נייטיקייט פֿון גרינדן אַ טעכניקום, און אויף מײַן פֿאָרשלאָג איז פֿון די הילפֿסגעלטער וואָס מיר האָבן געהאַט צו פֿאַרטיילן באַשטימט געוואָרן אַ געוויסע סומע, מיט וועלכער מען זאָל קענען אָנהייבן די גרינדונגס־אַרבעט. אין די צען יאָר צײַט איז דער טעכניקום געוואָרן אַן אָנערקענטע אינסטיטוציע, און איך האָב געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסער באַלוינונג פֿאַר מײַן מיטהילף, ווען אַרקאַדי האָט מיך פֿאַרבעטן צו קומען צו די עקזאַמענס.

עס איז געווען פֿאַר מיר אַ סך ווערט די עקזאַמענס בײַצוּוווינען. איך האָב זיך פֿריִער ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז אין ייִדיש איז דאָס מיגלעך. איך האָב שוין אַ סך זאַכן געהערט אין ייִדיש, אַפֿילו אַ דעבאַטע פֿון דאָקטוירים וועגן נײַע אויפֿדעקונגען אין מעדיצין, אָבער ווי אַזוי מען לערנט אינזשעניער־וויסנשאַפֿט אויף ייִדיש, ווי אַזוי מען דערקלערט די קאָמפּליצירטע דיאַגראַמען פֿון סינכראָן־מאָטאָרן אויף ייִדיש האָב איך נאָך ניט געהאַט געהערט. אין די דיאַגראַמען קומען אַרײַן דערקלערונגען ניט בלויז וועגן דער נאַטור און דעם כאַראַקטער פֿון עלעקטרישע בײַטשטראָמען, נאָר אויך אויסדרוקן פֿון דיפֿערענציאַל־ און אינטעגראַל־רעכענונג. צי איז ניט טשיקאַווע צו זײַן בײַ אַזעלכע עקזאַמענס?

אָנגעפֿירט האָט אַרקאַדי. עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז ער פֿאַרלאַנגט אַ ביסל צו פֿיל פֿון זײַנע סטודענטן. די פֿראַגעס וואָס ער האָט זיי געשטעלט האָבן זיך מיר אויסגעוויזן צו זײַן צו שווער פֿאַר סטודענטן פֿון אַ טעכניקום, עס הייסט פֿון אַ טעכנישער מיטלשול. אַזעלכע שווערע פֿראַגעס דאַרף מען שטעלן אויף די עקזאַמענס פֿון סטודענטן אין אַ פּאָליטעכניקום, אין אַ טעכנישער אַקאַדעמיע. אָבער וואָס מאַכט דאָס אויס, אַז די עקזאַמענירטע האָבן גאַנץ גוט געענטפֿערט, טייל פֿון זיי

אויסגעצייכנט. און איך האָב אַליין ניט באַמערקט, ווי גיך פון מיר איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דאָס טשיקאַווע געפיל און איך האָב אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז איך בין עס געקומען אויפן בייזן וווּנדער צו זען, ווי אַזוי מען גיט זיך אַן עצה אויף ייִדיש מיט אינזשעניערישע וויסנשאַפטן. די עקזאַמענס האָבן אויסגעקוקט אַזוי נאַטירלעך, ווי זיי וואָלטן פאָרגעקומען אויף דײַטש אין פּאָליטעכניקום פון קאַרלסרוהע אָדער שאַרלאָטענבורג.

אָבער טשיקאַווע איז מיר פאָרט געווען, אַז אַרקאַדי, דער אַמאָליקער רוסיפיצירטער אינטעליגענט, איז עס אָט דער מײַסטער פון אַ ייִדישער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך און עס קומט בײַ אים אַרויס אַזוי נאַטירלעך, ווי ער וואָלט עס געטאָן זײַן גאַנץ לעבן.

נאָר בײַ אים אין דער היים האָב איך געזען פיל מער. איך האָב געפונען, אַז ייִדיש איז ניט בלויז די שפּראַך פון אַרקאַדין און פון זײַן פרוי פאַטי, נאָר אויך פון זײַן טאָכטער און פון זײַן אייניקל.

דאָס אייניקל וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ נאָרדיק האָט בלויז פאַרשטאַנען צו ריידן ייִדיש. און עס האָט מיר אויסגעקוקט עפּעס אויסטערליש, וואָלט איך זאָגן. אַרקאַדי און פאַטי זײַנען געבאָרן געוואָרן אין דער ייִדישער שפּראַך, אָבער דערצויגן געוואָרן אין רוסיש און געלעבט מיט דער רוסישער שפּראַך. די טאָכטער איז געבאָרן געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך און דערצויגן געוואָרן אין דער פראַנצייזישער שפּראַך; זי איז געווען אַ לערערין פון פראַנצייזיש אין ווילנער אוניווערסיטעט. און דאָס אייניקל רעדט בלויז ייִדיש! אַלע אין הויז ריידן בלויז ייִדיש, און דאָס אייניקל פאַרשטייט דעריבער בלויז ייִדיש. די ייִדישע שפּראַך איז, אין דריטן דור, צוריקגעקומען אַהיים.

דאָס איז פאַרשטייט זיך צו פאַרדאַנקען ווילנע, און פאַר ווילנער איז עס אַ נאַטירלעכע זאַך.

קרעמער דער לערער

פון

מ. גילינסקי

אַרקאַדי קרעמער איז פון פאַך געווען אַ לערער. איך בין געווען זײַנער אַ תּלמיד, און ס'ווילט זיך מיר זיך טיילן מיטן אומפאַרגעסלעכן בילד זײַנעם.

אין יאָר 1921 האָט זיך אין ווילנע געעפנט דער ערשטער ייִדישער לערער־סעמינאַר. עס זײַנען זיך צונויפגעפאָרן איבער 40 יונגע־לײַט פון גאַנץ פוילן. צווישן זיי זײַנען געווען געוועזענע לערערס פון אונדזער שול און געוועזענע ישיבֿה־בחורים, אַביטוריענטן פון גימנאַזיעס און אויטאָדידאַקטן, פון דער הויפּט־שטאָט וואַרשע און פון פּראָווינצער שטעטלעך. אַלעמען אָבער האָט אַהער געבראַכט דער איינציקער גרויסער פאַרלאַנג צו ווערן לערערס אין די ייִדישע פאָלקסשולן, אָפּטוקן זיך אין אַ קוואַל פון ייִדישער קולטור, אויסשלײַפן זיך די ייִדישע שפּראַך, כּדי אַ באַנײַטער און אַ באַוואָפנטער זוכה צו זײַן צו קומען צום ייִדישן פאָלקסקינד.

פון אַ טייל לערערס זײַנען מיר אָבער געווען די ערשטע טעג שטאַרק ניט צופרידן. און אינטערעסאַנט, דער אומפאַרגעס־לעכער ח' אַרקאַדי האָט די ערשטע טעג ניט געפונען קיין חן אין אונדזערע אויגן. אַרקאַדי קרעמער איז געווען אונדזער לערער פון מאַטעמאַטיק. צו אים האָבן מיר געהאַט טענות פאַר זײַן ייִדישער שפּראַך. אין יעדער זאַץ פלעגט ער ניצן אַ 5–6 רוסישע ווערטער. די ייִדישע טערמינאָלאָגיע האָט ער

נאָך ניט געקענט. ס׳טײַטש, האָבן מיר געטענהט, מיר זײַנען געקומען אין היכל פֿון ייִדיש, מיר ריכטן זיך דאָ צו דערהערן די אמתע קלינגענדיקע ייִדישע שפּראַך — און דאָ שפּײַזט מען אונדז מיט „טאַטשקעס" און „טרעוגאַלניקעס"!

אָבער אָט קומט אַרײַן דער לערער קרעמער און פֿאַרפֿירט מיט אונדז אַ שמועס. ער האָט געהערט, אַז מיר האָבן טענות; פֿאַרלאַנגט ער, מען זאָל אים פֿערזענלעך אָן פֿאַרבאַהאַלטענישן איבערגעבן אַלע טענות. אויסגעהערט פֿון אונדז אַ גאַנצע מגילה, נעמט ח׳ קרעמער אַ וואָרט. ער דערציילט, אַז דאָס אַרבעטן אין ייִדישן לערער־סעמינאַר איז פֿאַר אים ניט קיין פּרנסה־פֿראַגע, אַז פֿאַר אים איז עס אַן אָרגאַנישער טייל פֿון זײַן געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישער אַרבעט וואָס ער פֿירט שוין איבער 30 יאָר. ער האָט אונדז געגעבן גערעכט אין אונדזער פֿאָדערונג, אָבער פֿאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן אָפּוואַרטן נאָר איין חודש. ער וועט זיך באַמיִען די אַלע ניט־געוווּנטשענע מאָמענטן צו באַזײַטיקן, און יעמאָלט וועלן מיר זיך ווידער צונויפֿקומען און באַשליסן, וואָס ווײַטער צו טון.

דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן אַזוי פּשוט, אַזוי קינדיש־אויפֿריכטיק, אַז מיר זײַנען אַלע געבליבן פֿאַרשעמט. עס זײַנען אַפֿילו געווען עטלעכע סעמינאַריסטן וואָס האָבן זיך געחידושט: „ס׳טײַטש? אַ פּראָפֿעסאָר זאָל אַזוי ריידן צו זײַנע תּלמידים!" דער גאַנצער עולם האָט אָבער אַנדערש אויפֿגענומען די זאַך. מיר האָבן דערפֿילט, אַז עס רעדט צו אונדז אַ מענטש פֿון אַ העכערן וועלט ווי דער דורכשניט. אַ פּערזענלעכקייט וואָס שטייט איבער די נאַרישע קאָנווענצאַנסן, וואָס איז גרויס אין זײַן פּשוטקייט און איז פֿול מיט ווערדע אין זײַן באַשיידנקייט.

אין אַ חודש אַרום האָט מען שוין קיין פֿאַרזאַמלונג ניט געדאַרפֿט מאַכן. אין משך פֿון אַ פּאָר וואָכן האָט מען נעענטער דערקענט דעם ליבן לערער קרעמער. מען האָט אים שוין מוחל געווען זײַנע „טאַטשקעס" און „טרעוגאַלניקעס" (אַגבֿ האָט זיך דער ח׳ קרעמער גיך אויסגעלערנט אַ ריינעם, פֿײַנעם ייִדיש). מען איז געוואָרן נאָענטע פֿרײַנד אויף שטענדיק, און יאָרן

נאָכן ענדיקן דעם סעמינאַר פלעגן מיר קיין מאָל ניט דורכלאָזן צו באַזוכן דעם ח׳ קרעמער, ווען עמעצער פון אונדז פלעגט זיך אַרײַנכאַפּן אין ווילנע. און דער ח׳ קרעמער פלעגט אונדז תּמיד פרײַנדלעך און האַרציק אויפנעמען און אויספרעגן אונדז וועגן אונדזער אַרבעט, לעבנס־באַדינגונגען און פלענער אויף ווײַטער. זעלטן ווען אַ געשטאַלט פון אַ לערער זאָל זיך אַזוי אײַנקריצן אין זכרון פון תּלמידים ווי עס איז אין דעם פאַל. און ווען עס זאָלן זיך ניט צונויפטרעפן זײַנע געוועזענע תּלמידים, דערמאָנט מען זיך אויפס נײַ עפּיזאָדן, לעקציעס, ווערטלעך פון לערער און חבר קרעמער.

אַלע געדענקען מיר די זומערס הינטער ווילנע אין אונדזער קאָלאָניע פּושקאַרניע. דאָרט פלעגט דער סעמינאַר פאַרברענגען די פינף זומערדיקע חדשים על התּורה ועל העבֿודה, בײַ לערנען און ערדאַרבעט. צוויי מאָל אַ וואָך פלעגט קומען צו אונדז פון ווילנע דער ח׳ קרעמער אײַנקנעלן מיט אונדז אַ ביסל מאַטעמאַטיק. ער פלעגט קומען צו פוס. קיין מאָל ניט מיט דער באַן. „אַן אײַנפאַל, פלעגט ער זאָגן. זעקס קילאָ־מעטער קען מען זיך ניט אַדורכשפּאַצירן?‟ געקומען קיין פּושקאַרניע און זיך גלײַך גענומען צום קרײַד און טאָוול, פאָרמלען און חשבונות. אָפּרוען דאַרף ניט דער ח׳ קרעמער. רוקט מען אים אונטער אַ שטול, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט: ניט נייטיק. ערשט אין אָנדערטהאַלבן שעה אַרום ענדיקט זיך די לעקציע, מען זעצט זיך צוזאַמען צום נאַכטעסן, מען שמועסט, מען זינגט און מען באַלייט דעם לערער צוריק צו פוס קיין ווילנע.

ווי אַזוי קען מען לערנען טרוקענע מאַטעמאַטיק אויף דער שויס פון דער נאַטור, ווען אַרום רוישט די ווילענקע מיט די וואַסערפאַלן, ווען פייגעלעך פאַרקלינגען די לופט, ווען עס בליִען די עפּלביימער? דער ח׳ אַרקאַדי האָט אָבער פאַרמאָגט די קונסט צו בינדן די טיפסטע פּאָעזיע מיט דער טרוקענער מאַטעמאַטיק. כ׳וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן אָט די לעקציע למשל:

ס'איז געווען אויף מאָרגן נאָך אַן אַרויסטריט פון די באַקאַנטע אַרטיסטן פון דער „ווילנער טרופּע" אַזראַ און עלמית. אונדזער גאַנצער עולם איז זיי אַוועק הערן. דער ח' קרעמער איז געווען שטאַרק אונטערן אײַנדרוק פון עלמיתעס רעציטירן פּרצעס „גאָלדענע קייט". אויף מאָרגן האָט דער ח' קרעמער געהאַט מיט אונדז אַ לעקציע אַלגעבּרע. האָט ער אַזוי אַן ערך אָנגעהויבן זײַן לעקציע:

„שלמה האָט זיך דערהויבן אין די העכסטע הייכן. מיט זײַן גיגאַנטישער קראַפט האָט ער זיך דערוועגט צו בײַטן דעם גאַנג פון דער וועלט. איז געקומען דער באַנאַלער „גוטוואָך" און אָנגעוויזן אויף דער געזעץ־מעסיקייט אין דער נאַטור, וואָס קיינער קאָן זי ניט בײַטן." און דאָ גייט שוין דער ח' קרעמער אַרײַן אין געביט פון פאָרמלען, פיגורן, צאָלן און סימבאָלן, וואָס שטרײַכן אונטער און דערקלערן די געזעצן און די געזעץ־מעסיקייט פון גאַנצן קאָסמאָס. ער בינדט עס כסדר מיט אַ טיפן אַנאַליז פון דער „גאָלדענער קייט" און מיט אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון עלמיתעס עקזאַלטירטן צושטאַנד בײַם רעציטירן. ח' קרעמער צייכנט אויפן טאָוול פיגורן, און מיר אַלע ווערן אַריבערגעטראָגן אין דער וועלט פון טיפסטער פּאָעזיע.

אָדער אַ צווייטע לעקציע. עס גייט וועגן מאַטעמאַטישן באַגריף פון אומענדלעכקייט. דער ח' קרעמער שפּרײַזט איבערן צימער, נעמט אַראָפּ די ברילן און טוט זיי אָן. ער גיט אונדז צו פאַרשטיין וועגן גרענעץ פון ענדלעכקייט און אומענדלעכקייט. ריין מאַטעמאַטיש. און אָט – מיר באַמערקן אַליין ניט ווי אַזוי, גייט ער אַריבער צו דאַרוויניזם און מאַרקסיזם, צו רעוואָלוציע און עוואָלוציע אין דער נאַטור, אין דער געזעלשאַפט: ווי אָפט טרעפט, אַז מיר ווייסן אַליין ניט, אַז ס'איז פאַראַן נאָר איין שפּאַן צו רעוואָלוציע. און דאָ גיט דער ח' קרעמער אַ שפּרײַז צום טאָוול, גיט אַ שרײַב אָן אַ פאָרמל: „אָט די פאָרמל איז דער אויסדרוק פון יעדער רעוואָלוציע!" און מיר זעען עס בפירוש. מיר באַנעמען עס. יעדער ציפער באַקומט בײַ אונדז יונגע סעמינאַריסטן אַ טיפן פילאָזאָפישן באַטײַט. אומענדלעכ־

קייט, רעוואָלוציע, געזעץ=מעסיקייט, a פלוס b — אַלץ ווערט באַהויכט מיט אַ נײַעם טיפֿן זינען, און די לעקציע פֿון מאַטעמאַטיק ווערט קונסט.

קרעמער האָט פֿאַרלאַנגט פֿון זײַנע תּלמידים, זיי זאָלן מאַטעמאַטיק פֿאַרשטיין, מען זאָל באַנעמען דעם זינען פֿון די פֿאָרמלען, אָבער ניט אײַנקנעלן.

איין מאָל האָט ער געכאַפּט עטלעכע תּלמידים אויפֿן עקזאַמען, ווי זיי קוקן אַרײַן בשתיקה אין אַ לערנביכל. זיי האָבן זיך שטאַרק צעטומלט און דערשראָקן. ער האָט אָבער אַ זאָג געטאָן צו זיי: „קוקט אַרײַן, ס'שאַט ניט! אויב איר וועט פֿאַרשטיין, וואָס אין רעכנבוך טוט זיך — וועט דאָס זײַן אַלץ וואָס איך פֿאַרלאַנג".

קרעמער האָט פֿײַנט געהאַט דילעטאַנטישקייט, אויבנאויפֿיקייט און אונדז געלערנט טיפֿער און דורכדרינגלעכער באַנעמען די דערשײַנונגען אין דער נאַטור און אין לעבן.

אין ווילנער לערער-סעמינאַר

פֿון

י. מילנער

פֿאַרן ייִנגערן דור איז א. קרעמער דער פּאָליטיקער באַקאַנט נאָר פֿון דער געשיכטלעכער פּאַרטיי-ליטעראַטור. דערפֿאַר אָבער איז זײַן נאָמען פֿונאַנדערגעטראָגן געוואָרן אין די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקלען פֿון לאַנד דורך די געוועזענע תּלמידים זײַנע – די אַביטוריענטן פֿון געשלאָסענעם ייִדישן לערער-סעמינאַר אין ווילנע.

ווען אין האַרבסט 1921 קומען זיך צונויף אין ווילנע קאַנדידאַטן אויף סעמינאַריסטן פֿון אַלע עקן לאַנד און דראַפּען זיך באַרג אַרויף אויף גרויס-פּאָהולאַנקע 18, ווו דער סעמינאַר האָט זיך צײַטווײַליק געפֿונען, טרעפֿן זיי שוין דאָרטן א. קרעמערן.

ווער נאָר עס איז כאָטש אַ געוויסע צײַט געווען אין דער מסיבה פֿון קרעמערן, יענער האָט שוין אויף שטענדיק געמוזט ווערן זײַנער אַ חסיד. דער גאַנצער א. קרעמער איז געווען פּשטות. אַזוי פֿיל באַשיידנקייט, אַזוי פֿיל תּמימות און ערלעכקייט אין איין פּערזאָן איז ווײַט צו זוכן און צו געפֿינען. אָט דער כּמו אָנגעברוגזטער א. קרעמער האָט געהאַט אין זיך עפּעס קינדישס. זײַן האַרציק פֿונאַנדערלאַכן זיך פֿון אַ תּלמידס נאַריש-שוואַכער תּשובֿה האָט געהאַט אין זיך אַ מאָדנעם חן.

זײַן איבערגעגעבנקייט צום סעמינאַר איז געווען גוואַלדיק. חוץ אַ פּינקטלעכער לעקטאָר וואָס האָט כּמעט קיין מאָל ניט דורכגעלאָזט צי פֿאַרשפּעטיקט אַ לעקציע, איז ער שטענדיק

געוועזן דער ערשטער אויף די זיצונגען פֿון די פּעדראַטן, פֿון דער פֿאַרוואַלטונג. זײַנע אַ מיינונג איבער אַ וועלכן ניט איז ענין — אַרויסגעזאָגט קורץ, פֿאָרמולירט שיעור ניט מאַטעמאַטיש — איז אַלע מאָל געווען וואָגיק. אַליין אַ בקי אין דער וועלט פֿון מאַטעמאַטיק, האָט ער געוואָלט, אַז אויך זײַנע תּלמידים זאָלן זײַן גרויסע קענערס אויף דעם געביט. קיין מאָל פֿלעגן אים ניט קלעקן די 45מינוטיקע לעקציעס, כאָטש ער פֿלעגט דערשטוקעווען אין די אָוונטן. און אויב אין ערשטן לערניאָר האָבן די סעמינאַריסטן ניט באַוויזן אויף מאַטעמאַטיק אַזוי פֿיל ווי ער האָט געוואָלט, האָט קרעמער זיך ניט געפֿוילט אין משך פֿון אַ זומער צײַט צוויי מאָל אין דער וואָך צו לאָזן זיך קיין פּושקאַרניע (די דעמאָלטיקע זומער־קאָלאָניע פֿון די סעמינאַריסטן) און קנעלן מיט זיי מאַטעמאַטיק, און אַז קיין באַן אין דער ריכטונג פֿון פּושקאַרניע איז ניט געגאַנגען פּונקט, ווען ער האָט באַדאַרפֿט, איז געווען רעכט בײַ אַ. קרעמערן דורכצומאַכן די זעקס קילאָמעטער צו פֿוס, ניט געקוקט וואָס ער האָט שוין יעמאָלט געליטן אויף פֿוס־רעוומאַטיזם.

אַ. קרעמער איז געווען זייער באַליבט בײַ די סעמינאַריסטן, דער עיקר בײַ די עלטערע — די „זקנים", ווי ד"ר זשיטלאָווסקי האָט זיי אַ מאָל באַטיטלט בעת זײַנעם אַ באַזוך אין סעמינאַר. די סעמינאַריסטן פֿון ערשטן אַרויסלאָז, וואָס זײַנען די גאַנצע קאַרגע פֿינף יאָר געווען צוזאַמען מיט אַ. קרעמערן, וועלן בלײַבן אונטער דער השפּעה פֿון זײַן גרויסער פּערזענלעכקייט. אויף יעדער היימישן אָוונט פֿון די סעמינאַריסטן האָט געמוזט זײַן קרעמער. און אויב איין מאָל אויף אַ שׂימחהלע אין דער זומער־קאָלאָניע, דוכט זיך לכּבֿוד שלום אַשן, האָט מען זיך אַרומגעקוקט, אַז קרעמער פֿעלט — איז חבֿרה ניט פֿויל געווען, אַוועק קיין פּאָספּעשק, וווּ קרעמער איז דעמאָלט געשטאַנען אויף דאַטשע, און אים געבראַכט שוין שפּעט אָוונט אין פּושקאַרניע אַרײַן.

אַרקאַדיס לעצטע יאָרן

פון

אנע ראָזענטאַל

איבער פאַרשיידענע סיבות טרעט אַרקאַדי די ערשטע יאָרן נאָך זײַן קומען פון פראַנקרײַך ניט אַרײַן פאָרמעל אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע פון בונד. נאָר אין אַ געוויסער צײַט אַרום ווערט ער פּאָליטיש טעטיק, און אין 1928 ווערט ער פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע. דעם אָרט פאַרנעמט ער כמעט ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן.

די לעצטע חדשים פאַר זײַן טויט, ווען ער קאָן שוין ניט באַזוכן קיין פאַרזאַמלונגען, קומען פאַר די קאָמיטעט־זיצונגען בײַ אים אין וווינונג. אָפט מאָל פאַרציִען זיי זיך גאַנץ שפּעט, צײַטנ־ווײַז זײַנען זיי גאַנץ היציק און לײַדנשאַפטלעך. דאָס גרײַפט שטאַרק אָן זײַן געזונט, און די חברים באַשליסן אַריבערצוטראָגן די זיצונגען אויף אַן אַנדער אָרט. מיט דעם מוז ער בלית־ברירה שלום מאַכן.

אין משך פון די לעצטע 8–9 יאָר פון זײַן לעבן האָט ער מיט זײַן געוויינטלעכער געוויסנדיקייט און איבערגעגעבנקייט געדינט דער ווילנער בונדישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט ניט דורכ־געלאָזן קיין איין זיצונג אָדער פאַרזאַמלונג פון דער פּאַרטיי. שטענדיק פלעגט ער קומען איינער פון די ערשטע. מיט זײַן ספּעציפישער ערנצטקייט פלעגט ער זיך באַציִען צו יעדער פראַגע. גענומען אָנטייל אין די דיסקוסיעס, שטענדיק דורכ־געטראַכט, טיפזיניק, אָפט מיט גרויס טעמפּעראַמענט.

אַרקאַדי און זײַן אייניקל, 1930

ער איז געווען אַ בפּירושער קעגנער פון קאָמפּראָמיסן, ער האָט געווייטיקט איבער יעדער בלויז אָדער פעלער, וואָס דאָס איז ניט אויסצומיידן אין אַ גרעסערער אָרגאַניזאַציע.

ער איז געווען אויסערגעווײנטלעך שטרענג צו מאָראַלישע אָדער פּרינציפּיעלע אָפּנייגן פון חברים.

ס'איז געוואָרן אַ באַנאַל וואָרט „געוויסן", אָבער אויב מען זאָל עס ניצן, האָט בלי־ספק אַרקאַדי דער ערשטער רעכט אויף דעם נאָמען „געוויסן פון דער פּאַרטיי". יעדער אַרטיקל פון דער בונדישער פּרעסע איז דורכגעגאַנגען דורך זײַן שטרענגער קריטיק; ער פלעגט נישט קענען דורכלאָזן קיין גרילצנדיקן קלאַנג, ער האָט ממש פיזיש פון דעם געליטן; ער האָט אָנגע־ווענדט צו דער נאָכמלחמהדיקער צײַט מיט דער געביטענער פּסיכיק און נײַער מאָראַל די מאָס, צו וועלכער ער איז געווען צוגעוויינט אין דער אומלעגאַלער אַרבעט מיט צענדליגער יאָרן צוריק.

באַזונדער שווער איז אים געווען מאָראַליש צו פאַרטראָגן די ניט־אויפריכטיקע געקינצלטע טאַקטיק פון די קאָמוניסטן, יעדער זייער נײַער שאָכצוג פלעגט אים קאָסטן געזונט.

ער האָט זיך ספּעציעל אינטערעסירט מיט דער יוגנט: שטענדיק געזאָרגט וועגן דער מאַרקסיסטישער אויסבילדונג פון די „צוקונפטיסטן" און געטראַכט וועגן שאַפן פאַר זיי די נייטיקע ליטעראַטור; צוליב דעם האָט ער כסדר געזוכט אין דער אויסלענדישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור פּאַסיקע פּאָפּולערע מאַרקסיסטישע ווערק איבערצוזעצן און געפירט אונטערהאַנד־לונגען מיט פאַרלעגערס וועגן אַרויסגעבן זיי.

נאָך דעם לאָדזשער צוזאַמענפאָר איז געווען אין דער יוגנט אַ גרויסע צערודערונג. אַרקאַדי איז אַ פּאָר מאָל אַרויס־געטראָטן אויף יוגנט־פאַרזאַמלונגען מיט גרעסערע רעפעראַטן. זיי האָבן שטאַרק אויסגענומען און באַצייכנט אַ ווענדפּונקט אין דער שטימונג פון דער ווילנער „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע.

ער איז ניט געווען קיין רעדנער אין אָנגענומענעם זינען פֿון וואָרט, אָבער זײַן אײנפֿאַכער, לאָגישער און טיפֿער געדאַנקען־גאַנג האָט געווירקט מער ווי די שענסטע רעדעס.

אין דער לעצטער צײַט, ווען ער האָט שוין ניט געקאָנט זיך טרעפֿן דירעקט מיט דער יוגנט, האָט ער ניט אויפֿגעהערט ווײַטער וועגן איר צו טראַכטן און זאָרגן: פֿון דער אויסלענדישער פּרעסע פֿלעגט ער אַרויסנעמען די אינטערעסאַנטסטע אַרטיקלען, אַליין זיי איבערזעצן אויף ייִדיש און געבן דער יוגנט צו לייענען. מען פֿלעגט זיי אויפֿהענגען אויף די ווענט פֿון פּאַרטיי־לאָקאַל ווי אַ וואַנטצײַטונג.

אָבער די אָרטיקע קלײנאַרבעט האָט ניט פֿאַרשטעלט פֿאַר אים די פּראָבלעמען פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, מיט וועלכער זײַן מוח איז געווען שטענדיק פֿאַרנומען.

אים האָבן ניט געלאָזט רוען די פֿראַגעס: וואָס טוט די שוועדישע סאָציאַליסטישע רעגירונג? ווי אַזוי קעמפֿט זי מיט דער אַרבעטסלאָזיקייט? וועלכע אויפֿטוען האָט די לאָנדאָנער סאָציאַליסטישע שטאָט־פֿאַרוואַלטונג, צי באַרעכטיקט זיך איר עקסיסטענץ? ער האָט געזוכט ענטפֿערס אויף די פֿראַגעס אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע און איז געווען אויפֿגעבראַכט, ווען ער האָט זיי ניט באַקומען.

אין 1928 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר אַ ראַטמאַן אין דער ווילנער קהילה. אים איז ניט געווען צום האַרצן די אַרבעט, אָבער ווען די אָרגאַניזאַציע פֿאָדערט, איז ניט שייך. ער האָט ניט דורכגעלאָזן קיין איין זיצונג פֿון ראַט, געאַרבעט אין דער קולטור־קאָמיסיע. מיט זײַנע אַרויסטרעטונגען און בײַסיקע באַמערקונגען האָט ער ניט ווייניק בייז בלוט פֿאַרשאַפֿט די מושלים פֿון דער קהילה, דאָך האָבן זיי געהאַט פֿאַר אים דעם גרעסטן דרך־ארץ.

ער איז געווען אַ שטאָלצער סאָציאַליסט און אַ הערלעכע פּערזענלעכקייט, פֿאַר וועלכער ס׳האָבן זיך געמוזט בייגן פֿרײַנד און פֿײַנד.

אַ בירגער פֿון דער נײַער וועלט

פֿון

ב. שעפֿנער

אַרקאַדי האָט וועגן זיך און זײַנע העראָישע יאָרן ניט גערעדט. אין די זומערדיקע פֿאַרנאַכטן, ווען איך האָב, זיצנדיק מיט אים צוזאַמען אין דעם דרוזגעניקער גערטנדל, געפּרוּווט אים פּאַמעלעך אַרויספֿירן אויף דער דאָזיקער טעמע, האָט ער זיך עקשנותדיק, ווי אַן אײַנגעשפּאַרט קינד, פֿון איר אַראָפּגעגליטשט. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ וואַרעמקייט וועגן די איבעריקע, וועגן דזשאָנען, וועגן וולאַדימירן, וועגן טימאָפֿייען; אָבער באַלד ווי ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך גיך אויסגעמישט מיטן עולם, מיט דער באַוועגונג, אַז מען זאָל אים וואָס ווייניקער אַרויסזען:

– האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן...

און ווען איך האָב אים געפּרוּווט אַרויסציִען פֿון דעם אַנאָנימען קאָמיטעט און אים דערמאָנען, אַז בעצם האָט ער געטאָן דאָס און געטאָן יענץ, האָט ער אויף זײַן שטייגער אָנגעשטעלט זײַנע גרויסע קינדערישע אויגן און צו־להכעיסדיק אַ טרייסל געטאָן מיט זײַנע גרויסע, געדיכטע וואָנצעס:

– גאָר!

„גאָר" איז בײַ אים געווען דער טײַטש, אַז ס'הייבט זיך ניט אָן, אַז דאָס איז אַ ווילדע זאַך און אַז בכלל איז נישטאָ וועגן דעם וואָס צו ריידן.

דאָס איז אַפֿילו ניט געווען בײַ אים קיין ענִיוות. ער האָט פּשוט אַזעלכע זאַכן ניט געזען, פּונקט ווי אַ געלערנטער וואָס

אַלע זײַנע חושים זײַנען אין דעם מאָמענט פֿאַרנומען מיט אויס־געפֿינען דעם באַציל פֿון ראַק באַמערקט ניט, אַז אין זײַן ווערטל פֿעלט אַ קנעפּל. דאָס זײַנען דאָך אַזעלכע קלײניקײטן אין פֿאַר־גלײַך מיט דער לעבנס־אויפֿגאַבע, אַז מען פֿאַרשפּאַרט זיי אַפֿילו צו איגנאָרירן. זיי עקסיסטירן ניט — און גאָר.

און אַרקאַדי האָט טאַקע די דאָזיקע „קנעפּלעך" ניט געזען. צו די „קנעפּלעך" האָט ער צוגערעכנט אַלץ וואָס איז נוגע געווען זײַן פּערזענלעך לעבן, דאָס לעבן פֿון זײַן פֿאַמיליע, די פּערזענלעכע פֿרײַהייט און דאָס אַזוי גערופֿענע „פּערזענלעכע גליק", שוין אָפּגערעדט פֿון פּערזענלעכע באַקוועמקייטן.

הייסט עס, זיי זײַנען געווען קרבנות, מאַרטירערס, די וואָס האָבן אָנגעצונדן דאָס ערשטע ליכטל און זײַנען אַ לעבן לאַנג ניט מיד געוואָרן צוצוגיסן אײל?

ניין, זיי זײַנען געווען גליקלעך. זיי האָבן בײַ דער רעוואָלוציע פּונקט אַזוי פֿיל גענומען, וויפֿל זיי האָבן איר געגעבן. און אפֿשר נאָך מער גענומען ווי געגעבן. זיי האָבן אַפֿילו באַקומען בײַ איר פּערזענלעך גליק, וואָרעם צי איז דען פֿאַראַן אַ גרעסער פּערזענלעך גליק פֿאַר יענעם געלערנטן, ווי געפֿינען דעם ראַקבאַציל?...

און ווען איר זעט, ווי נאַטירלעך און גרינג עס איז פֿאַר זיי געווען מקריבֿ צו זײַן זייער גאַנץ פּערזענלעך לעבן און פּערזענלעך גליק אויף דער דאָזיקער וועלט פֿאַר דעם אידעאַל פֿון דער אויסגעחלומטער נײַער וועלט און דעם נײַעם מענטש — דעמאָלט ווערט דער אידעאַל ניט נאָר נאָענט, נאָר אויך רעאַל. ווער דערוועגט זיך דאָס צו זאָגן, אַז די „נײַע וועלט" מיט אירע „נײַע מענטשן" איז בלויז אַ שײנער חלום? ניט אמת, אַ מאָל גייט דאָך לעבן אײַך דער דאָזיקער בירגער פֿון דער נײַער וועלט, אָט זעט איר דאָך איצט אַפֿילו זײַנע וואָנצעס...

די אַרקאַדיס האָבן אונדז ניט נאָר די ערשטע אָנגעזאָגט די בשׂורה וועגן אַ נײַער וועלט, זיי האָבן זי אונדז אויך געוויזן אין שפּיגל פֿון זייער אייגן לעבן...

אַ מענטש אָן פּשרות

פון

י. זשעלעזניקאָוו

פֿאַראַן צווישן סאָציאַליסטן ניט ווייניק גלענצנדע רעדנערס, שיינע שרײַבערס, גוטע אָרגאַניזאַטאָרן. עס פֿעלט זיי אָבער אָפֿט די אינעווייניקסטע האַרמאָניע, דער אײַנקלאַנג צווישן דעם אייגענעם פּערזענלעכן לעבן מיט די אידעעס וואָס זיי פּראָפּאַגאַנדירן. אַרקאַדי איז געווען אַ גאַנצער מענטש, אַ סאָציאַליסט מיט אַלע פֿעדעם פֿון זײַן גײַסט, סײַ אין געזעלשאַפֿטלעכן, סײַ אין פּריוואַטן לעבן.

פֿאַר דעם ביסל יאָרן וואָס איך האָב געקענט דעם חבֿר אַרקאַדי געדענק איך ניט קיין איין פֿאַל, אַז ער זאָל האַנדלען אַנדערש ווי ער האָט גערעדט, ריידן אַנדערש ווי ער האָט געהאַנדלט. און פֿלעגט זיך מאַכן, אַז ער פֿלעגט ניט קענען האַנדלען ווי ער האָט געוואָלט, פֿלעגט ער אַרומגיין בייז, אָנגעבלאָזן. יעמאָלט פֿלעגט ער ניט וועלן אַפֿילו ריידן מיט מענטשן. אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ שאָקל מיטן קאָפּ אָדער אַן אָפּגעהאַקטער קלאַנג האָבן דעמאָלט פֿאַרביטן ווערטער.

אַרקאַדי האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן און האַרטן לעבנסוועג. אַ קינד פֿון אַן אָרעמען קליינשטעטלדיקן מלמד, אַ תּלמיד וואָס דאַרף פֿון גראָשענע לעקציעס זיך אויסהאַלטן און באַקומען בילדונג, אַ רעוואָלוציאָנער וואָס שפּרײַזט איבער די צאַרישע טורמעס, אַן עמיגראַנט וואָס וואַנדערט פֿון לאַנד צו לאַנד. דאָס האָט אים געמאַכט פֿון אויסווייניק האַרט און אָנגעכמורעט, דאָס

האָט אָבער געמאַכט נאָך שענער, שפּירעוודיקער זײַן פֿײַן פֿילנ־דיקע נאַטור. די האַרטקייט און כּלומרשטע בייזקייט איז נאָר געווען אַ פֿאַרפֿאַנצערונג קעגן דער דרויסנדיקער וועלט מיט אירע שטרויכלונגען. דאָס איז געווען די שוצוואַנט קעגן קאָמ־פּראָמיסן. אַרקאַדי איז געווען אַ מענטש אָן קאָמפּראָמיסן, ער האָט ניט דערלאָזט קיין קאָמפּראָמיסן, דערהויפּט לגבי זיך אַליין.

קליינינקייטן שפּיגלען אָפּט אָפּ, ווי אַ טראָפּן פֿון ים, די גרויסקייט און גאַנצקייט פֿון מענטשן. בײַ יעדער הוצאה וואָס ח׳ אַרקאַדי פֿלעגט דאַרפֿן מאַכן פֿאַר זיך פֿלעגט ער פֿרעגן: „צי מעג איך״? צו מעג ער קויפֿן אַ נײַעם בגד, ווען אַזוי פֿיל מענטשן גייען אָפּגעריסן? צי מעג ער עסן, ווען ס׳זײַנען דאָ הונגעריקע? נאָר איין מענטש, די ח׳טע פּאַטי, קען דערציילן פֿון די שלאָפֿלאָזע נעכט פֿון ח׳ אַרקאַדי, ווען ער פֿלעגט ליגנ־דיק אויפֿן בעט טראַכטן, ווי אַזוי און מיט וואָס מען קען העלפֿן חברים און פֿרײַנד.

דער לעצטער וועג

אַרקאַדי קרעמער איז געשטאָרבן פֿרײַטאָג דעם 20טן סעפּטעמבער 1935, 8 אַ זייגער אין דער פֿרי.

כּל־זמן ער האָט געלעבט, איז אין די צײַטונגען וועגן זײַן קראַנקייט קיין וואָרט ניט געווען. ער אַליין האָט געבעטן, מען זאָל וועגן דעם ניט שרײַבן. ער האָט די ערנצטקייט פֿון זײַן צושטאַנד געוואָלט האַלטן בסוד פֿון דער טאָכטער אין פּאַריז.

ביז דער לעצטער מינוט איז ער געווען בײַם פֿולן זינען. ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ בעסערע מינוט, האָט ער זיך נאָכגעפֿרעגט אויף פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע נײַס פֿון לאַנד און פֿון אויסלאַנד.

די גסיסה האָט ניט לאַנג געדויערט. אין דער פֿרי האָט ער נאָך אָפּגעגעסן פֿרישטיק, און קיינער אַרום אים האָט זיך ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז אָט־אָט ענדיקט ער זיך. אַרום 8 פֿרי האָט ער זיך דערפֿילט שלעכט און גערופֿן די פֿרוי; און באַלד איז ער געווען טויט.

די ידיעה האָט זיך בליץ שנעל פֿאַרשפּרייט אין שטאָט. באַלד האָבן זיך וועגן זײַן טויט באַוויזן טרויער־מודעות אויף די גאַסן (פֿון בונד, טעכניקום, לערער־פֿאַראיין א״אַנד).

תּיכּף נאָכן באַקומען די ידיעה זײַנען אין טעכניקום, ווו דער פֿאַרשטאָרבענער איז געווען אַ לערער, איבערגעריסן געוואָרן די לימודים, און דער דירעקטאָר אינזש׳ שרײַבער האָט פֿאַר די תּלמידים גערעדט וועגן ניפֿטר. אויך איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ טרויער־זיצונג פֿון פּעדאַגאָגישן ראַט.

אין די יידיש־וועלטלעכע שולן זיינען אויך איבערגעריסן געוואָרן די לימודים, און די לערערס האָבן גערעדט פאַר די תּלמידים וועגן דער פּערזענלעכקייט פונעם ניפטר.

דער קערפּער איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין בונדישן לאָקאַל אויף זאַוואַלנע גאַס.

דער לאָקאַל איז געווען איינגעהילט אין שוואַרץ און רויט. אין אַ זאַל ליגט אַרומגערינגלט מיט רויטע בלומען קרעמערס קערפּער, איינגעוויקלט אין אַ בונדישער פאָן. לעבן אים האַלטן וואַך מיטגלידער פון בונד. די ערשטע וואַך האָבן געהאַלטן די מיטגלידער פון ווילנער פּאַרטיי־קאָמיטעט, דערנאָך — מיטגלידער פון צענטראַלן קאָמיטעט פון בונד, פון וואַרשעווער קאָמיטעט און פון די דעלעגאַציעס וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע שטעט.

ביי טאָג האָבן זיך אין שטאָט באַוויזן טרויער־מודעות, אונטערגעשריבן פון ווילנער קאָמיטעט און צענטראַלן קאָמיטעט פון בונד, אַז די לוויה וועט זיין זונטאָג דעם 22טן סעפּטעמבער האַלב 2 ביי טאָג פון בונדישן לאָקאַל אויף זאַוואַלנע.

מיט דעם איינאָרדענען די לוויה האָט זיך פאַרנומען אַ ספּעציעל געשאַפענער לוויה־קאָמיטעט.

אין בונדישן לאָקאַל איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג. מאַסן מענטשן זיינען געקומען אָנקוקן דאָס לעצטע מאָל דעם פאַרשטאָרבענעם. פאַרן קערפּער האָבן דורכגעדעפילירט איבער צען טויזנט מענטשן; אַנדערע האָבן געשאַצט אויף פופצן טויזנט.

צו דער לוויה איז געקומען אַ גרויסע צאָל דעלעגאַציעס: פון פּרעזידיום פון צענטראַלן קאָמיטעט פון בונד ה. ערליך, פון דער „נייער פאָלקסצייטונג״ שוואַרץ, לעווין, קאָסטעלאַנסקי, מאַלבערג, פון צ״ק פון יוגנטבונד צוקונפט אַ דעלעגאַציע מיט ל. בליטן בראָש; פון דער צישאָ אַ דעלעגאַציע מיט ש. מענדעלסאָנען בראָש; פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד ב. גאָלדשטיין, ש. גילינסקי; פון די וואַרשעווער פּראָפעסיאָנעלע

פֿראַגמענט פֿון אַרקאַדיס לוויה

מען טראָגט אַרויס דעם אָרון

פֿאַראיינען ל. בערמאַן (לייבעטשקע), א. גאָלדבערג, ה. גוטגעשטאַלט, ה. הימלפֿאַרב, ש. זיגלבוים (אַרטור), ליפּשיץ א"אַנד; דעלעגאַציעס פֿון לאָדזש, גראָדנע, סלאָנים, סוואַלק, באַראַנאָוויטש און אַנדערע שטעט.

2 אַ זייגער בײַ טאָג האָט זיך געריררט דער לוויה-צוג. פֿאַרן אַרויספֿירן דעם אָרון אויף דער גאַס האָט י. זשעלעזניקאָוו געזאָגט אַ פּאָר ווערטער אויפֿן הויף פֿון בונדישן לאָקאַל.

בעת די לוויה האָט זיך געריררט, איז דער הויף אויף זאַוואַלנע 30 און די גאַס ביז טראָקער געווען פֿול מיט מענטשן. מען האָט געשאַצט דעם עולם אין צען טויזנט מאַן.

די אָרדענונג האָט געהאַלטן די בונדישע מיליץ.

פֿאָרויס האָט מען געטראָגן אַ רויטע פֿאָן פֿון מאָרגן-שטערן, נאָך דעם זײַנען געגאַנגען די דעלעגאַציעס מיט קרענץ און לענטעס.

ס'האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן דער גרויסער קראַנץ פֿון צ"ק פֿון בונד. עס זײַנען געווען קרענץ און לענטעס פֿון דער „פֿאָלקסצײַטונג", ווילנער קאָמיטעט פֿון בונד, פֿון לייבעטש-קען (אַ באַקאַנטער מיטאַרבעטער קרעמערס פֿון די אומלעגאַלע צײַטן), וואַרשעווער קאָמיטעט פֿון בונד, צענטראַלער קאָמיטעט פֿון יוגנטבונד צוקונפֿט אין פּוילן, רעדאַקציע „יוגנט-וועקער", יוגנט-אָפּטייל בײַם וואַרשעווער צענטראַלראַט פֿון די פּראָפֿעסיאָ-נעלע קלאַסן-פֿאַראיינען, ווילנער צוקונפֿט, בונדישער ראַיאָן-קאָמיטעט פֿאַר ווילנער-נאָוואַרעדקער ראַיאָן, צענטראַלע פֿון סקיף אין פּוילן, ווילנער סקיף, לאָדזשער קאָמיטעט פֿון בונד, לאָדזשער קאָמיטעט פֿון צוקונפֿט, באַראַנאָוויטשער אָרגאַניזאַציעס פֿון בונד און צוקונפֿט, סלאָנימער אָרגאַניזאַציע פֿון בונד, לאַנד-ראַט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע קלאַסן-פֿאַראיינען, צענטראַלער בילדונגס-קאָמיטעט אין ווילנע (צב"ק), צענטראַלער עלטערן-קאָמיטעט, קינדער פֿון די ייִדיש-וועלטלעכע שולן, פּראָפֿפֿאַראיין פֿון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע, ייִדישער לערער-פֿאַראיין, פֿאַראיין פֿון מיטל-מעדיצינישן פּערסאָנאַל, צײַטונגס-פֿאַרשפּרייטער-פֿאַראיין, צענטראַלע ייִדישע שול-אָרגאַניזאַציע, גרופּע „נײַע שריפֿטן"

און „באַגינען", מעדעם־סאַנאַטאָריע, ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, צענטראַלע פֿון דער געזעלשאַפֿט ייִדישע אַרבעטער־פֿרוי (יאַף), ווילנער יאַף, רעאַל־גימנאַזיע בײַם צב"ק, טעכניקום, געוועזענע תּלמידים פֿון לערער־סעמינאַר, צענטראַלע פֿון מאָרגן־שטערן, ווילנער מאָרגן־שטערן און נאָך אַ סך אַנדערע.

עס זײַנען אויך געגאַנגען דעלעגאַציעס פֿון פּפּ"ס, טור און פֿרויען־אָפּטייל בײַ פּפּ"ס מיט זייערע פֿענער.

נאָך די קרענץ און לענטעס איז געפֿאָרן די עגלה. נאָך איר זײַנען געגאַנגען די פֿרוי און די נאָענטע גוטע־פֿרײַנד פֿון פֿאַרשטאָרבענעם, און דערנאָך דער גרויסער עולם.

דער אָרון איז געווען אײַנגעהילט אין דער פֿאָן פֿון צענטראַלן קאָמיטעט פֿון בונד און באַדעקט מיט בלומען.

דער צוג איז געגאַנגען דורך זאַוואַלנע, טראָקער, דײַטשע, ברייטע, סאַוויטש, זאַרעטשע ביזן פֿעלד.

די אָרדענונג איז געווען דעם גאַנצן וועג אַ מוסטערדיקע.

דער צוג איז געווען זייער אַ גרויסער: ווען דער אָנהייב איז שוין אַרײַן אין סאַוויטש־גאַס, האָט דער צווייטער עק זיך געפֿונען נאָך ווײַט אויף דײַטשע.

אויף דעם גאַנצן וועג פֿון דער לוויה איז אָפּגעשטעלט געוואָרן יעטווידער פֿאָרן.

אויפֿן פֿעלד איז דער עולם געווען נאָך גרעסער ווי אין לוויה־צוג. דער עולם איז דאָרטן כּסדר געוואַקסן.

דער ערשטער רעדנער איז געווען י. אַראָנאָוויטש אין נאָמען פֿון ווילנער קאָמיטעט פֿון בונד. נאָך אים האָט גערעדט ה. ערליך אין נאָמען פֿון צ"ק פֿון בונד. ער האָט איבערגעגעבן וועגן אַ שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיט קרעמערן מיט עטלעכע חדשים פֿריִער. ערליך איז יעמאָלט געווען אין ווילנע און באַזוכט קרעמערן וועלכער איז שוין געווען ערנצט קראַנק. עס איז געקומען צו רייד וועגן דעם, אַז דער בונד קאָן ווערן דעלעגאַליזירט. דער קראַנקער קרעמער האָט זיך יעמאָלט אויפֿגעכאַפּט מיט אַלע כּוחות און מיט דעם אַלטן טעמפּעראַמענט

פֿון זײַן יוגנט אַ סך וועגן דעם גערעדט און געגעבן וויכטיקע אָנווײַזונגען, וואָס מען דאַרף טון.

ס'האָבן נאָך גערעדט: ל. בליט (צ"ק צוקונפֿט), לאַכאָווסקי (אויף פּויליש, אין נאָמען פֿון פּפּ"ס), מ. גאַלאָמב (ווילנער צוקונפֿט), אַרטור (לאַנדראַט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע קלאַסן־פֿאַראייניגן) און ש. מענדעלסאָן אין נאָמען פֿון צישאָ.

דער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער „פֿאָלקסצײַטונג" גיט איבער: „נאָך דער רעדע פֿון ח' ערליך האָט דער גאַנצער עולם געזונגען די „שבֿועה", געזונגען אַזוי, ווי מע קאָן דאָס הערן נאָר אין ווילנע. און אומפֿאַרגעסלעך וועט בלײַבן דער מאָמענט, ווען בײַ די ערשטע קלאַנגען פֿון דער „שבֿועה" האָט מען צווישן די זינגענדיקע דערזען די צעווייטאָגטע ח'טע פּאַטי. קוים וואָס זי האָט זיך געהאַלטן אויף די פֿיס, דאָס פּנים געל ווי וואַקס. אָבער די פֿאַרטרערטע אויגן האָבן מיט אַ מאָל באַקומען דעם גלאַנץ פֿון דערהויבנקייט, פֿון עקסטאַז.

„זעענדיק דאָס, האָט יענער איינער צום ווילפֿטן מאָל געמוזט דערפֿילן, אַז די מענטשן פֿון דער פּיאָנירן־עפּאָכע, צו וועלכער ח' אַרקאַדי און ח'טע פּאַטי האָבן געהערט, זײַנען געווען מענטשן פֿון גאָר אַ באַזונדערער ראַסע..."

פֿאַרן פֿאַרשיטן דעם קבֿר האָט נאָך גערעדט אַראָנאָוויטש, און נאָכן פֿאַרשיטן – זשעלעזניקאָוו. פֿונאַנדערגעגאַנגען איז זיך דער עולם מיטן געזאַנג פֿון אַרבעטער־לידער.

איבערן בית־עולם האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע שטערן. בײַם פֿרישן קבֿר איז נאָך געבליבן די מיליץ אויף אַן ערנוואַך.

געלייגט האָט מען אַרקאַדין לעבן פּ. אַנמאַנען און חיה־שׂרה סטופּעל־כּהן, ב. כּהן־ווירגיליס יונג פֿאַרשטאָרבענע פֿרוי. אין פֿיר חדשים אַרום איז דאָרטן געקומען צו קבֿורה אַ פֿערטער בונדיסט – ב. כּהן־ווירגילי. אויף די פֿיר קבֿרים שטייט איצט אַ מצבֿה: „גרינדער און פֿירער פֿון בונד".

דער אָנהייבער

פֿון

ש. מענדעלסאָן

טראַכט זיך אַרײַן אין דעם וואָרט – פּיאָניר. דער ערשטער–דאָס באַטײַט אָפֿט מאָל אַ סך מער ווי דער גרעסטער. ווען אַרקאַדי האָט אָנגעהויבן צו בויען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד, ווען ער האָט צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע מענטשן געשאַפֿן דאָס צירונג פֿון ייִדישן לעבן – דעם בונד – איז ער געווען גענוג עלנט. קליינע גרופּקעלעך זײַנען געווען אַרום אים. געציילטע ייִדישע אַרבעטער, און אַרום – קאַלטקייט, ביטול און אָפֿט חוזק. און אַ קורצע צײַט איז פֿאַרבײַ – האָט זיך איבער די גאַסן פֿון וואַרשע, ווילנע, מינסק, באָברויסק דערהערט דאָס געזאַנג פֿון דער „שבֿועה" און פֿון „אינטערנאַציאָנאַל". אַ נײַער מענטש האָט זיך באַוויזן, דער קעמפֿנדיקער ייִדישער אַרבעטער האָט מאַרשירט. און ס'שטייט אויף די געשטאַלט פֿון אַרקאַדי קרעמער, דער שעפֿער, דער בויער, דער אָנהייבער.

אַרקאַדי האָט 50 יאָר געטרײַ געדינט דעם אַרבעטער־קלאַס. ער איז גרייט געווען פֿון אַלעם זיך אָפּצוזאָגן. אַ האַרט, אַסקעטיש לעבן האָט ער געפֿירט, סײַ ווען ער האָט געוואַנדערט פֿון שטאָט צו שטאָט ווי אַ מיטגליד פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון בונד, סײַ ווען ער האָט געאַרבעט ווי אַן אינזשעניער אין פּאַריז, סײַ אין די לעצטע יאָרן ווי אַ פֿאָרזיצער פֿון ווילנער קאָמיטעט פֿון בונד – אַלע מאָל האָט ער זײַנע פּערזענלעכע באַדערפֿענישן דערפֿירט ביזן מינימום, ביז נול.

אין די רוסישע „לעבנס פון די היילִיקע״ ווערט געשילדערט, ווי אַזוי די הייליקע האָבן מיט דער גרעסטער רויִקייט איבער־געטראָגן אַלע זייערע פּיַין און לייַדן — אָבער זייערע אויגן האָבן געלויכטן, ווייַל פאַר זיי האָט געשוועבט די ליכטיקע צוקונפט.

אַרקאַדי איז געווען דער פרייִדיקער אַסקעט. ניט אומעט, ניט טרויער האָבן אָנגעפילט זייַן האַרץ. ער האָט שטענדיק פאַר זיך געזען די וועלט פון מאָרגן, די וועלט אַ באַפרייַטע, די וועלט אַ באַנייַטע. דאָס האָט געשמידט זייַן כאַראַקטער, דאָס האָט געקרעפטיקט זייַן מוט, דאָס האָט געשטאַלטיקט זייַן עקשנות.

פון דאַנען זייַן אומגעהייַערע ליבע צו יוגנט, צו דער מחנה פון קומעדיקן טאָג. דעריבער האָט אים די יוגנט אַזוי שטאַרק באַשאָנקען מיט איר ליבשאַפט, מיט איר באַגייַסטערונג.

סאָציאַליזם איז ניט בלויז פּאָליטישער קאַמף, דאָס באַטייַט אויך שטרעבונג צו אַ נ י ַי ע ר מ אָ ר אַ ל, צו אַ נייַעם מענטשן וועלכער איז גרייט זייַן לעבן צו ברענגען אויפן מזבח פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. און ווען מיר זאָלן זוכן דעם מוסטער פון דעם נייַעם מענטשן, ווען מיר זאָלן וועלן לעבעדיק אילו־סטרירן אונדזער בענקשאַפט צו דער נייַער סאָציאַליסטישער מאָראַל, וועט פאַר אונדז אויפשייַנען די פּרעכטיקע געשטאַלט פון אַרקאַדי קרעמער.

דער וויכטיקסטער פון די ערשטע

פון

א. ליעסין

עס גייט אַוועק דער גרויסער פּיאָנירן־דור. איינע נאָך די אַנדערע גייען זיי אַוועק, די ערשטע און די וויכטיקסטע. דער טויט האָט שוין אַוועקגענומען אויך דעם גאָר וויכטיקסטן פון די גאָר ערשטע — אַרקאַדין.

„עס פלעגט דורכגיין אַ געפיל פון וואַרעמקייט און סימפּאַטיע דורך מיר, ווען נאָר איך פלעג הערן דעם נאָמען אַרקאַדי". אַזוי האָט ניט לאַנג צוריק געשריבן דזשאָן מיל, אויך איינער פון די גאָר ערשטע פּיאָנירן פון „בונד". דאָס זיינען כאַראַקטעריסטישע ווערטער, און ניט נאָר פאַר מילן, נאָר פאַר פיל אַנדערע וואָס זיינען געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיט דער גרויסער, קרישטאָל ריינער פּערזאָן פון פאַרשטאָרבענעם פאָטער פון בונד. עס איז געווען אין ווינטער פון יאָר 1889, ווען דער שרייבער פון די שורות, נאָך גאָר אַ יונגינקער בחור, האָט אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין ווילנע, ביי די פייגענזאָנס. און פאַר די גאַנצע 46 יאָר פלעגט דער נאָמען „אַרקאַדי" אַרויסרופן אויך ביי מיר דעם זעלבן געפיל פון וואַרעמקייט און סימפּאַטיע, וואָס ביים חבר מיל. דאָס איז געווען אַ ליבער, צאַרטער קלאַנג וואָס האָט געפונען דעם זעלבן אָפּקלאַנג אין נשמה אויך ביזן לעצטן טאָג, ווי אין די ערשטע טעג פון אונדזער באַקאַנטשאַפט.

*

עס איז פאַראַן ביים פאָלק אַ גלויבן, אַז דאָרט, ווו דער עק פון רעגן־בויגן פאַלט צום ערדסטן, איז באַהאַלטן אַן אוצר.

דער רעגן־בויגן געווײנטלעך איז זייער העל דאָרט, ווו דער וואָלקן איז זייער פינצטער. און צום סוף פון די אַכציקער און אין אָנהייב פון די נײַנציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונ־דערט, ווען די ייִדישע פאַרצווייפלונג אין רוסלאַנד איז געווען צום פינצטערסטן און דער רעגן־בויגן צום העלסטן, האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אוצר. נאָך אַכצן הונדערט יאָר צעשטויבונג, פאַר־פאָלגונג, דערנידערונג האָט זיך אין נשמה פון אונדזער אַלטן פאָלק באַוויזן אַזאַ אוצר ענערגיע און ענטוזיאַזם און העלדישקייט, וואָס האָט דערמאָנט אָן די זוניקסטע צײַטן פון אונדזער היסטאָ־רישער יוגנט.

און אויפן גורל פון אַרקאַדין איז אויסגעפאַלן דער היסטאָ־רישער גליק צו זײַן דער הויפּטפירער פון דער גרעסטער ייִדישער פרײַהייטס־באַוועגונג זינט די צײַטן פון בר־כוכבא – צו זײַן דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון די ייִדישע אַרבעטער אין דעם מאָמענט, ווען די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג איז געוואָרן דער אַוואַנ־גאַרד פון די רוסישע ייִדן אין קאַמף קעגן צאַריזם פאַר באַפרײַונג און דערהייבונג.

די רעפאָרמען פון די ערשטע יאָרן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָבן שוין פריִער דורכגעבראָכן שפּאַלטן דאָ און דאָרט אויך אין די ווענט פון דער ייִדיש־רוסישער געטאָ. די ווירט־שאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון דער רוסישער מלוכה, וואָס האָט געפירט צו דער אָפּשאַפונג פון לײַבקנעכטשאַפט און אַנדערע מיטל־עלטערישע איבערבלײַבענישן, האָט אויך ניט אויסגעלאָזן די שטעט און די שטעטלעך פון ייִדישן „תחום". ייִדן האָבן זיך גענומען רײַסן מיט האַסט און אימפּעט אין דער געעפנטער ברייטער וועלט אַרײַן און צוגעטראָגן זייער חלק צו דער אינדוסטריאַ־ליזירונג פון רוסלאַנד. און ווען די פינצטערע רעאַקציע פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן האָט זיי גענומען שפּאַרן צוריק אין די געטאָס און פאַרמויערן די שפּאַלטן און פאַרריגלען די מויערן, איז די אומרויִקייט אינעווייניק אין די געטאָס געוואָרן אַלץ גרעסער. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן דער ייִדישער יוגנט איז

געוואָרן אַלץ שטאַרקער, און זי האָט צום סוף געפֿונען איר הערלעכסטן אויסדריק אין בונד.

נאָר דער סאָציאַליזם האָט עס געקענט אָנצינדן די יונגע יידישע בעלי־מלאָכות אַזוי ווי די יידישע שטודירנדיקע יוגנט. שוין פֿריִער האָט דער ציוניזם אַ רעכט ביסל אָפּגעשטעלט דעם נאַציאָנאַלן פֿאַרראַט פֿון דעם משכּיל וואָס האָט געזוכט, אויב ניט פֿאַר זיך, איז פֿאַר זײַנע קינדער, דערהויפּט נאָר אינדיווי־דועלע רעטונג – צו אַנטלויפֿן פֿון דער יידישער מאַסע אין די בילדונג־אַנשטאַלטן און פערזענלעך און אויף קינדס־קינדער פטור צו ווערן פֿון דעם געטאָ און פֿון די יורידישע באַגרענעצונגען. דער ציוניזם האָט אָט די נאַציאָנאַלע פֿאַרוויסטונגען צווישן די גערעכטסטע יידישע קינדער ביז אַ געוויסן גראַד אָפּגעשטעלט. בעת אָבער דער ציוניזם האָט אַפֿילו אין נאַציאָנאַלן זינען געווירקט דערהויפּט צווישן דער אינטעליגענץ, האָט שוין דער בונדיזם געווירקט אויך, און אויף דעם מעכטיקסטן אופֿן, צווישן די גרויסע מאַסן. בעת דער ציוניזם האָט געגעבן דעם פֿאָלק אַן אינטעלי־גענץ, האָט שוין דער בונדיזם אויך געגעבן דער אינטעליגענץ אַ פֿאָלק. און דאָס האָט נאָך מעכטיקער געווירקט אומצוקערן די אינטעליגענץ צום פֿאָלק. די יידישע אינטעליגענץ האָט דער־זען פֿאַר זיך אין די יונגע יידישע בעלי־מלאָכות אַ פֿאָלק וואָס זי האָט פֿריִער ניט געקענט – אַ מוטיקע, באַגײַסטערטע מאַסע, פֿאַר וועלכער עס איז ווערט צו לעבן, צו קעמפֿן און צו לײַדן.

און אַרקאַדי, דער רוסיפֿיצירטער זון פֿון אַ משכּיל, איז באַרופֿן געוועזן צו זײַן דער הויפּט־פֿאָרשטייער פֿון אָט דער רוסיפֿיצירטער יידישער אינטעליגענץ וואָס האָט זיך דורכן סאָציאַליזם אומגעקערט צוריק צום יידישן פֿאָלק – דערקענט די יידישע מאַסן און זיך געשטעלט אויפֿן דינסט און אין גאַנצן זיך איבערגעגעבן די אינטערעסן פֿון די יידישע מאַסן.

*

ווען אַרקאַדי האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן צווישן די יידישע מאַסן, האָט ער זיך בשום־אופֿן ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז ער טוט

ניט נאָר װיכטיקע סאָציאַליסטישע אַרבעט, נאָר אויך װיכטיקע ייִדיש־נאַציאָנאַלע אַרבעט. און ער האָט טאַקע געאַרבעט װי װײַט מיגלעך אויך פֿאַר דער אַלגעמיינער באַװעגונג — שפּעטער די רוסלענדישע ס״ד פּאַרטיי. ער האָט אָרגאַניזירט צוזאַמענפֿאָרן און געהאָלפֿן שטעלן געהיימע דרוקערײַען און אָנגעפֿירט אַלערליי אַנדערע טעטיקייטן ניט נאָר פֿאַר דער ייִדישער, נאָר אויך פֿאַר דער אַלגעמיינער באַװעגונג. אַפֿילו זײַן ערשטע בראָשור „װעגן אַגיטאַציע״ האָט דעריבער געטראָגן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, כּדי זי זאָל זײַן צוגעפּאַסט אויך צו דער אַלגעמיינער באַװעגונג. און אויב ער האָט זיך דאָך צו פֿיל ניט אָפּגעגעבן מיט דער אַלגעמיינער באַװעגונג, איז דאָס געװען נאָר דערפֿאַר, װײַל די רוסלענדישע פּאַרטיי איז אין גרונט געװען נאָר אַ נאָמען, בעת דער בונד איז שוין געװען זייער אַ װיכטיקע רעאַליטעט. אַרקאַדי איז אָבער ביסלעכװײַז אין גאַנג פֿון זײַן בונדיסטישער אַרבעט געװאָרן אַלץ מער נאַציאָנאַל רעאַליסטיש. בעת די ציוניסטן זײַנען געװען די נאַציאָנאַל־ראָמאַנטיקער, זײַנען די בונדיסטן געװען אויף דער ייִדישער גאַס די נאַציאָנאַל־רעאַליסטן. געװירקט האָבן דאָ געװיס די נאַציאָנאַלע שטרעמונגען צװישן די פּױלישע סאָציאַליסטן, צװישן די ליטװישע, אוקראַיִנישע און לעטישע סאָציאַליסטן. געװירקט אָבער האָט דאָ אויך די ייִדיש־נאַציאָנאַלע שטימונג װאָס דער ציוניזם האָט אויפֿגעװעקט אויף דער ייִדישער גאַס און װאָס מען האָט אין די בונדישע קרײַזן באַמערקט און אָפּגעשאַצט. אַרקאַדי און זײַנע נאָענטסטע חבֿרים זײַנען געװען פֿירער װאָס זײַנען אַליין פֿון לעבעדיקן לעבן געפֿירט געװאָרן. און דער בונד האָט ביסלעכװײַז אָנגענומען אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, טאַקע אונטער די חרמות פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָבער דערפֿאַר מיטן הכשר און לויט דעם מוסטער פֿון דער עסטרײַכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אמת, לויט דעם פּאַרטיי־זשאַרגאָן האָט דער בונדישער נאַציאָנאַליזם געהייסן „די בונדישע אָרגאַניזאַציאָנס־פֿאָרם״. אָבער

„וואָס איז אין אַ נאָמען?" – האָט אַ מאָל שוין געזאָגט איינער פֿון שעקספּירס העלדן.

און אַרקאַדי האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן אויף דער פֿולער הייך פֿון זײַן פּירערשאַפֿט. ער איז אַליין געווען אַ קינד פֿון ייִדישער אָרעמקייט, אַ געבאָרענער פֿון אַ קליין שטעטל אין ווילנער געגנט, אַ זון פֿון אַ מלמד, אמת אַ רוסיש־ריידנדיקער, אָבער דאָך אַ מלמד. בײַ דער גאַנצער הויכער שטעלונג זײַנער איז אַרקאַדי געווען דער אמתער דעמאָקראַט, אַליין אַ פֿאָלקסמענטש, זייער אַ קלוגער, פֿעיִקער און געבילדעטער פֿאָלקסמענטש אין שענסטן זינען פֿון וואָרט. און ווען ער האָט, מיט זײַן שאַרפֿן חוש פֿאַר ווירקלעכקייט, געזען, וואָס די צײַט און די אומשטאַנדן פֿאָדערן, האָט ער מיט דער גאַנצער וואָג פֿון זײַן פֿעליקער פּערזענלעכקייט געווירקט צו מאַכן דעם בונד פֿאַרן אמתן בונד פֿון די יונגע ייִדישע שנײַדערס און שוסטערס און סטאָליאַרעס מיט דער ייִדישער אינטעליגענץ.

*

אַזאַ אײַנדרוק האָט אַרקאַדי געמאַכט אויפֿן שרײַבער פֿון די שורות בײַ די ערשטע טריט פֿון דער ייִדישער רעוואָלוציאָנער באַוועגונג, ווען דער ווײַסער שניישפּיץ פֿון שטרעבונג האָט אויסגעזען פֿיל ריינער, פֿיל ווײַסער, פֿיל בלענדיקער איידער די נאָענטע גרויקייט פֿון דערגרייכונג וואָס איז איצט אַזוי פֿול מיט אַנטוישונגען, אָפּגעבליאַקירט, פֿאַרפֿלעקט.

און אַזוי איז געווען זײַן אײַנדרוק אויף מיר דורך די גאַנצע 46 יאָר פֿון אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט – אַ פּערזענלעכקייט אַ מאָנאָליט, וואָס איז אָבער געווען טיף אין נשמה זייער אַ ליבער מענטש, זייער אַ מענטשלעכער מענטש.

דער שרײַבער פֿון די שורות קלײַבט זיך צו שרײַבן פֿיל וועגן אים אין דער פֿאָרם פֿון זכרונות, און דאָס וועט אין גיכן געטאָן ווערן. דערווײַל וועל איך ענדיקן מיט אַ ליד, דאָס ערשטע פֿון מײַן ווילנער סעריע, וואָס איז אים געהייליקט:

די פּיאָנירן

אַרקאַדי קרעמערן — אַ מתּנה

איר גייט אין אַ גרויען, געהיימען פאַרטאָג
אַרויס מיטן רויטן לאַמטערן;
איר טוט אין דעם חושך אַ זאָג:
זאָל ליכטיקער ווערן!

און ליכטיקער ווערט דורכן נעפּל, מען זעט
דעם אָפּשײַן אַרום דעם צעשפּרייטן;
עס טראָגט זיך אַ ליכט־צעשטאַפּעט
אין פײַערדיק רויטן.

דער אָנזאָג פון גאולה וואָס וועקט און דערהייכט!
און ווו נאָר דאָס ליכט טוט זיך ווײַזן,
צערײַסט עס דעם בלײַ און באַלויכט
אַלץ גרעסערע קרײַזן.

איר גייט אויף די אָרעמסטע בוידעמס אַרויף,
איר לאָזט זיך אין קעלערס אַרונטער,
און אומעטום גייט מיט אײַך אויף
די האָפענונג מונטער.

עס מערן זיך ליכטיק מיט יעטווידן טראָט
די מחנות פון פאָלק פון דערוועקטן;
צי זעט מען דעם אָרעם פון גאָט
אין ליכט אַן אַנטפּלעקטן?

דער ניכנע וואָס האָט זיך אין פּחד געקניט,
פאַרשטומט ווי אַ שעפּס פאַרן שערער —
ווי האָט אין אים שטאָלץ זיך צעגליט
דער בראַוער צעשטערער!

ווי שנעל און ווי שלאַנק גלײַכט דער רוקן זיך אויס,
וואָס האָט זיך אין דרײַען געבויגן!
ווי פלאַקערן אויף אַזוי גרויס
פאַרלאָשענע אויגן!

די שפּלסטע הייבן זיך העכער אַלץ אויף
און הייבן מיט זייער דערהייבן
די אומה די גאַנצע אַרויף —
ווער וואָלט עס ווען גלייבן?

פאַר מיר איז דאָס ווונדער פון ווונדערס געשען,
דער אומבײַט פון טויזנטער יאָרן;
איך האָב מיט די אויגן געזען
אַ פאָלק נײַ געבאָרן.

איך האָב עס געזען אין אַנטציקנדן גליק!
איר האָט אויף דער וואָר מיר געגעבן
דאָס פאָלק פון מײַן חלום צוריק,
פאַר וועמען צו לעבן.

ביאָ־ביבליאָגראַפֿישע ידיעות

צונויפֿגעשטעלט פֿון

מ. יעווזעראָוו

א

די וויכטיקסטע דאַטעס פֿון אַ. קרעמערס לעבן

1865. דעם 25טן אויגוסט געבוירן געוואָרן אין סוועלציאַן.

1877. געענדיקט סווענציאַנער קרייזשול („אויעזדנאָיע אוטשילישטשע"). — אָנגעקומען אין ווילנער רעאַלשול.

1884. געענדיקט די ווילנער רעאַלשול.

1885. אָנגעקומען אין פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט.

1887. געדינט אין ריגע אין מיליטער ווי אַ פֿרייוויליקער.

1888. אריבער שטודירן אין ריגער פּאָליטעכניקום.

1889. אַרעסטירט געוואָרן אין ריגע פֿאַר זײַנע באַציִונגען מיט מיטגלידער פֿון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט". אָפּגעזעסן 6 חדשים אין „פּאַוויאַק" (וואַרשע) און נאָך דעם באַקומען 2 יאָר „פּאָליצייִשע השגחה". — געקומען קיין ווילנע, אַרײַן אין דער באַוועגונג.

1890. גענומען אַן אָנטייל אין דער ערשטער מאַסן־פֿאַרזאַמלונג אין ווילנע (אויף ווילקאָמירער גאַס) אין שײַכות מיטן טויט פֿון זעצער רפֿאל סווערדלאָוו וועלכער איז געשטאָרבן דעם 25טן אָקטאָבער 1890. געווען צווישן די רעדנערס.

1891–1897. איינער פֿון די הויפּטטוערס פֿון דער „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד".

1891. לויטן באַשלוס פֿון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט אין פּעטערבורגער תּפֿיסה „קרעסטי".

1892. גענומען אַן אָנטייל אין דער ערשטער מײַ-פֿײַערונג פֿון ייִדישע אַרבעטערס אין רוסלאַנד (אין ווילנע, אין זווערינעצער וואַלד אויף דער מיל).

1893. אָרגאַניזירט פֿאַר דער גרופּע ייִדישע ס״ד דעם טראַנספּאָרט פֿון אומלעגאַלער ליטעראַטור פֿון אויסלאַנד אַ בערן גרענעץ. — געווען צווישן די רעדנערס אויף דער מײַ-פֿײַערונג אין ווילנע, אין וואַלד אויף בעלמאָנט.

1894. די בראָשור „וועגן אַגיטאַציע" פֿאַרשפּרייט געוואָרן, געשריבן און העקטאָגראַפֿירט; אין 1896 איז זי אָפּגעדרוקט געוואָרן (אַלץ אין רוסיש) אין זשענעוו אין פֿ״ג פֿון פֿאַראײַן רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן מיט אַ הקדמה און אַ נאָכוואָרט פֿון פּ. אַקסעלראָד.

1896. געפֿאָרן אין פּעטערבורג און אין דער שווייץ, כּדי זיך צונויפֿצורײדן מיט די רוסישע סאָציאַליסטן.

1897. אין פֿרילינג אויסגעהאַלטן אין פּעטערבורג דעם עקזאַמען אויף דענטיסט.— אָרגאַניזירט דעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד פֿון 8טן—10טן אָקטאָבער (25טן — 27טן סעפּטעמבער אַלטן סטיל). אויסגעקליבן געוואָרן אין ערשטן צ״ק פֿון בונד. — נאָכן צוזאַמענפֿאָר אָפּגעפֿאָרן קיין מינסק.

1898. פֿון 1טן—3טן מאַרץ אָנטײלגענומען ווי אַ דעלעגאַט פֿון בונד אין ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רוסלענדער פּאַרטיי, וועלכן ער האָט אַקטיוו געהאָלפֿן אָרגאַניזירן. אויסגעקליבן אין צ״ק פֿון דער פּאַרטיי. — אין יולי אַרעסטירט געוואָרן בעת די מאַסן-אַרעסטן פֿון בונדיסטן לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון זובאַטאָוון און אָפּגעשיקט געוואָרן אין מאָסקווער טורמע.

1900. דעם 8טן אַפּריל באַפֿרײַט געוואָרן צוזאַמען מיט וו. קאָסאָווסקין פֿון מאָסקווער טורמע, אַוועק קיין ווילנע. — זומער חתונה געהאַט מיט פּאַטי-מאַטלע סרעדניצקי אין טשאַוס, מאָלעווער גובערניע, ווּ זי איז געווען פֿאַרשיקט.

1900. דעם 6טן אויגוסט אַנטלאָפֿן צוזאַמען מיט וו. קאָסאָווסקין קיין אויסלאַנד.— דעלעגאַט פֿון בונד אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז דעם 23טן סעפּטעמבער (דער בונד איז געווען פֿאַרטראָטן מיט 11 דעלעגאַטן). — נאָכן קאָנגרעס זיך באַזעצט אין זשענעוו.

1901. אין אַפּריל איבער דער באַשולדיקונג פֿון אָנטײלנעמען אין אַ דעמאָנסטראַציע פֿאַרן רוסישן קאָנסולאַט אין זשענעוו אַרויסגעשיקט פֿון שווייץ. — אַוועק קיין פּאַריז.— סוף זומער 1901 אַריבערגעפֿאָרן קיין לאָנדאָן, אײַנגעאָרדנט דאָרט די דרוק און דעם פֿאַרלאַג פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון בונד

1902. אין מאַרץ געקומען אומלעגאַל קיין רוסלאַנד און אָנטיילגענומען ווי אַ דעלעגאַט פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד אין דער ביאַליסטאָקער קאָנפערענץ פון רסדאַ"פּ (25טער—28טער מאַרץ), וועלכע דער צ"ק פון בונד האָט אָרגאַניזירט אין הסכם מיט אַ ריי קאָמיטעטן פון דער רסדאַ"פּ.— אין אַפּריל צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן.

1903. אין מײַ אָנטיילגענומען אין דער באַראַטונג אין זשענעווע ערבֿ דעם 5טן צוזאַמענפאָר.—אין יוני דעלעגאַט פון אויסלענדישן קאָמיטעט צום 5טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין ציריך.—דעלעגאַט צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון רסדאַ"פּ (בריסל־לאָנדאָן, 29טער יולי—22טער אויגוסט), וווּהין ער איז פאַרבעטן געוואָרן מיט באַראַטעכט ווי אַ מיטגליד פון ערשטן צ"ק פון רסדאַ"פּ. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז דער בונד אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי. — דעם 27טן נאָוועמבער געקומען צוזאַמען מיט עזראָ קיין צפון־אַמעריקע ווי דער ערשטער דעלעגאַט פון בונד. — אָנטיילגענומען ווי אַ דעלעגאַט פון בונד (צוזאַמען מיט עזראָ) אין ערשטן צוזאַמענפאָר פון די בונדישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע (12טער—14טער דעצעמבער).

1904. דעם 24טן יולי אָפּגעפאָרן פון אַמעריקע קיין לאָנדאָן.—דעלעגאַט פון בונד אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם (14טער—20טער אויגוסט), וווּ דער בונד איז געווען פאַרטראָטן מיט 7 דעלעגאַטן. — נאָכן אַמסטערדאַמער קאָנגרעס זיך באַזעצט אין בערלין.

1905. אַרום אַפּריל געקומען אומלעגאַל צוריק קיין רוסלאַנד און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון צ"ק (אין דווינסק). — אין נאָוועמבער דעלעגירט געוואָרן צוזאַמען מיט מ. ליבערן צום פּעטערבורגער ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן.

1906. ספּעציעלער פאָרשטייער פון צ"ק אויף דער 7טער קאָנפערענץ פון בונד אין בערן (27טער מאַרץ—7טער אַפּריל). — נאָך דער קאָנפערענץ צוריקגעקומען קיין ווילנע. — יוני (יולי?) געקומען קיין בערלין און געקויפט אַ ראָטאַציע־מאַשין פאַר דער „פאָלקסצײַטונג" אין ווילנע. — דעלעגאַט פון צ"ק צום 7טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין לעמבערג (15טער—26טער אויגוסט).

1907. דעלעגאַט פון צ"ק צום לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון רסדאַ"פּ (28טער אַפּריל—19טער מײַ). — אין נאָוועמבער אַרעסטירט אין ווילנע בעת

די מאסן-ארעסטן נאכן פארמאכן „די האפענונג“ דעם 29טן אקטאבער 1907.

1912. אוועקגעפארן קיין פראנקרייך און באזעצט זיך אין טולוז. אנגעקומען אין עלעקטראטעכנישן אינסטיטוט.

1914. געענדיקט דעם עלעקטראטעכנישן אינסטיטוט ווי אן אינזשעניער. מחמת דעם אויסברוך פון דער מלחמה געבליבן אין פראנקרייך.

1920. באזעצט זיך אין פאריז, געארבעט ווי אן אינזשעניער אויף דער אונטערערדישער באן.

1921. דעם 29טן סעפטעמבער געקומען קיין ווילנע. געווארן לערער פון מאטעמאטיק אין יידישן לערער-סעמינאר און פון עלעקטראטעכניק אין יידישן טעכניקום פון „ארט“. א קורצע צייט לערער פון מאטעמאטיק אין דער רעאל-גימנאזיע.

1928. הייבט אן זיך באטייליקן אקטיוו אין דער ווילנער ארגאניזאציע פון בונד; ווערט פארזיצער פון קאמיטעט. — דעם 27טן יולי אויסגעקליבן פאר א ראטמאן אין דער ווילנער קהילה.

1929. אנטיילגענומען אין 4טן צוזאמענפאר פון בונד אין פוילן (ווארשע, דעם 4טן—6טן יאנואר), געהאלטן א רעדע ביי דער עפענונג. אויסגעקליבן פאר אן ערן-פארזיצער פון צוזאמענפאר.

1930. אנטיילגענומען אין 5טן אויסערארדנטלעכן צוזאמענפאר פון בונד אין פוילן (לאדזש, דעם 1טן—2טן יוני). אויסגעקליבן פאר אן ערן-מיטגליד פון פרעזידיום.

1935. געשטארבן דעם 20טן סעפטעמבער 8 א זייגער אין דער פרי. געבראכט געווארן צו קבורה דעם 22טן סעפטעמבער.

ב

א. קרעמערס פובליקירטע שריפטן

1. [אנאנים] Объ агитаціи. Съ послѣсловіемъ П. Аксельрода. Изданіе „Союза Русскихъ Соціальдемократовъ“. Женева 1896. 43 стр.

אנגעשריבן סוף 1893. אין יאנואר 1894 איבערגעלייענט אויף א זיצונג פון דער „גרופע יידישע ס״ד אין רוסלאנד“ אין ווילנע. אין דעם זעלבן יאר פארשפרייט געווארן (געשריבן און העקטאגראפירט).

אין פפ"סישן אָרגאַן Przedświt 1897 נומ' 4 זז' 29—30 איז דאָ א נאָטיץ, אַז די בראָשור איז איבערגעמאַכט געוואָרן פון זייערן אַן אַרטיקל אין Przedświt אין 1896: Hektografowana broszurka p. t. „O agitacji" z r. 1896 jest to przeróbka utworu polskiego, który wydrukowaliśmy i rozpatrzyliśmy w № 6 Przedświtu... broszurka ta ciekawa jest tylko jako curiosum.

2. [אַנאָנים]. דער אָדרעס. אין: „דער יִדישער אַרבעטער" 1897, נומ' 4—5, זז' 22—23.

3. אַראָנסאָן. נאָך אַ קריטיקער פון בונד. אין: „צוקונפט", ניו־יאָרק 1934, נ' 9—10.

דער צונויפשטעלער פון דער רשימה האָט געהערט פון אַרקאַדין אַליין, אַז ער איז עס געווען דער מחבר פון אַרטיקל.

4. אַלעקסאַנדער. די גרינדונג פון בונד. אין: אַרבעטער־לוח, וואַרשע, פ"ג „די וועלט" 1922, ז' 91—100.

4א. דאָס אייגענע. איבערגעדרוקט אין: Пролетарская революция 1922, נומ' 2.

5. אַלעקסאַנדער. מאַרטאָוו אין ווילנע. אַ ביסל זכרונות. אין: „אונדזער געדאַנק", ווילנע 1923, נומ' 13 (30).

5א. דאָס אייגענע. איבערגעדרוקט אין Социалистический Вестник, בערלין 1923, נ' 8—9 (54—55).

6. אַ. קרעמער (אַלעקסאַנדער). ערשטער צ"ק פון בונד. עפּיזאָד זובאַטאָוו. אין: „נײַע פאָלקסצײַטונג", וואַרשע 1927, נ' 237.

7. אַ. קרעמער. מיט 35 יאָר צוריק [דער סטאַטוט פון דער קאַסע און אַ בײַלאַגע וועגן דער נײַטיקייט אײַנצואָרדענען ביבליאָטעקן. מיט באַמער־קונגען פון אַ. קרעמער]. אין: „אונדזער צײַט", וואַרשע 1928, נ' 2, זז' 83—87.

8. אַ. קרעמער. רעדע, געהאַלטן אויף דער עפענונג־זיצונג פון 4טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין פוילן [וואַרשע, דעם 4טן—6טן יאַנואַר]. אין: „נײַע פאָלקסצײַטונג", וואַרשע 1929, נ' 10.

9. אַ. קרעמער. [אַ באַגריסונג צום ערשטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון יוגנט־בונד צוקונפט אין פוילן, וואַרשע דעם 10טן—11טן יוני 1932] אין: „יוגנט־וועקער", וואַרשע 1932, נ' 13 (173).

10. אַ. קרעמער. די וואַנדערונגען פֿון אַן אומלעגאַלער ביבליאָטעק. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג״, וואַרשע 1932, נ׳ 356.

11. אַ. קרעמער. אַ בליק אויף דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײט [צום 30-יאָריקן יובילײ]. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג״, וואַרשע 1937, נ׳ 353.

*

12. אַ. קרעמער. עלעקטראָטעכניק. קאָנספּעקטן, לעקטור פֿון אינזש׳ קרעמער, אַרויסגעגעבן דורך די שילער פֿון ווילנער יידישן טעכניקום [ליטאָגראַפֿירט], ווילנע 1925: 1טער האַלביאָר 44 זז׳ (22×36), 2טער האַלביאָר 44 זז׳ (22×36); ווילנע 1927, 180 זז׳ (17×21).

13. אַ. קרעמער. וועקסלשטראָם. קאָנספּעקטן, לעקטור פֿון אינזש׳ קרעמער [ליטאָגראַפֿירט], ווילנע 1925: 1טער טייל 156 זז׳ (22×36), 2טער טייל 92 זז׳; ווילנע 1927, 328 זז׳ (17×21).

14. אַ. קרעמער. עלעקטראָטעכניק. גלײַכשטראָם. געלײענט דורך אינזש׳ אַ. קרעמער, אַרויסגעגעבן דורך דער הילפֿסקאַסע פֿון די שילער פֿון ווילנער יידישן טעכניקום [ליטאָגראַפֿירט], ווילנע 1927: 1טער טייל 152 זז׳ (17×21); 3טע אויפֿלאַגע ווילנע 1930/31, 1טער טייל 86 זז׳ (17×21).

15. אַ. קרעמער. עלעקטראָטעכניק. מאַגנעטיזם [ליטאָגראַפֿירט], ווילנע 1928/29: 2טע אויפֿלאַגע, 2טער טייל 135 זז׳ (17×21).

16. אַ. קרעמער. עלעקטראָטעכניק. מאָטאָרן, 3טער טייל [ליטאָגראַפֿירט], ווילנע 1929/30, 296 זז׳ (17×21).

17. אַ. קרעמער. עלעקטראָטעכניק. פֿאַרן 5טן האַלביאָר [ליטאָגראַפֿירט], ווילנע 1931, 186 זז׳ (17×21).

18. אַ. קרעמער. עלעקטראָטעכניעק. דינאַמאָ, 2טער האַלביאָר [ליטאָגראַפֿירט], ווילנע 1934, 116 זז׳ (17×21).

19. אַרקאַדי קרעמער. גלײַכשטראָם. אינזש׳ אַרקאַדי קרעמער. אַרויסגעגעבן דורך דער הילפֿסקאַסע פֿון די שילער פֿון ווילנער יידישן טעכניקום צום יאָרצײַט נאָך אינזש׳ אַרקאַדי קרעמער [מיט זײַן בילד; ליטאָגראַפֿירט], ווילנע, סעפּטעמבער 1936, 144 זז׳ (17×22).

ג

וועגן אַרקאַדיס טעטיקייט און וועגן דער געשיכטע פון דער פּיאָנירן־גרופּע

1. אַבראַמאָוויטש, ר. אַרקאַדי קרעמער איז געווען אַ גרויסער מענטש און אַ העלדישער רעוואָלוציאָנער. אין: פֿאָרווערטס 1935, XI/11.
2. אַבראַמאָוויטש, ר.

Абрамович Р. Аркадий Кремер (Александр). In: Соц. Вестник, Париж 1935, № 19 (351).

3. איידעלמאַן, ב.

Эйдельман, Б. К истории возникновения Р. С. Д. Р. П. In: Пролетарская революция 1921, № 1.

4. אַנגאַ [ראָזענטאַל]. צום ערשטן יאָרצייט פון אַרקאַדי קרעמער. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג", וואַרשע 1936, נ' 277.
5. אַקימאָוו, וול.

Акимовъ Вл. Матеріалы для характеристики развитія Р. С. Д. Р. П. Женева 1905, 7—19.

5א. דאָס אייגענע אונטערן טיטל:

Очерки развитія С. Д. въ Россіи. Изд. О. Н. Поповой, СПБ. 1906, 1—26.

6. אַקימאָוו־מאַכנאָוועץ, וו.

Акимовъ-Махновецъ, В. Первое Мая въ Россіи. In: Былое, СПБ. 1906, № 10, 163—192, № 11, 78—99, № 12, 131—157.

7. אַקימאָוו־מאַכנאָוועץ, וו.

Акимовъ-Махновецъ, В. Строители будущаго. In: Образованіе, СПБ. 1907, № 4, 91—118, № 5, 66—98, № 6, 54—88.

8. באַטקע [מ. גילינסקי]. אַרקאַדי קרעמער דער לערער. צום ערשטן יאָרצייט. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג", וואַרשע 1936, נ' 288.
9. בוכבינדער, נ. אַ.

Бухбиндер, Н. А. Разгром еврейского рабочего движения. In: „Красная Летопись", 1922, № 4, 147—197.

10. בוכבינדער נ. א. די געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד לויט ניט-געדרוקטע אַרכיוו-מאַטעריאַלן. פֿ"ג „טאָמאָר", ווילנע 1931, זז' 50—132.

11. בורגין הערץ. די געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג אין אַמעריקע, רוסלאַנד און ענגלאַנד. ניו-יאָרק 1915, זז' 189—220, 672—673.

12. בלום הלל [קאַץ]. דער 1טער מײַ אין ווילנע מיט 40 יאָר צוריק. זכרונות פֿון אַן אַלטן בונדיסט. דעם אָנדענק פֿון מײַן ערשטן לערער פֿון סאָציאַליזם אַרקאַדי קרעמער (אַלעקסאַנדער). אין: „נײַע פֿאָלקס-צײַטונג", וואַרשע 1936, נ' 133.

13. בלום הלל. אין פֿאָרווערטס 1937.

14. בלום קאַץ הלל. זכרונות. אין: היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ III. ווילנע—פּאַריז 1939, זז' 348—368.

15. בערמאַן, ל. [לייבעטשקע]. אין לויף פֿון יאָרן. זכרונות פֿון אַ ייִדישן אַרבעטער. וואַרשע 1936, זז' 349, 361, 365.

16. גאָזשאַנסקי, ש.

Гожанский [Лону]. Еврейское рабочее движение начала 90 годов. In: Рев. дв. среди евреев, Москва 1930, 81—95.

17. גאָרדאָן אַבֿרהם <אַבֿרהם רעזשציק>. אין פֿרילינג פֿון ווילנער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג. די אַנטשטייונג פֿון ווילנער ייִדישער אַרבעטער-אָפּאָזיציע אין 1893 אין איר ליטעראַטור. ווילנע 1925, זז' 38, 40, 43, 50, 51, 57, 58, 59, 62, 63, 64.

18. ג—ב [=גליעב, א. מוטניק]. דער געהיימניספֿולער לאַמטערנע-סלופּ. אין: „די האָפֿנונג" ווילנע 1907, נ' 14.

19. „גריניקע ביימעלעך", ווילנע 1935, נ' 13 (163).

20. וו[אַפּנער] ק. אַרקאַדי און דער סקיף: אין: „קליינע פֿאָלקסצײַטונג" 1935, נומ' 35.

21. „ווילנער טאָג", ווילנע 1935, IX/22, IX/23.

22. „ווילנער עקספּרעס", ווילנע 1935, IX/20, IX/22.

23. ז[עלדאָוו?]. ווי אַזוי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן און אָפּגעדרוקט דער ערשטער נומער אַרבעטער-שטימע. אין: „די האָפֿנונג", ווילנע 1907, נ' 14.

23א. דאָס זעלבע. א"ט: דער ערשטער נומער ארבעטער-שטימע. אין: „יאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד", זמ"ב, ארויסג' פון צענטר' פאַרבאַנד פון בונד אין אַמעריקע. ניו-יאָרק 1917, זז' 113—116.

23ב. דאָס זעלבע. אין: אַרבעטער-לוח. פ"ג „די וועלט", ווארשע 1922, זז' 101—109.

24. זשעלעזניקאָוו י. דער אַפּאָסטאָל פון סאָציאַליזם. צום ערשטן יאָר-צייט פון ח' ארקאַדי. אין: „נייע פאָלקסצייטונג", ווארשע 1936, נ' 284.

25. „יוגנט-וועקער", ווארשע 1935, נ' 24 (261), נ' 25 (262).

22. ליאַדאָוו, מ.

Лядовъ М. Исторія Р. С. Д. Р. П. Возникновеніе с. д. движенія въ Россіи. Часть I (1883—1897). Изд. Е. Д. Мягкаго „Колоколъ", 1906 [צוו"א וועגן דער בראָשור Объ агитаціи זז' 74—91, די יידישע ארבעטער-באַוועגונג אין די 90ער יאָרן זז' 129—144].

23. ליטוואַק א. די זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן. אין: „וואָס געווען", פ"ג קלעצקין, ווילנע 1926, זז' 69—115.

23א. דאָס זעלבע. אין: „רויטער פנקס" I, קיעוו 1920, זז' 109—132.

23ב. דאָס זעלבע. אין: „רויטער פנקס" I, ווארשע 1921, זז' 5—30.

24. ליליפוט. ארקאַדי קרעמער—באַרימטער סאָציאַליסט און גרינדער פון בונד. אין: פאָרווערטס", ניו-יאָרק, 1935 IX/23.

25. ליעסין א. מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דוד פּינסקי [צוו"אנר אַ שמועס מיט אַרקאַדי קרעמערן אין 1895 וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע]. אין: „צוקונפט", ניו-יאָרק 1922, נ' 5.

26. ליעסין א. צמח קאַפּעלזאָן (טימאָפיי) [צוו"אנר וועגן אַ באַגעגעניש מיט א. קרעמערן]. אין: „צוקונפט", ניו-יאָרק 1933, נ' 12.

27. ליעסין א. די ערשטע געהיימע פאַרזאַמלונג אין ווילנע [נאָכן טויט פון דעם דרוקער רפאל סווערדלאָוו („כוראַזשניק"), געשטאָרבן אין ווילנע X/25 1890]. אין: זמ"ב „ווילנע", ארויסג' פון ווילנער ברענטש 367 אַרבעטער-רינג. ניו-יאָרק 1935, זז' 127—131.

28. ליעסין א. אַהרן (אַרקאַדי) קרעמער. אין: „צוקונפט", ניו-יאָרק 1935, נ' 10.

29. ליעטין, א. ב. וולאָדעק אַ מאָל און איצט. אַ ביסל ערינערונגען און אַ ביסל ניט-געבעטענע עצות [צוזאַמען מיט א. קרעמערן]. אין: זמ"ב „ב. וולאַדעק אין דער אָפּשאַצונג פֿון זײַנע פֿרײַנד". ניו-יאָרק 1936, זז' 14—31.

30. מאַרטאָוו, ל. זכרונות פֿון אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט. פֿ"ג „וואָסטאָק", בערלין 1923, זז' 129—189.

30א. מאַרטאָוו ל.

Мартов Ю. Записки С. Д., Москва 1919 [?]; Берлин 1922, 162—254.

31. מיכאַלעוויטש, ב. זכרונות פֿון אַ ייִדישן סאָציאַליסט. פֿ"ג „די וועלט", װאַרשע 1922. ב' I — זז' 36, 54; ב' II — ז' 10; ב' III — זז' 51, 126, 158.

32. מיל, דזשאָן. פֿון דער פּיאָנירן-צײַט. ערינערונגען פֿון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג (די יאָרן 1889 — 1896). אין: זמ"ב „ווילנע", ניו-יאָרק 1935, ז' 75—95.

33. מיל, דזשאָן. די געבורט פֿון „בונד" [דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר]. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג", װאַרשע 1937, נ' 353.

33א. דאָס זעלבע. אין: פֿאָרווערטס 1937.

34. מיל, דזשאָן. די פּיאָנירן-עפּאָכע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג [איבערגעאַרבעטער און פֿאַרגרעסערטער אַרטיקל פֿון זמ"ב „ווילנע"] אין: היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ III. ווילנע—פּאַריז 1939, ז' 369—393.

35. מיל, דזשאָן. אַרקאַדי קרעמער. אַ פּאָר ווערטער צו זײַן אָנדענק. היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ III. ווילנע—פּאַריז 1939, ז' 540—543.

36. מילנער, י. א. קרעמער און דער ווילנער לערער-סעמינאַר. אין: „ווילנער טאָג" 1935, נ' 230.

37. מעדעם וו. פֿון מײַן לעבן. ניו-יאָרק 1923, ב' II—זז' 11—14.

38. מענדעלסאָן, ש. אַרקאַדי קרעמער. אין: „יוגנט-וועקער" 1936, נומ' 22.

39. מענעס א. אַ היסטאָרישע דאַטע אין דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג. פֿון פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע. דעם אָנדענק פֿון ח' אַרקאַדי קרעמער. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג", װאַרשע 1933, נ' 321, 323, 329.

40. נאַיעל בען מאַרדכי. וועגן דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד [וועגן דער טעטיקייט פֿון דער גרופּע ייִדישע ס"ד אין רוסלאַנד]. אין: „די צוקונפֿט", ניו-יאָרק 1897, אויגוסט, ז' 6(359)—9 (363).

41. „נײַע פֿאָלקסצײַטונג", װאַרשע 1935, IX/21, IX/22, IX/23, IX/24.

42. А. Н. (=Нѣманскій, Зельдовъ). Возникновеніе Арбейтеръ-Штиме. Изъ личныхъ воспоминаній. In: Пережитое I, СПБ. 1908, 264—275.

43. ניעמאַנסקי א. (װעלדאָװ). בלעטלעך זכרונות [װעגן א. קרעמערן, פּאַטי, ש. גאָזשאַנסקי, צ. קאָפּעלזאָן]. אין: „די אַרבעטער־שטימע", פּעטער־בורג 1917, נ' 45.

43א. דאָס זעלבע. א"ט: די ערשטע. אין: „יוגנט־װעקער", װאַרשע 1927, נ' 20 (56).

44. פּ. פּ. [ד. זאַסלאַװסקי]. די אָפּאָזיציע פֿון 1893 [צװ"אַ װעגן דער בראָשור Объ агитаціи]. אין: „די האָפֿנונג", װילנע 1907, נ' 14.

45. פּאָזנאַנסקי, ח. ל. מעמואַרן פֿון אַ בונדיסט. ב' I, װאַרשע 1938, זז' 154—155, 193—194.

46. פּאַטי [סרעדניצקי־קרעמער]. מיר גרייטן די ערשטע פֿאָן צום 1טן מאַי [1896]. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג", װאַרשע 1937, נ' 353.

47. פּילסודסקי, יוזעף.

Listy Józefa Piłsudskiego 1893—1897. In: Niepodległość, Warszawa 1935—1939, t. XII—XIX [אין אַ רײ בריװ װערן געבראַכט אינפֿאָרמאַציעס װעגן דער „גרופּע ייִדישע ס"ד אין רוסלאַנד" און װעגן אַרקאַדין װי דעם װיכטיקסטן טוער. דערבײַ װערט אַרקאַדי אָנגערופֿן „דאַליי־לאַמאַ" און די גרופּע „דאַליי־לאַמאָװצעס"].

48. פּעסקין, יעקבֿ. די גרופּע ייִדישע ס"ד אין רוסלאַנד און אַרקאַדי קרעמער. אין: היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִװאָ III. װילנע—פּאַריז 1939, ז' 544—556.

49. צאָגלין, װ. [=טאַראַס, ד. קאַץ].

Цоглин, В. Первый с'езд Бунда. In: Рев. дв. среди евреев, Москва 1930, 131—148. Между первым и третьим с'ездами Бунда. Ibidem, 149—181.

50. צבֿיון (ב. האָפֿמאַן). צײַטנאָטיצן [װעגן א. קרעמערן]. אין: „פֿאָרװערטס", ניו־יאָרק 1935, IX/25.

51. קאהאן, א. ב. בלעטער פֿון מײַן לעבן. ב׳ IV. אין די מיטעלע יאָרן. נ״י 1928, זז׳ 414—419.

52. קאהען, איסר (איזידאָר). ערבֿ בונד אין ווילנע. אין: „דער וועקער", ניו-יאָרק 1932, נ׳ 479.

52א. דאָס זעלבע. אין: „ווילנער טאָג" 1933, נ׳ 10.

53. קאהען איסר (איזידאָר). ארקאדי קרעמער (אלעקסאנדער). א טרער פֿון א תּלמיד אויפֿן קבֿר פֿון זײַן רבין. אין: „דער וועקער", ניו-יאָרק 1935, נ׳ 552.

53א. דאָס זעלבע. אין: „ווילנער טאָג" 26/II/1937.

54. קאָסאָווסקי, וו. די ערשטע ליקווידאציע. די ארעסטן אין יולי 1898 און דער ערשטער צ״ק. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג", וואַרשע 1927, נ׳ 237.

55. קאָסאָווסקי, וו. דעם אָנדענק פֿון ח׳ ארקאדי קרעמער. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג", וואַרשע 1935, נ׳ 277.

56. קאָסאָווסקי, וו. דער באַגינען פֿון דער ייִדישער ארבעטער-באַוועגונג. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג" 1937, נ׳ 353.

57. קאָפּעלזאָן, צ. די ערשטע שפּראַצונגען. זכרונות פֿון די יאָרן 1887—1890. אין: ארבעטער-לוח, וואַרשע, פּ״ג „די וועלט" 1922, זז׳ 49—70.

58. קאָפּעלזאָן, צ.

Копельзон, Т. Еврейское рабочее движение конца 80-х годов. In: Революц. движение среди евреев, Москва 1930, 65—80.

58א. דאָס זעלבע. אין: זמ״ב „ווילנע", ניו-יאָרק 1935, זז׳ 57—74.

59. קורסקי, פּ. „פּע" [פּאַספּאָרטן] און „טשע" [טשעמאָדאַנען]. בלעטלעך זכרונות. אין: „אונדזער צײַט", וואַרשע 1928, נ׳ 7, 8, 9, 10.

60. קורסקי, פּ. דער אָנהייב. עטלעכע באַמערקונגען צו אַ גרויסער טעמע [וועגן דער גרופּע ייִדישע ס״ד אין רוטלאַנד]. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג" 1932, נ׳ 356.

61. קורסקי, פּ. ארקאדי קרעמער. נאָטיצן צו זײַן ביאָגראַפֿיע. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג", וואַרשע 1935, נ׳ 300—307.

62. קורסקי, פֿ. װער זײַנען געװען די גרינדער פֿון בונד [דער ערשטער צוזאמענפֿאָר]. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג", װאַרשע 1937, נ' 353.

63. קריטשעװסקי, פּ.

Кричевскій, П. Экономическая и политическая борьба въ русскомъ рабочемъ движеніи. In: Рабочее Дѣло, Женева, Изд. Союза Рус. С. Д. 1900, № 7 [צמ״אנד מעגן דער בראָשור Объ агитаціи, ז' 8—9].

64. ראָזענבאַום, מ. ערינערונגען פֿון אַ סאָציאַליסט־רעװאָלוציאָנער [װילנע סוף 80ער און אָנהײב 90ער יאָרן]. ד״ר זשיטלאָװסקי־פֿ״ג, ניו־יאָרק 1921, באַנד I — ז' 121—138.

65. ראַפֿעס, מ.

Рафес, М. Очерки по истории Бунда. Москва 1923, 3—40, 315—326, 331—334.

66. שװאַרץ, פּ. יוזעף פּילסודסקי, זײַן באַציִונג צו דער ייִדן־פֿראַגע און זײַן קאַמף קעגן בונד (1893—1905). װאַרשע 1936, ז' 291.

67. שעליאַװין, ק. י. דער אַרבעטער־קלאַס און זײַן פּאַרטײ [צמ״אנד מעגן דער בראָשור Объ агитаціи]. פֿ״ג „קולטור־ליגע", קיִעװ 1925 ב' I—ז' 53—58.

68. שעפֿנער, ב. לעבעדיקע לעגענדעס. אין: „נײַע פֿאָלקסצײַטונג" 135, נ' 292.

די מצבֿה אויף אַרקאַדיס קבֿר



– אַרקאַדי אויפֿן טויטנבעט

פֿון אַרקאַדיס אייגענע שריפֿטן

װעגן אַגיטאַציע

אונדזער אַרטיקל האָט פֿאַר אַ ציל אויפֿצוקלערן עטלעכע פֿראַגעס װאָס זײַנען נוגע דער פּראַקטיק פֿון די רוסישע סאָציאַל=דעמאָקראַטן, פֿראַגעס, װאָס זײער ריכטיקע אויסטײַטשונג איז לויט אונדזער מיינונג אַן אומבאַדינגטער תּנאַי פֿאַר דעם, אַז די טעטיקייט פֿון די סאָציאַל=דעמאָקראַטן זאָל ברענגען די געװוּנטשענע פּירות. געשטיצט אויף אונדזער אייגענעם געפּרוּװ און אויף ידיעות װאָס מיר האָבן װעגן דער טעטיקייט פֿון אַנדערע גרופּעס, זײַנען מיר געקומען צום אויספֿיר, אַז די ערשטע טריט פֿון די רוסישע סאָציאַל=דעמאָקראַטן זײַנען געװען ניט קיין ריכטיקע און אַז לטובֿה פֿון דער זאַך מוז די טאַקטיק געביטן װערן. האָבן מיר זיך טאַקע אין אונדזער אַרטיקל געפֿלײַסט צו באַװײַזן, אין װאָס פֿאַר אַ ריכטונג די טעטיקייט פֿון די סאָציאַל=דעמאָקראַטן דאַרף זיך בײַטן, װאָסערע אויפֿגאַבעס זיי דאַרפֿן זיך שטעלן, כּדי ניט צו ריזיקירן, אַז בײַם סוף פֿון זייער װעג זאָלן זיי ניט בלײַבן פּונקט אַזוי אוממעכטיק װי בײַם אָנהייב.

בײַם צונויפֿשטעלן דעם אַרטיקל האָבן מיר געהאַט אין זינען לייענערס פֿון דער אינטעליגענץ און פֿאָדערשטע אַרבעטערס; פֿאַר אונדז װאָלט געװען ספּעציעל װיכטיק צו װירקן אויף די איבערצײַגונגען פֿון אָט די לעצטע, מחמת דװקא אַרבעטערס סאָציאַל=דעמאָקראַטן סימפּאַטיזירן ס׳רובֿ מיט יענער פּראַקטישער טעטיקייט, װאָס מיר פֿאַרמישפּטן זי װי אַן אומנוציקע. דאָ איז ניט דאָס אָרט אַרײַנצולאָזן זיך אין די סיבות פֿון אָט דער דערשײַנונג: טיילװײַז איז די פֿראַגע אויפֿגעקלערט אין אַרטיקל גופֿא; על=כּל=פּנים זײַנען מיר איבערגעצײַגט, אַז כּל=זמן די צום מערסטן אַנטװיקלטע אַרבעטערס װעלן ניט צושטיין

צו דער אידעע וועגן דער נויטווענדיקייט צו אַרבעטן אין דער ריכטונג וואָס ווערט דאָ אָנגעוויזן, אַזוי לאַנג וועט דער עתיד פֿון אונדזער אַרבעטער־באַוועגונג זײַן אונטער אַ ספק. אויב אין רעזולטאַט פֿון אונדזער אַרטיקל וועט כאָטש אַרויסקומען אַ פּאָלעמיק וועגן דער פֿראַגע וואָס אינטערעסירט אונדז, וועלן מיר זיך האַלטן פֿאַר באַפֿרידיקט: אַזוי אָדער אַנדערש וועט די פּאָלעמיק ברענגען איר נוצן, וואָרעם זי וועט שטעלן צו באַהאַנדלען אַ פֿראַגע וואָס פֿלעגט ביז אַהער פֿאַרענטפֿערט ווערן דורך באַזונדערע געשלאָסענע קרײַזלעך.

I

די אַרבעטער־באַוועגונג איז אַן אומפֿאַרמײַדלעכער רעזולטאַט פֿון די סתּירות וואָס עס פֿאַרמאָגט אין זיך די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע. בנוגע דער אַרבעטער־מאַסע באַשטייען די סתּירות פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אין דעם, אַז די שינויים וואָס די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג טראָגט אַרײַן אין די לעבנס־באַדינגונגען און אין די השגות פֿון פֿאָלק מאַכן די דאָזיקע מאַסע אַלץ ווייניקער מסוגל צו ווערן עקספּלואַטירט. נייטיקנדיק זיך אין מענטשן־אויטאָמאַטן וואָס זײַנען אָן טענות־ומענות אונטערגעוואָרפֿן דעם ווילן פֿון קאַפּיטאַל, גרייט אָבער צו אָט דער סדר דעם באָדן, אַז ס׳זאָלן זיך צווישן די אַרבעטערס אויסאַרבעטן טראַכטנדיקע פּערזענלעכקייטן; ער דערפֿירט דערצו, אַז די אַרבעטערס זאָלן פֿאַרשטיין זייערע אינטערעסן. אויב דער קאַפּיטאַליזם פֿאָדערט אַ צעשפּליטערטקייט פֿון די אַרבעטערס, כּדי אין וואָרצל אַרויסצורײַסן די מיגלעכקייט פֿון קעמפֿן אַנטקעגן קאַפּיטאַל, — נעמט ער ווידער אַליין צונויף און פֿאַראייניקט די אַרבעטערס אין איין וואַרשטאַט, אין איין ווינקלאָקאַל, אין איין פֿאַבריק־צענטער. זױבּ דער קאַפּיטאַליזם נייטיקט זיך אין דעם, די אַרבעטערס זאָלן ניט זען די היפּוכדיקייט צווישן די אינטערעסן פֿון קאַפּיטאַל און אַרבעט, — מאַכט דער זעלביקער סדר מיט זײַן קאָנצענטראַציע פֿון די קאַפּיטאַלן אַלץ שאַרפֿער דעם אונטערשייד צווישן דער לאַגע פֿון די קאַפּיטאַליסטן און

פון די ארבעטערס. אויב פאר דעם קאפיטאליזם ליגט א גראדירונג פון די ארבעטערס, ווייל דאס פירט צו פונאנדערטיילונג, — צעשטערט די אנטוויקלונג פון דער טעכניק אט די גראדירונג און פירט אראפ דעם רוב ארבעטערס ביז דער מדרגה פון שווארצארבעטערס. אויב פארן קאפיטאליסט ליגט, אז די משפחה פון דעם ארבעטער זאל זיין א פעסטע און זאל אים אפהאלטן פון צו א היציקן קאמף מיטן קאפיטאל, באפרייט אים, פון דער צווייטער זייט, דער לעצטער אליין פון זיין משפחה און פירט אריין אין דעם זעלביקן טיגל פון פאבריק-לעבן דאס ווייב און די קינדער. מיט איין ווארט, אויב דער קאפיטאל איז געצוווּנגען, מחמת שרעק פאר זיין אייגענעם אומקום, צו שטרעבן אויפצושטעלן צוימען פאר דער אנטוויקלונג פון ארבעטער-קלאס, צעשטערט ער, פון דער אנדער זייט, אליין זיין אייגענעם בנין און גרייט צו א קראפט א פיינדלעכע פאר אים און א געפערלעכע. אמת, דער קאפיטאליסטישער סדר גופא גרייט צו אויף א געוויסן שטאפל פון זיין אנטוויקלונג א שטארק געווער צו קעמפן אפילו מיט א פאראייניקטן פראלעטאריאט, אבער דערפאר איז דאס דאזיקע געווער צו פיל צוויישארפיק. אין קאמף קעגן דעם כוח וואס זי אליין האלט אין שאפן און אנטוויקלען שטיקט זיך די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט און פארגיכערט איר אייגענעם אומקום. געגנוג צו דערמאנען די רעזערוו-ארמיי פון ארבעטערס וואס דריקט ווי א שווערער שטיין די ארבעטער-באפעלקערונג און פאראליזירט די הצלחה פון קאמף. אבער די פארגרעסערונג פון דער ארבעטער-ארמיי, וואס פון איר שטעלט זיך צונויף דער רעזערוו, פארקלענערט דעם אינצווייניקסטן מארק, זי מאכט דערגאך פאר דער ארבעטער-באפעלקערונג אלץ שווערער צו טראגן די משא פון די שטייערן און רופט דערמיט ארויס די נויטווענדיקייט אריבערצוגיין פון אומדירעקטע שטייערן צו דירעקטע; לסוף פאדערט די דאזיקע ארמיי מלוכישע הילף (שוין אפגערעדט פון פארגרעסערן די הוצאות אויף פאליציי, געריכט, טורמעס), וואס דאס פירט צו פארגרעסערן די מלוכישע הוצאות. דער ערשטער רעזולטאט צווינגט דעם קאפיטאליסט צו

זוכן נײַע מערק, וואָס דאָס ווערט אַלץ שווערער און שווערער, און פֿירט דעריבער צו אָפֿטע אָדער גאָר צו שטענדיקע קריזיסן, און די קריזיסן ברענגען צו היזקות אָנשטאָט רווחים, צו דעם, אַז אַ טייל קאַפּיטאַליסטן ווערן אַראָפּגעפֿירט אין די רייען פֿון פּראָלעטאַריאַט, צום צענישטן אַ טייל קאַפּיטאַל. דער בײַט אין דער שטײַערן־סיסטעם און די פֿאַרגרעסערונג פֿון די הוצאות, וואָס ווערט אַרויסגערופֿן דורך דעם באַשטאַנד פֿון דער רעזערוו־אַרמיי, נעמט אַוועק אַלץ אַ גרעסערן טייל פֿון דעם רווח לטובֿת דער מלוכה. בכן פֿאַרקלענערט זיך מחמת דעם דער רווח און במילא אויך די אַקומולאַציע. און דער רעזולטאַט פֿון די דאָזיקע סתּירות איז די שטרעבונג צו פֿאַרשטאַרקן די עקספּלואַטאַציע און צו פֿאַרפֿולקומען ווײַטער די טעכניק, אַן אַלץ מער פֿאַרביטערטע קאָנקורענץ און נאָך אַנדערע ענלעכע דערשײַנונגען, וואָס זיי ווידער פֿירן, ווי מיר האָבן אויבן געזען, צו רעזולטאַטן וואָס גייען ניט אַרײַן אין די כּוונות פֿון קאַפּיטאַליזם – זיי אַנטוויקלען בײַ דער אַרבעטנדיקער מאַסע די קראַפֿט און די מדרגה פֿון האַס צום עקסיסטירנדיקן סדר. אָט אויף אַזאַ אופֿן דערברענגען די אייגענע סתּירות פֿון קאַפּיטאַל אויף אַ געוויסן שטאַפּל פֿון זײַן אַנטוויקלונג צום אויפֿשטעלן אַנטקעגן אים די אַרבעטער־מאַסע. וואָס ווײַטער עס גייט די אַנטוויקלונג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, אַלץ שאַרפֿער מוז ווערן דער קאַמף און אַלץ ווײַטער גייען די פֿאָדערונגען און דער פֿאַרשטאַנד פֿון דער אַרבעטער־מאַסע. אויף אַזאַ אופֿן ווערט דער קאַפּיטאַליזם אַ שול, וואָס ניט נאָר זי גרייט צו מאַטעריאַל – אַרבעטער־קעמפֿערס, נאָר זי דערציט זיי אויך און שלאָגט זיי מיט אירע צו בולטע סתּירות. ניט בלויז פֿאַרגרעסערט דער קאַפּיטאַליזם די כּוחות פֿון אַרבעטער־קלאַס דורך צונויפֿנעמען די אַרבעטער, נאָר ער גרייט אויך צו אַ באָדן פֿאַר דעם אויפֿקום און דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון אַלץ עקסטרעמערע אידעעס. די אידעע פֿון סאָציאַליזם ווי עפּעס אַ קאָנקרעטע מיגלעכע זאַך האָט זיך געקענט אויספֿורעמען נאָר אויפֿן באָדן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, און דאָס ערשט אויף אַ געוויסן שטאַפּל פֿון איר אַנטוויקלונג.

אָבער אויף וואָסער אופֿן ווירקט די שול פֿון קאַפּיטאַליזם אויף דער אַרבעטער־מאַסע? צונויפֿקלײַבן די אַרבעטערס אין איינעם הייסט נאָך ניט פֿאַראייניקן זיי צום קאַמף.

די קאָנצענטראַציע פֿון פּראָלעטאַריאַט איז אַ באַקוועמער באָדן פֿאַר דער באַוועגונג. ווען דער קאַפּיטאַליזם וואָלט כּסדר געקענט צופֿרידנשטעלן די טאָג־טעגלעכע באַדערפֿענישן פֿון דעם אַרבעטער, וואָלט אַזאַ מין פֿאַראייניקונג ניט געשפּילט קיין רעוואָלוציאָנערע ראָלע. אָבער דער קאַפּיטאַליזם, וואָס ער שטיצט זיך אויף קאָנקורענץ און פּלאַנלאָזיקייט אין דער פּראָדוקציע, צווינגט כּסדר די באַזונדערע אונטערנעמערס צו שטרעבן צו פֿאַרגרעסערן דעם מערווערט, צו פֿאַרקלענערן דעם חלק פֿון דער אַרבעט אין פּראָדוקט, צו אַ שטענדיקן קליינלעכן קאַמף מיטן פּראָלעטאַריאַט וואָס פֿאַרטיידיקט זײַן עקסיסטענץ און קען ניט פּראָטעסטירן קעגן אָפֿענעם אָנגרײַפֿן זײַן ווױלשטאַנד. דער דאָזיקער קאַמף ווערט אומפֿאַרמײַדלעך דער וויכטיקסטער דער־ציִערישער פֿאַקטאָר וואָס ווירקט אויף דער אַרבעטער־מאַסע און מאַכט זי אויף אַ געוויסער מדרגה פֿון אַנטוויקלונג פֿאַר איינעם פֿון די הויפּט־כּוחות וואָס רײַסן אַרונטער די דאָזיקע אָרדענונג. פֿאַרשאַרפֿנדיק, פֿאַרטיפֿנדיק און פֿאַראַלגעמיינערנדיק זיך, נעמט אָן דער קאַמף דעם כאַראַקטער פֿון אַ קאַמף פֿון קלאַסן מיט דעם געהעריקן קלאַסן־באַוווּסטזײַן פֿון פּראָלעטאַריאַט, ווי מיר זעען עס איצט צו אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דער קאַפּיטאַל גיט זיך ניט אונטער גלײַך, ער גיט זיך ניט אונטער ביז דעם לעצטן מאָמענט: אַ צעקלאַפּטער אויף אַלע פּונקטן, פּלײַסט ער זיך צו שטעלן זיך צוריק אויף די פֿיס, און ער הייבט אָן דעם קאַמף מיט נײַע כּוחות. בײַ דעם דאָזיקן קאַמף קומען אַלץ בולטער אַרויס די נאַקעטע אינטערעסן פֿון קאַפּיטאַל. אויף אַ באַשטימטער מדרגה פֿון דער אַנטוויקלונג קען זיך דער קאַמף ווײַטער ניט פֿירן אונטער דער פֿאָן פֿון הויכע אידעעס; דער קאַפּיטאַל וואַרפֿט אַראָפּ זײַן מאַסקע און דער־קלערט אָן בושה, אַז ער קעמפֿט קעגן די תּביעות אויף זײַן קעשענע; אויף דעם דאָזיקן שטאַפּל פֿירט דער קאַפּיטאַל דעם

קאַמף ניט פֿאַר אייבערהערשאַפֿט, נאָר מערניט פֿאַר זײַן עקסיסטענץ. ער כאַפּט זיך אָן פֿאַר די פּאָליטישע פֿאָרמען פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר ווי אַ טרינקעדיקער כאַפּט זיך פֿאַר אַ שטרוי. בלויז די מלוכישע מאַכט איז נאָך בכּוח צו קעמפֿן קעגן דער אַרבעטער־מאַסע, און כּל־זמן די פּאָליטישע מאַכט איז אין די הענט פֿון דער בורזשואַזיע, אַזוי לאַנג, מעג מען דרייסט זאָגן, קענען קיין קענטיקע אויסבעסערונגען אין דער לאַגע פֿון די אַרבעטערס ניט פֿאָרקומען. הייסט עס, ווי ברייט עס זאָל ניט זײַן די אַרבעטער־באַוועגוג, איז איר הצלחה ניט געזיכערט, ביז וואַנען דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיך ניט שטעלן פֿעסט אויפֿן באָדן פֿון פּאָליטישן קאַמף. דערגרייכן די פּאָליטישע מאַכט איז די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון קעמפֿנדיקן פּראָלעטאַריאַט.

אָבער שטעלן זיך פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס קען די דאָזיקע אויפֿגאַבע ערשט דעמאָלט, ווען דער עקאָנאָמישער קאַמף וועט פֿאַר אים אַרויסשטעלן די בפּירושע אוממיגלעכקייט צו דערשלאָגן זיך צו אַ בעסערונג פֿון זײַן מערכה בײַ די געגעבענע פּאָליטישע באַדינגונגען. ערשט ווען די שטרעבונגען פֿון פּראָלעטאַריאַט וועלן זיך פּנים־אל־פּנים צונויפֿטרעפֿן מיט די געגעבענע פּאָליטישע פֿאָרמען, ווען דער שטראָם פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג וועט זיך צונויפֿטרעפֿן מיט דער פּאָליטישער מאַכט, – ערשט דעמאָלט וועט קומען דער מאָמענט, ווען דער קלאַסנקאַמף וועט אַריבערגיין אין דעם פֿאַזיס פֿון אַ פּאָליטיש באַוווסטזיניקן קאַמף. ווי סאָציאַל־דעמאָקראַטן שטעלן מיר זיך די אויפֿגאַבע צו דערפֿירן דעם אַרבעטער־קלאַס צום דערקענען די נויטווענדיקייט פֿון פּאָליטישער פֿרײַהייט ווי אַ פֿאָרבאַדינג פֿאַר דער מיגלעכקייט, ער זאָל זיך ברייט אַנטוויקלען.

אָבער ווי אַזוי זיך דערשלאָגן דערצו?

ווי פּשוט און באַשײַמפּערלעך עס איז ניט די אידעע פֿון פּאָליטישער פֿרײַהייט, קען אָבער דער אַרבעטער־קלאַס זיך אַזוי לאַנג ניט דורכדרינגען מיט איר, בפֿרט נאָך אין אַ לאַנד וואָס איז פּאָליטיש אָפּגעשטאַנען, כּל־זמן ער וועט זיך ניט אָנהייבן שטיקן אין דער געגעבענער פּאָליטישער אַטמאָספֿער, כּל־זמן

דאָס צופֿרידנשטעלן די באַדערפֿענישן וואָס זײַנען פֿאַר אים געוואָרן נויטווענדיקייטן וועט [ניט] זײַן אוממיגלעך אין גבֿול פֿון די עקסיסטירנדיקע פּאָליטישע באַדינגונגען. פּונקט אַזוי ווי אויך תּופֿס צו זײַן די היפּוכדיקייט פֿון אינטערעסן איז ניט גענוג, אַז אָט די היפּוכדיקייט זאָל אויפֿקומען, נאָר עס פֿאָדערט זיך אַ שטענדיקער קאַמף, אַזוי איז אויך אויף תּופֿס צו זײַן די פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט ניט גענוג דער עצם פֿאַקט פֿון דער דאָזיקער רעכטלאָזיקייט, כּל־זמן ער וועט זיך ניט צונויפֿשטויסן מיט די שטרעבונגען פֿון דער אַרבעטער־מאַסע צו פֿאַרבעסערן איר לאַגע. די בעסטע ראַיה דערפֿאַר זעען מיר אין דער געשיכטע פֿון ענגלאַנד, ווו ס'איז אַ דאַנק דעם אויפֿבלי פֿון דער אינדוסטריע אין אַ געוויסן פּעריאָד אויסגעקומען צו קעמפֿן בלויז פֿאַר אַזעלכע אויסבעסערונגען, וואָס דערשלאָגן זיך צו זיי איז מיגלעך געווען בײַ די געגעבענע פּאָליטישע באַדינגונגען דורך ריין עקאָנאָמישן קאַמף מיט די קאַפּיטאַליסטן וואָס זײַנען ניט אָנגעקומען צו דער הילף פֿון דער אָרגאַניזירטער קראַפֿט פֿון דער מלוכה. אויפֿן ערשטן קוק האָבן זיך באַקומען באמת פּלעפֿנדיקע רעזולטאַטן. אין ענגלאַנד איז די צום מערסטן אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, די צום מערסטן אַנטוויקלטע אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער די באַוועגונג טראָגט אין זייער אַ נישטיקן גראַד אַ פּאָליטישן כאַראַקטער, און ביז איצט ווײַכט נאָך די מערהייט פֿון אַקטיוון פּאָליטישן קאַמף. אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַפֿאַרבונג הייבט אָן דער פּראָלעטאַריאַט צו באַקומען ערשט אין דער גאָר לעצטער צײַט, אין דער מאָס ווי דער אַרבעטער־קלאַס קומט אין עצם גאַנג פֿון קאַמף תּופֿס צו זײַן די נויטווענדיקייט פֿון אַזוינע רעפֿאָרמען וואָס קענען ניט פֿאַרווירקלעכט ווערן אַנדערש ווי דורך דירעקט באַווירקן די מלוכה־מאַשין. אויב ווידער מיר זאָלן נעמען עסטרײַך, ווו די אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך זייער יונג, טרעפֿן מיר דאָרטן אַ מערקווערדיק גיכן וווּקס פֿון די פּאָליטישע עלעמענטן אין דער באַוועגונג פֿון פּראָלעטאַריאַט, און די סיבה דערפֿון זײַנען טאַקע די שמעלערע פּאָליטישע ראָמען, וואָס אין זייער גבֿול האָט זיך געמוזט פֿירן

דער לכתחילהדיקער קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט. אָדער למשל אירלאַנד. דער קאַמף פון די קליינע פאַרמערס וואָס זײַנען ניט פּאַראייניקט דורכן קאַפּיטאַל טראָגט פון אַ לאַנגער צײַט אָן אַ פּאָליטישן כאַראַקטער, מחמת דער עקאָנאָמישער קאַמף פאַר אויפהאַלטן דעם ניוואָ פון ווילשטאַנד האָט שאַרף צונויפגעשטויסן דאָס אירישע פאָלק מיט דעם אָרגאַניזירטן כוח פון דער ענגלישער מלוכה. פון די געבראַכטע בײַשפּילן דרינגט אַרויס, אַז עס איז אוממיגלעך צו ריכטן זיך אויף אַ קלאַסן-באַוועגונג מיט אַ פּאָליטישער פּראָגראַם דאָרטן, ווו עס פירט זיך ניט אין אַ גענוג גרויסן פאַרנעם אַ ריין עקאָנאָמישער קאַמף. אוטאָפּיש איז דעריבער צו מיינען, אַז די רוסישע אַרבעטערס אין דער גאַנצער מאַסע זייערער קענען נעמען פירן אַ פּאָליטישן קאַמף, סײַדן מען זאָל זיי אויפקלערן מיט אַ געהעריקער איבערצײַגעוודיקייט, ווי נייטיק ער איז אין זייערע אייגענע אינטערעסן. די פאָלקס-מאַסע ווערט אין קאַמף אַרײַנגעצויגן ניט מיט חקירות, נאָר מיט דער אָביעקטיווער לאָגיק פון זאַכן, מיט דעם עצם גאַנג פון די געשעענישן וואָס שטופּן זי צום קאַמף. די ראָלע פון דער פּאַרטיי וואָס האָט אויף זיך גענומען צו דערציִען פּאָליטיש און אָרגאַניזירן דאָס פאָלק באַגרענעצט זיך אין דעם פּרט מיט דעם, זי זאָל ריכטיק באַשטימען דעם מאָמענט, ווען דער קאַמף איז אויף אַזוי פיל צײַטיק געוואָרן, אַז ער זאָל אַריבערגיין אין פּאָליטישן קאַמף, און זי זאָל צוגרייטן אין דער מאַסע אַליין די עלעמענטן וואָס זײַנען נייטיק, אַז דער דאָזיקער איבערגאַנג זאָל פאָרקומען מיט דעם קלענסטן אָנווער פון כוחות. אויף וואָסער אופן למשל קען דער פּראָלעטאַריאַט קומען צום באַוווּסט-זײַן, אַז עס איז נייטיק פרײַהייט פון פאַרזאַמלונגען? מיט אַ ריין לאָגישן וועג קומט ניט די מאַסע צו אַזאַ פאָדערונג. עס איז נייטיק, אַז די פרײַהייט פון פאַרזאַמלונגען זאָל מען תופס זײַן ווי אַ מיטל צו קעמפן פאַר די אייגענע אינטערעסן, דאָס הייסט מען דאַרף תופס זײַן אָט די אינטערעסן אויך, און די פּראַקטיק דאַרף באַשײַמפּערלעך באַווײַזן, וואָסער פאַרבינדונג ס'איז פאַראַן צווישן די אינטערעסן פון די אַרבעטערס און דער פרײַהייט

פֿון פֿאַרזאַמלונגען. אָט די פּראַקטיק באַקומט זיך דורכן קאַמף פֿאַר די אייגענע אינטערעסן, דורך אַ קאַמף, בעת וועלכן עס קומט אויס צו שטעלן זיך פּנים־אל־פּנים מיט אַזוינע אַלגעמיינע פּראַגעס, וואָס דער עצם געדאַנק וועגן זיי וואָלט בײַ זיי אַליין אויסגעזען ווי פּוסטע פּלוידערײַ. דעם קריטישן געדאַנק בלײַבט בלויז איבער אָנצוווײַזן דער מאַסע אויף די אויספֿירן וואָס דרינגען אַרויס פֿון דעם וואָס דאָס לעבן אַליין שטעלט אַוועק די פֿאַר איר וויכטיקע פּראַגעס, ס׳בלײַבט אים נאָר צו פֿאָרמולירן די רעזולטאַטן וואָס דרינגען אַרויס פֿון דער לאָגיק פֿון די פֿאַקטן, פֿון דער לאָגיק פֿון דעם עצם קאַמף, — מיט אַנדערע ווערטער, צו געבן אַ פּראָגראַם.

ווי אַזוי אָבער קען מען דערקלערן, אויב אַזוי, די באַוועגונג פֿון פּראָלעטאַריאַט סוף פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אין פֿראַנקרײַך און אין מיטן פֿון הײַנטיקן שיִער ניט אין גאַנץ אייראָפּע? דאָס איז געווען די צײַט, ווען ס׳איז פּאָליטיש געווען אונטערגעדריקט די בורזשואַזיע, וואָס זי האָט אין איר אַנטוויקלונג אָנגעטראָפֿן אויף שטערונישן וואָס די פּאָליטישע פֿאָרמען פֿון אַבסאָלוטיזם אָדער פֿון דער אַריסטאָקראַטיע האָבן איר געשטעלט. די בורזשואַזיע, וואָס זי איז שוין דעמאָלט געווען שטאַרק דורך אירע מאַטעריעלע מיטלען, האָט זיך געבייטיקט אין ריין פֿיזישע כּוחות. פֿאַקטיש האָט פֿון די זעלביקע פּאָליטישע באַדינגונגען געליטן דאָס אַרבעטער־פֿאָלק אויך, למשל די געזעלן און די אַרבעטערס אין די מאַנופֿאַקטורן. אין דער מאַסע איז געווען אומצופֿרידנקייט, זי האָט געפֿירט אַ פּאָליטישן קאַמף אויך, אָבער דער קאַמף איז פֿאָרגעקומען אין אַ צײַט, בעת די אַלטע פּראָדוציר־פֿאָרמען האָבן זיך געביטן אויף נײַע, וואָס דער גאַנצער באַטײַט און זינען זייערער איז ניט געווען קלאָר אַפֿילו דעם געבילדעטן טייל פֿון דער געזעלשאַפֿט, מכּל־שכּן דער ניט־אַנטוויקלטער אַרבעטער־מאַסע. דער קאַמף האָט בײַ אַזוינע באַדינגונגען ניט געקענט געבן דעם פּראָלעטאַריאַט ניט קיין קלאָרן באַוווּסטזײַן פֿון דער גורלדיקער היפּוכדיקייט צווישן זײַנע אינטערעסן און די אינטערעסן פֿון אַלע אַנדערע קלאַסן,

און אַוודאי אויך ניט פֿון דעם, אַז די גרונט־סיבות פֿון די צרות פֿון אַרבעטער־קלאַס ליגן אין די יסודות פֿון דעם עקאָנאָמישן סדר פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט. האָט אָבער דאָס שטאַרקע אונטערדריקן די בורזשואַזיע אַרויסגערופֿן בײַ איר אַ שטרעבונג צו קעמפֿן פֿאַר באַפֿרײַונג און איז געווען באַגלייט מיט אַזאַ אידעאַלער געהויבנקייט, מיט אַזאַ פֿונאַנדער־בלי פֿון פּאָליטישע כשרונות אין איר סבֿיבֿה, וואָס ניט פֿריִער און ניט שפּעטער האָט אָט דער קלאַס צו אַזוינס ניט דערגרייכט. גאַנצע מאַסן רעדנערס, פּאָליטיקערס, ליטעראַטן און פּובליציסטן זײַנען אַרויס פֿון איר סבֿיבֿה, באַגײַסטערטע פֿאַר די אידעעס פֿון פֿרײַהייט און גלײַכהייט, וואָס זײַנען אין באַוווסטזײַן פֿון די פּראָפּאַגאַנדיסטן אַליין געווען ווייניק צונויפֿגעבונדן מיט די מאַטעריעלע אינטערעסן פֿון דער בורזשואַזיע. פֿון דעסט וועגן זײַנען דאָס געווען אירע קינדער, אויפֿגעהאָדעוועטע אויפֿן באָדן פֿון פּאָליטישער אומצופֿרידנקייט און אָפּאָזיציע, וואָס פֿלעגן אמת אַריבערטרעטן די גרענעצן, אין וועלכע עס פֿלעגט זיך פֿאַרגינען צו פֿאַרנדירן דער סאָלידער בורזשואַ, וואָס האָבן זיך ניט זעלטן געשטעלט אין אַן אָפֿענעם אַנטאַגאָניזם צו די פֿאָרשטייערס פֿון דער געמעסיקטקייט און אָפּגעניגלטקייט פֿון באַנקירישן און אינדוסטריעלן ליבעראַליזם, — וואָס האָבן אָבער בײַ דעם אַלעם געאַרבעט בלויז לטובֿת דער בורזשואַזיע אַליין. אָט די טוערס וואָס האָבן זיך געלאָזט אין פֿאָלק אַרײַן מיט דעם גאַנצן ברען פֿון זייער אידעאַליזם וואָס איז ניט תּופֿס די מאַטעריעלע וואָרצלען זײַנע האָבן געטראָפֿן אויף אַ גינציקן באָדן אין דער מאַסע וואָס איז געווען פּאָליטיש ניט צײַטיק און האָט זיך געפֿונען אין אַ מצבֿ פֿון יוירונג. ס'איז ניט געווען שווער איבערצוצײַגן דאָס פֿאָלק, אַז די סיבה פֿון אַלע זײַנע צרות ליגט אין די פּאָליטישע אײַנצאַמונגען, און נאָך גרינגער איז געווען דאָס צו טון, בעת דער קלאַס וואָס איז געשטאַנען איבער אים האָט געזונגען אין אוניסאָן מיט די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַטאָרן, אמת מיט אַן אָקטאַווע נידעריקער. דאָס וואָגיקע וואָרט האָט אין די מוחות פֿון די אַרבעטערס פֿאַרפֿעסטיקט די ריכטיקייט און די ווערדע

פֿון דעם וואָס די פֿלוגבלעטלעך און די רעדנערס אויף די פֿאַרזאַמלונגען האָבן גערעדט. אָבער פֿאַר איינס האָט דאָס זעלביקע וואָגיקע וואָרט פֿאַרפֿעסטיקט אין זײַן געדאַנק די אידעע, אַז אַלע זײַנע אינטערעסן זײַנען געבונדן מיט די אינטערעסן פֿון די אונטערנעמערס. זעענדיק אין בעל-הבית זײַן באַשיצער און פּראָטעקטאָר, האָט דער אַרבעטער זיך אים איבערגעגעבן אין גאַנצן, ניט חושד זײַענדיק, אַז נאָר אַ קלײנעם װעג װעט זיי אויסקומען דורכצומאַכן צוזאַמען, אַז זייערע וועגן וועלן זיך פֿונאַנדערגיין אין היפּובדיקע זײַטן. אויף אַזאַ אופֿן איז די בורזשואַזיע געוואָרן די אָנפֿירערין פֿון דעם אַרבעטער-קלאַס וואָס האָט אונטער איר פֿירונג צעשטערט ניט איין פּעסטונג פֿון אַבסאָלוטיזם „פֿון גאָטס גענאָד". דער אַרבעטער-קלאַס איז געגאַנגען אין שלאַכט, די בורזשואַזיע פֿלעגט געבן די פּראָגראַם, און נאָכן נצחון פֿלעגט זי גרונטפֿעסטיקן די נײַע יסודות פֿון דער אָרדענונג און דערבײַ זיך נעמען דעם לייבנטייל פֿון געווינס, וואָס איז באַשטאַנען אין דער פּאָליטישער מאַכט. פֿון דעסט וועגן פֿלעגן די ברעקלעך פֿרײַהייט וואָס פֿלעגן צופֿאַלן דעם אַרבעטער-קלאַס נאָכן נצחון אויך ברענגען זייער טייל נוצן. נאָך מער נוצן האָט אים געבראַכט די פּאָליטישע דערציִונג וואָס ער האָט באַקומען אין דעם קאַמף. אָבער מיט די דאָזיקע גוטע זײַטן זײַנען פֿאַרבונדן שלעכטע זײַטן אויך. ביז איצטער נאָך זעט דער אַרבעטער אין דעם בורזשואַ מיט די זיסע ריידעלעך זײַן האַר און זײַן נאַטירלעכן פֿאָרשטייער אין פּאָליטישע עניינים. מיטגעווירקט צו זײַן פּאָליטישער דערציִונג, צוגעוויינט אים צום פּאָליטישן קאַמף, האָט דער דאָזיקער היסטאָרישער פּעריאָד אין דער זעלביקער צײַט מיטגעהאָלפֿן אָפּצושוואַכן דעם פּאָליטישן אַליין-באַוווסטזײַן פֿון דעם אַרבעטער ווי פֿון אַ באַזונדערן קלאַס. די געשיכטע פֿון יענער עפּאָכע איז פֿאַר אונדז וויכטיק ווי אַ לעקציע און ווי אַ ווערטיקער מאַטעריאַל פֿאַר דער אייגענער פּראַקטיק און פֿאַר טעאָרעטיש באַגרינדן די באַוועגונג. מיר דאַרפֿן פֿון דעם מאַכן דעם אויספֿיר, אַז נאָר די מאַסע קען אויסקעמפֿן פּאָליטישע פֿרײַהייט. און אויב אַזוי, טאָר מען דעם קאַמף פֿאַר באַפֿרײַען דעם פּראָלעטאַריאַט ניט

אָפּלייגן ביז דעם מאָמענט, ווען די בורזשואַזיע וועט זיך דער־שלאָגן צו פּאָליטישער פרײַהייט. צי די בורזשואַזיע וועט יאָ קעמפן פאַר איר אָדער ניט, צי עס וועלן אין דעם נאָענטסטן עתיד זײַן אָרגאַנישע קאָנפליקטן צווישן דער רעגירונג און דעם קאַפּיטאַל, – דאָס איז אָן ספק אַ וויכטיקע פראַגע, אָבער דער אָדער יענער באַשייד דאַרף ניט בײַטן די ריכטונג פון אונדזער טעטיקייט. פאַר אונדז איז הן אין דעם פאַל הן אין צווייטן דאָס סאַמע וויכטיקע, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל זײַן באַוווּסט־זיניק, ער זאָל פאַרשטיין זײַנע אינטערעסן, ער זאָל ניט ווערן קיין נאָכשלעפּער נאָך דער בורזשואַזיע, אויב די דאָזיקע זאָל ווילן אויסניצן די קראַפט פון דער אַרבעטער־מאַסע פאַר אַ שמירה, וואָס שפּעטער וועט זי זי ניט נאָר אַוועקוואַרפן ווי אַ ניט־נייטיקע זאַך, נאָר זי וועט זיך פלײַסן צו צעברעכן זי, כדי זי זאָל ניט קענען דינען אַנטקעגן די זיגערס אַליין. אויב אונדזער בורזשו־אַזיע וועט טאַקע זײַן בכּוח צו ווערן רעוואָלוציאָנער, דאַרפן מיר איר ניט געבן די מיגלעכקייט צו ווערן די לערערין און אָנפירערין פון אונדזער פּראָלעטאַריאַט, וואָרעם די דערציִונג וואָס ער וועט באַקומען פון דער בורזשואַזיע וועט אָפּקאָסטן דעם צו טײַערן פרײַז פון פאַרלירן דעם אַליין־באַוווּסטזײַן פון דעם קלאַס. וועט די בורזשואַזיע אַליין אויך אַרויסטרעטן אויף דער אַרענע פון פּאָליטישן קאַמף, וועט דאָס אָן ספק זײַן אַלץ בעסער: דער אַרבעטער וועט געפינען אַ מיטגייער אויפן וועג, אָבער נאָר אַ מיטגייער; אויב ווידער ניט – וועט ער אויך אָט דעם טייל וועג וואָס ער האָט פאַר זיך אַדורכמאַכן אַליין, פּונקט ווי ער וועט דורכגיין אויך דעם גאַנצן איבעריקן וועג ביז דער פולער באַפרײַונג. און ווי נישטיק איז דער ערשטער טייל לגבי דעם גאַנצן וועג וואָס ער האָט דורכצומאַכן!

II

אין אָנבליק פון דעם אויבן געזאָגטן איז די אויפגאַבע וואָס שטייט אונדז פאַר אַ קלאָרע: מיר דאַרפן שטרעבן אויס־צואַרבעטן דעם פּאָליטישן אַליין־באַוווּסטזײַן אין דער מאַסע

אַרבעטערס, פֿאַראינטערעסירן זי אין פּאָליטישער פֿרײַהייט. דער פּאָליטישער אַליין־באַוווּסטזײַן רעדט אָבער ניט נאָר וועגן איבעראַנדערשן דעם איצטיקן פּאָליטישן סדר, נאָר אויך וועגן איבעראַנדערשן אים לטובֿת דעם אַרבעטער־קלאַס. הייסט עס, אַז פֿריִער פֿאַר דעם פּאָליטישן קלאַסנדיקן אַליין־באַוווּסטזײַן דאַרף קומען דער באַוווּסטזײַן וועגן דער היפּוכדיקייט פֿון די אינטערעסן. די היפּוכדיקייט פֿון די אינטערעסן וועט מען אָבער תּופֿס זײַן דעמאָלט, ווען אין לעבן פֿון פּראָלעטאַריאַט וועט זיך באַווײַזן אָט די היפּוכדיקייט. זי דאַרף זיך לאָזן פֿילן אויף יעדער טריט, דאַרף שטענדיק קלאַפּן אין קאָפּ דעם אַרבעטער, זיך לאָזן שפּירן אין יעדער קלייניקייט. צי איז אָבער גענוג בלויז צו פֿילן אויף זיך די היפּוכדיקייט, כּדי אַרויסצורוקן אייגענע אינטערעסן אויפֿן ערשטן פּלאַן און כּסדר האָבן זיי אין אויג? דאָס לעבן פֿאַרפּלאָנטערט אָפֿט פּשוטע און קלאָרע באַציִונגען, און ניט זעלטן מאַכט זיך אַ מיגלעכקייט צו דערקלערן די פֿײַנדלעכקייט צווישן דער לאַגע פֿון בעל־הבית און די אַרבעטערס מיט ריין זײַטיקע אומשטאַנדן, וואָס דווקא זיי צעטומלען דעם אַרבעטער. עס איז למשל ניטאָ קיין גרינגערע זאַך ווי צו פֿאַרטומלען דעם אַרבעטער און צו דערווײַזן אים, אַז פֿאַרקלענערן דעם אַרבעטסטאָג איז אוממיגלעך. ווי אַ ראַיה ברענגט מען דעם צו שפּלן מצבֿ פֿון דער מלאָכה אין דעם געגעבענעם צווײַג אינדוסטריע; מען ברענגט אויס, אַז עס איז ניט מיגלעך צו קירצן דעם אַרבעטסטאָג מחמת דער קאָנקורענץ מיט אַנדערע בעלי־בתּים; אַז דער רווח איז קליין, אַז ס׳קומט אויס צו קעמפֿן מיט די מאַגאַזינען א. אַז״וו. אָט די אַרגומענטן, אַפֿילו ווען זיי זאָלן זײַן פֿאַלש, אָדער ריכטיק בלויז פֿאַר אַ פּרט־פֿאַל, זײַנען פֿאַר דעם ווייניק פֿאַרשטייענדיקן אַרבעטער שוין צו דערווײַזיק. זעט אויס, אַז פֿילן און פֿאַרשטיין די גערעכטקייט פֿון פֿאָדערונגען און שטענדיק און עקשנותדיק אַרויסרוקן זיי איז ווײַט ניט דאָס זעלביקע. אָבער כּדי די פֿאַרשיידענע מינים שפּיצלעך און המצאות זאָלן ניט אָפּנייגן די אַרבעטערס פֿון זייערע גערעכטע פֿאָדערונגען, מוז

מען די דאָזיקע פאָדערונגען אַרויסרוקן שטענדיק, און ניט בלויז
בנוגע גרעסערע פראַגעס, נאָר – דאָס איז באַזונדער וויכטיק
ווי אַ צוגרייטנדיקע אַרבעט – אויך בנוגע פראַגעס וואָס זענען
אויס אין פלוג ווי די נישטיקסטע. אין קליינע פאָדערונגען וועט
דער בעל=הבית ניט אַזוי פאַרטומלען די אַרבעטערס, מחמת די
מיגלעכקייט צו באַפרידיקן קליינע פאָדערונגען איז קלאָר פאַר
יעדערן, זי איז געווענדט בלויז אין דעם געגעבענעם בעל=הבית,
און דאָס ניט באַפרידיקן די פאָדערונג לאָזט זיך גרינג דער=
קלערן די אַרבעטערס מערניט ווי מיט דעם וואָס דער פאַברי=
קאַנט אַליין וויל ניט, און אויף אַזאַ אופן ווערט שוין טיילווייַז
אויך קלאָר די היפוכדיקייט צווישן זייערע אינטערעסן מיט דעם
בעל=הביתס. דערבייַ קענען קליינע פאָדערונגען גרינגער האָבן
אַ פּעולה אַן ספּעציעלער עקשנות אין קעמפן פאַר זיי, און דאָס
ברענגט מיט זיך גלויבן אין די אייגענע כּוחות, לערנט אויס
דעם אַרבעטער פּראַקטישע גענג אין קאַמף, גרייט צו און רוקט
אַרויס איינציקע פּערזענלעכקייטן וואָס זייַנען ביז אַהער בטל
געוואָרן אין דער מאַסע, גיט אויך די איבעריקע אַרבעטערס אַ בייַ=
שפּיל פון דעם, ווי אַזוי צו קעמפן מיט הצלחה קעגן די בעלי=
בתּים. אין קאַמף פאַר קליינע פאָדערונגען אַפילו מוזן זיך די
אַרבעטערס פאַראייניקן צוזאַמען, איבערצייַגנדיק זיך אין דער
פּראַקטיק, אַז ס'איז נייטיק און מיגלעך זיך צו פאַראייניקן. אָט
די פּראַקטיק באַטייַט אַ סך מער בייַם דערציִען די מאַסע, איז
אַ סך איבערצייַגעוודיקער איידער ביכלעך וואָס ריידן וועגן דעם.
אין קאַמף פאַרשאַרפן זיך די באַציִונגען פון די צדדים, און דער
בעל=הבית באַווייַזט זיך אין זייַן אמתן געשטאַלט, יעמאָלט ערשט
וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך די מאַסקע פון דעם פאָטערישן בעל=
טובֿה און ברענגט אַרויס זייַנע אינטימע געדאַנקען און שטרע=
בונגען. אין דעם קאַמף קען דער אַרבעטער קלאָר אונטערשיידן
צווישן זייַנע גוטע=פרייַנד און זייַנע שׂונאים, קען באַמערקן די
סאָלידאַרישקייט פון אַלע בעלי=בתּים, פון דער גאַנצער בורזשואַזיע
בכלל – דער גרויסער און דער קליינער – קעגן אים, דעם
אַרבעטער. אויפן באָדן פון דער צעוועקטקייט וואָס דער קאַמף

רופֿט אַרויס ווערט דער אַרבעטער מער אויפֿנעמעוודיק פֿאַר אַזוינע אידעעס וואָס וואָלטן אים אַליין פֿריִער אויסגעוויזן ווי פּוסטע פּלוידעריַיען.

אָט דער קאַמף פֿאַר קלײנע פֿאָדערונגען, וואָס ווערט אַרויסגערופֿן דורך פּרט=סיבות פֿון דער עקספּלואַטאַציע פֿון אײנעם אָדער עטלעכע בעלי=בתים, וואָס איז באַגרענעצט מיט דער אַרענע פֿון אײנעם אָדער עטלעכע וואַרשטאַטן אָדער פֿאַבריקן, אַ קאַמף וואָס אינעם רובֿ פֿאַלן האַלט ער זיך איַין אין גבֿול פֿון אַ קאַמף בלויז מיט דעם סאַמע דירעקטן עקספּלואַטאַטאָר וואָס ווערט ניט געשטיצט דורך דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט, דאַרף דינען פֿאַרן רוסישן אַרבעטער=קלאַס וואָס האָט זיך נאָך ניט איַינגעניט אין קלאַסנקאַמף ווי אַ מין עלעמענטאַרע שול; אין איר וועט ער זיך דערציִען, וועט זיך פֿאַרשטאַרקן, פֿון איר וועט ער אַרויסגײן אַ צוגעגרייטער צום קאַמף פֿאַר מער וויכטיקע פֿאָדערונגען, אָן אַ פֿאַראייניקונג פֿון די אַרבעטערס פֿון עטלעכע פֿאַבריקן אָדער פֿון אַ גאַנצן פֿאַך.

דער ערשטער פֿאַזיס פֿון קאַמף פֿאַר קלײנע פֿאָדערונגען, וואָס דעם אַרבעטער שטויסט דערצו די גרינג פֿאַרשטענדלעכע אויסרעכענונג, די עקספּלואַטאַציע פֿון בעל=הבית וואָס לאָזט זיך דערקלערן אָן שוועריקייטן, פֿאָדערט פֿון די אַרבעטערס אַ געוויסע מדרגה ענערגיע און אַחדות. אין צווייטן פֿאַזיס, ווען ס׳וועט אויסקומען צו האָבן צו טון מיטן גאַנצן בורזשואַזן קלאַס, וואָס אים וועט איַילן צו הילף די רעגירונג, וועט שוין נייטיק זיַין אַ סך אַ גרעסערע מדרגה אויסהאַלטעוודיקייט, סאָלידאַרישקייט און באַהאַרצטקייט; מער ווי דאָס: ס׳וועט אויך נייטיק זיַין אַ געוויסע מדרגה באַוווסטזיַין, צו קענען צונויפֿבינדן די אייגענע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פֿון די אַרבעטערס אין דעם זעלביקן צוויַיג פּראָדוקציע, אַ מאָל אויך אין אַ צווייטן, און אַזאַ באַוווסטזיַין קען זיך שאַפֿן ערשט דעמאָלט, ווען דער אַרבעטער וועט מיט זיַין אייגענעם געפּרוּוו קומען צום אויספֿיר, אַז ס׳קען ניט געמאָלט זיַין קיין הצלחה ביַי אַ פּרט=קאַמף פֿאַר די אינטערעסן פֿון די אַרבעטערס פֿון באַזונדערע פֿאַבריקן.

טאַקע דער קאַמף מיט באַזונדערע בעלי=בתּים וועט אויסאַרבעטן בײַם אַרבעטער=קלאַס יענע מדרגה פֿעסטקייט און אויסהאַלטעוודיקייט, געאייניקטקייט, געפֿיל פֿון אומאָפּהענגיקייט און קלאַסנדיקע זיכערקייט אין זיך אַליין, וואָס ער וועט עס באַדאַרפֿן, בשעת פֿאַר אים וועט זיך אַוועקשטעלן די נויטווענדיקייט פֿון קלאַסנקאַמף אין אמתן זינען פֿון דעם וואָרט. אין דער מאָס ווי די אַרבעטער=באַוועגונג וועט אַרײַנגיין אין דער פֿאַזע, וועט זי ביסלעכווײַז אָנהייבן באַקומען אַ פּאָליטישע באַפֿאַרבונג. אין דער אמתן: אויף וויפֿל די אַרבעטערס רוקן אַרויס אַזאַ אָדער אַן אַנדער פֿאָדערונג וועגן אַ וויכטיקערן שינוי אין די אָרדענונגען אין אַ וואָסער פֿאַבריק אָדער אין אַ גאַנצן פּראָדוקציעצווײַג, טרעטן זיי שוין אַרײַן אין אַזאַ קאַמף, בײַ וועלכן זיי וועט נעמען קלאָר ווערן די באַציִונג צו זיי ניט נאָר פֿון איינעם, ניט נאָר פֿון עטלעכע בעלי=הבתּים, נאָר אויך פֿון אַלע העכערע קלאַסן און פֿון דער רעגירונג. האָבנדיק דעם באַוווּסטזײַן, אַז זייער פֿאָדערונג איז אַ גערעכטע, האַלטן זיך די אַרבעטערס לכתּחילה רויִק, אין דער זיכערקייט, אַז אַלע דאַרפֿן זײַן אויף זייער צד, אַז אַלע דאַרפֿן זיי מיטפּילן. אַלץ איז דאָך אַזוי פּשוט, די פֿאָדערונגען זייערע זײַנען דאָך אַזוי קלאָר, די נגישות זײַנען דאָך אַזוי אומגערעכט! זיי שיקן אַ דעפּוטאַציע צום אַרבעט=אינספעקטאָר: ער וועט זיי געוויס העלפֿן, ער איז דאָך זייער פֿאַרטיידיקער, ער קען אַלע געזעצן, און די געזעצן ריידן דאָך געוויס לטובֿת זיי... ווי מיט אַן עמער קאַלט וואַסער גיסט זיי אָפּ דער אינספּעקטאָר... אין די געזעצן איז וועגן דעם גאָר ניטאָ; דער פֿאַבריקאַנט שטייט אויף אַ פֿולקום געזעצלעכן באָדן, איך קען קיין זאַך ניט טון... די טיר פֿאַרהאַקט זיך אונטער דער נאָז... ווי, די געזעצן זאָלן זיך פֿאַר אונדז ניט אָננעמען! עס קען ניט זײַן, אַז אונדז זאָל ניט שיצן אונדזער פֿאָטערל! דער אינספּעקטאָר איז אונטערגעקויפֿט דורכן פֿאַבריקאַנט, ער זאָגט ליגן, זאָגט חוצפּהדיק ליגן!... די אַרבעטערס פּרוּוון אויס אַנדערע וועגן – אומעטום אַן אָפּזאָג, אַנדערש ווו נאָך מיט אַ סטראַשוניק וואָס נעמט גיך אָן רעאַלע פֿאָרמען – צו הילף די פֿאַבריקאַנטן

ווערט געשיקט מיליטער. די אַרבעטערס קריגן די ערשטע רע=
אַלע לעקציע פֿון דער פּאָליטישער תּורה וואָס זאָגט, אַז דאָס
רעכט איז אויפֿן צד פֿון דעם שטאַרקן, אַז אַנטקעגן דעם
אָרגאַניזירטן כּוח פֿון קאַפּיטאַל דאַרף אַרויסטרעטן אויך דער
אָרגאַניזירטער כּוח פֿון דער אַרבעט. אויסברייטערנדיק זיך
אין דער מאָס ווי זי אַנטוויקלט זיך, אַרומכאַפּנדיק גאַנצע פּראָ=
דוקציע=צווײַגן אַנשטאָט באַזונדערע פֿאַבריקן, שטויסט זיך די
באַוועגונג מיט יעדער טראָט אַלץ אָפֿטער צונויף מיט דער מלוכי=
שער מאַכט, די לעקציעס פּאָליטישע חכמה ווערן אַלץ אָפֿטער,
און מיט יעדער מאָל ווערט זייער שטרענגער מוסר=השׂכּל אַלץ
טיפֿער אײַנגעקריצט בײַ די אַרבעטערס אין די מוחות, ס'פֿורעמט
זיך אויס דער קלאַסן=באַוווסטזײַן, דער פֿאַרשטאַנד פֿאַר דעם, אַז
אַלץ, צו וואָס עס שטרעבט דאָס פֿאָלק, קען דערגרייכט ווערן
נאָר דורכן פֿאָלק אַליין. עס ווערט צוגעגרייט דער באָדן פֿאַר
פּאָליטישער אַגיטאַציע. די אַגיטאַציע טרעפֿט איצטער אָן אויף
אַ קלאַס וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן לעבן אַליין, מיט
אַ שטאַרק אַנטוויקלטן קלאַסן=עגאָיִזם, מיט אַ באַוווסטזײַן, אַז די
אינטערעסן פֿון אַלע אַרבעטנדיקע זײַנען שותּפֿותדיקע און זײַנען
היפּוכדיק צו די אינטערעסן פֿון אַלע אַנדערע. יעמאָלט איז דער
איבערבײַט פֿון פּאָליטישן סדר מערניט אַ פֿראַגע פֿון צײַט. איין
פֿונק — וועט דער אָנגעקליבענער ברענשטאָף אויפֿרײַסן.

אויף אַזאַ אופֿן איז די אויפֿגאַבע פֿון די סאָציאַל=דעמאָ=
קראַטן כּסדר צו אַגיטירן צווישן די פֿאַבריק=אַרבעטערס אויפֿן
באָדן פֿון די פֿאַראַנענע קלײנע נויטן און פֿאָדערונגען. דער
קאַמף וואָס אַזאַ אַגיטאַציע רופֿט אַרויס וועט אויסלערנען די
אַרבעטערס אײַנצושטעלן זיך פֿאַר זייערע פֿאָדערונגען, וועט
הייבן זייער מוט, וועט זיי געבן די זיכערקייט אין די אייגענע
כּוחות, דעם באַוווסטזײַן, אַז עס איז נייטיק זיך צו אייניקן, און
סוף=כּל=סוף וועט ער אַוועקשטעלן פֿאַר זיי מער וויכטיקע פֿראַ=
געס וואָס פֿאָדערן אַ באַשייד. צוגעגרייט אויף אַזאַ אופֿן צו
אַן ערנצטערן קאַמף, טרעט צו דער אַרבעטער=קלאַס צו פֿאַר=
ענטפֿערן אָט די וויכטיקע פֿראַגעס, אין די אַגיטאַציע אויפֿן באָדן

פֿון אָט די פֿראַגעס דאַרף האָבן פֿאַר אַ ציל אויסצופֿורעמען דעם קלאַסן־באַוווסטזײַן. דער קלאַסנקאַמף פֿון דעם דאָזיקן מער באַוווסטזיניקן מין שאַפֿט אַ באָדן פֿאַר פּאָליטישער אַגיטאַציע, וואָס איר ציל וועט זײַן איבערצואַנדערשן די עקסיסטירנדיקע פּאָליטישע באַדינגונגען לטובֿת דעם אַרבעטער־קלאַס. די ווײַטער־דיקע פּראָגראַם פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז קלאָר פֿון זיך אַליין.

III

אַרויסגייענדיק פֿון דעם, אַז אויף אַן אמת ווערן אַ פּאַרטיי פֿון פֿאָלק קען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נאָר יעמאָלט, ווען זי וועט די פּראָגראַם פֿון איר טעטיקייט אויפֿבויען אויף די נויטן וואָס דער אַרבעטער־קלאַס שפּירט באמת, און אַז אויף צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל — אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער־קלאַס — דאַרף זי אָנהייבן פֿון אַגיטאַציע אויפֿן באָדן פֿון די סאַמע טאָג־טעגלעכע, פֿון די סאַמע קליינע פֿאָדערונגען וואָס זײַנען דעם אַרבעטער־קלאַס צום קלאָרסטן און לאָזן זיך צום גרינגסטן דערגרייכן, קומען מיר אַוועקצושטעלן אויף אַ נײַעם אופֿן די פֿראַגע וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ פּערזענלעכקייטן מיר דאַרפֿן זיך פֿלײַסן צו באַשאַפֿן פֿון די אַרבעטערס וואָס זײַנען אָנגעמערקט פֿאַר אָנ־פֿירערס פֿון דער באַוועגונג. כדי אַרויסצושטעלן די קלענסטע פֿאָדערונג וואָס וואָלט געקענט פֿאַראייניקן די אַרבעטערס צום קאַמף, דאַרף מען פֿאַרשטיין, וואָסער פֿאָדערונג קען בײַ די געגעבענע באַדינגונגען האָבן די בעסטע ווירקונג אויף די אַרבעטערס, דאַרף מען אויסקלײַבן געראָטן דעם מאָמענט אויף אָנצוהייבן דעם קאַמף, דאַרף מען וויסן, וואָסערע מיטלען פֿון קאַמף זײַנען די צוועקמעסיקסטע בײַ די געגעבענע באַדינגונגען פֿון אָרט און צײַט. אַזוינע ידיעות פֿאָדערן פֿון אַגיטאַטאָר, ער זאָל האָבן שטענדיקע באַציִונגען מיט דער מאַסע אַרבעטערס; זיי פֿאָדערן, ער זאָל זיך כּסדר אינטערעסירן און נאָכפֿאָלגן דעם גאַנג פֿון דעם געגעבענעם פּראָדוקציע־צווײַג. אין יעדער פֿאַבריק קענען זיך טרעפֿן אַ סך שפּיצלעך, דעם אַרבעטער קענען אינ־טערעסירן אַ סך קלייניקייטן; אָנטרעפֿן דעם אָנגעווייטאָגטסטן

אָרט אין לעבן פֿון די אַרבעטערס, צוטרעפֿן דעם מאָמענט, ווען אַרויסצורוקן די אָ פֿאָדערונג, וויסן פֿון פֿריִער אַלע מיגלעכע קאָמפּליקאַציעס — אָט דאָס איז אַ רעאַלער עינין פֿאַרן אַקטיוון אַגיטאַטאָר. ידיעות פֿון דעם מין קען געבן נאָר דאָס לעבן גופֿא, די טעאָריע קען און דאַרף זיי פֿאַר אים באַלײַכטן. כּסדר זיך רײַבן צווישן דער מאַסע, צוהערן זיך, אָנטרעפֿן אין דעם געהעריקן פּונקט, אָנטאַפּן דעם דופּק פֿון דעם המון — צו דעם דאַרף שטרעבן דער אַגיטאַטאָר. דאָס קענען די לעבנס־באַדינגונגען, דאָס קענען די געפֿילן פֿון דער מאַסע וועלן אים דערהויפּט געבן השפּעה אויף דער מאַסע; זיי וועלן אים געבן די קענטעניש זיך אַלע מאָל אַן עצה צו געבן אין אַלע מיני סיטואַציעס, זיי וועלן אים אַרויסרוקן פֿון המון און וועלן אים מאַכן פֿאַר דעם נאַטירלעכן אָנפֿירער זײַנעם. פֿאַרשטייט זיך, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קוקן פֿון אַגיטאַטאָר וועלן באַשטימען יענעם וועג, וואָס אויף אים וועט ער האַלטן פֿאַר נייטיק צו פֿירן דעם המון, ניט עובֿר זײַענדיק אויף זײַנע איבערצײַגונגען. ער איז מחויבֿ מיט אַלע כּוחות צו שטרעבן אויפֿצוקלערן דער מאַסע די מעלות און די אומבאַקוועמקייטן פֿון יעטווידער מיטל וואָס מען לייגט איר פֿאָר, צו פֿאַרהיטן זי פֿון אַלע מיני פֿעלערן וואָס קענען שאַטן צום אַנטוויקלען אין איר דעם אַליין־באַוווסטזײַן. ווײַטער דאַרף ער אַלע מאָל גיין מיט אַ טריט ווײַטער ווי ס׳וועט גיין די מאַסע, ער דאַרף פֿאַר אירע אויגן באַלײַכטן דעם קאַמף אירן דורך אויסטײַטשן זײַן באַטײַט פֿון דעם מער אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט וועגן דער היפּוכדיקייט פֿון די אינטערעסן, ער דאַרף אויף אַזאַ אופֿן אויסברייטערן דעם האָריזאָנט פֿון דער מאַסע.

נאָר אין דער זעלביקער צײַט טאָר אָבער דער אַגיטאַטאָר אַליין ניט אַרויסלאָזן פֿון אויג דעם ענדציל, ער דאַרף זײַן טעאָרעטיש אויף אַזוי פֿיל צוגעגרייט, אַז ער זאָל בײַ קיין שום מפּלות ניט פֿאַרלירן פֿון אויג די פֿאַרבינדונג וואָס איז פֿאַראַן צווישן דעם טריט זײַנעם און דעם ענדציל. דערצו קלעקט אָבער ניט אַ טעאָרעטישע צוגרייטונג אַליין. די דאָזיקע מוז כּסדר אונטערגעמויערט ווערן דורך פּראַקטישער אַרבעט. נאָר מיט

אַזאַ שטענדיקן דורכקאָנטראָלירן, נאָר אָנווענדנדיק אין דער אַרבעט דאָס וואָס ער דערגייט און באַנעמט אין דער טעאָריע, קען דער אַגיטאַטאָר זאָגן, אַז ער האָט פאַרשטאַנען און זיך פאַר־אייגנט די טעאָריע. פון דער צווייטער זײַט וועט די פּראַקטישע טעטיקייט באַווײַזן, וואָסערע פראַגעס מען מוז טיפער באַגרינדן, און דורך אַזאַ דערגאַנצונג וועט דער מענטש זיך קענען איבער־צײַגן אין דער גרונטיקייט פון דער עצם טעאָריע און איר צוגעפּאַסטקייט צו די געגעבענע באַדינגונגען.

דערפאַר טאַקע אָנערקענען מיר ניט קיין איינעם פון די עקסטרעמען, ניט אָפּרײַסן זיך פון פּראַקטישן באָדן און בלויז לערנען זיך, און ניט אַגיטירן צווישן דער מאַסע ניט־לערנענדיק זיך אין דער אייגענער צײַט טעאָרעטיש אויך. בלויז אַ פּאַראַלעלע טעטיקייט, דאָס דערגאַנצן איינס מיטן צווייטן, גיט די אמתע צוגרייטונג און אַרבעט אויס גראָדע איבערצײַגונגען. וואָסער כאַראַקטער האָט אָבער געהאַט און האָט די פּראָפּאַגאַנדע אין גרעסטן טייל סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרײַזלעך? בײַ איינציקע פּערזענלעכקייטן האָט מען דורך טעאָרעטישער צוגרייטונג אויס־געאַרבעט געהעריקע איבערצײַגונגען וואָס די דאָזיקע פּערזענ־לעכקייטן האָבן זיך געפלײַסט איבערצוגעבן ווײַטער. אָבער אַ גאַנצער וועלטבאַנעם, און נאָך דערצו דער וועלטבאַנעם פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, קען באַנומען ווערן ווײַט ניט דורך יעדערן, און ערשט אויף אַ באַשטימטן שטאַפּל פון דער אַנט־וויקלונג פון דער אינדוסטריע געפינט די פּראָפּאַגאַנדע פון וויסנ־שאַפטלעכן סאָציאַליזם אַ סך אָנהענגערס; אין דעם פאַל ווערט די מאַסע אויך צוגעגרייט דורך לאַנגן און עקשנותדיקן קאַמף. מחמת דעם פלעגט מען אויסקלײַבן די צום מערסטן פעיִקע אַרבעטערס, וואָס מען פלעגט זיי צונויפנעמען אין קרײַזלעך, מען פלעגט זיי איבערגעבן ביסלעכווײַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קוקן, אויף וויפל דאָס איז געווען צוטריטלעך די אָנפירערס גופא, און דערנאָך ווערט דער מאַטעריאַל אָפּגעשיקט צום ענדגילטיקן אָפּטאָקן צום אינטעליגענט.

וואָס זשע פֿלעגט זײַן דער רעזולטאַט פֿון אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע? די בעסטע, די פֿעיִקסטע מענטשן האָבן באַקומען טעאָרעטישע ידיעות וואָס האָבן זיך בלויז אויף אַן אויסוויינִיקסטן אופֿן געבונדן מיט דעם רעאַלן לעבן, מיט די באַדינגונגען, אין וועלכע די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן האָבן געלעבט. די שטרעבונג פֿון אַרבעטערס צו וויסן, אַרויסצוגיין פֿון דער פֿינצטערניש, איז אויסגענוצט געוואָרן, כּדי אים מצרף צו זײַן צו די אויספֿירן און פֿאַראַלגעמיינערונגען פֿון וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם; דעם לעצטן האָט מען אָנגענומען ווי עפּעס אַ מוזזאַך, אַ זאַך אַ שטענדיקע און אַלץ איינס פֿאַר אַלעמען. אָט פֿאַר וואָס די מערהייט פֿאַרפּראָפּאַגאַנדירטע אַרבעטערס האָט בײַ זייער גאַנצער פֿאַרכאַפּטקייט מיטן וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם געהאַט אַלע סימנים וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט בשעתו די סאָציאַליסטן-אוטאָפּיסטן, — אַלע, חוץ איינעם: יענע זײַנען געווען איבערגעצײַגט אין דער אַלמעכטיקער קראַפֿט פֿון דער בשׂורה פֿון דער נײַער עוואַנגעליע און האָבן געגלייבט, אַז נאָר אין זייערע אייגענע אָנשטרענגונגען איז געווענדט אַריבערצוציִען אויף זייער צד די גאַנצע פֿאָלקסמאַסע, בשעת ווען אונדזערע סאָציאַל-דעמאָקראַטן-אוטאָפּיסטן ווייסן אויסגעצייכנט, אַז דער הינטערשטעליקער מצבֿ פֿון דער רוסישער אינדוסטריע שטעלט פֿאַר יעדער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ענגע גרענעצן, און אָט די זיכערקייט נעמט אָפּ בײַ זיי יעדער ענערגיע בײַם פֿירן די פּראָפּאַגאַנדע און צווינגט זיי צו באַגרענעצן זייער טעטיקייט מיטן שמאָלן קרײַז פֿון מער אַנטוויקלטע יחידים. אונדזערע פֿאַרפּראָפּאַגאַנדירטע אַרבעטערס ווייסן און פֿאַרשטייען אַ סך בעסער די באַדינגונגען פֿון דער טעטיקייט פֿון די מערבֿדיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטן איידער די באַדינגונגען פֿון זייער אייגענער טעטיקייט.

דער וויסנשאַפֿטלעכער סאָציאַליזם, וואָס אין מערבֿ איז ער געוואָרן דער טעאָרעטישער אויסדרוק פֿון דער אַרבעטער-באַוועגונג, ווערט בײַ אונדז מגולגל אין אַן אַבסטראַקטער טעאָריע וואָס וויל זיך ניט אַראָפּלאָזן פֿון די הינטערוואָלקנדיקע הייכן פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער פֿאַראַלגעמיינערונג.

נאָר ווייניק נאָך, וואָס בײַ אַזאַ אַוועקשטעלן די זאַך ווערט דער סאָציאַליזם דעגענערירט אין אַ סעקטע, האָט נאָך די אָנגענומענע פּראָפּאַגאַנדע־סיסטעם געהאַט נאָך אַנדערע, מער שעדלעכע רעזולטאַטן. פֿון איין זײַט איז בײַ דער סיסטעם די מאַסע געבליבן בכלל אין אַ זײַט, מען האָט אויף איר געקוקט ווי אויף אַ מאַטעריאַל, וואָס מען דאַרף פֿון אים שעפּן און שעפּן ווי מיגלעך מער. אָט דאָס שעפּן האָט אויף אַ פּאַטאַלן אופֿן אָפּגעשוואַכט די אינטעלעקטועלע כּוחות פֿון דער מאַסע, די בעסטע עלעמענטן פֿלעגט מען בײַ איר צונעמען, און זי פֿלעגט פֿאַרלירן אַזוינע מענטשן וואָס האָבן אָן יעטווידער באַוווסטזיניקייט, נאָר לויט זייער גײַסטיקער און מאָראַלישער העכערקייט, געדינט איר פֿריִער און האָבן איר געקענט דינען ווי פֿירערס און פֿאָדערשטע קעמפֿערס אין ריין סטיכישן קאַמף אירן פֿאַר עקסיסטענץ. פֿון דער צווייטער זײַט האָבן אָט די בעסטע עלעמענטן פֿון פּראָלעטאַריאַט באַשאַפֿן אַ באַזונדערע גרופּע מענטשן מיט אַלע סימנים וואָס כאַראַקטעריזירן אונדזער רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ, וואָס זי איז פֿאַרמישפּט אויף אייביק אויף אַ קרײַזלדיק לעבן און טעטיקייט, מיט אַלע רעזולטאַטן וואָס דרינגען דערפֿון אַרויס. געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז אַרויספֿישן יחידים פֿון דער מאַסע ווערט אַלץ שווערער (און אַזאַ מאָמענט מוז אומבאַדינגט קומען), בלײַבן די אַרבעטער־אינטעליגענטן אין פֿאַרלעגנהייט, זיי פֿאַרטראַכטן זיך איבער די סיבות פֿון דער שווערקייט, און געווייגטלעך זײַנען זיי אָדער נוטה צו טראַכטן, אַז די סיבה, וואָס זייער אַרבעט האָט ניט קיין פּעולה, שטעקט אין דעם וואָס זיי אַליין זײַנען ניט גענוג אַנטוויקלט, אָדער זיי קומען צום אויספֿיר, אַז בײַ אונדז זײַנען נאָך ניט צײַטיק געוואָרן די באַדינגונגען פֿאַר אַן אַרבעטער־באַוועגונג. אין ערשטן פֿאַל באַשליסן זיי, אַז מען דאַרף לערנען און לערנען און דערנאָך ערשט גיין איבערגעבן די אייגענע קוקן דער מאַסע; אין צווייטן פֿאַל — אויב זיי ענדיקן ניט מיט אַ פֿולקומער אַנטוישונג, מיט שלום מאַכן מיט דער ווירקלעכקייט — פֿאַרשליסן זיי זיך אַלץ פֿעסטער אין זייערע קרײַזלעך, פֿאַרנעמען זיי זיך מיט

אַליין=פֿאַרפֿולקומונג האַרט ביז יעדער מינוט, ווען פֿון זיך אַליין, אָן זייער מיטווירקונג, וועט זיך הייבן דער קולטור=ניוואָ פֿון דער מאַסע, וואָס דאָס דאַרף דאָך קומען, און זי מאַכן מסוגל צו פֿאַרשטיין דאָס וואָס זיי פּריידיקן. סײַ אין דעם און סײַ אין צווייטן פֿאַל זײַנען אַזוינע רעזולטאַטן פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע אַ בפֿירושער מינוס פֿאַר דער זאַך פֿון הייבן דעם קלאַסנדיקן אַליין=באַוווסטזײַן פֿון רוסישן פּראָלעטאַריאַט. וואָס מער ס'וועלן זיך פֿאַרפֿולקומען אין גײַסטיקן און מאָראַלישן זינען די אַרבעטערס=סאָציאַליסטן, אַלץ מער וועלן זיי זיך דערווײַטערן פֿון דער אַרבעטער=מאַסע, אַלץ מער וועט די ווירקלעכקייט זיך אַרויס=גליטשן בײַ זיי פֿון אונטער די פֿיס, און אין דעציזידירנדיקן מאָמענט, ווען די אָדער יענע געשעעניש וועט ברענגען אין באַוועגונג די אַרבעטער=מאַסע, וועט זי [די מאַסע] און די אַרבעטערס=סאָציאַליסטן שטיין פֿרעמד איינע צו די אַנדערע, אַפֿילו פֿײַנדלעך איינע צו די אַנדערע. עס איז שווער פֿאָרויס=צוזען, צו וואָס דאָס קען דערפֿירן, אָבער די געשיכטע פֿון אייראָפּע באַווײַזט, אַז בײַ אַזאַ מצבֿ, ווען ס'וועלן צײַטיק ווערן די באַדינגונגען פֿאַר אַ באַוועגונג פֿון דער אַרבעטער=מאַסע און די אמתע פֿאַרטרעטערס פֿון אירע אינטערעסן וועלן זיך אַרויסווײַזן פֿאַר פֿרעמדע צו איר, וועט זי זיך געפֿינען אַנדערע פֿירערס ניט קיין טעאָרעטיקערס, נאָר פּראַקטיקערס וואָס וועלן זי נעמען פֿירן ‫פֿרעה פֿאַר איר קלאַסן=אַנטוויקלונג. בײַ אַ סאָציאַל=דעמאָקראַט קען אַזאַ פּערספּעקטיוו אַנדערש ניט אויסקומען ווי זייער געפֿערלעך. אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטערס בלויז צוליב דעם, כּדי צו ווערבירן פֿאַרן סאָציאַליזם איינציקע אָנהענגערס, שיידט זיך אויף אַ האָר ניט אונטער פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער אינטעליגענץ צוליב דעם זעלביקן ציל; אַגבֿ, ווי ס'איז שוין אויבן געוויזן געוואָרן, האָט אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע דירעקט אַ שעדלעכע זײַט אויך – זי שוואַכט אָפּ די אינטעלעקטועלע כּוחות פֿון דער מאַסע. מיטן שאַפֿן אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער=אינטעליגענץ וואָס איז אָפּגעריסן פֿון דער מאַסע שאַטן מיר דער אַנטוויקלונג פֿון פּראָלעטאַריאַט, ברענגען מיר שאָדן אונדזער אייגענער זאַך.

אַנדערע רעזולטאַטן מוזן זיך באַקומען בײַ דער סיסטעם פֿון פֿאַראייניקן פּראָפּאַגאַנדע מיט אַגיטאַציע, פֿון פֿאַראייניקן טעאָריע מיט פּראַקטיק. אַ שטענדיקע פֿאַראייניקונג פֿון די אַנט־וויקלטע יחידים מיט דער מאַסע, אַן אייניקונג אויפֿן באָדן פֿון די פּראָגעס וואָס רירן זיך מטושטשרהייט אין פֿאַרשטאַנד פֿון דער מאַסע און וואָס ווערן איר אויפֿגעקלערט דורך דעם אַנט־וויקלטן אַגיטאַטאָר, אַזאַ אייניקונג וועט צונויפֿבינדן די מאַסע מיטן אַגיטאַטאָר, וועט אים מאַכן פֿאַר איר נאַטירלעכן אָנפֿירער. אין דער זעלביקער צײַט וועט יעדער אויפֿטו וואָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך אַזאַ פֿאַרבונד פֿון יחידים און מאַסן אויפֿוועקן די דרעמלענדיקע כּוחות פֿון דער מאַסע, וועט שטאַרקן איר גײַסט, וועט צעוועקן אין איר נײַע באַדערפֿעונישן וואָס האָבן איר פֿריִער אויסגעוויזן ווי פֿרעמדע, וועט אויף אַזאַ אופֿן אויפֿהייבן איר קולטור־ניוואָ און וועט זי הייסט עס נאָך מער דערנעענטערן צום אַגיטאַטאָר. דער שטענדיקער קאַמף וועט בײַ איר צעוועקן די אַרבעט פֿון געדאַנק; נאָך מער: דער זעלביקער קאַמף וועט אַרויסרוקן פֿון דער מאַסע נײַע יחידים וואָס וועלן קענען ווערן אַן אָביעקט פֿון דער זעלביקער ראַציאָנעלער פּראָפּאַגאַנדע און וואָס אַנדערש וואָלטן זיי געבליבן פֿאַרריבן אין דער מאַסע. אָט דאָס לעצטע איז ספּעציעל ריכטיק: בשעת ווען בײַ אַ פּאַסיוון צושטאַנד פֿון דער מאַסע איז דער קאָנטינגענט פּערזאָנען, וואָס פֿון זיי קען מען שאַפֿן סאָציאַליסטן, באַגרענעצט מיט גענוג ענגע ראָמען, איז בײַ אַן אַקטיווער באַוועגונג וועט די באַוועגונג אַליין כּסדר אויסשפּילן די ערטער פֿון די פֿאָדערשטע קעמפֿערס וואָס פֿאַלן אַרויס פֿון די רייען. די זאַך פֿון אַגיטאַטאָר איז צו זען, אַז אין דעם אַרבעטערס קאָפּ זאָלן געבוירן ווערן נײַע געדאַנקען, אַז ער זאָל אין אַ קלאָרערער שײַן פֿאַרשטיין די באַציִונג פֿון בעל־הבית צו אים. צעוועקטקייט, אייביקע ניט־באַפֿרידיקטקייט, אייביקע שטרעבונג צו פֿאַרבעסערן זײַן לאַגע און דער קאַמף פֿאַר דער פֿאַרבעסערונג, אין דער זעלביקער צײַט ברייטער פֿאַרשטאַנד פֿון די דערגרייכטע נצחונות – אָט דערצו דאַרף דער אַגיטאַטאָר פֿירן די מאַסע.

בײַ אַ פּראָפּאַגאַנדע אין קרײַזלעך זײַנען נייטיק געווען גרויסע קרבנות אויף צו דערגרייכן נישטיקע רעזולטאַטן. בײַ דער סיסטעם פֿון אַרבעטן צווישן דער מאַסע איז די צאָל קרבנות אין פֿאַרגלײַך מיטן דערגרייכטן רעזולטאַט אַ קלענערע, און וואָס מער די באַוועגונג וועט גיין אין דער ברייט און אין דער טיף, אַלץ שווערער וועט זײַן זיך אַן עצה צו געבן מיט איר, אַלץ שווערער וועט זײַן אַרויסצורײַסן מיטן וואָרצל די סאָציאַליסטישע עלעמענטן. דער בעסטער בײַשפּיל איז פּוילן: שטרײַקן הייבן דאָרטן אָן צו באַקומען אַן אָפֿיציעלע אָנערקענונג, די רעגירונג פּועלט ניט בײַ זיך אָנצווענדן קעגן די אָנטיילנעמערס די עקסיסטירנדיקע געזעצן. דאָס באַווײַזט, אַז אַ דירעקטע באַוועגונג קען מאַכן אומרעאַל אַלע מחיצות וואָס דער געזעץ שטעלט אויף איר וועג. אָבער דערצו דאַרף די באַוועגונג האָבן וואָרצלען אין באָדן. ס'איז ניט קיין סאָציאַל-דעמאָקראַט דער וואָס העלפֿט ניט צו מיט זײַן טעטיקייט צום וווּקס פֿון קלאַסן-באַוווּסטזײַן און פֿון די רעוואָלוציאָנערע פֿאָדערונגען פֿון פּראָלעטאַריאַט.

נאָר מיטווירקן צו די ביידע זאַכן קען מען בלויז, ווען מען נעמט זיך דירעקט צום צוועקן אין דער מאַסע אַ באַוועגונג אויפֿן עקאָנאָמישן באָדן, און יעדער טריט אין דער ריכטונג וועט, פֿאַרקירצנדיק דעם איבערגעבליבענעם וועג, אין דער זעלביקער צײַט גרינגער מאַכן די ווײַטערדיקע באַוועגונג, וועט באַזײַטיקן איינע נאָך דער צווייטער יענע שטערונגען וואָס זעען איצטער אויס ניט צום באַזײַטיקן און וואָס שטערן אַפֿילו דער אַרבעט פֿון די קרײַזלעך, אַ קולטור-אַרבעט בעצם, און וואָס פֿאַר אָט דער דאָזיקער זײַנען זיי טאַקע ניט צום באַזײַטיקן. איבער דעם אַלעם, האַלטן מיר, איז נויטווענדיק פֿאַר די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קרײַזלעך אַריבערצוגיין צו דער פּראָגראַם וואָס מיר האָבן אין די הויפּטשטריכן אָנגעמערקט, אָדער אויפֿהערן טראַכטן, אַז זייער טעטיקייט איז מער נוציק פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון פּראָלעטאַריאַט איידער למשל די טעטיקייט פֿון „קאָמיטעט גראַמאָטנאָסטי" [קאָמיטעט צו פֿאַרשפּרייטן שריפֿטיקייט]. דער

געפּרווו וואָס די קרײַזלעך פֿאַרמאָגן און די קענטעניש פֿון די אַרבעטערס וואָס ס'האָט זיך זיי אײַנגעגעבן צו פֿאַרפּראָפּאַגאַנדירן וועלן מיגלעך מאַכן אָנציהייבן דעם קאַמף פּיל-ווינציק ראַציאָנעל אויף די נײַע יסודות. די אינטעליגענטן און אַרבעטערס דאַרפֿן שטענדיק באַקלערן, וואָס עס דאַרף אין דעם געגעבענעם צווײַג פּראָדוקציע אין דעם געגעבענעם מאָמענט אַרויסגעשטעלט ווערן ווי אַן אָביעקט פֿון אַגיטאַציע, נעמענדיק פֿאַר אַן אויסגאַנגפּונקט די סאַמע טאָג-טעגלעכסטע נויטן פֿון די אַרבעטערס. ווײַטער וועלן זיך אויסקלאָרן די מיטלען, מיט וועלכע עס איז גרינגער פֿון אַלץ אָנצוהייבן דעם קאַמף (אַגיטאַציע, שטרײַק, פּעטיציע צום אינספּעקטאָר אד"גל). דערנאָך דאַרף זײַן די אויפֿגאַבע פֿון דער אינטעליגענץ צו שאַפֿן אַן אַגיטאַציע-ליטעראַטור וואָס איז צוגעפּאַסט צו די לעבנס-באַדינגונגען אין דעם געגעבענעם צווײַג פֿון דער פּראָדוקציע אָדער דעם אינדוסטריע-צענטער, — אַ ליטע-ראַטור וואָס זאָל ריידן צום אַרבעטער וועגן זײַנע נויטן און זאָל דינען ווי אַ געהעריקע דערגאַנצונג צו דער מונדלעכער אַגיטאַציע. לסוף דאַרפֿן די אינטעליגענטן שטרעבן, אַז זייערע לימודים [1] מיט די אַרבעטערס זאָלן קריגן מער אַ פּראַקטישן כאַראַקטער, אַזוי אַז דאָס וויסן וואָס דער אַרבעטער באַקומט פֿון די לימודים זאָל אים דינען אויף אויסצוברייטערן זײַן האָריזאָנט און זאָל אים ניט אָפּרײַסן מיט אַ מאָל פֿון דעם קאָנ-קרעטן באָדן אין דער ספֿערע פֿון גאָר אַבסטראַקטע וויסנשאַפֿט-לעכע הנחות אַרײַן. אין דער זעלביקער ריכטונג דאַרף אויך געשאַפֿן ווערן די פּראָפּאַגאַנדע-ליטעראַטור.

עס בלײַבט נאָך איבער צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם, מיט וואָס פֿאַר אַ גבֿול עס זאָל זיך באַגרענעצן די טעטי-קייט פֿון די סאָציאַל-דעמאָקראַטן. פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז נאָר די סאַמע אַנטוויקלטע פֿאַבריק-צענטערס קענען געבן דעם באָדן פֿאַר אַן אַגיטאַטאָרישער טעטיקייט. און באמת טאַקע קענען זיך אין דער האַנטווערקערשער און קוסטאַרישער אינדוסטריע די אַרבעטערס שווערער פֿאַראייניקן אויפֿן באָדן פֿון די באַוווסט-

[1] אין אָריגינאַל: занятия.

זיניקע אינאייגעמדיקע אינטערעסן, און אויך די עצם אינאייגעמדיקייט פון די אינטערעסן ווי אויך די היפוכדיקייט פון די אינטערעסן צווישן אַרבעטערס און אַרבעט=געבערס קען ניט אַזוי גרינג באַנומען ווערן. דערצו העלפט מיט דאָס, וואָס עס איז ניטאָ קיין גרויסער אונטערשייד צווישן דער לאַגע פון מײַסטער און אַרבעטער. חוץ דעם קען דער אַרבעטער לפי=ערך גרינג ווערן אַ בעל=הבית אָדער אַ פּראָדוצענט פאַר זיך, וואָס צוליב דעם קוקט דער אַרבעטער אויף זײַן לאַגע ווי אויף אַ דערווײַליקער און איז גרייט צו ברענגען געוויסע קרבנות. אָבער צי קען מען דערפון מאַכן אַן אויספיר, אַז דער קאַמף איז גאָר אוממיגלעך? ווידער אַ מאָל ניין! די האַנטווערקערשע און קוסטאַרישע פּראָדוקציע – טאַקע ווײַל אַ קליינע – האָט געוויסע מעלות פאַרן קאַמף.

די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטערס זײַנען קולטורעל מער אַנטוויקלט ווי די ניט=פּראָפעסיאָנעלע, זיי זײַנען מער זעלטן און ס'איז זיי ניט גרינג צו פאַרבײַטן מיט אַנדערע; בײַ דער מיגלעכקייט גרינג צו עפענען וואַרשטאַטן פאַרלירן די אַרבעטערס ווייניקער אין פאַל ווען מען זאָגט זיי אָפּ פון דער אַרבעט אאַז"וו. לסוף פאַרגרינגערט די גרויסע צאָל קליינע וואַרשטאַטן אין איין פעלד די מיגלעכקייט אַריבערצוגיין פון איין בעל=הבית צום צווייטן. איז אויב פון איין זײַט שטערט די קליינע מלאָכה דער אַנטוויקלונג פון אַקטיוון קאַמף, העלפט פון דער אַנדערער זײַט די זעלביקע קליינע מלאָכה צו פירן דעם קאַמף.

אויב אין די גרויסע צענטערס שטויסט דאָס לעבן גופא די אַרבעטערס צו קעמפן מיטן קאַפּיטאַליסט און דעם אַגיטאַטאָרס ראָלע איז נאָר אָנצוּווײַזן דעם וועג, איז אין דער קליינער מלאָכה קומט נאָך אויס דעם אַגיטאַטאָר אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס צו וועקן די אַרבעטערס. דערפאַר אָבער, אַז די באַוועגונג וועט זיך נאָר אָנהייבן, האָט זי געוויסע שאַנסן אויף הצלחה. פרעגט זיך, צי איז דאָס נייטיק? פאַראַן אַ מיינונג, אַז מען דאַרף צוּוואַרטן, ביז די מלאָכה וועט פאַקטיש ניט אַריבערגיין אין גרויס=אינדוסטריע, און דעמאָלט ערשט אָנהייבן די אַגיטאַ=

ציע — און ביז יענער צײַט זאָל מען זיך באַנוגענען מיט פּראָ־פּאַגאַנדע וואָס איז געווענדט אויף אויסצואַרבעטן אײנציקע אַרבעטערס־סאָציאַליסטן. אָבער ניט ריידנדיק וועגן דעם, וואָס עס איז אַ ספק, צי מען דאַרף בכלל שטרעבן צו באַשאַפן אַן אַרבעטער־אינטעליגענץ וואָס איז אָפּגעריסן פון דער מאַסע, קען מען אַנט־קעגן דער פאַרגעלייגטער טאַקטיק אַרויסשטעלן אויך טענות פון אַן אַנדער מין. די זאַך איז אַזוי, אַז מלאָכה גייט ניט אַריבער אין אַ צווײַג פון גרויס־אינדוסטריע מיט אַ פּלוצלינגדיקן שפּרונג. דער איבערגאַנג קומט פאָר זייער פּאַמעלעך, און צײַטנווײַז איז ניט גרינג צו באַשטימען, צי די אָ מלאָכה אָדער קוסטאַרישע פּראָדוקציע איז שוין געוואָרן אַ מאַנופאַקטור אָדער ניט. אין דעם איבערגאַנג־פּראָצעס לײַדן מער פון אַלעמען די אַרבעטערס מחמת זייער ניט־צוגעגרייטקייט. די אַרבעטערס ווערן אַרײַנ־געכאַפּט אין די אײַזערנע צוואַנגען פון דער גרויס־פּראָדוקציע בהדרגה, און ווי איז צו זיי, אויב זיי באַטייליקן זיך מערניט פּאַסיוו אין דעם דאָזיקן פּראָצעס. שרעקלעכע יסורים, מאַטערי־עלע ניט־פאַרזאָרגטקייט, כּסדרדיקע פאַרקלענערונג פון פאַרדינסט, שיִער ניט דעגענעראַציע — אָט וואָס עס קומט פאָר טאָג אײַן טאָג אויס, אויב די אַרבעטערס אַליין באַמערקן ניט, אַז זיי באַ־וועגן זיך אויפן משופּעדיקן פּליין פון פאַרקלענערן די שׂכירות און פון פאַרגרעסערן די ניט־פאַרזאָרגטקייט, אויב זיי קעמפן ניט מיט די אייגענע כּוחות אויסצוגעווינען בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. ווי איז צו די אַרבעטערס, ווען אַנשטאָט די מעלות פון דער פּאַכ־אַרבעט וואָס זיי פאַרלירן אויף יעדער טריט וועלן זיי זיך ניט אײַנשאַפן אַן אַנדער כּלי־זיין — דעם באַוווסטזײַן פון די אייגענע אינטערעסן, דעם פאַרשטאַנד, אַז עס איז נייטיק זיך צו האַלטן געשלאָסן איינער פאַרן אַנדערן, כּדי צו קעמפן מיט הצלחה. אמת, די אַגיטאַציע איז בײַ אַזוינע באַדינגונגען אַ סך שווערער איבער דעם שרעקלעכן כּוח וואָס רוקט זיך אָן און צעקוועטשט די אַרבעטערס, אָבער דערפאַר איז זי נאָך וויכטיקער דערמיט וואָס זי דערלאָזט ניט צו די סאַמע שאַרפע אומגליקן און גיט דערמיט שאַנסן פאַר אַ מער פרוכפּערדיקן קאַמף מיט די נײַע באַדינגונגען,

בעת די לעצטע וועלן זיך איינשטעלן. מיר זיינען גליקלעך, וואָס מיר לעבן אין אַזאַ עפּאָכע, ווען דער פּראָצעס פון דער באַוועגונג איז אַזוי קלאָר, אַז מיר קענען פּאָרויסזען אירע ווייטערדיקע סטאַדיעס.

קענען דעם פּראָצעס און ניט אויסנוצן דאָס קענען וואָלט געהייסן באַגיין אַ גרויסן היסטאָרישן פעלער. דערצו איז אַ טעות דער געדאַנק, אַז עס איז מיגלעך אַ שטאַרקע אַרבעטער־באַוועגונג [סך־הכּל] אין אַ פּאָר צענטערס. ביי דער גרינגער באַוועגלעכקייט פון די אַרבעטערס וועלן די פּראָווינצער אַרבעטערס, וואָס מיט די ערשטע טריט פון קאַפּיטאַליזם גייען זיי אַריבער אין די רייען פון די אַרבעטסלאָזע, קענען אָפּשפּילן בנוגע די אָרגאַניזירטע אַרבעטערס פון די גרויסע צענטערס אַ ראָלע ווי עמיגראַנטן פון אַ וויניקער קולטורעלן לאַנד; אויף אַזאַ אופן איז ניט לייגן קיין אַכט אויף די אַרבעטערס פון דער קליין־אינדוסטריע הייסט פאַרשווערן די אָרגאַניזאַציע און דעם קאַמף פון די גרויסע אַרבע־טער־צענטערס. דערפון איז געדרונגען, אַז בלויז אַגיטאַציע אומעטום קען ברענגען פּרוכפּערדיקע רעזולטאַטן. בנוגע דער מאַסע וואָס איז נאָך ניט פאַראייניקט דורכן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל דאַרפן מיר שטרעבן צו דעם, אַז ביים איינגעמען איין צווייג פון דער פּראָדוקציע נאָכן צווייטן זאָל דער קאַפּיטאַליזם איבערלאָזן הינטער זיך ניט נאָר הוילע חורבות, אַז הינטער זיינע פּלייצעס זאָלן זיך תּיכּף אויפהייבן די רייען פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־אַרמיי, אַז די פּראָלעטאַריערס, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען די פּראָפעסיאָנעלע אייגנשאַפטן און פאַרוואַנדלט זיי אין שוואַרצאַרבעטערס, זאָלן דער עקספּלואַטאַציע קענען אַנטקעגנ־שטעלן דעם כּוח פון אָרגאַניזירטקייט, דעם כּוח פון קלאַסנדיקן אַליין־באַוווסטזיין.

[1893]

דער אַדרעס

די פֿאַבריק־געזעץ־געבונג אין דעם צאַרישן רוסלאַנד

דער אַדרעס וועלכער ס׳געפֿינט זיך אונטן איז געווען געשיקט פֿון דעם פּעטערבורגער „בונד פֿאַר דעם קאַמף און באַפֿרײַונג דעם אַרבעטער־קלאַסן“ און פֿון דער „ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע“ צום קאָנגרעס אין צוריך, וועלכער ס׳האָט געדויערט פֿון 23טן ביז 29טן אויגוסט פֿון דיזעם יאָר. דיזער קאָנגרעס האָט פֿאַר די אַרבעטער פֿון אַלן לענדערן אַ גרויסע באַדײַטונג. ערשטנס, ווײַל די הויפּטזאַכן, וועגן וועלכע ס׳האָט זיך גערעדט אויף דעם קאָנגרעס, זײַנען געווען: די פֿאַבריק־געזעץ־געבונג און די זאַכן וועלכע ס׳זײַנען נייטיק צום פֿאַרבעסערן דער אַרבעטער־לאַגע אים אַלגעמיין. צווייטנס, ווײַל אויף דעם קאָנגרעס זײַנען געזעסן די פֿאָרשטייער פֿון אַלע פּאַרטייען ד״ה צוזאַמען מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זײַנען געזעסן קלעריקאַלן, אַנטיסעמיטן, אויך די געלערנטע פֿון דער בורזשואַזיע וועלכע ס׳באַשעפֿטיקן זיך מיט דער סאָציאַל־פֿראַגע. אויך די לעצטע האָבן געמוזט מודה (ערקענען) זײַן, אַז ס׳איז אוממעגלעך ווײַטער צו זען גלײַכגילטיק, ווי די אַרבעטער, באַזונדערס די פֿרויען און קינדער, ווערן עקספּלואַטירט. דער קאָנגרעס פֿאָדערט דאָס פֿאַרבאָטן די זונטאָג־אַרבעט, די אַרבעט פֿאַר קינדער ביז 15 יאָר, די נאַכטאַרבעט פֿאַר פֿרויען אאַז״וו. צוזאַמען מיט דעם פֿאַרבאָטן די אַרבעט פֿאַר קינדער ביז 15 יאָר האָט דער קאָנגרעס צונויפֿגעבונדן די פֿאָדערונג פֿון געבן אַלע קינדער בילדונג ביז זיי ווערן 15 יאָר אַלט. פֿון דעם רוסישן אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט זײַנען געווען אויפֿן קאָנגרעס 4 דעלעגאַטן. ליידער איז דאָ ווייניק אָרט, אום צו רעדן פֿון דעם קאָנגרעס אויספֿירלעכער. דאָס לעצטע וועלן מיר טאָן אין דעם פֿאָלגנדן נומער פֿון דעם „ייִדישע אַרבעטער“.

[די פֿאַבריק־געזעץ־געבונג] איז אָבער אַזאַ, ווי די אַרבעטער־באַוועגונג וועלכע עס האָט באַווירקט, מע זאָל איינפֿירן די געזעצן. די אַרבעטער־אומרוען פֿון 1885 האָבן געבראַכט די געזעץ פֿון 3טן יולי 1885, וועלכע האָט פֿאַרבויטן די נאַכט־אַרבעט פֿון ווײַבער און יונגע אַרבעטער אין די טעקסטיל־פֿאַבריקן, און דעם געזעץ פֿון 3טן יולי 1886 איבער די תּנאָים צווישן אַרבעט־געבער און אַרבעטער. די סטרײַקן פֿון 1896–1897 האָבן באַשאַפֿן דעם געזעץ פֿון 2טן יולי 1897 וועגן פֿאַרקירצונג דעם אַרבעטסטאָג. צו גלײַכער צײַט פֿאַרברייטערט זיך די געזעץ־געבונג, און איבער הויפּט די השגחה אויף די פֿאַבריקן אַלץ אויף גרעסערע טיילן רוסלאַנדס. די רוסישע פֿאַבריק־געזעץ־געבונג איז די איינציקע פֿון דער איבעריקן געזעץ־געבונג, וועלכע קענען דינען פֿאַר אַ גרויסן סימן, אַז מיר גייען פֿאָרווערטס. די איבעריקע רוסישע געזעץ־געבונג זעט דורכויס צו צעשטערן די פֿרײַע רעפֿאָרמעס פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. און אַפֿילו אין דער פֿאַבריק־געזעץ־געבונג גופֿא זוכט דער רעגירונג שטילערהייט דורך „פֿאַרבאָרגענע געזעצן" ניט אָפּשטיין פֿון דעם איבעריקן געזעץ־געבונג. יעדע באַוועגונג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט באַשאַפֿט איינציקע „פֿאַרבאָרגענע געזעצן".

אין דער צײַט פֿון די סטרײַקן פֿון 1896–1897 האָט דער מיניסטער דער אינערן געשיקט אַ שטילן צירקולאַר אין אַלע רעדאַקציעס פֿון בלעטער און זשורנאַלן, מע זאָל ניט דרוקן קיינע אַרטיקלען, מאמרים, הודעות און נײַס איבער אַרבעטסצײַט, שׂכירות ניט און אַלץ וואָס געהערט צו די פֿאַבריק־אַרבעטער. אַ צווייטער צירקולאַר (יוני 1897) האָט אויך אַרויסגעגעבן דעם זעלביקן באַפֿעל.

צוקוקנדיק זיך צו דעם, וואָס בײַ אונדז אין רוסלאַנד האָבן די אַרבעטער כּמעט קיינע רעכטע קען זיך דײַטן, אַז די אַרבעטער־געזעץ־געבונג האָט פֿאַר אונדז רוסישע אַרבעטער גאָר קיין ווערט ניט.

אין אמתן זײַנען מיר זייער פֿאַראינטערעסירט מיט דער פֿאַרברייטונג פֿון דעם אַרבעטער־שוץ. אײַך, מערבֿ־אייראָפּעיִשע חבֿרים, וועלכע האָבן שוין לאַנג פּרעסע־פֿרײַהייט, פֿרײַהייט צו אָרגאַניזירן און צו פֿאַרזאַמלען זיך און נאָך אַנדערע פּאָליטישע

פֿרײַהייטן, אײַך קען אפֿשר די מלחמה פֿון די רוסישע אַרבעטער שווער זײַן צו פֿאַרשטיין, אָבער [=אָדער] גלאַט ערשײַנען ווי אַ פֿאַנטאַזיע. אָבער דאָך פֿירט זיך די מלחמה. רוסלאַנד האָט אַפֿילו פֿאַבריק-געזעץ, אָבער אין דער לעצטער צײַט איז דאָס נאָר געווען אויפֿן פּאַפּיר; אין די קליינע ווערקשטאַטן זײַן אַן אַרבעטסטאָג פֿון 16 שעה געווען ניט זייער זעלטן. איצט האָט מען דעם אַלטן, פֿאַרשימלטן 12-שטונדן-געזעץ אויסגעבראָכן [אויסגעגראָבן ?] און ער איז געוואָרן צו אַ אַגיטאַציאָנס-פּאַראָלע. די פּאָליציי און די פֿאַבריק-אינספּעקטאָרן האָבן געמוזט היטן דעם צד פֿון די קעמפֿנדע אַרבעטער. זי האָט געמאַכט שטילע אַסיפֿות צו דערמאָנען זיך אין דעם 12-שטונדנטאָג.

די מלחמה וועקט אין די אַרבעטער דעם געפֿיל פֿון אַחדות; זיי הייבן אָן אַלץ מער צו פֿאַרשטיין, אַז די קאַפּיטאַליסטן זײַנען זייער פֿײַנדלעכע קלאַסע, און אויך די פּאָליציי און אַלע איבעריקע הערשער זײַנען אויך זיי בלוטיקע שונאים.

די רעגירונג האָט איצט געמוזט אין אַ נײַעם געזעץ נאָכגעבן די אַרבעטער צו פֿאַרקירצן דעם אַרבעטסטאָג.

זי האָט שטאַרק מורא, אום די אַרבעטער-באַוועגונג וועלכע האַלט דערווײַל מלחמה נאָר מיט די קאַפּיטאַליסטן זאָל זיך ניט אַ קער טאָן צו איר אַליין, פֿון דער עקאָנאָמישער מלחמה זאָל ניט ווערן אַ פּאָליטישע.

דער נײַער געזעץ האָט באַלעבט און פֿאַרשטאַרקט די האָפֿנונגען פֿון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט; ער האָט זיי געוויזן, ווי וויכטיק עס איז די אויפֿקלערונג, דער באַוווסטזײַן פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט. די רוסישע פֿאַבריק-געזעץ-געבונג איז וויכטיק ווי איינער פֿון די פֿאַקטאָרן וועלכע גראָבן אונטער ביסלעכווײַז דעם רוסישן אַבסאָלוטיזמוס (זעלבסטהערשאַפֿט). מיר באַגריסן אײַך, ווערטע קאָנגרעס-מיטגלידער, און ווינטשן אײַך גליק אין אײַער אַרבעט וועלכע וועלן אויך פֿאַר אונדז, ווי פֿאַר אונדזערע מערבֿ-אייראָפּעיִשע ברידער, זײַן צו אַ אַגיטאַציאָנס-פּאַראָלע אין דער מלחמה מיט אונדזערע עקספּלואַטאַטאָרס.

[1897]

בריוו צו ל. בערנשטיינען *

1

[זשענעוו 1900]

טײַערער פֿרײַנד!

אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק אײַך פֿאַר אײַער בריוו. איך פֿאַרשטיי גוט אײַער גײַסטיקן מצבֿ, ווער פֿון אונדז לעבט ניט איבער אין דער אָדער אין יענער מדרגה אָט די מאָמענטן, אָט די שטימונג, אָט דעם געפֿיל פֿון שווערקייט, אָפּגעריסנקייט, אומזיניקייט פֿון דער לאַגע אין אַ ניט־צוגעוווינטער סבֿיבֿה, ווו מען ווײַזט זיך אַרויס פֿאַר אַן איבעריקער זאַך וואָס טויג צו גאָרניט, פֿאַר אַלטוואַרג. נאָר מען מוז [זיך] האַלטן אין די הענט, מען דאַרף קעמפֿן מיט אַזוינע געפֿילן, מען דאַרף פֿאַרשטיקן אין זיך די סאַמע אָנהייבן פֿון דער אייגענער צווייפֿלקייט, מען דאַרף געפֿינען זיך אַרבעט, זאָל זײַן אַזאַ וואָס איז ניט ניחא, נאָר זי זאָל צונעמען די צײַט, אָפּרײַסן די רעיונות פֿון דער אייביקער מרה־שחורה, אַ קער טון די געדאַנקען אין אַן אַנדער זײַט, אין אַן אַנטקעגנדיקער זײַט ווי דער אייגענער טײַערער איך. מיר נעמען אָן מיט פֿרייד פֿאַרשטייט זיך אײַער פֿאָרשלאָג צו אַרבעטן פֿאַרן בונד. אָ, ווען איר זאָלט וויסן, ווי דער בונד נייטיקט זיך אין מענטשן, אין מענטשן וואָס זײַנען איבערגעגעבן מיט נשמה און גוף דער דאָזיקער באַוועגונג, אין מענטשן וואָס צעוואַרפֿן זיך ניט אויף [אַלע] זײַטן, וואָס נעמען ניט אויף זיך קיין טויזנט התחייבֿותן, וואָס קוים וואָס זיי לאָזן זיך דורכפֿירן און אָפֿט זײַנען זיי סותר איינע די אַנדערע. מען מוז זיך אין גאַנצן איבערגעבן צו איין זאַך; אַזוי האָבן מיר געטאָן אין רוסלאַנד, און טאַקע אַ דאַנק דעם איז אונדז געגאַנגען, און אַ דאַנק דעם מעגן מיר זאָגן מיט שטאָלץ,

---

* זע ז' 228. — די הערות צו די בריוו זײַנען פֿון ל. בערנשטיינען. — רעד'.

אַז אונדזער טירחה איז ניט געגאַנגען אין גיוועץ, אַז זי האָט געגעבן אירע פּירות. איר געדענקט מסתּמא אונדזער שמועס וועגן דעם, בשעת מיר האָבן זיך ביידע געוויקט אונטערן שלאַקס=רעגן.

איך גיי איצטער אַריבער צו אײַער פֿאָרשלאָג. [פֿאַר] דעם אינעוויניקסטן איבערבליק האָט זיך גענומען שוין לאַנג און האָט שוין אַפֿילו עפּעס אָפּגעדרוקט מאַקאַווײ. ער איז אַ מענטש אַ שרעקלעכער קונקטאַטאָר, און אויף אים איז אפֿשר אַ קליינע האָפֿענונג. נאָר ער האָט שוין אָפּגעדרוקט אין איין נומער זײַן אַרײַנפֿיר צום אינעווייניקסטן איבערבליק, האָט צונויפֿגעשטעלט און אָנגעמערקט אַ פּלאַן, ווי אַזוי ער וועט דאָס פֿירן; ווייס איך ניט, ווי אַזוי זאָל זײַן. איך וועל אים נאָך הײַנט אָנשרײַבן וועגן אײַער פֿאָרשלאָג, וועלן מיר זען יעמאָלט, וואָס ער וועט ענטפֿערן. דערווײַל זײַנען צווישן די פֿראַגעס וואָס איר האָט אָנגעמערקט פֿאַראַן עטלעכע וואָס וואָלטן געוויס געטויגט פֿאַרן „יידישן אַרבעטער", למשל די פֿראַגע וועגן באַשפּײַזונג, דער גורל פֿון די בילדונגס=געזעלשאַפֿטן אין רוסלאַנד, וועגן אונדזערע (?) שולן. איך היפּ איבער די פֿראַגע וועגן דעם נײַעם פּירוש פֿון סינאָד וועגן די לערערס פֿון רעליגיע. איך ווייס ניט, וועגן וואָס עס גייט. בײַם וואָרט „אונדזערע" האָב איך געשטעלט אַ פֿראַגע. צי טראַכט איר וועגן יידישע שולן, אָדער דאָס וואָרט אונדזערע פֿאַרבײַט דאָס וואָרט רוסישע. זייער וויכטיק וואָלט געווען צו שרײַבן דווקא וועגן יידישע שולן. איר געדענקט, איך האָב מיט אײַך גערעדט וועגן דעם; יעמאָלט האָט איר געזאָגט, אַז איר האָט ניט דערפֿאַר קיין מאַטעריאַלן; צי האָט איר זיי איצט? איך וועל זיך דערלויבן צו זאָגן עטלעכע ווערטער בכלל וועגן דעם, און וואָס פֿאַר אַ גײַסט מען וואָלט געדאַרפֿט שרײַבן וועגן די פֿראַגעס. דרוקן וועט זיך דאָס אין „יידישן אַרבעטער", דעם אָרגאַן פֿון די יידישע אַרבעטערס, מוז מען דעריבער די פֿראַגעס, אָדער בכלל וועלכע עס איז, באַטראַכטן פֿון שטאַנדפּונקט דווקא פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט. טייל מאָל איז בלי=ספֿק שווער און זייער שווער צוצוגיין צו אַ פֿראַגע דווקא פֿון דער זײַט, נאָר מען מוז האָבן אין זינען דעם שטאַנד=

פונקט, תמיד געדענקען אים און טראַכטן וועגן אים. ווען איר וועט שרײַבן וועגן בילדונג, רוקט זיך דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט אין גאַנצן קלאָר אַרויס פֿון זיך אַליין. וועגן דעם האָט געזאָרגט די רוסישע רעגירונג מיט איר פּראָצענטירונג אין אַלע מיטעלע און העכערע לערן־אַנשטאַלטן. מען דאַרף באַמערקן וועגן דער ניט לאַנג אַרויסגעגאַנגענער פֿאַראָרדענונג, אַז בײַם צונעמען סטו־דענטן זאָל זיך דער פּראָצענט רעכענען לויט פֿאַקולטעטן, ניט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל סטודענטן אין אוניווערסיטעט. די דאָזיקע פֿאַראָרדענונג רופֿט זיך אָפּ זייער ניט־גינציק אויף דער צאָל סטודענטן וואָס מען נעמט צו. בײַם פֿונאַנדערקלײַבן פֿראַגעס דאַרף מען נאָך, קומט אויס בײַ מיר, תּמיד באַמערקן ניט נאָר וועגן דעם קלאַסנדיקן כאַראַקטער פֿון די פֿאַראָרדענונגען און געזעצן, נאָר אויך דעם פֿאַרלאַנג פֿון דער רעגירונג צו באַשיצן די זעלבסטהערשונג ווי אַ זעלבשטענדיקע גרייס וואָס האָט אַן אינטערעס אין זיך גופֿא. אַ סך זײַנען ניט מסכּים מיט דער דאָזיקער מיינונג, נאָר בײַ מיר קומט אויס, אַז ס'איז פֿאָרט ריכטיק. און דאָס איז גרינג צו ווײַזן דווקא אויף די געזעצן וועגן צונעמען תּלמידים אין די מיטעלע לערן־אַנשטאַלטן (כאַראַק־טעריסטיש איז דער געזעץ וועגן צונעמען אויסשליסלעך בעלי־בתּישע, פֿאַרמעגלעכע פּערזאָנען).

וועגן די בילדונגס־געזעלשאַפֿטן: איר וועט מסתּמא אָנווײַזן אויך אויף די געזעלשאַפֿטן פֿאַר זונטאָגדיקע און אָוונטיקע לייענישן. דאָ קענט איר דאָך בלי־ספֿק דורכפֿירן אַ פּאַראַלעל מיט ענלעכע געזעלשאַפֿטן אין אונדזער קאַנט, אָדער בעסער געזאָגט, מיטן פֿולן פֿעלן פֿון אַזוינע געזעלשאַפֿטן בײַ אונדז, אַ דאַנק דעם דרוק פֿון דער זעלבסטהערשונג. אַגבֿ האָט מען אונדז דאָ איבערגעגעבן, אַז דער ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געהייסן דער שטאָט־אופּראַווע אײַנאָרדענען עפֿנטלעכע לעק־ציעס, „כּדי אָפּצוציִען די אַרבעטער פֿון סאָציאַליזם". עס ווערן איצט אײַנגעאָרדנט אין ווילנע לעקציעס וועגן פֿראַגעס פֿון נאַטור־געשיכטע, ליטעראַטור און אַפֿילו פֿון פּאָליטישער עקאָ־נאָמיע (ס'לייענט דער אַנטיסעמיט וורוטשעוויטש, דער געוועזע־

נער רעדאַקטאָר פֿון „ווילענסקי וויעסטניק"). בײַם פֿונאַנדער־קלײַבן וועגן די בילדונגס־געזעלשאַפֿטן און די עפֿנטלעכע לעק־ציעס מוז מען אָנווײַזן, אַז בײַ אונדז נייטיקן זיך דערין ייִדן מער איידער ווער עס איז, מחמת ס'זײַנען ניטאָ קיין צײַטונגען אייף זשאַרגאָן, ס'זײַנען ניטאָ קיין זשורנאַלן, ווידער אַ מאָל איבער דער שולד פֿון דער זעלביקער רעגירונג. מען קען אָנווײַזן, אַז די אַנטוויקלונג פֿון בונד האָט געצוווּנגען די רעגירונג צו געבן אַ דערלויבעניש אויף דעם, מען זאָל אַרײַנפֿירן [פֿון אויס־לאַנד] די צײַטונג „דער יוד" (אַ ציוניסטישער אָרגאַן), כּדי דער־מיט אָפּצוציִען די אַרבעטערס פֿון בונד. וועגן די ייִדישע שולן מוז מען אָנווײַזן, פֿון וואַנען עס גייען די מיטלען אויף די דאָזיקע שולן, אָנווײַזן אויפֿן קאָראָבקע־אָפּצאָל (מען דאַרף וועגן דעם קלאָר מאַכן פֿינקטלעכער, כּדי ניט אַרײַנצופֿאַלן ווי אַ יוון אין סוכּה), וועגן ליכטאָפּצאָל אאַז"וו, אָנווײַזן אויפֿן חילוק אין דער לאַגע פֿון די ייִדישע לערערס און די קריסטלעכע בנוגע פּענסיעס נאָכן אויסדינען די יאָרן. ייִדן גיט מען דאָס ניט. מען קען אָנווײַזן, אַז אויך קריסטלעכע לערערס ווערן אָפֿט אַריבער־געפֿירט אין ייִדישע לערן־אַנשטאַלטן, ווען עס דערנעענטערט זיך דער טערמין פֿון אויסדינען די פּענסיע, כּדי מען זאָל די דאָזיקע פּענסיע אויסצאָלן פֿון ייִדישע סומעס. איך ווייס אַזאַ פֿאַל מיט איינעם אַ דירעקטאָר פֿונעם לערערשן ווילנער אינ־סטיטוט. מען האָט אים אַריבערגעפֿירט דוכט זיך שיִער ניט אויפֿן 24טן יאָר פֿון זײַן דינסט. איך האָב אײַך פֿאַרשטייט זיך ניט געזאָגט קיין שום נײַס, דאָס האָט איר בלי־ספֿק אַליין אויך געוווּסט און געהאַט אין זינען, דעריבער בעט איך אײַך מוחל זײַן די אָנווײַזונגען.

וואָס שייך צום צווייטן פֿאָרשלאָג אײַערן וועגן רוסלאַנד סוף 19טן י"ה, וואָלט איך אײַך געבעטן כאָטש אָנמערקן די פֿראַגעס, וואָס וועגן זיי קלערט איר צו שרײַבן. איך וועל צוגעבן נאָך עטלעכע ווערטער. כּדי צו פֿירן די אָפּטיילונג „אינע־וויינקסטער איבערבליק" אָדער בכלל [צו שרײַבן] אַרטיקלען וועגן רוסלאַנד, און שרײַבן זיי פֿון שטאַנדפּונקט פֿון די אינטע־

רעסן פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, מוז מען האָבן דעם „וואָסכאָד״. שרײַבט אים אויס אויף די מיטלען פֿון בונד, אויב דערויף וועט ניט אײַנגיין דאָס פּאַריזער קרײַזל. דאָרטן וועט איר געפֿינען די נײַסטע געזעץ־פֿעסטזעצונגען וועגן ייִדן. זייער וויכטיק וואָלט געווען, איר זאָלט באַקומען מישס בוך Законоположения о евреях, נאָר ס׳קאָסט דוכט זיך זייער טײַער. פֿרעגט זיך נאָך על־כּל־פּנים, אָדער אפֿשר וועט זיך דאָס געפֿינען אין דער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק. איר זעט, אַז בײַ מיר האָבן אַ ספּעציעלע ווערדע אָט די אַרטיקלען אײַערע, איך וואָלט וועלן, זיי זאָלן זײַן אָן אַ פּגם פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אַ ייִדישן אַרבעטער־זשורנאַל, אַז זיי זאָלן פֿאַרפֿולן דעם בלויז וואָס איז צום אומגליק צו ברייט אין דער בונדישער ליטעראַטור. נעמט זיך ערנצט פֿאַר דער זאַך. – איך פֿאַרהאָף, אַז איר וועט זיך אין גאַנצן אַן עצה געבן מיט דער דאָזיקער אויפֿגאַבע. דאָס אויספֿירן זי, דערין ספֿק איך גאָרניט, וועט אײַך געבן אַ מאָראַלישע באַרויִקונג אויך און וועט ברענגען אַן אומפֿאַרבײַטלעכן נוץ אונדזער אינאייגנעמ־דיקער זאַך. איך האָב שוין דוכט זיך גענוג אָנגעפּלוידערט. צײַט צו ענדיקן.[1]

אַל, אַל דאָס גוטס אײַך. יעטווידער הצלחה פּערזענלעך און געזעלשאַפֿטלעך.

אײַער פֿרײַנד

אַ.

אַ הייסן גערוס אײַער פֿרוי. מיט אַנען[2] באַגעגן איך זיך דאָ אָפֿט און כ׳וואָלט זיך באַגעגנט אָפֿטער, נאָר זי דרייט זיך אַרויס פֿון אַרבעט.

---

[1] דעם אַרטיקל וועגן פֿאָלקסבילדונג האָב איך אָנגעשריבן, און ער איז געווען געדרוקט אין „ייִדישן אַרבעטער״. נאָר קיין שום ספּעציפֿישע ייִדישע פּראָבלעמען זײַנען דאָרטן ניט געווען אָנגערירט. איך האָב גערעכנט וועגן דעם מצבֿ פֿון בילדונג בײַ ייִדן אָנצושרײַבן אַ באַזונדערן אַרטיקל, נאָר דערצו איז ניט געקומען.

[2] דאָ רעדט זיך וועגן אַנע באַרישניק, אַ ווילנערין, וואָס ביז איר אַוועקפֿאָרן קיין אויסלאַנד האָט זי אָנטיילגענומען אין אונדזער באַוועגונג.

ס'קען אַגבֿ זײַן, אַז אײַער אינעווייניקסטן איבערבליק וועט מען קענען פֿאַראייניקן מיט מאַקאָוויס אינעווייניקסטן איבערבליק, אויב ער וויל שרײַבן: ער וועט מסתמא ניט שרײַבן וועגן אַזעלכע פֿראַגעס ווי פֿאָלקסבילדונג, וועגן בילדונגס־געזעלשאַפֿטן. על־כּל־פּנים וועט מען קענען צעטיילן די פֿראַגעס. און דאָס בעסטע איז, ווען איר וועט זיך וועגן דער פֿראַגע צונויפֿשרײַבן מיט אים.

מיר בעט איך אײַך שרײַבן אַזוי אָפֿט ווי איר ווילט נאָר.

2

[זשענעווע 1900]

טײַערער פֿרײַנד!

איך בין געווען אָוועקגעפֿאָרן אַ צוויי וואָכן און האָב דערפֿאַר באַקומען אײַער בריוו ערשט די טעג. ס'האָט זיך אָנגעקליבן פֿאַר דער צײַט פֿון מײַן ניט זײַן דאָ אַזאַ שרעקלעכע מאַסע אַרבעט, אַז איך האָב ניט געקענט שרײַבן תּיכּף נאָך מײַן קומען אַהער.

איר האָט אַ פּנים ניט אין גאַנצן פֿאַרשטאַנען מײַן בריוו. איך האָב אײַך ניט פֿאָרגעלייגט צו שרײַבן אויסשליסלעך פֿון ייִדישן לעבן: דאָס וואָלט געווען אַ טיפּשות, כּל־זמן דער ייִדישער פּראָלעטאַריער לעבט אין אַ היפּשער מאָס אונטער דעם זעלביקן פּאָליטישן צוואַנג, אונטער דעם זעלביקן זעלבסטהערשערישן רעזשים ווי די פּראָלעטאַריערס פֿון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן פֿון רוסלאַנד. איך האָב נאָר געשריבן, אַז [מען דאַרף] אויסטײַטשן די רוסישעווירקלעכקייט און די בולטסטע פֿאַקטן פֿון רוסישן לעבן אויף וויפֿל ס'איז מיגלעך פֿון שטאַנדפּונקט פֿון די אינטערעסן פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. ס'פֿאַרשטייט זיך פֿון זיך אַליין, אַז מען דאַרף זיך ניט באַגרענעצן און אויסשליסלעך מיטן לעבן פֿון רוסישן פּראָלעטאַריאַט, אויסשליסלעך מיטן רוסישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, נאָר [מען דאַרף] האָבן אין זינען און שטעלן דעם טראָפּ אויך אויפֿן ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אויף די מאָסמיטלען און געזעץ־פֿעסטזעצונגען

לגבי דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און אַפילו יידן ווי יידן, דאָס הייסט אויף וויפל די דאָזיקע געזעץ־פּעסטזעצונגען האָבן אין זינען אויסשליסלעך יידן. פאַרגעסט ניט, אַז מיר קעמפן פאַר דער בירגערלעכער גלייכרעכטיקייט פון יידן בכלל, פונעם גאַנצן יידישן פאָלק. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט קען ווי אַ פּראָלעטאַריאַט בכלל ניט פאָדערן פאַר זיך קיין אויסנאַמיקע רעכט, נאָר ער שפּרייט תמיד אויס די דאָזיקע רעכט אויף אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. געפינענדיק זיך סאַמע אונטן, קען ער זיך באַפרייען נאָר ווען ער האָט באַפרייט איינצייטיק אַלע איבערגעבליבן אויך, אַלע שיכטן וואָס שטייען העכער פאַר אים אויפן געזעלשאַפטלעכן לייטער.

מיט מאַקאָווייען האָב איך זיך געזען פּערזענלעך. ער וועט אויך שרייבן, אָדער בעסער געזאָגט, ער וויל שרייבן דעם אינעווייניקסטן איבערבליק. ווי איך האָב טאַקע משער געווען, וועט ער וועגן אָנהייב־בילדונג ניט שרייבן, אַזוי אַז על־כל־פּנים די פראַגע בלייבט אין גאַנצן ביי אייך אין די הענט. וועגן די אַנדערע פראַגעס וואָס איר האָט אָנגעמערקט וועט ער גיכער ווי אַלץ אויך ניט שרייבן, אַזוי אַז איר קענט איינער דעם אַנדערן ניט שטערן, קיינער וועט ניט אַריינקריכן אין יענעמס שטח. צי קענט איר ניט אַגבֿ באַקומען דעם „וויעסטניק יעווראָפּי״. ווייטער, צי שערט ניט אייער פאַריזער קרייזל אויס די „רוסקיִא וויעדאָמאָסטי״. אויב יאָ, וועל איך בעטן אַ דערלויבעניש איבערצושיקן די דאָזיקע אויסשערונגען פריִער צו אים, און ער וועט זיי שוין אָפּשיקן קיין בריסל. שרייבט אָן וועגן דעם.

לסוף וועגן האָנאָראַר. דאָס איז אַ פראַגע זייער אַ קיצלדיקע. מיטלען האָבן מיר זייער ווינציק, ווי אַזוי ס׳וועט אַרויסקומען אייער ליטעראַרישע אונטערנעמונג איז דערווייל שווער צו זאָגן, קיינער פון אונדז האָט ניט געלייענט אייערע זאַכן, דעריבער קען די דאָזיקע פראַגע אין בעסטן פאַל בלייבן אָפן. אַגבֿ, איר האָט געשריבן פאַר ר״ד. [3] שרייבט אָן זייט מוחל,

[3] „ראַבאָטשעיע דיעלאָ״, אָרגאַן פונעם פאַרבאַנד רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָט זיך געדרוקט אין זשענעווע.

אויף וואָס פֿאַר אַ באַדינגונגען איר האָט זיך גענומען שרײַבן פֿאַר זיי, וועלן מיר זען.

וואָס איז בײַ אײַך גוטס? וואָס מאַכט איר, די פֿרוי? צי נעמט איר אָנטייל אין דער ביבליאָטעק פֿון די ייִדישע אַרבעטערס און אין לעקציעס וואָס מען לייענט פֿאַר זיי. שרײַבט.

אײַער

אַל.

3

זשענעווע, דעם 16טן נאָוועמבער 1900.

טײַערער פֿרײַנד!

די מאַטעריעלע און ליטעראַרישע עסקים זײַנען בײַ אונדז זייער ביטער. פֿון ערגעץ קיין דרײַער ניט און קיין איין אַרטיקל. דער „ייִדישער אַרבעטער" דרוקט זיך ניט, ווײַל עס פֿעלט מאַטעריאַל. אויב מיר אַלע, וואָס מיר פֿילן מיט דעם בונד, זאָלן זיך ניט צונויפֿנעמען און אָנשפּאַנען אַלע כּוחות, קענען זיך די עסקים אָפּשטעלן אין גאַנצן. מיר איז געווען אַ חידוש, וואָס אַפֿילו איר, ווי ס'האָט מיר געשריבן איוואַן'[4], טראַכט ווייניקער וועגן בונד ווי וועגן פֿאַרבאַנד. באַמערקט, אַז איך האָב נאָר געמאַכט אַזאַ אויספֿיר פֿון איוואַנ'ס בריוו, נאָר איך גיב ניט איבער אות־באות זײַנע ווערטער. אויב ס'איז אַזוי, טאָ פֿון וואַנען קענען מיר האָבן הילף! אין רוסלאַנד לויפֿן ייִדן פֿון דער ייִדישער באַוועגונג אין דער רוסישער אַרײַן, אין רוסלאַנד רייניקט זובאַטאָוו די רעשטלעך פֿון די בעסטע כּוחות פֿון די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, און דאָ זײַנען פֿון איין זײַט עקסטע נאַציאָנאַליסטן און ציוניסטן און פֿון דער אַנדער זײַט פֿאַר־רוסישטע ייִדן וואָס ווילן גאָרניט וויסן וועגן בונד און באַציִען זיך אַפֿילו צו אים מיט שׂינאה. בײַ אַזוינע אומשטאַנדן איז אַ זינד, אַז אַפֿילו נאָענטע מענטשן ווי איר, וואָס זיי האָבן גע־נומען אַזאַ אַקטיוון אָנטייל אין רוסלאַנד אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, זאָלן דאָ אויך ניט אַרײַנלייגן טירחה

---

[4] איוואַנטשין, אַ טוער פֿונעם פֿאַרבאַנד רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און איינער פֿון די רעדאַקטאָרן פֿון „ראַבאָטשעיע דיעלאָ".

און ניט אָרגאַניזירן קרײַזלעך, צונויפֿנעמען ליטעראַרישע כּוחות, עקספּלואַטירן אַלץ וואָס ס'טויג אויף צו העלפֿן דער זאַך וואָס איז אונדז אַזוי טײַער. איך זאָג ניט פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר זאָלן גאָרניט טון פֿאַרן פֿאַרבאַנד אויך, ווײַט ניט, נאָר דעם נאָענטסטן וויכטיקסטן אָרט אין אונדזער טעטיקייט דאַרף פֿאַרנעמען די אַרבעט פֿאַרן בונד. אין פּאַריז האָבן מיר באַשלאָסן אײַנצואָרדענען קרײַזלעך אָנצוקלײַבן נײַע מיטגלידער פֿאַר דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע. מיר דאָ[5] האָבן שוין געגרינדעט אַזאַ קרײַזל, נאָר פֿון אים קען מען זיך דערווײַל ריכטן אויף ווינציק נוצן, וואָרעם די מערהייט זײַנען אַלץ מענטשן וואָס זײַנען ווינציק באַקאַנט מיט דער קאָלאָניע און קענען געבן ווייניק הילף פֿאַרן בונד. און איר? איר האָט עפּעס געטאָן אין דער ריכטונג? בײַ אײַך זײַנען פֿאַראַן קאַגאַן, ווילטער, רײַכנשטיין[6] און מסתּמא אַ סך אַנדערע וואָס קענען אַלע שרײַבן און קענען העלפֿן אין אַנדערע פּרטים אויך. צי האָט איר מיט זיי גערעדט וועגן דעם, צי האָט איר זיי געטאָרעט? צי האָט איר געבעטן פֿון דאַנען ייִדישע ליטעראַטור צום פֿאַרקויפֿן? איך ווייס ניט. די זאַך מיט די קרײַזלעך פֿירט אָדער דאַרף פֿירן טימ'[7], צי שרײַבט ער זיך דורך מיט אײַך?

---

[5] אין זשענעוו.

[6] קאַגאַן איז יעמאָלט געווען דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פֿון אַ רוסישער פּראָווינציעלער צײַטונג און איז שפּעטער געוואָרן פֿיל-ווינציק באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים ג. טאַסין. ער האָט זיך באַצויגן מיט גרויס סימפּאַטיע צו דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג, נאָר לויט זײַן שפּראַך און זײַנע קאַנטשאַפֿטן האָט אים מער געצויגן צו דער רוסישער באַוועגונג. ער האָט יעמאָלט אָנטיילגענומען אינעם פֿאַרבאַנדישן קרײַזל, דערנאָך זיך אומגעקערט אומלעגאַל קיין רוסלאַנד, איז געווען אַרעסטירט און פֿאַרשיקט; ווי אַן אָנטיילנעמער אין דער ראָמאַנאָווקע איז ער אַוועק אויף קאַטאָרגע און איז 1908 צוריק געוואָרן אַן עמיגראַנט.

נאָום ווילטער, אַ סטודענט, איז אויך געווען אַ מיטגליד פֿון פֿאַרבאַנדישן קרײַזל, נאָר ער האָט אין גיכן גענומען אַקטיוו אַרבעטן אין בונדישן קרײַזל אויך.

וועגן רײַכנשטיינען קען איך זיך נאָר דערמאָנען, אַז זי איז געווען אַ סטודענטין און איז אין גיכן אַוועקגעפֿאָרן קיין בערלין.

[7] טימאָפֿיי קאַפּעלזאָן.

לעאָן, לעאָן, טשוכעט זיך אויס! אַרבעט, אָרגאַניזירט, שרײַבט, קלײַבט אויף אַלע כּוחות וואָס זײַנען פֿאַראַן, טאָרעט זיי, זעט, זיי זאָלן עפּעס טאָן, נעמט זיי אין די הענט אַרײַן און צווינגט זיי צו העלפֿן דעם בונד. ווילטער איז איצטער מער אָדער ווייניקער פֿרײַ, איך האָב געהערט, אַז ער קען גוט די ייִדישע שפּראַך, געהערט, אַז ער קען אַ ביסל שרײַבן, אַז ער האָט געלייענט פֿריִער אין פּאַריז אַ לעקציע וועגן אוטאָפּישן סאָציאַליזם אויף זשאַרגאָן. זעט זיך מיט אים, שמועסט זיך דורך מיט אים, פֿאַראינטערעסירט אים מיט דער זאַך פֿון בונד. אויב ער קען ניט שרײַבן קיין אָריגינעלע אַרטיקלען, זאָל ער זיך פֿאַרנעמען מיט איבערזעצן פֿון רוסיש און פֿראַנצייזיש אויף זשאַרגאָן. איך וועל אים אויך באַלד אָנשרײַבן וועגן דעם, נאָר איר דאַרפֿט נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו און נאָכקוקן נאָך אַלע אין פּאַריז. איר דאַרפֿט ניט קיין שום אָנווײַזן, איר ווייסט, וואָס עס פֿאָדערט זיך פֿאַר אונדז, וואָס און ווי אַזוי מען דאַרף שרײַבן. איר דאַרפֿט דעריבער נעמען אויף זיך די ראָלע פֿון אַ באַגײַסטערער און אָנווײַזן, פֿאַרטיילן די מאַטעריאַלן. דאָס וואָס איך האָב געשריבן וועגן ווילטערן, קען מען זאָגן וועגן קאַגאַנעצן אויך. ער געוועלטיקט איבער דער פֿעדער און קען שרײַבן רוסיש. ער איז באַקאַנט מיט פֿראַנצייזישע ענינים, און איצט איז דאָרטן געווען אַזוי פֿיל אינטערעסאַנטס. דער שלום־צוזאַ־מענפֿאָר, די ערשטע זיצונג אין פּאַרלאַמענט, איצטער עפֿנט זיך דאָרטן עפּעס אַ נײַע פּאַנאַמע. ער וואָלט געקענט דאָס אַלץ אויסלייגן, אויב מען זאָל אים נאָר ברענגען דערצו, אויב מען זאָל זיך אויף אים אָנזעצן. איך ווייס ניט, וואָס עס קען שרײַבן רײַכנשטיין, נאָר איר האָט אַליין געזאָגט, און אַנדערע זאָגן אויך, אַז שרײַבן קען זי. קלײַבט אָפּ וועלכע עס איז טעמעס, כאָטש פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע וועגן עקאָנאָמיע, וועגן דער געשיכטע פֿון דער באַוועגונג אין אַ לאַנד, וועגן איינער פֿון די רעוואָלוציעס אאַז"וו. אאַז"וו. שרײַבט אָן, איך בעט אײַך, באַלד, ווי אַזוי איר קוקט אויף דעם אַלעם, צי האַלט איר ניט, אַז איך שטיי צו צו שטאַרק און [צי האַלט איר,] אַז דער דאָזיקער פֿאָרשלאָג מײַנער לאָזט זיך דורכפֿירן.

שרײַבט אָן וועגן זיך, דער פֿרוי, ווי אַזוי עס לעבט זיך, ווי אַזוי איר רעכנט זיך אײַנצואָרדענען אינעם נאָענטסטן עתיד.

זײַט מיר מוחל פֿאַר דעם דאָזיקן בריוו, נאָר די צײַט איז אַ קריטישע. ס'ליגט ניט אין קאָפּ צערטלעכקייטן און אָפּקלײַבן די אויסדרוקן. איר קענט מיך און איר וועט פֿאַרשטיין, וואָס עס האָט מיך געפֿירט, און איר וועט ניט לייגן קיין אַכט אויף דער פֿאָרם.

אײַער פֿרײַנד

אַל.

אַ הייסן גערוס דער פֿרוי.

כ'וועל אפֿשר גאָר נאָך הײַנט אָנשרײַבן קאַגאַנען אויך.

איך בין דאָ פֿאַרנומען ווי אַ הונט. פֿאַרנומען מיט דער סאַמע שוואַרצער אַרבעט פֿון אין דער פֿרי ביז שפּעט אין אָוונט. ניטאָ קיין צײַט אַפֿילו אַ צײַטונג אַ לייענען צו טון. אַ פֿאַרשיווע לאַגע. באַלד, באַלד וועל איך שוין אַרויסקוועטשן פֿון זיך אַלץ וואָס איך קען געבן, אויב איך האָב שוין ניט אַרויסגעקוועטשט דאָס אַלץ, און דערנאָך וועט מען מיך אַ וואַרף טאָן פֿאַר אַ פּרעס די שאַקאַלן [8].

4

London, יוני 8, 1901

טײַערער פֿרײַנד!

איך בין זייער צופֿרידן, וואָס ס'איז אײַך געראָטן צו באַקומען אַרבעט פֿון פּרנסה וועגן. אמת, ווײַנען אַליין אין אַן אומבאַקאַנטער שטאָט [9] צווישן אומבאַקאַנטע מענטשן איז זייער

[8] דעם דאָזיקן בריוו האָב איך איבערגעלייענט פֿאַר עטלעכע חבֿרים, בתוכם פֿאַר דעם אין אים דערמאָנטן נאָום ווילטערן. מיר האָבן זיך טאַקע „אויסגעטשוכעט". דאָס קרײַזל וואָס אַלעקסאַנדער האָט געפֿאָדערט האָבן מיר געגרינדעט. נאָר מיר זײַנען געווען זייער קליין אין צאָל... דער עיקר האָבן מיר זיך פֿאַרנומען מיט קלײַבן מאַטעריעלע מיטלען; אויך האָבן מיר גענומען פֿירן אַן אַגיטאַציע צווישן די ייִדישע אַרבעטערס וואָס זײַנען געקומען פֿון פּוילן און רוסלאַנד. איך בין אַגבֿ אין גיכן אַוועקגעפֿאָרן פֿון פּאַריז.

[9] איך בין אַוועקגעפֿאָרן קיין ליאָן, וווּ איך האָב זיך געקענט ריכטן אויף אַרבעט וואָס האָט מיר געקענט אײַנטראָגן 60–70 פֿראַנק אַ חודש.

און זייער ניט אײַנגענעם און שווער, נאָר צי איז דען געווען גרינג צו לעבן אין פּאַריז אָן פּרנסה? איך גיי ממש אַראָפּ פון זינען, וואָס איך קען דאָ ניט פאַרדינען קיין גראָשן. כ'האָב באַקומען אָט ערשט איבערצושרײַבן, נאָר דאָס ווייסן מיר נאָך אויך ניט, צי דעם אויטאָר וועט געפעלן ווערן מײַן כתב. אויב ס'וועט געראָטן אַרײַנצובאַקומען דאָס דאָזיקע איבערשרײַבן, וועל איך פאַרדינען פאַר אַ וואָך /30, ד"ה בײַ 40 פר. און ווײַטער: איין אַלאַה ווייס. נאָר ניט דאָס איז דער עיקר.

פאַר וואָס שרײַבט איר ניט, צי איר האָט באַקומען דעם „וואָסכאָד”? איך האָב אים אײַך אַרויסגעשיקט פון דאַנען, אויב איר האָט איבערגעלייענט שוין און גענומען פון דאָרטן אַלץ וואָס איז געווען נייטיק, שיקט אים אָפּ צוריק אַהער.

ווען האָט איר געשיקט דעם המשך פונעם „אינ[עווייניקסטן] איב[ערבליק]”. צי איז דאָס אַ המשך, צי האָט דאָס עפּעס אַ צוזאַמענבונד מיט די פריִערדיקע, צי האָט איר אויסגענוצט כאָטש אין וועלכער עס איז מאָס די אינפאָרמאַציעס פון „וואָסכאָד”. ס'וואָלט ניט געשאַט צו פאַרצייכענען דעם נײַעם פּירוש פון סענאַט וועגן מלוכישע שטעלעס פאַר ייִדן.

זאָגט, צי העלפט ניט די אַרבעט אײַער שטימונג, צי איז דאָס ניט דער בעסטער מיטל זיך אויסצוהיילן פון אַלע מחלות און ניט-אײַנגענעמקייטן אין לעבן, צי איז דאָס ניט דער בעסטער מיטל זיך צו פאַרגעסן, זיך צו קאָנצענטרירן אויף איין עיקרדיקן פאַרשלינגענדיקן געדאַנק, וואָס וועגן אים און צוליב אים שרײַבט מען און אַרבעט מען, צי איז דאָס ניט דאָס בעסטע גליק אָפּצוגעבן זיך מיטן גאַנצן יש, מיט אַלע רעיונות, צו פאַרגעסן וועגן אַלץ, צו פאַרגעסן וועגן אַלע, אַ חוץ איין זאַך, איין פאַרכאַפּנדיקן אינטערעס.

מיר פעלט דער דאָזיקער תּענוג, און איך פיל זיך שוידערלעך, מיר העלפט נאָר מײַן לײַכטזיניקייט, מײַן אויבנאויפיקייט. שרײַבט אָפטער. ס'איז געקומען צו פאָרן ראַבקין [10]

10 איסר ראַבקין. ער איז אָנהייב 1902 אַוועקגעפאָרן אומלעגאַל קיין רוסילאַנד, אין רשות פון צ"ק, און איז ביז סוף 1905 געווען דער הויפּטזעצער אין דער דרוק פון „אַרבעטער-שטימע” אין וואַרשע.

פון אַמעריקע, נאָר ביז וואַנען אונדזער דרוק וועט אַריבערפאָרן אַהער, מוז ער ניט אַנדערש געפינען עפּעס אַן אַרבעט. איך האָב געשריבן צו קריטש[עווסקין], צי איז ניטאָ קיין אַרבעט פאַר אים אין פּאַריז ווי אַ ייִדישער אָדער רוסישער זעצער. קיין ענטפער האָב איך ניט באַקומען. שרײַבט איר וועמען עס איז, זאָל מען פרעגן אין די רוסישע דרוקן; דאָרטן איז דאָך פאַראַן עפּעס אַ לעגאַל צײַטונגל אויף רוסיש.

אין ליאָן איז פאַראַן איינער אַ באַקאַנטער וואָלפאָוויטש 25 Claude Bernard, זעט זיך צו באַקענען מיט אים, ער וואָלט געקענט שרײַבן עפּעס פאַרן „ייִדישן אַרבעטער".

אַל דאָס בעסטע.

אײַער

אַל.

5

דער אַלגעמיינער אידישער
אַרבעטער-בונד
אין רוסלאַנד אונד פּוילען

[לאָנדאָן, סעפּטעמבער 1901]

טײַערער פרײַנד.

דאָס קעפּל ווײַזט אײַך אָן, אַז מיר זײַנען שוין אין לאָנ[דאָן]. דרײַ וואָכן אויפן זייגער האָב איך געפּטרט אויף זוכן אַ דירה, צוויי וואָכן שווערע אַרבעט אויף צו ברענגען אַלצדינג אין אָרדענונג. איז קיין חידוש ניט, וואָס איך האָב אײַך ניט געשריבן די גאַנצע צײַט. אין גאַנצן אומזיסט שרײַבט איר צו מײַן שווײַגן אַ בייזן ווילן און אַן אומחשק צו שרײַבן. איצטער אַרבעט איך און וועל אַרבעטן דעם גאַנצן טאָג ווי אַ זעצער, און בײַ נאַכט וועל איך טאָן אַלע אַנדערע זאַכן. אַ לעבן ניט קיין פריילעכס וואַרט אויף מיר, נאָר פאַרפאַלן, איך בין ניט ביכולת אויף אַן אַנדער אופן צו פאַרדינען אויף חיונה. פאַר דער גאַנצער צײַט וואָס איך בין דאָ האָב איך פאַרדינט בײַ 4

פונט, ד"ה בײַ 100 פראַנק, אַ רובל 25 האָב איך באַקומען פון פּאַטין, 25 רובל האָב איך געליִען בײַ באַקאַנטע. דאָס איז דאָס גאַנצע געלט וואָס איך האָב אויסגעגעבן פאַר דער צײַט וואָס איך ווײן אין לאָנדאָן. וואָלט איך געהאַט אַ ביסל געלט, לכל־הפחות אויף אַ 4 חדשים, וואָלט איך אפשר געקענט עפּעס וואָס פאַרדינען רעגולערער. דאָ, ווי עס איז אײַך באַוווּסט, איז איינע פון די בעסטע אומזיסטע ביבליאָטעקן – British Museum – און מען האָט מיר אַפילו געגעבן אַ טעמע און צוגעזאָגט פאַרריכטן, אויב די אַרבעט וועט אַרויסקומען ניט אין גאַנצן געראָטן, מען האָט צוגעזאָגט אַרײַנגעבן [אין אַ זשורנאַל] אָדער אַרויסגעבן. נאָר איך פאַרמאָג גאָרניט, און אַזוי איז נאָך בעסער. איך וועל זיך אויסלערנען די זעצערשע מלאָכה און וועל קענען דערנאָך רעגולער פאַרדינען ווו איך זאָל ניט ווײנען, וווהין דער גורל זאָל מיך ניט פאַרוואַרפן. אין אַ האַלב יאָר, רעכן איך, וועל איך שוין קענען פאַרדינען מער ווי גענוג פאַר זיך, און דער־ווײַלע וועל איך פאַרדינען ווינציקלעך און פונקט אַזוי פיל אויסגעבן. מאַטעריעל בין איך הייסט עס מער אָדער ווייניקער באַזאָרגט.

איצטער זעצן מיר אַ זאַמלבוך לידער און „יִדישער אַרבעטער" 13.

אונדזערע עסקים זײַנען אין אַלגעמיין גענוג שוואַך, מיטלען זײַנען פאַראַן ווינציק, כּוחות נאָך ווינציקער. אין רוסלאַנד איז בײַ אונדז אַ שרעקלעכער דוחק איןביידע זאַכן. עס אַרבעטן איבער די כּוחות מענטשן, ס'קומט אויס אַרויסצוגעבן ניט נאָר אויף יִדיש, נאָר אויך אויף רוסיש און אויף פּויליש. אײַך איז באַוווּסט שוין, אַז „איסקראַ" איז אַרויסגעטראָטן שוין קעגן אונדז עפנטלעך, נאָך איר וועלן נאָכגיין אויך אַנדערע מסתּמא, און אפשר אויך דער פאַרבאַנד. אונדז וועט אויסקומען גיכער ווי אַלץ אַרויסצוגעבן עפּעס אויף רוסיש אויך.

וועגן די רוסישע עסקים האָב איך ניט די מינדסטע השׂגה. דער פאַרבאַנד שרײַבט מיר גאָרניט. צי וועט זײַן אַ צוזאַמענפאָר אַ פאַרבאַנדישער, צי וועט זײַן אַ קאָנפערענץ

פֿון אַלע גרופּעס – איך ווייס גאָרניט, ס'ווייסן אַפֿילו די חבֿרים אויך ניט. דער פֿאַרבאַנד האָט קיינעם פֿון אונדז וועגן דעם גאָרניט געשריבן. איך ווייס ניט, וואָס עס דרוקט זיך איצטער. מערניט איר האָט מיר געשריבן, אַז ס'איז ניטאָ קיין אָרט פֿאַר אַן איבערבליק פֿון דער ייִדישער אַרבעטער=באַוועגונג אין „ר[אַבאָטשעיע] ד[יעלאָ]". [11] הייסט עס, אַז דער דאָזיקער נומער דאַרף באַלד אַרויסגיין. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז מיט אַ מאָל איז ניט געוואָרן קיין אָרט פֿאַר אַזאַ איבערבליק, בשעת ווען ביז איצטער פֿלעגט דערויף אַלע מאָל יאָ קלעקן אָרט. אַ סימן פֿון דער צײַט. צי איז דאָס ניט אַ צווייטער „היסטאָרישער קערפּונקט" ?

איליאַ [ראָזנבערג] איז שוין אין אויסלאַנד. איך האָב פֿון אים באַקומען נאָר איין קאַרטל פֿון אַ ריין פּריוואַטן כאַראַקטער. ער וועט ווױנען, ווי ס'שרײַבט מיר וולאַד[ימיר], [12] מסתמא אין מינכן.

וואָס איז בײַ אײַך גוטס ? אפֿשר איז אײַך עפּעס באַוווּסט וועגן רוסישע ענינים – שרײַבט אָן. ניט שוין זשע איז אין רוסלאַנד אין גאַנצן שטיל.

בײַ אונדז [אין דער ליטע] האָט זיך געשאַפֿן אַ נײַע „אומאָפּהענגיקע ייִדישע אַרבעטער=פּאַרטיי". די פּראָגראַם איז פֿון אַן אויסשליסלעך עקאָנאָמישן כאַראַקטער, שטאַרק געגליכן צו דער טרייד=יוניאָן=באַוועגונג אַריבערגעזעצט אויפֿן רוסישן באָדן. אין זייער מאַניפֿעסט פֿאַלן זיי אָן אויפֿן בונד פֿאַר זײַן פּאָליטישער ריכטונג און מעלדן, אַז זיי ווילן אָננעמען אין זייערע רייען „מענטשן", צו וואָס פֿאַר אַ פּאַרטיי זיי זאָלן ניט געהערן. איך האָב געהאַט אין גאַנצן איין עקזעמפּלאַר און כ'האָב אים אָפּגעשיקט צו די חבֿרים אין שווייץ.

11 אין עטלעכע נומערן פֿון דעם דאָזיקן זשורנאַל און אויך אינעם Листок Рабочего Дела האָב איך געהאַט געדרוקט איבערבליקן איבער דער ייִדישער אַרבעטער=באַוועגונג.

12 וולאַד' קאָסאָווסקי איז יעמאָלט נאָך געווען אין בערן, קיין לאָנדאָן איז ער אַריבערגעפֿאָרן סוף 1901.

ווען איך וועל באַקומען אַ צווייטן עקזעמפּלאַר, וועל איך אײַך אָפּשיקן.

דאָס איז אַ טיפֿער קוריאָז, נאָר פֿאַר איינס אויך אַ טרויעריקע דערשײַנונג. מסתּמא וואַקסט דאָס פֿון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן.[13] עפּעס פֿון דעם מין האָט זיך אַגבֿ געשאַפֿן אין מאָסקווע אויך, איך האָב דאָס געהערט ערגעץ פֿאַרבײַגייענדיק, קיין פּרטים ווייס איך ניט. אָט זײַנען עס אַלע נײַסן פֿאַר דער דאָזיקער צײַט.

אײַער

אַל.

6

[לאָנדאָן 1902]

טײַערער פֿרײַנד!

דאָ איז אָנגעקומען אַ פּריוואַטער בריוו פֿון דווינסק. מען שרײַבט, אַז דעם 18טן אַפּריל[14] איז דאָרטן געווען אַ מאַניפֿעסטאַציע פֿון 2500 מענטשן. מען איז געגאַנגען איבער די גאַסן, געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער, אונטער אַ רויטער פֿאָן. מען האָט אַרויסגערופֿן מיליטער – אַכט באַטעריעס און פֿיר פּאָלקן פֿוסגייערס. מען האָט אַרעסטירט ביז 700 מענטשן. דעם 22טן אַפּריל האָט מען זיי געמישפּט, און אַ גרויסע שטראָף איז אַרויסגעקומען 3 חדשים תּפֿיסה. ס'זײַנען געקומען צו פֿאָרן קיין דווינסק פֿון ריגע 300 מאַן אַרבעטערס, נאָר מען האָט זיי ניט דערלאָזן און אומגעקערט צוריק. מען פֿאַרהאָפֿט נאָך אײַנצואָרדענען אַ מאַניפֿעסטאַציע דעם 1טן מײַ דעם רוסישן.

מען גיט איבער, אַז אין מאָסקווע האָט זיך געשאַפֿן אַ „פֿאַרבאַנד צו קעמפֿן פֿאַר אויפֿקלערונג". די פֿאָדערונגען: פֿרײַהייט פֿון פּרעסע, וואָרט, פֿרײַהייט פֿון לערנען, אָפּשאַפֿן די דערווײַליקע כּללים, אָפּשאַפֿן לײַבשטראָף אאַז"וו. זיי האָבן אַרויסגעלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע צו דער געזעלשאַפֿט און צו דער

13 בקרובֿ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די השערה איז געווען אַ פֿאַלשע. דער מחבר פֿון דער פּאַרטיי איז געווען זובאַטאָוו, דער שעף פֿון דער מאָסקווער אָכראַנע.

14 ערשטער מײַ לויטן נײַעם סטיל.

יוגנט. זיי ליגן פֿאַר, אַז די יונגע זאָלן דערוויַיל אָוועקוואַרפֿן דעם קאַמף און זיך גרייטן צו די קומעדיקע געשעענישן. אַט האָט איר אײַך די רוסישע ליבעראַלע „פֿאַרבאַנדן צו קעמפֿן״, וואָס ליגן פֿאַר דערוויַיל אַוועקוואַרפֿן דעם קאַמף.

אײַער כתבֿ־יד האָב איך באַקומען. וועגן אים וועל איך אײַך אָנשרײַבן שפּעטער, אָן אַנדערש מאָל. וואָס איז נײַס? פֿאַר וואָס שרײַבט איר ניט? ניט שוין זשע האָט איר ניט קיין אינפֿאָרמאַציעס.

שרײַבט נאָך אַ מאָל אָן קיין זשענעוו, מען זאָל אײַך צושיקן צײַטונגען צום רעצענזירן. שרײַבט אָן וועמען עס איז פּונעם קרײַזל. בעט, מען זאָל אײַך אויך צושיקן דאָס ביכל „די געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג״ און פֿלײַסט זיך צו פֿאַרקויפֿן עס בײַ אײַך אויך. איר וועט דאָס איבערגעבן דעם נײַ אָרגאַניזירטן קאָמיטעט, זיי וועלן דאָס פֿאַרקויפֿן, איר מעגט פֿאַרקויפֿן צו 40 סאַנטים. טוט דאָס ניט אַנדערש.

ביזן קומענדיקן בריוו.

אײַער

אַל.

7

[לאָנדאָן, סעפּטעמבער 1902]

טײַערער פֿרײַנד!

טויזנט מאָל בעט איך אײַך מוחל זײַן פֿאַר מײַן שווײַגן, כ׳וועל זיך ניט פֿאַרענטפֿערן, ניטאָ קיין פֿאַרענטפֿערונג דערפֿאַר. אמת, איך האָב זיך געקליבן אַ מאָל צען שוין צו שרײַבן אײַך, נאָר די קלייניקייטן פֿון לעבן פֿלעגן מיך אַלץ אָפּציִען.

אײַער אַרטיקל וועגן פֿראַנקרײַך וועט גיין אין דעם נומער, ער איז שוין כמעט אין גאַנצן איבערגעזעצט. ער איז צעטיילט אויף צוויי באַזונדערע אַרטיקלען: [1.] וואַלדעק־רוסאָס מיני־סטעריום, 2. די וואַלן אין פֿראַנקרײַך. מען מוז מודה זײַן, אַז ער איז אָנגעשריבן אַ ביסל אויבנאויפֿיק, ווײַזט אויס, איר האָט זיך אין גאַנצן ניט באַנוצט מיט די דײַטשע מקורים, ווי ראָזע לוקסעמ[בורגס] און פֿאַרוווּסעס אַרטיקלען. בײַ אײַך איז אַ שטייגער אין גאַנצן

ניט פֿונאַנדערגעאַרבעט די זייער וויכטיקע פֿראַגע וועגן דעם, צי איז די רעפּובליק געווען אין סכּנה. און דאָס איז דאָך געווען די קאַרדינאַלע פֿראַגע, וואָס מיט איר האָבן זיך אַזוי ברייט באַנוצט ביזן לעצטן מאָמענט די חסידים פֿון וואַלדעק־מיליעראַנס מיניסטעריום. די דאָזיקע פֿראַגע איז גראָד גוט פֿונאַנדערגעאַרבעט בײַ לוקסעמבורג. בײַ אײַך זײַנען פֿאַראַן עטלעכע אַפּיקורסישע ערטער וואָס ווײַזן אָן אויף אײַער מיינונג וואָס איז סאָלידאַריש מיט זשאָרעס' מיינונג וועגן דער טיילווײַזער פֿאַרווירקלעכונג פֿון סאָציאַליזם, וועגן אַרײַנשפּרענקלען אים אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט. די דאָזיקע ערטער זײַנען געביטן געוואָרן אין פֿאַרקערטן זינען. איך פֿאַרהאָף, אַז דאָס זײַנען פּשוט געווען ניט־געראָטענע צווייטײַטשיקע אויסדרוקן און איר וועט גאָרניט האָבן קעגן די שינויים אין די דאָזיקע ערטער.

אַזוינע ערטער זײַנען אַגבֿ זייער ווייניק, און שינויים זײַנען אויך אַרײַנגעטראָגן געוואָרן ניט קיין סך. פֿון דער אַנדער זײַט דאַרף מען אײַך אָפּגעבן מזל־טובֿ: איר האָט זיך אויסגעלערנט בעסער שרײַבן. איר שרײַבט איצטער מער sachlich, וואָס דאָס וואַרפֿט זיך ספּעציעל אין די אויגן, ווען מען זאָל פֿאַרגלײַכן מיטן אַרטיקל וועגן דעם צאַרס קומען קיין פֿראַנקרײַך [15] אײַער אַרטיקל וועגן אַליין־פֿאַרוואַלטונג איז נאָך ניט דורכגעקוקט, אין דעם נומער איז פֿאַר אים קיין אָרט ניטאָ. דער נומער וועט אַרויסגיין אין אַ וואָכן 3 אַרום. מיר ווע̄לן זיך פֿלײַסן איצטער אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל ווי מיגלעך אָפֿטער; איך ווייס נאָר ניט, אויף וויפֿל דאָס וועט זיך אײַנגעבן. מיר האָבן שרעקלעך ווייניק כּוחות. מיר איז שטאַרק געפֿעלן אײַער בריוו וועגן בונד אין Przegląd Social-Demokratyczny. [16] ס'איז שווער אין אַזאַ ניט קיין גרויסן בריוו בולטער אויסצומאָלן די

---

15 דער דאָזיקער אַרטיקל, אָדער ריכטיקער נאָטיץ, איז געווען געדרוקט אין דער „אַרבעטער־שטימע".

16 לויט אַרקאַדיס בקשה האָב איך אָנגעשריבן פֿאַר דעם דאָזיקן פּוילישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן זשורנאַל אַן איבערבליק איבער דער טעטיקייט פֿון בונד. איך האָב דאָרטן ווײַטער אויך געזאָלט דרוקן אַזעלכע „בריוו", נאָר עפּעס איז דערפֿון גאָרניט געוואָרן.

סאַמע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון אונדזער באַוועגונג. עס באַקומט זיך אַ געטרײַ און פֿאַר איינס באמת אַ גרויסאַרטיק בילד. פֿלײַסט זיך צו גיין ווײַטער אין דעם זעלביקן גײַסט, דאָס וועט ברענגען דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג ניט ווינציק נוצן.

איך וועל זיך פֿלײַסן איבערצוגעבן אײַך אין קורצע ווער-טער דעם אינהאַלט פֿונעם צווייטן אַרטיקל פֿון דער רעדאַקציע".[17]

די ייִדישע פֿראַגע איז אַ ברענענדיקע פֿראַגע שוין פֿון לאַנג אין פוילן. ס'האָבן זיך געפֿלײַסט זי צו פֿאַרענטפֿערן איינע נאָך די אַנדערע די פֿאָרשטייערס פֿון די הערשנדיקע סאָציאַלע גרופּעס. פֿאַרענטפֿערן זי האָט זיך בשעתו גענומען די פּוילישע שליאַכטע. איר ציל איז געווען צוצובינדן ייִדן צו די אינטערעסן פֿון דער „זשעטשפּאָספּאָליטאַ", פֿריִער אויף אײַנ-צוהאַלטן זי און דערנאָך אויף צו דערשלאָגן זיך, אַז זי זאָל צוריק אויפֿגעשטעלט ווערן.

נאָר די אַנטוויקלונג פֿונעם בירגערלעכן געפֿיל בײַ דער ייִדישער מאַסע, פּינקטלעכער געזאָגט, פֿונעם פּוילישן פּאַטרי-אָטיזם, האָט געדאַרפֿט פֿירן דערצו, אַז זיי זאָלן זיך פֿאַראינטערע-סירן מיטן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון לאַנד, [ס'האָט געדאַרפֿט] געבן זיי אַ מיגלעכקייט ניט נאָר צוצוקוקן זיך ווי זײַטיקע צו-זעערס, נאָר אויך צו נעמען אַן אָנטייל אין דעם דאָזיקן לעבן, האָבן זייער השפּעה אויף אים, און דאָס קען ברענגען צו רעזולטאַטן וואָס זײַנען ניט אין גאַנצן געווינטשן פֿאַר דער שליאַכטע, עס קענען זיך אויסקלאָרן און אַרויסווײַזן פֿאָדערונגען וואָס גייען להיפּוך צו דער קלאַסן-הערשאַפֿט פֿון דער שליאַכטע. זי האָט דעריבער אָן זעלבסטמאָרד ניט געקענט אַוועקשטעלן די דאָזיקע פֿראַגע, פֿאַרענטפֿערן זי אין דער גאַנצער ברייט. די שליאַכטע האָט זיך ניט ווילנדיק געמוזט אָפּשטעלן אַפֿילו ניט אויפֿן האַלבן וועג, נאָר בײַם סאַמע אָנהייב זײַנעם, פּונקט ווי מחמת דער זעלביקער סיבה האָט די זעלביקע שליאַכטע ניט געקענט אינעם זעלביקן זינען פֿאַרענטפֿערן די פּויערים-פֿראַגע אויך. אין דעם

---

17 אין Przegląd Social-Demokratyczny.

און אין יענעם (ייִדן־פֿראַגע און פּויערים־פֿראַגע) האָט די שליאַכטע געליטן אַ פֿולן פּיאַסקאָ. דאָס איינציקע, אויף וואָס זי האָט זיך באַשלאָסן, איז נאָר געווען צו „איידלען" (באַגאָבן מיט אַדלשאַפֿט) איינציקע ייִדן. דאָס שטרענגע שרעקבילד פֿון דער בפּירוש־דיקייט פֿון קלאַסנקאַמף האָט אָפּגעשטעלט די שליאַכטע אין איר פֿאַרלאַנג צו צעהאַקן דעם „גאָרדישן קנופּ": באַפֿרײַען ייִדן, געבן זיי גלײַכרעכטיקייט, און אויך באַפֿרײַען די פּויערים און מאַכן פֿון זיי פֿולרעכטיקע בירגערס האָט זיך ניט געקענט אײַנלייגן אין די ענגע ראָמען פֿון דעם אָנגעמערקטן ציל — אויפֿצוהאַלטן די „זשעטשפּאָספּאָליטאַ" אָדער צוריק אויפֿשטעלן זי. מיט דעם דאָזיקן וועג איז אפֿשר געווען מיגלעך זי צוריק אויפֿצושטעלן, אָבער דערבײַ האָט מען שוין געקענט אָנווערן די הערשאַפֿט פֿון אייגענעם קלאַס.

פֿאַרענטפֿערן די ייִדן־פֿראַגע האָט זיך גענומען דערנאָך אויף די צווייטע גרעסטע הערשנדיקע סאָציאַלע גרופּע — די בורזשואַזיע, די גרויסע און די קליינע. אין דעם פּרט האָט די בורזשואַזיע געמאַכט אַ גרעסערן טריט פֿאָרויס, בפּרט נאָך אַז די פֿראַגע וועגן אָפּטיילן פּוילן [פֿון רוסלאַנד] האָט זי אָפּגערוקט אויף אַן אומבאַשטימטן עתיד. די אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם האָט פֿאַרבונדן די אינטערעסן פֿון דער פּוילישער בורזשואַזיע מיט די אינטערעסן פֿון גאַנץ רוסלאַנד פֿון איין זײַט און מיט די אינטערעסן פֿון דער ייִדישער בורזשואַזיע אין פּוילן פֿון דער צווייטער. וואָס ס'האָט ניט געקענט אויפֿטון די שליאַכטע, דאָס האָט געטאָן דאָס לעבן גופֿא, די אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם. דער ייִדישער קאַפּיטאַל האָט געלאָזן וואָרצלען אין פּוילן און האָט דערמיט פֿאַרבונדן זײַנע אינטערעסן מיט די אינטע־רעסן פֿון לאַנד. אויב ניט ייִדן, האָט אָבער דער קאַפּיטאַל באַקומען גלײַכע רעכט, פֿון וואָסער אָפּשטאַם ער זאָל ניט זײַן. די סאָלידאַרישקייט פֿון די אינטערעסן פֿון ייִדישן און ניט־ייִדישן קאַפּיטאַל האָבן [!] זיך פֿאַרבונדן מיט די אינטערעסן סײַ פֿון די טיילן, סײַ פֿון גאַנץ פּוילן. דער ייִדישער קאַפּיטאַל איז געוואָרן, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, אַ פּאַטריאָט פֿון

זײַן פֿאָטערלאַנד. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער ייִדישער קאַפּיטאַל, אַזוי ווי דער פּוילישער, האָט אויפֿגעהויבן די ייִדן־פֿראַגע שוין [ניט] אין דער פֿאָרם פֿון אומבאַשטימטע, מטושטשע בירגערלעכע רעכט (אין זינען פֿון uobywatelnienie — דאָס הייסט פֿאַרוואַנדלען אין אַ פּוילישן אָביוואַטעל, בירגער, ס'האָט דעם פּשט פֿון בירגערלעכע רעכט בלײַבנדיק אין דער זעלביקער צײַט ייִדן), נאָר אין דער פֿאָרם פֿון אַסימילאַציע, וואָס דאָס באַטײַט שוין צונויפֿגיסן זיך, ד"ה אָפּווישן די אייגענע אייגנקייט ווי אַ ייִד, צונויפֿגיסן זיך מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג, איבערנעמען אַלע מינהגים, אײַנפֿירן, צענישטן דעם אייגענעם איך דעם נאַציאָנאַלן און פֿאַרבײַטן אים מיטן נאַציאָנאַלן איך פֿון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט (דאָס איז אַגבֿ מײַן אַרײַנשטעל, און אַן אַרײַנשטעל ניט אויפֿן אָרט). נאָר אויף דעם וועג האָט די בורזשואַזיע אויך געליטן אַ פֿיאַסקאָ. די גאַנצע טעטיקייט אין דער דאָזיקער ריכטונג האָט זיך געקענט רעדוצירן און האָט זיך רעדוצירט נאָר צו דער פֿאַרפּוילישונג פֿון איינציקע ייִדן – גרויסע און קליינע בורזשואַס. די ברייטע מאַסן פֿון די גרויסע און קליינע שטעט זײַנען געבליבן ניט־פֿאַרפּוילישט, מחמת זיי זײַנען געווען ניט גענוג אַרײַנגעצויגן אין די רייען פֿון דער קליינער און גרויסער בורזשואַזיע. אויף וויפֿל די אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם שטופּט אַראָפּ די בעלי־בתּימלעך אין די רייען פֿון די פּראָלעטאַריערס, אויף וויפֿל זייערע ערטער פֿאַרנעמען אַנדערע אָנקומערס פֿון די קליינע שטעטלעך, אויף אַזוי פֿיל שטערט די צוקומענדיקע כוואַליע ניט־פֿאַרפּוילישטע ייִדן דעם פּראָגרעס פֿון דער אַסימילאַציע. פּונקט ווי די שליאַכטע האָט זיך די בורזשואַזיע אויך אַרויסגעוויזן פֿאַר אוממעכטיק צו באַווירקן די כּסדר זיך פֿאַרגרעסערנדיקע רייען פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. אַרײַנפֿירן אין די ברייטע מאַסן אַרײַן אַסימילאַציע הייסט ווידער אַ מאָל צונויפֿבינדן זי [די מאַסע] מיט די געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע אינטערעסן פֿון דעם געגעבענעם לאַנד, הייסט אַרויסרופֿן אַ קלאַסנדיקע, פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק וואָס שטימט ניט מיט דער קלאַסנדיקער פּאָליטיק פֿון דער

בורזשואַזיע. אוממעכטיק אין פֿאַרענטפֿערן די ייִדן-פֿראַגע אויף דעם באָדן, איז דער אינטעליגענטערער טייל פֿון דער בורזשואַזיע, צי פֿון דער פּוילישער צי פֿון דער רוסישער, געוואָרן פּעסימיסטיש אין דעם פּרט, ער האָט אָנגעוווירן יעטווידער אינטערעס צו דער ייִדן-פֿראַגע. דער דאָזיקער גלײַכגילט האָט געבראַכט פֿון איין זײַט צו דער אַנטוויקלונג פֿון אַנטיסעמיטיזם, פֿון דער צווייטער [זײַט] צו דער באַלעבונג פֿונעם אוטאָפּישן ציוניזם. צי איינס צי דאָס צווייטע זײַנען צוויי סיאַמער צווילינגען וואָס זײַנען אַרויסגעוואַקסן פֿון איין אינאײַנעמדיקן וואָרצל, פֿונעם באַנקראָט פֿון דער בורזשואַזיע אין פֿאַרענטפֿערן די ייִדן-פֿראַגע. פֿאַרבינדן די אינטערעסן פֿון ייִדישן פֿאָלק [מיט פּוילן, דורכפֿירן] זײַן אַסימילאַציע וואָס איז ניט פֿאַרענטפֿערט געוואָרן דורך די בורזשואַזע פֿאָרשטייערס פֿון דער געזעלשאַפֿט האָט זיך גענומען דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט, און דער עיקר דער פּראָלעטאַריאַט דער ייִדישער גופֿא, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין אונדזערער אַ ברודער-פּאַרטיי „בונד“. וואָס ס'האָבן ניט געקענט אויפֿטאָן די פֿאָרגייערס, דאָס דאַרף אויפֿטאָן און וועט אויפֿטאָן דער „בונד“.

די עבֿודה פֿון „בונד“ איז צו פֿירן אַ ברייטע קלאַסנדיקע פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק, צו אָרגאַניזירן דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט צום קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם. נאָר די דאָזיקע טעטיקייט איז אין גרונט אַ טעטיקייט צו סאָלידאַריזירן די אינטערעסן פֿון פּוילישן און פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, צו פֿאַרבינדן די אינטערעסן פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט מיט די אינטערעסן פֿון לאַנד, ברייט אַוועקצושטעלן די קלאַסן-אינטערעסן פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט און דורכצופֿירן די דאָזיקע אינטערעסן אויפֿן באָדן פֿון די אינטערעסן פֿון געגעבענעם לאַנד, ווירקנדיק אויפֿן באָדן פֿון די דאָזיקע לאַנד-אינטערעסן לטובֿת די אייגענע קלאַסן-אינטערעסן. די דאָזיקע טעטיקייט, ווו און אויף וואָסער פֿעלד זי זאָל זיך ניט אַרויסווײַזן — צי אויפֿן עקאָנאָמישן פֿעלד אויף דער געגעבענער פֿאַבריק, צי אין אַ צווײַג אינדוסטריע, צי אין פּאָליטישער טעטיקייט — ברענגט תּמיד צו סאָלי-

דאַרישקייט אין די אינטערעסן פֿון דעם ייִדישן און דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. פֿון דעם מאָמענט וואָס דער „בונד" פֿירט זײַן קלאַסן־פּאָליטיק, פֿאַרטיידיקט ער דערמיט גופֿא ניט נאָר די אינטערעסן פֿונעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך פֿון פּוילישן. אויף אַזאַ אופֿן פֿירט דער „בונד" – צי ער וויל דאָס אָדער ער וויל ניט – אין דער אונטערשטער שורה צו סאָלידאַרישקייט אין די אינטערעסן פֿון פּראָלעטאַריאַט, און ממילא פֿירט ער צו אַסימילאַציע. וויכטיק איז ניט די פֿראַגע, צי אויף דער אָדער יענער שפּראַך ווערט געפֿירט די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קלאַסן־טעטיקייט, וויכטיק איז די טעטיקייט אין זיך גופֿא; און ווי באַלד זי ווערט געפֿירט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון די אינטערעסן פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט און אויפֿן געגעבענעם באָדן פֿון די אינטערעסן פֿון דעם געגעבענעם לאַנד, פֿירט זי דערמיט גופֿא צו אייניקונג. די אינטערעסן, די ריכטיק פֿאַרשטאַנענע, פֿון לאַנד, די אינטערעסן פֿון פּוילן זײַנען שוין די אינטערעסן פֿון „בונד" אויך. מען דאַרף דערפֿון ניט דרינגען, אַז די באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד" איז ניט נייטיק. זײַן פּרוכפּערדיקע טעטיקייט האָט אין גאַנצן באַרעכטיקט דעם raison d'être[18] פֿון זײַן עקזיסטענץ (ס'גייט אַן אַפּאָלאָגיע דעם „בונד"). פֿון די בריוו וועגן „בונד" זעט מען, ווי סאָלידאַריש עס טרעט אַרויס דער ייִדישער און דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט קעגן דער אָרטיקער עקספּלואַטאַציע און קעגן גוואַלד־מעשׂים מצד דער אָרטיקער מאַכט. שוין דערפֿון זעט מען, אַז עס קענען ניט זײַן אויף איין טעריטאָריע קיין צוויי אויטאָנאָמע פּראָלעטאַריאַטן און ס'קען זײַן נאָר איין פּראָלעטאַריאַט דאָרטן, וווּ ס'עקזיסטירט איין קאַפּיטאַליזם און איין קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם פֿאַרן סאָציאַליזם.

אַרויסגייענדיק דערפֿון מוזן מיר מודה זײַן, אַז מיר קענען ניט אײַנשטימען מיט דער רעזאָלוציע פֿון „בונד" צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע – וועגן אַ פֿעדעראַציע פֿון נאַציאָנאַליטעטן מיט אַ פֿולער אויטאָנאָמיע פֿאַר יעדערער פֿון זיי, אומאָפּהענגיק פֿון דער טעריטאָריע וואָס זי פֿאַרנעמט. מיר זאָגן זיך אַרויס

---

18 עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

קעגן ניט דערפֿאַר וואָס מיר זײַנען קעגן אַזאַ אומטעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, נאָר ווײַל דער „בונד" וועט קיין מאָל ניט זײַן בכּוח צו דערווײַזן די מיגלעכקייט פֿון פֿאַרווירקלעכן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זײַן געגליכן דערצו. ער וועט ניט זײַן בכּוח צו ווײַזן, ווי אַזוי וועלן ייִדן פֿירן אַן אָרטיקע פּאָליטיק, ווי אַזוי זיי וועלן אויטאָנאָם פֿאַרענטפֿערן אַן אַדמיניסטראַטיווע פֿראַגע אין די שטעט, די דירות־פֿראַגע אַ שטייגער אין לאָדזש? אָדער ווי אַזוי זיי וועלן אויטאָנאָם פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגעס פֿון דער אַדמיניסטראַציע פֿון גאַנצן לאַנד, וועגן בודזשעטן פֿון די שטעט און גמינעס אאַז"וו. גענוג צו דערמאָנען זיך וועלכע עס איז פֿון די וויכטיקסטע פֿראַגעס אין הילכות פּאָליטיק פֿון לאַנד, צײַגט מען זיך איבער, אַז ס'איז אוממיגלעך צו פֿאַרענטפֿערן זיי אויטאָנאָם פֿאַר יעטווידער נאַציאָנאַליטעט. ווען מען זאָל ייִדן געבן אַזאַ אויטאָנאָמע פֿעדעראַציע, וואָלטן זיי בלי־ספק ניט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט איר.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פֿראַגע ניט דערפֿאַר וואָס די פֿראַגע האָט באַקומען אין דער איצטיקער צײַט אַ ספּעציעלע פּראַקטישע ווערדע, נאָר מערניט דערפֿאַר וואָס ס'איז געוואָרן אַ פֿראַגע פֿון דיסקוסיע אין דער לעצטער צײַט. בדרך־כּלל האָט זיך קיין זאַך ניט געביטן. דער בונד האָט באַשלאָסן אין קיין זאַך ניט צו בײַטן זײַן טאַקטיק פֿון פּאָליטישער און סאָציאַליסטישער טעטיקייט. און די דאָזיקע טעטיקייט, ווי מיר האָבן געזען, פֿירט, ניט געקוקט אויף קיין שום רעזאָלוציעס, ניט צום שאַפֿן צוויי אויטאָנאָמע פּראָלעטאַריאַטן, נאָר פֿאַרקערט, צו אַן ענגער אייניקונג פֿון ייִדישן און פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, צו דער פֿאַראייניקונג פֿון די קלאַסן־אינטערעסן פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט מיט די אינטערעסן פֿון לאַנד, פֿירט, מיט איין וואָרט, צו אַסימילאַציע, פֿירט צום שאַפֿן איין פֿאַראייניקטן, סאָציאַליסטיש געשטימטן פּראָלעטאַריאַט צום קאַמף קעגן איין קאַפּיטאַליזם אין דעם געגעבענעם לאַנד. מיר זײַנען דעריבער זיכער, אַז אויך אויף להבא וועלן מיר אַרויסטרעטן שטענדיק סאָלידאַריש, וועלן שטענדיק זיך פֿרייען מיט אַלע דערגרייכונגען

פֿון „בונד“, וואָרעם דער נצחון פֿון „בונד“ איז אין דער זעלביקער צײַט דער נצחון פֿון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט אויך. אונדזער פּאַרטיי האָט אָנגענומען אויפֿן צוזאַמענפֿאָר אַזאַ רעזאָלוציע: „נעמענדיק אין אַכט, אַז דער „בונד“, דער ייִדישער אַרבעטער-בונד, טרעט אַרויס אין זײַן טעטיקייט סאָלידאַריש מיט די סאָציאַליסטן אין גאַנצן לאַנד און אַז ער איז די איינציקע קלאַסן-אָרגאַניזאַציע פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, אָנערקענט דער צוזאַמענפֿאָר דעם „בונד“, הגם ער איז ניט מסכּים מיט זײַנע קוקן אויף דער ייִדן-פֿראַגע, פֿאַר אַ זעלבשטענדיקער אונדז ברידערלעכער אָרגאַניזאַציע“. 19

איך האָב איבערגעגעבן, אפֿשר צו באַריכותדיק, דעם אינהאַלט פֿונעם אַרטיקעלע. איך פֿויל זיך אַרײַנצולאָזן זיך אין אַן אַנאַליז פֿון דעם אַרטיקל. כ'וועל נאָר זאָגן, אַז זיי האָבן אויבנאויפֿיק אַנאַליזירט די פֿראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם, צושרײַבנדיק אים, הגם ניט דער עיקר, צום פּעסימיזם פֿון דער אינטעליגענטער בורזשואַזיע אין איר ניט קענען פֿאַרענטפֿערן די ייִדן-פֿראַגע. דער אַנטיסעמיטיזם שטעקט אַ סך טיפֿער. דאָס זעט מען אויפֿן פֿראַנצייזישן אַנטיסעמיטיזם, ווו די אַסימילאַציע איז דערפֿירט ביזן סאַמע סוף. וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע זײַנען זיי ניט נאָר וואָס אויפֿנאויפֿיק, נאָר זיי האָבן זיך אַפֿילו ניט גענומען די מי צו פֿאַרשטיין די רעזאָלוציע [פֿון בונד]. זײַענדיק משמעות אַסימילאַטאָרן לויט זייערע איבערצײַגונגען (אַסימילאַטאָרן, דאַרף מען באַמערקן, איבער עפּעס טעמים נאָר בנוגע ייִדן, ניט בנוגע פּאָליאַקן), שפּילן זיי זיך מיטן וואָרט סאָלידאַרישקייט, גיבן אים צו דעם טײַטש אַסימילאַציע וואָס שטעקט גאָרניט אין אים. זײַענדיק אויכגעהאַלטן וואָלטן זיי געדאַרפֿט קומען צו די זעלביקע אויספֿירן בנוגע פּאָליאַקן, צו אַסימילאַציע פֿון פּאָליאַקן אין רוסלאַנד. אַסימילאַציע — אַ הויך וואָרט — רעדוצירט זיך בײַ זיי בעצם אויסשליסלעך צו פֿאַרפּוילישונג, אָבער ניט ווײַטער. אין זייער פּאַרקאָכטקייט

19 אָנגעשריבן אָט דעם היפּש געפּלאָנטערטן אַרטיקל האָט פֿעליקס דזערזשינסקי וואָס איז יעמאָלט, פֿון מײַ 1902, געווען אין אויסלאַנד.

קענען זיי, די [פּויליש] סאָציאַל-דעמאָקראַטן, אַפילו ניט דערלאָזן די מיגלעכקייט, אַז די ייִדישע מאַסן ווילן ניט אָפּווישן זייער נאַציאָנאַלע אינדיווידועלקייט און אָנטון דווקא אַ פּוילישן קאָסטיום. זיי, די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, קעגנערס פֿון פּוילנס אָפּטיילן זיך [פֿון רוסלאַנד], רוקן אַרויס פֿון אָפּשרעק וועגן די אינטערעסן פֿון לאַנד און די פּאָליטיק פֿון לאַנד אאַז״וו. אָפּזאָגן זיך פֿון אַסימילאַציע (אין פּינקטלעכן זינען פֿון וואָרט, ניט ווי ס׳איז דער .P. S. D ווייל געפֿעלן צו פֿאַרשטיין) הייסט, לויט זייער מיינונג, אײַנאָרדענען צוויי אויטאָנאָמע פּראָלעטאַריאַטן וואָס טרעטן ניט אַרויס סאָלידאַריש אין זייער אַלגעמיינער קלאַסן-פּאָליטיק. מ׳זוך אַסימילאַציע, מחוץ פֿאַרלירן דאָס אייגענע פּנים, מחוץ, פּינקטלעכער, פֿאַרפּוילישונג זעען זיי ניט און ווילן ניט זען קיין מיגלעכקייט פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן וואָס באַוווינען די געגעבענע טעריטאָריע צו אַרבעטן פּונקט אַזוי פּרוכפּערדיק סאָלידאַריש. זיי וווּלגאַריזירן[20] דעם באַטײַט פֿון סאָלידאַרישקייט, צוגעבנדיק איר דעם ענגן באַטײַט פֿון פֿולער הכנעה, פֿון צעגאַנגען ווערן אין אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט, אין דעם פֿאַל אין דער פּוילישער נאַציאָנאַליטעט, און אַזוי דערציִען זיי עס דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. ווען דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט זאָל געוועזן האָבן ווינציקער פּראַקטישן חוש, אַ ווייניקער ברייטן קלאַסנדיקן קוק, מער היציקן עגאָיִזם, וואָלט ער, הערנדיק אַזוינע רייד, גרינג געקענט קומען צום באַשלוס: אויב דו ייִד דרינגסט זיך ניט אַדורך מיט מײַנע נאַציאָנאַלע אייגנקייטן, ביסטו מיר אַ שׂונא און דו דאַרפֿסט באַזײַטיקט ווערן פֿון קאַמפּפֿעלד פֿון אונדזער טעטיקייט, מיט אַזוינעם האָבן מיר ניט און קענען ניט האָבן קיין שום שותּפותדיקס. „אָדער גיס זיך צונויף מיט אונדז, וואַרף אָפּ אַלץ וואָס כאַראַקטעריזירט דיך ווי אַ ייִדן, אָדער אַניט ביסטו ניט קיין סאָציאַליסט, און דו האַלטסט הייסט עס ניט מיט אונדז, דו פֿאַרשטייסט ניט דײַנע קלאַסן-אינטערעסן, דו טרעטסט ניט אַרויס סאָלידאַריש מיט אונדז, דו ביסט אַן אויטאָנאָמער פּראָ-

[20] אין אָריגינאַל: опошляют.

לעטאַריאַט, און ממילא מוזן מיר קעמפֿן קעגן דיר". נאָך ערגער האַלט מיט זייער פֿאַרשטיין די רעזאָלוציע [פֿון בונד]. זיי קענען ניט אַראָפּ פֿון זייער טעריטאָריאַלן שטאַנדפּונקט און ריידן וועגן דער פּאָליטיק פֿון די אויטאָנאָמע פֿעדעראַטיווע נאַציאָנאַליטעטן.

וועגן דעם האָט מען שוין ניט איין מאָל געשריבן, און ס'איז נודנע איבערצוחזרן דאָס אייגענע. איינס נאָר איז אינ־טערעסאַנט, אַז די P. S. D. האָט אָנערקענט (!) אונדזער באַזונ־דערע אָרגאַניזאַציע. איר וועט גרינג פֿאַרשטיין דעם קוריאָז פֿון אַזאַ אָנערקענונג מצד דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי. אַזוי שטעלן זיך עס מענטשן אויף שטאָלצן און מיינען, אַז אויף אַזאַ אופֿן ווערן זיי העכער.

וועגן זיך האָב איך ניט וואָס צו שרײַבן. איך האָב שוין לאַנג ניט קיין פּערזענלעך לעבן, ס'האָט זיך אין גאַנצן צונויפֿ־געגאָסן מיט אונדזער אָרגאַניזאַציע. אין דער לעצטער צײַט, ווי איר ווייסט פֿון בול' [21], גייען אַלץ פֿריילעכערע ידיעות פֿון רוסלאַנד. וואָס איז מיט אײַך? וואָס באַטײַט דער זאַץ: „בײַם פּערזענלעכן זען זיך", וואָס הייסט עס, אַז „בײַ מיר זײַנען פֿאָר־געקומען גרויסע שינויים".

אַל דאָס בעסטע אײַער אַל.
שרײַבט.

8

[1902 אָקטאָבער] London

טײַערער פֿרײַנד!

באַקומען אײַער בריוו. ער איז אַזאַ וואַרפֿיקער, ער ווײַזט, אַז איר קענט נאָך אַלץ ניט קומען צוריק צו גלײַכוואָג. וואָס איז מיט אײַך? איר זאָגט אַלץ צו אָנצושרײַבן, נאָר איר לייגט

---

[21] ס'רעדט זיך וועגן „בולעטין" וואָס האָט זיך פֿון אַפּריל ביז אָקטאָבער 1901 געדרוקט אויפֿן מימעאָגראַף אין בערן, דערנאָך אין לאָנדאָן אין דער דרוק. פֿון אים איז שפּעטער געוואָרן דער ברייט פֿאַרשפּרייטער אָרגאַן פֿון בונד „פּאָסלעדניִיאַ איזוועסטיִיאַ"; ס'זײַנען אַרויס 256 נומערן, ביז יאַנואַר 1906 איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף ייִדיש („לעצטע נאַכריכטן") און רוסיש; אין 1902 אויף פּויליש אויך.

אַלץ אָפּ פֿון בריוו צו בריוו. איר האָט געשריבן אויך וועגן אַ שאַרפֿן איבערבײַט, וועגן עפּעס פּלענער גראַנדיעזע און ניט־גראַנדיעזע, נאָר איר זײַט אַלץ יוצא מיט אָנצוהערעניש און רירט ניט אָן דעם מהות פֿון דער זאַך.[22] קלײַבט זיך אויס סוף־כּל־סוף און שרײַבט אָן. וועגן זיך האָב איך בפֿירוש ניט וואָס צו שרײַבן. קיין פּערזענלעך לעבן האָב איך ניט און האָב קיין מאָל ניט געהאַט. וואָס שייך צום געזעלשאַפֿטלעכן, שטעלט זיך עס צונויף פֿון אויספֿירן קליינע, ריין מעכאַנישע מאַניפּולאַציעס. דער קאָפּ אַרבעט ניט דערבײַ, און ס'איז נאָך בעסער אַזוי – שלעכט וואָלט געווען די אָרגאַניזאַציע וואָס וואָלט זיך גענייטיקט אין מײַן קאָפּאַרבעט.

אַן אַרטיקעלע וועגן די קוילן־גרעבערס איז נייטיק אי פֿאַר דער „אַרבעטער־שטימע" אי פֿאַרן „ייִדישן אַרבעטער". פֿאַר דער ערשטער ווי מיגלעך קירצער און קאָנדענסירטער, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן. צו דער צײַט, ווען איר וועט זיך נעמען און וועט אָנשרײַבן, וועט דער שטרײַק זײַן געענדיקט, בײַ די פֿראַנצויזן מאַכט זיך דאָך דאָס גיך, זיי צינדן זיך גיך אָן און ווערן ניט ווייניקער גיך פֿאַרברענט. דער פֿאַרנעם פֿון אַרטיקל דאַרף זײַן ניט מער ווי 3 שפּאַלטן פֿון קליינעם שריפֿט, מיט וועלכן עס דרוקט זיך איצט די „אַרבעטער־שטימע". פֿאַרן „ייִדישן אַרבעטער" מעג געווינטלעך זײַן גרעסער, נאָר פֿאָרט קען מען זיך ניט צו שטאַרק צעשרײַבן. מיר קלערן אַרויסצולאָזן אויף להבא אָפֿטער און ווייניקער בויגנס אין איטלעכן [נומער]; אַזוינע גרויסע אַרטיקלען ווי פֿריִער וועלן דאָרטן קיין אָרט ניט געפֿינען.

אויב איר מיינט צו שרײַבן „אַ בריוו פֿון פֿראַנקרײַך": יעמאָלט קענט איר פֿאַרשטייט זיך פֿאַרכאַפּן, אַחוצן שטרײַק, נאָך איין פֿראַגע, זאָל זײַן, ווי איר לייגט פֿאָר, די קלעריקאַלע אַגיטאַציע. אינעם אַרטיקעלע וועגן שטרײַק פֿאַרגעסט ניט, ניט אַנדערש, אָנצומערקן אויך וועגן די געלע סינדיקאַטן, אויפֿצוקלערן אויב ס'איז מיגלעך זייער אָפּשטאַם און דעם אונטערשלאַק

---

22 ס'איז געגאַנגען וועגן פּערזענלעכע איבערלעבונגען.

פֿון זייער טעטיקייט. דאָס איז אַ דערשײַנונג ביז גאָר אַן אינ־טערעסאַנטע פֿון דער לעצטער צײַט. אַן אָרגאַניזאַציע פֿון אַרבע־טערס וואָס אָנערקענען ניט קיין אָרגאַניזאַציעס! צי זײַנען דאָס ניט קיין „לומפּן־פּראָלעטאַריערס" וואָס פֿאַרקויפֿן זיך גרינג דעם צד אָדער יענעם?

ניט שוין זשע איז אַזוי שווער צו פֿאַרקויפֿן אַ וואָסערע אומגליקלעכע 10 בולעטינען? בײַ אײַך אין שטאָט זײַנען דאָך פֿאַראַן ניט ווינציק סטודענטן.

פֿאַר וואָס האָט איר ניט געשריבן אײַער מיינונג וועגן אַזאַ ברענענדיקער פֿראַגע — וועגן אָרגאַניזירטער נקמה. ווי אַזוי קוקט איר אויף דער דאָזיקער פֿראַגע, צו וועמען זײַט איר נוטה, צו דער קאָנפֿ[ערענץ] [23] אָדער צו אונדז?

איר בעט אָנשרײַבן אײַך וועגן מײַנע אײַנדרוקן [24]. דעם אמת זאָגנדיק זײַנען זיי זייער קנאַפּע, וואָרעם מיר איז כמעט ניט אויסגעקומען צו זען זיך מיט מענטשן. אויף וויפֿל איך האָב זיך באַגעגנט, איז דער אײַנדרוק ניט קיין פֿויגלדיקער. [25] מענטשן זוכן אַ וועג, שפּירן די נייטיקייט צו בײַטן די טאַקטיק, שטרײַכן אונטער ווי מיגלעך שאַרפֿער דעם פּאָליטישן עלעמענט, נאָר ס'זײַנען נאָך ניטאָ דערצו קיין פּאַסיקע אַגיטאַטאָרן, ניטאָ קיין אײַנגעוויינטקייט, ניטאָ אויף דעם פֿעלד קיין גענוג פֿעסט אײַנגעשטעלטע טראַדיציעס. אויב מען זאָל אײַנפֿירן די דאָזיקע נײַע טאַקטיק, און דאָס איז דאָך מער ווי נייטיק, דאַרף מען האָבן גאָר אַן אַנדער קאָנטינגענט אַגיטאַטאָרן, מיט אַ ברייטערן האָריזאָנט, וואָס פֿאָלגן נאָך נאָך צײַטונגען, און אַזוינע זײַנען

---

[23] דאָס הייסט: צי זײַט איר מסכּים מיט דער רעזאָלוציע פֿון דער V קאָנפֿערענץ פֿון בונד וועגן אָרגאַניזירטער נקמה מעשׂה ענטפֿער אויף לײַבשטראָף, אָדער איר האַלט מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אָרגאַניזירטער נקמה. אויפֿן V צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד (יוני 1903) האָט מנצח געווען דער שטאַנדפּונקט פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט.

[24] דאָ רעדט זיך וועגן דער אַלגעמיין־פּאַרטייִשער קאָנפֿערענץ, וואָס אויף איר איז ער געפֿאָרן אין מאַרץ 1902.

[25] אין אָריגינאַל: не ахтительное.

ניטאָ אויף דער ייִדישער שפראַך. דער אינעווייניקסטער איבער=בליק אין דער [אַרבעטער=]שט[ימע] באַקומט אַ גוואַלדיקע ווערדע, ער דאַרף געבן מאַטעריאַל די אַגיטאַטאָרן. ס׳האָט זיך געפֿילט עפעס אַ פֿאַרלוירנקייט בײַ די אַרבעטערס=אַגיטאַטאָרן, אַ דוחק אין מאַטעריאַל. דאָס טאָג=טעגלעכע לעבן אין יעטווידער שטאָט גיט טאַקע אין דעם פרט, איבער הויפט די לעצטע צײַט, אַ גוואַל=דיקן מאַטעריאַל, נאָר מען דאַרף אים קענען אויסניצן, אוטילי=זירן, קענען אַרײַנפֿירן אין דער אַלגעמיינער סיסטעם, באַלײַכטן מיט איין אַלגעמיינער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער שײַן. און דאָס איז ניט גרינג, ווען מען זאָל נעמען אין אַכט די ניט=גענוגקייט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. כּוחות דאַרף מען האָבן אַ מאַסע, און פֿאַראַן זײַנען זיי אַזוי ווינציק, אַזוי ווינציק — צעקאָכט צו ווערן! דערפֿאַר מאַכט אַ סך אַ בעסערן אײַנדרוק די מאַסע, אַפֿילו לויט די ווערטער פֿון די אַלטע רוטין=אַגיטאַטאָרן. ס׳האָט זיך אָנגעקליבן אַן אומענדלעכער סכום ברען=מאַטעריאַל, די רעוואָלוציאָנערע שטימונג פֿון דער מאַסע איז מחוץ ספֿק. די אַרבעט האָט אָפּגעטאָן אירס. ס׳האָט זיך געשאַפֿן עפעס גאָר אַ נײַע, ביז איצט ניט באַוווסטע וועלט פֿון באַגריפֿן און געפֿילן. הערט זיך אײַן, קוקט זיך אײַן אין די ידיעות וואָס פֿלייצן פֿון אַלע פֿאַרוואָרפֿענע העקן: וויפֿל לעבן, ענערגיע, גרייטקייט צום קאַמף, יוגנטלעכער ברען. דער געדאַנק אַרבעט אָן אויפֿהער, מען לייגט אַדורך נײַע וועגן, טייל מאָל ניט קיין ריכטיקע, זיגזאַגיקע, נאָר וויכטיק איז, וואָס מענטשן זוכן, באַרויִקן זיך ניט, ווערן ניט פֿאַרגליווערט. און דאָס איז דער בעסטער סימן פֿון וואַקסן, פֿון אַ שפֿע לעבנ=זאַפֿטן. די פֿאַרלוירנקייט, וואָס וועגן איר האָב איך גערעדט פֿריִער, האָב איך באַמערקט נאָך יעמאָלט — מיט אַ האַלב יאָר צוריק. און אַ האַלב יאָר אין לעבן פֿון בונד, און אין אַזאַ צײַט, אין אַ צײַט, ווען די רעגירונג שפאַנט אָן אַזוי אומדער=הערט אַלע אירע כּוחות אויף צו קעמפֿן מיט קראַמאָלע, באַטײַט זייער און זייער פֿיל אין לעבן פֿון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט דאָך שוין טאַקע גאַנץ שטאַרק אַ פנים פֿון אַן אמתן דוצל

פֿון צוויי כּוחות, און אין קאַמף, דערצו נאָך אין אַזאַ שאַרפֿן, צייַטיקן זיך מענטשן ניט פֿון טאָג, נאָר פֿון שעה. איך בין פֿול דעריבער מיט די סאַמע רעגן־בויגנדיקסטע האָפֿענונגען. ס׳קלעקט, איך קען זיך נאָך אַזוי פֿאַרטרוימען, און איך באַדאַרף תּמיד זייַן אויף דער ערד.

אייַער אַל.

איר קענט געוויינטלעך אויסגעבן 12–10 פֿ[ראַנק] אויף פּעריאָדישע אויסגאַבעס, אויף וויפֿל דאָס איז נייטיק פֿאַרן שרייַבן.

די גרינדונג פון בונד*

דער בונד איז געגרינדעט געוואָרן אין אָקטאָבער 1897. אַזוי איז אָנגענומען צו רעכענען. פּאַקטיש האָט דער ערשטער צוזאַמענפאָר אין ווילנע קיין נײַע אָרגאַניזאַציע ניט באַשאַפן. ער האָט נאָר פעסטגעשטעלט פאָרמעל דאָס וואָס ס׳האָט פאַקטיש שוין פריִער עקסיסטירט. וואָרעם פון 1895, און אפשר נאָך פריִער, זײַנען שוין די ייִדישע סאָציאַליסטישע גרופּעס פון צפון־מערב־געגנט געווען פאַרבונדן און קאָנצענטרירט אַרום ווילנע. דאָס איז אַרויסגעקומען פון זיך אַליין, אָן שום באַשטימונג. אין ווילנע האָט מען אַרויסגעגעבן העקטאָגראַפירטע ייִדישע ליטע־ראַטור פאַר מינסק, קאָוונע, ביאַליסטאָק, סמאָרגאָן אד״גל. אין ווילנע האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט דער ניט־פעריאָדישער זאַמל־בוך „דער ייִדישער אַרבעטער״ (פאַר דער גרינדונג פון בונד זײַנען אַרויס 2 ביכער: 1 און 2—3). געדרוקט האָט ער זיך אין אויסלאַנד, אָבער די פאַרטיקע עקזעמפּלאַרן זײַנען אָנגע־קומען אין ווילנע, און פון דאָרטן האָט מען זיי פאַרשפרייט איבער אַנדערע שטעט. ווילנע איז געווען דער צענטער פון די אַזוי גערופענע „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן״ וואָס האָבן אַרויס־געגעבן און פאַרשפרייט לעגאַלע ליטעראַטור פאַר אַרבעטער. אין ווילנע פלעגט מען צוזאַמענשטעלן און פון דאָרטן פאַר־שפרייטן אויך די אין אויסלאַנד געדרוקטע ביכלעך, וואָס זייער אינהאַלט איז געווען אַ „טרייפער״ און דער אויסזען אַ כשרער. למשל די בראָשור וועגן „אַרבעטסטאָג״ וואָס האָט געטראָגן דעם אומשולדיקן נאָמען „לאַנג און מאָגער״ און אויפן פאָדערבלאַט

---

* די הערות זײַנען פון דער רעדאַקציע.

איז געשטאַנען: ווילנע, אין דער דרוקעריי פון דער אַלמנה און ברידער ראָם, און אויף דער אַנדערער זייט דער באַוווסטער נוסח: „דאָזוואָליענאָ צענזוראָיו". ווילנער טאַקטיק איז געווען אָנגענומען אין אַלע סאָציאַליסטישע גרופּן פון געגנט. פון ווילנע האָט מען געשיקט טוער אין אַנדערע שטעט. קיין ווילנע פלעגט מען קומען זיך מישבֿ זיין וועגן פאַרשיידענע פּרינציפּיעלע און טאַקטישע פראַגן.

פאַר וואָס איז גראָד ווילנע געוואָרן דער צענטער? ווילנע האָט פאַרמאָגט אַ באַדייטנדיקע יידישע אַרבעטערשאַפט. ווילנע איז געווען אַ גרויסער יידישער קולטור־צענטער, מיט אַ סך יידישע אינטעליגענטע יוגנט וועלכע איז אַפילו געווען האַלב אַסימילירט, איז אָבער דאָך געשטאַנען נעענטער צו די יידישע מאַסן ווי אין וואַרשע. אין ווילנע איז געווען דער יידישער לערער־אינסטיטוט וועלכער האָט אויסגעטיילט יידישע סאָציאַליס־טישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, געווען ישיבֿות, וואָס זייערע תּלמידים זיינען געווען אָנקרייטיקער צו נייע אידעען ווי די חסידישע בחורימלעך פון די וואַרשעווער שטיבלעך, און די דאָזיקע ישיבֿה־בחורים, ווען זיי זיינען געוואָרן סאָציאַליסטן, איז זיי געווען לייכט זיך צונויפריידן מיט יידן פון דער מאַסע.

איך האָב געזאָגט, אַז די אויסלענדישע אומלעגאַלע ליטע־ראַטור פלעגט זיך דעמאָלט פאַרשפּרייטן פון ווילנע. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן צו גוטן אַ רוסישער דייטש, בוכהאָלץ, וואָס האָט צוליב פּאָליטישע סיבות עמיגרירט קיין בערלין. דער דאָזי־קער בוכהאָלץ איז אַליין געווען אַ קריסט, אַ פרוי האָט ער געהאַט אַ יידישע. ער האָט געהאַט אַ גרויסן אינטערעס פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד, באַזונדערס פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און ער האָט דעמאָלט און אַ סך יאָרן שפּעטער אונדז געהאָלפן איינאָרדענען דעם טראַנספּאָרט. ווו דער דאָזיקער בוכהאָלץ געפינט זיך איצט, ווייס איך ניט; איך ווייס ניט אַפילו, צי לעבט ער נאָך. דער טראַנספּאָרט איז דעמאָלט געגאַנגען דורך געוויינטלעכע קאָנטראַבאַנדיסטן וואָס האָבן געטאָן זייער אַרבעט פאַר געלט. איינער פון זיי,

אַ ייִד, האָט געוווינט אין ווילנע, און מיט אים בין איך געווען דירעקט פֿאַרבונדן.[1]

ובֿכן האָט דער בונד, ווי אַ פֿאַרבינדונג פֿון ייִדישע סאָציאַליסטישע גרופּן (געווען אַפֿילו קאָמיטעטן) אין ליטע, ווײַס־רוסלאַנד און פּוילן שוין עקסיסטירט מיט עטלעכע יאָר פֿאַרן 1897. זייער ערשטער צוזאַמענפֿאָר האָט נאָר געגעבן אַ נאָמען אַ קינד וואָס איז שוין פֿריִער געבוירן געוואָרן.

אויף וויפֿל איך געדענק, איז דער געדאַנק וועגן צונויפֿרופֿן אַ צוזאַמענפֿאָר געבוירן געוואָרן זומער 1897.[2] אין מײַ בין איך געפֿאָרן קיין אויסלאַנד, געשיקט פֿון אונדזער קאָמיטעט אין ווילנע און פֿונעם פּעטערבורגער „פֿאַרבאַנד צום קאַמף פֿאַר באַפֿרײַען דעם אַרבעטער־קלאַס". וואָרעם איר דאַרפֿט וויסן, אַז ווילנע איז דעמאָלט געווען אַ צענטער ניט בלויז פֿאַר דער ייִדישער, נאָר אין אַ געוויסער מאָס פֿאַר דער גאַנצער יונגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד בכלל. די רוסישע אומלעגאַלע ליטעראַטור פֿון אויסלאַנד איז געגאַנגען דורך ווילנע. די ווילנער מעטאָדן פֿון מאַסן־אַרבעט וואָס זײַנען געווען פֿאָרמולירט אין מײַן בראָשור „אַ בריוו וועגן אַגיטאַציע"[3] זײַנען דעמאָלט געווען אָנגענומען אויך אין פּעטערבורג, מאָסקווע און קיִעוו. מיט פּעטערבורג זײַנען מיר געשטאַנען אין אַן ענגער פֿאַרבינדונג. פֿון מאָסקווע, געדענק איך, איז געקומען איינער צו אונדז נאָך ליטעראַטור; איבערגעלייענט בײַ אונדז דעם „בריוו וועגן אַגיטאַציע", האָט ער אים העקטאָגראַפֿירט אין רוסיש פֿאַר מאָסקווע.

איך בין געפֿאָרן קיין אויסלאַנד אין שליחות פֿון פּעטערבורג און ווילנע, פֿון די ייִדישע און רוסישע ס"ד. מען האָט מיך געשיקט צו דער „גרופּע פֿון אַרבעט־באַפֿרײַונג" (פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד און וויערע זאַסוליטש). איך האָב זיך געדאַרפֿט

---

[1] זע ז' 170 א"ו.

[2] זע אויבן ז' 85 א"ו.

[3] זע אויבן ז' 77 און זז' 293—321.

צונויפֿריידן מיט זיי וועגן אַ ריי ענינים; צווישן אַנדערע, זיי זאָלן זײַן אָפּיציעל די פֿאַרטרעטער פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פֿאַר אויסלאַנד, אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן אד"גל. די גרינדער פֿון רוסישן מאַרקסיזם האָבן מיך געשטעלט אַ האַרבע שאלה: ווי זאָלן מיר אײַך פֿאַרטרעטן, אַז איר זײַט נאָך צווישן זיך ניט פֿאַרבונדן? פֿאָרמעל איז נאָך דערווײַל ניטאָ וואָס צו פֿאַרטרעטן... די שאלה איז מיר שטאַרק אַרײַן אין מוח.

איך בין אין דער שווייץ פֿאַרבליבן אַ גאַנצן זומער. אויסער דער אויבן דערמאָנטער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויפֿגאַבע האָב איך אין אויסלאַנד געהאַט נאָך אַן אויפֿגאַבע, אַ טעכנישע: אויס־לערנען זיך צינקאָגראַפֿיע; מיר האָבן עס געדאַרפֿט האָבן פֿאַר אונדזער אומלעגאַלער טעכניק. דער ווילנער קאָמיטעט האָט נאָך דעמאָלט ניט געוווּסט, אַז י. מ. קאַפּלינסקי מיט זײַנע נאָענטע חבֿרים קלערן וועגן שטעלן אין ווילנע אַן אומלעגאַלע דרוקערײַ. אין אויגוסט יענעם יאָר איז אין ציריך פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿע־רענץ וועגן שוצגעזעצן פֿאַר אַרבעטער. אויף דער קאָנפֿערענץ זײַנען חוץ ס"ד געוועזן אויך „קריסטלעך־סאָציאַלע" פֿון עסטרײַך. איך בין געוועזן אויף דער קאָנפֿערענץ (ניט אַלס דעלעגאַט, פֿאַרשטייט זיך), און האָב וועגן דעם געגעבן אַן אַרטיקל אין דער „אַרבעטער־שטימע" (נומ' 3–4), 4 וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין ווילנע. אין דער שווייץ האָב איך געזען דעם ערשטן נומער „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ", וועלכער איז נאָר וואָס אַרויס אין קיִעוו. מיר האָבן זיך אַלע שטאַרק דער־פֿרייט מיט אים.

די פֿראַגע: פֿאַר וואָס זײַט איר ניט פֿאַרבונדן? איז מיר אָבער די גאַנצע צײַט פֿון זינען ניט אַרויס; און ווען איך בין סוף אויגוסט צוריקגעקומען קיין ווילנע, האָב איך וועגן דעם גערעדט מיט די נאָענטע חבֿרים. איך האָב פֿאָרגעלייגט אָנהייבן פֿון די ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס וואָס זײַנען געווען

---

[4] ווײַזט אויס, אַז דאָ האָט ארקאַדין אָפּגענאַרט דער זכּרון; ער האָט משמעות געשריבן דער אַרטיקל אין „ייִדישן אַרבעטער" נג' 4—5 (אָפּ־געדרוקט זז' 322–324 אין דעם איצטיקן זאַמלביך).

צווישן זיך ענגער פאַרבונדן. געווען אין וואַרשע, האָב איך וועגן דעם גערעדט מיט דזשאָנען (מיל). די אידעע איז געווען פּאָפּולער, אין אַ משך פון עטלעכע וואָכן איז זי אויסגעפירט געוואָרן. עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט ניט אום שאַפן אַ נײַעס, נאָר אום אַרײַנגיסן אין אַ באַשטימטער פאָרמע דאָס וואָס האָט שוין עקסיסטירט.

וועגן דעם גרינדונגס=צוזאַמענפאָר גופא קען איך דערציילן ניט פיל. מען האָט שוין וועגן דעם אַ סך געשריבן, און איך קאָן אַליין ניט געדענקען אויך. דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אויף עטלעכע דירות. איינע איז געווען אויף מיליאָנע גאַס, לעבן דער ברייטער.[5] די טעכנישע זײַט האָט אײַנגעאָרדנט אונדזערער אַ חבר, אַן אָנגעשטעלטער אין סעגאַלס אַפּטייק=געשעפט.[6] דעלעגאַטן זײַנען געווען ווייניק. פון ווילנע — וולאַדימיר קאָסאָווסקי, טאַראַס (דוד קאַץ) און איך; פון וואַרשע — דזשאָן און, מיר דוכט זיך, אַז צבֿיה גורוויטש (די זעמשערקע); ווי אַנדערע זאָגן, איז דער צווייטער געווען ליאָליע גאָלדמאַן (שפּעטער — לעאָנטיעוו, אַקים, געווען אַ מיטגליד פון צ״ק פון דער רוסלענדער ס״ד פּאַרטיי, ליבערס מיטעלער ברודער), וואָס האָט געענדיקט די ווילנער האַנטווערקער=שול און איז אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע צוליב סאָציאַליסטישער אַרבעט. פון קאָוונע — ליזע, אַלטער דעם בערשטערס ווײַב; פון מינסק — פּאַוועל בערמאַן; פון ביאַליסטאָק — ראָזע גרינבלאַט — (הײַנט אַבערסאָן, אַ ציוניסטקע, וווינט אין זשענעוו); פון די בערשטער וועלכע זײַנען שוין דעמאָלט ניט=פאָרמעל געווען אָרגאַניזירט אין אַ פאַרבאַנד — אַבֿרהם (וואָלף אַלעקסאַנדריסקי, הײַנט אין אַמעריקע).[7] מיר דוכט, אַז מיר האָבן אײַנגעלאַדן די אויסלענדער, נאָר זיי האָבן קיינעם ניט געשיקט.

---

5 ווײַזט אויס, אַז דאָרטן זײַנען געווען נאָר זיצונגען אין דער צײַט פון די הכנות צום צוזאַמענפאָר.

6 יעקבֿ ראָזנטאַל.

7 די אומפּינקטלעכקייטן אינעם אָנגערופענעם צוזאַמענשטעל פון די דעלעגאַטן דאַרף מען פאַרריכטן לויט פּ. קורסקין (זז׳ אויבן 86—91) און ד. מילן (זז׳ 161—163).

געבן די אָפֿיציעלע סאַנקציע, מען האָט בלויז געדאַרפֿט פֿאַראייניקן אין איין קערפּערשאַפֿט די אַלע עקסיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס. און דאָס האָט בלויז געקאָנט טאָן אַ צוזאַמענפֿאָר, אויף וועלכן די פּאַרטיי זאָל געגרינדעט ווערן.

דער דאָזיקער צוזאַמענפֿאָר איז זיך צונויפֿגעקומען דעם 8טן אָקטאָבער 1897 און האָט אָפּגעהאַלטן זײַנע זיצונגען דרײַ טעג נאָך אַנאַנד.

די דעלעגאַטן און דאָס אָרט

אין דעם גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר פֿון די ייִדישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין דעם בוידעמשטיבעלע פֿון יעקבֿ ראָזענטאַל אויף לוקישקעס אין ווילנע האָבן זיך באַטייליקט דרײַצן דעלעגאַטן.

צען פֿון זיי זײַנען מער אָדער ווייניקער געווען טעטיק אין ווילנע אין די פֿריִערדיקע יאָרן און זײַנען פֿון ווילנע צעשיקט געוואָרן אין אַנדערע שטעט, וווּ זיי האָבן געגרינדעט און אָנגעפֿירט די ייִדישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס.

להיפּך צו אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פֿון דעמאָלטיקן רוסלאַנד איז דער סאָציאַלער כאַראַקטער פֿון די אָנטייל־נעמערס אין דעם בונדישן גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר געווען אין גרעסטן טייל אַ פּראָלעטאַרישער. פֿון די דרײַצן דעלעגאַטן זײַנען געווען פֿינף אינטעליגענטן: קרעמער, קאָסאָווסקי, מוטניק (אָדער, ווי מען האָט אים גערופֿן אַנדערש, מוטניקאָוויטש), בערמאַן,[1] מיל. די אַנדערע זײַנען געווען אַרבעטערס: דוד קאַץ (אַ זעמשער), הירש סאָראָקאַ (אַ סטאָליער), לעאָן גאָלדמאַן (אַ טאָקער אָדער גראַווירער), מערע זשאָלודסקי (אַ נייטאָרין), הלל קאַץ־בלום (אַ פֿאַבריק־אַרבעטער), רייזל גרינבלאַט (אַ וועבע־

[1] לויט דער אינפֿאָרמאַציע פֿון פּ. קורסקין (זע אויבן ז׳ 90) איז פּאַוועל בערמאַן געווען אַ שלאָסער. — רעד׳.

באַטראַכטן די פֿראַגע אין זייערע אָרגאַניזאַציעס און געבן אַן ענטפֿער.

דער צ"ק האָט זיך פֿון אָנהייב געפֿונען אין ווילנע. אָבער באַלד האָט מען דאָרט אַרעסטירט די חבֿרטע פּאַטי (איצט — מײַן פֿרוי) [8] און איך בין געצוווּנגען געווען אַריבערצופֿאָרן קיין מינסק. אָבער פֿאַר מינסק בין איך נאָך געווען אין פּעטערבורג. איך האָב אָפּגעפֿירט אַהין אומלעגאַלע ליטעראַטור און האָב דאָרטן איבערגעגעבן וועגן גרינדונג פֿון בונד. אין דער זעלביקער צײַט איז אונדזער דרוקערײַ אַריבער פֿון ווילנע אין מינסק. אָבער אין מינסק איז אויך פֿאַר איר קיין זיכערער אָרט ניט געווען, און זי האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין באָברויסק. וולאַדימיר האָט נאָך אַ לענגערע צײַט געוווינט אין ווילנע. ער איז אַריבערגעפֿאָרן אין מינסק ערשט אין מערץ 1898.

אין וואָס איז באַשטאַנען די אַרבעט פֿון צ"ק? ער האָט זיך איבערגעשריבן מיט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַגירט די „אַרבעטער-שטימע", אַרויסגעגעבן אין ייִדיש און רוסיש אַ בונדישע פּראָקלאַמאַציע צום ערשטן מײַ, אָפּגעדרוקט די רוסישע פּראָקלאַמאַציע פֿון דער נאָר וואָס געגרינדעטער רוסלענדער ס"ד פּאַרטיי, אַרויסגעגעבן אין רוסיש און ייִדיש מאַרטאָווס בראָשור „דער חלום פֿון אַ מיניסטער". די מײַ-בלעטלעך און מאַרטאָווס בראָשור האָט אָפּגעפֿירט קיין לאָדזש אַבֿרהם דער בערשטער. דער צ"ק האָט דעמאָלט אויך אַרויסגעגעבן אַ בראָשור: „די מלחמה פֿון פּפּ"ס קעגן בונד". ווי באַוווּסט, האָבן די פּפּ"ס וועלכע האָבן דעמאָלט געאַרבעט אויך צווישן די ייִדישע אַרבעטער באַגעגנט די גרינדונג פֿון „בונד" מיט זייער אַ בייזער רעזאָלוציע.

אין אונדזער דרוקערײַ אין באָברויסק האָבן זיך דעמאָלט אויך געדרוקט בלעטלעך פֿאַר אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, צווישן אַנדערע אַ פּאָר פּראָקלאַמאַציעס פֿאַר וואַרשע. אין באָברויסק

---

8 פּאַטי איז אַרעסטירט געוואָרן — זע אויבן ז' 57 — מיט אַ פּאָר וואָכן פֿאַר דעם גרינדונגס-צוזאַמענפֿאָר.

איז אויך געדרוקט געוואָרן דער מאַניפעסט פון דער רוסלענדער ס"ד פּאַרטיי.

אין אונדזער אַרבעט האָבן אונדז געהאָלפן די ח"ח: אַ. פין, פּאַוועל בערמאַן און גוטערמאַן, וועלכע האָבן דעמאָלט געוווינט אין מינסק.

אַ סך אַרבעט האָט דער צ"ק אָפּגעגעבן אויף צונויפרופן דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער ס"ד פּאַרטיי. די אידעע וועגן אַזאַ צוזאַמענפאָר איז אַרויסגעגאַנגען גלייכצייטיק פון „בונד" און פון קיעווער „פאַרבאַנד צום קאַמף פאַר באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס". די פּיאָנירן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געפירט סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע נישט בלויז צווישן יידן, נאָר אויך צווישן פּאָליאַקן און ליטווינער. די שפּראַך איז געווען רוסיש. טימאָפיי (צמח קאָפּעלזאָן, איצט אין אַמעריקע) און איך האָב געפירט קרייזלעך פון רוסישע אָפּיצירן און פוילישע אַרבעטער (שוסטער). אַז מיר זיינען געווען פאַרבונדן מיט רוסישע שטעט, איבער הויפּט מיט פּעטער־בורג, האָב איך שוין ניט איין מאָל דערמאָנט. איז אונדז איינגע־פאַלן, אַז מע דאַרף די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד פאַרבינדן אין איין פּאַרטיי, פּונקט ווי דער בונד האָט פאַרבונדן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. אין דער זעלביקער צייט איז די דאָזיקע אידעע געבוירן געוואָרן אויך אין קיעוו. די קרייזלעך־באַוועגונג האָט זיך דאָרטן דעמאָלט צעוואַקסן; מען האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ברייטער אין די מאַסן. די אָרטיקע גרופּע סטודענטן ס"ד מיט אַדעלמאַן [איידלמאַן?] בראָש האָט געאַרבעט זייער טיכטיק. זי האָט זיך פאַרבונדן מיט קאַטערינאָסלאַוו, ניקאָלאַיעוו, אַדעס און אייניקע אַנדערע אַרבעטער־צענטערס אין דרום. זי האָט געהאַט נאָענטע באַציִונגען מיט פּעטערבורג און די לעצטע צייט מיט אונדז אויך.

די דרוקעריי פון „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ", וואָס איז שפּע־טער אַרעסטירט געוואָרן אין קאַטערינאָסלאַוו, האָבן די קיעווער אויך גענומען ביי אונדז. די מעשה איז אַזוי געווען: אונדזערע זעצער וואָס האָבן געאַרבעט ביי סירקינען אין שריפטזעצעריי אין

ווילנע האָבן שוין לאַנג, לויט מײַן דירעקטיוו, געקליבן רוסישע שריפֿט. געקליבן און סאָרטירט האָט מען עס בײַ מנקר סאָלאָמאָן (איינער פֿון די ערשטע ייִדישע אַרבעטער וואָס זײַנען צוגעשטאַנען צום סאָציאַליזם). אַז עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּשע ביסל שריפֿט, האָבן מיר עס אַרײַנגעלייגט אין בלעכענע קעסטעלעך און פֿאַרגראָבן אין באַרג לעבן פּייטער־קלויסטער אויף אַנטאָקאָליע. ווען מען האָט געדאַרפֿט האָבן שריפֿט פֿאַר דער „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ", האָבן מיר אויסגעגראָבן אונדזערע קעסטעלעך (אונדזערע אָפּיצירן האָבן אונדז געהאָלפֿן) און אַוועקגעפֿירט אין קיִעוו.

ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין קיִעוו קלערט מען אויך וועגן גרינדן אַ רוסלענדער ס"ד אַרבעטער־פּאַרטיי, בין איך געפֿאָרן אין פּעטערבורג און דערנאָך אין קיִעוו זיך דורכריידן. אין קיִעוו האָב איך זיך געזען מיט די חבֿרים: איידלמאַן, טוטשאַפּסקי, ראָזנבערג, און מיר זײַנען געקומען צו אַ הסכּם. די טעכנישע זײַט האָט אויף זיך גענומען דער בונד, און דער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען אין מינסק די ערשטע טעג פֿון מערץ 1898.

דעלעגאַטן זײַנען געווען זייער ווייניק. פֿון פּעטערבורג – ראַדטשענקאָ, פֿון מאָסקווע – איין דעלעגאַט; זײַן נאָמען געדענק איך נישט. מיר דוכט, אַז ער איז געקומען צו פֿאָרן שוין צו די לעצטע זיצונגען. פֿון קיִעוו – איידלמאַן און טוטשאַפּסקי, פֿון קאַטערינאָסלאַוו – פּעטרוסעוויטש, פֿון בונד – גליעב און איך, פֿון אויסלאַנד איז געקומען טעסלער, אָבער צוליב פֿאַרשיידענע סיבות האָט ער ניט באַוויזן צו זײַן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר. מען האָט אײַנגעלאַדן די ליטווינער. אונטערהאַנדלונגען מיט זיי האָט געפֿירט וולאַדימיר. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט. זיי איז געווען קנאַפּ צו זײַן אַן אויטאָנאָמער טייל פֿון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי; זיי האָבן געפֿאָדערט, די גאַנצע פּאַרטיי זאָל געבויט ווערן אויף פֿעדעראַטיווע יסודות. זיי האָבן דוכט זיך אויך געפֿאָדערט, די פּאַרטיי זאָל אָנערקענען אַ טעריטאָריאַלע אויטאָ־

נאָמיע פֿאַר ליטע. אָבער דאָס געדענק איך ניט קלאָר. די פּפּ"ס האָט מען ניט איינגעלאַדן.

ווי אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד, האָט מען אויף דעם גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רוסלענדער ס"ד פּאַרטיי אויך כמעט ניט גערעדט וועגן פֿראַגן פֿון פּראָגראַם און טאַקטיק. מען האָט איבערגעגעבן דעם פּעטערבורגער דעלעגאַט ראַדטשענקאָ, ער זאָל צושטעלן אַ פּראָיעקט פֿון אַ מאַניפֿעסט, וועלכן דער צ"ק זאָל רעדאַגירן. מער ווי אַלץ האָט מען גערעדט וועגן פֿראַגן פֿון אָרגאַניזאַציע. דער בונד האָט באַקומען די רעכט פֿון אַן אויטאָנאָמען טייל. מען האָט אויסגעקליבן אַ צ"ק פֿון דריי: ראַדטשענקאָ, איידלמאַן און איך.

די קיִעווער דעלעגאַטן האָבן פֿאַרשלעפּט קיין מינסק שפּיאָנען [9]. אין מינסק גופֿא האָט מען קיינעם ניט אַרעסטירט. אָבער גלייך נאָכן צוזאַמענפֿאָר האָט מען אין קיִעוו און קאַטע־רינאָסלאַוו אַרעסטירט די דעלעגאַטן און כמעט אַלע אָנגעזעענע טוער וואָס זיינען מיט זיי געווען פֿאַרבונדן. אין קאַטערינאָ־סלאַוו האָט מען אַרעסטירט די דרוקעריי פֿון „ראַבאָטשאַיאַ גאַ־זעטאַ", וועלכע איז נאָר וואָס אַהין אַריבער. איידלמאַן איז אַרעסטירט געוואָרן, און אין צ"ק זיינען געבליבן נאָר צוויי: ראַד־טשענקאָ און איך. ראַדטשענקאָ האָט באַשטעלט אַ מאַניפֿעסט ביי סטרוווען, און אין גיכן האָט מען מיר דעם מאַניפֿעסט צו־געשיקט. ער איז מיר שטאַרק ניט געפֿעלן געוואָרן, ניט לויטן גייסט, ניט לויטן טאָן. איך בין געווען אין פּעטערבורג, האָב אָנגעוויזן סטרוווען אויף די ערטער וואָס מע דאַרף איבערמאַכן, ראַדטשענקאָ האָט געשטיצט סטרוווען.

סטרווע האָט עפּעס איבערגעמאַכט, אָבער ניט ראַדיקאַל. מיר האָבן דעם מאַניפֿעסט אָפּגעדרוקט. [10] אין גיכן איז ראַד־

[9] זע אויבן ז' 190.

[10] פֿון פּ. קירסקיס אַן אינפֿאָרמאַציע: די פּאַרטיי האָט געזאָלט הייסן РСДП (רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי); סטרווע האָט געפֿאָדערט, דער נאָמען זאָל זיין РСДРП (רוסלענדער ס"ד אַרבעטער־פּאַרטיי), ארקאַדי האָט איינגעשטימט, זיכער מיטן הסכּם פֿון צ"ק, און אַזוי איז געבליבן.

טשענקאָ אָפּגעשטאַנען. ער איז ערגעץ ווו אַוועקגעפאָרן און האָט ניט געגעבן צו וויסן וועגן זיך. בעת איך בין שפּעטער געווען אין פּעטערבורג, האָב איך שוין געפירט אונטערהאַנד־לונגען מיט ליבערס עלטערן ברודער איסאַק גאָלדמאַן (שפּעטער איגאָריעוו). אַזוי איז פון אויסגעוויילטן צ״ק געבליבן נאָר איין מענטש, ס׳איז ניט געבליבן קיין צ״ק.

אין יולי 1898 האָט זובאַטאָוו פאָרגענומען די ערשטע „ליקווידאַציע״ פון בונד. אין אונדזער גאַנצן ראַיאָן זײַנען פאָר־געקומען גרויסע אַרעסטן. צווישן אַנדערע איז אַרעסטירט גע־וואָרן דער צ״ק פון בונד (וולאַדימיר, גליעב און איך). ס׳איז אַרעסטירט געוואָרן אויך אונדזער דרוקערײַ אין באָברויסק.

דאָס איז אַלץ, וואָס איך געדענק וועגן דער גרינדונג פון בונד אין זײַנע ערשטע שריט.

[1921]

ל. מאַרטאָוו אין ווילנע

אַ ביסל זכרונות

באַקענט האָב איך זיך מיט מאַרטאָוון אין 1893, בעת ער איז געקומען קיין ווילנע, אַרויסגעשיקט פֿון פּעטערבורג צוליב פּאָליטישע חטאים. אין ווילנע איז מאַרטאָוו (זײַן אומלעגאַלער פּסעוודאָנים איז דעמאָלט געווען „אַלעקסיי") געבליבן אויף פּאָליציי־אויפֿזיכט צוויי יאָר צײַט.

ס'איז שווער צו ריידן וועגן דעם יונגן 20יאָריקן סטודענט מאַרטאָוו פֿון 1893 ווי וועגן אַ פּאָליטישן טוער. דאָס איז געווען אַ מענטש ערשט אין פּעריאָד פֿון פֿאָרמירן זיך, פֿון אויסקריסטאַליזירונג. אין גאַנצן איז ער דעמאָלט געווען פֿאַר־כאַפּט פֿון אידעיִשן קאַמף צווישן דעם נאָך גאָר יונגן רוסישן מאַרקסיזם מיט דער „נאַראָדניטשעסטוואָ". מיט אָט דעם קאַמף האָט מאַרטאָוו דעמאָלט געאָטעמט.

מאַרטאָווס ראָלע אין דער דעמאָלטיקער ווילנער באַוועגונג איז געווען בלויז אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישע. צו דער אָרגאַניזאַ־ציאָנעלער אַרבעט האָט ער געהאַט אַ קנאַפּע שײַכות, איבער הויפּט צוליב זײַן ניט קאָנספּיראַטיוון אויסזען (ווי באַוווּסט, האָט מאַרטאָוו אַ ביסל אונטערגעהונקען) און אויך צוליב זײַן אָרגאַנישער אומפֿעיִקייט צו קאָנספּיראַציע – מאַרטאָוו איז געווען און איז פֿאַרבליבן נאַיִוו אין זײַן גאַנצן לעבן ממש ווי אַ קינד. מאַרטאָוו און פּראַקטישע אַרבעט – דאָס זײַנען דאַן געווען עקסטרעמע קעגנזאַצן.

דאָס ערשטע וואָס האָט זיך אין מאַרטאָוון גלײַך געוואָרפֿן אין די אויגן, דאָס איז געווען: געשווינדקייט אין טראַכטן

און ריידן, לייענען און שרײַבן — און אַלץ פֿיל פֿון בויגן. דערהויפּט אין לייענען. פּראָפֿעסאָר טוגאַן-באַראַנאָווסקיס באַוווסטן גראָבן בוך „פֿאַבריקאַ" האָט ער אין 1894טן יאָר איבערגעלייענט אין איין נאַכט, און צו מאָרגנס האָט ער געדענקט גאַנצע אָפּזאַצן אויף אויסווייניק. 9 אַ זייגער אין דער פֿרי פֿלעגט ער קומען צו מיר און איבערדערציילן די נײַס און גאַנצע אַרטיקלען פֿון אַ דרײַ רוסישע פּעטערבורגער און מאָסקווער צײַטונגען, און אַ פּאָר אַרטיקלען פֿון אַ גראָבבײַכיקן רוסישן זשורנאַל אַלס אַ צוגאָב.

מאַרטאָוו האָט פֿאַרמאָגט אַ גוואַלדיקע תּפֿיסה, אַן אויסערגעוויינטלעכע אָריענטירונגס-קראַפֿט, אומגעהײַערע עכט ייִדישע חריפֿות אין דענקען, און דערצו אַ פֿענאָמענאַלן זכּרון. זײַן חריפֿות פֿלעגט אָבער איבערשטײַגן אַלץ. זײַן שאַרפֿקייט פֿלעגט אין יענער צײַט אַ מאָל אַריבערגיין אין פּילפּול. זײַן אויסערגעוויינטלעך אַנאַליטישער שכל פֿלעגט אים צווינגען אַפֿילו נאָך איטלעכן אײַזערנעם אמת אַ טראַכט טאָן נאָך אַ מאָל קריטיש. דעריבער איז פֿון מאַרטאָוון אויסגעוואַקסן אַזאַ שטאַרקער דיאַלעקטיקער, אַזאַ אויסערגעוויינטלעכער פּאָלעמיסט.

מאַרטאָוו איז נאָך אויסער אַלץ געווען זייער אַ לעבעדיקער, אַ באַוועגלעכער, אַ רירעוודיקער מענטש. מאַרטאָווס טאַלענט איז געווען איבער הויפּט אין ערנצטער סאָציאַל-פּאָליטישער פּובליציסטיק מיט אַ טיפֿן טעאָרעטישן אונטערשלאַק, אָבער ניט אין דעם וואָס מען רופֿט אָן „ריינע וויסנשאַפֿט". אַרײַנטאָן זיך אין גאַנצן אין גרויסע פֿאָליאַנטן, פֿאַרזונקען [ווערן] מיטן קאָפּ אין אַ ים פֿון ציפֿער — דערצו איז ער געווען ניט צוגעפּאַסט. צו פֿיל האָט אין אים געברויזט לעבנסלוסט און קאַמפּס-ענערגיע, ער זאָל זיך קענען רויִק און באַזאַכט אָפּגעבן דעם יאָרנלאַנגן טרוקענעם שטודיום. פֿון דער אַנדער זײַט ווידער איז ער געווען צו ווײַט פֿון פּראַקטישן לעבן, ער זאָל אין יענער צײַט קענען שטיין בראָש פֿון דער פּראַקטישער אַרבעט פֿון אַן אָרגאַניזאַציע. מאַרטאָוו איז דעריבער שפּעטער אויך יאָרן לאַנג ניט געווען קיין מיטגליד פֿון צ"ק פֿון דער רוסלענדישער פּאַרטיי.

נאָך מאַרטאָווס אָפּפֿאָרן פֿון ווילנע האָב איך זיך מיט אים געטראָפֿן בלויז אויף צוזאַמענפֿאָרן און קאָנפֿערענצן. מיר האָבן אויך געפֿירט אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן די קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן „בונד" און דער „פּאַרטיי". ווי באַוווּסט, איז מאַרטאָוו נאָך זײַן צוריקקער אין 1902טן יאָר פֿון טורוכאַנסק, ווו ער איז געווען פֿאַרשיקט, אַוועקגעפֿאָרן קיין מינכן, ווו ער איז געוואָרן איינער פֿון די ליטעראַרישע הויפּטקעמפּער מיטן „בונד" אויף די שפּאַלטן פֿון דער „איסקראַ". אָבער וועגן דעם ווילט זיך גראָד הײַנט ניט ריידן.

איך וויל פֿאַרענדיקן מײַנע קורצע זכרונות וועגן מאַרטאָוון מיט נאָך איין שטריך פֿון זײַן פּערזענלעכקייט. מאַרטאָוו איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך טרײַער און איבערגעגעבענער חבֿר אין פּריוואַטן לעבן. זײַן אומאייגננוציקייט, זײַן זעלבסט־לאָזיקייט האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. דאָס איז געווען פֿון קאָפּ ביז די פּיס אַ קרישטאָל־ריינע נשמה. און איבער אַלץ האָט געשוועבט אַ פּערזענלעכער גרענעצלאָזער אידעאַליזם. ווער עס איז נאָר געקומען אין באַרירונג מיט מאַרטאָוון, האָט אים ניט געקענט ניט ליב האָבן. מאַרטאָווס נאָמען וועלן אַלע זײַנע נאָענטע חבֿרים דערמאָנען מיט ליבע. און דער פֿאַרלוסט פֿון מאַרטאָוון דעם מענטש איז ניט ווייניקער גרויס, ווי דער פֿאַר־לוסט פֿון מאַרטאָוון דעם פּאָליטישן טוער און דענקער.

[1923]

אין ארקאדיס נאָטיצן, פֿארצײכנט בערך 1925, געפֿינען זיך צוו״אנד אַזוינע שורות וואָס זײַנען שייך צו מארטאָוון:

ווען קאָסאָווסקי און איך זײַנען אַוועק אין אויסלאַנד נאָכן אַרויסגיין פֿון זובאַטאָווס טורמע, זײַנען שוין מאַרטאָוו און לענין אויך געווען אין אויסלאַנד, און זיי האָבן זיך געקליבן אַרויס־געבן די „איסקראַ". מען האָט דאָרטן וועגן זיי גערעדט ווי

וועגן סודותדיקע אומבאַקאַנטע – געוווינט האָבן זיי יעמאָלט אין מינכן, האָבן ניט געקוקט אויף זיך ווי אויף עמיגראַנטן און האָבן דעריבער שטאַרק פֿאַרקאָנספּירירט זיך און זייער גאַנצע אונטערנעמונג. זיי זײַנען אַפֿילו ניט געקומען צו פֿאָרן אין 1900 אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בערלין.

ס׳האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין „איסקראַ״, און שפּעטער „זאַריאַ״. פֿון דרויסן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די גרופּע „איסקראַ״ איז אַן איינהייטלעכע, אַ סאָלידאַרישע אין אַלע פֿראַגעס. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וויפֿל קעפּ, אַזוי פֿיל מיינונגען. ווער ס׳האָט געשפּילט די דאָמינירנדיקע ראָלע, ווייס איך ניט. מיט קיינעם פֿון זיי איז מיר ניט אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען. אמת, וועגן עטלעכע פֿראַגעס האָב איך פֿון לאָנדאָן, ווו איך האָב יעמאָלט געוווינט, געפֿירט אַ לעבעדיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט מאַרטאָוון. צי מאַרטאָוו פֿלעגט זײַנע ענטפֿערס אַרומריידן מיט לענינען אָדער ניט, ווייס איך ניט. צום באַדויערן זײַנען די בריוו בײַ מיר פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, און איך קען ניט איבערגעבן זייער אינהאַלט אַפֿילו אין די גרונטשטריכן.

איך געדענק נאָר, אַז ס׳איז יעמאָלט קיין סימן ניט געווען פֿון דער שאַרף נעגאַטיווער שטעלונג צום קוק פֿון בונד אויף דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿראַגע. דעריבער זײַנען פֿאַר מיר, אַזוי ווי פֿאַר די חבֿרים, געווען אין גאַנצן אומגעריכט די שפּעטערדיקע אַרויסטרעטונגען אין „זאַריאַ״. אמת, צום שאַרפֿסטן איז יעמאָלט אַרויסגעטראָטן איינער דאַווידסאָן, אונטערן פּסעוודאָנים K. K., אַ געוועזענער ציוניסט, דערנאָך אַ בונדיסט און אין יענער צײַט שוין אַן איסקראָוועץ.

די קאָנפֿערענץ אין ביאַליסטאָק האָט זיך, ווי באַוווּסט, פֿאַרענדיקט מיט אַ פֿולן דורכפֿאַל. איך האָב אָנטיילגענומען אין דער קאָנפֿערענץ, נאָר מען האָט מיך ניט אַרעסטירט, און איך האָב באַוויזן אַוועקצופֿאָרן צוריק אין אויסלאַנד און אַריבערצופֿירן אַלע דאָקומענטן. אָבער מײַן פֿאָרשלאָג, אַז איך וועל צופֿאָרן צו דער גרופּע „איסקראַ״ און אָפּגעבן אַ באַריכט

וועגן דער קאָנפערענץ, איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, כאָטש פּ. דאַן, זייענ׳ פאָרשטייער, איז אַרעסטירט געוואָרן.

איך בין געווען אויפן צווייטן, דעם אַזוי קלאָגעדיקן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין בריסל און געענדיקט זיך מיטן פונאַנדערפאַל פון דער פּאַרטיי אויף דריי טיילן. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט זיך לענינס דאָמינירנדיקע ראָלע געשפּירט בעצם דער עיקר אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע. אין אַלע אַנדערע פראַגעס האָט ער אין הילכות אַרויסטרעטונגען ניט געשפּילט די ערשטע ראָלע.

אין דער פראַגע וועגן בונד האָט ער, ווי אַ קונציקער דיריזשאָר, אַרויסגעלאָזט פאָרויס די יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, און אַליין האָט ער זיך געהאַלטן אין שאָטן. איך געדענק נאָר איין עפּיזאָד. אין דער צייט פון דער זיצונג, ווען מען האָט באַטראַכט די פראַגע וועגן בונד, האָב איך אַרויסגערופן מאַר-טאָוון אין קאָרידאָר, כדי איבערצורעדן מיט אים וועגן דער פראַגע. לענין איז געזעסן יעמאָלט אין פּרעזידיום; אָבער ער האָט תיכף פאַרלאָזן זיין אָרט ביים טיש און איז אויך אַרויס אין קאָרידאָר. ער איז פאַרבייגעגאַנגען, באַלד צוריקגעקומען און אַריינגערופן מאַרטאָוון אויף דער זיצונג.

אַגב, פאַרן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון בונד, ווו איך בין געווען אַ מיטגליד, באַקומען אַ בריוו פון לענינען: ער האָט באַשטימט אַ באַגעגעניש מיט אונדז, כדי איבערצורעדן וועגן דעם, ווי אַזוי דער בונד שטעלט די פאַרענטפערונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. געקומען איז ער מיט מאַרטאָוון.

ביי דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף האָט גערעדט דער עיקר מאַרטאָוו; לענין האָט געשוויגן און נאָר זעלטן ווען געמאַכט אַ קורצע באַמערקונג. ס׳איז געווען צו זען, אַז ניט דער און ניט יענער זיינען מיט דער יידישער פראַגע ניט באַקאַנט. אויף דער באַמערקונג וואָס איינער פון אונדז האָט געמאַכט מאַרטאָוון, אַז מיט דער יידישער פראַגע אין רוסלאַנד איז ער באַקאַנט לויט סמירנאָווס געאָגראַפיע, האָט ער מיט אַ געלעכטער מסכים געווען.

אַ בליק
אויף דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט*

צו אַ יוביליי ון בונד איז כּדאַי צו וואַרפֿן אַ בליק אויף דער ווײַטער=ווײַטעו פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס עס האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט די ייִדישע מאַסן צו יענער צײַט. געדריקט מיט דער גאַנצער פּאָליטישער אַנטיסעמיטישער מאַכט פֿון דער זעלבסט=הערשונג, זײַנען די ייִדן געווען צוזאַמענגעשטיקט אין אַ קלײנעם טייל פֿון רוסלאַנד, אין אַ געטאָ, ווו זיי האָבן געמוזט לעבן. דערצו נאָך איז די געטאָ געווען באַגרענעצט מיט די שטעט און שטעטלעך, אין דאָרף האָבן זיי ניט געהאַט קיין רעכט זיך צו באַזעצן, זיך באַשעפֿטיקן מיט ערדאַרבעט. רעכטלאָז זײַנען געווען, מיט אַ קלײנעם אויסנאַם, אַלע אין רוסלאַנד, אָבער די ייִדן אָן אַ פֿאַרגלײַך נאָך מער. די הויפּט=פּאָליטיק קעגן ייִדן איז געווען דער חיהשער אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז געווען אַ מיטל אָפּצולענקען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון רוסישן פֿאָלק פֿון דער אַלגעמיין שוידערלעך אביונישער לאַגע, פֿון דער הונגערנויט, אויף די ייִדן, די אײנציק שולדיקע אין דער לאַגע. די ייִדן זײַנען געווען אַ מין בײן, געוואָרפֿן אין אַ סטאַדע הונגעריקע פֿאַרווילדעטע וועלף.

די הונדערטער צײַטונגען, די טויזנטער אונטערהעצער האָבן טאָג=טעגלעך פֿונאַנדערגעפּויקט די העצע קעגן אײנציקן עקספּלואַטאַטאָר, דעם ייִדן. דאָס איז געווען אַן אַלגעמיין געשריי, פֿאַרשפּרייט אין אַלע פֿאַרוואָרפֿענע ווינקעלעך, אַפֿילו

---

* געשריבן צום 30יאָריקן יובֿל פֿון בונד.

אין אַזעלכע, ווו קיין ייִד האָט קיין מאָל קיין פֿוס ניט געטאָרט
שטעלן. דאָס שרעקלעכסטע איז געווען דאָס אויסגעמאָלטע בילד
פֿון ייִדן אין די ריין רוסישע געביטן, ווײַל דאָרט האָט מען
ניט געקאָנט קאָנטראָלירן, אויף וויפֿל אמת עס ליגט אין דער
חיהשער העצע. אין רעזולטאַט איז דער ייִד געווען אַ שרעק=
בילד פֿאַר קינדער און אַן אָביעקט פֿון טיפֿן האַס, נאָך מער —
פֿון פֿאַראַכטונג פֿאַר דערוואַקסענע. עס איז אוממעגלעך צו
שילדערן די באַציִונגען צום ייִד מצד דער אַנדערער באַפֿעלקע=
רונג: מען האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ נידעריקער
באַשעפֿעניש, ווי אויף אַ שפּין וואָס איז אי העסלעך אי אַ בלוט=
זויגער. און דער האַס איז געווען נאָך גרעסער, נאָך טיפֿער בײַ
די יעניקע, וואָס האָבן געדאַרפֿט אָנקומען צום רײַכן ייִד, צום
פֿאַבריקאַנט, צום סוחר: זיך אונטערגעבן, זײַן אָפּהענגיק פֿון
דעם פֿאַרהאַסטן ייִד, פֿון אַ זשיד! דעם האַס האָט מען נאָך
פֿאַרשטאַרקט, אויב דאָס איז געווען איבער הויפּט מעגלעך, מיט
דער רעליגיעזער העצע אין אַלע צערקוועס, אין אַלע קאָשטשאָלן.

און די ייִדן אַליין? פֿאַרפֿאָלגט, צעריבן, דערנידעריקט,
אַרומגערינגלט מיט האַס און שפּאָט, באַשפּיגן פֿון יעדן ווער עס
האָט נאָר געוואָלט, געשלאָגן און גערודפֿט פֿון דער אָרטיקער
מאַכט, פֿון יעדן גאָראָדאָוואָי, האָבן די ייִדן דעריבער געמוזט
ווי שאָף זיך צוזאַמענהאַלטן און הויפּטזעכלעך זיך אָנהאַלטן אָן
די פּאָלעס פֿון די רײַכע, פֿון די ייִדישע גדולים, פֿון די רעדל=
פֿירער, פֿון קהלשע אָנפֿירער. זיי זײַנען געווען די איינציקע
באַשיצער אין אַלע נויטפֿאַלן, אין אַלע צרות פֿון לעבן. און די
רעדל=פֿירער זײַנען געוואָרן די איינציקע דעה=זאָגער, די אומ=
באַשרענקטע הערשער אין ייִדישן לעבן. זיי האָבן געקאָנט טאָן
מיטן פּשוטן ייִד אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט: באַשטראָפֿן,
האַלטן אין געהאָרכזאַמקייט, דערנידעריקן, אַפֿילו שמײַסן. די
פּסיכאָלאָגיע פֿון אָרעמען בעל=מלאָכה איז געווען שוידערלעך
שווער, און פֿון אַרבעטער שוין אָפּגערעדט. עס איז געווען
אויסגעשלאָסן יעדער פּראָטעסט=אויסדרוק, יעדע אומצופֿרידנקייט.
אַרבעטן וויפֿל מען קאָן אין דער וואָכן, קומען מקבל=פּנים זײַן

אין אַ יום־טובֿ דעם בעל־הבית. די עקספּלואַטאַציע איז געווען אַן אומגעהײַערע, די דערנידערונג נאָך גרעסער. די פּסיכאָלאָ־ גיע פֿון אָרעמען מענטש, און דאָס זעלבע פֿון אַרבעטער, איז געווען אַ קריכערישע, אַ חניפֿהדיקע. דער רײַכער ייִד איז געווען דער אָפּגאָט בײַ אַלעמען, ער איז געווען באַשאָנקען מיט אַלע מעלות, מיט אַלע בעסטע מידות. מען פֿלעגט רעדן וועגן אים מיט אומגעהײַערן דרך־ארץ: דער פֿײַנער ייִד, דער קלוגער ייִד, די דערהאַבענע נשמה...

מען מוז זאָגן, אַז צו דער צײַט, אין די אַכציקער יאָרן פֿון יענעם יאָרהונדערט, איז שוין די סבֿיבֿה געווען עטוואָס געביטן. עס איז שוין געווען צו דער צײַט מאַנופֿאַקטורן (אונטערנעמונגען וואָס האָבן געהאַט קלײנע פֿאַבריקן אָדער פֿאַרשפּרייטע שטוב אַרבעט), ווי זאָקן־פֿאַבריקאַציע; היפּשע וואַר־ שטאַטן פֿון הענטשקעס, לעדער־פֿאַבריקן אאַז"וו; די אַלגעמײנע באַציִונג צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל האָט שוין ניט געקאָנט זײַן אַזוי פּאַטריאַרכאַליש, ווי אין קלײנע װאַרשטאַטן וואָס האָבן אָבער דאָמינירט אין ייִדישן לעבן. די סבֿיבֿה איז דורך אָביעקטיווע קרעפֿטן עטוואָס געענדערט געוואָרן, אָבער אין אַלגעמײן איז זי געבליבן די זעלבע. די אומבאַגרענעצטע הער־ שאַפֿט פֿון ייִדישע גדולים איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

אָט צו דער מאַסע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן די אינטעליגענטן, סטודענטן, גימנאַזיסטן, אַרויסגעטריבענע פֿון הויכשולן פֿון יענער צײַט, און דערנאָך די מער אינטעליגענטע יחידים פֿון אונטן. די ערשטע, אָפּגעריסן פֿון דער מאַסע, אַליין, ריכטיק, מערסטן טײלס אויך קינדער פֿון אָרעמע עלטערן, אָבער געלעבט אין אַנדערע אומשטענדן, אין אַן אַנדער סבֿיבֿה. זײ האָבן נאָך אין גרעסטן טייל דערצו ניט געקאָנט געװוּנגנד די ייִדישע שפּראַך און אין גאַנצן פֿרעמד געווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אָנגעזאַפּט מיט דער פּראָגרעסיווער רוסישער ליטעראַטור, זײַענ־ דיק שוין צו יענער צײַט מאַרקסיסטן, האָבן זײ געהאַלטן, און ניט געקאָנט אַנדערש האַלטן, אַז די אײנציקע קראַפֿט, רעוואָ־ לוציאָנערע קראַפֿט, איז די רוסישע אַרבעטער־מאַסע, דער רוסי־

שער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט. פֿאַרוואָרפֿן אָבער אין די יִדישע שטעט, האָבן זיי געמוזט זיך ווענדן צו יִדישע אַרבעטער פֿון די מער אינטעליגענטע צווײַגן פֿון אַרבעט, ווי זעצער, יוועלירער, און צו די שטיקאַרבעטערינס, ווי די זאָקן־שטריקערקעס, מער קאַפּיטאַליזירט און מער דריבער עמפּפֿינדלעך צו דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון סאָציאַליזם. די כּוונה דערבײַ איז געווען און [האָט] געמוזט זײַן צוצוגרייטן אַגיטאַטאָרן פֿאַר די רוסישע אַרעטעטער־מאַסן. לערנען די רוסישע שפּראַך האָט זיך אָנגעוויזן פֿון זיך אַליין, צוגרייטן באַוווסטזיניקע סאָציאַליסטן האָט געפֿאָדערט דער זיך געשטעלטער ציל. און אָט האָט זיך אָנגעהויבן די סיזיף־אַרבעט פֿאַר די ביידע צוועקן. שווער און אומפּראָדוקטיוו איז געווען די אַרבעט: וואָס עס האָט געדאַרפֿט טאָן אַן אָפֿענע שול, האָבן [דאָ] געדאַרפֿט טאָן אומלעגאַלע קרײַזלעך, אויף בוידעמס, אין פֿאַרוואָרפֿענע געגנטן פֿון שטאָט.

איבעריק צו זאָגן, אַז זייער גיך האָט מען געזען די אילוזאָרישקייט פֿון אַזאַ פּראָגראַם פֿון אַרבעט. פֿאָרן אין רוסלאַנד און דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה צו זײַן אָנפֿירער פֿון רוסישע אַרבעטער האָבן זיי ניט געקאָנט. עס איז געווען אַ רײַכער פֿעלד דאָ אויף אַן אָרט, עס האָט זיך געגעבן אין די הענט אַן אומגעהײַערע מאַסע אַרבעטער, אויסגעמאַטערטע פֿון דער לאַנגער אַרבעט, אויסגעהונגערטע פֿון דעם קליינעם לוין. עס איז געוואָרן דײַטלעך ווי [דער] טאָג, אַז טאָפּטשען זיך אין קרײַזלעך איז אַן אומזין, אַן אומפּראָדוקטיווע פֿאַרוועדונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע, אַז מען מוז די ענערגיע איבערטראָגן אין די מאַסן, אַז זיי וועלן זיך צו אונדז צוהערן, אַז די מאַסע קאָן זײַן גינסטיק פֿאַר אַגיטאַציע, ווי עקאָנאָמישע אַזוי אויך פּאָליטישע און סאָציאַליסטישע. איצט קאָן זיך דאָס אויסדאַכטן קאָמיש און אַזוי איינפֿאַך, דאַן איז אַזאַ געדאַנק געווען אַ נײַע אַמעריקע. אין גאַנץ רוסלאַנד איז אָנגעגאַנגען דאָס זעלבע סיסטעם — אָראַנזשעריע פֿאַר אויסהאָדעווען פֿאַרטיקע סאָציאַליסטן און נאָך דערצו רעוואָלוציאָנערן. די בעסטע מענטשן האָבן זיך ביסלעכווײַז אָפּגעריסן פֿון זייער

מוטער־סבֿיבֿה, פֿון דעם קוואַל פֿון לעבן פֿון דער מאַסע. די מאַסע האָט זיך געמוזט ביסלעכווײַז נאָך מער אַראָפּלאָזן, מער פֿאַרטעמפּט ווערן, מער ווידערשטאַנדסלאָז ווערן. ווי איינפֿאַך דאָס קאָן זיך היינט צו טאָג ניט דוכטן, איז דאָס דאַן געווען אַ פֿאַרראַט אין די אויגן פֿון אויסגעפּראָפּאַגאַנדירטע אַרבעטער. זאָל דאָס זײַן אַ וואָרענונג פֿאַר היינטיקע צײַטן. נאָך היינט צו טאָג קומט אויס צו פֿירן אַ קאַמף פֿאַר דער אַרבעט אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען. די יוגנט פֿילט זיך פֿיל בעסער אין אייגענער געזעלשאַפֿט, אין לאָקאַל, בײַ אַן אינטימען שמועס וועגן די געשעענישן אין לאַנד און אין אויסלאַנד, דיסקוטירן וועגן אַ נײַעם בוך, וועגן אַן אַרטיקל, וועגן פֿאַרשיידענע שטרעמונגען, טאַקטיק אאַז״וו. זיי איז צו ווידער צו גיין אויף טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין גאַס, אויף דער בירזשע, אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען. איצט איז לײַכטער, עס איז דאָ דער באָדן. דאַן איז דאָס געווען פֿיל שווערער, אַקערן אַ שטייניקן באָדן דאַרף מען האָבן פֿיל מוט און ווילנסקראַפֿט.

אָבער שווער, שווער, דער איבערבראָך איז דורכגעפֿירט געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע ערע, אַן אמתע אַרבעטער־באַוועגונג אין פֿולן זין פֿון וואָרט. זעלבסט פֿאַרשטענדלעך ניט אין דעם ברייטן און אָפֿענעם פֿאַרנעם, ווי ס׳איז מעגלעך געוואָרן נאָך די פֿאַרהעלטניש־מעסיק אײַנגעפֿירטע פּאָליטישע פֿרײַהייטן פֿון אָרגאַניזאַציע און וואָרט, אָבער דאָך אַן אָרגאַניזירטער אומלעגאַלער קלאַסנקאַמף אין אַלע זײַנע פֿאָרמען, עקאָנאָמישער, פּאָליטישער, קולטורעלער און סאָציאַלער.

אין יענע צײַטן, אין די צײַטן פֿון זעלבסטהערשונג, איז דאָס געווען נאָך אַן אָפֿענער רעוואָלוציאָנערער קאַמף. קאַמף פֿאַר בירזשע, קאַמף פֿאַר שטרײַקן, קאַמף פֿאַר וואָרט אין אַ פֿאָרם פֿון אומלעגאַלע צײַטונגען, בראָשורן, זשורנאַלן, אויפֿרופֿן, פֿאַר פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, פֿאַר אַן אָרגאַניזירטער פּאַרטיי. די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך פֿונאַנדערגעגאָסן איבער שטעט און שטעטלעך פֿון ייִדישן געטאָ. אין די גרויסע שטעט שטאַרקער, אין די קליינע שוואַכער, אָבער

אומעטום האָט זי זיך פֿאַרשפּרייט מיט דער קראַפֿט פֿון אַן עפּידעמיע, אָבער ניט קיין סעזאָנאַווע, נאָר אַ שטענדיק וואַקסנדע. אַ מאַסן־באַוועגונג האָט איר אינערציע, און נאָך דערצו אַ קלאַסן־, אַן ארבעטער־באַוועגונג. זי ווערט געשפּײַזט דורך די נייטיקסטע נויטן, זי ווערט אונטערגעהאַלטן און פֿאַר־שפּרייט דורך די קרעפֿטן פֿון דער וואַקסנדער פּראָדוקציע. די אָביעקטיווע סיבות זײַנען די בעסטע פֿאַרשפּרייטער פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן באַציל.

די אַרבעטער־באַוועגונג וואַקסט מיט דער אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוקטיווע כּוחות. זי גייט מיט דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט און איז אַליין אַ גרויס שטיק פֿון דער געשיכטע. דער קלאַסנקאַמף פֿאַרנעמט, פֿילט אָן דעם גאַנצן לעבן, ווערט דער יסוד פֿון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג אין יעדער ווינקעלע פֿון לעבן, אין יעדן געביט אַנטשיידט זי די פּאָליטיק, ווי די אינעווייניקסטע אַזוי די אויסערלעכע. די מאַסן־באַוועגונג האָט אירע פֿאָדערונגען, אירע נויטן, פֿון וועלכע מען קאָן זיך נישט אַרויסרײַסן און וועלכע ווערן דער געבאָט פֿון דער צײַט. זי פֿאָדערט אַן אײַנגעאָרדנטע אָרגאַניזאַציע, קאַמפּספֿעיִקע אָרגאַנען, אָנפֿירנדע אַנשטאַלטן. עס איז געוואָרן רייף, עס איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט צוזאַמענצובינדן די אַלע שטראָמען אין איין מעכטיקן טײַך. עס איז אַנטשטאַנען דער „בונד", די קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז געוואָרן דער לאָגישער און פּאַקטישער רעזולטאַט פֿון דער נײַער טאַקטיק, פֿון דעם אַגיטאַציע־פּעריאָד, דער פּועל־יוצא פֿון דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג.

אָבער ניט נאָר דאָס האָט אַרויסגערופֿן די מאַסן־באַוועגונג פֿון די ייִדישע אַרבעטער. אום צו זײַן זעלבסטבאַוווסטזיניקע אַרבעטער, מוזן מען ווערן מענטשן מיט מענטשן־ווירדע. עס איז אוממעגלעך צו בלײַבן שקלאַפֿן און זעלבסטבאַוווסטזיניקע אַר־בעטער. בײַ ווען עס קאָכט ניט אויף דאָס בלוט, ווען ער ווערט באַליידיקט אַלס מענטש, דער קאָן ניט זײַן קיין קלאַסן־באַוווסטער קעמפֿער פֿאַר אַרבעטער־רעכט. דאָס באַוווסטזײַן, אַז

דער אַרבעטער־קלאַס איז דער דעצידירנדער פֿאַקטאָר, דער אַנטשלאָסנסטער און קאָנסעקווענטסטער קעמפֿער פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון דער מענטשהייט, קאָן זיך ניט פֿאָרן מיט דעם געפֿיל פֿון אַן אונטערדריקטן פֿאָלק. גלײַך־באַרעכטיקונג פֿון פֿאָלק מוז זײַן די פֿאָדערונג; ער ווערט פֿאַרפֿאָלגט אַלס ייִד, מוז גלײַך־באַרעכטיקונג אין אַלע הינזיכטן פֿון פֿאָלקסרעכט ווערן אַן אומטיילבארער קאַמפֿרוף מיט פֿרײַהייט פֿון מענטש: קולטו־רעלע אַנטוויקלונג איז אַן אומטיילבאַרע באַדערפֿעניש. און [דער] כּלי־זין פֿון קאַמף, זײַן שפּראַך, זײַן מוטערשפּראַך, מוז זײַן גלײַך־באַרעכטיקט מיט אַלע אַנדערע לשונות, אָן דעם האָט ער ניט קיין מעגלעכקייט זיך קולטורעל אויסצולעבן, און אָן קולטור איז ער אַ האַלבער מענטש.

אָט אַזוי האָט די מאַסן־באַוועגונג אַרויסגערופֿן נײַע אויפֿ־גאַבן, נײַע פּראָבלעמען. זיי אַלע האָבן געמוזט אַליין געלייזט ווערן, זיי האָבן ניט געקאָנט איבערגענומען ווערן פֿון דער ייִדישער בורזשואַזיע. זיך אַרויסרײַסן, פֿאַרקערט, פֿון אַלע בירגערלעכע אײַנפֿלוסן איז געווען אַ נויטווענדיקייט און אַ קאָנסעקווענץ פֿון אַ קלאַסן־באַוווסטער אַרבעטער־באַוועגונג. די בירגערלעכע לייזונגען פֿון די אַלע פּראָבלעמען מוזן במילא זײַן קלאַסן־לייזונגען, און דערמיט אַליין קעגנזעצלעך צו דער באַשיידונג פֿון אַרבעטער־קלאַס.

אָט די אַלע נויטווענדיקע לייזונגען זײַנען געלעגן און אויפֿגעצווונגען געוואָרן [דעם בונד]. ער אַליין, אַלס פּאַרטיי פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, האָט זיך געמוזט נעמען צו דער אויסאַרבעטונג פֿון דער פּראָגראַם און טאַקטיק. געוואָרן אַ רעוואָ־לוציאָנערער כּוח, האָט ער געמוזט זיך פֿאַרבינדן מיט די אַנטשפּרעכנדע כּוחות פֿון דעם רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט. ער האָט צוגעלייגט, מילד געזאָגט, אַ האַנט צו דער אָרגאַניזירונג פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און ענג זיך מיט איר פֿאַרבונדן, בלײַבנדיק אין דער זעלבער צײַט אַן איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. ווער האָט בעסער פֿאַר אים געוווּסט די נויטן און

די באַדערפֿעניש פֿון דער ייִדישער אַרבעטנדער מאַסע. ווער האָט בעסער פֿאַר אים פֿאַרשטאַנען די געפֿאַרן וואָס לויערן אויף אים מצד די בירגערלעכע פּאַרטייען; ווער האָט געקאָנט בעסער פֿאַר אים אָפּשלאָגן די אַטאַקעס, אויפֿדעקן דעם בירגערלעכן קלאַסן־כאַראַקטער פֿון דער ייִדישער כּלל־ישׂראל־פּאָליטיק, פֿון ציוניזם, פֿון דער בירגערלעכער שול־פּאָליטיק אאַז״וו.

און דער בונד איז געוואָרן און איז דער וואָרטפֿירער פֿון די קלאַסן־אויפֿגאַבן פֿון די ייִדישע אַרבעטנדע מאַסן. דער בונד האָט גערופֿן און דורכגעפֿירט די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פֿון ייִדישע אַרבעטער. ווער האָט געשטורעמט אויף דער ייִדישער גאַס אין דער צײַט פֿון די רעוואָלוציאָנערע טעג פֿון 1905טן יאָר? וועמענס בלוט האָט זיך געגאָסן אויפֿן ברוק אין די מײַ־אַרויסטרעטונגען? ווער האָט אויסגעפֿירט די ראַכע פֿאַר די שענדלעכע מעשׂים פֿון אַ פֿאָן וואַל, ווער פֿירט בײַ היינטיקן טאָג די טאָג־טעגלעכע פֿאַרצווײַגטע אַרבעט אויף אַלע געביטן פֿון קלאַסנקאַמף פֿון ייִדישן אַרבעטער? ווער איז דער פֿאָנען־טרעגער פֿון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטישן קאַמף? ווער איז דער וואָרטפֿירער פֿון דעם קאָנסעקווענטן קאַמף אין די רייען פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַסנקאַמף?

דער בונד און ווידער דער בונד. אַלע ייִדישע אַרבעטער אונטער דער גלאָררײַכער רויטער פֿאָן פֿון בונד!

[1927]

דער ערשטער צ״ק פֿון בונד *

עפּיזאָד זובאַטאָוו

גלײַך נאָך דער גרינדונג פֿון בונד האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿיבערהאַפֿטע אַרבעט: עס איז געווען אַן אָרגאַן די „אַרבעטער־שטימע", האָט מען געמוזט אים פֿאַרברייטערן – פֿאַרוואַנדלען אין אַ צענטראַל־אָרגאַן: מען האָט געדאַרפֿט דערצו ליטעראַרישע קרעפֿטן, פֿאַרברייטערן די טעכניק, באַפֿעסטיקן די לאַגע פֿון דער צו פרימיטיווער דרוקערײַ; מען האָט געמוזט צוזאַמענבינדן די שטעט, ווו עס איז געווען אַ יִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, געבן צו וויסן דער וועלט וועגן דער גרינדונג פֿון בונד, אויפקלערן די נויטווענדיקייט פֿון זײַן עקסיסטענץ, זײַנע אויפֿגאַבן. מען האָט געמוזט פֿאַרברייטערן די טעטיקייט אויפֿן געביט פֿון אַרויסגעבן פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אַגיטאַטאָרישע ליטעראַטור, פֿאַרגרעסערן דעם אויסלענדישן טראַנספּאָרט. מען האָט געמוזט... טויזנטער אַנדערע זאַכן.

וועגן ליטעראַרישע קרעפֿטן איז ניט געווען וואָס זיך צו קימערן: זיי זײַנען סײַ ווי סײַ ניט געווען. ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן, יענער האָט געשריבן; אַפֿילו איך בין אויך געוואָרן אַ „שרײַבער", און דעם ערשטן מאָל אין מײַן לעבן אָנגעשריבן גאַנצע צוויי אַרטיקלען וועגן דעם „אַרבעטער־קאָנגרעס" וועלכער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט געענדיקט אין ציריך.[1]

* די הערות זײַנען פֿון דער רעדאַקציע; מערניט הערה 2 איז פֿון אַרקאַדין גופֿא.

[1] עס איז ניט קלאָר, וועגן וואָסערע צוויי אַרטיקלען אַרקאַדי רעדט. בנוגע דעם אַרטיקל אין דער „אַרבעטער־שטימע" האָט אים, ווי ס'איז

די שווערסטע אַרבעט איז געווען מיטן צוזאַמענקלײַבן די ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די שטעט און שטעטלעך. מיר ייִדן האָבן אַ טבֿע ביז צום לעצטן גראַד צו לייקענען פֿאַר זיך דאָס וואָס איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַר יעדן פֿאָלק, ווי אומבאַדײַטנד ער זאָל ניט זײַן. ספֿקות אָן אַ סוף האָבן זיך אָנגעהויבן פֿון אַלע זײַטן: צי עס איז גאָר נייטיק אַ באַזונדערע צענטראַלע אָרגאַניזאַציע ספּעציעל פֿאַר דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ גאַנצע נאַכט בין איך אָפּגעזעסן, געדענק איך, אין האָמלע און דיסקוטירט די פֿראַגע. דאָרטן זײַנען אין דעם מאָמענט געווען פֿאָרשטייער פֿון קאַטערינאָסלאַוו און פֿון אייניקע אַנדערע שטעט פֿון דרום־רוסלאַנד; איינער אַ ווילנער — אַ לערער, אַן אינסטיטוטשיק, האָט ניט געקאָנט פֿאַרדײַען די שטעלונג פֿון בונד און איז צום סוף געבליבן בײַ דאָס זײַניקע. אין דער צײַט פֿון דער נסיעה האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקאַנט מיט בײַנישן (מיכאַלעוויטש) אין בריסק.

צו דער זעלבער צײַט איז אויך רייף געוואָרן די פֿראַגע וועגן אַן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפֿאָר פֿון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די ראָלע פֿון בונד אין דער דאָזיקער אויפֿגאַבע און ווי ווײַט ער האָט מיטגעהאָלפֿן צו אָרגאַניזירן דעם צוזאַמענפֿאָר איז באַקאַנט, און איך וועל זיך אויף דעם ניט אָפּשטעלן. איך וויל נאָר אָנווײַזן, אַז נאָך אומגעפֿער אַ יאָר פֿאַרן צוזאַמענפֿאָר האָט שוין ווילנע באַזאָרגט די שריפֿט פֿאַר דעם דרום־רוסלענדער אָרגאַן וואָס איז שפּעטער דערשינען.

בלײַבן אין ווילנע נאָכן צוזאַמענפֿאָר איז שוין דאַן געווען אוממעגלעך, עס זײַנען פֿאָרגעקומען אייניקע אַרעסטן און עס איז געווען צו „הייס" צו בלײַבן אויף אַן אָרט. מען האָט אַרעסטירט פּאַטין, און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז ס'וועט

שוין געווען באַמערקט ז' 359, ווײַזט אויס אָפּגענאַרט דער זכּרון. אפֿשר האָט האָט ער געהאַט אין זינען דעם צווייטן אַרטיקל וואָס איז געווען צוגעזאָגט פֿאַרן נאָענטסטן נומער „ייִדישער אַרבעטער" (זע אויבן ז' 322). קיין צווייטער אַרטיקל וועגן דעם ענין איז אָבער אין „ייִדישן אַרבעטער" ניט געווען געדרוקט — קענטיק, ס'האָט זיך שוין געהאַט פֿאַרצויגן צו לאַנג.

גיין ווײַטער. מיר האָבן אַריבערגעטראָגן די דרוקערײַ אין מינסק און נאָכער אין באָברויסק. פֿון די אויסגעקליבענע אין צענטראַל־קאָמיטעט זײַנען צוויי מיטגלידער אויך אַוועקגעפֿאָרן אין מינסק און דאָרט זיך באַזעצט.

מינסק, הייסט עס, האָט געהאַט דעם כּבֿוד צו זײַן די שטאָט, ווו עס איז פֿאָרגעקומען דער גרינדונג־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער „רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי". בײַם אָרגאַניזירן דעם צוזאַמענפֿאָר אויפֿן אָרט האָט אין אַ גרויסער מאָס מיטגעהאָלפֿן זשעניע הורוויטש. פֿאָרגעקומען איז עס אין דער וווינונג פֿון אַ רוסישן טשינאָווניק (זײַן פֿאַמיליע געדענק איך ניט), בײַ אים זשע איז דערנאָך געווען אונדזער סקלאַד.[2] דער צוזאַמענפֿאָר איז אָבער געווען די סיבה פֿון דעם שרעקלעכן חורבן, ווי פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, אַזוי אויך פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס, און וועגן דעם פּעריאָד האָב איך אייגנטלעך דאָ געוואָלט דערציילן.

צוזאַמען מיט די דעלעגאַטן זײַנען אויך געקומען אויפֿן צוזאַמענפֿאָר, ניט קיין אײַנגעלאַדענע, אָם וויניקסטן געווונטשענע געסט וועלכע האָבן אָבער געשפּילט איינע פֿון די הויפּטראָלן, הגם אויף די באַראַטונגען זײַנען זיי ניט געווען אָנוועזנד: דאָס זײַנען געווען זובאַטאָווס אַגענטן. מען קאָן זאָגן אָן אַ גוזמא, אַז אויף יעדן אָנטיילנעמער זײַנען געוויס געווען אַ פּאָר פֿון אָט די פֿאַרשוינען. דאָ האָבן זיי זיך צום ערשטן מאָל „באַקאַנט" געמאַכט מיט אונדז בונדיסטן. דאָס איז געווען פֿאַר זיי גאָר אַ נײַער צובײַסן צו זייערע הויפּט־מאכלים.

זובאַטאָוו האָט דערנאָך דערציילט, אַז דאָרטן האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף איינעם „אין ברילן" – „אָטשקיסטי". דער נאָמען איז געבליבן די גאַנצע צײַט אין זייערע ראַפּאָרטן צו

---

2 [הערה פֿון א. קרעמערן:] ער איז געווען ניט דער איינציקער טשינאָווניק וואָס האָט אונדז געהאָלפֿן אין דעם פּרט. אין ווילנע האָבן מיר געהאַט אַ סקלאַד פֿון ליטעראַטור אַפֿילו בײַ אַן אָפֿיציר. בײַ אַ צווייטן האָבן מיר אין יענער צײַט געאַרבעט אויף אַ העקטאָגראַף און אַ מימעאָגראַף.

זובאַטאָוון. און דאָס איז געווען מײַן ווייניקייט. זובאַטאָוו האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זײַנען אויפֿן ריכטיקן וועג און קענען ווײַטער טרײַבן זייער אַרבעט אין דער זעלבער ריכטונג.

דער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען אין מערץ; און סוף מערץ אָדער אָנפֿאַנג אַפּריל איז שוין קיין איין אָנטיילנעמער פֿון די רוסישע אָרגאַניזאַציעס, אַחוץ פּעטערבורג, ניט געבליבן אויף דער פֿרײַ. זיי האָבן שוין אַלע געהאַט נומערן אין מאָסקווער גאַסטהויז, טיילווײַז אין „קרעסטי״, טיילווײַז אין עטאַפּ־טורמע (פּערעסילנע).

די טעטיקייט פֿון זובאַטאָווס אַגענטן האָט זיך פֿון דעמאָלט אָן אַריבערגעטראָגן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, פֿאַרשפּרייט אויך אויף אונדזערע ראַיאָנען.

פֿון צ״ק פֿון דער „פּאַרטיי״ איז פֿון די רוסישע פֿאָרשטייער געבליבן נאָר איינער — פֿון פּעטערבורג, און אויך ער האָט ווייניק וואָס געקענט אויפֿטאָן. די גאַנצע טעכנישע צענטראַלע אַרבעט איז במילא אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויפֿן בונד. צוויי מאָל האָט מען געמוזט פֿאָרן קיין פּעטערבורג בלויז וועגן „מאַניפֿעסט פֿון דער פּאַרטיי״, וועלכער האָט אונדז גאָר ווייניק באַפֿרידיקט, אָבער קיין גרויסע ענדערונגען איז ניט געלונגען אין אים אַרײַנצוטראָגן, הגם „מען״ האָט זיך געזען מיטן מחבר — מיט סטרוּווען אַליין. [3] אָפּגעדרוקט און אַריבערגעפֿירט געוואָרן איז ער דורך אונדז.

עס האָט זיך אָנגערוקט דער ערשטער מײַ — דעם 19טן אַפּריל לויטן אַלטן סטיל. צײַט איז געבליבן גאַנץ ווייניק, מען האָט געמוזט זיך אײַלן. מען האָט געדאַרפֿט צוגרייטן די נייטיקסטע ליטעראַטור פֿון די צענטראַלע אײַנריכטונגען פֿון דער פּאַרטיי און פֿון בונד. די אַרבעט איז געווען אַן אומגעהײַער גרויסע; מאַטעריאַל האָט זיך אָנגעקליבן אַ פֿולע, אויף ביידע שפּראַכן. אַ היפּש ביסל מאַטעריאַל האָט זיך באַקומען

---

[3] פֿון ז׳ 365 איז צו זען, אַז דער „מען״ איז טאַקע געווען ארקאדי אליין.

צוגעשיקט פֿון מאַרטאָוון וואָס איז דעמאָלט געווען פֿאַרשיקט אין סיביר. די דרוקעריַי איז געווען טעכניש ניט גענוגנד אויסצופֿירן די נויטווענדיקסטע אַרבעטן, מען האָט געמוזט אַלץ אַרויסלאָזן אין די צענדליגער טויזנטער עקזעמפּלאַרן, און די דרוקער האָבן זיך געמוזט אָנשטרענגען ביז די לעצטע כּוחות.

דער דריטער מיטגליד פֿון צ"ק פֿון בונד האָט זיך אויך אַריבערגעקליבן קיין מינסק. געלטמיטלען האָט געפֿעלט ביז גאָר, און איך האָב געמוזט ווינען דערוויַיל ביַי גליעבן אין צימער און דערצו נאָך ניט איַינגעמאָלדן. איַינמעלדן מיַין פּאַס האָב איך געהאַט מורא צוליב דעם אַרעסט פֿון פּאַטין אין ווילנע, ביַי וועלכער איך פֿלעג זיַין אַ צו אָפֿטער גאַסט. שוין אין ווילנע האָב איך געוווינט די לעצטע ציַיט ניט איַינגעמאָלדן. איך פֿלעג ניט קענען אַרויסגיין אין גאַס און זיך מוזן באַהאַלטן אין שטוב.

ענדלעך האָב איך דאָך גענומען אַ צימער פֿאַר זיך, אָבער איך האָב אים געמוזט גאַנץ גיך פֿאַרלאָזן צוליב אַ קליינעם אינצידענט.

כ'בין איין מאָל געגאַנגען אין גאַס און זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ווילדער סצענקע. אַן אַרבעטפֿרוי איז נאָכגעלאָפֿן מיט אַ יאָמערדיקן געשריי נאָך אַ פֿאַרשוין וועלכער, ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוווּסט, איז געווען אַ באַוווּסטער יידישער מסור אין שטאָט. דער פֿאַרשוין פֿלעגט זיך אומקערן צו דער פֿרוי מיט זידלערײַען און ענדלעך איר געגעבן אַזאַ שטויס אין האַרץ, אַז זי איז אומגעפֿאַלן. עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַן עולם. איך האָב דאָס ניט געקענט צוזען, בין איך צוגעלאָפֿן צום פֿאַרשוין און אין אַן אויפֿגערעגטן טאָן אָנגעוויזן אויף זיַין נידערטרעכטיקייט. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן נאָכפֿאָרשנד און אַ זאָג געטאָן: „ווער זיַיט איר, קומט אַקאָרשט אין פּאָליציי אַריַין". מיר איז שטאַרק ניט געפֿעלן געוואָרן די איַינלאַדונג, אָבער עס איז געווען צו שפּעט זיך צו ציִען צוריק. גיין אָבער אין פּאָליציי איז מיר געווען שטאַרק ניט צום האַרצן. דאָך האָב איך מיט ברייטקייט מסכּים געווען... אָבער ביַי דער ערשטער

געלעגנהייט, בעת ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן עולם, האָב איך זיך אויסגעדרייט און [בין] נעלם געוואָרן. דער מנוול אָבער האָט מיר ניט פֿאַרגעסן; אַ גאַנצע וואָך האָט ער נאָכגעלויערט נאָך מיר. איך פֿלעג אים אויסמײַדן, אויף וויפֿל איך האָב נאָר געקאָנט, איך פֿלעג אויסקוקן מײַנע אויגן, כּדי אים צו דערזען פֿון ווײַטן. איין מאָל האָב איך אים דערזען פֿון מײַן צימער אויפֿן הויף.

עס איז קיין אויסוועג ניט געבליבן – איך האָב געמוזט אַרויסציִען זיך פֿון דער דירה. איך האָב באַקומען אַן אַנדערע אין אַ פֿאַרוואָרפֿן געסל, ווו מען האָט געקאָנט באַמערקן יעדע פֿאַרדעכטיקע פּערזאָן. מײַן צימער איז אייגנטלעך געווען אַ פֿאַרלאָזענע קיך אויף אַן אונטערשטן שטאָק, אָבער דערפֿאַר האָט זי געהאַט אַ סעפּאַראַטן אַרײַנגאַנג פֿון אַן אַלגעמיינעם פֿינצטערן פֿאָרהויז. אין הינזיכט דירה איז זי געווען מיט גאַנץ קליינע באַקוועמלעכקייטן, אָבער זי איז געווען אין גאַנצן אָפּגעזונדערט, געהאַט אַ פֿענצטער אויפֿן הויף, וועלכן מען האָט געדאַרפֿט פֿאַרבײַגיין, אום אַרײַנצוקומען אין די וווינונגען, און געקאָסט האָט זי ניט פֿיל – אַ רובל דרײַ אַ מאָנאַט. מײַן בעל־הבית איז געווען אַ קבצן אַ ייִד, אַ קליינער אַדוואָקאַט, אַ „פּראָסבע״־שרײַבער וואָס פֿלעגט אָפֿט אַרויספֿאָרן איבער די קליינע שטעטלעך, דערצו איז ער נאָך געווען אַ ביסל אַן אָנהענגער פֿון בונד, און אין דער הינזיכט בין איך געווען ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט קיין אַרבעט ניט געפֿעלט, און בײַ יענע באַדינגונגען איז עס געווען אומגעהײַער שווער. גליעב האָט זיך געמוזט אַריבערקלײַבן קיין לאָדזש – צוליב מאַנגל אין געלט דאַכט זיך. מיר זײַנען געבליבן זאַלבע צווייט: וולאַדימיר איז געווען פֿאַרנומען מיט ליטעראַרישע אַרבעטן און דערצו געמוזט אונטערקנעלן, כּדי זיך אויסצוהאַלטן. איך האָב געהאַט גאַנץ ווייניק „אוראָקן״ און געמוזט לעבן אויף קהלשע הוצאות. מיר האָבן נישט געוואָלט אַרײַנמישן די אָרטיקע מענטשן אין דער צענטראַלער אַרבעט, און די גאַנצע איבעריקע אַרבעט

איז געלעגן אויף מיר. עס פלעגט אויסקומען צו שרייבן ביז אַ צענדליגג בריוו אַ טאָג. עס קאָן זיך אויסדוכטן, אַז דאָס איז אַ קלייניקייט, אָבער די בריוו זיינען געווען אַלע שיפרירטע און מערסטן טייל פלעגט מען זיי דאַרפן שרייבן אין צייטונגען, אונטערשטרייכנדיק מיט פינטעלעך די שורות. מען האָט גע־דאַרפט אַפריער איבערלעזן די בריוו וואָס פלעגן אָנקומען געשריבן אויף דעם זעלביקן אופן. נעמענדיק נאָך אין אָנ־באַטראַכט, אַז ניט פאַר אַלע איז געווען דער זעלביקער שיפער, קען מען זיך פאָרשטעלן די געשווינדקייט, מיט וועלכער מען האָט געקאָנט אויספירן די אַרבעט...

אום צו פאַרגיכערן, האָט מען במילא געמוזט פּושערן די בריוו, ד"ה נישט שרייבן לויט אַלע כּללים פון שיפער. ווער עס איז באַקאַנט דערמיט, וועט פאַרשטיין, ווי ניט קאָנספּיראַטיוו און אַפילו געפערלעך דאָס איז געווען, ווייל מען פלעגט דאַרפן געברויכן פאַר די זעלביקע בוכשטאַבן די זעלביקע ציפערן און ניט ענדערן זיי ווי די רעגל איז. מען האָט געמוזט אַריינוואַרפן טעגלעך אַ זעקס־זיבן צייטונגען אין די פּאָסטקעסטלעך, און דאָס האָט געקאָנט אויפמערקזאַם מאַכן די געניטע בלוטהינט פון זובאַטאָווס באַנדע.

ווי איך האָב געזאָגט, איז די דרוק געווען טעכניש ניט צוגעגרייט צו די ברייטע אויפגאַבן וואָס מען האָט איר געשטעלט. מיר האָבן איבערטראַנספּאָרטירט אַ 3–4 פּוד נייע שריפט יידישע און רוסישע. דאָס האָט מען געבראַכט אין איין שיינעם פאַר־נאַכט צו מיר אין צימער; געשלעפּט האָבן דאָס אַ פּאָר געזונטע יונגע אַרבעטער. גלייך אָפּטראָגן פון מיין צימער איז געווען אוממעגלעך, און דער שריפט איז געבליבן ביי מיר. אויף מאָרגן ערשט האָב איך דאָס געקאָנט איבערטראָגן „אויף זיך". איך בין קיין מאָל נישט געווען שטאַרק איבערגעפאַלן, אָבער נעמען „אויף זיך" אַ וואָג כּמעט נאָך אַ מאָל ווי מיין אייגענע און ניט אויסזען דערביי אַ ביסל צו ברייטלעך און נאָך דערצו גיין מיט אַ געוויינלעכן שריט — איז געווען אַן אויפגאַבע ניט פון די איינגענעמע. און גיין צוויי מאָל אויף דעם סקלאַד איז געווען

אומבאַקועם. איין גאָט ווייס, ווי איך האָב דאָס דורכגעמאַכט ניט פֿאַרגיסנדיק זיך מיט טײַכן שווייס.

די דרוק האָט געדאַרפֿט אויסשטיין אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן. מען האָט געדאַרפֿט אַרבעטן גאַנצענע טעג ביז שפּעט אין אָוונט; אויס מורא זיך ניט צו וואַרפֿן אין די אויגן האָט מען ניט געקאָנט אַרבעטן די נעכט. די דרוק איז געווען אײַנגעאָרדנט אַלס אַ ווערקשטאַט, און מער ניט אַ דאַנק דעם צאַרישן רעזשים מיט זײַן לאַנגן אַרבעטסטאָג האָט מען געקענט אַרבעטן ניט צוציִענדיק די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג. יעדער רעזשים האָט זײַנע מעלות.

עס זײַנען נאָך ניט געווען אין געברויך די לינאָטיפּס מיט די ראָטאַציאָנס־מאַשינען, הויפּטזעכלעך פֿאַר געהיימע דרוקערײַען: מען האָט געקענט דרוקן נאָר איין זײַטל מיט אַ פּרעס וועלכן ס׳האָט דערפֿונדן אמת זייער אַ באַגאַבטער, אָבער דאָך ניט קיין וועלט באַרימטער ערפֿינדער, ווי דאָס איז געווען דער טרויעריק באַקאַנטער ישׂראל־מיכל קאַפּלינסקי. מען האָט געדאַרפֿט אָפּדרוקן צענדלינגער פּודן פּאַפּיר אין דער צײַט, ווען קויפֿן אַ שטאָס פּאַפּיר איז געווען פֿאַרדעכטיק און פֿלעגט אָנקומען מיט גרינגע ווערים אין אַזאַ שטעטל ווי באָברויסק. מען האָט געמוזט דאָס פּאַפּיר קויפֿן אין מינסק און אויף אַזאַ אופֿן צוויי מאָל שמוגלען אין דרוקערײַ: איין מאָל פּאַפּיר און אַ צווייטן מאָל אַרויס־שמוגלען פֿאַרטיקע אָפּגעדרוקטע מאַטעריאַלן.

עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ אינטענסיווע אַרבעט איז געווען מעגלעך צו באַהאַלטן פֿון דער פּאָליצײ מערניט צווישן ייִדן וועלכע האָבן מסתּמא באַמערקט, אַז דאָ איז עפּעס ניט אַלץ אין אָרדענונג, אָבער זיי האָבן גאָרניט אַרויסגעטראָגן פֿאַר די „אומות העולם״. די שטעטל איז געווען צו קליין פֿאַר אַזאַ אונטערנעמונג, אָבער ווען מיר האָבן זיך אַרומגעזען וועגן דעם, איז שוין געווען צו שפּעט.

די געניטסטע אַגענטן האָבן זיך גענומען צו אונדז. געכאַפּט איין מאָל דעם שפּור דורך די אָנגעפּאָרענע, האָבן זיי אים שוין ניט געוואָלט אָפּלאָזן. זיי פֿלעגן נאָכפֿאָרן אונדזערע

מענטשן וועלכע פֿלעגן פֿונאַנדערפֿירן די ליטעראַטור; דאָס פֿלעגט זיי געבן די מעגלעכקייט צו פֿאַרגרעסערן די באַקאַנט־שאַפֿט, קיין איין טראַנספּאָרט פֿלעגט ניט פֿאַרפֿאַלן גיין. דאָס איז אַרײַנגעגאַנגען, ווי עס ווײַזט אויס, אין זובאַטאָווס שפּיל. פֿאַר אים איז ניט וויכטיק געווען די געפֿאַר פֿון פֿאַרשפּרייטן די „מגפֿה" דורך דער ליטעראַטור, — פֿאַר אים, ווי פֿאַר אַן אַמביציעזן שפּיאָן, איז געווען דער הויפּטציל זיך אויסצופּײַנען דערנאָך מיט אַ גרויסן אַלרוסלענדישן דורכפֿאַל, מיט אַ גרויסער מאַסע אַרעסטירטע. ער האָט דערפֿאַר דורכגעלאָזן אַ גאַנצע רייע פֿאַלן, ווען ער האָט געקאָנט איבערהאַקן די אַרבעט אין מיטן.

די הויפּטקוואַרטיר פֿון זײַנע מענטשן איז געווען, ווי עס ווײַזט אויס, לאָדזש. דאָ איז זובאַטאָוו געווען אין טעות: ער האָט זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז דער צענטער איז געווען אין אַזאַ קליין שטעטל ווי מינסק. די צענטראַלע פֿיגור איז געווען בײַ אים באַנעוווער, און אַרום אים הויפּטזעכלעך האָט ער קאָנצענטרירט זײַן אַרמיי. באַנעוווער פֿלעגט אונדז העלפֿן אין פֿונאַנדערפֿירן די ליטעראַטור, ער האָט גוט באַמערקט דעם שונא און פֿלעגט מיט אים שפּילן אין באַהעלטעניש. מינעס און קאָנטערמינעס פֿלעגן זיי פֿירן איינע קעגן די אַנדערע. ער האָט אַלע שפּיאָנען געקענט אין פּנים; פֿלעגט ער קומען קיין מינסק, פֿלעגט ער אונדז זיי אָנווײַזן.

מיר האָבן געפֿילט, אַז מיר ווערן אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן, אַלץ ענגער איז געוואָרן דער פֿאַרכישופֿטער קרײַז. ווי אַ שלאַנג האָט ער אונדז אַרומגענומען, און אָט־אָט וואַרפֿט מען זיך אויף אונדז. דער קאַמף איז געווען אַ פֿאַרצווייפֿלטער, דאָס איז געווען אַ קאַמף פֿון אַ הײַפֿעלע מענטשן קעגן דעם אַלמעכטיקסטן אַלרוסלענדישן אייבערשפּיאָן מיט זײַנע אומ־באַגרענעצטע מיטלען אין געלט און אין מענטשן. דער איינציקער אויסוועג וואָלט געווען אָפּצושטעלן די אַרבעט, ווײַל קיינער וואָלט זיך שוין ניט געקענט שטעלן אויף אונדזער אָרט און ניט אַרײַנפֿאַלן אויף מאָרגן אין דער זעלבער נעץ.

זובאַטאָווס שפּיל איז געווען אַ זיכערע, אָבער אָפּשטעלן די אַרבעט איז געווען פֿאַר אונדז אוממעגלעך. עס האָט געדאַרפֿט אַרויסגיין די „אַרבעטער=שטימע״, מען האָט געמוזט אַרויסלאָזן אַן ענטפֿער די פּפּ״ס קעגן זייער שאַרפֿן אָנפֿאַל אויפֿן בונד. אין אַ רייע רעזאָלוציעס פֿון זייערן אַ צוזאַמענפֿאָר האָבן זיי שאַרף אָנגעגריפֿן דעם בונד. די רעזאָלוציעס זײַנען געווען געווענדעט קעגן דעם רעכט פֿון יידישע אַרבעטער אויף אַן אייגענע קאַמף=אָרגאַניזאַציע, זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר שעדלעך זײַן עקסיסטענץ גופֿא.

אויף אַזאַ קאַמף האָבן מיר זיך ניט געריכט, און מען האָט געמוזט זיי געבן אַ געהעריקן ענטפֿער. דאָס איז געווען נייטיק אַפֿילו פֿאַר אונדזערע אייגענע חבֿרים אַליין, בײַ וועמען דער שלעכט פֿאַרשטאַנענער אינטערנאַציאָנאַליזם האָט געשטעלט אין ספֿקות דאָס רעכט אויף בונדיזם איבער הויפּט. דער ענטפֿער איז געווען פֿאַר יענער צײַט אַן ערשיטערנדיקער. ער האָט געמאַכט אַן אומגעהײַערן רושם אַפֿילו אויף פּפּ״ס אַליין, אויף וויפֿל מען האָט אונדז דערנאָך איבערגעגעבן. דאָס איז געווען ניט קיין פֿאַרענטפֿערן זיך, נאָר אַן אָפֿענער אָנפֿאַל אויף זיי, אויף זייער טאַקטיק אין דער פֿראַגע. דאָס איז געווען אַ זאַכלעכער ענטפֿער, און אין דער זעלבער צײַט אַ שאַרפֿע קריטיק פֿון זייער האַלטונג. מיט זעלבסטווירדע האָט מען זיי אַוועקגעשטעלט אויף זייער אָרט. מיט בײַסנדיקער איראָניע האָט מען גערעדט וועגן זייער סאָציאַליסטישקייט; מיט פֿאַרדרוס וועגן זייער נאַציאָנאַליזם. אַזוי איז געווען דער אײַנדרוק אין יענער צײַט בײַ אַלעמען. הײַנט צו טאָג וואָלט דאָס אויסגעזען נאָך צו שוואַך. איך האָב פֿון דעמאָלט אָן די בראָשור ניט געזען [4].

זובאַטאָווס נעץ האָט אונדז אַרומגערינגלט אַלץ ענגער און ענגער. אַלע האָבן מיר געזען, אַז דאָס איז דער סוף,

4 די בראָשור האָט געהייסן: „די מלחמה פֿון פּפּ״ס קעגן דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטערבונד״ און איז אַרויס אויך אויף פּויליש און רוסיש.

אַז עס מוז זיך ענדיקן מיט אַן אומגעהײַערן קראַך. צווישן זיך האָבן מיר זיך געוויצלט, אַז דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.

אָבער מיר האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר גענוג שטאַרק, כּדי אָפּצושלאָגן זובאַטאָווס אָנגריף. מיר האָבן זיך געאײַלט צו פֿאַרענדיקן די נייטיקסטע אַרבעט: מיר האָבן באַשלאָסן זיך פֿונאַנדערצופֿאָרן ווי נאָר עס וועט פֿאַרענדיקט ווערן דאָס אַרויסלאָזן די „אַרבעטער־שטימע". עס איז שוין געווען אָנגעמערקט אַן אַנדער שטאָט. עס איז געווען צוזאַמענגעפּאַקט דער שריפֿט מיט די מכשירים און טיילווײַז אַוועקגעשיקט קיין גראָדנע. עס האָט זיך פֿאַרוואָלט אויסשפּילן די שפּיל און געבן דעם לעצטן שאָס — דאָס האָט שנעלער געמאַכט דעם פֿינאַל. מיר האָבן צוזאַמענקליבן אַלע איינצלהייטן וועגן דער באַנדע שפּיאָנעס, זייער אויסזען, זייערע ווינערטער, ווו זיי פֿלעגן זיך צוזאַמענקלײַבן, ווו זיי פֿלעגן שטיין דאָס רובֿ אויף די גאַסן. די אַלע ידיעות האָבן מיר אָפּגעדרוקט אויף צעטעלעך, פֿונאַנדערגעשיקט צו די אָרגאַניזאַציעס און גלײַכצײַטיק אַוועקגעשיקט צו זובאַטאָוון אַליין.

וולאַדימיר איז געבליבן אַליין אין מינסק. די באָברויסקער האָבן געדאַרפֿט אין אַ קורצער צײַט ליקווידירן די דרוקערײַ און זי אַריבערפֿירן קיין גראָדנע. די „אַרבעטער־שטימע" איז געווען פֿאַרטיק. מען האָט געדאַרפֿט זי פֿונאַנדערשיקן איבער די שטעט.

דער דועל צווישן אונדז און זובאַטאָוון איז געווען געענדיקט. דעם לעצטן שאָס האָבן מיר אַרויסגעלאָזן. זײַן שפּיל האָט זיך אײַנגעגעבן נאָר אויף דער העלפֿט. זײַן ענטפֿער האָט ניט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן. ער האָט אונדז אַלעמען אַריבערגעפּעקלט צו זיך אין מאָסקווע. ליידיקע צימערן זײַנען נאָך געווען דאָרטן גענוג. אויפֿן אָרט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער „צוזאַמענפֿאָר" איז אַ גוואַלדיקער — אַ מאַן 50 האָט ער צוזאַמענגענומען פֿון אַלע ווינקעלעך; [5] ער האָט

[5] לויט די מאַטעריאַלן פֿון פּאָליצײַ־דעפּאַרטאַמענט איז די צאָל אַרעסטירטע דערגאַנגען ביז 67; די פֿולע רשימה איז אָפּגעדרוקט בײַ בוכבינדערן, די געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג ז' 85—86.

איך צוגענומען מײַן בעל־הבית אין דער נאַכט, ווען זײַן ווײַב איז געגאַנגען צו קינד. דאָס האָט ער מיר מיט גדולה אַלץ אַליין דערציילט; ער האָט צוגעגעבן, אַז אַ סך זײַנען אין גאַנצן אומשולדיק, נאָר „ווען מען האַקט אַ וואַלד, פֿליִען שפּענדלעך". דאָס האָט מיך אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים. איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט די שרעק און אומגליק פֿון דער פֿאַמיליע, איך האָב זיך געהאַלטן פֿאַר שולדיק אין דעם אַלעם, איך האָב זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפֿינען פֿון אימה, ווען ער האָט מיט גדלות צוגעגעבן, אַז זײַן ווײַב איז געפֿערלעך קראַנק און מען צווייפֿלט אין איר לעבן.

קיין פּוסטע ווערטער האָבן דאָ ניט געקאָנט העלפֿן. איך האָב אים פֿאָרגעלייגט, אַז ער זאָל אין טורמע צוזאַמענרופֿן אייניקע וואָס ער האַלט פֿאַר די צענטראַלע פּערזאָנען, און זיי זאָלן זען צו ליקווידירן דעם פּראָצעס, כּדי וואָס גיכער צו באַפֿרײַען די אומשולדיקע.

ער האָט מיך געפֿרעגט, ווער זאָלן זײַן די מענטשן.

— איר האָט אַזוי לאַנג געפֿירט דעם שפּיאָנאַזש, אַז איר מוזט וויסן ווער, איז געווען מײַן ענטפֿער.

ער האָט אָפּגעזאָגט.

„גוט, האָב איך אים געזאָגט, וועט איר זיך גאָרניט דערשלאָגן; אײַער טירחא איז געווען אומזיסט".

„דאָס וועלן מיר זען", האָט ער געזאָגט.

— דאָס וועלן מיר זען, האָב איך מיט אַ שמייכל געענטפֿערט.

דער ערשטער קאַפּיטל פֿון דעם קאַמף האָט זיך געענדיקט, עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער.

ווער האָט געזיגט?

אַ פּאָר מאָנאַטן נאָך אונדזער אַרעסט איז פֿאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד. זובאַטאָוו האָט וועגן דעם באַקומען אַ ידיעה, די „אַרבעטער־שטימע" איז דערנאָך דערשינען אין אַ קורצער צײַט אַרום. דאָס איז געווען דער אוממיטלבאַרער

ענטפֿער פֿון בונד. אַן ערשיטערנדער ענטפֿער וואָס האָט אים נידערשלאָגן.

דער צווייטער ענטפֿער איז געווען פֿון די אַרעסטירטע.

22 מאָנאַטן נאָכן אַרעסט האָט זובאַטאָוו זיך מודה געווען, אַז איך בין געווען גערעכט: מער ווי ער האָט געוווּסט פֿאַרן אַרעסט האָט ער זיך גאָרניט דערוווּסט. דער פּראָצעס האָט געמוזט ליקווידירט ווערן; קיין גרויס כּבֿוד האָט ער פֿון אים ניט געהאַט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער עפּיזאָד פֿון „זובאַ־טאָוושטשינע", פֿון דער ליקווידאַציע־טעטיקייט וואָס האָט אָנגע־מאַכט גענוג צרות דעם בונד, – אָבער ליקווידירט איז געווען זובאַטאָוו.

דאָס איז געווען דער עפּילאָג פֿון דער פּיעסע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן זובאַטאָוון און דעם ערשטן צ"ק פֿון בונד.

זובאַטאָוו האָט געקענט שטרײַטן קעגן איינצלנע פּערזאָנען, ער איז געווען, און [האָט] געמוזט זײַן, אוממעכטיק קעגן דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט – קעגן בונד.

זובאַטאָוו האָט ניט דערלעבט צום יובֿיליי פֿון בונד. זובאַטאָוו איז געפֿאַלן. דער בונד לעבט.

[1927]

אין ארכיוו פֿון פּאָליציי־דעפּארטאַמענט האָט מען נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1917 געפֿונען דעם פּאַפּיר וואָס אַ. קרעמער האָט אָנ־געגעבן נאָכן אָפּזיצן פֿופֿצן אַ האַלב חדשים אין מאָסקווער טורמע. מיר דרוקן דאָ דעם דאָקומענט לויט בוכבינדערס געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג זז' 90—91. די השתדלות איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן.

אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אין ס. פּעטערבורג.

בקשה פֿון דעם באַשולדיקטן לויט דעם אַרטיקל 318 פֿון דעם שטראָפֿקאָדעקס אַהרון יאָסעלעוויטש קרעמער. איך זיץ שוין פֿאַרשפּאַרט פֿופֿצן מיט אַ האַלבן חודש, און די אויספֿאָרשונג וועגן דעם ענין, צוליב וועלכן איך בין צוגעצויגן, האָט זיך

ביז איצט ניט געענדיקט. מען האָט מיך דרײַ מאָל אויסגע־פֿאָרשט. דאָס ערשטע מאָל אָנהייב סעפּטעמבער 1898. אויף דער דאָזיקער אויספֿאָרשונג האָב איך אין קורצע שטריכן דער־ציילט מײַן לעבן פֿאַר דעם לעצטן יאָר ביז מײַן אַרעסט. מען האָט מיך געפֿרעגט וועגן מײַנע באַקאַנטע. ס׳איז אַריבער צען חדשים. אָנהייב יולי 1899 האָט מען מיך אויסגעפֿאָרשט דאָס צווייטע מאָל. צו מײַן גרויסן חידוש האָט מען מיר געשטעלט די זעלביקע פֿראַגעס וואָס אויף דער ערשטער אויס־פֿאָרשונג און נאָך איין נײַע פֿראַגע. בשעת דער רעוויזיע האָט מען בײַ מיר געפֿונען אַ שיפֿרירט צעטל, וואָס מען האָט עס פֿונאַנדערגעשיפֿרירט נאָך סוף 1898. וועגן אָט דעם צעטעלע האָט מען מיך דאָס אויסגעפֿאָרשט. ס׳זײַנען אַריבער נאָך דריט־האַלבן חדשים. סוף סעפּטעמבער 1899 האָט מען מיך אויסגע־פֿאָרשט צום דריטן מאָל. ווידער די זעלביקע פֿראַגעס, ווידער וועגן דעם זעלביקן צעטעלע. אַגבֿ האָט מען מיר געשטעלט נאָך איין פֿראַגע. דאָס אומענדלעכע זיצן פֿאַרשפּאַרט האָט אַרויס־געריסן בײַ איינעם פֿון די אַרעסטירטע ניט קיין ריכטיקע דערקלערונג וועלכע ער האָט אין אַ פּאָר טעג אַרום צוריק־געצויגן. וועגן אָט דער דערקלערונג האָט מען מיך דאָס געפֿרעגט. פֿון יענער צײַט זײַנען שוין פֿאַרבײַ מער פֿון אָנדערט־האַלבן חדשים, און מען האָט מיך שוין מער ניט אויסגעפֿאָרשט; מיר איז אָבער אויסגעקומען צו זײַן אין דער זשאַנדאַרמעריע־פֿאַרוואַלטונג. מען האָט דאָרטן אַגבֿ אויך גערעדט וועגן אונדזער עניין. אויף מײַן באַמערקונג, אַז אַזאַ לאַנגע צײַט זיצן ווירקט שרעקלעך אויף דעם געזונט, האָט דער הער וואָס האָט געפֿירט די אויספֿאָרשונג, אין בײַזײַן פֿון דעם ה׳ געהילף־פּראָקוראָר, געענטפֿערט: „מיר אינטערעסירן זיך מיט דעם עניין און ניט מיט די פּערזאָנען״, און אויף מײַן באַמערקונג, פֿאַר וואָס די אויספֿאָרשונג ציט זיך אַזוי לאַנג, אַז זי וועט שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, האָט דער הער וואָס האָט געפֿירט די אויספֿאָרשונג געזאָגט: „גיכער וועט איר אַלע אויסשטאַרבן איידער די אויספֿאָרשונג״. — נאָך אָט די ווערטער איז מיר אין

גאַנצן קלאָר געוואָרן, אַז דאָס האַלטן אונדז אין טורמע איז נאָר כּדי צו פּייניקן אונדז. וואָס שייך דער אויספאָרשונג גופא, האָט זי בנוגע מיר גאָרניט אויפגעדעקט און ממלא געוועזן צו דעם אַלעם וואָס זי האָט געוווּסט בשעת מײַן אַרעסט. אויף וויפל עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו הערן וועגן די איבעריקע באַשולדיקטע אין דעם זעלביקן ענין, האָט די אויספאָרשונג אויפגעטאָן כּמעט דאָס זעלביקע.

אין שייכות מיט דעם אַרויסגעזאָגטן האָב איך דעם כּבֿוד אײַך צו בעטן, צי איז ניט מיגלעך מיך אַרויסצולאָזן ביז דער צײַט, ווען דער ענין וועט פֿאַרענדיקט ווערן, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דער פּאָליציי, אויף ערבֿות אָדער קויצע.

אַהרון יאָסעלעוויטש קרעמער

דעם 9טן סעפטעמבער 1899.

מיט 35 יאָר צוריק

כדי בעסער צו פֿאַרשטיין די צוויי דאָקומענטן וואָס ווערן איצט פֿאַרעפֿנטלעכט,[1] מוז מען זיך אומקערן אַ ביסל אויף צוריק, נאָך פֿאַרן יאָר 1894.

די ערשטע גרינדער פֿון די אַרבעטער־קרײַזלעך אין ווילנע האָבן ניט אין זינען געהאַט קיין ברייטע אַרבעט צווישן דער ייִדישער אַרבעטער־מאַסע גופֿא; זיי האָבן בלויז געוואָלט אויס־בילדן איינצלנע מער אַנטוויקלטע אַרבעטער, זיי דערפֿירן צום סאָציאַליסטישן באַוווסטזײַן, זיי צוגרייטן פֿאַר אַגיטאַטאָרן פֿאַר רוסלאַנד, פֿאַר די אינדוסטריעלע צענטערן — פֿאַר דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס. דער סאָציאַליסטישער געדאַנק פֿון יענער צײַט האָט ניט געזען נאָך די מעגלעכקייטן פֿון אַ באַוווסטזיניקער קלאַסן־באַוועגונג צווישן אַרבעטער פֿון קליינע וואַרשטאַטן, און נאָך מער – צווישן די ייִדישע צעזייטע און צעשפּרייטע איינצלנע אַרבעטער אין די האַנטווערקער־וואַרשטאַטן. דאַקעגן האָט זיך געלייגט אויפֿן שׂכל, אַז צווישן אָט די עלעמענטן וועלכע זײַנען גײַסטיק מער אַנטוויקלט און מאָראַליש ריינע זאָלן זיך לײַכט געפֿינען יחידים וואָס וועלן זיך קענען דערהייבן און גוט פֿאַר־שטיין דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

די פּראַקטיק האָט אָבער גיך געוויזן, אַז דער חשבון איז ניט קיין ריכטיקער. דער „עקספּאָרט" האָט זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי מניעות. די ערשטע מניעה איז געווען די שפּראַך. מען האָט טאַקע געלערנט אויף רוסיש, אָבער דער רוסיש פֿון די

---

[1] „סטאַטוט פֿון אַ קאַסע", ווילנע 1894, און „סטאַטוט פֿון דער ווילנער קאַמפֿקאַסע", 1896.

אַרבעטער איז געווען אַזוי „ייִדישלעך", אַז ס'איז געווען שווער זיך פֿאָרצושטעלן, זיי זאָלן קענען פֿיל אויפֿטאָן צווישן די רוסישע אַרבעטער אין די גרויסע רוסישע שטעט. די צווייטע מניעה איז געווען דאָס וווינרעכט וואָס איז געשטאַנען אויפֿן וועג צו דערפֿילן די געשטעלטע אויפֿגאַבע. און אום צו באַקומען כאָטש אַ קליין קערנדל טיכטיקע און פּאַסיקע עלעמענטן, האָט מען געמוזט ברייט אַוועקשטעלן די קרײַזלעך־אַרבעט: מען זאָל פֿון אַ סך קענען אויסקלײַבן די בעסטע.

זײַנען די קרײַזלעך טאַקע געוואַקסן ווי אויף הייוון. ביסלעכווײַז איז דאָס פֿאַרמערן די צאָל קרײַזלעך און פֿאַרטיפֿערן די אַרבעט אין זיי געוואָרן אַ מין ציל פֿאַר זיך. און דאָ הייבט מען אָן אַלץ מער צו פֿילן די פּלאָג פֿון לאַנגן אַרבעטסטאָג. מען פּלעגט אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט, מען פּלעגט אַרבעטן שבת צו נאַכט, פֿאַר די יום־טובֿים אָפֿט גאַנצע נעכט. די אויפֿ־קלערונג־אַרבעט האָט געקענט פֿאַרקומען כמעט ניט מער ווי פֿרײַטאָג צו נאַכטס און דעם שבתדיקן טאָג, אויב ניט רעכענען די שטובאַרבעטער און איבער הויפּט די שטובאַרבעטערינס, ווי די זאָקנמאַכערינס. די בילדונג, די קרײַזלעך זײַנען שוין געוואָרן אַ לעבנס־פֿראַגע בײַ אַ גאַנצער מחנה בעסערע אַרבעטער, און פֿאַרקלענערן דעם אַרבעטסטאָג – אַ נויטווענדיקייט. דערבײַ איז קעמפֿן קעגן דעם לאַנגן אַרבעטסטאָג צו יענער צײַט געווען איינע פֿון די שווערסטע זאַכן. צו שטאַרק האָט דאָס אָנגערירט די אינטערעסן פֿון די קליינע האַנטווערקער, און ביז אַ באַשטימטער מאָס אויך פֿון אַ גרויסן טייל אַרבעטער: שטיקאַרבעט איז געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין די הויפּטפֿאַכן — בײַ די נאָדל־אַרבעטער און בײַ שוסטער און שטעפּער.

אָבער אַז מען זוכט, געפֿינט מען. שווער צו זאָגן ווי אַזוי (דוכט זיך, דער לערער גאָזשאַנסקי), נאָר מען האָט אויס־געפֿונען אין שטראָפֿקאָדעקס אַן אַלטפֿרענקישן געזעץ פֿון יעקאַ־טערינע דער צווייטער, אַז אין די וואַרשטאַטן טאָר מען ניט אַרבעטן מער ווי 12 שעה אין טאָג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פּראָטעסטן און אָנקלאַגעס מצד די אַרבעטער בײַם

אַרבעט־אינספּעקטאָר, און ער האָט זיך הייס אָפּגערופן אויפן פּראָטעסט פון די אַרבעטער. פּאָליציי האָט אָנגעהויבן נאָכצו־שפּיאָנירן די וואַרשטאַטן, פּלעגט, זעלבסט פאַרשטענדלעך פאַר געלט, קוקן צווישן די פינגער, אָבער די אַרבעטער אַליין פּלעגן אַכטונג געבן און ניט דערלאָזן ווייטער צו אַרבעטן. עס זיינען אַפילו פאָרגעקומען אייניקע פּראָצעסן וועגן לאַנגן אַרבעטסטאָג (איבער 12 שעה), וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער שטראָף.

דער קאַמף פאַר אַ „לעגאַלן" אַרבעטסטאָג, ווי דאָס איז אָנגערופן אין די דאָקומענטן, האָט אונדז אַלעמען געעפנט די אויגן; עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע מאַסן־באַוועגונג. גאַנצע מחנות אָפּגעשטאַנענסטע אַרבעטער האָבן זיך גענומען צוהערן צו די רייד פון די אַגיטאַטאָרן; עס האָט זיך אָנגע־הויבן אַ מאַסן־אַגיטאַציע; מען האָט אויפגעקלערט די אַרבעטער די שייכות פון אַ קלענערן אַרבעטסטאָג צו פאַרגרעסערונג פון די שכירות, צו דער פאַרלייכטערונג פון סעזאָן, און במילא צו דער פאַרגרעסערונג פונעם געצאָלט פאַר שטיקאַרבעט. אין דער זעלבער צייט האָט מען אָנגעהויבן אַן ענערגישע אויפקלערונג־אַרבעט פאַר אָפּשאַפן שטיקאַרבעט איבער הויפּט.

די קריינזלעך־אַרבעטער זיינען געהאַט געווען אין גאַנצן אָפּגעריסן פון דער מאַסע. פאַרברענגען פלעגן זיי מערניט ווי אין דער אייגענער סביבה. די אָנפירער האָבן געפילט, אַז עס קען ווייטער אַזוי ניט גיין. אַפילו די פיינע קריינזלעך־אַרבעט מוז באַגרענעצט ווערן, ווייל די מאַסע איז אין גאַנצן געבליבן אָן אַ זייט, די בעסערע אַרבעטער פלעגן זיי אויסמיידן, און אויף אַלע אויפמונטערונגען פון די אינטעליגענטן פלעגט מען קריגן איין ענטפער: עס איז ניטאָ מיט וועמען צוריידן, פון וועמען צו ווערבירן...

אָבער מיט דער באַוועגונג פאַרן 12שעהנדיקן אַרבעטסטאָג האָט זיך אַלץ געביטן: די מאַסע איז אויפגעטרייסלט געוואָרן, עס האָבן זיך אָנגעהויבן בירזשעס, מאַסאָווקעס, סכאָדקעס, מען פלעגט אָפּקלייבן בעסערע, מיט וועמען די אַגיטאַטאָרן אַליין

האָבן דורכגעפירט שבת־פאַרזאַמלונגען, אָדער מינדלעכע, אָדער לייען־פרימאָרגנס. עס איז געוואָרן לעבעדיק אויף דער אַרבעטער־גאַס.

גאַנץ סטיכיש האָט זיך געביטן די פסיכאָלאָגיע אי בײַ די אינטעליגענטן, אי בײַ די אַגיטאַטאָרן. מען האָט דערזען אַ מעגלעכקייט אי פון אַ ברייטער עקאָנאָמישער באַוועגונג, אי פון אַ גרויסער אויפקלערונג־אַרבעט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ מעגלעכקייט פון אַ ברייטער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע.

עס האָט געקאָנט, און עס איז שוין דאַן אויפגעשווומען דער געדאַנק וועגן קאַמפּקאַסעס. זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז געווען ניט גאָר קיין נײַער געדאַנק, אָבער איין זאַך איז אַ געדאַנק און אַ צווייטע זאַך איז דעם געדאַנק צו פאַרווירקלעכן. ווען מען פלעגט אויפהייבן די פראַגע וועגן קאַסעס, איז מצד די בעסערע אַרבעטער שטענדיק געווען איין ענטפער: „קענט איר מוראַשקעס צווינגען גיין פאָרויס, אַזוי קענט איר צווינגען אונדזערע אַרבעטער זיך אָרגאַניזירן און גיין צוזאַמען, האַלטן אַחדות“. (אַחדות — דאָס פאַרמיאוסטע וואָרט פון הײַנטיקע מאַנדאַטן־כאַפּער.) איצט אָבער האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געביטן. אַלע האָבן דערפילט, אַז דאָס איז אַ מעגלעכע זאַך און אַז דאָס איז אַ נויטווענדיקע זאַך, און פון זיך אַליין פאַרשטענדלעך. אָנהאַלטן דעם קאַמף נאָר מיט דער הילף פון דעם אַרבעט־אינספעקטאָר איז מעגלעך נאָר אויף אַ קורצער צײַט, גיך וועט אים מיאוס ווערן. מען מוז האָבן אַ שטענדיקע ווירקונג, אַ שטענדיקע גרייטקייט פון די אַרבעטער אַליין.

עס איז אָבער ניט געווען קיין לײַכטע זאַך בײַ יענע באַדינגונגען פּראַקטיש דורכצופירן די קאַסעס. ניט רײדנדיק שוין וועגן דער מעגלעכקייט צו פירן אַן אָפענע אויפקלערונג־אַרבעט צווישן די אַרבעטער, זײַנען נאָר דערצו געווען די אַרבעט־באַדינגונגען אַזוי פאַרשידן־אַרטיק. די אַרבעטער זײַנען אַזוי צעוואָרפן געווען איבער לייפּוטישע וואַרשטאַטן, עס איז געווען די פראַגע לערנ ינגלעך וואָס זײַנען געשטאַנען אויפן וועג, שטיקאַרבעט, אינטענסיווע סעזאָן־אַרבעט און אַרבעטסלאָ־

זיקייט נאָכן סעזאָן, די קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער, די הויזאַרבעט, די אַביוּנישקייט פון די בעלי־בתּים אאַז״וו. עס איז אויך געווען אַ פראַגע וועגן די אַרבעטערינס אין די שנײַדער־וואַרשטאַטן פון די פרויען־אייבערקליידער און קאָסטיומען – דאָרטן פלעגן די מיידלעך זײַן די אונטערהענט־אַרבעטערינס בײַ די מענער־אַרבעטער, די באַציִונגען זײַנען געווען שלעכטע. די אַרבעטערין פלעגט דאַרפן אויסשטיין אי פון בעל־הבית אי פון די אַרבעטער. דאָס אַלץ צו איבערווינדן און גרינדן אַ קאַמפקאַסע איז געווען גאָרניט פון די לײַכטע זאַכן.

און דאָך האָט מען געוואַגט.

די פראַגע האָט מען באַהאַנדלט אויף אַ גאַנצער ריי פאַרזאַמלונגען – די אַגיטאַטאָרן־סכאָדקעס. דאָס איז געווען דאַן די העכסטע דעצידירנדיקסטע אינסטאַנץ, הגם ניט דער אויספיר־אָרגאַן. די דיסקוסיעס זײַנען געווען הייסע און לײַדנשאַפטלעכע. דער יושר־געפיל האָט געפאָדערט, עס זאָלן אָנגענומען ווערן אַלע מיטלען, אַז דער שוואַכערער צד זאָל ניט באַעוולט ווערן. דערפאַר טאַקע געפינט מען אין די סטאַטוטן אַזעלכע ווייניק פאַרשטענדלעכע זאַכן ווי די צווייִקע פאַרזאַמלונגען פון די קאַסע־מיטגלידער – פון מענער און פרויען באַזונדער. דאָ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער אַנטאַגאָניזם צווישן די צווייהענטיקע אַרבעטערינס און זייערע אָנפירער – די אַרבעטער; זייערע אינטערעסן זײַנען געווען ביז אַ באַשטימטן גראַד קעגנזעצלעך. די פרויען וואָלטן זיך ניט געפילט אין גאַנצן פרײַ זיך אַרויס־צוזאָגן אין דער אָנוועזנהייט פון די אַרבעטער. אָבער די צווייִקע פאַרזאַמלונגען האָבן געמוזט שטאַרק קאָמפּליצירן דעם גאַנצן בוי פון דער קאַסע. און עס איז פאָרויסגעזען, אַז מען מוז אויף ביידע פאַרזאַמלונגען אַנטשיידן איינע און די זעלבע פראַגעס, און עס מוזן דערפאַר זײַן אָנוועזנד די פאָרשטייער פון איין פאַרזאַמלונג אויף דער צווייטער.

קיין שום שפּורן פון פּאָליטישן באַוווּסטזײַן זעט מען ניט אין די דאָקומענטן. וואָס אָפּטער עס וועלן זײַן שטרײַקן, וואָס גרעסער עס וועט זײַן די צאָל אַרבעטער וועלכע זעען אין דעם

שטרײַק דעם אײנציקן מיטל פֿון פֿאַרבעסערן זײער לאַגע, אַלץ מער וועט די פּאָליציי צוגעוויינט ווערן צום שטרײַק, און דער געזעץ קעגן שטרײַקן וועט ביסלעכווײַז פֿאַרלירן זײַן באַדײַטונג. די פּאָליציי פֿאַרשטעלט פֿאַר די אויגן פֿון די אַרבעטער דעם פּאָליטישן מלוכה-אַפּאַראַט; דער פּאָליטישער האָריזאָנט גייט ניט ווײַטער פֿאַר דער פּאָליציי.

דער סטאַטוס ווי ער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן איז דאַכט זיך קיין מאָל ניט אַרײַנגעפֿירט געוואָרן אין לעבן.

די ברייטע מאַסע וואָס איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג אין דער צײַט פֿון קאַמף פֿאַר פֿאַרקלענערן דעם אַרבעטסטאָג האָט געוויזן, אַז מען מוז ראַדיקאַל ענדערן די מעטאָדן פֿון דער אַרבעט. די קרײַזלעך האָבן אויפֿגעהערט צו זײַן די איינציקע פֿאָרם פֿון אַרבעט. די באַזע איז פֿאַרברייטערט געוואָרן. מען האָט געמוזט איבערגיין צו דער אַגיטאַציע אויף דער יידישער שפּראַך, מען האָט געמוזט שאַפֿן אויף יידיש אַגיטאַציע-ליטעראַטור, די קרײַזלעך-מיטגלידער האָבן אַליין געמוזט אין גאַנצן ענדערן זייער אייגענע אַרבעט, זען זיך וואָס מער אויסצומישן מיט דער ברייטער מאַסע, זיך צוצוגרייטן צו מינדלעכער אַגיטאַציע אַרום אַלע נויטן און לײַדן פֿון דער אַרבעטער-מאַסע. זיי האָבן געמוזט ברעכן זייער פּסיכאָלאָגיע פֿון איבערמענטשן און זיך צוזאַמענגיסן מיט דער מאַסע. דאָס איז געווען איבער די כּוחות פֿון אַ גרויסן טייל פֿון זיי. עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַזוי גערופֿענע אָפּאָזיציע וואָס האָט זיך געצויגן איבער אַ יאָר צײַט און האָט אָפּגעריסן פֿון דער באַוועגונג אַ היפּשן טייל פֿון די אַרבעטער.

צום סוף וואָלט זיך נאָך וועלן אונטערשטרײַכן, ווי טיף עס איז געווען דער געפֿיל פֿון ברידערלעכקייט, גערעכטיקייט, דעמאָקראַטישקייט, וואָס קוקט אַרויס פֿון יעדן פּונקט פֿון סטאַטוט. ווי רירנדיק עס קלינגט דער לעצטער פּונקט וועגן אַ נישט-גוטער אויפֿפֿירונג פֿון אַ מיטגליד פֿון דער קאַסע. וויפֿל פֿאָר-זיכטיקייט מען ווײַזט אַרויס, דורך וויפֿל הענט עס מוז דורכגיין די קאָנטראָל פֿון זײַן באַציִונג, און ערשט נאָך דרײַ מאָל וואָרע-

ניש קאָן נאָר די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג אויסשליסן פֿון דער קאַסע. וואָס פֿאַר אַ געפֿיל פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט עס ליגט אין אָט דעם פונקט פֿון סטאַטוט! ווי כאַראַקטעריסטיש דאָס איז פֿאַר יענע פֿאַרהעלטעניש – די ווייכקייט אין די באַציִונגען פֿון איינעם צום אַנדערן!

[1928]

די וואַנדערונגען
פֿון אַן אומלעגאַלער „ביבליאָטעק"

(אַן עפּיזאָד פֿון אַמאָל)

כּדי איך זאָל קאָנען זאָגן, אַז איך בין אַ מיטאַרבעטער פֿון דעם נומער „נײַע פֿאָלקסצײַטונג" צום 35יאָריקן יובילײ פֿון „בונד", גיב איך דאָ איבער אַ קליינעם עפּיזאָד, וואָס כאַראַקטעריזירט די אַמאָליקע אומלעגאַלע פּאַרטיי־אַרבעט.

מיר האָבן געהאַט אַן אומלעגאַלע „ביבליאָטעק". ניט גאָר קיין גרויסע, אַפילו קלענער ווי די פּאַריזער נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק. מען האָט פֿאַר איר ניט געדאַרפֿט אַפילו קיין קליינע געבײַדע; עס איז גענוג געווען אַ קאָרב. ווּ האַלט מען אַזאַ אוצר? עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דער בעל־הבית האָט געמוזט זײַן אַן אַבסאָלוט ריינער מענטש, אַ ריינער, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אין פּאָליטישן זינען; ער האָט זיך ניט געדאַרפֿט מישן אין קיין שום אומלעגאַלער אַרבעט.

ווּ כאַפּט מען אַזאַ מענטשן? אַזאַ האָט זיך פֿאָרט געפֿונען. דאָס איז געווען אַ רוסישער „טשינאָווניק", אַ יונגער מענטש וואָס האָט זיך טעאָרעטיש אינטערעסירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, אָבער האָט ניט געהאַט קיין גרויסן ווילן זיך צו מישן אין פּראַקטישער אַרבעט. אָבער איין חסרון האָט ער געהאַט — זאָל ער מיר מוחל זײַן, אויב די פּאָר שורות וועלן צו אים דערגיין – ער איז געווען אַ ביסל צו פֿאָרזיכטיק. אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז מען קוקט אים נאָך. ער איז געווען אומרויִק.

געוווינט האָט ער גאַנץ ווײַט פון צענטער, ווי אַלע טשי־נאָווניקעס אַפילו אין אונדזער צײַט, אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל. דאָס האָט געהאַט מעלות און חסרונות: מען האָט זיך גרינג געקענט אָריענטירן, צי מען שפּירט ניט נאָך, אָבער דאָס קריכן צו אים אין די בלאָטעס יעדער מאָל, נעמען און אָפּ־טראָגן די פרײַער געגנומענע סחורה איז געווען שטאַרק אומ־באַקוועם. עס פלעגט אַ מאָל אויך אויסקומען איבערצולאָזן די ביכלעך איבער נאַכט, אויב עס פלעגט זײַן צו שפּעט זיך צו שלעפּן צו אים.

אָבער וואָס טוט מען ניט, ווען עס איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ? איז אָבער די צרה, אַז יעדער מאָל ווען איך פלעג אַרײַנקומען צו אים פלעגט ער זיך שטענדיק באַקלאָגן, אַז ער באַמערקט בפירוש אַז מען קוקט אים נאָך. דאָס איז מיר געוואָרן איבערדריסיק, און מיר האָבן שוין לאַנג געהאַט באַשלאָסן אַריבערצוטראָגן די ביבליאָטעק ערגעץ אַנדערשוווּ. עס איז אָבער שווער געווען צו געפינען אַן אַנדער פּאַסיק אָרט.

ביז איין מאָל האָט ער מיר געמאָלדן, אַז אים איז זייער שווער ווײַטער צו האַלטן בײַ זיך אַזאַ טרייף־פּסול, אַז איך מוז אים באַפרײַען, ער זאָל קאָנען אָפּעטעמען, זיך קאָנען פרײַ באַוועגן, קאָנען גיין ווו ער וויל אאַז"וו. עס איז קיין ברירה ניט געווען, מען האָט געמוזט דעם קרבן אָפּלאָזן.

נאָך לאַנגע טראַכטענישן און זוכענישן האָט פּאַטי געפונען אַן אָרט בײַ אירער אַ קרובֿה, אַ פּראָסטער ייִדענע, וואָס האָט זיך דערצו נאָך שטאַרק געניײטיקט; די ייִדענע האָט אײַנגע־וויליקט צו האַלטן די „ביבליאָטעק" בײַ זיך, אויב פּאַטי אַליין וועט קומען צו איר נעמען און בײַטן ביכלעך. עס איז באַשטימט געוואָרן די ביבליאָטעק אַריבערצופירן. אָבער ווי מאַכט מען דאָס? פּשוט צופאָרן מיט אַ פורמאַן און אָפּנעמען דעם קאָרב איז געווען אַ ביסל ניט באַקוועם. אין פאַל ווען מען קוקט טאַקע נאָך, איז דאָס געוואָגט צו געווען: מען האָט געקאָנט אויס־געפינען די נײַע דירה מיט אַ נײַעם אומשולדיקן מענטשן; וועט

זיך וואָס טרעפֿן אויף דער גאַס ביים איבערפֿירן, וועט דער פֿורמאַן אָנווייזן אויף דעם אָרט ווו מען האָט דאָס גענומען.

זיינען מיר געפֿאַלן אויף אַזאַ המצאה: איך האָב געהאַט איניקע באַקאַנטע אָפֿיצירן. איינער פֿון זיי איז געווען אַ ראָטני קאָמאַנדיר — אַן אָנפֿירער פֿון אַ ראָטע — וואָס ער האָט געהאַט אין זיין רשות אַ פֿערדל מיט אַ בריטשקע. וואָס קאָן זיין כשרער פֿאַר אַן אָפֿיציר אין מונדיר, און נאָך אַ ראָטני קאָמאַנדיר אויף אַן אייגענער דראָזשקע? אויב מען קוקט אַפֿילו נאָך, וועט ביי קיינעם ניט אַרויסרופֿן קיין חשד, אַז דער אָפֿי־ציר קאָן פֿירן אַזאַ טרייפֿע זאַך, ווי רעוואָלוציאָנערע ליטע־ראַטור.

אָבער וואָס מאַכט מען ווייטער? מען קאָן דאָך ניט מיטן אָפֿיציר און מיט אַ קאָרב פֿאָרן אין שטאָט אַריין אויף דער נייער דירה.

האָט מען אָפּגערעדט, אַז איך וועל מיטן אָפֿיציר צופֿאָרן ביז די „גורעס" — דאָס איז דער וועג אין ווילנע פֿאַרביי דעם בית־עלמין, צווישן בערג אויף אַנטאָקאָל. דאָס איז נאָך ביז היינטיקן טאָג אַ פֿאַרוואָרפֿענער וועג, ווו מען גייט און פֿאָרט גאַנץ זעלטן. דאָרטן האָט פּאַטי געדאַרפֿט צופֿאָרן מיט אַ יידישן פֿורמאַן און איבערנעמען דעם קאָרב. עס איז אָפּגע־רעדט געווען גענוי די צייט ווען זיך צו טרעפֿן. דאָס האָט ניט געקאָנט אַרויסרופֿן קיין גרויס פֿאַרווונדערונג ביים פֿורמאַן: מען פֿלעגט פֿירן אַ פֿאַרשיידנאַרטיקן האַנדל מיט די רוסישע אָפֿיצירן, קויפֿן ביי זיי זאַכן אויף ניט קיין גאַנץ לעגאַלן וועג.

מיר זיינען אָנגעקומען פֿריִער פֿאַרן פֿורמאַן. מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן וועג, אַזוי אַז אונדזער דראָזשקע זאָל זיך ניט זען ניט פֿון איין זייט און ניט פֿון צווייטן. מיר זיינען שוין געשטאַנען אַ מינוט צען, עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן ניט שטאַרק באַקוועם.

איך האָב געזאָגט דעם אָפֿיציר, אַז ער זאָל אויפֿן רוסישן לשון געבן אַ גאָב דעם פֿורמאַן, פֿאַרוואָס ער האָט פֿאַרזאַמט, דער פֿורמאַן זאָל פֿילן מיט וועמען ער האָט אַן עסק. ענדלעך

איז אָנגעקומען דער פֿורמאַן אויף אַ געוויינטלעכן לאַסטוואָגן. מײַן אָפֿיציר, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט דעם אמתן רוסישן סאָלדאַטסקן לשון, האָט ניט ווי אַן אַקטיאָר, אָבער ווי ער וואָלט געווען בײַ זיך אין ראָטע אָפּגעהאַקט זײַן פּסוק, ניט שטאַרק זשענירנדיק זיך מיטן בײַזײַן פֿון אַ פֿרוי. דער קאָרב איז אין אַ מאָמענט אַריבער אויף דעם פֿורמאַנס וואָגן.

מיר האָבן אויסגעקערעוועט דאָס פֿערדל און כּשורה אַוועקגעפֿאָרן מיט ליידיקן. דוכט זיך אַלץ גוט, איז אָבער — ווי זאָגט מען אין לידל — גוט, אָבער ניט זייער. ווי מען האָט ניט אויסגערעכנט, האָט מען דאָך ניט אין גאַנצן דערדעכנט. פֿון דער אַנטאָקאָלער זײַט ניט ווײַט פֿון דעם וועג צווישן די „גורעס", איז געווען אַ וואַך־פּאָסטן מיט אַ שטענדיקן היטער, מיט אַ בודקע. דער היטער — דער גאָראָדאָוואָי — האָט פֿון ווײַטן געזען, אַז דאָרטן איז עפּעס וואָס פֿאָרגעקומען מיט אַן אָפֿיציר און מיט דעם ייִדישן פֿורמאַן. וואָס איז דאָרט אין אמתן פֿאָרגעקומען האָט ער ניט געקענט זען, אָבער וואָס אַרן אַ גאָראָדאָוואָי פֿון יענער צײַט די איינצלהייטן, אַבי אַ ייִד מיט אַן אָפֿיציר.

ווען דער פֿורמאַן איז דורכגעפֿאָרן פֿאַרבײַ דעם גאָראָדאָוואָי אויף אַנטאָקאָל, איז דער גאָראָדאָוואָי צוגעגאַנגען צום פֿורמאַן, אַ געשריי געטאָן סטאָפּ! און אָנגעהויבן זידלען דעם פֿורמאַן, פֿאַר וואָס ער האָט פֿאַרטשעפּעט אַן אָפֿיציר. פּאַטי איז געגאַנגען צו פֿוס אויף דעם טראָטואַר. דער פֿורמאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַמפּערן מיטן גאָראָדאָוואָי, דער לעצטער האָט שוין דאָס פֿײַפֿל אין מויל צו רופֿן אַ צווייטן. דאַן איז פּאַטי צוגעגאַנגען צום גאָראָדאָוואָי און שטרענג אַ זאָג געטאָן: „וואָס פֿאַרהאַלטסטו דאָ מײַנע זאַכן, איך אײַל זיך אין שטאָט אַרײַן".

דער גאָראָדאָוואָי האָט אייגנטלעך גאָרניט געזען און קיין חשד געוויס ניט געהאַט. דערהערט אַ ריינעם רוסיש, איז ער געוואָרן אָפּהענטיק בײַ זיך, האָט אויסגעגאָסן זײַן צאָרן אין אַ רוסיש הויך וואָרט און אָפּגעלאָזן דעם פֿורמאַן. דאָס אַלץ האָב איך שוין ניט געזען. דאָס האָט מיר שוין דערציילט פּאַטי. די סחורה האָט כּשורה געביטן איר דירה: פֿון אַ רוסישן טשי־

נאָווניק, מיט דער פּאַרמיטלונג פון אַ ראָטני קאָמאַנדיר, איז דער טרייף־פּסול אַריבער צו אַ ייִדענע פון אַ גאַנץ יאָר.

אין אַ צײַט אַרום האָט די בעל־הביתטע געביטן איר דירה און צוזאַמען מיט איר האָט ווידער איבערגעוואַנדערט דער קאָרב. אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך האָב אויך געוווינט דערבײַ, ניט ווײַט פון איר. מײַן צימער איז געווען אין אַן איינגאָרנ־דיקן הײַזל, מיט אַ פענצטער און אַ שטיקל גערטנדל אָפּגעצאַמט פון גאַס.

דאַרף זיך טרעפן אַ סיכסוך צווישן אונדזער בעל־הביתטע מיט אַן אַנדער ייִדענע, אַ פישהענדלערס אַ טאָכטער — און ווער ווייס ניט וואָס הייסט אַ פישהענדלערקע פון מאַרק, וואָס פאַר אַ מענה־לשון אַזאַ הענדלערקע האָט? — אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, עס איז געגאַנגען אַלץ ווײַטער. אונדזער ייִדענע איז אויך ניט געווען פון די שטילע. האָט זיך אָנגעהויבן אַ גע־וואַלד, אַ געשריי פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער: עס איז דער־גאַנגען דערצו, אַז די פישערקע האָט אָנגעהויבן אויף גאָר אַ פשוטן אופן אויף אַ הויכן בת־קול צו באַשולדיקן די ייִדענע, אַז זי האַנדלט מיט גנבֿות און אַז בײַ איר מוז געוויס זײַן אירע — דער פישערקעס — וועש וואָס מען האָט בײַ איר ניט לאַנג געגנבֿעט. עס איז געקומען דערצו, אַז זי האָט אָנגעהויבן סטראַ־שען מיט פּאָליציי, מיט אַן אָביסק (רעוויזיע) פון דער קוואַרטיר. צי דאָס איז געווען גלאַט אַ סטראַשונעק צי ניט, אָבער עס איז געווען ביטער — מען האָט געמוזט ווידער קלערן וועגן אַריבערפעקלען דעם באַרימטן קאָרב. מען האָט שוין געפונען אַן אַנדער דירה בײַ אַ גימנאַזיסטקע, אָבער ווי נעמט מען אָפּ בײַ אַזעלכע אומשטאַנדן אַ קאָרב, ווען דער שונא איז דאָ אויפן הויף? האָט מען באַשלאָסן אַריבערצוטראָגן די „ביבליאָטעק" אין פאַרטעכער צו מיר, און פון מיר אין אַ טשעמאָדאַן אויף דעם נײַעם וווינאָרט.

כּדי צו מאַכן וואָס גיכער, אַז דער שונא זאָל ניט באַוויַזן צו באַמערקן דעם מאַנעוווער, האָט פּאַטי געדאַרפט אַריבערטראָגן צו מיר די ערשטע פּאַרטיע. אָבער די ייִדענע איז געווען שטאַרק

צעשראָקן און האָט אָנגעלאָדן אויך דאָס דינסטמיידל מיט אַ פֿאַרטעך מיט די ביכער און איר געהייסן גיין נאָך פּאַטין. דאָס האָט שוין באַמערקט דער שׂונא. ווי אַ קאַץ האָט זי זיך שטילערהייט געגנבֿעט נאָכן מיידל. ווען איך בין אַרויסגעשפּרונגען פֿון פֿענצטער אין גערטנדל אַרײַן צוצונעמען די ביכלעך און אַרײַנוואַרפֿן אין צימער, איז די פֿישערקע צוגעלאָפֿן מיט אַ געוואַלד אויף אירע גאָר הויכע טענער: אָט איז די גנבֿטע!

דאָס דינסטמיידל האָט מיר דערווײַל שוין איבערגעגעבן דאָס פֿאַרטעך מיט די ביכער. דער געוואַלד פֿון דער פֿישערקע האָט צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון מײַן בעל־הביתטע פֿון דירה, זי איז אויך אַרויס פֿון איר פֿענצטער און זיך צוגעקוקט צו דער מאָדנער סצענע. די לאַגע איז געוואָרן אַ ביסל וואַרעם. אויפֿן ראָג ניט ווײַט פֿון מײַן צימער איז געשטאַנען אַ גאָראָדאָוואָי. ער האָט יעדער מינוט געקענט דערהערן דעם געשריי. איך האָב אָנגעהויבן שרײַען אויף דער פֿישערקע אויף רוסיש, זי זאָל אַנטשוויגן ווערן. די רוסישע שפּראַך איז דעמאָלט געווען אַ סימן פֿון אַ העכערן שטאַנד. די פֿישערקע איז אַ ביסל צעטומלט געוואָרן און איז אַוועקגעלאָפֿן אין דער ריכטונג צום גאָראָדאָוואָי. די לאַגע איז געווען אַ געפֿערלעכע.

איך מיט פּאַטין האָבן אויף גיך אײַנגעפּאַקט די ביכער און פּאַטי איז אַוועק נאָך אַן איזוואָשטשיק. דער הויף ווו איך האָב געוווינט האָט געהאַט צוויי טויערן (פֿאַר ווילנער קען איך דאָ אָנווײַזן דעם הויף: דאָס איז אויפֿן ראָג פֿון גאַס בײַ ווילענקע און פּאָפּלאַווער גאַס); די סצענע איז פֿאָרגעקומען פֿון דער זײַט ווילענקע. דער צווייטער טויער איז אַרויסגעגאַנגען אויף פּאָפּלאַווער גאַס. עס האָט ניט געדויערט קיין עטלעכע מינוט און די פֿישערקע איז צוריקגעקומען מיט איר טאַטן, וואָס זי האָט אים געבראַכט פֿון מאַרק. דער ייִד, שוין אַ מער געלאַסענער, האָט אָנגעהויבן פֿרעגן וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען, צי איך האָב ניט אַרײַנגעטראָגן צו זיך זײַנע געגנבֿעטע זאַכן און אַז ער וועט באַלד רופֿן אַ גאָראָדאָוואָי.

איך האָב געזען, אַז די מעשׂה איז אַ ביטערע, בין איך געגאַנגען אויפֿן אָפֿענעם וועג.

— הערט, ר׳ ייִד, האָב איך שוין געזאָגט, דאָ האַנדלט זיך טאַקע וועגן אַ פּאַסקודנער מעשׂה. איך האָב בײַ זיך דאָ אָפּגענומען טרייפֿע ביכלעך. ווילט איר מיך אומגליקלעך מאַכן און מיך אַרײַנזעצן אין טורמע, וואָס וועט איר האָבן דערפֿון? אַחוץ צרות, און אַ סך צרות, וועט איר גאָרניט האָבן. זאָגט מיר וואָס פֿאַר אַ טענות איר האָט צו דער ייִדענע, און איך וועל אַלץ אויסצאָלן.

— זי קומט מיר אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל רובל און מער מאָן איך גאָרניט, האָט דער פֿישער־הענדלער געענטפֿערט, גיט מיר וואָס מיר קומט, און מיר וועלן זײַן קוויט.

די סומע איז געווען מן־הסתּם מער פֿאַר מײַן פֿאַרמעגן, אָבער דאָך ניט זייער קיין גרויסע. איך האָב אַראָפּגענומען מײַן זייגער און אים פֿאַרגעלייגט פֿאַר אַ משכּון פֿאַר דעם געלט. דער ייִד האָט מיר אָפּגעדאַנקט, האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז ער איז ניט קיין גזלן, ער זאָל פֿאַרשוואַרצן אַ ייִדן און אים אַרײַנזעצן אין תּפֿיסה. דער ייִד איז אַוועק. פּאַטי איז געקומען מיט אַ דראָזשקע. מיר האָבן זיך אַרײַנגעזעצט מיטן טשעמאָדאַן און אַוועקגעפֿירט די טרייפֿענע סחורה וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַזוי פֿיל נערוון.

*

פֿון דאַנעץ צוויי אויספֿירן:

1) אַז עס האָט געלוינט אַראָפּצוּוואַרפֿן די זעלבסטהערשונג, כּדי זיך צו פֿאַרלײַכטערן דעם ווײַטערדיקן קאַמף.

2) די כּלל־ישׂראל־אַחדות איז ניט אַלע מאָל שלעכט: ס׳טרעפֿט אַ מאָל, אַז זי קומט צו נוץ.

[1932]

אַ גרוס פֿון זיידן צו די אייניקלעך

די באַגריסונג וואָס ח' אַרקאַדי קרעמער האָט צוגעשיקט צום לאַנד־צוזאַמענפֿאָר פֿון די צוקונפֿטיסטן אין יאָר 1932.

טײַערע אייניקלעך!

נעמט אָן אַ גרוס פֿון אַ זיידן צו אײַער און אונדזער יום־טובֿ. דער קערפּער איז שוין צעקאַליעטשעט, שוין אין צוג פֿון ערשטן מײַ האָב איך ניט געקענט גיין טריט אין טריט מיט די רייען, איך האָב געקענט מער ניט ווי נאָכהינקען און אַלץ מערער און מערער אָפּשטיין פֿון די פֿאָרויס מאַרשירנדיקע רייען. אָבער די נשמה איז נאָך יונג, פֿאַר פֿרייד פֿלאַטערט זי און ציטערט מיט אײַך אויפֿן פֿליפֿלאַץ. זי יובלט זעענדיק צו וואָס מיר זײַנען דערגאַנגען אין אונדזער קורצן לעבן פֿון 35 יאָר. די מלחמה האָט אונדז לעבעדיקערהייט צעשניטן אויף שטיקער, אונדזער איינהייטלעכן אָרגאַניזם צעטיילט צווישן מדינות און מדינהלעך, אָבער מיר לעבן. עס פֿאַלן אַלטע ביימער, צעבראָכן פֿון ווינט און שטורעם, אָבער דער וואַלד לעבט; ווו עס זײַנען דאָ נײַע שפּראָצונגען, דאָרטן איז דאָ לעבן.

איר זײַט אונדזער אַוואַנגאַרד, אונדזער קאַוואַלעריע וואָס רוט ניט, שטייט ניט אויף אַן אָרט, לאָזט ניט רוען און זיך אָפּשטעלן די עלטערע, איר רײַסט און ציט אַלץ פֿאָרויס צו דער זון, צום סאָציאַליזם.

צוקונפֿט איז אײַער נאָמען און צוקונפֿט איז אײַער ציל: אַ האַרמאָנישע איינהייט. דער נאָמען איז מחייבֿ, דער ציל רופֿט.

זײַט באַגריסט פֿון אַן אַלטן חבֿר. איר זײַט גליקלעכער פֿאַר מיר – איר זײַט געבאָרן געוואָרן שפּעטער; מיר האָבן געטאָן די שוואַרצע אַרבעט – אײַך שטייען פֿאַר שלאַכטן, העראָישע שלאַכטן, ענדגילטיקע שלאַכטן. די אַלטע וועלט לעבט שוין מער ניט, זי קאָנוווּלסירט. אַלץ וואָס איז ערלעך, דערהויבן, באַגײַסטערט געהערט צום אַרבעטער־קלאַס, צו זײַן קאַמף קעגן דער הײַנטיקער וועלט. זי אַליין האָט אַרויסגערופֿן די בייזע גײַסטער און זי קען זיי שוין ניט אײַנצוימען, איר גורל איז געחתמעט: אַפֿילו דער פֿאַשיזם מוז זיך קליידן אין די פֿעדערן פֿון סאָציאַליזם; אָן אים איז ניטאָ קיין קאַמפּלוסט, קיין באַגײַסטערונג. סאָציאַליזם איז ניט קיין צוקונפֿט־מוזיק, דאָס איז די רעאַליטעט. פֿאַר אײַך די צוקונפֿט, פֿאַר אײַך די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט.

זײַט באַגריסט אויפֿן וועג פֿון שלאַכטן, אויפֿן וועג פֿון נצחונות.

חבֿרשאַפֿט!

ארקאַדי קרעמער

זוכצעטל פֿון נעמען

אַבראַם „דער טאַטע״—זע פּרימאָווסקי א.
אבראמאָוו, נח — 89, 162
אבראמאָוויטש, עמיל — 113, 143
אבראמאָוויטש, ר. — 50, 71, 102, 236, 283
אַבֿרהם דער בערשטער — זע אַלעקסאַנ-
דריסקי, וואָלף
אזעף, י. — 92
אזראָ, א. — 252
איגאָריעוו — זע גאָלדמאַן, איסאַק
איוואַנטשין — 332
איידלמאַן, ב. — 99, 206, 283, 363—365
אײַזנשטאַט, איסײַ („יודין״) — 76, 86,
89, 101, 113, 119, 129, 148, 160
אײַזנשטאַט, ליובע — זע לעווינסאָן-
אײַזנשטאַט, ליובע
אַלטער — 149
אליקום ברחן (צונזער) — 98
אַלעקסאַנדער — זע קרעמער, ארקאַדי
אַלעקסאַנדריסקי, וואָלף (אַבֿרהם דער
בערשטער) — 162, 192, 360—362
אַלעקסיי — זע מאַרטאָוו, ל.
אמסטערדאַם, אַבֿרם — 54, 224
אנמאַן, פּ. — זע ראָזענטאַל, פּאַוועל
אקים — זע גאָלדמאַן, לעאָן
אַקימאָוו-מאַכנאָוועץ, וול. — 283
אַקסעלראָד, ליובע — 113, 115
אַקסעלראָד, פּאַוועל — 8, 80, 86, 157,
234, 278, 280, 358
ארנאָוויטש (פֿאַבריקאַנט) — 158
ארנאָוויטש, י. — 266, 267
ארנאָוסקי (באַנק-דירעקטאָר) — 62
ארנסאָן — זע קרעמער, ארקאַדי
ארטור, ז. — זע זיגלבוים, ש.
אַש, שלום — 255

באָטווינִיק — 185
באַסקין, אַבֿרהם — 120, 160
באַסקין, יוסף — 69
באַנעוור, ב. („דער קופּעץ״)—160, 205, 388
באַראַנסקאַיאַ, ל. נ. — 124
באַרישניק, אַנע — 329
בוכבינדער, נ. א. — 283, 284
בוכהאָלץ, ווילהעלם — 91, 357
בורגין, הערץ — 284
בייסהילעל, איסאַק — 113
בלאָך (דענטיסט) — 37, 38
בלום, הלל — זע קאַץ, הלל
בליט, ל. — 264, 267
בערג — זע עזרא
בערמאַן, ל. („לייבעטשקע״)—265, 284
בערמאַן, פּאַוועל — 89, 90, 160, 161,
360, 363
בערנשטיין, לעאָן — 95, 121, 214,
228, 325, 334
בר-כּוכבֿא — 271
ברײַנע (קאָנווערטן-מאַכערין) — 46, 47

גאָזשאַנסקי, שמואל („לנו״) — 62, 89,
113, 119, 120, 124, 148, 160, 284, 396
גאָלאָמב, מ. — 267
גאָלדבערג, א. — 265
גאָלדמאַן, איסאַק („איגאָריעוו״)—366
גאָלדמאַן, לעאָן („לעאָנטיעוו״, „אַקים״)—
89, 90, 120, 160, 161, 166, 360
גאָלדשטיין, ב. — 264

גאָרדאָן, אַבֿרהם („ריעזשטשיק״) — 52, 53, 284
גאָרדאָן, פאַליע — 119, 148
גוטגעשטאַלט, ה. — 265
גוטערמאַן — 363
גוראָוויטש — 96
גורוויטש, צבֿיה — זע הורוויטש, צבֿיה
גילינסקי, מ. („באַטקע״) — 67, 249, 283
גילינסקי, ש. — 264
גינזבורג, אַ. מ. — 106
גינזבורג, „מערעלע״ — 160
גליעב — זע מוטניק, אַבֿרהם
געזונדהייט, י. — 208
געזענצוויי, נתן — 361
גראַסער, בראָניסלאַוו („סלאַוועק״) — XVI, 109
גרינבלאַט, ראָזע — 89, 90, 161, 360
גרישע דער סטאָלער — זע סאַראָקאַ, הירש

דאַווידסאָן—פּסעוודי K. K. — 370
דאָן, פּ. — 371
דושקאָן, משה — זע מאָיסיי דער איינ־בינדער
דזערזשינסקי, פעליקס — 349
דזשאָן — זע מיל, יוסף
דעגאַיעוו — 125

„דער הובל״ — זע סאַראָקאַ, הירש
הורוויטש, איסאַק (יצחק־אייזיק) — 113, 147
הורוויטש, זשעניע — 75, 113, 147, 185, 382
הורוויטש צבֿיה — 88, 120, 149, 160, 186, 360
הימלפֿאַרב, ה. — 265
הירשע דער סטאָלער — זע סאַראָקאַ, הירש
הירשע דער פּינסקער — 145
הלל (דרוקער ?) — 55
העלער, אַנע — זע ראָזענטאַל, אַנע
העלפֿאַנד, העלענע — 149

וואַלט, אַבֿרהם — זע ליעסין, אַבֿרהם
וואָלפֿאָוויטש — 337
וואָלפֿסאָן, בערטע — 149
„ גוסטע — 149
וואַלק, ציליע — 120
וואַלק, שיינע — 115
וואַפּנער, ק. — 284
וויטקינד, עווא — 121
וויינשטיין, ירחמיאל — XVI
ווילטער, מאַרק — 202, 203
ווילטער, נאַום — 333—335
ווילטער, שפֿרה — 203
וויניאָקור, משה — 102
ווירגילי — זע כהן־ווירגילי, ב.
וולאַדעק, ב. — 69, 70, 102, 286
ווּרוטשעוויטש (רעד׳) — 327

זאַלקינד, ל. — 8, 160
זאַסוליטש, וויערא — 80, 86, 129, 234, 358
זאַסלאַווסקי, ד. („פּ. פּ.״) — 287
זובאַטאָוו — 57, 84, 93, 175—206, 225, 236, 278, 281, 332, 340, 379—391
זונדעלעוויטש, אהרן — 5, 113
זיגלבוים, ש. (ז. אַרטור) — 265
זעלדאָוו, ס. — זע ניעמאַנסקי, אַ.
זשאַלודסקי, מערע — 89, 90, 138, 149, 161, 166
זשאָרעס, זשאַן — 342
זשיטלאָווסקי, ח. ד״ר — 69, 255
זשעלעזניקאָוו, י. — 261, 265, 267, 284

טאָביאַש, מאַקס — 89, 120
טאַסין, נ. — זע קאַגאַן
טאַראַס — זע קאַץ, דוד
טוגאַן־באַראַנאָווסקי, מ. פּראָפֿ׳ — 368
טוטשאַפּסקי — 364
טיומין, י. ד״ר — 185, 194, 195
„טייבעטשקע״ — זע ניעמאַנסקי, טייבעטשקע
טימאָפֿיי — זע קאָפּעלזאָן, צמח
טישקאַ — זע יאָגיכעס, לעוו

טעסלער — 364
טעפלאָוו — 96
טערמאַן, משה — 88
טראַיאַן, יאָהאַנעס — 73
טרוסעוויטש, סטאַניסלאַוו — 224

יאַגיכעס, לעוו („טישקאַ") — 44, 104, 115, 116, 152
יאַנאָוו — זע קאַיגען, פישל
יאַקאָוו דער קאמאַשנמאַכער — 149
יודין — זע אײַזנשטאַט, איסיַ
יודעלעוויסקי — 115
יונה — זע קאַיגען, פישל
יעווזעראָוו, מ. — 277
ירחמיאל — זע ווײַנשטײַן, ירחמיאל
כהן-ווירגילי, ב. — 65, 70, 267

„לאַבענדזיע" — זע קאַפּלינסקי, ישראל-מיכל
לאַדאָווסקי — 267
לאַוראָוו, פּיאָטר — 80
לאַכאָווסקי, יעקב — 119, 121
לאַס, רבקה, רעוועקע — 119, 143, 215
לוקסעמבורג, ראָזע — 341, 342
לוריע — 121
ליאַדאָוו, מ. — 285
ליבער, מארק — 101, 102, 160, 279
ליבערמאַן, אהרן — XII, XIII, 113
ליזע (ארבעטערקע) — 162
ליטוואַק, א. — 109, 110, 121, 240, 284
לײַבעטשקע — זע בערמאַן, ל.
ליליפוט — 285
ליעסין, אברהם (וואַלט) — 44, 49, 69, 77, 270, 285, 286
ליפשיץ, י. — 265
ליפשיץ, נ. — 120, 160
לנו — זע גאָזשאַנסקי, שמואל
לעאָנטיעוו — זע גאָלדמאַן, לעאָן
לעאָנקאָ — זע בערנשטיין, לעאָן
לעוויט, ראָזע — 102
לעווין, י. — 121
לעווין, ל. — 264
לעווין, ר. — 102
לעווינסאָן-אײַזנשטאַט, ליובע — 75, 89, 119, 129, 148, 160
לענין, וו. — 119, 240, 241, 369—371

מאָיסיי דער אײַנבינדער [דושקאַן, משה]— 143
מאַלבערג — 264
מאַקאָוויי — זע עזראָ
מאַרטאָוו, ל. — 11, 16, 17, 18, 46, 54, 77, 78, 115, 120—123, 125, 133, 181, 281, 286, 362, 367—371, 384
מאַרקס, קאַרל — 162
מאָשיצקי — 93
מוטניק, אברהם („גליעב") — 80, 86, 89, 90, 95, 99, 107, 120, 133, 161, 165, 170, 185, 190, 215, 225, 284, 361, 364, 366, 384, 385
מוטניקאָוויטש — זע מוטניק, א.
מוראַוויאָוו (יוסטיץ-מיניסטער) — 207
מיכאַלעוויטש, בייניש — 186, 286, 381
מיכײַלאָווסקי, ניקאָלײַ — 181
מײַזעל, מאָטל — 149
מיל, יוסף („דזשאָן") — 57, 58, 74, 76, 89, 90—92, 95, 119, 129, 147, 160, 161, 166, 190, 232, 259, 270, 286, 360, 361
מילנער, י. — 254, 286
מכבי=מאַקאָוויי — זע עזרא
מעדעם, וו. — 101, 102, 109, 232, 240, 286
מעזענצעוו (גענעראַל) — 5
מענאַקער, שלמה, סאָלאָמאָן—120, 148, 364
מענדעלסאָן, ש. — 264, 267, 286
מענעס, א. — 1, 286
מענשטשיקאָוו — 93

נאָוואָפּלאַנסקי — 115
נאָטקין, יעקב — 39, 41, 42, 115, 116
נאָיעל בן מרדכי — 286
נח — זע פאַרטנעי, יוסף

ניעמאַנסקי, אַ. (זעלדאָוו) — 49, 50, 99, 121, 195, 284, 287

ניעמאַנסקי, טײַבעטשקע — 195, 196

סאַלאָמאָן — זע קרעמער, אַ.

סאָראָקאַ, הירש („דער הובל״, גרישע דער סטאָלער) — 55, 89, 90, 120, 136, 140, 141, 143, 161

סווערדלאָוו, רפאל — 277, 285

סטופעל־כהן, חיה־שׂרה — 267

סטעפּניאַק־קראַווטשינסקי, סערגײ — 5

סטרוווע, פּיאָטר — 155, 191, 365

סלאָוועק — זע גראָסער, בראָניסלאַוו

סלוצקי, ברודער און שוועסטער—185, 204

סעגאַל, י. אַפּטייק־געשעפט — 162

סעגאַל, שײנע־רײזל — 160

סעליבער — 121

סרעדניצקי, מאַטילדע — זע קרעמער, פּאַטי

עזראַ, (בערג, מאַקאָווײ, מאַקאַבי)—60, 101, 230, 231, 279, 326. 330, 331

עלמית, ס. — 252

ענגעלס, פֿרידריך — 158

ערליך, ה. — XXI, 264, 266, 267

פּאַטי — זע קרעמער ,פּאַטי

פּאָראַבאַװשטשיקאָוו, אַ. — 129

פּאָליאַקעוויטש (פֿאַבריק) — 158

פּאַרוווס — 341

פּאָרטנױ, יוסף (נח) — XIV, 74, 99, 101, 102, 113, 119

פּײסאַכזאָן, יצחק — 88

פּײַקעס — 224

פּילסודסקי, יוזעף — 287, 289

פּינסקי, דוד — 285

פּלודערמאַכער, ג. — 62

פּלעכאַנאָוו, געאָרגי — XII, 80, 86, 118, 143, 156, 157, 195, 234, 358

פּלעכאַנאָוו, ראָזאַליע — 80

פּעטרוסעוויטש, ק. — 364

פּעסקין, יעקב — 112, 287

פּעסקין, ישׂראל — 114, 115, 127

פּעסקין, שמואל — 114, 119

פּראָקאָפּאָוויטש, ס. — 157

פּרימאָווסקי, אַבֿרהם (אַבראַם „דער טאַטע״) — 88

פּרץ, י. ל. — 252

פֿ. פֿ. — זע זאַטלאָווסקי, ד.

פֿײגענזאָן, פֿאַמיליע — 33, 36, 37, 270

פֿין, אַ. — 113, 185, 363

פֿראַנקפֿורט, פֿאַמיליע — 34

פֿראַנקפֿורט, סאָלאָמאָן, פּראָפֿ׳ — 34

פֿרומקין, באָריס — 88

צאַגלין, וו. — זע קאַץ, דוד

צבֿיה — זע הורוויטש, צבֿיה

צבֿיון — 243, 287

צעמאַכאָוויטש — 121

קאַגאַן (נ. טאַסין) — 333—335

קאַגאַן־בערנשטײן, ל. — 8

קאַהאַן, אַב. — 60, 69, 229, 288

קאָהען, איסר — 145, 288

קאָזלאָווסקי, מיעטשיסלאַוו — 104

קאָלצאָוו (גינזבורג), ד. — 80

קאָיגען, פֿישל („יונה״, „יאָנאָוו״) — 101

קאָסאָווסקי, וולאַדימיר — 51, 57, 58, 59, 74, 87, 91, 93, 95, 96, 99, 101, 107, 120, 133, 155, 161, 165, 175, 185, 226, 259, 278, 288, 339, 360—362, 364, 366, 369, 385, 390

קאַסטעלאַנסקי, אַ. — 264

קאַפּלינסקי, ישׂראל־מיכל („לאַבענדויע״)— 55, 84, 89, 91, 93, 120, 139, 140, 143, 162, 193, 359, 387

קאָפּעלזאָן, צמח (טימאָפֿײ) — 10, 89, 95, 96, 98, 112, 119, 148, 152, 160, 195 204, 215, 232, 259, 285, 288, 333, 363

קאַץ, (סטוד'-טעכנאָלאָג) — 124
קאַץ („שמואל דער שוואַרצער") — 99
קאַץ, דוד („טאַראַס", וו. צאַגלין) — 89, 90, 161, 287, 360
קאַץ, הלל (בלום) — 89, 91, 132, 137, 141, 143, 144, 161, 284
קאַרטשמער, ציליע — 119
קורסקי, פ. — XII, XIII, 64, 73, 98, 288, 289, 360, 365
קליס, ציליע — 121, 224
קראַקוזין, שפרה — 141
„ ליובע — 141
קריטשעווסקי, ב. — 289, 337
קרעמער, אַרקאַדי, אַהרן („אַלעקסאַנדער", „סאַלאָמאַן") — XI–XXI, 9, 14, 21—23, 26—65, 71—79, 85—104, 107—124, 128, 129, 131—135, 139—157, 161—170, 175, 181—194, 205, 208, 209, 214—289, 335, 342, 359, 369, 380, 383, 392, 394, 409, 410
קרעמער, בערטע — 33
קרעמער, וויערע — 60
קרעמער, יוסף — 23—28
קרעמער, סאַשע — 30, 33, 35, 40, 41, 42
קרעמער, פאַטי — XVI, XVII, 22, 39, 70, 74, 75, 89, 104, 116, 119, 130, 131, 136, 148, 149, 150, 215, 230, 248, 262, 267, 287, 338, 362, 381, 384, 403—408
קרעמער, שיינע — 28—29
ראַבקין, איסר — 336
ראַגאַלער, ל. — 147
ראַדטשענקאַ, סטעפאַן — 99, 190, 191, 364, 365
ראַפּאָפּאָרט, שאַרל (חנן) — 113
ראָזענבוים, מ. — 289
ראָזענבערג, איליאַ — 121, 339, 364
ראָזענטאַל, אַנע — 62, 65, 88, 99, 121, 256, 283
ראָזענטאַל, יעקב — 161, 162, 360
ראָזענטאַל, פאַוועל (אַנמאַן) — 88, 99, 121, 267
ראָטקאַ, (ראָטמיסטער) — 201
ראָם, איליאַ — 121
ראַפּעס, מ. — 289
רײַכנשטיין — 333, 334
רײַנוס, מאַרוסיע — 58
ריעזטשיק, אַבראַם — זע גאָרדאָן, אַבֿרהם
רעזניק, פאַניע — 113, 149
שאַטנשטיין — 121
שוואַרץ, פ. — 264, 289
שוועץ — 121
שטעסעל — 121
שלום (קאָנטראַבאַנדיסט) — 173
„שמואל דער שוואַרצער" — זע קאַץ
שעליאַווין, ק. — 289
שעפּנער, ב. — 259, 289
שעקספּיר, וו. — 274
שערמאַן (זעצער) — 185, 204
שרײַבער, מ. אינזש' — 263